STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06306

IN GANG FUN TSAYT

Lili Berger

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לילי בערגער

אין גאַנג פון צייט

לילי בערגער

אין גאנג פון צייט

עסייען — שעפער און שאַפונג

תשל״ו פּאַריז 1976

Lili Berger

AU FIL DES ANNÉES

Essais

Paris, 1976

דאָס בוך דערשיינט מיט דער הילף פון אַ קאָמיטעט פון פריינד וועלכע איך דריק אויס אַ האַרציקן דאַנק. באַזונדער דאַנק איך דעם חבר חיים קערבער פאַר זיינע טיכטיקע באַמיאונגען און איבערגעגעבנקייט, כדי דאָס בוך זאָל דערשיינען, ווי אויך דעם פריינד שלום בריצמאַן, וועלכער האָט אים צוגעהאָלפן אין זיינע אָנשטרענגונגען.

לסוף וויל איך דערמאָנען דעם אייגנטימער פון דער דרוקעריי, יוסף שעכטער, דעם איבערגעגעבענעם פריינד פון יידישן געדרוקטן וואָרט, וועלכער קומט שטענדיק אַנטקעגן דעם יידישן שרייבער ביים אַרויסגעבן אַ בוך.

Tous droits réservés pour tous pays

PRINTED IN FRANCE

Imprimerie IM. PO., 65, rue du Fg-St-Denis, 75010 Paris

**
*

זינט יאָרן האָט געזאָלט דערשיינען אַ באַנד עסייען. די צאָל האָט זיך געמערט. יעדעס מאָל, ווען ס'האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט רוקט זיך אָן אַ מעגלעכקייט זיי אַריינצוגעבן אין צוויי טאָוולען, האָט זיך די אָפּגעקליבענע זאַמלונג געענדערט — געוויסע אַרבעטן אַרויסגענומען, אַנדערע צוגעגעבן.

איז די געבראַכטע דאָ זאַמלונג כמעט אַן אָפּקלייב פון אָפּקלייבונגען. פאַראַן עסייען געשריבענע מיט אַ סך יאָרן צוריק און אין די גאָר לעצטע צייטן, דערצו אין צוויי לענדער (אין פוילן און אין פראַנקרייך), ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן און סיטואַציעס, וואָס לייגט אַ געוויסן חותם אויף דער גאַנצקייט פון דער זאַמלונג.

אַ טייל פון די אָפּהאַנדלונגען זענען געדרוקט געווען אין צייטשריפטן, אַנדערע דערשיינען צום ערשטן מאָל און אויף געוויסע דאָ באַהאַנדלטע טעמעס האָב איך שוין געהאַט געשריבן אין אַן אַנדער פאָרם, ווי וועגן קאַפקאַ, קאָרטשאַק, שלאָנסקי א. א.

די אָפּהאַנדלונגען און דערמאָנונגען וועגן די אַלע שעפער, וואָס איך האָב געקענט פערזענלעך, וואָס זענען מיר נאָענט געווען און זענען שוין נישטאָ, באַטראַכט איך ווי אַ חוב, וואָס איך בין זיי שולדיק און גיב זיי אָפּ אין אַ באַשיידענער מאָס, אין דער ערשטער ריי יאַנוש קאָרטשאַקן, וועלכער איז אויף שטענדיק פאַרבליבן אין מיין הארץ, אין מיין דמיון.

דאָס צונויפשטעלן די זאַמלונג לויט אַ סדר, לויט גענויע געביטן איז נישט לייכט געווען. פאָרט זיך געהאַלטן כאָטש טיילווייז ביי מיין כוונה צו גרופּירן אַרבעטן וועגן שעפער, וואָס זענען אויף וואָסער עס זאָל נישט זיין אופן געבונדן מיט געוויסע קרובהשאַפטן, לויט אויפקומענדיקע פּראָבלעמען, צייטלעכע דערשיינונגען און נייע שטרעמונגען אין קינסטלערישער שאַפונג.

די אָפּהאַנדלונגען פּרעטענדירן נישט צו זיין אַרומנעמעריש, צו האָבן דורכגעפירט אויסשעפּלעכע אַנאַליזן. גיכער איז געגאַנגען אין צייכענען שעפער־פּאָרטרעטן צוזאַמען מיט באַטראַכטונגען, אין אָנוואַרפן שטריכן און געדאַנקען, פאַרשפּינטע מיטן אינפאָרמאַטיוון „שטאָף".

דער מחבר

I

דער שרייבער וואָס איז פאַרלאָפן די צייט

(צו דער פופציקסטער יאָרצייט פון פראַנץ קאַפקאַ)

געוויינלעך ווערט אָפּגעמערקט אַ קיילעכדיקע דאַטע פון אַ גרויסן שעפער קודם כל אינעם לאַנד, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, געלעבט און געשאַפן. ביי דער געלעגנהייט פירט מען דורך אַ סך הכל פון זיין שאַפונג, מען הייבט אַרויס דאָס, וואָס איז פריער פאַרזען געוואָרן. פראַנץ קאַפקאַ איז אָבער פון זיין לאַנד פאַריאָגט געוואָרן שוין אַ סך יאָרן נאָך זיין טויט. בלויז במשך פון אַ קורצער צייט איז זיין שאַפונג געווען „רעהאַביליטירט״. זינט דער סאָוויעטישער אינוואַזיע זומער 1968, האָט זיך איבערן שרייבער ווידער אַראָפּגעלאָזט אַ פאָרהאַנג פון פאַרגעסנקייט. ער איז ווידער נאָכן טויט אַ פאַרשטויסענער, דער חרם אויף אים איז אויפסניי גילטיק געוואָרן. דאָס איינציקע אָרט, ווו מען קאָן פראַנץ קאַפקאַן אָפּגעבן כבוד אין זיין לאַנד, איז דער יידישער נייער בית־עולם אין פראָג. אויף זיין קבר, ווי מ׳האָט מיר איבערגעגעבן, געפינט מען אַלע מאָל פרישע בלומען. צוליב די אָפטע באַזוכן פון טוריסטן האָט מען געמוזט אַוועקשטעלן אַ וועג־צייכן מיטן אויפשריפט „דאָקטאָר פראַנץ קאַפקאַ״. אַרום זיין איצטיקער יאָרצייט איז אָבער שאַ־שטיל. נישט פאַרבליבן אויך פון די זייניקע קיינער אין זיין געבוירן־לאַנד, וואָס זאָל אָנצינדן אַ יאָרצייט־ליכטל. די דאַטע פון זיין טויט ווערט איצט אָפּגעמערקט בלויז אין ליטעראַרישע קרייזן אין דער מערב־וועלט.

***

ס׳איז געווען מיט פופציק יאָר צוריק. אין אַ פרילינגדיקן פרימאָרגן 1924 האָט אין גרויסער איינזאַמקייט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם אַן 41־יאָריקער יידיש־טשעכישער באַאַמטער. קיין נעקראָלאָגן זענען נישט געווען. כמעט אומבאַמערקט איז דורכגעגאַנגען זיין טויט, ווי אומ־

באַמערקט ס'איז דורכגעלאָפן זיין קורץ, טראַגיש לעבן, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן צעפּרעסן געוואָרן פון אַ טובערקולאָז־קראַנקייט. אויפן טיש אין זיין איינזאַמען צימער האָט זיינער אַ נאָענטער פריינד געפונען אַ בריוו צום אים, אין וועלכן ער האָט געלייענט: „טייערער מאַקס, מיין לעצטע בקשה צו דיר איז, אַז דו זאָלסט צונויפנעמען אַלע מיינע זכרונות, בריוו, אייגענע און פרעמדע, צייכענונגען און ענלעכע זאַכן, און אויך מיינע איבעריקע שריפטן, ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען, אויף די פּאַליצעס, אין דער וועש־שאַנק, ביי מיר אין שטוב, אָדער ערגעץ אַנדערש, און דו וועסט וויסן ווו זיי אָפּצוזוכן. איך בעט דיך, נישט לייענענדיק, זאָלסטו אַלץ פאַרברענען. דאָס זעלבע בעט איך דיך צו טאָן מיט אַלע שריפטן און צייכענונגען, וואָס געפינען זיך ביי דיר און ביי אַנדערע, ביי וועמען דו וועסט זיי אָפּנעמען אין מיין נאָמען. און אויב עמעצער וועט נישט וועלן דיר אַרויסגעבן מיינע בריוו, זאָל די פּערזאָן זיך פאַרפליכטן פאַר דיר, אַז זי וועט זיי אַליין פאַרברענען".

דאָס זענען געווען די לעצטע שורות, וואָס קאַפקאַ האָט געשריבן — אַ בריוו אַ צוואה. דער פריינד צו וועמען ער האָט געשריבן זיין לעצטן בריוו און אַנגעטרויט זיין צוואה, איז, ווי באַוווסט, געווען דער באַקאַנטער דיכטער און קריטיקער מאַקס בראָד, וועלכער איז מיט יאָרן צוריק געשטאָרבן אין ישראל.

ס'איז נישט שווער זיך משער צו זיין, אַז מאַקס בראָדן איז נישט לייכט אָנגעקומען נישט צו דערפילן זיין פריינדס בקשה. ס'איז דאָך אָנגענומען, אַז דער לעצטער פאַרלאַנג פון אַ מענטש, וואָס שיידט זיך מיט דער וועלט, איז הייליק. אָבער אַדאַנק אים, בראָדן, זענען פאַר־בליבן און שפּעטער דערזען די ליכטיקע שיין ביז גאָר אָריגינעלע און הויך קינסטלערישע ווערק, וואָס זענען אַריין אין אוצר פון דער וועלט־ליטעראַטור און צו וועלכע מ'האָט אומעטום צוגעגעבן דאָס אויער ווי צו אַן אַנטפּלעקונג. נאָך היינט, 50 יאָר נאָך קאַפקאַס טויט, פאַרשן לי־טעראַטור־קענער, ליטעראַטור־היסטאָריקער, פאַרשידענע אַספּעקטן פון קאַפקאַס שאַפונג און פון זיין לעבן. ווי אַ שעפערישע פּערזענלעכקייט איז ער נאָך טיילווייז פאַרהוילן פאַר אונדז. ביזן היינטיקן טאָג איז נאָך נישט אויפגעקלערט געוואָרן די רעטעניש פון זיין צוואה. פאַרוואָס, צו־ליב וואָס האָט ער אָנגעזאָגט זיין פריינד צו פאַרניכטן אַלע זיינע שריפטן, יעדעס שטיקל פאַרשריבן פּאַפּיר, אַזוי אַז ס'זאָל נישט בלייבן

קיין זכר נאָך אים? איז דאָס געקומען פון אַ שווערן נשמה-צושטאַנד ביים סוף פון זיין לעבן?

וואָלט מען נישט געקענט קאַפקאַס פריערדיקע אויפפירונגען, וואָלט מען געקאָנט זיך משער זיין, אַז זיין פאַרלאַנג צו פאַרניכטן אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפן, איז געקומען אין שעהן פון ייאוש, ווען דער טויט האָט אויסגעשפרייט זיינע שוואַרצע פליגלען איבער זיין נישט אויסגעלעבט לעבן. ס'איז אונדז אָבער באַקאַנט, אַז קאַפקאַ פלעגט אַ סך פריער אַליין פאַרניכטן שאַפונגען זיינע, און אַ פשיטא, אַז נישט ווייניק, ווייל אָנגע־שריבן האָט ער פיל מער, ווי ס'איז דערגאַנגען צו אונדז. ער האָט שטענדיק געשריבן מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אימפעט.

אין די „נאָטיצן פון אַ טאָג-בוך" האָט ער אין 1912 פאַרצייכנט, אַז די זייער קאָמפּליצירטע דערציילונג „דער אורטייל", איבער וועלכער קריטיקער האָבן זיך פיל געצאַמפּערט און אַמפּערן זיך נאָך היינט, ווי איבעריקנס איבער זיין גאַנצער שאַפונג, האָט ער אָנגעשריבן אין איין נאַכט, פון 9 אַזייגער אָוונט ביז 6 אינדערפרי. און ער האָט צו דער פאַרצייכענונג אין טאָג־בוך צוגעגעבן: „...נאָר אַזוי דאַרף מען שרייבן... ביי אַ פולשטענדיקער פאַרזינקונג פון גוף און נשמה."

ס'איז אויך נישט אין גאַנצן פאַרשטענדלעך פאַרוואָס ביי אַזאַ אימפעטי־קער שעפערישקייט, ביי אַן אינערלעכער, גרויסער באַדערפעניש צו שרייבן, האָט ער אַזוי ווייניק געדרוקט. ביי זיין לעבן זענען פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן בלויז 4 דערציילונגען, עטלעכע קליינע נאָוועלקעס און אַ פראַג־מענט פון זיין ראָמאַן „אַמעריקע". און געדרוקט האָט ער דאָס ווייל מ'איז צוגעשטאַנען צו אים. ער האָט נישט געהאַט געגעבן עפּעס צו פאַרעפנטלעכן. איז דאָס געקומען פון ספיקות? פון נישט גלייבן אין זיך גופא? אָדער ווייל זיין באַגער איז געווען, ווי מיר ווייסן, צו דער־פירן זיין שאַפונג צו הויכער שלימותדיקייט?

און נאָך אַ פראַגע שטעלט זיך: פאַרוואָס האָט ער אַליין נישט פאַרברענט אַלע זיינע שאַפונגען פאַרן טויט? קאַפקאַ איז נישט גע־שטאָרבן פּלוצלונג. ער האָט פריער געוווסט, אַז דער טויט איז אומ־פאַרמיידלעך.

אויף די און ענלעכע פראַגן האָבן ליטעראַטור־פאַרשער נישט קיין ענטפער און אודאי האָבן זיי קיין איינהייטלעכן ענטפער נישט געגעבן. פאַראַן פאַרשידענע השערות. און געשריבן וועגן קאַפקאַן האָט מען בכלל פאַרשידן. אויך זייער אַ סך. ס'וועט נישט זיין קיין שום גוז־

מאַ אויב מען וועט זאָגן, אַז וועגן קאַפקאַן האָט מען געשריבן אַ סך מער, ווי ער אַליין האָט אָנגעשריבן. פאַראַן קריטיקער, וואָס האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ ספּעציפישן עקזיסטענציאַליסט, אַנדערע האָבן געזען אין זיין שאַפונג עלעמענטן פון סירעאַליזם, פון פרוידיזם, נאָך אַנ־דערע האָבן אויסגעפונען ביי אים אַן עדיפּוס־קאָמפּלעקס, וואָס איז אפשר נישט אין גאַנצן ווייט פון אמת. ווי מ׳קאָן דאָס טיילווייז פילן אין זיינע בריוו צום פאָטער. מ׳האָט אים פאַרגליכן צו דאָסטאָיעווסקין. אויך אין דעם פאַל איז פאַראַן אַ שטיקל אמת — אגב איז קאַפקאַ גע־ווען אַ גרויסער פאַרערער זיינער. אויב אָבער דאָסטאָיעווסקי איז גע־ווען אַ וויזיאָנער פון דער „הייליקער מאַטושקאַ רוסלאַנד״, איז קאַפקאַ געווען אין תוך אַ יידישער וויזיאָנער. געווען אַזעלכע, וואָס זענען געגאַנגען ווייטער און אויסגעפונען אין פּראַגער שרייבער יידישן מיס־טיציזם. און וואָס האָט מען נישט געפּרוווט אויסגעפינען ביי אים?

***

קיין סך ווערק האָט קאַפקאַ נאָך זיך נישט איבערגעלאָזט. אין כמות איז זיין ליטעראַרישע ירושה נישט געווען גרויס, אי דערפאַר וויל ער האָט נישט ווייניק פאַרניכטעט, אי וויל זיין לעבן איז יונג איבערגע־ריסן געוואָרן. דערצו איז ער אין די לעצטע יאָרן שווער קראַנק געווען.

דריי זיינע גרעסטע שאַפונגען ווערן פאַרעכנט פאַר ראָמאַנען, ראָ־מאַנען פון אַ ספּעציעלער סטרוקטור: „דער פּראָצעס״, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין 1913, געלאָזט נישט פאַרענדיקט, נישט סיסטעמאַטי־זירט און וואָס מאַקס בראָד האָט געבראַכט אין אָרדענונג און מיט רעכט אַרויסגעגעבן פריער, ווי אַנדערע שאַפונגען, אַ יאָר נאָכן טויט פון שרייבער; „דער שלאָס״ און „אַמעריקע״, וואָס איז אויך אין מאַנו־סקריפּט פאַרבליבן נישט פאַרענדיקט און אָן אַ טיטל. אָבער היות קאַפ־קאַ פלעגט דעם אָנגעשריבענעם ראָמאַן אָנרופן אין שמועסן מיט זיין פריינד „מיין אַמעריקאַנער ראָמאַן״, האָט בראָד צוגעטראַכט דעם נאָ־מען „אַמעריקע״.

אויב עס גייט אין דעם סיפּור־המעשה, וואָלט מען אים געקאָנט איבערגעבן בקיצור, אפילו דעם אינהאַלט פון „אַמעריקע״, דעם סאַמע טיפּישן ראָמאַן זיינעם. נישטאָ ביי קאַפקאַ אין קיין שום שאַפונג קיין ברייטער סוזשעט. אין געוויסע דערציילונגען איז ער פאַרגעפּלט, דאָ און דאָרט איז דער סיפּור־המעשה ווי צעשוווּמען. אין „פּראָצעס״, ווי

אין גאַנג פון צייט

ס'איז באַקאַנט, האַנדלט זיך אין אַ יונגן מענטש מיטן נאָמען יוזעף ק., וועלכער דערוויסט זיך פלוצלונג, אַז מען מאַכט אים אַ פּראָצעס. פאַרוואָס? פאַר וועלכע זינד? ער איז שטענדיק מיט אַלעמען און אַלץ געווען אין אָרדענונג. קיין שום סיכסוכים מיט קיינעם נישט געהאַט. און עס הייבט זיך אָן אַ לאַנגע סעריע באַמיאונגען זיך צו דערוויסן אין וואָס מען באַשולדיקט אים, כדי צוצוגרייטן זיין פאַרטיידיקונג. אָבער פּונקט אַזוי ווי ער האָט זיך אומגעריכט דערוווּסט, אַז מען מאַכט אים אַ פּראָצעס, אַזוי האָט מען אים אומגעריכטערהייט אַרעסטירט, פאַרמשפּט און אויף אַ מיסטעריעזן אופן אויסגעפירט איבער אים די גרויליקע עקזעקוציע.

די אומבאַהאָלפנקייט, די אָנמעכטיקייט פון מענטש אין אַן אַנדער ווערסיע, מיט אַ ווייניקער טראַגישן אויסקלאַנג, קומט צום אויסדרוק אין „שלאָס". אַן אומבאַקאַנטער מענטש, אַ געאָמעטער, וועמענס פּראָפעסיע איז צו מעסטן די ערד, קומט אין אַ דאָרף, וווּ ס'איז פאַראַן אַ שלאָס. ער וויל דורכויס אָנקומען אין פּאַלאַץ, ער זוכט באַשעפטיקונג ביי ערד-מעסטעריי. ער טרעפט אָבער אָן אויף אויסטערלישע, אומפאַרשטענדלעכע שטערונגען, אויף טויטע פּאַראַגראַפן, וואָס פאַרשטעלן אים דעם וועג. אויך אין דעם בוך, הגם דער אויסגאַנג איז נישט אַזאַ בלוטיק-טראַגישער, ווי אין „פּראָצעס", איז פאַראַן אַ מיסטעריעזע קראַפט, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויפן מענטש, פאַרפּלאָנטערט זיינע פּלענער און באַגרענעצט, דערדריקט אים, אָדער דערפירט אים צו אַ טראַגישער פאַרטיליקונג, ווי אין „פּראָצעס", אָדער ווי אין דער דערציילונג „דער אורטייל" און אין אַנדערע שאַפונגען.

וואָס איז דאָס פאַר אַ טייוולאָנישער כוח? צי הענגט איבערן מענטש אַ פאַטאַליזם? און אפשר גאָר ווערט געבוירן דאָס ביין, די געהיימע רישותדיקע מאַכט אין מענטש גופא, בפרט אין באַשטימטע אומשטענדן? ווי אַזוי געשעט דאָס וואָס איין מענטש פאַרן אַנדערן קאָן ווערן אַ וואָלף?

קאַפקאַ גיט נישט קיין ענטפער, ער שטעלט פּראָבלעמען, אָבער פאַרענטפערט זיי נישט. ער רעגט אָן, שטויסט דעם לייענער אַליין צו זוכן אַן ענטפער, ווי עס זוכן דאָס זיינע פּערסאָנאַזשן ווי אַזוי זיך אַרויסצורייסן פון דער קלעם. אָבער זוכנדיק אַ רעטונג, פאַלן זיי אַריין פון איין קלעם אין דער אַנדערער. יוזעף ק. פון „פּראָצעס", בעת ער גייט זוכן שוץ ביים אַדוואָקאַט, באַקענט זיך מיט זיין יונגער דינסט.

עס פֿאַרבינדט זיך אַן אינטימקייט און ער גלויבט, אַז אַדאַנק דעם מיידל וועט אים לייכטער זיין צו דערגיין ביים אַדוואָקאַט דעם סוד פֿון זיין פֿאַרברעכן. דאָס מיידל וועט אים אפשר העלפֿן זיך אַרויספּלאָנטערן. אָבער ווי נאָר ער לייגט אַרויף אַ קוש אויף לעניס האַנט, זאָגט זי צו אים: „איצט געהערסטו אין גאַנצן צו מיר". ער פֿאַלט אַרונטער אונטער אַ נייער רשות, וואָס וויל געוועלטיקן איבער אים.

דער געאַמעטער פֿון „שלאָס" איז זיכער, אַז אַדאַנק דער ליבע, וואָס האָט זיך פֿאַרבונדן מיט פֿרידאַן, וועט ער אָנקומען צו די בעלי־בתים פֿון שלאָס. זיין דורכפֿאַל צעשטערט די פֿריינדשאַפֿט. ווי דער מענטש קערט זיך און ווענדט זיך איז אויפֿגעשטעלט אַ נעץ, אין וועלכער ער פֿאַרפּלאָנטערט זיך.

דער דריטער ראָמאַן, „אַמעריקע", זעט אויבנאויפֿיק אויס נישט צו זיין ענלעך צו די צוויי פֿריערדיקע און בכלל צו קאַפֿקאַס שאַפֿונגען. די שילדערונג איז דאָ אַ רעאַליסטישע. אויך די טעמאַטיק איז אַן אַנ־דערע. אַ 16־יאָריקער בחור, קאַרל ראָסמאַן, ווערט דורך זיינע נישט פֿאַרמעגלעכע עלטערן קעגן זיין ווילן אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע צו אַ פֿעטער, „וויל די דינסט האָט אים פֿאַרפֿירט און זי האָט געהאַט פֿון אים אַ קינד". דאָס ייִנגל איז אַרבעטזאַם, פֿאָלגעוודיק און פֿאַרט האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אים דער צאָרן פֿון פֿעטער. נאָך אַ קורצער צייט מוז ער אַליין, מיט אייגענע כוחות אָנהייבן צו טאָרעווען זיך אַ וועג אין לעבן. דער יונגער קאַרל איז די ערלעכקייט, די גוטסקייט אַליין, נאַאיוו און אומשולדיק ווי אַ קינד, אָבער דווקא די ערלעכקייט וואַרפֿט אויף אים אַ חשד, ער האָט אומעטום אויסצושטיין געברענטע און געבראָטע־נע צרות. ער וויל דורך ערלעכער אַרבעט זיך איינגלידערן אין דער נייער וועלט און עס געלינגט אים נישט. ער וואַנדערט פֿון איין אַר־בעטס־אָרט צום צווייטן און יעדעס מאָל וואַרפֿט מען אים אַרויס אויפֿן גאַס צוליב עפּעס אַ משונהדיקן פֿאַרדאַכט. נאָך אַ סך מאַטערנישן און וואָגלענישן ווערט ער אויפֿגענומען בלויז צווישן מענטשן, וואָס זענען ווי ער אַרויסגעשטויסן פֿון לעבן און שלעפּן זיך אַרום מיט אַ וואַנדער־טרופּע, אַ מין טעאַטער־צירק.

קאַפֿקאַ איז קיינמאָל אין אַמעריקע נישט געווען. ער האָט בכלל ווייניק געררייזט. ער האָט בלויז געמאַכט קורצע באַזוכן אין פֿראַנק־רייך און אין צפֿון־איטאַליע. ער האָט אָבער שטענדיק געטרוימט צו רייזן איבער דער וועלט, געלייענט אַ סך רייזע־באַשרייבונגען און מעמואַרן,

אין וועלכע די מחברים האָבן דערציילט וועגן זייערע נסיעות. ער האָט געבענקט צו פרייהייט, באַגערט צו באַקענען זיך מיט ווייטע לענדער, מיט נייע מענטשן. ס׳איז דעריבער נישט קיין צופאַל וואָס ער האָט זיין יונגן, באַליבטן העלד מיט אַלע זיינע אויסטערלישע איבערלעבונגען איבערגעטראָגן קיין אַמעריקע. געוויינטלעך זענען קאַפקאַס שאַפונגען נישט אַריינגעפּאַסט אין קיין ראַמען נישט פון אָרט און נישט פון צייט. די געשעענישן קאָנען פאָרקומען אומעטום און אַלע מאָל.

די שילדערונגען און געשעענישן אין ראָמאַן „אַמעריקע״ זענען געמאָלן מיט ווייכיקער שוואַרצער פאַרב, ווי אַלע אַנדערע שאַפונגען. קאַפקאַ האָט זיך אַליין אויסגעדריקט, ווי עס דערציילט אין דער קורצער הקדמה מאַקס בראָד, אַז ס׳איז זיין לייכטסטער ראָמאַן. און לייענענדיק פילן מיר בפירוש, אַז דאָס בוך איז געשריבן מיט אַן אַנדערן אָטעם־צוג, מיט אַ לייכטן געמיט. די סימפּאַטיע, די ליבשאַפט צום יונגן העלד, וועמען מיר באַקומען אויך גלייך ליב, וועגן אַריבער דעם טראַגיזם. און פאַראַן אין ראָמאַן באַשרייבונגען, סצענעס, סיטואַציעס, וואָס דערמאָנען אין די וווּנדערבאַרע פילמען פון טשאַפּלינען. עס ווילט זיך וויינען, אָבער עס ווילט זיך אויך לאַכן. דער טראַגיזם איז פאַרפלאָכטן מיט קאָמיזם. אָבער נישט דער אומבאַהאָלפענער, יונגער העלד איז קאָמיש, נאָר גיכער דער רישותדיקער אָרום, די מענטשן, וואָס שאַפן אַזעלכע אבסורדאַלע סיטואַציעס. דער עיקר, דאָס גרויסע בייז האָט נישט גענומען די אויבערמאַכט. קאַרל ראָסמאַן שלאָגט זיך פאָרט דורך אַ וועג.

דאָך בינדט זיך דער ראָמאַן „אַמעריקע״ ענג צוזאַמען מיט די צוויי הויפּט־ווערק, „דער פּראָצעס״ און „שלאָס״ און צוזאַמען בילדן זיי, קאָן מען זאָגן, אַ טרילאָגיע, כאָטש ס׳איז נישטאָ קיין פאַרבינדונג נישט צווישן די פּערסאָנאַזשן און נישט צווישן די געשעענישן. בלויז אין איין סצענע, ווען קאַרל ראָסמאַן ווערט גענומען דורכן קעלנער־עלטסטן פון האָטעל אויפן פאַרהער, דערמאָנט עס אין אַן ענלעכער סצענע אין „פּראָצעס״, אָדער ווען דאָס אומבאַהאָלפענע יינגל זוכט אַרבעט, שווימט אויף פאַר די אויגן דער הויפּט־העלד פון „שלאָס״, וועלכער קומט אין דאָרף מיטן ציל צו באַקומען אַרבעט.

דאָס, וואָס בינדט ווירקלעך די דריי ווערק, דאָס איז די אָפּגעפרעמדקייט, די איזאָלאַציע, די פאַרלוירנקייט פון מענטש, זיין אָנמעכטיקייט. אין אַלע דריי ביכער האַנדלט זיך וועגן גורל פון יחיד אין מענטשלעכן קאָלעקטיוו. אין „פּראָצעס״ און אין „שלאָס״ טרעפט זיך

אַן דער יחיד, דער ערלעכער און אין גרונט געגומען גוטער מענטש מיט די משונהדיקסטע, נישט אָפּהענגיקע פון אים שטערונגען, וואָס פירן צו אַ טראַגישן אויסגאַנג. אין ראָמאַן „אַמעריקע", דאַקעגן, פאַרפּלאָנטערט זיך דער יונגער העלד אויך צוליב זיין אייגענער נאַאיוויטעט און ער־לעכקייט. אַזוי צי אַזוי איז ער אויך אַ פאַרלוירענער, אַן איינזאַמער. אַלע דריי ביכער זענען אַ טרילאָגיע פון איינזאַמקייט.

אין אַלע אַנדערע קאַפקאַס שאַפונגען — דערציילונגען, נאָוועלן, גרעסערע און קלענערע, איז אויך דער הויפּט־מאָטיוו די איינזאַמקייט, די אַנגסט, די ברוטאַלע מאַכט, וואָס דערדריקט דעם מענטש, צעמאָלט אים, אָדער שווענקט אים אַראָפּ פון דער לעבנס־אַרענע ווי אַן אומנוצ־לעכן קעגנשטאַנד, ווי מיר זעען דאָס אין דער גרויסער דערציילונג „טראַנספאָרמאַציע" וועגן וועלכער סזועט נאָך זיין אַ רייד. גרעגאָר סאַמסאַ, אַ יונגער נאָרמאַלער מענטש, כאַפּט זיך אויף אינדערפרי און דערזעט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן, העסלעכן אינסעקט. ער איז ביי זיין פולן באַוווסטזיין, אָבער מ׳האָט אָוועקגענומען פון אים דעם צלם אלקים, געמאַכט פון אים אַ קריכנדיק, אומבאַהאָלפן באַשעפעניש, וואָס מען קאָן אויסקערן מיט אַ בעזעם.

נישט ווייניקער ווי אין די גרויסע דערציילונגען און אין זיינע דריי הויפּט־ווערק, דערזעען מיר די אַנגסט און אויסוועגלאָזיקייט פון מענטש אין קאַפקאַס קורצע שאַפונגען, קליינע נאָוועלן, צומאָל אויך אין זיינע אַפּאָריזמען. אין אַ קליין מעשהלע וועגן אַ מייזל, פאַר וועלכן דער שטח ווערט אַלע מאָל קלענער און בלויז איין נישט ריכטיקער שריט קאָן דערפירן צו דעם, אַז די קאַץ זאָל דאָס מייזל פאַרצוקן, איז פאַראַן נישט ווייניק אַנדייטונג וועגן מענטש און וועלט, וואָס איז אַ תפיסה פאַר אים. מ׳דאַרף אַנטלויפן, אָבער ווי אַזוי? וווהין? „ווו פאַרט איר"? — פרעגט קאַפקאַס איין פאַרשוין דעם אַנדערן אין דער נאָוועלע „אַרויס־פאָר". „איך ווייס נישט, אַבי ווייטער פון דאַנען, אַבי ווייטער" — איז דער ענטפער. ווי אין האַלוצינאַציע, אָדער ווי ער וואָלט גערעדט פון אַ קאָשמאַרן חלום, דערציילט דער העלד פון דער נאָוועלע „די בריק", אַז ער איז געווען אַן אמתע בריק: „כ׳בין געווען פאַרשטייפט און קאַלט, כ׳בין געווען אַ בריק, וואָס איז געהאָנגען איבער אַן אָפּגרונט".

ניין, קאַפקאַס ווערק זענען נישט קיין לייכטע לעקטור. שוין די רעד־לאַציעס גופא פליסן נישט גראָדליניק, זיי רייסן זיך, פלאָנטערן זיך, מאַכן זיגזאַגן. און פאָלגן מיר נאָך די רייד פון די פערסאָנאַזשן, האָבן מיר

אָפּטמאָל דעם איינדרוק, אַז די מענטשן געפינען זיך אין צושטאַנד פון האַלוצינאַציע, אָדער פון שיכרות. און פאַרט זענען פאַראַן אין זייערע רייד עכטע, גרונטיקע לעבנס־אמתן. זאָגט טאַקע דער גאַראַטאָר אין דער דערציילונג „ אַ באַשרייבונג פון אַ שלאַכט״: „גאָט מיינער, וויפל בונצן וואָלט עס געקאָנט ברענגען, ווען דענקנדיקע מענטשן וואָלטן זיך עפּעס אויסגעלערנט פון שיכורע״. אַ שיכורער, אָדער אַ מענטש, וואָס רעדט פון האַלוצינאַציע, דערציילט אַלץ, וואָס ליגט אים אויפן האַרץ, ער באַהאַלט נישט אויס, באַנוצט זיך נישט מיט קיין ליגנס, זאָגט וואָס ער טראַכט. זיינע רייד פּלאָנטערן זיך טאַקע, זענען נישט קאָאָרדינירט, אָבער עס איז פאַראַן אין זיי די אויפריכטיקייט, דער אמת.

און דאָס איז דער אמת נישט בלויז וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אינעם האַרץ פונעם מענטש, נאָר אויך וועגן דעם וואָס ס׳טוט זיך אַרום אים, אין דער וועלט אין וועלכער דער פאַרלוירענער, פאַרפאָלגטער מענטש לעבט. קאַפקאַ האָט טאַקע דירעקט נישט געוויזן פון וואַנען דאָס גרויסע בייז קומט. ער האָט צומאָל נישט אָנגעצייכנט, ווי דערמאָנט, קיין אָרט און צייט, וווּ און ווען די געשעענישן קומען פאָר, אָבער די מענטשלעכע דראַמעס שפּילן זיך נישט אָפּ אויף קיין אַנדער פּלאַנעט, נייערט אויף אונדזער ערדישער וועלט. און די וועלט אַזאַ ווי מיר זעען זי ביי קאַפ־קאַן, איז אַ דיריגירטע פון טעמפּע, דעספּאָטישע פאַרשויבגן און אַ באַ־הערשטע פון אַבסורדן, זינלאָזיקייטן און וויסטע פּאַראַדאָקסן. דאָס איז אַ וועלט אין וועלכער דער מענטש פאַרלירט זיין פּערזענלעכקייט, ווערט אַן אַנאָנים אין זיינע בלאָנדזשענישן.

מען טאָר אָבער אויך נישט פאַרזעען, אַז דער בלאָנדזשענדיקער זוכט פאַרעקשנט אַן אויסוועג. הגם עס איז פאַראַן טיילמאָל ביי קאַפקאַ אַן אויסטערלישער געמיש פון דערהויבענער נישט רעזיגנירטקייט און פון טראַגישן אונטערגעבן זיך דעם גורל, ווי אין דער דערציילונג „דער אור־טייל״. רייסט זיך דאָך דער מענטש בדרך כלל מיט אַלע כוחות אַרויסצו־באַקומען פון די פּלאָנטערנישן, ער פירט אַ שטרייט זיך צו ראַטעווען.

***

פאַראַן ווערקאַרס אַ סעריע צייכענונגען, וואָס טראָגן דעם געמיינ־זאַמען טיטל „דער טאַנץ פון די לעבעדיקע״. דער אונטערטיטל לויטעט: „ווי פליגן אין אַ פלאַש״. די ערשטע צייכענונג שטעלט פאָר אויפן צע־שטורעמטן ים אַ טראַטווע אין וועלכער עס קלאַמערן זיך אַן מיט די

גרעסטע אָנשטרענגונגען מענטשן, באַדראָטע פון די צעווילדעוועטע כוואַליעס. דער שרייבער וועלכער איז פאַר דער מלחמה געווען אַ צייכענער־גראַפיקער. דער גראַפיקער זשאַן ברילע, דער שפעטערדיקער טאַלאַנטירטער שרייבער וועלכער איז, אַ פשיטא, דעמאָלט טיילווייז געווען אונטערן איינפלוס פון קאַפקאַ, וואָס האָט זיך געלאָזט שפעטער מערקן אויך אין געוויסע זיינע ביכער דורכן ווייזן די אַבסורדן פון לעבן. איבעריקנס דערמאָנען די פליגן אין פלאַש אַ פאַרגלייך ביי קאַפקאַ, ווען מענטשן ראַנגלען זיך און בלייבן ווי פליגן, וואָס רייסן זיך אַרויס פון אַ קלעפּעדיקער מאַסע מיט אָפּגעריסענע פיסלעך.

יעדעס מאָל, ווען איך לייען קאַפקאַן, שווימען אויף פאַר די אויגן וועלכאָרס אַמאָליקע צייכענונגען. היות ווי נאָך אַ סך יאָרן קומט מיר ווידער אויס צו שרייבן און במילא צו לייענען קאַפקאַן, טויכט דווקא אויף אַמשטאַרקסטן דאָס בילד פון באַדראָטע מענטשן, וואָס ווילן זיך נישט אונטערגעבן דעם ברוטאַלן גורל, האַלטן זיך אָן, קלאַמערן זיך מיט אַלע כוחות אין דער טראָטווע.

פאַראַן אַ פילם פון „פּראָצעס" אין וועלכן ס'איז וווּנדערבאַר אײַבערגעגעבן קאַפקאַס וויזיע. מען זעט ווי יוזעף ק., דער אומשולדיקער באַשולדיקטער מענטש שפּאַנט צווישן לאַבירינטן. ער זוכט אַן אַרויסגאַנג. ער קומט כסדר אויפן זעלבן אָרט און זוכט עקשנותדיק ווייטער אַן אויסוועג. ער שווייגט, אָבער זיין שוויגן איז אַ שטומער געשריי, אַן אַרויסרוף. אַלץ, וואָס געשעט אַרום אים איז ווי אַ קאָשמאַרער חלום. און דער חלום איז אויף דער וואָר.

ביי קאַפקאַן דעם שרייבער־וויזיאָנער איז די גרענעץ צווישן חלום און וואָר, צווישן אומרעאַלן און רעאַלן גאָר אַ שמאָלע. דאָס אימאַגינירטע, אומרעאַלע איז צוזאַמענגעפלאָכטן מיטן רעאַלן, מיט דערווירקלעכקייט. און קאַפקאַס קינסטלערישע וויזיע איז אַזאַ שטאַרקע, אַז דאָס אימאַגינירטע דערשיינט ווי אַ ווירקלעכע רעאַליטעט, און פאַרקערט, די רעאַליטעט ווערט פאַרוואַנדלט ביי אים אין אַ חלום, ס'רוב אין אַ בייזן חלום.

מ'דאַרף זיך משער זיין, אַז קאַפקאַס אייגענע לעבנס־סיטואַציע האָט נישט ווייניק געווירקט אויף זיין שאַפונג. פאַראַן שרייבער, וואָס פאַרעגיסטרירן בלויז, זיי זענען קינסטלערישע רעגיסטראַטאָרס, ווי באַלזאַק האָט געזאָגט וועגן זיך. דאָס מיינט, אַז זיי קאָנען שטיין פון דער זייט, זיין בלויז עדות פון סיטואַציעס. זאָל מען אָננעמען אַזוי ווי אַ

מלחמה־קאָרעספּאָנדענט. ער ברענגט אַרויס אַלץ, וואָס עס טוט זיך אויפן שלאַכט־פעלד, אָבער ער אַליין שלאָגט זיך נישט. קאַפקאַ, פאַר־קערט, נעמט יאָ אָנטייל אין דער שלאַכט. ער איז איינער פון זיינע פערסאָנאַזשן. קאַפקאַ איז אַ שרייבער אַליין אַ פאַרלוירענער, אַ פאַר־בלאָנדזשעטער, אַן איזאָלירטער, געפייניקטער יחיד אין אַ פרעמדן אַרום. ער גופא דרייט זיך אין לאַבירינטן און זוכט אַ פאַרצווייפלטער און מיט עקשנות אַן אויסוועג.

***

פראַנץ קאַפקאַ איז געבוירן געוואָרן און געלעבט אין פּראָג, ווו עס האָבן זיך געקרייצט די השפעות פון דריי קולטורן — די טשעכישע, די דייטשע און די יידישע. פּראָג איז די שטאָט פון אַלטע יידישע לע־גענדעס, דאָרט האָט געלעבט דער מהר״ל. די שטאָט איז פאַרוועבט מיט מעשיות וועגן באַשאַפענעם גולם און שוין אין 13־טן יאָרהונדערט איז דאָרט געווען אַ באַרימטער בית־הכנסת. פּראָג האָט במשך פון יאָרהונ־דערטער געשמט ווי אַ צענטער פון תורה, יידישן וויסן, קולטור. דאָס אַלץ איז פאַר קאַפקאַס צייטן שוין געווען ווייטע פאַרגאַנגענהייט, נישט געווען שוין קיין לעבעדיק יידיש לעבן. דאָך האָט די יידישע באַפעל־קערונג געלעבט אָפּגעזונדערט, איזאָלירט. דערצו איז קאַפקאַס יידישע היים געווען אַ קאַלטע. דער פאָטער, דער סוחר, האָט זיין עמפּינדלעכן און טאַלאַנטירטן זון נישט פאַרשטאַנען און אפנים אויך נישט באַשאַנקען אים מיט צופיל פאָטערלעכער ליבשאַפט. נישט מער ליבשאַפט איז גע־ווען מצד דעם זון צום פאָטער. אין בעסטן פאַל זענען דאָס געווען גע־מישטע געפילן. פון די בריוו זיינע צו אים דערוויסן מיר זיך ווי דעם זון האָט געפייניקט דעם פאָטערס האַלטונג, זיין באַציאונג צו אים.

די דריי קולטור־השפעות האָבן געשאַפן באַזונדערע סביבות. קאַפקאַ האָט זיך אמתדיק נישט איינגעגלידערט אין קיין איינער פון זיי. די שול איז געווען אַ דייטשע, זיין שפּראַך איז געווען דייטש — ער האָט אין איר געשריבן זיינע ווערק, אָבער דער פראַנצויזישער פילאָזאָף און לי־טעראַטור־פאָרשער ראָזשע גאַראָדי, וועלכער האָט געפאָרשט דאָס לעבן פון קאַפקאַן, ווייזט אָן, אַז אפילו דאָס לשון, וואָס איז דער כלי־זין פון אַ שרייבער, איז אים געווען נישט אייגן, דאָס דייטשע וואָרט האָט גע־קלונגען פרעמד אין זיין מויל. אפשר איז אויך די דייטשע שפּראַך געווען צו האַרט, צו ווייניק ניואַנסירט אויסצודריקן אַ יידיש געמיט. אַ סברה,

אז אויך דער נאָמען פראַנץ איז אים געווען פרעמד, זיין אמתער נאָמען איז געווען אַמשעל און אין שטוב האָט מען אים אָפטמאָל אזוי גערופן.

פראַנץ קאַפקאַ האָט צווישן אַנדערע פאַרדרוסן אויפן פאָטער אויך אים פאַר אומגוט גענומען וואָס ער האָט גאָרנישט געטאָן אים צו באַ־העפטן גייסטיק מיטן יידישן שטאַם. ס'איז געווען א צייט, ווען ער האָט אליין געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו דערנענטערן זיך צום יידישן לעבן. אין 1911 האָט ער זיך פאַרבונדן מיטן קינסטלערישן לייטער לעווי פון אַ יידישער טעאַטער-טרופּע און געהאָפט מיטצואַרבעטן מיט איר. ס'איז דערביי כדאי צו דערמאָנען, אַז זיין יונגער העלד קאַרל ראָסמאַן פון ראָמאַן „אַמעריקע", וואָס האָט אין ערגעץ נישט געקאָנט געפינען פאַר זיך קיין אָרט, האָט אויך געפונען אַן אָנשפאַר אין אַ טעאַטער־טרופּע. קאַפקאַן איז אָבער ווייניקער געלונגען ווי זיין העלד אין אַמעריקע. זיין מיטאַרבעט מיטן יידישן טעאַטער האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. זיין טעגלעכע אַרבעט האָט ווייטער געדריקט אויף אים. טראָץ דעם וואָס ער האָט געהאַט אוניווערסיטעט־בילדונג אַלס יוריסט, איז ער באַשעפ־טיקט געווען זינט 1908 ווי אַ באַאַמטער אין אַ פאַרזיכערונגס־געזעל־שאַפט, וו ער האָט אגב דערזען דעם גאַנצן מעכאַניזם פון ביוראָקראַ־טיע, וואָס דערדריקט דעם מענטש און וואָס ער האָט אויף פאַרשידענע אופנים אַרויסגעבראַכט אין זיין ווערק.

קאַפקאַ איז געווען אַן אויסגעוואָרצלטער יידישער מענטש, אַ פרעמדער אומעטום. ער האָט געשריבן וועגן זיך אין זיין טאָג־בוך, אין יאָר 1922, ווען דער טובערקולאָז האָט זיך שוין געהאַט אַריינגעפרעסן אין זיין לייב: „איך בין אָן אבות, אָן אַ משפחה-לעבן און אָן יורשים..." מיט יאָרן פריער האָט ער געהאַט פאַרצייכנט אין זיין טאָג־בוך, וואָס איז אַ זעלטן ווערק, אַזאַ נשמה־צושטאַנד: „איך בין נישט פעאיק דאָס אַלץ איבערצוטראָגן, צו טראָגן אויף זיך די לאַסט פון אייגענעם לעבן; איך קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיט די פאַרלאַנגען פון מיין פער־זאָן, מיט דעם אומבאַגרייפלעכן דראַנג צו שרייבן, מיט דער שלאָפלאָ-זיקייט און דער נאָענטקייט צו וואַנזיניקייט".

ס'וואָלט אַ טעות געווען צו דרינגען פון דעם, אַז קאַפקאַ האָט געשעפּט יניקה פאַר זיין שאַפונג בלויז פון זיין אינערלעכער, צעריי־סענער וועלט. איבעריקנס נישט שטענדיק דערשיינט קאַפקאַ דורך זיי־נע פאַרצייכענונגען אין טאָג־בוך — און אַ טאָג־בוך איז דאָך דער שפּיגל פון דער נשמה, דער עיקר ביי אַ שרייבער — ובכן נישט שטענדיק

דערשיינט ער אין אַזאַ טראַגישן געמיט־צושטאַנד, ווי מיר זעען דאָס פון די אויבן ציטירטע ווערטער זיינע. לייענענדיק זיינע פאַרצייכענונ־גען פון אַ רייזע, דערזעען מיר קאַפקאַן ווי אַ ראָמאַנטישן יונגן מענטש, פול מיט סובטעלן הומאָר, מיט גרויס נייגיר צו דער וועלט, מיט דראַנג צו שיינקייט. און אויך דעמאָלט איז זיין שאַפונג געווען אַזאַ, ווי מיר קענען זי. יעדער קינסטלער טראָגט אין זיך אַ סך וועלטן. אויף זיין שאַפונג ווירקט דער אַרום, די אויסערלעכע וועלט, וואָס ער זעט דורך דער פּריזמע פון זיין אייגענעם איך. וועגער ווייסט אָבער צי דער „איך", די אייגענע אינערלעכע וועלט, ווירקט נישט אַממיינסטן. אין דעם פאַל איז קאַפקאַ נישט געווען קיין אויסנאַם. אָבער זיין אינערלעכע וועלט איז געווען אַ שטאַרק קאָמפּליצירטע און רייכע, זיין „איך" איז געווען אַן אויסערסט עמפּפינדלעכער און טראַגישער.

קאַפקאַ, זעט אויס, האָט געוואָלט אַנטרינען פון זיין אייגענער רעאַליטעט. פונקט ווי זיינע פּערסאָנאַזשן האָט ער געזוכט אַ רעטונג, אַ באַהעלטעניש פאַר זיך. געפונען האָט ער דאָס אין זיין שרייבן. דאָס שרייבן איז געווען פאַר אים מער ווי פאַר יעדן אַנדערן קינסטלער אַ תּפילה, אַ קדושה. ער האָט שטענדיק געשטרעבט צו גרויסער קינסט־לערישער שלימותדיקייט און ער איז דערגאַנגען צו אַן אָריגינעלער מייסטערשאַפט פון וואָרט. דער סטיל זיינער איז אַ פּשוטער, אָבער פול מיט פאַרב און קלאַנג, אַ סטיל אַ זעלטן קאָנדענסירטער, וואָס איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר פיל שרייבער פון גאָר דער וועלט. און נישט בלויז זיין סטיל האָט באַקומען נאָכפאָלגער.

**
*

געוויסע קריטיקער, דער עיקר אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענ־דער, געפינען ביי קאַפקאַן בלויז ייאוש, בלאָנדזשעניש, פאַטאַליזם, פאַר־פלאָנטערטע וועגן, קאָשמאַר. פאַראַן דאָך, ווי שוין דערמאָנט, ביי אים אויך זוכענישן, דראַנג צו דערלייזונג, צו גאולה, ווי געטע האָט אַמאָל פאָרמולירט: „אויב ס'וועט אפילו נישט קומען די דערלייזונג, וויל איך כאָטש צו יעדער מינוט גרייט זיין זי אויפצונעמען ווירדיק".

אויך נישט ריכטיק איז, אפנים, די מיינונג, אַז זיינע פּערסאָנאַזשן און סיטואַציעס זענען הוילע אימאַגינאַציעס. זיי זענען סימבאָלן, ווי קאַפקאַ האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט וועגן זיינע פּערסאָנאַזשן. אָבער אויב געוויסע פאַרשוינען זענען סימבאָלישע און די פּאַסירונגען אויס־

טערלישע, זענען דאַקעגן די אינסטיטוציעס, זייערע פאַרשטייער און דער סדר פון דער וועלט, ביז גאָר רעאַליסטיש און קאַפקאַ רייסט אַראָפּ פון זיי דעם שלייער, ווייזט זיי אין זייער גאַנצער העסלעכער נאַקעטקייט. די סימבאָליק, דאָס איבערנאַטירלעכע האָט אים נישט געשטערט, פאַרקערט, נאָך שטאַרקער געמאַכט דאָס אַנטבלויזן די אַבסורדאַלע און ברוטאַלע ווירקלעכקייט, אין וועלכער דער מענטש ווערט באַרויבט פונעם רעכט צו זיין פריי. ווען יוזעף ק. רעדט וועגן געריכט, זאָגט ער, אַז „איין תלין וואָלט גענוג געווען צו פאַרטרעטן דאָס גאַנצע געריכט". אַזוי אַרום שטעלט קאַפקאַ צום שאַנדסלופּ די הערשאַפט פון רישעות.

קאַפקאַ איז נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנער, הגם ער האָט זיך יאָ אינטערעסירט מיט סאָציאַלע ענינים. ער איז אָבער געווען טיף דורכגעדרונגען מיט הומאַניטאַריזם און האָט אויף זיין אייגענעם אופן אַרויסגעהויבן די עטיק אין צווישנמענטשלעכע באַציאונגען.

***

50 יאָר נאָך זיין טויט אַמפּערט מען זיך נאָך איבער פאַרשידענע אַספּעקטן פון זיין שאַפונג, איבער זיין שעפערישער פערזענלעכקייט. גערעכט איז, אַ סברה, דער דערמאַנטער פראַנצויזישער ליטעראַטור־פאָרשער גאַראָדי, ווען ער לייגט דעם הויפט-טראָפּ אויף קאַפקאַן ווי אויף אַן אויסגעוואָרצלטן יידישן מענטש, אַ יידישן דענקער, וואָס איז דורכגעדרונגען געווען מיט יידישן מיסטיציזם, און איך וואָלט געזאָגט, אַז אויך מיט יידישן אוניווערסאַליזם. טראָץ דער סימבאָליק, דעם איבערנאַטירלעכן, איז ער געווען אַ רעאַליסט אין זיין שאַפונג, ווייל דאָס רעאַלע קאָן מען געשטאַלטיקן אויף פאַרשידענע אופנים.

ביי אַלע אַמפּערנישן פרעגט שוין! הייגט קיינער נישט אָפּ דעם פאַקט, אַז אין דער טראַגישער געשטאַלט פון יידישן פּראָגער באַאַמטן האָט געלעבט אַ גרויסער קינסטלער, אַ קינסטלער אַ וויזיאָנער, וואָס האָט געזאָגט פון די שפּעטערדיקע קאַשמאַרן.

איז דען אין קאַפקאַס קאַשמאַרע וויזיעס נישט פאַראַן די אַנונג פון אַ שפּעטערדיקער ווירקלעכקייט? די אַנונג פון דער קרעמאַטאָריע־עפּאָכע? האָט זיך דען דער אויסטערלישער, סימבאָלישער עפּיזאָד פון

דער דערציילונג „די טראַנספאָרמאַציע״ שפּעטער נישט באַשטעטיקט ? פּונקט ווי די אייגענע שטוב־מענטשן האָבן געאַרגן, דעם טראַנספאָר־מירטן אין אַן אינסעקט , געקערט מיט אַ בעזעם, אַזוי האָט אַ גרויס קולטור־פאָלק, אַ גליד פון דער אייראָפּעאישער משפחה, אויסגעקערט, אויסגעראָטן די יידישע עדה, וואָס מען האָט פריער פאַרוואַנדלט אין דערנידעריקטע באַשעפענישן.

און ווייניק האָט מען געמשפּעט און פאַרמשפּעט מענטשן פאַר פאַר־ברעכנס, וואָס זיי זענען נישט באַגאַנגען ? ווייניק זענען געווען צענ־דליקער יאָרן שפּעטער אַזעלכע יוזעפס ק., וואָס האָבן נישט געוווּסט, ווי ער, פאַרוואָס און אין וואָס מען באַשולדיקט זיי ?

פאַראַן אַ מאָמענט, ווען יוזעף ק. נישט נאָר ער גלייבט, אַז ער איז שולדיק, נאָר ער פילט זיך אויך שולדיק וואָס ער ווייסט נישט אין וואָס ער איז שולדיק. האָט זיך דאָס געקאָנט אויסדוכטן נישט וואָר־שיינלעך, אַן אויסטראַכטעניש פון אַ קראַנקער פאַנטאַזיע. האָט מיר דער מחבר פון באַרימטן בוך „ל׳אורע״ (איך בין זיך מודה), אַרטור לאַנדאַן, דערציילט, אַז בעתן סלאַנסקי־פּראָצעס, זענען צווישן די אַרעסטירטע מיט וועלכע ער האָט געטיילט דעם גורל, געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגעהויבן גלייבן, אַז זיי זענען פאַרט אין עפּעס שולדיק, מסתמא פאַרט באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן. פראַנץ קאַפקאַ האָט מיט 40 יאָר פריער, דורך זיין קינסטלערישער וויזיע באַנומען, אַז דאָס קאָן מעגלעך זיין, אַז דאָס קאָן קומען. און געוויזן האָט ער דאָס ווי אַ בונטאַר, ווי אַ זוכער פון אמת און גערעכטיקייט.

אין דער וועלט־ליטעראַטור געהערט ער צו די, וואָס האָבן אויף אַ זעלטענעם אופן, דורך פאַנטאַסטישע עלעמענטן אויפגעבויט אַ רע־אַלע וועלט און פאַרויסגעזען אַ ברוטאַלע ווירקלעכקייט מיט דער הילף פון האַלוציניאַציע און מיטאָס.

ווי אַ קינסטלער וואָלט מען וועגן קאַפקאַן געקאָנט זאָגן דאָס זעל־בע, וואָס ער גופא האָט געזאָגט וועגן פּיקאַסאָ. ווען דער יידיש־טשע־כישער שרייבער האָט געזען אין פּראַג די ערשטע אויסשטעלונג פון פּיקאַסאָס קוביסטישע ווערק און זיינער אַ פריינד האָט אים געזאָגט, אַז דער מאָלער דעפאָרמירט די ווירקלעכקייט, האָט אים קאַפקאַ גע־ענטפערט : „פּיקאַסאָ ווייזט אונדז די דעפאָרמירונגען, וואָס זענען נאָך

לילי בערגער

נישט דערגאַנגען צו אונדזער באַוווּסטזיין. די קונסט איז אַ מין שפּיגל, וואָס איז ענלעך צו אַ זייגערל, וואָס לויפט, ווייזט די צייט פאָרויס".

ער, קאַפקאַ, איז פאַרלאָפן די צייט און געוויזן אין זיינע ווערק מענטשלעכע דעפאַרמאַציעס, גרויליקע געשעענישן וועגן וועלכע מען האָט פריער נישט געאַנט.

פּאַריז, יוני 1974.

מאַרסעל פּרוסט

(צו זיין הונדערט־יאָריקן געבוירן־טאָג)

מ׳האָט אים אין זיין פריער יוגנט גערופן „דער פּרינץ פון טויזנט און איין נאַכט״. און ווען מען טראַכט זיך אַריין אין זיין לעבן, ווען מען קוקט זיך צו צו זיין דערגנער־וועג צו דער ליטעראַטור, זעט עס אויס ווי אַ טרויעריקע מעשה פון טויזנט און איין נאַכט, הגם געוויסע טעותן און עוולות, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן לגבי אים, האָבן צייטנווייז געטראָפן נישט איין גרויסן שעפער.

אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור זענען באַקאַנט נישט ווייניק פאַלן, ווען טאַלאַנטירטע שרייבער זענען לאַנג נישט אָנערקענט געוואָרן און צומאָל אויסגעלאַכט געוואָרן פון אַנדערע גרויסע שרייבער — פון אָפיציעלע קריטיקער איז אָפּגערעדט, זיי האָבן אַ טאַלאַנט זיך טועה צו זיין. געטע האָט געהאַלטן פון זיין מיטצייטלער קלייסט און פאַרביטערט אים די יאָרן. וועגן געטען, דאַקעגן, האָט גערעדט מיט שוים אויף די ליפּן וויקטאָר הוגאָ. וואָלטער האָט גערופן שעקספּירן „דער שיכורער באַרבאַר״, כאָטש ער האָט צוגענויגט דאָס אויער צום „באַרבאַרס״ ווערק. נאָך אַ ווייניקער געהויבענע מיינונג האָט וועגן שעקספּירן געהאַט דער גרויסמוטיקער טאָלסטאָי. דער מחבר פון „מלחמה און שלום״ פלעגט זיך פאַרקרימען, ווען מען האָט דערמאָנט דעם נאָמען פון גרויסן ענגלישן דיכטער און דראַמאַטורג. מ׳וואָלט געקאָנט ציען די רשימה אָן אַ סוף. מען דאַרף נאָך דערמאָנען, אַז אין יידישן ליטעראַרישן וועלטל האָבן אויך נישט געפעלט — און פעלן נישט הייַנט — אַזעלכע פאַלן. ס׳איז באַקאַנט, אַז אונדזער גרעסטער היסטאָריקער, דער קדוש שמעון דובנאָוו, וועלכער איז אויך געווען אַ געניטער ליטעראַטור־קריטיקער, האָט נישט שטאַרק געהאַלטן פון י. ל. פּרצן.

ס׳איז אַ לאַנגע טעמע און מיר וועלן נישט פּרוּוון זיך דאָ אָפּשטעלן אויף דער־אָט דערשיינונג אָדער רעטעניש. זי איז דערמאָנט בלויז אין שייכות מיטן באַרימטן פראַנצויזישן שרייבער מאַרסעל פּרוסט וועמענס הונדערט־יאָריקער געבוירן־טאָג ס׳איז איצט געפייערט געוואָרן מיט אַזוי פיל פּיעטעט און אויף אַ זעלטן ברייטן פאַרנעם. און זענען דאָך די שרייבערישע קאַריערע און דאָס גרויסע ווערק זיינס דורכגעגאַנגען די סאַמע משונהדיקסטע גילגולים ביז דער שרייבער איז דערגאַנגען צו אַלטוועלטלעכן רום. לגבי אים, פּרוסטן, זענען געמאַכט געוואָרן די גרעסטע טעותן, מ׳האָט אים נישט איין מאָל אָנגעטאָן געבערענטע און געבראָטענע צרות און נאָך אַלעמען ארויפגעזעצט אַ קרוין אויפן קאָפּ. און מען קרוינט אים כסדר אויפסניי.

זינט מאַרסעל פּרוסט איז אין 1922 געשטאָרבן האָלט מען אים אין איין אַנטדעקן. אמת, פאַר זיין לעבן האָבן שוין אָנגעהויבן חרטה האָבן אויף זייער אָפּשאַצונג אַזעלכע שרייבער, ווי אַנדרע זשיד, וועלכער האָט געפּסלט דעם ערשטן באַנד פון דער באַרימטער סעריע ביכער, וואָס טראָגט דעם טיטל „דאָס זוכן די פאַרלוירענע צייט״, אַ ווערק, וואָס איז יאָרן נאָכן טויט פון שרייבער אָנערקענט געוואָרן אין דער מזרח־וואַנט פון דער וועלט־ליטעראַטור. אינטערעסאַנט און באַלערנדיק איז דער פאַל פּרוסט נישט בלויז דערמיט וואָס זיין דראַמע איז 50 יאָר נאָך זיין טויט אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן טריאומף, נאָר אויך וואָס פון צייט צו צייט ווערט דער שרייבער אויפסניי אַנטדעקט.

***

וועגן מאַרסעל פּרוסטן און זיין ווערק איז ביז היינט שוין דערשינען אַ ריזיקע ליטעראַטור. צום הונדערט־יאָריקן געבוירן־טאָג זענען אויפסניי דערשינען אָן אַ שיער אָפּהאַנדלונגען. קריטיקער, ליטעראַטור-היסטאָריקער האָבן ווידער אַמאָל אָנגעהויבן פאַרשן דעם פענאָמען מאַרסעל פּרוסט, האָבן אויסגעפונען נייע אַספּעקטן און נייע ווערטן אין זיין ווערק. די ליטעראַרישע אויסגאַבעס זענען ממש געגאַנגען אין וועטגעיעג איבערצושטייגן איינע די אַנדערע אין נייע אַנטדעקונגען אין שרייבערס שאַפונג, אויסצוגעפינען נייע געשעענישן, פּרטים, אויפפירונ־

גען אין זיין לעבן.* אַ ספּעציעלע, לאַנג־צוגעגרייטע אויסשטעלונג האָט פאַרנומען אַלע זאַלן פון דעם זשאַקמאַר־מוזיי; ס׳איז אויסגעשטעלט געוואָרן יעדעס מינדסטע שטיקל פאַרנאָטירט פּאַפּיר. מ׳האָט מיט דער הילף פון געניטע, קינסטלערישע הענט אויפגעלעבט „קערפּערלעך״ געוויסע זיינע פּערסאָנאַזשן, איבערהויפּט פרויען־פיגורן אַזוי ווי פּרוסט האָט זיי געשילדערט. איך האָב זיך אויסגעקליבן אין אַ הייסן אויגוסט־טאָג מיט דער אויסרעכענונג צו זיין צווישן איינצעלנע באַזוכער. כ׳האָב אַ טעות געהאַט. און מערקווירדיק: די אויסשטעלונג האָט אויך צוגע־צויגן די אויסלענדישע טוריסטן און דאָס נישט נאָר ליטעראַטור־קענער.

דעם יידישן לייענער וועט זיכער אינטערעסירן מאַרסעל פּרוסט אויך דערפאַר, ווייל דער שרייבער איז געווען אַ האַלבער ייד, פון דער מאַמעס צד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין קליינע אויסווירקונג אויף זיין לעבן און שאַפן. איידער מיר וועלן זיך אָבער אָפּשטעלן אויף זיין סבי־בה, זיין לעבן, וואָס איז ענג געבונדן מיט זיין שאַפן, וועלן מיר כאַפּן אַ בליק אויף זיין שרייבערישן שווערן וועג.

זיין ערשט בוך האָט ער אָפּגעגעבן צום דרוקן, ווען ער איז אַלט געווען 25 יאָר. מאַרסעל פּרוסט איז שוין דעמאָלט באַקאַנט געווען, ווי אַן אינטעלעקטואַל, געשריבן פון לאַנג קונסט־קריטיק. אָבער כדי דאָס ביכל זאָל דערשיינען, האָט ער געמוזט אָנקומען נאָך אַ הקדמה צו אַנאַטאָל פראַנסן. פאַר דער קריטיק איז דאָס נישט גענוג געווען. מ׳האָט דאָס בוך אויפגענומען מער ווי קאַלט. אגב באַהויפּטן געוויסע קריטיקער, אַז נישט אַנאַטאָל פראַנס גופא האָט אָנגעשריבן די הקדמה. דער גרוי־סער שרייבער זאָל האָבן באַוויליקט צו געבן זיין נאָמען צו דעם, וואָס אַן אַנדערער האָט אָנגעשריבן. און לייענט מען זיך גוט אַריין אין פּרוסטס ערשט בוך, וואָס טראָגט דעם טיטל „פרייד און טעג״, איז נישט שווער צו באַמערקן, אַז די קליינע סקיצן־דערציילונגען זענען שוין שפּליטערן, אָדער ערשטלינגען פון זיינע שפּעטערדיקע ווערק. פאַראַן שוין אין זיי די שאַרפע אָבסערוואַציע, דער ריטם, די מוזיק פון זיין שפּראַך, דאָס בינדן זיין שרייבערישע קונסט מיט מאָלעריי, מוזיק, דער

* דער שרייבער זשאַרזש בעלמאַן האָט אויפגעזוכט פּרוסטס געוועזענע באַדינערין, די אַלטע סעלעסט אַלבאַרע און אויפגענומען פון איר אַלע אירע דערינערונגען פון וועלכע ס׳איז אַנטשטאַנען אַ נײַ דאָקומענטאַל־בוך וועגן פּרוסטן.

עיקר אין די אייניקע לידער; דאָס וווּנדערבאַרע מאָלן פון דער נאַטור און די שטאַרקע באַדערפעניש אויסצוגיסן אויפן פּאַפּיר אויטענטישע איבערלעבונגען. „דאָס לעבן איז אַזאַ שווערע זאַך, עס דריקט אונדז אַזוי שטאַרק פון דער נאָענט, אַז די נשמה טוט אומאויפהערלעך ווי...” און פון דעם דרוק, פון דעם ווייטיק איז געקומען די באַדערפעניש צו שרייבן, אויסצופורעמען זיין גאַנץ ווערק.

קריטיקער ציטירן אָפט, כדי צו באַווייזן די פעדים, וואָס האָבן אים געבונדן מיט אַ געוויסער יידישער גייסטיקייט, זיין באַליבטע גע־שטאַלט נח. אָבער שוין אין דער הקדמה צום ערשטן בוך באַגעגענען מיר זיך מיט דער ביבלישער נח־געשטאַלט.

פּרוסט איז פון קינדהייט אָן געווען אַ קרענקלעכער, דערנאָך אַ שווער קראַנקער. אין שייכות דערמיט שרייבט דער מחבר אין דער הקדמה צום ערשטן בוך, וואָס האָט נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג, אַזוי וועגן נחן: „ווען איך בין אַ יונג קינד געווען האָט מיר קיין שום גע־שטאַלט פון תנ״ך נישט אויסגעזען אַזוי אומגליקלעך ווי נח, און דאָס צוליבן מבול, ווען ער איז 40 טעג פאַרשפּאַרט געווען אין דער תבה. דערנאָך בין איך אָפט געווען קראַנק און במשך פון לאַנגע טעג געמוזט בלייבן פאַרשפּאַרט אין אַ „תבה”. כ'האָב דעמאָלט פאַרשטאַ־נען, אַז נח האָט קיינמאָל אַזוי גענוי נישט געקאָנט זען די וועלט, ווי פון דער תבה, הגם זי איז געווען פאַרמאַכט און פינצטערניש האָט גע־הערשט אויף דער וועלט...” און ווייטער וועגן זיין באַציאונג צו זיינע פאַרשוינען: „זיי זענען צו שוואַך זיי זאָלן קאָנען דערגרייכן דאָס גוטע, צו ווירדיק, זיי זאָלן קאָנען אויסנוצן דאָס בייז. דער באַוווּסטזיין אין מיר, אַז זיי האָבן געליטן, דערלויבט מיר נישט צו רעדן וועגן זיי אין מיינע קליינע עסייען אַנדערש ווי מיט אויפריכטיקער, גרויסער רחמנות...”.

ובכן, אין די קליינע עסייען, ווי ער רופט זיינע ערשטע פּראָזע־שאַ־פונגען, איז שוין פאַראַן דער שפּעטערדיקער גרויסער שרייבער מאַרסעל פּרוסט. נישט וויכטיק זענען די שפּעטערדיקע אַמפּערנישן צי פּרוסטס שאַ־פונגען זענען עסייען, מעמואַרן אָדער ראָמאַנען. מאַרסעל פּרוסט גופא האָט זיי נישט קלאַסיפיצירט, ער האָט בלויז באַגערט, אַז דאָס געשריבענע זאָל געדרוקט ווערן, און דעם וועג צום דרוקן האָט מען אים אָפטמאָל פאַר־שטעלט. דאָס צווייטע בוך, וואָס ער האָט פאַרגעלייגט, „פון דער זייט פון סוואַן” און וואָס איז אין דער אמתן נישט געווען זיין צווייט בוך, אָבער עס האָט אָנגעהויבן זיין גרויסן ציקל „דאָס זוכן די פאַרלוירענע צייט”.

האָט דער באַקאַנטער פראַנצויזישער פאַרלאַג „גאַלימאַר" אָפּגעוואָרפן. אַנ־דרע זשיד האָט באַקומען מצד דעם פאַרלאַג צו לייענען דעם טעקסט און ער האָט אָפּגעפּסקנט: ניין! עס טויג נישט צום דרוקן.

דאָס געפּסלטע בוך איז דערשינען ערשט אין 1913, 17 יאָר נאָך דעם, ווי ס'איז דערשינען דאָס ערשטע — „פרייד און טעג". און אַרויס־געגעבן האָט דאָס פּרוסט אויף אייגענע הוצאות, אויף אייגענער פאַ־ראַנטוואָרטלעכקייט אין אַן אַנדערן פאַרלאַג. דער מחבר פון „דאָס זוכן די פאַרלוירענע צייט" האָט שוין פון לאַנג געהאַט פאַרטראַכט און דורכ־געטראַכט זיין גאַנץ ווערק. אויף זיין שרייבערישן וואָרשטאַט זענען גע־לעגן מאַנוסקריפּטן פאַרטיקע און אַנגעהויבענע, סיי פון דעם גרויסן ציקל, סיי באַזונדערע. אין 1914 האָט ער אין צייטשריפטן פאַרעפנטלעכט ברייטע אויסצוגן פון זיין בוך אין צוויי בענדער „פון דער זייט פון גערמאַנט", וואָס איז אַריין אין טאָוולען ערשט אין 1920. ער האָט געמוזט ווידער זוכן אַ פאַרלאַג. אין נייעם פאַרלאַג איז אין 1919 דערשינען דאָס בוך „אין שאָטן פון יונגע מיידלעך אין בלומען". דער קראַנקער פּרוסט איז צו יענער צייט צעטרייסלט געווען פונעם שטרייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער גאָנקור־אַקאַדעמיע. דער שרייבער דאָדע האָט איינגעלייגט וועלטן מ'זאָל פּרעמירן דאָס בוך און בלויז אַדאַנק אים האָט מאַרסעל פּרוסט נאָך לאַנגע אַמפּערנישן אין דער פילצאַליקער זשורי, באַקומען דעם גאָנקור־פּרייז מיט אַ מערהייט פון בלויז צוויי שטימען. דאָס איז געווען דריי יאָר פאַרן טויט, ווען זיין גרויס ווערק איז שוין כמעט פאַרענ־דיקט געווען. אין די דריי יאָר זענען בלויז דערשינען „פון דער זייט פון גערמאַנט", „סדום און עמורה" און אייניקע קריטישע אַרבעטן.

דאָס גייסטרייכע און טרויעריקע לעבן פון מאַרסעל פּרוסט האָט זיך אויסגעלאָשן אין עלטער פון 51 יאָר. זיין ברודער, ד"ר ראָבער פּרוסט האָט צונויפגעזאַמלט זיינע מאַנוסקריפּטן, בריוו, נאָטיצן. עס זענען אין די ערשטע דריי יאָר דערשינען די ווייטערדיקע בענדער פון דער סעריע: „דאָס זוכן די פאַרלוירענע צייט" — „די אַרעסטאַנטין", „די פאַרלוירענע אַלבערטין", „די געפונענע צייט". אָבער זיין גרוי־סער ראָמאַן „זשאַן סאַנטוי", וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַר זיין באַ־רימטן ציקל און וואָס איז, אַ פשיטא, דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע ווערק צו דערקענען זיין שרייבערישע פּערזענלעכקייט, האָט זיך באַוויזן אין בוך־פאָרם ערשט 30 (דרייסיק) יאָר נאָך זיין טויט. אויך דרייסיק יאָר אומגעפער נאָך זיין טויט האָט דער פאַרלאַג „גאַלימאַר", דער זעל־

בער, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן דאָס ערשטע בוך פון דער סעריע, מיט פיעטעט און פלייס — כדי אַנדערע פאַרלאַגן זאָלן נישט אויסכאַפּן — אַרויסגעגעבן דעם גאַנצן ציקל „דאָס זוכן די פאַרלוירענע צייט" אין 7 בענדער. היינט דערשיינען נייע אויפלאַגעס אין קליינעם פאָרמאַט פאַר מאַסן־פאַרקויף. היינט זוכט מען און מען נישטערט ווייטער אין די אַרכיוון אויסצוגעפינען נאָך נישט אַרויסגעגעבענע קאָרעספּאָנדענץ און מען קאָמענטירט יעדעס שטיקל אָפּגעפונען פאַרשריבן פּאַפּיר.

***

ווי שוין דערמאָנט, איז דער פּענאָמען מאַרסעל פּרוסט אַרויסגע־וואַקסן פון צוויי שטאַמען. אַ שיין, יונג יידיש מיידל האָט חתונה גע־האַט מיט אַ פיל עלטערן פון איר אַנגעזעענעם פראַנצויזישן דאָקטער פון פּאַריזער שפּיטעלער און פּראָפעסאָר פון דער מעדיצינישער אַקאַ־דעמיע. דעם 19־טן יולי 1871 איז ביים פּאָרפּאָלק געבוירן געוואָרן אַ זון — מאַרסעל. די מוטער פון מאַרסעלן, זשאַן ווייל, איז געווען אַ טאָכטער פון יידישע פאַרמעגלעכע סוחרים, אָפּשטאַמיקע פון עלזאַס, און ס'וועט נישט זיין איבעריק צו דערמאָנען, אַז דער באַוווּסטער אַדאָלף קרעמיע איז געווען איר פעטער. דער פאָטער זיינער אַדריען פּרוסט, דער מעדיקער און פּראָפעסאָר, האָט זיין ייחוס געצויגן פון דער איינגע־וואָרצלטקייט אין דער פראַנצויזישער ערד; דאָס שטעטל איליע, די דאָרפישע רעזידענץ (ווו עס געפינט זיך די באַרימטע קאַטעדראַלע מיטן זעלבן נאָמען) פון דעם פאָטערס עלטערן ביי וועלכע דער קליינער מאַרסעל פלעגט פאַרברענגען זיינע זומער־פעריען, האָט שפּעטער דער שרייבער פאַראייביקט אין זיין גאַנץ ווערק. זעט אויס, אַז פון קינדווייז אָן האָט מאַרסעל פּרוסט איינגעזאַפּט אין זיך דעם אומעט און די פרייד פוןביידע שטאַמען, דער עיקר דאָס גייסטיק־ספּיריטועלע.

אויסערלעך איז ער אָבער אין גאַנצן געווען ענלעך צו דער יידי־שער מאַמע. זיינע סאַמעט־שוואַרצע, אומעטיקע אויגן האָבן אים נישט איין מאָל „פאַרראַטן" צווישן מענטשן, וועלכע האָבן זיין אָפּשטאַם נישט געקענט. די שטוב איז געווען אַ קאַטוילישע, אָבער זשאַן ווייל האָט וואָרשיינלעך אין אירע טיפסטע טיפענישן זיך געפילט ווי אַ יידישקע. יעדנפאַלס האָט זי געהאַט די אייגשאַפטן פון אַ יידישער מאַמע — זי האָט געצאַפּלט און געציטערט איבער איר קרענקלעך יינגל, בעת דער פאָטער דער מעדיקער האָט זיך באַצויגן צום זון שטרענג.

מאַרסעל פּרוסט האָט פון קינדווייז אָן געליטן פון אַ שווערער אַסטמע. צו דער קראַנקייט, וואָס האָט אים שפּעטער יאָרן־לאַנג צוגע־שמידט צום בעט, איז פון די ייִנגסטע יאָרן צוגעקומען אַ נישט גע־ווײנלעכע עמפּינדלעכקייט, וואָס איז געווען געפּאָרבט מיט גרויסער ליבשאַפט צו דער מאַמען. זי, די ייִדישע מאַמע, האָט געמוזט אַ־יסבאַ־האַלטן פאַרן מאַן דעם מעדיקער די קרענקלעכע עמפּינדלעכקייט פון ייִנגל און זיין גרויסע ליבשאַפט צו איר. די צערטלעכע באַציאונגען צווישן מוטער און זון האָבן אָנגעהאַלטן ביזן פּריצייטיקן טויט פון זשאַן ווייל.

אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור זענען באַקאַנט נישט ווייניק פאַלן פון גרויסער ליבשאַפט מצד שרייבער צו זייערע מאַמעס. דער באַקאַנטער פּוילישער דיכטער יוליוש סלאָוואַצקי, איז אויך באַ־קאַנט פון זיין באַציאונג צו זיין מוטער, וועלכע ער האָט באַשאַנקען מיט הייסע געפילן. מאַרסעל פּרוסט האָט זיין מוטער ממש פאַרגעטערט, ווי ער וואָלט פון קינדווייז אָן געזוכט ביי איר עפּעס אַ מיסטישן אָנ־שפּאַר פאַרן קרענקלעכן גוף. ער האָט נישט געקאַנט איינשלאָפן, ווי מיר זעען דאָס אין זיינע ביכער, אָן דער מאַמעס אַ קוש, אָן אירן אַ צערטלעכן בליק. לייענט מען זיינע ווערק, ווו ער ברענגט אַרויס זיין באַדערפע־ניש נישט נאָר נאָך דער מאַמעס צערטלעכקייטן, נאָר אויך צו פאַרקערן מיט איר, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז צווישן מאַמע און זון איז אויך געווען אַ גרויסע גייסטיקע קרובהשאַפט. אויך שפּעטער, ווען דער יונ־גער פּרוסט האָט זיך שוין געהאַט דערוואָרבן אַ סך בילדונג און וויסן, איז די גייסטיקע פאַרבינדונג געווען מיט דער מוטער און נישט מיטן פאָטער דעם אינטעלעקטואַל. פּסיכאָלאָגן וואָלטן דאָ געקאַנט געפינען אַ פעלד פאַר פאָרשונג.

פּרוסט איז אויך געווען מער צוגעבונדן צו דער משפּחה פון דער מאַמעס צד, ווי צו דער פון טאַטנס צד. דאָס איז געווען עפּעס אַ מיסטיש אינטימע צוגעבונדנקייט. ווען די קראַנקייט האָט אים געהאַלטן לאַנג אין קלעם און נישט דערמעגלעכט אים אַרויסצוגיין פון שטוב, האָט ער זיך נישט איין מאָל באַקלאָגט, אַז ער קאָן צומאָל נישט גיין אויפן קבר פון זיין זיידן ווייל. און דער ייִדישער זיידע ברוך ווייל איז געווען אַ מיטגליד פון דער פאַריזער קאָנסיסטאָריע, פאַרנומען זיך מיט ייִדישע, קהלישע ענינים, מיט אַ סינאַגאָגע, בעת אין שטוב פון שרייבערס על־טערן און אין דער דאָרפישער רעזידענץ פון דעם פאָטערס משפּחה, ווו

דער יונגער מאַרסעל האָט אַ סך פֿאַרברענגט, האָט געהערשט אַ שטרענג קאַטוילישע אַטמאָספער. עפּעס מיסטעריעזעס איז פֿאַראַן אין דער באַזונדערס נאָענטער און וואַרעמער באַציאונג צו די יידישע קרובים, דער עיקר צום יידישן זיידן, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז קאַטויליש־אַריסטאָקראַטיש איז אין דער יוגנט געווען אויך זיין אַרומיקע סביבה אין וועלכער מ׳האָט אים געקרוינט מיטן נאָמען דער פּרינץ פֿון טויזנט און איין נאַכט.

די סאָציאַלע און אינטעלעקטועלע פּאָזיציע פֿון פֿאָטער, זיין אייגענע אויסבילדונג און די אַלזייטיקע קולטור, וואָס ער האָט זיך פּרי דערוואָרבן, האָבן געעפֿנט פֿאַר אים דעם וועג צו דער פּאַריזער „הויכער געזעלשאַפֿט”. און ס׳איז ממש אַ פּאַראַדאָקס: פּונקט ווי מ׳האָט שפּעטער געוואָלט פֿאַרמאַכן פֿאַר אים די טיר צו דער ליטעראַטור, אַזוי האָט מען פֿריער ברייט געעפֿנט פֿאַר אים טיר און טויער צו די באַרימטע, אַמאָליקע, פּאַריזער סאַלאָנען, וווּ דער יונגער, עלעגאַנטער, געבילדעטער פּרוסט האָט פֿאַרבראַכט נישט נאָר ביי דער זייט פֿון אַריסטאָקראַטן־סנאָבן, פּרינצן און פּרינצעסינס און אַנדערע הויכע לייט, נאָר האָט זיך אויך באַגעגנט מיט נישט ווייניקער שרייבער און אַנדערע קינסטלער.

בעת אַ וויזיט ביי אַנאַטאָל פֿראַנסן האָט דער יונגער עלעגאַנט געפֿרעגט דעם גרויסן שרייבער ווו עס ליגט דער סוד פֿון זיין שרייבערישן דערפֿאָלג. פֿראַנס האָט אים געענטפֿערט, ווי עס גייט איבער דער פּרוסט־פֿאָרשער קאַטאַוי בזה הלשון: ס׳איז פּשוט, מיין טייערער מאַרסעל, אין אייער עלטער בין איך נישט געווען אַזוי שיין ווי איר, איך בין נישט געגאַנגען אין קיין געזעלשאַפֿטן. איך בין געזעסן ביי זיך אין שטוב און געלייענט. מ׳דאַרף לייענען אומאויפֿהערלעך.״ וועגן שרייבן פֿון גאַסט האָט ער נישט גערעדט, ווייל ער האָט נישט געגלויבט אין זיין טאַלאַנט. אגב האָט אַנאַטאָל פֿראַנס זיך נישט איין מאָל טועה געווען. ער האָט אויך געהאַט אונטערגעשאַצט זאָלאַס געוויסע ביכער און יאָרן שפּעטער, בעת ער האָט גערעדט ביי זיין אָפֿענעם קבֿר, האָט ער געזאָגט, אַז „זאָלאַ איז דאָס געוויסן פֿון דער וועלט”. וואָס שייך זיין דעמאָלסטיקער מיינונג וועגן פּרוסטן, איז דער אמת געווען אַזאַ, אַז דער פּרוסט פֿון די סאַלאָנען האָט טאַקע „אומאויפֿהערלעך” געלייענט, שטודירט און איינגעזאַפּט אין זיך וויסן ווי אַ שוואָם וואַסער. אויך אין דער „הויכער געזעלשאַפֿט” האָט ער שטודירט, געפֿאָרשט, אָבסערווירט מיט אַן אויג פֿון אַ קינסטלער. ער האָט דערקענט די פּוסטקייט, דעם סנאָביזם און עגאָיזם,

די שנאה־קנאה, די אינטריגעס פון אַ שיכט, וואָס ער האָט אַזוי אייגנאַר־טיק־מייסטערהאַפט אַרויסגעבראַכט אין זיינע ווערק. גלייכצייטיק האָט ער זיך פאַרנומען מיט קונסט — מיט מאַלעריי און דער עיקר מיט מוזיק. אפשר דערפאַר דאַרף מען זיך קעגען אויף מוזיק, ווייניקסטנס זי טיף אָפּפילן, כדי צו פאַרשטיין געוויסע פראַגמענטן פון זיינע ביכער. זיין העלד סוואַן הערט זיך אין סאַלאָן צו צום שפּילן פון פּיאַניסט ווינטעי און פלוצלונג ווערט ער אויפגעטרייסלט פון אַ „פראַזע", אַ טאָן, וואָס לאָזט אים דערנאָך אַ לאַנגע צייט נישט רוען.

**
*

פּרוסט גייט בדרך כלל אָן פאַר אַ מחבר פון איין פיל־באַנדיק ווערק. דער אמת איז, אַז ער איז מער ווי בלויז דער מחבר פון דעם ציקל „דאָס זוכן די פאַרלוירענע צייט". ער האָט געשריבן נאָך אַנדערע ווערטפולע ביכער, ווי זיין דערמאָנטן ראָמאַן „זשאַן סאַנטוי"; ער איז אויך געווען ליטעראַטור־און קונסט־קריטיקער, איבערזעצער. דער ענגלישער שרייבער, קונסט־קריטיקער און סאָציאָלאָג ראַסקין האָט אים געהאָט צו פאַרדאַנקען, וואָס זיינע ביכער זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין פראַנצויזיש; אגב איז פּרוסט לאַנג געווען אונטער ראַסקינס איינפלוס. ס'איז כדאי צו דערמאָנען זיינע וואַגיקע קריטישע אַרבעטן וועגן באַלזאַקן און סענט־בעוון, הגם ער איז קינסטלעריש געווען מיט דעם לעצטן אויף קידער־ווידער. און פּונקט ווי סענט־בעוו האָט אים אויסגעזען צו זיין אין דער קריטיק אַ „פאַלשער נביא", אַזוי איז באַלזאַק געווען פאַר אים אין דער בעלעטריסטיק אַ „לויכטנדיקער שטערן". באַלזאַק איז אויך געווען אין אַ געוויסער מאָס זיין וועג־ווייזער. ער האָט לויט זיין ביישפּיל פאַרטראַכט אַ פיל־באַנדיק, אַלזייטיק ווערק. אָבער נעמענדיק „די מענטשלעכע קאָמעדיע" ווי אַ מוסטער, האָט ער געצילט צו זיין לחלוטין אַנדערש, ווייל אין זיין מהות איז ער געווען אין גאַנצן אַנדערש. באַלזאַק האָט אים בלויז געדינט ווי אַ ביישפּיל צו שאַפן אַ צעצווייגט און גלייכצייטיק אַ פאַרגאַנצט ווערק אין וועלכן די העלדן און זייערע גורלות קרייצן זיך דורך אין פאַרשידענע ביכער. אויך פּרוסט איז אַן אַנאַליטיקער פון אַ סביבה און פון אַן עפּאָכע, אָבער ער, דער עסטעט־מעטאַפיזיקער און טיפזיניקער פסיכאָלאָג, האָט געזען די מענטשן און זייערע האַנדלונגען נישט פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק, פון דער אינערלעכער וועלט פון זיינע פאַרשוינען, הגם ער באַשרייבט מיט אַזוי פיל פּרטים זייער אויסערלעכן

אויסזען, די עלעגאַנטע טואַלעטן פון די פרויען, דעם אויסערלעכן גלאַנץ. און אויב עס רעדט זיך וועגן באַשרייבערישקייט, דאַרף מען דערמאָנען, אַז זעלטן וועלכער שרייבער האָט מיט אַזוי פיל פּינקטלעכקייט, חן, מיט אַזאַ קלאַנג און רייכער פילפאַרביקייט געמאָלן די נאַטור, וואָס שימערירט ביי אים מיט אַלע קאָלירן, זינגט מיטן רויש פון בלעטער, מיטן שווישטשען פון די פייגל. ער באַשרייבט אַ בלאַט געגנער מיט אַלע שניצן און אָדערן פּונקט ווי ער שילדערט אַן עלעגאַנט פרויען־קלייד פון יענער סביבה און יענער עפּאָכע.

פּרוסט איז אָבער נישט קיין פּשוטער שילדערער, קיין באַשרייבער־דערציילער. מ׳האָט זיך לאַנג געשפּאַרט, שוין נאָך זיין טויט, ווען פּרוסט איז שוין אָנערקענט געוואָרן ווי אַ שרייבער מיט אַ ברייטן פּאַרנעם, צו וואָסער זשאַנער מ׳זאָל פאַרעכענען זיין שאַפונג: איז דאָס אַ ספּעציע־לער מין עסייאיסטיק אָדער ראָמאַן? אפשר הויך־קינסטלערישע מעמואַ־ריסטיק? שרייבט ער דאָך ס׳רוב אין דער ערשטער פּערזאָן.

היינט ספק קיינער נישט, אַז זיינע שריפטן זענען ראָמאַנען, ראָמאַ־נען אין וועלכע עס פלעכטן זיך צוזאַמען עסייען און מעמואַרן, אויטאָ־ביאָגראַפישע, אויטענטישע עפּיזאָדן און ליטעראַרישע פיקציע. ער איז איינער פון די שעפער פונעם נייעם ראָמאַן אין וועלכן ער האָט אַריינ־געבראַכט נישט נאָר נייע פאָרמען, נאָר אויך נייעם אינהאַלט.

זאָל זיין, אַז זיי ׳ענען ראָמאַנען, דאָס מען נאָך אַרגומענטירט, אָבער אויטאָביאָגראַפישע.

אין די מעשה אָבער וואָס בדרך כלל פאַרמאָגט אַ קינסטלערישער, אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן אויך פיקציע, אויסגעטראַכטע עלעמענטן, און דער ראָמאַן, וואָס איז ווייט צו זיין אַן אויטאָביאָגראַפישער, אַנטהאַלט אין זיך אויטאָביאָגראַפישע עלעמענטן.

פּרוסט איז אַ שרייבער מיט אַן אויסערסט רייכער אינערלעכער וועלט. ער האָט געקאָנט פון זיך גופא אַרויסברענגען אַ סך. ער האָט זיך פונאַנדערגעטיילט צווישן זיינע פּערסאָנאַזשן, סוואַן, בערגאָט, סען לו און דער עיקר זשאַן סאַנטוי — דאָס איז ער. און דאָס זענען אויך אַנדערע, זיינע מיטציייטלער און דאָס זענען אויך מיר. אין דעם באַשטייט זיין אייגנאַרט. ער איז נישט אין אינדיוווידואום, נאָר אַ סך, אַ סך. ער איז אויך צעזייט אין זיינע פּערסאָנאַזשן, אין זיינע מיטמענטשן, וואָס געפינען זיך אָפּ אין זיינע ווערק. „איז דען אַ ווערק נישט קיין אָפּטישער איינ־

סטרומענט, וואָס גיט דעם לייענער אַ מעגלעכקייט אַריינצובליקן אין זיך גופא...? — לייענען מיר אין „די אָפּגעפּונענע צייט״. פּרוסט האָט אויך געהאַט געזאָגט, אַז דעם זעלבן פּערסאָנאַזש זייַנעם וואָלט מען געקאָנט געבן נעמען פון 60 מענטשן, וועלכע ער האָט געקענט. ביי יעדן פון זיי האָט ער עפּעס גענומען, און יעדערער פון זיי, אויב ער זוכט זיך, קאָן זיך געפינען. מען דאַרף דערצו צוגעבן, אַז דער מחבר האָט זיך גופא אָפּ־געפונען אין אַ סך פון זיינע העלדן און גאָר באַזונדער אין זשאַן סאַנטוי, וועלכן ער האָט מיט אַ כוונה אָדער אָן אַ כוונה געשטאַלטיקט לויט זיין אייגענעם איך. דער מחבר איז אומעטום, ווייל ער זוכט זיך.

לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו זיין הויפּט ־ ווערק אין דער סעריע פון 7 בענדער אין וועלכער דער ראָמאַן „זשאַן סאַנטוי״ און נאָך אַנדע־רע גייען נישט אַריין. וואָס איז זיין תמצית ? זיין אינהאַלט ?

דער טיטל קאָן אַריינפירן אין אַ טעות. דאָס איז ראשית כל. והשנית וואָלט נישט לייכט געווען צו געבן אַ קיצור פונעם אינהאַלט נישט נאָר פון דער גאַנצער סעריע, נאָר צומאָל פון איין בוך. ס׳איז נישט שייך צו רעדן דאָ וועגן אַ פּרעציזער פאַבולע, הגם זי שווימט דאָ און דאָרט אַרויס צווישן דעריגערונגען, מעדיטאַציעס פון נאַראַטאָר, צווישן די מאָנאָלאָגן און דיאַלאָגן פון די פּערסאָנאַזשן. מ׳וואָלט געקאָנט ריזיקירן און זאָגן, אַז די טעמע איז אַבסטראַקט, אָבער די אילוסטראַציעס צו דער טעמע זענען קאָנקרעטע, דער רייכער, פילפאַרביקער דעקאָר איז אַ רעאַלער.

„דאָס זוכן די פאַרלוירענע צייט״ איז די געשיכטע פון אַ מענטש־לעך געוויסן, ס׳קאָן זיין פון מענטשלעכן געוויסן בכלל, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער געשיכטע פון אַ יחיד, וועלכער האָט זיך פּרי אַרומ־געזען, אַז דאָס לעבן אין וועלכן ער שטעקט איז זינלאָז, פּוסט. חוץ דעם איז דער מענטש אין גרונט גענומען שטענדיק איינזאַם, אפילו ווען ער געפינט זיך צווישן אַנדערע מענטשן. זוכן די פאַרלוירענע צייט הייסט זוכן אַ זין, אַ קווינטעסענץ פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. דאָס גע־שעט אויף דער פּאַן פון מחברס דעריגערונגען. פון אָנהויב זענען די געשעענישן, די עפּיזאָדן, געזען דורך די אויגן פון אַ קינד, דערנאָך פירט אונדז דער נאַראַטאָר פון איין ברעג צו אַן אַנדערן פון אַן עפּאָכע. עס שוועבן פאַרביי אונדזערע אויגן אָן אַ שיער געשטאַלטן, לעבעדיקע, פולבלוטיקע מענטשן אין זייערע האַנדלונגען, די פּאַריזער סאַלאָנען, די דאָרפישע געגנט מיט אירע נאַטור־שיינקייטן, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן קאָמברעי. דאָס אַלץ איז געקניפּט און געבונדן מיטן נאַראַטאָר.

אַט דאָס איז די רעאַלע ראָם אין וועלכער דער מחבר האָט אַריינגעפּאַסט זיין מעטאַפיזישן אינהאַלט, זיין קאָנצעפּציע וועגן וועלט און מענטש, וואָס איז פול מיט ספיקות, סקעפּטיציזם. ס׳איז אַ ספק צי מיר קענען די נאָענטסטע מענטשן, צי מיר ווייסן אויף זיכער ווער ס׳איז אונדז אַן אויפריכטיקער פריינד און ווער אַ פיינד, אַזוי ווייט איז דער מענטש אַ רעטעניש פאַר אונדז און פאַר זיך גופא. ער, דער שרייבער, הייבט צומאָל אָן צו ספקן צי די אַלטע דינסט זייערע פראַנסואַז, וואָס איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דאָרפישן הויז, פון פּייזאַזש, האָט אים באמת ליב געהאַט. אפשר האָט זי אים אויך געהאַסט? די מענטשלעכע נשמה האָט דאָך אַזוי פיל פאַרבאָרגענע ווינקעלעך!

די אַלע רעטענישן פון מענטש, דאָס זינלאָזע מענטשלעכע לעבן שטויסט פּרוסטן צו פאַרזינקען זיך אין מעדיטאַציעס, צו זוכן אַן אויסוועג, אַ זין און ער געפינט דאָס אין קינסטלערישער שאַפונג. דאָס רעאַלע לעבן איז אַ מיראַזש, אַ חלום, דאָסווירקלעכע לעבן איז יצירה. דאָס לעבן באַקומט אַ זין, ווען מיר שאַפן דאָס איבער, ווען עס באַקומט אַ תיקון אין דער קונסט. די קונסט איז ווי אַ רעליגיע, זי דערלייזט דעם מענטש.

נישט קיין צופאַל, וואָס צווישן זיינע פּערסאָנאַזשן זיינען פאַראַן פאָרשטייער פון אַלע קונסט־געביטן, וואָס מען דעבאַטירט אַזוי פיל איבער קונסט. די מוזיק, וואָס איז פּרוסטן אַזוי נאָענט געווען צום האַרצן, איז דאָ פאָרטרעטן דורכן מוזיקער ווינטעי, וועמענס אַ „מוזיקאַלישע פראַזע״ האָט אים געשטויסן צו לאַנגע נאָכטראַכטענישן, צו אינטראָספּעקציע; די מאָלעריי האָט איר פאָרשטייער אינעם מאָלער עלסטער און די ליטעראַטור דווקא אין אַ יונגן, נאָך נישט אָנערקענטן טאַלאַנט. אין דעם שרייבער בערגאָט זעען מיר פּרוסטן גופא. ווען מען רעדט וועגן בערגאָטן מיט שבחים, זאָגט מען וועגן אים, אַז ער איז אָריגינעל, נישט ענלעך צו אַנדערע, רייצנד און שטאַרק אין זיין אויסדרוק און דער נאַראַטאָר גלויבט, אַז מ׳וועט סוף כל סוף זיך אַרומזען, אַז טאַקע דאָס אַלץ צוזאַמען איז טאַלאַנט. דרך אגב האָט פּרוסט, טראָץ אַלע שרייבערישע נסיונות, שטאַרק געגלויבט אין זיין טאַלאַנט.

דאָס האָט אים, אַ סברה, אַ סך געהאָלפן אונטערצונעמען דאָס גרויסע ווערק טראָץ דער גלייכגילטיקייט לגבי אים. און מ׳קאָן זאָגן, אַז פּרוסט האָט אונטערגענומען צו מאַכן אַן עקסקורסיע אויף אַן אומבאַקאַנטער ערד, צו זוכן אויף אַ נייעם אופן די פאַרלוירענע צייט נישט

אין פשוטן זין פון וואָרט, נאָר צו אידענטיפיצירן דעם מענטש אין זיין פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט, כדי צו אַנטדעקן נייע ווערטן און באַגריפן. פונקט ווי פאַר אַ באַגאַבטן מאָלער איז דער אַנעקדאָט בלויז דער פרע־טעקסט פאַר זיין מאָלערישער וויזיע, וואָס ער באַקומט אַרויס פון דער פאַרבן־מאַטעריע, פון די ליניעס, אַזוי זענען פאַר פרוסטן די קאָנקרע־טע סביבה, די העלדן אין זייערע האַנדלונגען געווען אַ מיטל צו אַנט־דעקן פאַרבאָרגענע אינערלעכע וועלטן אין מענטש.

אוודאי קאָן מען זאָגן, אַז דאָס איז נישט דער אויסשליסלעכער אייגנאַרט בלויז פון פרוסטן. און דער מחבר פון „דאָס זוכן די פאַר־לוירענע צייט" האָט אויסער באַלזאַקן געהאַט זיינע שרייבער, וואָס זע־נען אים געווען נאָענט צום האַרצן. דאָס זענען געווען אין דער ערשטער ריי באָדלער, פלאָבער, סטאַנדאַל, געטע. אָבער מאַרסעל פרוסט האָט קיינעמען נישט נאָכגעפאָלגט. ער האָט אַליין זיך אויסגעטאָרעוועט אַ וועג, געשאַפן אַ נייע פאָרם, אַ נייעם מוסטער פון אַ ראָמאַן אין וועלכן ער האָט אויף זיין אייגענעם אופן אויפגעדעקט די אַנאָמאַליעס פון מענטשלעכן לעבן, די שוואַכקייטן פונעם מענטש און די פוסט־קייט, נישטיקייט און זינלאָזיקייט פון אַ סביבה אין וועלכער ער האָט געלעבט. ער האָט אויך זיך נישט געשוינט, אויפגעדעקט אויך זיינע אייגענע שוואַכקייטן.

באַזונדער אייגנאַרטיק איז די קאָנסטרוקציע פון זיין ווערק. אויבנ־אויפיק קאָן זיך אויסדוכטן, אַז דער ציקל „דאָס זוכן די פאַרלוירענע צייט", ווי אויך אַנדערע ביכער, זענען אַנטשטאַנען אָן ספּעציעלער כראָנאָלאָגיע און פּלאַנמעסיקייט, הגם די פערסאָנאַזשן קרייצן זיך. טראַכט מען זיך אָבער אַריין, איז נישט שווער צו דערזען, אַז פרוסט האָט זיין גאַנץ ווערק און אין דער ערשטער ריי „דאָס זוכן די פאַר־לוירענע צייט" געשאַפן אַזוי ווי אַ גענייטער אַרכיטעקט בויט אַ גרוי־סע קונסט־געביידע. דאָס זענען נישט קיין באַזונדערע ביכער, נאָר אַ פאַרגאַנצטע איינהייט אין וועלכער דער מחבר האָט ווי דאַנטע אַריינ־געטראָגן פּלאַנמעסיק זיין גאַנץ לעבן, אַריינגעשפּינט אַלע זיינע טרוי־מען, חלומות און מחשבות. אַרכיטעקטאָניש קאָן מען אויך דאָס ווערק פון פרוסטן פאַרגלייכן צו אַ גרויסער, קאָמפּליצירטער קאָמפּאָזיציע פון אַ מאָלער, ווען דער קינסטלער צייכנט אויפן לייוונט אָן די קאָנטורן מיט בליי, רעכנט אויס דאָס אָרט, די פּאָזיציע פון יעדערער געשטאַלט, פון יעדן געגנשטאַנד, פּאַסט אַריין דאָ אַ וועג, דאָרט אַ בוים, אַ בלום.

נאָכן מאָלן די קאָמפּאָזיציע אויפן ליוונט, ווישן זיך אָפּ די קאָנטורן, עס פאַרשווינדן די באַזונדערע בליי־שטריכן, עס באַקומט זיך דעמאָלט אַן איינהייטלעך, פאַרגאַנצט בילד; אַזוי האָט מאַרסעל פּרוסט קאָנסטרויִרט זיין ווערק כמעט פון אָנהייב פון זיין שרייבערישער קאַריערע ביזן לעצטן אָטעם־צוג.

***

ער האָט אין די לעצטע יאָרן געאַרבעט ווי אין פיבער, די שווערע קראַנקייט האָט נישט פאַרהאַלטן זיין פעדער. ער האָט נישט מורא גע־האַט פאַרן טויט, האָט ער געזאָגט. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט קאָנען פאַרענדיקן זיין ווערק. אויך דאָס איז אַ באַווייז, אַז ער האָט שטאַרק געגלויבט אין זיין טאַלאַנט. און דאָס שרייבן איז געוואָרן פאַר אים נישט נאָר א זין אין לעבן, נאָר אויך עפּעס אַ מין געהיימע מיסיע, וואָס ער דאַרף, מוז אויספירן איידער ער צעשיידט זיך מיטן לעבן. ער, דער אַמאָליקער סאַלאָנען־מענטש, דער שטענדיק אויסגעבונדענער מיט פאַרשידענע קינסטלער און אַדעל־לייט, האָט זיך די לעצטע יאָרן ווי אַ נזיר אָפּגעשלאָסן פון אַלץ און אַלעמען אין זיין גרויסער קאַלטער פאַריזער וווינונג, וואָס ער האָט אגב אויך ווינטער נישט געלאָזט באַהייצן. וועגן זיין אויפֿ־פירן זיך דערציילט מען אויסטערלישע מעשיות: ער האָט ווייניק גע־געסן, ווייניק געשלאָפן, געאַרבעט אַ סך ביינאַכט. ער האָט נישט גע־האַלטן נישט פון קיין דאָקטוירים און נישט פון זייערע רפואות. זיין אייגענער ברודער, אַ דאָקטער־מעדיצין, האָט נישט געקאָנט אויספועלן ביי אים זיך צו לאָזן מאַכן איינשפּריצונגען. ער האָט געהאַט אַ מיסטע־ריעזע מורא פאַר אַן איינשפּריצונג.

וואָס מער דער אָרגאַניזם איז דערשעפּט געוואָרן, אַלץ פיבערדי־קער האָט ער געאַרבעט אין זיין איזאָלירטן, קאַלטן צימער. די יידישע שטריכן זענען בולטער געוואָרן. דער פּאָרטרעט, וואָס זיין פריינד, דער מאָלער העללען, האָט געצייכנט פון אים אויפן טויטן־בעט, איז נישט ענלעך צו דעם עלעגאַנטן פּרוסט, וואָס מיר קענען פון פריערדיקע פאָטאָגראַפיעס. די צייכענונג ווייזט אונדז אַן אויסגעריסט רואיק, יידיש פנים, באַצירט מיט אַ רונדיקער, שוואַרצער, געדיכטער באָרד, פונקט ווי פאַרן טויט וואָלט ער זיך אויסערלעך פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט אַ ייד.

***

אין גאַנג פון צייט

ס׳איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן אויף די אינטימע פּעדים, וואָס האָבן אים געבונדן מיט זיין יידישער משפחה. און נישט נאָר מיט דער משפחה. אין ערשטן טייל „פון דער זייט פון סוואַן״, דערציילט פּרוסט, אַז ווען ער איז אַ שילער געווען און געבראַכט צו פירן אַהיים אַ נאָענטן חבר מיטן נאָמען קאַן, האָט זיין קאַטוילישער זיידע אים דערנאָך אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז יעדעס מאָל, ווען ער קלייבט זיך צו אַ גוטן שול-פריינד, איז דאָס אַ ייד. זיין יידישער העלד שאַרל סוואַן, אין וועלכן מ׳קאָן אָפּגעפינען דעם מחבר גופא, האַלט זיך נישט פאַר קיין ייד, כאָטש פון צייט צו צייט זעט ער זיך אַרום, אַז ער איז פון יידישער אָפּשטאַמונג, ווייל מען גיט אים דאָס צו פילן. פּרוסט גופא, ווען ער ברענגט דאָ און דאָרט אַרויס אַ שטעכיק וואָרט לגבי יידן, פילט מען, אַז דאָס רירט אים טיף אָן, אַז ס׳רופט זיך ביי אים, פּונקט ווי ביי סוואַנען, אָפּ דער באַליידיקטער ייד. אָבער קיין אָפּגעפרעמדטער אין זיין סביבה איז ער קיינמאָל נישט געווען, פאַרקערט, ער איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין פראַנצויזישן באָדן. די איזאָלאַציע פאַר די לעצטע יאָרן איז גיכער געקומען פון דער שווערער קראַנקייט און אפשר אויך פון אַ שטאַרקן דראַנג זיך אָפּצוגעבן אין גאַנצן, מיט לייב און לעבן זיין ווערק.

ער האָט געאַרבעט ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן און געגלויבט, אַז דאָס וועט הויך אָפּגעשאַצט ווערן. ווען ער איז געווען צוגעשמידט צום בעט, און אויך דעמאָלט נישט אַרויסגעלאָזט די פּען דער פון האַנט, האָט ער דערמאָנט ווי אַ טרייסט פאַר זיך דאָסטאָיעווסקין פון וועלכן ער האָט שטאַרק געהאַלטן. ער פלעגט זאָגן, אַז דער גרויסער רוסישער שרייבער האָט צווישן איין עפּילעפּסיע־אַטאַק און אַ צווייטן, אָנגעשריבן מער און בעסער ווי אַ געזונטער שרייבער.

יאָ, ער, מאַרסעל פּרוסט, האָט אַליין בעסער ווי יעטוועדער אַנדערער אָפּגעשאַצט זיין שאַפונג. און צו שטוינען איז נאָר ווי אַזוי אַזאַ קראַנקער מענטש, האָט געהאַט אין זיך אַזוי פיל אויסדויער, ווילן און עקשנות, ריכטנדיק זיך כסדר אויפן טויט. צו שטוינען איז אויך ווי אַזוי דער קראַנקער שרייבער, איילנדיק זיך צו פאַרענדיקן זיין פאַרפּלאַנירט ווערק, האָט גלייכצייטיק איבערגעמאַכט פיל מאָל דאָס געשריבענע, געפלעגט יעדעס וואָרט, יעדע שורה, וואָס איז פול מיט ריטם, מוזיק און פּאָעזיע.

אויף דער אויסשטעלונג, צווישן די פאַרשידנאַרטיקע דאָקומענטן,

פּאַרצייכענונגען, אויפֿגעלעבטע געשטאַלטן איבער װעלכע עס טראָנירט אַ גרויס אײלבילד פֿון סאַראַ בערנהאַרדט, װי אַ סימבאָל פֿון פּאַרגעטערונג מצד דעם שרײַבער פֿאַר דער גרויסער בינע־קינסטלערין, האָבן געצויגן אַ מײנסטן מײַן אויפֿמערקזאַמקײט אָפּצוגן פֿון דרוקערײַ אויף װעלכע פּרוסט אַלײן האָט געמאַכט די קאָרעקטור פֿון זײַנע ביכער. גאַנצע שטיקער אויף די אָפּצוגן זענען אויסגעשטראָכן און אויפֿן מאַרגינעס זענען אַרײַנגעשריבן אַנדערע פֿאָרמולירונגען. דאָ איז אַ װאָרט, אַ זאַץ געענדערט, ערגעץ אַנדערש אַרויסגענומען אַן אַקאַפּיט. אַז דאָס איז נישט צוליב דעם, װײַל פּרוסט האָט בחיפּזונדיק געשריבן, קאָן מען זען פֿון אײניקע מאַנוסקריפּטן, װאָס זענען געמעקט און געפּלעקט און פֿיל מאָל איבערגעמאַכט אײדער ער האָט געשיקט צום פֿאַרלעגער. אַזוי האָט ער זיך אויך געפֿירט מיט די טעקסטן, װאָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט בײַ אים אין שטוב.

אין אַ קאַלטן נאָװעמבער־טאָג 1922 האָט ער אין די פֿרימאָרגן־שעהן אַ פֿאַרענדיקטן מאַנוסקריפּט דורכגעלײענט צום לעצטן מאָל נאָכן קאָרעגירן און צוגעשריבן צום אָפּגעלײגטן טעקסט אַ צעטעלע: „כ'מײן, אַז ס'איז זײער גוט. אָבער מער קאָן איך נישט". אין עטלעכע שעה אַרום האָט ער אויסגעהויכט די נשמה.

**
*

אַ לװיה האָט מען אים געמאַכט אַ גרויסאַרטיקע. צװישן זײַנע נאָענטע פֿרײַנד שרײַבער, מאָלער, מוזיקער און סתּם פּשוטע מענטשן, װאָס האָבן זיך אויס נײַגיר געזאַמלט אַרום דעם קלויסטער, זענען אויך געװען פּרינצן, פּרינצעסינס און דיפּלאָמאַטן. בײַ דער זײַט פֿון גרויסן עולם איז געשטאַנען דער באַקאַנטער קאַטוילישער, נאַציאָנאַליסטישער שרײַבער מאָריס באַרעס. אין קלויסטער צו דער צערעמאָניע איז ער נישט אַרײַנגעגאַנגען. ער האָט געקוקט און שטיל זיך אָפּגערופֿן צו עמעצן: „כ'האָב שטענדיק געהאַלטן דעם קלײנעם מאַרסעל פּרוסט פֿאַר אַ ייִד, און אָט װאָס פֿאַראַ לװיה ער האָט".

ס'איז אַ גרויסער ספֿק צי פּרוסט גופֿא מיט זײַן גאַנצער װאַרעמער באַציאונג צו זײַן ייִדישער משפּחה און צו ייִדן בכלל האָט זיך אויך געהאַלטן פֿאַר אַ ייִד. װאָלט ער אָבער דערהערט באַרעסעס װערטער, װאָלט ער אפֿילו אין קלויסטער זיך פּלוצלונג דערפֿילט אַ ייִד, אפֿשר נאָך מער, װי בײַ געװיסע געלעגנהײטן, זײַן העלד סוואַן.

אין גאַנג פון צייט

די ערנסטע קריטיק האָט אָפּטמאָל אָנגעוויזן, אַז אין פּרוסטן האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן די זאַפּטיקייט, וואָס עס פאַרמאָגט די פראַנצויזישע ערד און דער תנ״ך, דער פראַנצויזישער זשעני מיט דער טיפקייט פון דער ביבלישער פילאָזאָפיע. איז דאָס א סברה אמת. וואָס שייך פילאָזאָפיע, האָט ער זי מסתמא גענומען, אָדער איבערגענומען בירושה פון קוהלת. דער הבל הבלים איז אַן אָרגאַנישער עלעמענט פון זיין וועלט־באַנעם. דער מענטש שטאַרבט אָפּ ווי אַ בוים, אַ פלאַנץ. האָט דאָך כמעט יעדער פּערסאָנאַזש זיינער אין אַ באַשטימטן פּעריאָד געהאַט דעם באַוווסטזיין, אַז ער איז אַ פאַרמשפּטער צום שטאַרבן. ער גופא האָט אפּנים אויפן טויט געוואַרט ווי אויף אַ דערלייזונג. אויסערן טויט איז אָבער אומעטום ביי מאַרסעל פּרוסטן פאַראַן די אייביקייט.

פּאַריז, דעצעמבער 1971.

יאַנוש קאָרטשאַק דער שרייבער

ווען קאָרטשאַקן האָט מען שוין אַ סך געשריבן און נאָך אַלץ וויניק. אַמווייניקסטן האָט מען אָבער געשריבן וועגן קאָרטשאַקן דעם שרייבער. און איז דאָך דער גרויסער פּעדאַגאָג אויך געווען אַ טאַלאַנטירטער שרייבער און גאָר פרי אָנערקענט געוואָרן ווי אַזעלכער. זיין שרייבערישער באַרוף האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר אין דער גאָר פריער יוגנט און צו דער פּעדאַגאָגיק איז ער געקומען נישט נאָר ווי אַ דאָקטער־מעדיצין, נאָר אויך ווי אַ שרייבער מיט אַ נאָמען, מיטברענגענדיק מיט זיך אַ היפּשן ליטעראַרישן באַגאַזש, וואָס איז כסדר געוואַקסן.

אַפילו זיין נאָמען איז פאַרבונדן מיט זיינע ערשטע ליטעראַרישע פאַרמעסטן אין דער יוגנט. ווי אַ סטודענט, וואָס האָט מיטגעאַרבעט אין ליטעראַרישע צייטשריפטן, געשריבן פעליעטאָנען אונטערן פּסעוודאָנים הען־ריק, האָט ער דעמאָלט אנטייל גענומען אין אַ ליטעראַרישן קאָנקורס. דער סטודענט הענריק גאָלדשמידט האָט פאַרן קאָנקורס אָנגעשריבן אַ פּיעסע אונטערן פילאָזאָפישן טיטל „דורך וואָנען?". ווען ער האָט געדאַרפט אָפּשיקן דעם מאַנוסקריפּט, אין דער לעצטער מינוט, האָט ער אָנגעהויבן זוכן אַ נייעם נאָמען אונטערצושרייבן. גראָד איז אויפן טיש געלעגן קראַשעוסקיס בוך „די געשיכטע פון יאַנאַש קאָר־טשאַק און אַ ריטערס שיינער טאָכטער". דער נאָמען פון העלד איז אים אַריינגעפאַלן אין אויג און נישט לאַנג טראַכטנדיק, האָט ער אונ־טערגעשריבן יאַנאַש קאָרטשאַק. אַזוי ווי דער זעצער האָט, ווי ס'טרעפט אָפט, געמאַכט אַ דרוק־פעלער און אויסגעזעצט אנשטאט יאנאש יאַנוש און דעם פעלער האָט מען נישט פאַרריכט, איז אַרויסגעקומען יאַנוש קאָרטשאַק. אונטער דעם נאָמען האָט דער מחבר פון דער פּיעסע באַ־קומען דעם ליטעראַרישן פּרייז. דער צופעליקער פּסעוודאָנים איז זינט דעמאָלט געוואָרן זיין ליטעראַרישער נאָמען. און דער נאָמען פונעם שרייבער איז דערנאָך איבערגעגאַנגען צום פּעדאַגאָג.

**
*

מ׳האָט זיך נישט איין מאָל געפרעגט וואָס עס וועגט איבער ביי קאָרטשאַקן, דער פּעדאַגאָג צי דער שרייבער? ווען מען פאָלגט אויפ־מערקזאַם נאָך קאָרטשאַקן דעם פּעדאַגאָג, ווען מען קוקט זיך צו ווי ער האָט כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט אָפּגעגעבן אַלע זיינע כוחות, זיין ערודיציע און טאַלאַנט דער דערציאונג, אויסשמידנדיק אַ נייעם פּעדאַ־גאָגישן סיסטעם, וואָס ער האָט אַליין אָנגעוואָנדן, איז מען גענייגט צו זאָגן, אַז דער פּעדאַגאָג האָט גענומען די אויבערהאַנט. נאָך מער: ס׳קאָן זיך דוכטן, אַז ווען מען גיט זיך אַזוי איבער מיט לייב און לעבן דעם קינד, איז גאָרנישט מעגלעך אַז די פּעדאַגאָגיק, וואָס האָט אים אַזוי פאַרשלונגען, זאָל האָבן געלאָזט אָרט פאַר אַנדערע פאַראינטערעסי־רונגען און אַקטיוויטעטן. און דאָך, ווען מען באַקענט זיך גרינטלעך מיט קאָרטשאַקס לעבן, איז נישט שווער צו דערזען ווי דער שרייבער איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיטן פּעדאַגאָג.

***

יאַנוש קאָרטשאַק איז פון קינדווייז אָן געווען אַ קינסטלער. ער איז דאָס איבעריקנס אויך אין זיין פּעדאַגאָגיק. דאָס שרייבן איז געווען זיין ערשטע ליבע און ער האָט זי קיינמאָל נישט פאַרראַטן. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן גאַנץ פרי, פּונקט ווי אין דער פריער יוגנט האָט שוין דאָס קינד געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט, געוואָרן אַ טעמע פאַר זיינע שאַפונגען. איידער ער האָט זיך בלב ונפש געוואָרפן אין דער פּעדאַגאָגיק, פלעגט מען זאָגן וועגן אים, אַז דאָס איז אַ מענטש, וואָס וואַנדערט איבער דער וועלט, קוקט, אָבסערווירט מיט זיין שאַרף אויג, זוכט און נישטערט אומאויפהערלעך, נאָטירט אַלץ, כדי דערנאָך צו מאַכן אַ בוך.

קאָרטשאַק גופא האָט דערציילט, אַז ער האָט פון שטענדיק אָן אַלץ נאָטירט. שפּעטער האָט ער זיינע סטודענטן און דערציער פון זיין יתומים־הויז, געראָטן שטענדיק צו נאָטירן זייערע אָבסערוואַציעס. אויף זיין שרייבערישן וואַרשטאַט, איז געווען אָן אָנוואַלגערניש פון פּאַפּירן און פּאַפּירלעך, נאָטיץ־ביכלעך מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט. ביי פאַר־שידענע סיטואַציעס פלעגט ער אפילו פאַרנאָטירן אויף אַ פּאַפּירל פון אַ פּאַפּיראָס — אגב האָט ער שטענדיק גערויכערט. אין זיין באַקאַנטן באַנד דערציילונגען מיטן טיטל, וואָס לאָזט זיך שווער איבערזעצן אין יידיש — „משונהדיקע מעשיות״ („קאַשאַלקי אָפּאַלקי״) אין וועלכע

ער ווייזט זיך אַרויס פֿאַר אַ פּרעכטיקן קינסטלערישן געשטאַלטיקער פֿון שטיקער צאַפּלדיק לעבן, שרייבט ער פֿאַרבייגייענדיק: „ס׳איז גע־ווען אין מיין לעבן אַ פּעריאָד, ווען כ׳האָב אומאויפהערלעך געזוכט טעמעס, עפּיזאָדן, פּערסאָנאַזשן פֿאַר מיינע אויסערגעוויינלעכע, פֿאַר־פּלאַנירטע נאָוועלן און ראָמאַנען און פֿאַר פּסיכאָלאָגישע עטיודן״.

דער דעמאָלסט 26-יאָריקער שרייבער (דאָס בוך דערציילונגען איז דערשינען אין 1905) האָט מיט זיין אייגנאַרטיקן הומאָר אָפּגע־לאַכט פֿון דער פּריערדיקער שרייבערישער אייפּערדיקייט. שפּעטער האָט ער די טעמעס נישט געדאַרפֿט זוכן, זיי האָבן זיך אים אונטער־געדרוקט אומעטום אונטער דער האַנט. און געשריבן האָט ער אויך אין די סאַמע שווערע באַדינגונגען. ער דערציילט וועגן דעם אין זיין גע־טאָ־טאָג־בוך. זיין באַרימט פּעדאַגאָגיש ווערק „ווי אַזוי דאַרף מען ליב האָבן דאָס קינד״ האָט ער געשריבן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. קאָרטשאַק איז דעמאָלט מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי, געווען מיליטערישער דאָקטער און זיך איבערגעטראָגן מיטן מיליטער פֿון לאַנד צו לאַנד, אַנגעשפּאַרט אפילו אין ווייטן כינע. דאָס האָט אים נישט געשטערט פֿאַרצוזעצן צו שרייבן דאָס בוך. אָט וואָס ער דער־ציילט וועגן דעם אין געטאָ־טאָג־בוך: „ס׳פֿלעגט געשען, אַז כ׳האָב געשריבן בעתן פֿאַרהאַלטן זיך קורץ ערגעץ אויף אַ פֿעלד. כ׳האָב גע־שריבן הינטער אַ סאָסנע, אויף אַ שטאָם פֿון אַ בוים...״

„ס׳לוינט זיך דען? אויף אַ האַלבע שעה?״ — האָט מען אים גע־פֿרעגט. ער האָט אַנדערש נישט געקאָנט. אויב ער האָט נישט געשריבן, האָט ער פֿאַרטראַכט אַ בוך. דערמאָנענדיק אין טאָג־בוך די צאַרישע צייטן, ווען דער יונגער העגריק גאָלדשמידט האָט פֿאַר זיין אנטייל אין באַפּרייערישן קאַמף קעגן דער צאַרישער קנעכטשאַפֿט, באַצאָלט מיט תפֿיסה, דערציילט ער: „די נעכט אין תפֿיסה האָבן מיר אַמאָל געגעבן די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלעך פֿאַר מיינע ביכער״.

קאָרטשאַק איז געווען אַן אַלזייטיקער שרייבער. ער האָט געשריבן אי בעלעטריסטיק, אי פּעדאַגאָגיש־וויסנשאַפֿטלעכע ביכער, אַן אַ שיער פּעדאַגאָגישע אַרטיקלען און ליטעראַרישע פֿעליעטאָנען, אי פֿאַר דערוואַק־סענע, אי פֿאַר קינדער. און ער איז געווען אַן אָריגינעלער שרייבער. אין זיינע פּעדאַגאָגישע שריפֿטן שטרייכט ער אונטער: „... דער וועג, וואָס איך האָב אויסגעקליבן צו דערגרייכן מיין ציל, איז ווייט נישט דער קירצטער, דער לייכטסטער, אָבער פֿאַר מיר איז ער דער בעסטער, ווייל דאָס איז מיין

אייגענער וועג..." דאָס, וואָס ער זאָגט וועגן זיך אַלס פּעדאַגאָג, איז אויך גילטיק פאַר אים אַלס שרייבער. זיין ליטעראַרישער וועג איז נישט געווען דער לייכטסטער, אָבער ער איז געווען אויסשליסלעך זיינער. ער האָט קיינמאָל נישט נאָכגעפאָלגט קיין שום ליטעראַרישע מאָדעס. ער האָט זיך צומאָל געהאַלטן אין גאַנצן אין אַ זייט פון יעטוועדער ליטעראַרישער סביבה. דאַקעגן האָט ער שטענדיק זייער פיל געלייענט און דאָס אין פאַרשידענע שפּראַכן. ער פלעגט זאָגן, אַז אויב ער לייענט נישט פאַרן איינשלאָפן, איז פונקט ווי ער וואָלט זיך געלייגט אין בעט אָן זיך אָרומצוואַשן. ער איז געווען אייגעטונקען אין דער וועלט-ליטעראַטור. ער האָט אַ טבע געהאַט צו לייענען אויך שרייבער פון וועלכע ער האָט ווייניק וואָס געהאַלטן אָדער בפירוש געווען זייער קעגנער. אַפילו אין געטאָ האָט ער נאָך געטראַכט אָנצושרייבן אַ בוך קעגן דעם „פאַלשן נביא", ווי ער האָט גערופן ניטשען. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ שאַרפע קריטיק קעגן „אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ". אין זיינע געטאָ-פאַרצייכענונגען שרייבט ער: „ניטשע האָט זיך צעשיידט מיט דער וועלט נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלוירן די רעיונות. ס'שטייט געשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער איז געשטאָרבן אַ משוגענער. איך וויל אויפווייזן אין מיין בוך, אַז איידער ער האָט צעשיידט זיך מיט דער וועלט, האָט ער זיך געהאַט צעשיידט מיטן אמת".

קאָרטשאַק האָט געהאַט זיינע באַליבטע שרייבער, וואָס ער האָט באַוואונדערט טראָץ דעם וואָס לויט זיין שרייבערישן מהות איז ער געווען גאַנץ ווייט פון זיי, ווי צום ביישפיל מאַרסעל פּרוסט, וועלכן ער דערמאָנט מיט ענטוזיאַזם אין זיין געטאָ-טאָג-בוך. צום נאָענטסטן איז אים געווען טשעכאָוו פון וועלכן ער האָט אַ סך געלערנט. אין זיין „קוריקולום וויטע", וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין געטאָ צו באַלייגן ביי דער געלעגנהייט פון איבערנעמען אַן אַרבעט אין דעם פינדלהויז אויף דזשעלנע גאַס, דערמאָנט ער, אַז ווי אַ שרייבער האָט ער צוממיינסטן צו פאַרדאַנקען טשעכאָוון, אַגב באַצייכנט ער דעם רוסישן שרייבער-מעדיקער אַלס „געניאַלער סאָציאַלער דיאַגנאָסטיקער".

קאָרטשאַק האָט פונקט ווי טשעכאָוו באַטראַכט זיין שרייבן פאַר אַ סאָציאַלע פונקציע. און פונקט ווי דער רוסישער שרייבער-מעדיקער האָט ער אַלע זיינע טעמעס, פּערסאָנאַזשן גענומען פון לעבן, פון זיין אַרום, פון אומעטום, וווּ ער האָט דערזען דעם מענטש אין זיין איינזאַמקייט, אין זיין נויט און צער. ער האָט אָבער צום שטאַרקסטן צוגענויגט דאָס אויער צום קינד פאַר וועלכן ער האָט אַזוי ברייטהאַר-

ציק געעפנט די טויערן פון דער ליטעראַטור, און דער עיקר האָט ער מיט אַלע פיבערן פון זיין האַרץ אָפּגעפילט די נויט און דעם צער פון אָרעמען, פאַרוואָרלאָזטן קינד. פאַר אים איז געווען גענוג צו זיין אַ חודש־צייט צווישן קליינוואַרג, ער זאָל פון זיינע אָבסערוואַציעס אויס־ קנעטן אַ ווערק, וואָס צאַפּלט מיט עכטקייט און וואָרהאַפטיקייט. זומער 1908 איז דעם דאָקטער העניריק גאָלדשמידט, וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ נאָמען אי אַלס מעדיקער, אי אַלס שרייבער, איינגעפאַלן צו פאָרן אַלס אויפזעער אויף אַ זומער־קאָלאָניע פון יידישע קינדער. פון דער באַגעגעניש מיט זיי איז געבוירן געוואָרן אַ בוך, „יאָסעלעך, משה־ לעך, סרוליקעס״, וואָס אַנטפּלעקט פאַר אונדז מיט מייסטערשאַפט די נשמה, דאָס פילן און טראַכטן, די השגות און באַגערן פון דעם דע־ מאָלסטיקן אָרעמען יידישן קינד. אַ יאָר שפּעטער איז קאָרטשאַק גע־ ווען אויפזעער אויף אַ קאָלאָניע פון פּוילישע אָרעמע קינדער אין ווי־ דער איז פון איין חודש אָבסערוואַציעס, מיטלעבן מיט די קינדער אויפגעקומען דאָס בוך „יוזשקעס, יאשקעס, פראַנעקס״. און מיט וויפל נשמה־קענטעניש דער מחבר האָט דאָס אָנגעפילט די „ספּעציפיק״ סיי ביים יידישן סיי ביים קריסטלעכן קינד.

**
*

קאָרטשאַק האָט מיטגעליטן מיט די ליידן פון מענטשן און אי אַלס פּעדאַגאָג, אי אַלס שרייבער האָט ער געזוכט אַ היילונג פאַר דער מענטשלעכער עלענדקייט. און מערקווירדיק: דער שרייבער מיטן פיל־ באַרן האַרץ, דער פריינד פון קינד, פון מענטש בכלל, האָט אומעטום דערבליקט דאָס קליינלעכע און קאָמישע ביים מענטשן, דאָס בייזע און אומווירדיקע, וואָס ער האָט אין זיינע שאַפונגען אַנטבלויזט און אָדער עס אויסגעלאַכט מיט זיין אייגנאַרטיקן הומאָר, אָדער געשמיסן עס מיט דער בייטש פון זיין בייסיקער סאַטירע. קיין שום טונקל ווינקל פון דער מענטשלעכער נשמה איז פאַר אים נישט פאַרהוילט געווען. אין זיין גאַנץ ליטעראַריש ווערק האָט ער אַראָפּגעריסן דעם שלייער פון פאַלשקייט און היפּאָקריזיע, אויפגעדעקט די אומגערעכטיקייטן און עוולות פון וועלכער זייט זיי זאָלן נישט קומען. די באַצייכענונג „סאָציאַלער דיאַג־ נאָסטיקער״ מיט וועלכער קאָרטשאַק האָט כאַראַקטעריזירט טשעכאָוון, איז אָן ספק פּאַסיק פאַר אים גופא. ער האָט אָבער געפאָרשט נישט נאָר דעם מענטשלעכן קאָלעקטיוו, און דעם מענטש ווי אַ יחיד, נאָר אויך

דעם מענטש דעם בעל־חי, דעם שכלדיקן בעל־חי, וואָס קאָן דעם שכל זייִנעם און אוודאי די בילדונג אויסנוצן צו די ערגסטע צוועקן. אַזאַ איז געווען קאָרטשאַקס שרייבערישע שליחות. פון זייִנע ערשטע ליטע־ראַרישע טריט אָן איז ער געווען אַ זוכער, אַ פאָרשער, אַ דיאַגנאָסטי־קער, אַ שליח ציבור.

שוין ווי אַ סטודענט האָט הענריק גאָלדשמידט נאָך לאַנגע וואַנ־דערונגען און אָבסערוואַציעס אין די אָרעמע און שמוציקע קוואַרטאַלן פון וואַרשע אין וועלכע ער פלעגט אָן וויסן פון זייִנע שטוביקע פאַר־ברענגען ייִנגלווייז צווישן באַנדעס אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע קינ־דער, וואָס פלעגן אים קוקן אין מויל, ווען ער האָט זיי דערציילט מע־שיות, אָנגעשריבן אַ בוך אונטערן טיטל „די קינדער פון גאַס”, וואָס איז געווען צו יענער צייט אָן אַנטפּלעקונג. נישט אין ליטעראַרישן ווערט גייט דאָ, נאָר וועגן דאָקומענטאַלן און מענטשלעכן ווערט. צום ערשטן מאָל האָט זיך דעמאָלט אין וואַרשע באַוויזן אַ בוך — פריער זענען די שילדערונגען געווען געדרוקט אין אַ ליטעראַרישער שריפט — וואָס האָט מיט זאַך־קענטעניש, און מיט אַ ציל זיך קעגנצושטעלן דעם בייז, געשילדערט די שוואַרצע נויט, די ליידן פון אָרעמען, פאַר־וואַרלאָזטן קינד פאַר וועלכן די היים איז די גאַס. עטלעכע יאָר שפּע־טער האָט דער יונגער דאָקטער זיך באַרימט געמאַכט אַלס שרייבער מיט זייִן ווערק „דאָס קינד פון סאַלאָן”. געווען איז דאָס אין יאָר 1906, און אַלט איז דער מחבר געווען בסך הכל 27 יאָר. דאָס בוך פאַרמאָגט פיל אויטאָביאָגראַפישע שטריכן, אָבער וואָס פאַראַ ברייטער און באַ־לערנדיקער קווערשניט פון סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, פון לעבנס-שטייי־גער, זיטן, מנהגים און קודם כל פון דער דעמאָלטיקער פאַרקריפּל־טער דערציאונג אין די העכערע ספערן. וואָס פאַראַ פאַרביקער פּרעסק פון קאָנטראַסטן צווישן צעבאַליעוועטן קינד פון סאַלאָן, וואָס ווערט דער־צויגן פאַר אַ טויגעניכטס און דעם אָרעמען, אומגליקלעכן קינד, וואָס איז איבערגעלאָזט אויף הפקר. און ווידער איז קאָרטשאַק נישט קיין סתם אָבסערוואַטאָר און גלייכגילטיקער שילדערער. אין אים ברויזט אַ שטענדיקער רעוואָלט קעגן בייז. דערביי צילט קאָרטשאַק ווי אַ שרייבער, צו מענטשן-דערקענטעניש. דערגרונטעווען זיך צום מענטשנס נשמה, דערקענען דעם מענטש, כדי אים מענטשלעכער צו מאַכן, וואָס איז איבעריקנס אויך דער גרונטשטיין פון זייִן גאַנצן פּעדאַגאָגישן סיס־טעם.

אין דער הקדמה פון זיין בוך „ווען איך וועל ווידער זיין קליין", וואָס איז דערשינען אין 1925, שרייבט קאָרטשאַק: „דאָס בוך וויל ווייזן וואָס עס טוט זיך אין דער נשמה פון מענטש, וואָס ער טראַכט און וואָס ער פילט". דאָס זעלבע וואָלט מען געקאָנט זאָגן וועגן יעדן בוך זיינעם.

קאָרטשאַק דער שרייבער און טיפּזיניקער פּסיכאָלאָג איז אויך געווען אַ דענקער, אַ פילאָזאָף־סקעפּטיקער. אים אינטערעסירט דער מענטשלעכער גורל בכלל, דאָס מענטשלעכע לעבן ווי אַזעלכעס. אַרויס־ברענגענדיק די אומגליקן און דראַמעס פון געקריוודעטע, זוכט ער גלייכצייטיק דעם זין פון לעבן, ער וויל אַריינדרינגען אין זיינע מיס־טעריעס, דערגיין זיינע סודות. „וואָס איז דאָס אַזעלכעס דער מענטש?", האָט שוין דער 27-יאָריקער שרייבער געפרעגט אין „קינד פון סאַלאָן". „וואָס איז דאָס אַזוינס די מענטשלעכע נאַטור?". ער הערט אויך שפּעטער נישט אויף צו זוכן אַ באַשייד אויף די און ענלעכע פראַגן, און אָט מאַכט ער אַזאַ פילאָזאָפיש־סקעפּטישן אויספיר: „וואָס פאַראַ משונהדיק באַ־שעפעניש דאָס איז דער מענטש".

קאָרטשאַק איז אָבער געווען געבונדן מיט אַלע געוועבן פון זיין וועזן מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן. דיווירקלעכקייט, די רעאַליטעט האָט אים שטענדיק געהאַלטן אין שפּאַנונג. ער האָט פאַרמאָגט אַן אויסער־געוויינלעך וואַכזאַמען חוש פאַר אַלץ, וואָס איז פאַרגעקומען אַרום אים. קיין שום דערשיינונג און געשעעניש לאָזן אים נישט גלייכגילטיק. ער איז געווען דאָס, וואָס מען רופט אַן אַנגאַזשירטער שרייבער. און ווען ער גייט אין די וועגן פון דער אַלט־גריכישער פילאָזאָפיע און דער־מאָנט די ווערטער „גנאָסטי סעאוטאָן", וואָס מיינט: דערקען קודם כל זיך גופא, איז דאָס געמאַכט מיט דעם אויסזיכט און גלויבן, אַז דער־קענענדיק זיך גופא, איז מעגלעך זיך אויסצובעסערן.

קאָרטשאַק דער בונטאַר קעגן אַלעם בייזן, וואָס רינגלט אונדז אַרום, האָט זיך אויך געבונטעוועט קעגן דעם בייז, וואָס לעבט אין דער מענטשלעכער נאַטור. איינס איז ביי אים נישט אָפּצוטיילן פון צווייטן. אין זיין בוך „דער ווידוי פון אַ זומער־פייגעלע", וואָס איז אייגנטלעך אַ ווידוי פון מחבר גופא, איז פאַראַן אַזאַ געזעץ: „די הערשאַפט פון קאַפּי־טאַל מוז אונטערגיין. איך ווייס נאָר נישט ווי אַזוי דאָס דאַרף געשען". ער ווייסט אָבער יאָ, ווי עס דרינגט אַרויס פון זיין גאַנצן פילאָזאָפישן

אייגשטעל און אויך פון זיין פעדאַגאָגישער קאָנצעפּציע, אַז אויך דער מענטש גופא דאַרף זיך ענדערן, מוז ווערן עטישער, מענטשלעכער.

מיר, זייגע יונגע חסידים, פלעגן זיך אַמאָל דערציילן, אַז אין יתומים-הויז אויף קראָכמאַלנע, איז דאָס צוממיינסטן באַנוצטע וואָרט געווען יושר. און אויך דאָס וואָרט אמת. אויך אַלע זייגע ביכער, סיי פאַר דערוואַקסענע, סיי פאַר קינדער, זענען טיף דורכגעדרונגען מיט דער אַספּיראַציע פון מענטש, פון קינד צו יושר, צו אמת, צו ברידערלעכקייט. די דערציאונג פון קינד אויף נייע יסודות האָט דאָך, לויט אים, דערפאַר אַזאַ גרויסע באַדייטונג, ווייל זי דאַרף צוגרייטן אַ מענטש, וואָס זאָל זיין נישט בלויז אַ שכלדיקער, נאָר אויך אַ טיף עטישער בעל-חי.

**
*

ווי שוין געזאָגט איז קאָרטשאַק דער שרייבער געווען באַוווּסט פון טשעכאָוון. ער האָט אָבער געשאַפן אַן אייגענעם סטיל, אַן אייגענעם ליטעראַרישן גאַנג און האָט אריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור אַ נייעם טאָן, אַ נייעם קאָלאָריט. ער איז געווען איינער פון די אָריגינעלסטע שרייבער אין זיין צייט. איבעריקנס האָט זיין פּראָזע פון זיין אָנהייב ביז דער שרייבערישער רייפקייט דורכגעמאַכט אַ גרויסן וועג. ווען מיר לייענען „די קינדער פון גאַס” און „דאָס קינד פון סאַלאָן” איז נישט שווער צו דערפילן, אַזביידע ביכער זענען קינסטלעריש אַנדערש. קאָרטשאַק האָט אָנגעהויבן מיט דער טראַדיציאָנעלער פּראָזע און גיך איבערגעגאַנגען צו אַ נייעם זשאַנער, צו אַ סטיל, וואָס איז דורכויס זיין אייגענער, הגם עס וויקלען זיך דאָ און דאָרט איבער סירעאַליסטישע פאָרמען אין וועלכע עס פאַרפלעכטן זיך פאַנטאַסטיק און רעאַליטעט צוזאַמען מיט בליציקע קירצונגען פון סטיל און געדאַנק.

קאָרטשאַקס פּראָזע איז אויסערסט קאָנדענסירט, זאַפטיק און אַזוי צימצומדיק, אַז דורך איינצלנע קורץ-געפאַסטע זאַצן, טיילמאָל דורך איין וואָרט דריקט ער אויס אַ געדאַנק, אַ קאָנצעפּציע. בכלל איז קאָרטשאַקס ליטעראַרישער זשאַנער די קורצע פאָרם. אפילו טייל פון זיינע ראָמאַנען זענען געבויט אַזוי, ווי זיי וואָלטן צוזאַמענגעשטעלט געווען פון באַזונדערע באַשטאַנדטיילן, וואָס קאָנען זיין זעלבשטענדיקע שאַפונגען. זיין עיקר זשאַנער איז אפשר די נאָוועלע, די דערציילונג, מעשה. אין דער קליינער פאָרם פון אַ נאָוועלע ברענגט ער אָבער

אַרויס גרויסע מענטשלעכע דראַמעס. אין ביז גאָר קורצע שילדערונגען איז פֿאַראַן אַ פּילפּאַרביק בילד, קאָמפּליצירטע סיטואַציעס. פֿאַראַן ביי אים אַ סעריע שאַפּונגען, קורץ שקיצירטע, וואָס טראָגן דעם טיטל „קורץ אַזש אַ חרפּה״, איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָס זענען עפּעס אַ מין נאָוועלעטן, וואָס באַשטייען מערסטנטייל פֿון אַ צען זאַצן, אפֿילו ווייניקער, אָבער באַרירן אין דער פֿאָרם פֿון דיאַלאָגן, אָדער מאָנאָלאָגן קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, אָדער דעקן אויף העסלעכע אַספּעקטן פֿון אונדזער לעבן. אָט איז אַזאַ נאָוועלעטקע אין דער פֿאָרם פֿון אַ דיאַלאָג וועגן אַנטיסעמיטיזם:

„— דו זאָגסט, אַז כ׳וואָלט געדאַרפֿט זיך נעמען צו האַנדל. כ׳האָב שוין געטראַכט דערוועגן. אָבער שטעל דיר פֿאָר, ס׳קומט אַריין אַ ייד און דו דאַרפֿסט זיך אויפֿפֿירן מיט אים ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן. ער וועט זיך אָנהייבן דינגען, וועט זאָגן, אַז ס׳איז צו טייער, אַז דאָס און יענץ געפֿעלט אים נישט. און דו — גאָרנישט. ער איז דיין קונה, מוזסט זיין העפֿלעך מיט אים. האַלט דאָס אויס נישט צו קאָנען אים אָננעמען פֿאַרן קאַרג און אַרויסוואַרפֿן, וואָן הינטער דער טיר! קאָנסט אפֿילו נישט אַ טופּע טאָן מיטן פֿוס און שיקן צו אַלדי שוואַרצע יאָר. קאָנסט אפֿילו אים נישט זאָגן ניבזה. אפֿילו נישט שמוציקער זשיד. גאָרנישט. ער איז דיין קונה. אָ, ניי־ן! דאָס נישט. כ׳האָב שוין געטראַכט דערוועגן״.

קאַרטשאַק האָט אין אַ סך פֿון זיינע שאַפֿונגען, קלענערע און גרעסערע דאָ געוויזן די לעכערלעכקייט פֿון אַנטיסעמיטיזם און געחוזקט פֿון אים, דאָ ווידער אָפּגעדעקט זיין העסלעכן פּרצוף און אויך זיין טראַגיזם. מיך האָט אין דעם פּרט באַזונדערס פֿאַרכאַפּט די נאָוועלע, וואָס טראָגט דעם טיטל „די וווּנד״. אַ שולע ערגעץ אין פּוילן־לאַנד. אַ יידיש ייִנגל קומט צום ערשטן מאָל. קיין שום פּויליש ייִנגל וויל זיך נישט זעצן לעבן אים. וואָס האָט ער דאָ, דער זשידלאַק, צו שטעקן זיין נאָז אין זייער פּוילישער שולע? איין ייִנגל, אַן אומבאַהאָלפֿנס, אַ שלאַבעריקס בלייבט אָן אַ פּלאַץ און איז געצוווּנגען צו זעצן זיך לעבן אים. ביידע זענען צעטרייסלט, צעטומלט, דאָס יידישע ייִנגל פֿון דער דערנידערונג, דאָס פּוילישע פֿון דער חרפּה וואָס ער מוז זיצן צוזאַמען מיט אַ יידיש קינד. די לערערין אָבסערווירט. אַ ווייטע געשעעניש טויכט אויף אין זכרון, אַ ווייטיק קלאַפּט אָן אין האַרץ. זי דערציילט די קינדער אַ מעשה, אירע אַן אייגענע: זי איז אַמאָל געצוווּנגען געווען צו

גיין אין אַ דייטשער שולע. איינע צווישן דייטשע קינדער געווען. זי דעקט אָפּ די האָר פון שטערן און ווייזט אַ צייכן פון אַ ווונד. דאָס איז פון אַ שטיין, וואָס יענע קינדער האָבן געוואָרפן אין איר. די ווונד אויפן שטערן האָט זיך פאַרהיילט, די ווונד אין האַרצן נישט. די קינדער הערן אויס די מעשה. וועלן זיי אָבער עפּעס לערנען פון איר? דער מחבר זאָגט אונדז דאָס נישט.

פאַראַן ביי קאַרטשאַקן קורצע נאָוועלן, וואָס זענען אמתע פּערל סיי פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, סיי לויטן טראַגיש - מענטשלעכן אויסקלאַנג. אַ מוסטער פון אַזעלכע קורצע שאַפונגען איז די נאָוועלע „פראַנעק". ס'איז די צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. דער דרייצן-יאָריקער פראַנעק איז דורכן מלחמה־שטורעם פאַרטראָגן געוואָרן ער-געץ ווייט פון זיין לאַנד. ער שלעפּט זיך מיטן אָפּטרעטנדיקן מיליטער פון גרענעץ צו גרענעץ, געווינט זיך צו שלאָגן קעגן אַלע און דער עיקר צו שלאָגן יידן. ס'געלינגט אים לסוף צוריקצוקומען אין זיין לאַנד. ס'איז זומער. נאָך אַ לאַנגער וואַנדערונג שטעלט ער זיך אָפּ אויפן ברעג פון דער ווייסל. ער איז גליקלעך, קוקט מיט פרייד און ענטוזיאַזם אויפן בלויען הימל. ס'איז זיין הימל, זיין ערד. ער קוקט אויפן טייך און דאָס האַרץ צאַפּלט פון פרייד. ס'איז זיין ווייסל. ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך די שמוציקע, צעריסענע שמאַטעס, נורעט זיך איין אין וואַרעמען זאַמד און וואַרפט אַרויס פון זיך אַ קללה. ס'באַדייט, ס'איז אים גוט, ס'איז אים נאָך קיינמאָל אַזוי גוט נישט געווען. אין קאָפּ פּלאָנטערן זיך דער-מאָנונגען. וואָס האָט ער אַלץ נישט געפילט אויף זיין הויט! קעלט, הונ-גער, ווונדן. ער נעמט אַראָפּ די שיך, זיי טויגן שוין צו גאָרנישט. ער וועט זיי אַריינוואַרפן אין וואַסער, איצט דאַרף ער נישט קיין שיך, די ווונדן אויף די פיס וועלן זיך אויסהיילן. פון וואַסערע גיהנומס האָט ער זיך אַלץ נישט אַרויסגעראַטעוועט! ביים אַנטלויפן האָבן אים די סאָל-דאַטן געלאָזן אַליין, ביי אַ ייד. אַ גוטער זשיד געווען, מ'קאָן נישט זאָגן. פון היינט אָן וועט ער, פראַנעק, מער זיך נישט אַרומשלעפּן, מער נישט גנבהנען, ער וועט, ער וועט... נאָר פריער וועט ער זיך אויסבאָדן, שווי-מען קאָן ער.

ער איז אַ גליקלעכער אַריין אין וואַסער און מיט אַנטציקונג גע-רעדט צו זיך אַליין: „אַזוי פיל וואַסער אין ווייסל! אַזוי פיל זון! אַזאַ גרויסער הימל! אָ, גאָט, מאַך אַזוי איך זאָל שוין קיינמאָל נישט גנבע-נען!"

„פראַנעק האָט אָנגעהויבן שווימען, ער איז דאָך געבוירן ביים טייך און דאָ אויסגעוואַקסן. דורכן ווינטער איז ער בלויז אַ ביסל שלאַבעריק געוואָרן. אָ, ער וועט אָן איבערייס דורכשווימען די ווייסל. וואָס איז דאָס ?! יעזוס ! יעזוס !"

„דאָס וואַסער האָט פראַנעקן אַ ציִ געטאָן צום דנאָ. ער איז דער־טרונקען געוואָרן".

**
*

כמעט אַלע ביכער קאָרטשאַקס זענען פול מיט קינדער־געשטאַלטן. נעבן אַלע אַנדערע טעמעס איז דאָס קינד געוואָרן אַ שטענדיקע טעמע אין זיין ליטעראַריש ווערק, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט טיפן הומאַניזם, מיט ליריזם און גלייכצייטיק מיט הומאָר און סאַטירע.

אין אַ געוויסן פעריאָד האָט קאָרטשאַק געווידמעט זיין שרייבן אויסשליסלעך אָדער צום גרעסטן טייל דעם קינד. דאָס זענען ביכער וועגן קינדער און פאַר קינדער. ווען ער שרייבט אָבער וועגן קינדער און פאַר קינדער, רעדט ער גלייכצייטיק צו דערוואַקסענע, דריקט אויס אויך זייערע באַגערן. די טרוימען פון זיין קינדער־העלד קייטוש זענען דאָך אונדזערע אַלעמענס טרוימען. די דאגות און אַספּיראַציעס פון די קינדער־העלדן אין באַנקראָט פון קליינעם „דזשעק", פון „רום" און אַנדערע ביכער פאַר קינדער האָבן אַ נאָענטן שייכות מיט די דאגות פון דערוואַקסענע. און איז דען דער גורל פון קליינעם מאַטשוש פון ראָמאַן „דער קעניג מאַטשוש דער ערשטער" נישט אונדזער אַלעמענס גורל ? אַ קעניגלעכער זון און יורש האָט דער 8־יעריקער מאַטשוש נאָך דעם ווי ער האָט איבערגענומען דעם טראָן נאָכן פאָטערס טויט, געוואָלט פולשטענדיק רעפאָרמירן דאָס קעניגרייך. ער האָט באַגערט אויסצו־בעסערן די מענטשן, אונטערצוברענגען נויט, מלחמות, אומטאָלעראַנץ און פאַרברידערן אַלע מענטשן, ווייסע, שוואַרצע און געלע. ער האָט דאָס נישט דערגרייכט. אַלע זיינע אָנשטרענגונגען זענען געגאַנגען לאיבוד און פאַר זיינע גוטע כוונות האָט ער טייער באַצאָלט.

קאָרטשאַק האָט געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע קינדער-ליטעראַטור. ער האָט פאַר איר געפונען נייע זשאַנערן, נייע פאָרמען, פאַרשידענע איינפאַלערישקייטן. דאָס איז אַ פּראָזע פון אַ מערקווירדיקער פשטות, פול מיט צאַרטן, דינעם הומאָר, מיט רייכער אימאַגינאַציע, ווי ס'איז רייך די קינדערישע פאַנטאַזיע. יעדעס בוך פאַר קינדער איז אַן אמתער

שפּיגל פון קינדס נשמה, וואָס קאָרטשאַק האָט אַזוי גוט געקענט און אין וועלכער ער האָט געלייענט ווי אין אַן אָפן בוך. דער פּעדאַגאָג־שרייבער האָט אין טייל ביכער פאַר קינדער מיט אַזאַ מייסטערשאַפט צוזאַמענגעשפּינט דאָסווירקלעכע מיטן פאַנטאַסטישן, אַז די פאַרבנריי־כע, קינדערישע פאַנטאַזיע און די רעאַליטעט בילדן איין גאַנצקייט אַזוי ווי דאָס איז אין ראָמאַן „קייטוש דער מכשף". אגב האָט קאָרטשאַק, איידער ער האָט אָנגעשריבן דאָס בוך לאַנג און ברייט אַרומגערעדט דעם „שטאָף" מיט די קינדער פון זיין יתומים־הויז. אָט ווי ער דער־ציילט וועגן די צוגרייטונגען: „איידער כ'האָב אָנגעהויבן צו שרייבן דעם ראָמאַן „קייטוש דער מכשף", האָב איך גערעדט מיט די יינגלעך וועגן כשוף־מאַכעריי און מיט די מיידלעך וועגן וואַרזאָגערינס. דערנאָך האָב איך די קינדער געלייענט פאַרשידענע קאַפּיטלעך פון בוך. נאָכן לייענען האָב איך דאָ געענדערט, דאָ עפּעס אויסגעבעסערט און כמעט איבערגעמאַכט דאָס בוך. כ'האָב קודם געוואָלט דער ראָמאַן זאָל זיין אינטערעסאַנט און אויך אויסגעמיטן ער זאָל זיין שרעקעוודיק אָדער שווער צו פאַרשטיין".

פון אַזאַ צוזאַמענאַרבעט מיט די קינדער, פון שמועסן מיט זיי, פון דער קענטשאַפט און נאָענטקייט מיט דעם קינדס אינערלעכער וועלט, איז געבוירן געוואָרן אַ נאָוואַטאָרישע, עכט קינסטלערישע קינדער־לי־טעראַטור. קאָרטשאַק האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט איין איינציקן מאָדעל. ער האָט כסדר געהאַט נייע קינסטלערישע איינפאַלן. אַזוי צום ביישפּיל איז דאָס בוך „דאָס פאַרעקשנטע יינגל", וואָס גיט איבער די קינדהייט פון פראַנצויזישן געלערנטן לואי פּאַסטער, נאָך אַ נייער עקס־פּערימענט, וואָס באַשטייט אין זייער קורצע זאַצן, וואָס חזרן זיך איבער ווי אַ רעפרען און וואָס פאַרמאָגן אַן אויסערגעוויינלעכן, אינערלעכן ריטם. דאָס בוך רירט מיט זיין פּשוטקייט, פאַרביקייט און גלייכצייטיק מיט זיין ערנסטן און רייכן אינהאַלט.

קאָרטשאַק האָט געוויינט פון דער אַלטער, סענטימענטאַלער פּראָזע פאַר קינדער. אים איז ליבערשט געווען אַ מעשהלע פון אַן אַלטער ניאַנקע, וואָס זי האָט דערציילט מיט אַ סך דיגרעסיעס און איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען ביזן סוף, ווי אַ רוטינירט בוך פון אַ קאָנווענציאָנעלן קינ־דער־שרייבער. אגב פלעגט קאָרטשאַק גופא דערציילן אין יתומים־הויז די קינדער אַזעלכע מעשהלעך. ער פלעגט נישט פאַרענדיקן, אָדער ער פלעגט אַ סך מאָל דערציילן דאָס זעלבע מעשהלע אין פאַרשידענע וואַ־

ריאַנטן און די קינדער האָבן יעדעס מאָל אויסגעהערט מיט אָנגע־שפּיצטע אויערן און אָפענע מיילער. און פאַרוואָס זאָלן די קינדער אַליין נישט צוטראַכטן אַ סוף צו אַ מעשהלע?

***

אין דער צווייטער העלפט דרייסיקער יאָרן האָבן זיך געעפנט נייע האָריזאָנטן פאַר קאָרטשאַקס ליטעראַרישער שאַפונג. ס'זענען געווען די צייטן, ווען ער איז אַלע מאָל מער באַווירקט געוואָרן פון ציוניסטישן געדאַנק און צוויי מאָל, אין 1937 און 1938, זיך געלאָזט קיין ארץ־ישראל. דאָס חלוצישע לעבן, דאָס קינד אונטער דער ישראלדיקער זון, האָבן זיך פאַרקניפּט מיט די געשטאַלטן און מיטן אַראָמאַט פון תנ״ך, וואָס האָבן אים פון לאַנג געהאַט אָנגעהויבן צו פאַסצינירן. פאַר די נייע טעמעס האָט ער ווידער אויסגעפונען נייע קינסטלערישע פאָרמען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן ביי אים אַ קינדער־טעמאַטיק מיט אַ נייעם, היסטאָריש־יידישן אינהאַלט. לײדער איז צו אונדז גאָר ווייניק דערגאַנגען פון דעם, וואָס קאָרטשאַק האָט אָנגעשריבן נאָך זיי־נע נסיעות קיין ארץ־ישראל.

אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן, נאָך דעם ווי קאָרטשאַקס ביכער זענען אַ לאַנגע צייט פאַרשוויגן געוואָרן, אָדער גאָר געווען נישט אָפיציעל אויפן אינדעקס, זענען דערשינען זינט 1957 בלויז 4 בענדער אויס־געוויילטע ווערק — און באַזונדער, צוויי בענדער פּעדאַגאָגישע שריפטן — אין וועלכע עס פעלן נישט ווייניק שאַפונגען זיינע און אוודאי שוין די, וואָס ער האָט אָנגעשריבן נאָך זיינע אויפהאַלטן אין ארץ־ישראל, וועגן די דאָרטיקע קינדער אויף ביבלישע טעמעס. זיי זענען נישט בנמצא.

דעם מחבר פון די שורות איז אין וואַרשע אויסגעקומען לאַנגע יאָרן צו זוכן די נאָוועלע „דריי עקספּעדיציעס פון הערשעלען״, וואָס איז דערשינען אין 1938. ערשט אין פּאַריז האָט זיך מיר, נאָך גרויסע באַמיאונגען, איינגעגעבן דורך דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער ביב־ליאָטעק אַרויסצובאַקומען דאָס פאַרשווונדענע ביכעלע. אויפן סמך פון קעגנזייטיקן אויסטויש האָט די פּוילישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק צוגע־שיקט אַ מיקראָפילם מיט וועלכן כ'האָב זיך געקאָנט באַנוצן. לייענענדיק די נאָוועלע, ווערט קלאָר פאַרוואָס די „דריי עקספּעדיציעס פון הער־שעלען״ זענען פאַרשווונדן. שוין דער שער־בלאַט איז דאָרט ווי אַ רויטע פלאַכטע פאַר אַן אָקס. אויבן: „פּאַלעסטינער קינדער־ביבליאָ־

טעק״. אַרויסגעגעבן איז די נאָוועלע — און אפּנים ענלעכע אַנדערע — דורכן קרן קימת לישראל, פאַרלאַג „יודאַיקאַ״. דרך אגב איז דאָס אַן איבעריקער באַווייז, אַז קאַרטשאַק, דער אמאָליקער אַסימילאַטאָר און אָפּגעפרעמדעטער פון יידישן פאָלק, האָט זיך נישט נאָר דורכגעדרונגען מיטן ציוניסטישן געדאַנק, נאָר אויך פאַרבונדן זיך מיט דער ציוניסטישער סביבה.

נישט וויניקער פאַרדעכטיק, טריף ווי דער שער־בלאַט, איז דער אינהאַלט פון דער נאָוועלקע. נאָר לאָמיר קודם כל ברענגען אַ ציטאַט און עס ווילט זיך ציטירן און ציטירן. אָט ווי אַזוי הערשעלע דערוויסט זיך פון שטעטלדיקן משוגענעם — אגב דריקט קאַרטשאַק אָפּטמאָל אויס דורך משוגעים טיפע אמתן און פילאָזאָפישע געדאַנקען — וועגן דעם וואָס ס׳איז אַמאָל געשען מיטן יידישן פאָלק און וועגן דער באַדייטונג פון זיין גייסטיקייט: „ס׳איז געווען אַמאָל אַ מלחמה און טיטוס האָט פאַרברענט דעם בית־המקדש. ס׳זענען פאַרברענט געוואָרן די הייליקע ספרים. יאָ, יאָ, פאַרברענט געוואָרן, נאָר נישט אַלץ. בלויז דאָס פּאַפּיר איז פאַרברענט געוואָרן, יאָ, יאָ, דאָס פּאַפּיר בלויז — די אותיות זענען אַוועקגעפלויגן אין הימל און לעבן דאָרט. יאָ, זיי לעבן די אותיות פון דער הייליקער תורה... שיין וואַקסט דיין אַרבעס, וואָס האָסט פאַרזעצט הינטער דער בודע, פון די געלע קייקעלעך אַרבעס וואַקסט אויס גרינע גראָז. אותיות זענען קליינע קערנדלעך פון וויסן. פון קליינע קערנדלעך וואַקסן אויסביימער, וועלדער; זעסט, אַ מוראַשקע שטאַרבט, אַ מאַמע שטאַרבט... יאָ, יאָ, מען שטאַרבט אַוועק, נאָר אותיות שטאַרבן קיינמאָל נישט, זיי לעבן שטענדיק...״

און ווער איז ער דאָס, הערשעלע, וואָס הערט זיך צו מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און אַן אָפן מויל צו די קלוגע ווערטער?

אַ קליין, אָרעם יינגל, אַ פאַרוואָרלאָזטער יתום. מיר זענען דאָ אַריבערגעטראָגן אין אַ פאַרצייטיק עכט יידיש שטעטל, ווו דאָס אָרעמע קינד פאַרברענגט דעם זומערדיקן טאָג אָדער אין חדר, אָדער אין שמוציקן הויף. דער אָרעמער יתום הערשעלע איז אָבער רייך אין טרוימען, און שיינע פאַרלאַנגען. ער טרוימט צו גיין צופוס קיין פאַלעסטינע, צוריקגיין אין דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט געגעבן די יידן נאָך דעם, ווי משה האָט זיי אַרויסגעפירט פון גלות מצרים. זיינע טרוימערישע עקספּעדיציעס פאַלן דורך, אָבער ער פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך. „הערשעלע וויל זיין משה. ער וועט געפינען לסוף אַזאַ שטאַרקע תפילה, וואָס וועט

ברענגען פאַר די יידן מן און מלאכים וועלן קומען אַנטקעגן. און ווי־דער וועט ער זיך לאָזן אין וועג, אָבער שוין נישט אַליין. ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן, ווייל ער איז געווען איינער אַליין...". „... אַז איך וועל גרויס ווערן וועלן גיין מיט מיר יידן, קינדער און מאַמעס, אַלטע און יונגע, כ'וועל מיטנעמען אַלע אָרעמע און אומעטיקע, זיי וועלן נישט מורא האָבן פאַר קיין מדבר, פאַר קיין לייב, נישט פאַר קיין שאַקאַל, נישט פאַר קיין גיפטיקער, געפּאַנצערטער שפּין".

אַזוי האָט קאָרטשאַק אין אַ קליינער נאָוועלע, דורך די טרוימען און רייכער קינדער־פאַנטאַזיע פונאַנדערגעשפּרייט פאַרן קינד אַ ברייטע, פאַרביקע פּאַנאָראַמע פון אַלטער יידישער געשיכטע און געגעבן אַ ליכטנדיקע וויזיע פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, פון צוריקקער אין לאַנד פון די אבות. אין ווייניק טעקסט, אין קורצע, אָפּגעהאַקטע זאַצן איז אַריינגעפּרעסט אַ סך נייער אינהאַלט. דער אַלט־יידישער מעשה־סטיל, דער צאַרטער ליריזם און ריטם פון וואָרט גיבן צו אַ באַזונדערן חן דעם נייעם אַרט קינדער־ליטעראַטור.

ס'איז זיך משער צו זיין, אַז חוץ די לעצטע שאַפונגען פאַר קינדער מיט אַ נייעם אינהאַלט, האָט קאָרטשאַק געגרייט פיל ענלעכע אַרבעטן. פון געטאָ־טאָג־בוך דערוויסן מיר זיך, אַז ער האָט נאָך אין יענע אוממענטשלעכע באַדינגונגען געטראַכט וועגן אָנשרייבן אַ בוך מיט אַ יידישן אינהאַלט אויפן מוסטער פון „דער קעניג מאַטשוש דער ערשטער". דאָס האָט געזאָלט זיין „דער קעניג דוד דער ערשטער", מיט אַ יידיש קינד ווי דער הויפּט־העלד.

ווער ווייסט וויפל פאַרטראַכטע ביכער זיינע עס זענען שוין געווען אין גאַנג פון שרייבן, וויפל אויסגעעענדיקטע אַרבעטן זענען אומגעקומען. נאָך דעם, ווי מ'האָט דעם 5־טן אויגוסט 1942 אַרויסגעפירט דאָס קינדער־הויז מיט קאָרטשאַקן צום אומשלאַג־פּלאַץ, האָבן זיך אין פאַרוויסטן הויז, ווי מ'האָט מיר איבערגעגעבן, אין געהיים אַריינגעגנבעט עטלעכע קאָרטשאַקס געוועזענע דערצויגלינגען, אויף גיך צוזאַמענגענומען וואַליזקעס, אָנגעפּראָפּטע מיט פאַרשידענע מאַנוסקריפּטן און דאָקומענטן פון רייכן אַרכיוו. מ'קאָן זיך משער זיין, אַז צווישן יענע דאָקומענטן און מאַנוסקריפּטן זענען אויך געווען נאָטיצן פון די לעצטע נסיעות און נייע שאַפונגען וועגן ארץ־ישראלדיקן לעבן, וועגן די דאָרטיקע קינדער. פון יענע עטלעכע יונגע בחורים, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן צו ראַטעווען קאָרטשאַקס אַרכיוון און ליטעראַריש

פאַרמעגן, איז פאַרלוירן געגאַנגען יעטװעדער שפּור. ס׳איז אויך קיין שפּור נישט פאַרבליבן פון די וואַליזקעס מיט קאָרטשאַקס שעפעריי־שער ירושה.

*
**

קאָרטשאַק האָט שטענדיק געהאַט גרויסע ליטעראַרישע פּלענער, זיך ברייט פאַרמאָסטן, טראָץ דעם וואָס ער איז איבערן קאָפּ געווען איינגעטונקען אין שווערער טאָג־טעגלעכער, פּעדאַגאָגישער אַרבעט. טייל־מאָל פלעגט ער אייגנצייטיק זיך פאַרנעמען מיט עטלעכע ליטעראַרישע אַרבעטן. אין 1930 האָט ער אויף אַן אַנקעטע פון דער ליטעראַרישער צייטשריפט „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקע״ (ליטעראַרישע נייעסן), גע־ענטפערט, אַז ער האָט פאַרטראַכט 8 ביכער און אייניקע שוין אייג־געפעדעמט, און בעמלעך: די דראַמע „דער סענאַט פון די וואַנזיניקע״, „דער עלטער־זיידע און דאָס אייניקל״, אַ באַנד נאָוועלן אונטערן טיטל „די שטילע״, „אויג אויף אויג מיטן לעבן״, „די קינדער־מלוכה״, „כּללים פון לעבן״, „קייטוש דער מכשף״ און אַ בוך אונטערן טיטל „די סאָציאַלע פאַרשווערונג״.

אין יענע יאָרן זענען דערשינען זיינע אַנדערע ביכער: „דער קעניג מאַטשוש אויף דעם נישט באַפעלקערטן אינדזל״ (1931), „דאָס פאַרעקשנט ייִנגל״ (1937), „מענטשן זענען גוט״, „די דריי עקספּע־דיציעס פון הערשעלען״, „רעפלעקסן״ (1938) און „פּעדאַגאָגיק אויף אַ שפּאַס״, וואָס איז אַ זאַמלונג פון זיינע וועכנטלעכע שמועסן פאַר קינ־דער און יוגנטלעכע אין ראַדיאָ פון וועלכע עס האָבן געלעקט די פינ־גער אויך דערוואַקסענע. דאָס איז געווען זיין לעצט דערשינען בוך, אין 1939. דאַקעגן פון זיין אַנגעצייכנטן פּלאַן — און גריילעך מעגלעך אויסגעפירטן — זענען דערשינען בלויז „קייטוש דער מכשף״ און דאָס ערשטע אויסגערעכנטע בוך, די פּיעסע „דער סענאַט פון די וואַנזיניקע״. און אויף דעם בוך איז כּדאַי אַ ביסל לענגער זיך אָפּצושטעלן.

קאָרטשאַק האָט אין זיין ליטעראַריש ווערק נישט איין מאָל באַ־רירט דעם ענין פון מאַכט, פון הערשאַפט — דאָס הערשן פון איין מענטש איבערן אַנדערן, פון דערוואַקסענעם איבערן קינד. שוין אין זיין ערשטן ווערק, אין דער פּרעמירטער דראַמע ״דורך וואַנען״, וואָס איז לײַדער פאַרבליבן אין מאַנוסקריפּט און אומגעקומען מיט פיל אַנדערע מאַ־נוסקריפּטן און וועגן אינהאַלט וויסן מיר פון אַמאָליקע צייטשריפטן,

באַרירט ער דעם ענין פון דעספּאָטישער הערשאַפט אין דער משפחה. דעם מעכאַניזם פון הערשאַפט האָט ער אויך געצייכנט מיט הומאָר און איראָניע אין „קעניג מאַטשוש דער ערשטער" און אגב איז דאָס בוך אינסצעניזירט און פילמירט געוואָרן.

אין „סענאַט פון די וואַנזיניקע" האָט קאָרטשאַק אין אַ ברייטן פאַרנעם און אין אַ גראָטעסקער פאָרם, מיט סאַרקאַזם, געשטעלט דעם פּראָבלעם פון טאָטאַלער הערשאַפט. אויך דער פאַקט וואָס די פּערסאָנאַזשן זענען משוגעים איז נישט אין גאַנצן קיין נייעס. וואנזין האָט קאָרטשאַקן באַשעפטיקט, קאָן מען זאָגן, דאָס גאַנצע לעבן. זיין פאָטער איז געשטאָרבן פון אַ פּסיכישער קראַנקייט און צו 17 יאָר, ווי ער דערציילט דאָס אין זיינע זכרונות, האָט ער געשריבן אַ בוך אין וועלכן דער יונגער העלד האָט געזאָלט באַגיין זעלבסטמאָרד אויס מורא, אַז ער זאָל נישט האָבן איבערגענומען בירושה דעם טאָטנס נייגונג.

אין דער דראַמע ווערן באַרירט פיל פּראָבלעמען, וואָס זענען קאָרטשאַקן שטענדיק געלעגן אויפן האַרץ, ס'איז זיך אָבער משער צו זיין, אַז קאָרטשאַקס קינסטלעריש אויג האָט דאָ געגרייכט אַ סך ווייטער.

„דער סענאַט פון די וואַנזיניקע" שטעלט פאָר מיט זיך אַ שפּיטאָל פון משוגעים, וואָס האָבן דעם איינפאַל זיך צונויפצוקלייבן אין אַ סענאַט, כדי צו דעבאַטירן וועגן סדר פון דער וועלט, ווי אַזוי זי דאַרף זיך פירן און ווי אַזוי זי דאַרף אויסזען. די משוגעים רעפּרעזענטירן אַלע שיכטן: פאַראַן צווישן זיי אַ קאָלאָנעל, אַ דאָקטער, אַ פּראָפעסאָר, אַ ספּעקולאַנט, אַן אַרבעטער, אַ רעסטאָראַטאָר, באַדינער, אַן אַלטער, אַ יונגער, אַ קינד, אַ פרוי, מיט איין וואָרט אַ מענטשלעכער קאָלעקטיוו. די סימבאַליק שטעקט אין אַרום. אונדזער פּלאַנעט ווערט פאָרגעשטעלט דורך אַ גרויסן גלאָבוס אַן אַרומגערינגלטן מיט שטעכל־דראָטן, אַן אַרומגעקלעפּטן מיט שמאַטעס, שטיקלעך פּאַפּיר. אין דער טיף פון דער סצענע אַ שוואַרצער טאָוול, איבער אים אַ גרויסער זייגער מיט איין ווייזער, וואָס באַשטייט פון אַ שווערד.

אין אַזאַ אַטמאָספער דעבאַטירן די איינוווינער פון משוגעים־הויז. יעדער האָט זיינע אייגענע איינפאַלן לויט וועלכע די וועלט וואָלט זיך געדאַרפט פירן.

צווישן די פּערסאָנאַזשן טיילט זיך אויס אַ מיסטעריעזע געשטאַלט, וואָס טראָגט דעם סימבאָלישן נאָמען אומעטיקער ברודער, און ער, דער

אומעטיקער ברודער, די הויפּט־פיגור פון דער פּיעסע, אַנטפּלעקט באַלד פון אָנהייב פאַרן לייענער, אָדער צושויער ווי אַזוי זי זעט אין דער ווירקלעכקייט אויס די וועלט. „אַ וואַנזיניקער גלאָבוס פון אַ צערייצטער, באַנומענער וועלט. מיט בלוט איז אָנגעפילט דער ים, אַ טרויעריקע איז די יבשה פון מרה־שחורהדיקן מענטש...” און אַנדרייענדיק דעם זייגער, זעצט ער פאָר זיין לאַנגן, כאַאָטישן מאָנאָלאָג: „... אַ צעדרייטער זייגער פון משוגע־געוואָרענע צייטן... עקספּלאָזיעס, גיפּטיקע גאַזן, חורבות, צעריסענע שטיקער, פאַרשרפעטע איבערבלייבענישן, בויך־טיפוס...”

זיינע ווערטער קלינגען, ווי זיי וואָלטן געקומען פון אַן אַלט־גריכישן אָראַקל. צייטנווייז דערמאָנען זיי אין שטראָפּערישע רייד פון אַ יידישן אַלטן נביא. און ס׳איז זיך נישט שווער אָנצושטויסן, אַז דער מחבר גופא האָט גערעדט דורכן מויל פון אומעטיקן ברודער. אויך זיין שטענדיקע אַנטציקונג פאַר די שיינקייטן פון דער נאַטור דריקט ער אויס דורך אים.

קאַרטשאַק דער שרייבער־וויזיאָנער קומט זיך אויך דאָ אויף אַ ווײַלע צונויף מיטן פּעדאַגאָג־נאַוואַטאָר און רעפאָרמאַטאָר, וואָס האָט געגלויבט, אַז דורך אַ געהעריקער דערציאונג פון קינד קאָן מען אויסבעסערן דעם מענטש, רעפאָרמירן די געזעלשאַפט, איינפירן יושר און גערעכטיקייט. פלעכט ער אַריין אין דער פּיעסע אַ וווּנדערבאַר מעשהלע פול מיט סימבאָליק, ליריזם, וואָס דער אַלטער, דער גאָט־זוכער דערציילט דעם קליינעם ייִנגל יאַנעקן, אַ מעשהלע פאַרוואָס און ווי אַזוי גאָט איז אַנטלאָפן פון דער וועלט. אַלע האָבן אַרומגעזוכט דעם אַנטלאָפענעם גאָט, און נאָר אַ קינד האָט אים אָפּגעפונען אַן אויסבאַהאַלטענעם אין אַ נעסט פון אַ פייגעלע. קיין כבוד האָט מען דעם אָפּגעפונענעם גאָט נישט געקאַרגט. מ׳האָט אים אויפגענומען מיט גרויס פּאַראַד. אָבער ווען גאָט האָט זיך אַרומגעזען, אַז מען וויל אים ווידער פאַרמאַכן אין אַ טעמפּל, אַרויפזעצן אויף אַ טראָן, האָט ער מיט זיין געטלעכן כוח זיך אַרויסגעריסן, און כדי מ׳זאָל אים ווידער נישט פאַנגען, האָט ער זיך צעשפּליטערט אויף קליינטשיקע שטיקלעך און אַריין אין די הערצער פון די קינדער...

אָבער נישט אַזעלכע אַנצוהערענישן, נישט די נביאישע רייד פון אומעטיקן ברודער געפינען אַן אָפּקלאַנג צווישן די איינוווינער פון משוגעים־אַנשטאַלט. יעדערער טראַכט וועגן זיך, האַלט זיך ביי זיינס.

אינעם געווירבל פון מיינונגען און אַנשויאונגען שווימען אַרויס די גע־פערלעכע איינפאַלן פון שגעונדיקן קאַלאַנעל, וואָס רייסט זיך צו ווערן דער וואָרט־זאָגער, דער בעל־דעה פון דער וועלט. עס שפריצט פון אים מיט שנאה צו קולטור, צו ציוויליזאַציע, צו בילדונג, צו יידן. ער פּראָקלאַמירט הויך דאָס געזעץ פון פייער און שווערד. ער לייגט פאָר מ'זאָל „אויף יעדן עפנטלעכן פלאַץ אויפשטעלן דריי תּליות, אויפהענ־גען די אַנטדעקער, אידעאַליסטן, די פאַרשפּרייטער פון אינפאָרמאַציעס, צוריק איינשטעלן די אינקוויזיציע. די דעמאָקראַטיע דאַרף מען אַריינ־לייגן אין אַ זאַק, גוט פאַרבייען און אַריינוואַרפן אין טייך. די פרויען דאַרף מען צונויפטרייבן אויפן הויפּט־פּלאַץ און זיי שמייסן. מ'דאַרף אַרויסנעמען די ביינער פון גוטענבערגן, פאַרברענען זיי און דאָס אַש צעזייען אין אַלע ווינטן"...

צי האָט קאָרטשאַק אַזוי אַרום דורך זיין קינסטלערישער וויזיע נישט פאָרויסגעזען די אָנרוקנדיקע זיך הערשאַפט פון היטלעריזם? אַז מען לייענט היינט דעם „סענאַט פון די וואַנזיניקע", מיט אַלע דיגרע־סיעס און פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען, זעט עס אויס ווי קאָרטשאַק וואָלט אויסן געווען צו וואָרענען: זייט וואַכזאַם! דער קאָלאָנעל איז נישט פאַרמאַכט אין קיין משוגעים־הויז! איבעריקנס איז נישט שווער צו דערקענען, אַז אונטער די מאַסקעס פון משוגעים רעדן מענטשן צווישן וועלכע מען געפינט זיך.

מ'האָט קאָרטשאַקס פּיעסע דעמאָלט ווייניק וואָס פאַרשטאַנען, הגם די באַדייטנדיקסטע קריטיקער און שרייבער האָבן זיך אָפּגערופן וועגן איר מיט לויב. די דראַמע, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשע אין 1932, האָט נישט געהאַט קיין לאַנגן לעבן. מ'האָט זי נאָך עטלעכע חדשים אַראָפּגענומען.

ס'האָבן זיך אין גיכן אָנגערוקט פאַר קאָרטשאַקן שווערע צייטן. ער האָט זיך אין אַלע מאָל מער געפילט ווי אַן איינזאַמער וואַנדערער אויף אַ לאַנגן, שטיינערנעם וועג. ער איז אויך איינזאַם געוואָרן אין זיין פּעדאַגאָגישער פּראַקטיק. מ'האָט עטלעכע יאָר שפּעטער אָפּגעשאַפט זיינע שמועסן פאַר קינדער אין דער פּוילישער ראַדיאָ. (ערב דער מל־חמה, ווען מ'האָט געדאַרפט רופן צו פאַרטיידיקן זיך און אָנזאָגן די קינדער ווי אַזוי זיך צו באַגיין בעת באָמבאַרדירונגען, האָט זיך ווידער דערהערט זיין מוטיקע שטימע דורכן ראַדיאָ). מ'האָט אים אין גיכן דער־פירט צו רעזיגנירן פון דער אָנפירערשאַפט אין דעם דעמאָלט באַקאַנטן

פוילישן יתומים־הויז אויף ביעלאַני. די פוילישע הערשער האָבן זיך אַלע מאָל מער געחברט דעמאָלט מיט היטלער־דייטשלאַנד.

אין יענע שווערע צייטן האָט קאָרטשאַק אונטערגענומען די צוויי נסיעות קיין ארץ־ישראל. ער האָט זיך געגרייט אין 1939 צו אַ דריטער נסיעה מיטן אויסזיכט זיך ווידער אַרומצוקוקן. ער האָט גערעכנט זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל. ס'איז אים נישט לייכט געווען צו מאַכן אַזאַ שריט. ס'איז געווען די גרויסע אחריות פאַרן קינדער־הויז. די מלחמה האָט צענישט געמאַכט אַלע זיינע פּלענער. אָבער אין די שווערסטע יאָרן האָט קאָרטשאַק נישט אָוועקגעלייגט די פעדער.

אויך אין געטאָ איז דער איבערייס נישט געווען קיין פולשטענדיקער. דאָס טאָג־בוך האָט ער פאַרטראַכט און אָנגעהויבן שרייבן אין די ערשטע געטאָ־צייטן. אַ פּאַרזונקענער אין איבערמענטשלעכער, אָנגע־שטרענגער אַרבעט, אין זאָרגן אויסצוהאַלטן און דערהאַלטן ביים לעבן צוויי הונדערט קינדער, האָט ער דאָס טאָג־בוך איבערגעריסן. אומגע־קערט צו די פאַרצייכענונגען האָט ער זיך אין אָממיינסטן טראַגישן פּעריאָד, אין פרילינג 1942, און געשריבן ביזן סוף. די לעצטע באַטיצן זענען פון דער נאַכט פון 4־טן אויגוסט. ער האָט נאָך באַוויזן דעם מאַ־נוסקריפּט אַרויסצושיקן.

זיין סטיל איז געוואָרן נאָך מער געפּרעסט, זיין געדאַנק נאָך בליי־ציקער. „פאַר דעם, וואָס וועט דאָס לייענען, שרייבט ער, וועלן דאָס זיין ווייניק פאַרשטענדלעכע קירצונגען. פאַר מיר זענען דאָס בליץ־ווערטער, טליענדיקע פונקען, וואָס קלאַפּן זיך אָן אין זיך, ווי שטיינער, פעלדזן פון געדאַנקען, וואָס שטויסן זיך צוזאַמען מיט פעלדזן פון אי־בערלעבונגען".

אויך דעמאָלט, ווי מיר זעען דאָס אין טאָג־בוך, אין וועלכן עס פלעכטן זיך צוזאַמען אַזוי טראַגיש זכרונות פון זיין לעבן, באַטראַכ־טונגען, רעפלעקסן מיט איבערלעבונגען און בילדער פון געטאָ, טרוימט ער נאָך וועגן שרייבן ביכער, צייכנט זיך נאָך אָן טעמעס. און אין מאָמענט פון אָנמעכטיקייט פאַרצייכנט ער: „ס'איז שווערער איין טאָג איבערצולעבן, ווי אָנצושרייבן אַ בוך".

ברונאָ שולץ דער קינסטלער און ייד

ברונאָ שולץ איז ווייניק וואָס באַקאַנט דעם יידישן עולם. אָבער ברונאָ שולצן, דעם טאַלאַנטירטן יידיש־פּוילישן קינסטלער, קומט מער ווי בלויז דערמאָנט צו ווערן, סיי ווי אַן אַלזייטיקער שעפער, סיי ווי אַ יידי־שער מאַרטירער.

ס׳איז באַקאַנט, אַז צוזאַמען מיט די יידישע שרייבער און אַנדערע שעפער זענען פון דער היטלעריסטישער שווערד פאַרשניטן געוואָרן יידיש־פּוילישע שרייבער. זייער גורל איז אונטער דער היטלעריסטישער ממשלה געווען באַזונדערס דראַמאַטיש, טראַגיש־קאָמפּליצירט. דעם ווייט גרעסטן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג זענען זיי געווען אין גאַנצן אומבאַקאַנט, איבערהויפּט די יונגע, וואָס האָבן זיך נאָך נישט גע־האַט דערוואָרבן קיין נאָמען. אין די געטאָס האָבן זיי זיך דערפילט טאָפּלט פאַרשפּאַרט און איזאָלירט, ווייל אויך אָן אַ קאָנטאַקט מיט די גורל־ברידער. בלויז אַ טייל, דער בעסטער און דער ענערגישסטער, האָט גע־פונען אַ וועג צום יידישן כלל און אַריינגעפלאָכטן זיך אין דעם פיבער־דיקן געטאָ־לעבן. אַדאָלף רודניצקי, אין זיינע באַרימטע „גאָלדענע פענצ־טער״, ווייזט אָזאַ טאַלאַנטירטן יידיש־פּוילישן דיכטער אין זיין טראַגיזם און דערהויבנקייט ביי דער זייט פון די געטאָ־אויפשטענדלער, בעת אַן אַנדערער האָט ווי אַ גילגול אַרומגעבלאָנקעט אין זיין אומגליק. אויך עמנואל רינגעלבלום דערמאָנט אין זיינע כתבים וועגן דער באַזונדערער דראַמע פון די יידיש־פּוילישע שרייבער.

נאָך זייער אומקום האָט זייער זכרון און זייער ביסל ליטעראַרישע ירושה באַגלייט אַן ענלעכער טראַגישער גורל. זיי זענען אַלע אומגעקו־מען ווי יידן, אָבער זענען ווייטער געבליבן אומבאַקאַנט דער יידי־שער וועלט. און האָט דאָך דער רמב״ם געזאָגט און פאַרשריבן פאַר דור דורות, אַז יעדערער, וואָס מען פאַרטיליקט בלויז דערפאַר ווייל ער איז אַ ייד, דאַרף ווערן באַטראַכט און דערמאָנט ווי אַ קדוש. איז ווי זאָל מען

איצט שרייבנדיק וועגן שולצן, נישט דערמאָנען כאָטש איינעם פון יענע קדושים?

געווען אַ טאַלאַנטירטער יידיש־פּוילישער דיכטער מיטן נאָמען וולאַ־דיסלאַוו שלענגעל. ער האָט אויך אין וואַרשעווער געטאָ פיל געשאַפן און אַגב זיך שטאַרק דערנענטערט צו דער יידישער עדה, מיטגעפיבערט מיטן עפּנטלעכן געטאָ־לעבן. ער האָט געוועקט מוט מיט זיין דעמאָלט פּאָפּולער ליד „קאָנטראַטאַק", געשריבן אפילו באַקאַנטמאַכונגען אין פּערזן צו די קינדער־פאַרשטעלונגען אין קאָרטשאַקס יתומים־הויז. שלענגעל האָט געהאַט דאָס מזל, אַז אַ טייל פון זיינע שאַפונגען האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט. ווער ווייסט היינט וועגן אַזאַ דיכטער און זיין דיכ־טונג?

די צאַרטע דיכטערין הענריקאַ לאַזאַווערט האָט זיך אין וואַרשע־ווער געטאָ קונה שם געווען מיט איר אויפטרייסלענדיק ליד „דער קליי־נער שמוגלער", וואָס האָט געשילדערט דעם טראַגיזם און העראָיזם פון־נעם יידישן קינד. וויפל פון אונדז ווייסן וועגן אַזאַ דיכטערין און איר ליטעראַרישן זכר? געווען אַזעלכע דיכטער און שרייבער ווי אירענאַ גייזלער, יארעצקאַ. מ'וואָלט געקאָנט ציען די רשימה און זי איז נישט נאָר שייך שרייבער פון וואַרשעווער געטאָ. 16 יאָר נאָך דער מלחמה איז דערשינען אַ וואָגיק אילוסטרירט בוך „ווערק און שעפער", אָדער „אַל־געמיינער איבערזיכט איבער דער געשיכטע פון קונסט" פון קראָקע־ווער דיכטער און פּעדאַגאָג יוליוס פעלדהאָרן. דער מחבר איז אומגעקו־מען, אָבער דער מאַנוסקריפּט האָט זיך אָפּגעראַטעוועט און געמוזט לאַנג וואַרטן ביז ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ גינסטיקער שעה צו דערזען די ליכטיקע שיין. פעלדהאָרן האָט געהאַט אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכלעך לידער אין דער פּוילישער שפּראַך, געשריבן אויך פּראָזע און געווען אַן ערשט־קלאַסיקער איבערזעצער. ער האָט אויך איבערגעזעצט פון אָריגי־נאַל שיר השירים, וואָס באַווייזט מיט וויפל פעדים ער איז געבונדן גע־ווען מיטן יידישן מקור. ווער דערמאָנט היינט וועגן אַזאַ שרייבער און קונסט־היסטאָריקער? און וויפל יונגע טאַלאַנטן, וועלכע האָבן נאָך נישט באַוויזן באַקאַנט צו ווערן אָדער אַזעלכע נאָך וועלכע ס'איז נישט פאַר־בליבן קיין זכר פון זייערע שאַפונגען, זענען אין גאַנצן קיינמאָל נישט דערמאָנט געוואָרן?

***

סזואַלט נישט ריכטיק געווען צו זאָגן וועגן ברונאָ שולצן דאָס, וואָס וועגן די אויבן דערמאָנטע שרייבער, הגם אויך זיין נאָמען איז לאַנגע יאָרן איינגעהילט געווען אין אַ מיסטעריעזן נעפּל. דער פּוילישער דיכטער יעזשי פּיצאָווסקי דערציילט אין זיין בוך וועגן שולצן, אַז ביז 1950 האָט ער צוויי מאָל צוגעשיקט פֿאַר ליטעראַרישע צייטשריפֿטן עסייען וועגן אים. זיי זענען נישט „דורכגעגאַנגען". פּיצאָווסקי גיט צו: „עטלעכע שיינע יאָר האָט מען וועגן שולצן געקאָנט אָדער שלעכט שרייבן, אָדער שווייגן". ערשט אין 1957, נאָך דעם פּוילישן „אָקטאָבער", איז דערשינען דער גרעסטער טייל פֿון זיין אָפּגעראַטעוועט ליטעראַריש פֿאַרמעגן. ס'איז געווען אַ נייע אַנטפּלעקונג. אָבער דער נאָמען ברונאָ שולץ האָט שוין אַ סך געזאָגט פֿאַר זיין אומקום.

ווען שולץ איז אין נאָוועמבער 1942 געפֿאַלן אין דראָהאָביטשער געטאָ פֿון אַ היטלעריסטישער קויל, איז ער אַלט געווען 50 יאָר און שוין געהאַט אַ היפּש ליטעראַריש און קודם כל אַ קינסטלעריש־פּלאַס־טיש פֿאַרמעגן. ער איז ראשית כל באַקאַנט געווען ווי אַ טאַלאַנטירטער, אָריגינעלער גראַפֿיקער. ער האָט געהאַט אין זיין גראַפֿיק אַ באַזונדע־רע טעכניק, באַנוצט זיך מיט גלעזערנע פּליטעס, באַדעקט מיט זשע־לאַטין. זיינע אַלבומען מיט גראַפֿיק און צייכענונגען, וואָס ער פֿלעגט אַליין מיט קינסטלערישער געניטקייט איינבינדן, האָבן אָנגעשפּאַרט אין פֿאַרשידענע קרייזן. און געווען איז ער אויך אַ מאָלער.

נאָכן דערשיינען אין די דרייסיקער יאָרן פֿון זיינע צוויי הייַנט באַרימטע ווערק — „די צימרינג־געוועלבער" און „די סאַנאַטאָריע אונטער דער קלאַפּסידרע", האָט מען אים פֿאַרגליכן צו קאַפֿקאַן. אפשר האָט דאָ אויך צוגעשפּילט דאָס, וואָס שולץ האָט דער ערשטער באַקאַנט געמאַכט קאַפֿקאַן אין פּוילן — ער האָט איבערגעזעצט זיין „פּראָצעס". דאָך האָט דער קינסטלער, דער טאָפּלטער קינסטלער, סיי פֿאַר זיין לעבן, סיי אַ סך יאָרן נאָך זיין אומקום, קיין מזל נישט געהאַט. זיין ווערק האָט געמוזט מיט גרויסע שוועריקייטן, טריט ביי טריט, זיך דורכשלאָגן אַ וועג צו דער עפֿנטלעכקייט. זיינע צוויי ביכער זענען אויך פֿאַר זיין לעבן דערשינען אַדאַנק דער באַקאַנטער פּוילישער שרייבערין זאָפֿיאַ נאַלקאָווסקאַ, וועלכע איז איבערראַשט געוואָרן, ווען עטלעכע זיינע דערציילונגען האָבן דערגרייכט צו איר.

***

אַ שטילער, באַשיידענער, אַ ביסל אַ קרענקלעכער און תמיד צע־
שראָקענער יידישער בחור, אַ דערצויגענער אויף דער פּוילישער שפּראַך
און פּוילישער קולטור, אָבער אויך טיילווייז אויף יידישער טראַדיציע,
האָט ער אָנגעהויבן שרייבן כמעט אין געהיים. דאָס שרייבן איז געווען
זיין צווייטע גרויסע ליידנשאַפט נאָכן צייכענען און מאָלן. נאָר גע־
שריבן האָט ער ווי פאַר זיך אַליין, צייטנווייז פאַרגעלייענט פאַר פריינד.
מ׳האָט אים נאָך דער מלחמה אַריינגעוואָרפן אין איין זאַק מיט קאַפ־
קאַן. אויך די כלומרשטע גרויסע ליטעראַרישע קרובהשאַפט מיטן
יידיש־טשעכישן שרייבער האָט דעמאָלט צוגעחתמעט זיין גורל. אָבער
אויב ביידע שרייבער גייען זיך אין זייער שרייבערישן מהות פונאַנ־
דער, איז פאַראַן צווישן זיי אַ סך געמיינזאַמעס. אויך קאַפקאַ האָט
זיך נישט געריסן צו דרוקן; אַ נאָוועלע, אַ דערציילונג האָט מען גע־
דאַרפט ממש פון אים אַרויסרייסן. נאָך מער: דער יידיש־טשעכישער
גרויסער שרייבער האָט, ווי באַקאַנט, געלאָזט אַ צוואה מ׳זאָל צונויפ־
קלייבן אַלע זיינע שריפטן און פאַרברענען זיי.

ברונאָ שולץ האָט אָבער אין די אַזוי אַנדערש טראַגישע באַדינ־
גונגען יאָ געוואָלט אָפּראַטעווען זיינע שאַפונגען. אַ פאַרשפאַרטער אין
דראָהאָביטשער געטאָ, אַ געצוווּנגענער צו אַרבעטן ווי אַ קנעכט פאַר
זיינע תליינים, האָט ער אומאויפהערלעך געזוכט מיטלען ווי אַזוי אויס־
צובאַהאַלטן זיינע מאַנוסקריפּטן, בילדער, זיין רייכע גראַפיק. ער האָט
איין פעקל מאַנוסקריפּטן אַרויסגעשיקט פון געטאָ, אַנדערע שאַפונגען
פאַרשטעקט ערגעץ־וווּ. פון דעם אַלעמען איז קיין זכר נישט פאַר־
בליבן. און גאָר קאַרגע וואָלטן געווען די ידיעות וועגן לעבן און די
דראַמאַטישע ראַנגלעניש פון דראָהאָביטשער יידיש־פּוילישן קינסט־
לער, ווען נישט דער דערמאָנטער דיכטער יעזשי פיצאָווסקי, וועלכער
האָט קאַרגע צוויי צענדליק יאָר עקשנותדיק געזוכט און גענישטערט
אומעטום, אָבער צו שפעט געקאָנט זיך לאָזן קיין דראָהאָביטש, וואָס
איז איבערגעגאַנגען צו סאָוויעט־רוסלאַנד. פון קאַרגע אָפּגעפונענע דאָ־
קומענטן, גבית־עדות, צונויפגענומענע אויסקונפטן וועגן דער משפחה
שולץ, אָפּגעפונענע אין אַלע עקן וועלט פאָטאָגראַפיעס און בריוו,
ובכן, פון ברעקלעך, שפּליטערס, האָט ער צונויפגעשטעלט אַ מאָנאָ־
גראַפיע — „די רעגיאָנען פון דער גרויסער הערעזיע”, לויט אַן אויס־
דרוק פון שולצס ראָמאַן „די צימרינג־געוועלבער”. פיצאָווסקי האָט מיר
באריכות דערציילט מיט וואָס פאַראַ שוועריקייטן ער האָט צונויפגע־

קליבן די מאַטעריאַלן צום בוך און ווי ווייט די שפּורן וועגן דראָהאָ־ביטשער קינסטלער זענען פאַרווישט אין זיין געבוירן־שטאָט, אין די אָרומיקע שטעטלעך און קור־ערטער, ווו שולץ פלעגט פאַרברענגען די זומער־פעריען. צוזאַמען מיט די ביאָגראַפישע ידיעות, בריוו און אַ קאַרגע צאָל דערציילונגען, וואָס זענען דערשינען אין 1964, האָט יעזשי פיצאָווסקי אויך צונויפגעקליבן קרוב 50 רעפּראָדוקציעס פון צייכענונגען מיט טוש, בליי, קויל און גראַפיק, צווישן זיי אייניקע אוי־טאָפּאָרטרעטן, אילוסטראַציעס צו זיינע ראָמאַנען.

ס'איז נישט פאַרבליבן קיין איין איילבילד, אָבער בלויז פון די צייכענונגען און גראַפישע אַרבעטן, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אין מוזייען און ביי פּריוואַטע פערזאָנען, קאָן מען זיך מאַכן אַ פאָרשטעלונג פון שולצ'ס הויכער קונסט. און וויל מען באַגע־מען דעם מהות פון קינסטלערס שרייבערישן ווערק, מוז מען, דוכט זיך מיר, זיך אויך צוקוקן צו זיין פּלאַסטישער קונסט. ביידע גייען ביי אים צוזאַמען. טאָ לאָמיר פריער זיך אָפּשטעלן כאָטש אויבנאויפיק אויף די צייכענונגען און גראַפיק: נישט דאָיקע געשטאַלטן, קעגנ־שטאַנדן, קאָמפּאָזיציעס מיט נישט געוויינלעכער עקספּרעסיע. אַלע און אַלץ פאַרזונקען אין זיך גופא, ווי די וועלט מיט אירע אויפטרייס־לונגען וואָלט זיך געפונען אין זיי און נישט זיי אויף דער וועלט. מיט אַלץ און אַלעמען רעגירט עפּעס אַ געהיימניספולער, מאַגישער כוח, אַלץ באַוועגט זיך ווי אין אַ מיסטעריעזן, פאַרכישופטן ראָד, אין אַן אומבאַגרייפלעכער וועלט, אָבער דאָס אומבאַגרייפלעכע, דאָס פאַנטאַס־טישע, איז געבויט אויף רעאַלס, אויף אויטענטיק. די משונהדיקע גע־שטאַלטן און סיטואַציעס זענען פון רעאַלן לעבן, פון קינסטלערס נאָ־ענטער סביבה, פון זיין יידישן אַרום, און אין דעם אַלעמען פאַרנעמט ער גופא מיט זיין עכט יידישן פּאַטער אַ באַדייטנד אָרט. יידישעווירקלעכקייט אין איר איבערנאַטירלעכקייט: יידן אין טליתים אין שול, וואָכעדיקע יידן אין מאַרק, אין שטוב — יידן שאַטנס; דאָ זענען זיי קאַרליקעס אין זייער אָנמעכטיקייט, דאָ ווידער זענען די איינגעשרומ־פּענע געשטאַלטן, מיטלאַלטערלעכע מיסטיקער אין זייער דערהויבנקייט, פאַרזונקענע אין מחשבות און מיט שטומער תפילה אויף די ליפּן.

אַנדערש גאָר די פרויען־וועלט: געשטאַלטן מיט דעמאָנישער קראַפט, מיט חוזק אויף די ליפּן. דער עראָטיזם איז געמישט מיט הער־שערישקייט און אונטערטעניקייט. אַז מען וויל איז דאָס גיכער אומ־

באַהאָלפנקייט און ברוטאַלקייט צוזאַמען. מענטשלעכע אָנמעכטיקייט און ברוטאַלע הערשאַפט, תמימותדיקייט און שטרענגקייט גייען האַנט ביי האַנט. אַזאַ איז זי ביי אים די אַרומיקע וועלט. זיין אייגענע אי־נערלעכע וועלט, די קאָמפּליצירטע און פילזייטיקע פּערזענלעכקייט קוקט אַרויס פון זייגע אויטאָפּאָרטרעטן.

אויף פראַגן פאַרוואָס ער קלייבט אויס אַזעלכע טעמעס, האָט ברו־נאָ שולץ שטענדיק געענטפערט, אַז נישט ער קלייבט אויס די טעמע, נאָר די טעמע קלייבט אים אויס. מ׳קאָן, ובכן, זאָגן וועגן אים דאָס, וואָס מען זאָגט אָפט וועגן גרויסע קינסטלער: ער איז געווען אַ גע־פאַנגענער פון זיין קונסט און געשאַפן האָט ער ווי אַ באַנומענער. אַלע יאָרן פון זיין לעבן איז די קונסט — ער האָט אָנגעהויבן צייכענען שוין ווי אַ דריי־יאָריק קינד — געווען זיין איינציקער אינהאַלט און אַנהאַלט אין לעבן. אין זיינע רייפע יאָרן פלעגט ער זיך אָפט באַקלאָגן אין בריוו צו פריינד, אַז עס בלייבט אים אַזוי ווייניק צייט פאַר זיין שאַפונג. דעם גרעסטן טייל פון טאָג האָט אים פאַרשלונגען די לערע־ריי. ער איז געווען אַ לערער פון צייכענען אין דער דראָהאָביטשער גימנאַזיע.

דער דראָהאָביטשער באַשיידענער לערער האָט כמעט אין געהיים און אין גרויסער איינזאַמקייט אונטערגענומען אויפצושרייבן אַ מין אייגענע ביבל, אַ פאַנטאַסטישע, וואָס איז אָבער אין דער אמתן ריינע אויטענטיק. און פונקט ווי פאַר זיין גראַפישער קונסט, אַזוי האָט ער אויך פאַר זיין שרייבערישן ווערק געצויגן די יניקה פון זיין נאָענסטער סביבה, פון זיין אייגענעם יידישן שטאַם, ווען ס׳איז אפילו נישט גע־ווען דירעקט. זיין אייגענער יידישער „איך״, פאַרשפּינט מיט יידישער גורלדיקייט, האָט געלייגט אַ שטאַרקן חותם אויף זיין שאַפונג.

***

ברונאָ שולץ איז פון די יינגסטע יאָרן געבונדן און צוגעבונדן גע־ווען צו זיין יידישער היים. אין שטוב, ווי עס גייט איבער פיצאָווסקי, האָט מען מיט די קינדער גערעדט פויליש, אָבער יידישע טראַדיציעס האָט מען אָפּגעהיטן. ווען דער פאָטער איז יום־טוב געגאַנגען אין שול, איז דער קלענער ברונאָ שטענדיק געווען ביי זיין זייט. דאָס יינגל איז מער ווי די אַנדערע צוויי קינדער פאַסצינירט געווען פון די יידישע רעליגיעזע ריטואַלן. אַ מיסטישע נאַטור, פלעגט ער ווי אַ דערוואַקסע־

נער בחור, שפעטער, זייענדיק שוין אַ שרייבער, זיך אויסמישן אַ שווייגנדיקער מיט דער יידישער עדה יום־כּיפּור. ווען מען קוקט היינט אַריין אין שולצס ביאָגראַפיע און אויך אין זיין שאַפונג, דערזעט מען בולטער, אַז די יידישע היים איז פאַרן פוילישן שרייבער געווען דאָס איינציקע שטיקל מקום מקלט.

ער איז פון קינדווייז אָן געווען אַן איינזאַמער, אַן אויסערסט עמ־פינדלעכער. אין איינעם פון זיינע בריוו דערציילט ער ווי אַזוי די מאַ־מע האָט אים געלייענט געטעס „באַלאַדן", ווען ער איז אַלט געווען 8 יאָר און ווי אַזוי יענע ערשטע קערנדלעך האָבן אָנגעקלאַפּט אין זיין קינדעריש האַרץ, שפּעטער שטופנווייז זיך אָפּגערופן אויף זיין קינסט־לערישן וועלט־באַנעם: „... קוים פאַרשטייענדיק די דייטשע שפּראַך האָב איך דעמאָלט אויפגעכאַפּט דעם אינהאַלט און אַ דערשיטערטער ביז טיף אין דער נשמה, געוויינט, ווען די מאַמע האָט מיר פאָרגע־לייענט". אין זעלבן בריוו, שרייבנדיק וועגן קונסט און קינסטלער, פירט ער אויס: „... די פריע בילדער צייכענען אָן אין קינסטלער די גרענעצן פון דער אייגענער שאַפונג...".

און דאָך איז דער גרעסטער אָנשפּאַר פאַרן קינסטלער פאַר וועלכן „די גרענעצן פון דער אייגענער שאַפונג" האָבן זיך אָנגעצייכנט אַזוי פרי, געווען דער פאָטער, דער יידישער קרעמער יאַקוב שולץ, וועגן וועלכן מ'האָט געזאָגט, אַז ער איז מער טרוימער ווי קרעמער. אים, דעם יידישן קרעמער, האָט נאָך זיין טויט דער זון דער שרייבער טראַנס־פּאָנירט אין זיין שרייבערישן ווערק.

די יידיש־פּוילישע שרייבערין האַננאַ אַלטשאַקאָווא־מאַרטקאָוויטש, די טאָכטער פון באַקאַנטן פאַרמלחמהדיקן פאַרלעגער יאַקוב מאַרטקאָ־וויטש, וועלכער האָט זיך אַזוי מקריב געווען אַרויסצוגעבן די ווערק פון פוילישע שרייבער (ער האָט באַנקראָטירט און באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד), האָט אין איר בוך וועגן באַרימטע מחברים אויך געשילדערט ברונאָ שולצס רייכע און קאָמפּליצירטע פערזענלעכקייט און דערביי אָנגעוויזן אויף דער אומפאַרשטענדלעכער שרעק, וואָס פלעגט אים אָפּט באַפאַלן. אפנים, אַז ער האָט געהערט צו די גרויסע קינסטלער־וויזיאָנערן, וואָס האָבן בחוש און מיטן גאַנצן וועזן אָפּגעפילט די דע־מאָלסטיקע אָפּגעפרעמדקייט און אויך די געפאַרן, וואָס האָבן זיך אַלע מאָל מער אָנגערוקט. אפשר דערפאַר איז ער שטענדיק געווען צע־טומלט, געראָדעט שטיל, מיט אַ פליסטער און אויסגעזען האָט ער, ווי

סװאָלט געלויערט אויף אים אַ סכנה. אגב איז ער נישט איין מאָל אָנגעגריפן געוואָרן פון דער אַנטיסעמיטישער פרעסע, איבערהויפּט, ווען ס'איז דערשינען זיין ראָמאַן „די צימרינג־געוועלבער". די פּויליִשע עכטע שרייבער, די דעמאָקראַטישע ליטעראַרישע קרייזן האָבן אָנגעהויבן אָפּשאַצן זיין גרויסן טאַלאַנט. אין 1938 האָט די פּוילישע אַקאַדעמיע פאַר ליטעראַטור אים צוגעטיילט אַ הויכן פּרייז פאַר זיין ליטעראַרישער שאַפונג; ס'האָט שוין אָבער נישט פאַרטריבן די דערשלאָגנקייט און דעם אומרו, דאָס געפיל פון באַדנלאָזיקייט וועגן וועלכער ער שרייבט צו יענער צייט אין די בריוו צו זיינע פריינד.

און ווען מיר לייענען זיינע בריוו, וואָס זענען אויך ליטעראַרישע שאַפונגען, קומט ווידער אויפן זינען פראַנץ קאַפקאַ. יעזשי פּיצאָווסקי, פונקט ווי אַנדערע, האָט נישט דערבליקט די געמיינזאַמע יידישע גורלדיקייט ביי אָט דיביידע קינסטלער און דערפאַר אפשר נישט דערזען די פיל טרעף־פונקטן צווישן זיי, הגם זייערע ווערק זענען אין גרונט אַנדערשדיק. קודם טרעפן זיך ביידע קינסטלער צוזאַמען אויפן שטח פון זייער פערזענלעך טראַגיש לעבן, וואָס האָט זיך אויסגעווירקט אויף זייער שאַפונג. און אגב איז פאַראַן אויך עפּעס קרובישעס אין זייער שרייבערישער קונסט: ווען מיר פאָלגן נאָך די עוואָלוציע פון מאָדערנעם ראָמאַן, פון דער היינטצייטיקער פּראָזע, קערן מיר זיך אום אַזוי גוט צו שולצן ווי צו קאַפקאַן, פונקט ווי צו דזשאָיסן, צו ווירדזשיניאַ וואָלף. מיר געפינען ביי ביידע שרייבער עלעמענטן, וואָס האָבן שטופנווייז געענדערט דעם גאַנג פון דער טראַדיציאָנעלער נאַראַציע, אַזעלכע געמיינזאַמע שטריכן ווי דאָס איינשרומפּן אָדער אין גאַנצן פאַרשווינדן פון דער עפּיק און דאָס אַרויסהויבן די אינטראָספּעקציע, דעם פּסיכישן אַנאַליז פון „איך", דעם אינערלעכן מאָנאָלאָג, דאָס אָנוויקלען זיך פון פּראָבלעמען אַרום דער אייגענער לעבנס־אַקס.

ס'איז נישט שייך צו מאַכן פאַרגלייכן און אוודאי טאָר מען נישט אידענטיפיצירן אַזעלכע צוויי שרייבער, ווי מען האָט דאָס אין באַשטימטע פּעריאָדן דאָ און דאָרט געפּרוווט טאָן, אָבער ווען מען טראַכט זיך אַריין אינעם לעבן, אין דער פּערזענלעכקייט פון ברונאָ שולצן, שווימט אומפאַרמיידלעך אויף אין דמיון פראַנץ קאַפקאַ.

קאַפקאַ, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אויף דער דייטשער און טשעכישער קולטור און געשריבן אין דער דייטשער שפּראַך, האָט זיך געפילט ווי אַן אויסגעוואָרצלטער, אַ פרעמדער אין זיין נישט יידישן

אַרום. ס׳איז באַקאַנט ווי ער האָט געזוכט און געפּרוּווט זיך דערנענ־טערן צום יידישן לעבן, צו אַ יידישער שאַפונגס־ספערע, אָבער אַ פרעמדער איז ער פאַרבליבן אין ביידע סביבות. זיכער זענען אויך פאַראַן קעגנזעצלעכקייטן אין פערזענלעכן לעבן פון ביידע קינסטלער, אָבער אין קעגנזעצלעכקייטן זענען צייטנווייז פאַראַן ענלעכקייטן.

פאַר קאַפקאַן איז אויך זיין יידישע שטוב געווען אַ פרעמדע און דערדריקנדיקע, פאַר ברונאָ שולצן, דאַקעגן, האָט זיין יידישע היים, זיין קינדהייט אונטער דער שוץ פון די עלטערן, אויסגעזען ווי אַ רו־איק אינדזעלע אויף אַ ווילד־צעשטורעמטן ים.

***

ברונאָ שולץ, דער איינזאַמער, באַדנלאָזער ייד, האָט ווי אַ שריי־בער אונטערגענומען אויפצולעבן די יידישע היים, דעם פאָטער, די קינדהייט זיינע, וואָס איז געוואָרן פאַר אים אַ מין מיטאָלאָגיע און גלייכצייטיק אַ גרינע אָאַזע אויף אַ מדבר. צו יענער אָאַזע האָט דער עלנדער שרייבער אין זיין בענקשאַפט באַגערט זיך איבערצוטראָגן מיט זיין קינסטלערישער פאַנטאַזיע. ער האָט געהאַט אַ דורשטיקן באַגער צו געפינען אַן אויסבאַהעלטעניש, לכל הפחות אין אַ קינסטלעריש־קרעאירטער וועלט. אַזאַ וועלט האָט ער אויפגעלעבט אין זיינע צוויי ביכער: „די צימערינג־געוועלבער״ און „די סאַנאַטאָריע אונטער דער קלעפּסידרע״, אַ וועלט אין וועלכער די יידישע סביבה, דער פאָטער, טיילמאָל דער קינסטלער גופא, דערשיינען אין פאַרשידענע פאַזן און סיטואַציעס.

פון די אָפּגעראַטעוועטע ליטעראַרישע שאַפונגען קומען אין באַ־טראַכט אין דער ערשטער ריי די צוויי ראָמאַנען, און אויב מען וויל זענען דאָס דערציילונגען. שולצס זשאַנער איז אַזעלכער, אַז אויב אפילו יעדער טייל פונעם בוך קאָן לעבן מיט אַן אייגן לעבן, האָבן זיי אָבער אַזאַ אינערלעכע קרובהשאַפט, אַז זיי בילדן אַ גאַנצקייט, זאָל מען אָננעמען אַ ראָמאַן. פרעציזירן די טעמע, אָדער איבערגעבן די פאַבו־לע וואָלט שווער געווען. שולץ האָט אַליין, ענטפערנדיק אויף אַ לי־טעראַרישער אַנקעטע, געהאַט געזאָגט וועגן דעם: „מיין קומענדיק בוך וועט זיין אַ באַנד פון 4 דערציילונגען. די טעמע, ווי אַלע מאָל, אַן באַדייטונג און שווער צו רעפערירן... די אייגנטלעכע טעמע, ס׳מיינט דער אייגנטלעכער רוישטאָף, וואָס איך געפין אין זיך גופא אַן שום

אינגערענץ פון ווילן, איז אַ געוויסער דינאַמישער צושטאַנד... דאָך פאַרמאָגט ער אַ געוויסער קלאָרן קלימאַט, אַ באַשטימטן אינהאַלט, וואָס וואַקסט אַן שיכטנווייז...״

דער אינערלעכער דינאַמישער צושטאַנד, דער קלימאַט לאָזט זיך ממש אָנטאַפּן. אַזוי למשל דערמאַנט „די סאַנאַטאָריע אונטער דער קלעפּסידרע״ דעם מיטאָלאָגישן האַדעס, דאָס קעניגרייך פון די געשטאָרבענע, אָבער דאָס איז אַן אויפגעלעבטער און ציוויליזירטער האַדעס. דער געשטאָרבענער פאָטער גייט דורך פאַרשידענע גילגולים, משונהדיקע אינקאַרנאַציעס, אין וועלכע ער לעבט ווייטער. זיין צעשיידונג מיט דער לעבעדיקער וועלט ווערט אַ כלומרשטע, זיין נשמה, זיין גייסט, לעבט אין אַלץ און אין אַלעמען. דער קינסטלער שטרייכט פשוט איבער דעם ווירקלעכן פאַקט פון פאָטערס טויט. אַ מיטאָס פון לעבן ווישט אָפּ די ווירקלעכקייט פון טויט און אין דעם מיטאָס ווערט דער אויפגעלעבטער, אַסטעטישער פאָטער דער וואָרט־זאָגער פון קינסטלערס געדאַנקען, דער אויסדריקער פון זיינע געפילן, דער אָפּשיין פון דער קינדהייט. און דער אומקער צו דער קינדהייט האַלט איין די צייט פון איר לויף.

די בענקשאַפט צו דער קינדהייט איז נישט קיין נייעס אין דער קונסט. זעלטן ווער האָט אָבער געגעבן דער־אָט בענקשאַפט אַ קינסטלערישן תיקון מיט אַזאַ קראַפט און אודאי נישט אין אַזאַ פאָרם. אַנטלויפנדיק פון זיינע זמאַרעס, האָט ברונאָ שולץ געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע קינסטלערישע וויזיע, אַ פאַרכישופטע וועלט מיט אונדזערע אייגענע יידישע קלאַנגען, געזאַנגען און קאָלירן, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרויס אויפלעבן דאָס, וואָס וועט אינגיכן פאַרשווינדן. און דאָ גייט ער זיך וועזנטלעך פונאַנדער מיט קאַפקאַן.

אין דער פּלאַסטישער קונסט ווענדן זיך היינט גרויסע מייסטער צו פּרימיטיוון, צו די שאַפונגען פון פּרימיטיווע פעלקערשאַפטן. אין זיין ליטעראַריש ווערק האָט, אַ סברה, שולץ זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַלטע פאָלקס־מיטאָסן, אויף פאַרצייטיקע גלויבנס וועגן אומוואַנדלונגען פון מענטשלעכן לעבן, און געשאַפן אַ מיטאָלאָגיע, באַזירט אויף דער אייגענער ביאָגראַפיע, אויף דער יידישער סביבה, אויף יידישער גורלדיקייט.

ברונאָ שולץ האָט טיף געשטעקט אין יידישן שטעטל. מיר דערזען אַפילו ווי אין שטעטל רייסן זיך אַריין אינדוסטריאַליזאַציע, טעכניק,

עלעקטריפיקאַציע, עס דאָמינירט אָבער דער קלימאַט פון דער גרויער שטעטלדיקער טאָג־טעגלעכקייט, נישט מער וואָס דאָס טעגלעכע הויזט צוזאַמען מיטן נישט טאָג־טעגלעכן, פונקט ווי דאָס דערהויבענע מיטן דעגראַדירטן, גראָטעסקן, דאָס לעבהאַפטע מיטן פאַרגליווערטן. און ווי פילזאָגעוודיק זענען די ווערטער פון פאָטער: „מיר וועלן באַשאַפן דעם מענטש אויפסניי...״

אַ מאַנעקין אויפסניי באַשאַפן? איז ער דען נישט אַזעלכער? יאָ, פאַראַנען מענטשן מאַנעקינען, אויטאָמאַטן, זייער גייסט איז געפּענטעט דורכן חומר. אַנטלויפן פון אויטאָמאַט, פון חומר, פון נשמהלאָזיקייט, אַטלויפן אין אַן אויסגעכישופטער וועלט, צוריק צו דער קינדהייט פון מענטש איידער די צייט פאַרשלינגט, פרעסט אויף.

פאַראַן ביי שולצן אַ דערציילונג אונטערן טיטל „דער עמעריט״. אַן עלטערער מענטש, וואָס איז שוין אויף פּענסיע, באַשליסט צוריק צו גיין אין שולע. ער וויל אָנהייבן זיין דערציאונג אויפסניי. דאָס איז אַ ביסל אַן אַנדערע ווערסיע און אין אַן אַנדערן סטיל דאָס זעלבע אומקערן זיך צו דער קינדהייט און אפשר צו אַ יונגער ערע פון דער מענטשהייט.

אויב קאַפקאַ האָט דעם מענטש געזען אַ באַדראָטן פון אַלע זייטן, אַ געפאַנגענעם אין אַן אומזעבאַרער, אויסגעשפּרייטער נעץ, האָט ברו־נאָ שולץ אים גיכער געזען אַ פאַרלוירענעם אין דעם לויף פון דער צייט, וואָס קאָן אים גיך איינשלינגען, אָפּווישן. זיך צו פאַרטיידיקן האָט ער געשאַפן אַ סוביעקטיווע צייט, אַ פּסיכאָלאָגישע, נישט אויסמעסטבאַרע, פונקט אַזוי ווי אין אַ כּישוף־מעשהלע.

***

געווייגלעך שרייבט מען וועגן ברונאָ שולצן אויפן סמך פון זיינע דערציילונגען, ראָמאַנען, די קאַרגע פאַרבליבענע עסייען און נאָטיצן, אין דער אמתן וואָלט מען געדאַרפט אָנהייבן פון זיינע בריוו. וואָלטן זיי זיך אָפּגעראַטעוועט, וואָלטן זיי היינט פאַרנומען עטלעכע דיקע בענדער.

געווען אַמאָל אַן אָנגעזעענער ליטעראַרישער זשאַנער — עפּיס־טאָלאָגראַפיע. ברונאָ שולץ האָט דעם דאָזיקן זשאַנער באַנייט. ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע פון בריוו. די באַדערפעניש זיך אויסצודריקן אויך אין קינסטלערישן וואָרט האָט ער פאַרקערפּערט אין

זיין גרויסער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ער האָט געפירט מיט די אָנגעזע־ענסטע קינסטלער און שרייבער און צווישן זיי אויך מיט טאָמאַס מאַן. אין צייטן פון גרויסער איינזאַמקייט האָט ער געשריבן צו קינסטלעריש־קרובישע פריינד, איבערהויפּט צו פרויען. „מיר איז נויטיק אַ חבר, איך בענק נאָך דער וואַרעמקייט פון אַ נאָענטן מענטש" — האָט ער געהאַט געשריבן צום באַקאַנטן פוילישן שרייבער ברעזאַ.

זיינע בריוו זענען אָבער געווען מער ווי בריוו. ער האָט געפירט אין זיי אַן אינערלעכן מאָנאָלאָג, אַ דיאַלאָג מיט אַנדערע קינסטלער, מיט דער וועלט. און ער האָט די בריוו אויך קינסטלעריש געשליפן, אָפטמאָל פריער געשריבן זיי אין אַ העפטל. ס'איז געווען אַן אמתער ליטעראַרישער וואַרשטאַט. ער האָט וועגן זיינע בריוו שפּעטער גע־שריבן: „געווען אַ צייט ווען כ'האָב זיך אויסגעלעבט אין בריוו, דאָס איז דעמאָלט געווען מיין איינציקע ליטעראַרישע שאַפונג".

אין געוויסע בריוו פון דער קליינער צאָל אָפּגעראַטעוועטע, אַנט־פּלעקט זיך מער ווי אין אַנדערע שאַפונגען דער עלנדער מענטש, דער טראַגיזם פון אַ יידישן קינסטלער, וואָס פילט, אַז דער באָדן וואַקלט זיך אים אונטער די פיס. „כ'בין אין גאַנצן קראַנק, עפּעס אַ פונאַנדער־טרייסלונג, אפשר אַן אָנהייב פון אַ מעלאַנכאָליע? עס בייסט זיך אין מיר אין ייאוש, אומעט, כ'האָב אַ געפיל פון אַן אומפאַרמיידלעכער קאַ־טאַסטראָפע אין וועלכער איך וועל אַלץ פאַרלירן... אפשר זאָל איך זיך באַראַטן מיט אַ דאָקטער? איך גלויב אָבער נישט אין קיין דאָקטוי־רים..."

אַזוי האָט ער געשריבן אין אַ בריוו אין אָנהייב 1939. ער האָט דעמאָלט געאַרבעט נאָרמאַל אין דער דראָהאָביטשער גימנאַזיע, גלייכ־צייטיק געשאַפן אויף ביידע געביטן, אויסגעענדיקט זיין ראָמאַן „משיח" און בלב ונפש געפילט די קאַטאַסטראָפע „אין וועלכער איך וועל אַלץ פאַרלירן".

***

כדי זיך משער צו זיין וויפל ס'איז פאַרלוירן געגאַנגען פון זיין ליטעראַריש פאַרמעגן, איז גענוג צו דערמאָנען, אַז פון עטלעכע טויזנט בריוו, איז צונויפגעקליבן געוואָרן בלויז הונדערט ניינצן. די איבעריקע זענען אויף פאַרשידענע אופנים אומגעקומען צוזאַמען מיט זיינע פריינד, (עטלעכע בריוו האָט מען אָפּגעפונען נאָך דער מלחמה אין די אויסגע־

רויבטע ווינונגען). דאָס זענען געווען די וויכטיקסטע בריוו אין וועל־כע שולץ האָט געשריבן וועגן ליטעראַטור, קונסט, וועגן זיין אייגענער שאַפונג — ער איז אָבער געווען אויך אַ קריטיקער. אין די בריוו צו דער דערמאָרדעטער שריפטשטעלערין דעבאָרא פאָגעל זענען געווען שקי־צירט „די צימערינג־געוועלבער", אַנדערע זיינע ליטעראַרישע פּלענער. וועגן געוויסע אַנגעהויבענע און פאַרענדיקטע אַרבעטן ווייסט מען. צווישן זיי איז געווען אין מאַנוסקריפּט אַ ראָמאַן אין פיר טיילן, וואָס האָט געדאַרפט גיין צום דרוק, און דער פאַרענדיקטער ראָמאַן „משיח", אין וועלכן ער האָט דעם פריערדיקן אומקער צו דער קינדהייט פאַרטרעטן מיט דער יידישער משיח־לעגענדע פון דערלייזונג און פאַרפולקאָמען זיך פונעם מענטש.

ווי דערמאָנט, האָט ברונאָ שולץ געזוכט מיט אַלע כוחות צו ראַ־טעווען זיינע ווערק. ער האָט געהאָפט, אַז זיין קונסט וועט אים גופא ראַטעווען. זיין מאַלעריי האָט שטאַרק נושא־חן געווען ביי אַ דראָהאָבי־טשער געשטאַפּאָ־אָפיציר מיטן נאָמען לאַנדאו. ער האָט דעם מאָלער געמאַכט פאַר זיין קנעכט, געצוווּנגען צו מאָלן אים זיין פאָרטרעט, באַ־דעקן מיט וואַנט־מאָלערייען זיין געראַומיגע וווינונג. פאַר לאַנגע טעג אַרבעט האָט שולץ באַקומען מיט וואָס צו דערהאַלטן דאָס חיות און אַ צוזאָג אויסצוהיטן אים פון די געפאַרן. מיט ווידערגעפיל און פאַראַכ־טונג האָט ער אויסגעפילט די אויפגעצוווּנגענע אַרבעטן. אַ קראַנקער, צעבראָכענער, פלעגט ער מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען זיך האַלטן אויף די רושטאָוואַניעס ביי די ווענט־און סופיט־מאַלערייען. ער פלעגט פאַרלענגערן די אַרבעט, כדי דערמיט צו פאַרלענגערן דאָס לעבן, כדי איבערצולעבן. זיין דייטשער „אַפּוטראָפּוס" האָט אָבער דערשאָסן אַן אַנדערן יידישן קנעכט, אַ יידישן דענטיסט, אַן אַנגעשטעלטן ביי אַ דייטשן אָפיציר מיט וועלכן לאַנדאו איז צעקריגט געווען. „האָסט דער־הרגעט מיין ייד, וועל איך דערהרגענען דיינעם" — האָט יענער גע זאָגט. און ער האָט געהאַלטן וואָרט.

אין דראָהאָביטשער געטאָ האָט מען יענעם טאָג אַ נאָמען געגעבן „דער שוואַרצער דאָנערשטיק". מ'האָט געכאַפּט יידן אויף דער גאַס, נאָכגעשאָסן. ברונאָ שולץ האָט זיך פונקט אומגעקערט מיט אַ פריינד אַהיים. אונטערן אָרעם האָט ער געדריקט צו זיך אַ לעבל ברויט. ס'איז פּלוצלונג געוואָרן אַ בהלה, אַ לויפעניש. אַן אָפּגעשוואַכטער האָט ער גיך נישט געקאָנט לויפן. ס'איז פאַרבייגעגאַנגען דער אַנטאַגאָניסט פון

זיין „אפוטרופוס", דערקענט אים, אַנגעכאַפּט פאַרן קאַרק, און אַריינגע־שאָסן צוויי קוילן אין די שלייפן. פאַרטאָג האָט מען ברונאָ שולצן אין געהיים געבראַכט צו קבורה אויפן יידישן בית־עולם. דאָ האָט דער דערמאָרדעטער קינסטלער יאָרן געררוט אונטער אַ בערגל ערד לעבן זיינע עלטערנס קברים, נעבן די מצבות, וואָס ער, ברונאָ גופא, האָט פּראָיעקטירט און געשטעלט זיין טאַטע־מאַמע.

דער יידישער בית־עולם אין דראָהאָביטש איז, ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, שוין יאָרן נאָך דער מלחמה אָפּגעווישט געוואָרן. אויף יענעם אָרט האָט מען אויסגעבויט הייזער. דעם גרויסן קינסטלער האָט מען אויך אין קבר צו רו נישט געלאָזט. ווער ווייסט אויף וואָס פאַראַ אופן זיין געביין איז פּראָפאַנירט געוואָרן.

אין דראָהאָביטש שטייט נאָך דאָס הויז פון דער משפחה שולץ. ס'איז אומבאַשעדיקט, דאָס הויז, וווּ דער קינסטלער איז געבוירן גע־וואָרן, געלעבט און געשאַפן. אָבער קיין שום אָנדענק־טאָוול, קיין שום צייכן איז נישט פאַראַן נישט אויפן הויז און נישט אַנדערש־ווו. אין פּוילן גופא האָט מען לאַנגע יאָרן פאַרשוויגן דאָס ווערק פון פּויליש־יידישן קינסטלער.

אַלץ איז געקומען צו שפּעט. אין 1942 האָט מען פון דער „אַרי־שער" זייט, אונטער דער אָנפירונג פון זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ, געגרייט מיטלען ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען ברונאָ שולצן פון געטאָ. די צוגע־גרייטע הילף איז געווען אַ פאַרשפּעטיקטע. אויך אָפּצוזוכן זיינע פאַר־שטעקטע אין פאַרשידענע ערטער מאַנוסקריפּטן, בילדער, גראַפישע אַר־בעטן האָט מען זיך גענומען מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג. אָבער דאָס ביסל, וואָס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, שטעלט שולצן אין די רייען פון גרויסע מייסטער. זיינע אויבן דערמאָנטע ביכער זענען אי־בערגעזעצט אין פרעמדע שפּראַכן, אויך אין פראַנצויזיש און דער מחבר גייט אַן אין דער וועלט פאַר אַ טאַלאַנטירטן פּוילישן שרייבער.

איז אונדזער חוב צו וויסן, צו מאַכן וויסן, אַז דער שרייבער ברו־נאָ שולץ, הגם ער האָט געשריבן אין פּויליש, האָט געלעבט, געטראַכט, געשאַפן, געליטן און אומגעקומען ווי אַ ייד. און ווי אַזעלכער דאַרף בלייבן זיין אָנדענק.

ווען געשיכטע רופט זיך איבער מיט דער היינטצייטיקייט

(„דער דאָקטער פון קאָרדאָווע" און זיין מחבר)

איידער דער ראָמאַן איז צו מיר דערגאַנגען, זענען שוין דערגאַנגען צו מיר אַ סך קלאַנגען, אָפּרופן, סיי מצד לייענער, סיי מצד דער קריטיק, הגם דאָס בוך איז דאָ נישט לאַנג דערשינען, מ'קאָן זאָגן נאָר וואָס פון דער נאָדל אַראָפּ. צווישן טיכטיקע לייענער — פאַראַן אַזעלכע — בפרט צווישן יידישן לייענער-עולם, וואָס לייענט אַ פראַנצויזיש בוך, האָט מען זיך מיט אַנטציקונג איבערגעגעבן פון מויל צו מויל. דאָקעגן געוויסע יידיש-פראַנצויזישע קריטיקער האָבן געשריבן מיט רעזערווו.

וואָסערע עס זאָלן אָבער נישט זיין די אָפּרופן, האָט שוין דער אָפּקלאַנג גופא ווי אַ זעלכער זיין באַדייט. פאַראַן דאָך אַ מיינונג, און אין פלוג קאָן זיך טאַקע אַזוי אויסדוכטן, אַז וועמען קאָנען קריכן אין קאָפּ גאָר ווייטע ענינים, אַ היסטאָרישע טעמע, בפרט אַ יידישע, ווען מ'איז ממש פאַרטומלט מיטן רעש און געלויף פון היינטיקע געשעענישן, וואָס יאָגן זיך איינע איבער די אַנדערע. איז אָט אַ ראָמאַן אויף אַזאַ טעמע געוואָרן כמעט אַ בעסטסעלער, באַקומען אַ ליטעראַרישן פּרייז פאַרן יאָר 1975 און קורץ נאָך זיין דערשיינען זעצט מען אים שוין איבער אין איינעקע פרעמדע שפּראַכן.

דער מחבר פון ראָמאַן איז הערבער לע פּאָריע, דער טיטל — „דער דאָקטער פון קאָרדאָווע", און דער דאָקטער פון קאָדדאָווע איז נישט קיין אַנדערער, ווי אונדזער גרויסער געלערנטער ר' משה בן מיימון, אָדער ווי מען רופט אים — דער רמב"ם. ווי מיר זעען, אַ טעמע גאָר אַ ברייטע, סיי צוליב דער פילזייטיקער, רייכער פערזענלעכקייט פון דעם פערסאָנאַזש, סיי צוליב דער עפּאָכע.

כ'האָב געוווסט, אַז הערבער לע פּאָריע איז אַליין אַ דאָקטער מעדיצין. און אַ שרייבער איז ער מיט אַ פּאַרנעם. זיין איצטיק בוך איז דאָס ניינצנטע, אָבער אין זיינע ראָמאַנען און פּיעסעס האָט ער ביז איצט קיין יידישע טעמעס נישט אַריינגעפירט. אין איינעם פון די צוויי אַרויסטריטן

אין דער טעלעוויזיע אין צוזאַמענהאַנג מיטן בוך, האָט ער קורץ דער־ציילט, אַז בעת זיינעם אַ באַזוך אין קאַרדאָווע האָט ער אין דער אַמאָלי־קער יידישער געגנט געטראָפן אַ מאָנומענט, וואָס מ׳האָט פאַר צוניפגעע־קליבענע געלטער איבער דער וועלט, געשטעלט דעם באַרימטן דאָקטער משה בן מיימון צו זיין 800־יאָריקן געבורט. אין אַ יידיש־פראַנצויזישער צייטשריפט, דאָקעגן, האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אַ מעשה פון וועל־כער מיר דערוויסן זיך, אַז ווען הערבער לע פּאַריע האָט אין 1933, אַלס יונגער סטודענט פון מעדיצין געטראָפן אין אוניווערסיטעט אין מאָנפּע־ליע (די שטאָט איז אַמאָל געווען אַ יידישער צענטער) אַן אָנדענק־טאַוול, געווידמעט דעם באַרימטן יידיש־שפּאַנישן דאָקטער, האָט ער זיך צוגעזאָגט, אַז ווען ער גופא וועט ווערן אַ דאָקטער־מעדיצין, וועט ער אָנשרייבן די געשיכטע פון זיין גרויסן און וייטן פאַרגייער. אַ סימן קאָן דאָס זיין, אַז אין 18־יאָריקן סטודענט האָט שוין געטליעט דער שריי־בערישער פונק.

ווען איך האָב אויפמערקזאַם דורכגעלייענט דאָס בוך, האָבן מיך ערשט אָנגעהויבן עגבערן פראַגן: וואָס האָט דעם פראַנצויזישן שרייבער ווירקלעך געשטויסן צו דער טעמע? איז ער אַ פאַרבאָרגענער ייד? ביי נישט ווייניק אָפּגעפרעמדטע יידן האָבן דאָך די געשעענישן אַרום ישראל אויפגעוועקט איינגעשלאָפענע געפילן. מ׳האָט מיר אגב געזאָגט: „ער איז מסתמא א ייד״. אָבער מיט אזא עכט אריש־פראַנצויזישן נאָמען הער־בער לע פּאַריע? דערצו האָט די יידיש־פראַנצויזישע צייטשריפט אונ־טערגעשטראָכן, אַז דער מחבר פון „דער דאָקטער פון קאַרדאָווע״ איז נישט קיין ייד. צו וואָס זיך אָבער ברעכן דעם קאָפּ, אַז מ׳קאָן זיך מיטן שרייבער דורכשמועסן, בפרט מ׳האָט חשק צו שרייבן וועגן בוך.

אויפגענומען האָט ער מיך אין „צענטער פון מעדיציניש ער פאַר שונג״, ווו ער איז באַשעפטיקט אַלס מעדיקער, אָבער געשמועסט האָבן מיר ביי אַ גלעזל טיי אין קאַפע. און לע פּאַריע איז אַ ווונדערבאַרער מיטשמועסער. ער איז נישט קאַרג אויף קיין וואָרט און נישט נאָר ער ענטפערט אויף פראַגן, נאָר שטעלט אויך פראַגן. זיין וואָרט איז פונקט אַזוי בליציק, ווי ס׳איז רירעוודיק, דינאַמיש זיין שלאַנקע גע־שטאַלט.

וואָס ס׳האָט אים געשטויסן אָנצושרייבן דאָס בוך? די יום־כיפור מלחמה. די מלחמה איז אויסגעבראָכן דעם 6־טן אָקטאָבער און דעם 13־טן האָט ער זיך אָוועקגעזעצט שרייבן דעם ראָמאַן. אוודאי האָט ער געהאָט

אנגעזאַמלט דאָקומענטאַציע, אָבער דער דירעקטער שטויס דערצו איז געווען דער מלחמה־אויסברוך. די איזאָלאַציע פון ישראל, די אומגערעכ־טיקייט לגבי דער יידישער מדינה האָט אים אויפגעטרייסלט. ער האָט שוין פריער געשריבן בריוו צו לואי אַראַגאָן און אַנדערע לינקע שריי־בער. צוליב ישראל האָט ער זיך דערווייטערט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צו וועלכער ער איז אַמאָל נאָענט געווען. „איך בין ווייטער אַ מענטש פון לינקס, אָבער אויף מיין אייגענעם אופן", האָט ער צוגעגעבן. מיטן בוך האָט ער געצילט צו ווייזן היסטאָרישע אמתן, אויפצודעקן פאַרלוימדונגען, ליגנס, וואָס וואַקסן אָן אַרום דעם ישראל־אַראַבישן קאָנ־פליקט.

זיינע רייד האָבן מיך נאָך נייגיריקער געמאַכט. כ'האָב געפרעגט:

— צי זענט איר אַ ייד?

— צי מוז מען דען זיין אַ ייד צו ווייזן היסטאָרישע אמתן, וואָס זיינען לטובת ישראל? צי וואָלט דען בעסער געווען, ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ שטעלונג און פאַרטיידיקט ישראל ווי אַ ייד? איך בעט אייך, זאָגט מיר, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ ייד?

כ'האָב זיך נישט געריכט אויף אַזאַ פראַגע. היות ער איז מיט נייגיר צוגעשטאַנען, האָב איך על רגל אחת צונויפגעשטיקעוועט עטלעכע דע־פיניציעס.

— אויב אַזוי האָב איך קיינמאָל נישט פאַרמאָגט גאָרנישט פון דעם, וואָס מען דאַרף פאַרמאָגן, כדי צו זיין אַ ייד.

ער האָט אָבער באַלד צוגעגעבן:

— אין מיין ווייטער משפחה זיינען געווען יידן, אָבער זיי האָבן אין מיר גאָרנישט געלאָזן. אין אַלע מיינע ביכער טרעט איך אַרויס קעגן אומרעכט. פאַרוואָס זאָל איך נישט אַרויסטרעטן ווי נישט קיין ייד קעגן דעם אומגעהויערן אומרעכט, וואָס מען באַגייט קעגן ישראל? קעגן די היסטאָרישע פעלשונגען, אַז אַראַבער האָבן קיינמאָל יידן נישט גע־רודפט?

וואָס שייך דעם בוך גופא האָט הערבער לע פּאַריע באַטאָנט, אַז אים איז נישט געגאַנגען אין שרייבן געשיכטע, נאָר אַרויסצוברענגען די פּערזענלעכקייט פונעם רמב"ם אַ לעבעדיקע אויף דער פאָן פון זיין צייט, פון דעמאָלטיקע געשעענישן, וואָס וואַרפן אַ ליכט אויף היינטיקע פעלשונגען.

אין גאַנג פון צייט

דאָס איז נישט קיין קלייניער פּאַרמעסט און נישט קיין לייכטע זאַך, דוכט זיך מיר, דווקא אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם.

***

דאָס אַראַבישע שפּאַניע, דער אויפבלי צווישן די דאָרטיקע אַראַבער פון פילאָזאָפיע, פאַרשידענע וויסנשאַפטן און די אַזוי גערופענע גאָלדענע עפּאָכע ביי יידן אין יענעם לאַנד זענען אונדז באַקאַנט פון פיל היסטאָרישע דאָקומענטן, פאָרשונגען, אָפּהאַנדלונגען. יענע עפּאָכע איז רייך געווען אין באַרימטע יידישע פערזענלעכקייטן, ווי שמואל הנגיד, שלמה אבן גבירול, משה און אברהם אבן עזרא, יהודה הלוי, יהודה אלחריזי און אַנדערע. דער רמב״ם איז געווען דער צוממיינסטן אָלזייטיקער און האָט זיך אויך אויסגעטיילט צווישן אַלע אַנדערע יידישע געלערנטע און דענקער מיט זיין קריטישן צוגאַנג און מיטן באַנעמען אויך רעליגיעזע ענינים מיטן לאָגישן שכל. הגם זיין לעבן איז געווען אויסערסט שטורמיש און פול מיט דראַמאַטישע שפּאַנונגען, האַלט ד״ר ישראל צינבערג, אַז פון זיין ביאָגראַפיע זענען דערגאַנגען צו אונדז אַ סך מער פּרטים ווי וועגן יעטוועדן דיכטער אָדער געלערנטן פון יענער עפּאָכע. משה בן מיימון איז געבוירן געוואָרן אין 1135 אין קאָרדאָווע, אין דעמאָלסטיקן גרויסן צענטער פון אַראַבישן און יידישן גייסטיקן אויפשטייג, און געשטאָרבן אין 1204 אין קאַיר. סיי וועגן זיין שעפערישקייט, סיי וועגן זיין פּערזענלעכן לעבן האָט מען נישט ווייניק געשריבן, אָבער מיר וועלן איצט נאָכפאָלגן זיין לעבנס-גאַנג לויט לע פּאַריעס בוך און ראשית כל זיך באַקענען מיט זיין ליטעראַרישן זשאַנער.

דאָס איז אַן עכט פראַנצויזישער, מאָדערנער ראָמאַן, געשריבן אין דער פאָרם פון זכרונות. ר׳ משה בן מיימון גופא שרייבט זיינע מעמואַרן, דערביי ווענדעט ער זיך כסדר צו זיין בעסטן שילער, דווקא נישט קיין ייד, שילדערט פאַר אים די אַלגעמיינע און יידישע געשעענישן, זיינע אייגענע איבערלעבענישן און עפנט פאַר אים דאָס גאַנצע האַרץ. ליטעראַריש, קינסטלעריש איז דאָס, לויט מיר, זייער אינטערעסאַנט פאַרטראַכט, בפרט דער קאָלאָריט, קלאַנג און ריטם פון דער שפּראַך זענען פון יענער צייט. דעם מחבר האָט זיך, האָב איך דעם איינדרוק, איינגעגעבן איבערצושאַפן, אויב נישט ריזיקירן צו זאָגן איבערצוגעבן, דאָס געפאַסט און געשליפן לשון פון זיין פּערסאָנאַזש, זיין לאָגיש באַנעמען דערשיינונגען און זיין ראַציאָנעל דענקען. אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז

עס דאָס ערשטע מאָל, ווי מען ברענגט אַרויס די דאָזיקע אַלזייטיק־רייכע פּערזענלעכקייט אין דער שיינער ליטעראַטור, בפרט נאָך אין דער פאָרם פון מעמואַרן, וואָס דער רמב״ם אַליין שרייבט; און אָנגעהויבן שרייבן זיינע זכרונות האָט ער אין 1200, פיר יאָר פאַר זיין טויט. באַמערקן דאַרף מען אפשר באַלד פון אָנהויב, אַז די לעבנס־באַשרייבונג אין אַ ראָמאַן קאָן זיך דאָ און דאָרט אויסמיידן מיט גענויע פּינקטלעכקייטן, די ביאָגראַ־פיע דינט ווי אַ ברייטע קאַנווע אויסצוהעפטן אַ קינסטלערישן געמעל. מער פּינקטלעך מוז זיין די היסטאָרישע ראַם, מען מוז פילן דעם קלימאַט, די אַטמאָספער, דעם אָטעם פון דער צייט, פון די געשעענישן. און דאָס, דוכט זיך מיר, פילט מען שוין פון די ערשטע שורות.

„דאָס בין איך, משה דער שפּאַניער, דער פּליט פון ירושלים, דער עלטערער זון פון פאַרשטאָרבענעם דיין מיימון, אין פינף און זעכציקסטן יאָר פון מיין עלטער. איך הייב איצט דאָ אָן פאַרצוברענגען מיינע שלעכ־טע רעיונות. מיינע גוטע מחשבות, ווי דו ווייסט, זענען שוין פאַרזיגלט אין אַ סך שריפטן און ביכער, וואָס צירקולירן אין אַלע מקומות אַרום אונדזער גרויסן ים, פון באַגדאַד ביז נארבאָן און ווייטער נאָך... זיי גרייכן ביז די ברעגן פון די טייכן מאָזעל און ריין. אומעטום, ווו ס׳וואָלטן דיך פאַרטראָגן דיינע טריט, צו מזרח אָדער צו מערב, האָט שוין אַ טייל פון מיר דיר פאַרלאָפן דעם וועג. ס׳וואָלט געווען גענוג זאָלסט זיך פאַר־רופן אויף מיין נאָמען, אַז טירן זאָלן זיך עפענען מיט פריינדשאַפט, אָדער מיט אומצוטרוי. דו קענסט מיך גענוג, דו ווייסט, אַז איך נוץ עס נישט אויס פאַר מיין רום״...

אזוי הייבט אָן דער רמב״ם מיט דער פעדער פון הערבער לע פאַריע צו שרייבן זיינע זכרונות און מיר דערפילן גלייך די דעמאָלטיקע יידישע צעשפּרייטקייט אין וועלכער דער גרויסער געלערנטער האָט געפונען נישט נאָר אָנהענגער, נאָר אויך קעגנער.

הערבער לע פאַריע פירט אונדז ראשית כל אַריין אין דעמאָל־טיקן אַראַבישן שפּאַניע, טיילווייז אויך אין קאַטוילישן, ווו יידן האָבן אין באַשטימטע פעריאָדן געלעבט ווי אויף אַ רואיק אינדזל פון אַ צע־שטורעמטן יידישן ים. אין קאָרדאָווע און אין אַנדערע שטעט האָט געבליט אַ יידיש לעבן, יידן האָבן געבויט שיינע הייזער, בתי־מדרשים, געזעסן על תורה ועבודה, אָבער גלייכצייטיק זענען דערגאַנגען צו זיי די ווי־געשרייען פון געראודפטע ברידער פאַר וועלכע מ׳האָט געזאַמלט געלט און געשיקט הילף, זיי האָבן אויך אויסגעקויפט יידישע שקלאַפן. דער קליינער משה

גופא און זיין ייִנגערער ברודער דוד, וואָס זענען פרי געבליבן יתומים, זענען אויסגעהאָדעוועט געוואָרן דורך אַ יונגער ייִדישער שקלאַפין פון טערקיי, וואָס דער פאָטער, דער דיין מיימון, האָט אויסגעקויפט. פון איר, דער געוועזענער שקלאַפין, דעם פאַגראַמירטן מיידל, האָט זיך דער יונגער משה אַ סך דערוווּסט וועגן די ייִדן־פאַרפאָלגונגען.

דריי גרויסע גייסטער האָבן געלייגט אַ שטעמפּל אויף זיין פריער יוגנט: דער גרויסער דיכטער און מעדיצינער יהודה הלוי, זייער שכן און פריינד פונעם פאָטער, און צוויי באַרימטע אַראַבישע פילאָזאָפן און מעדיקער (כמעט אַלע פילאָזאָפן און דענקער פון יענער צייט זענען גלייכצייטיק געווען מעדיקער): אַוועראָעס און אַוויסען.

יהודה הלוי האָט ער בלויז איין מאָל באַגעגנט ביים טאַטן אין שטוב. דער פאָטער האָט דעם זון געוואָלט אויסהיטן פון די איינפלוסן פונעם דיכטער און באַקאַנטן מעדיקער, וואָס האָט זיך געפירט ווי אַ אָריענטאַלישער פרינץ און נישט שטאַרק אָפּגעהיט די ייִדישע דינים. אגב באַקומט זיך פון לע פאַריעס ראָמאַן לחלוטין אַן אַנדערע פאַרשטע־לונג וועגן הלויס לעבן און זיין סביבה, ווי מיר האָבן דאָס פון די קאַרגע ייִדישע מקורות. די פירעכצן אין זיין רייכן הויז דערשיינען דאָ אַזוי ווי אין די אַנדערע אָריענטאַלישע לוקסוס־היכלען. דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער, ווי מיר זעען אים אויך אַזעלכן ביי לע פאַריע, האָט צומאָל, ווען ער האָט זיך מיט גרויס בענקשאַפט צו ציון אין על־טער פון 60 יאָר געלאָזט אויפן געפערלעכן וועג, מיטגענומען מיט זיך זיין לעצט ליבלינג, אַ גאָר יונגע שיינהייט, אַ 16־יאָריקע „הורי". האָט באמת דער שרייבער זיך געהאַט היסטאָריש אויף וואָס צו שטיצן אָדער ס'האָט אים סתם געטויגט צו זיין ליטעראַרישער פיקציע? שווער צו זאָגן, יהודה הלויס לעבן איז איינגעהילט אין אַ סך לעגענדעס.

ס'זעט יעדנפאַלס אויס, אַז הגם הלוי איז אין דער עפּיזאָדישער גע־שטאַלט אין ראָמאַן פאַרגעשטעלט ווי אַ דיכטער פון גאָר אַ הויכער קינסט־לערישער מדרגה, האָט דער שרייבער זיך אויסגעמיטן מיט דער גרויסער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פערזענלעכקייט, דער עיקר מיטן מחבר פון פילאָ־זאָפיש־רעליגיעזן ווערק, דעם „ספר הכוזרי", מיט איין וואָרט מיט ר' יהו־דה הלוי דעם דענקער, דעם פריידיקער פון ייִדישער עטיק, דעם פאַרטיי־דיקער פון יהדות. אויסגעמיטן זיך אויך מיטן פאַטאָס פון רעליגיעזן פאַ־טאָס, פון נאַציאָנאַלע ליידן און האָפענונגען און פון ציון־אידעאַל.

אַז יהודה הלוי, דער זעלטענער דיכטער און באַרימטער מעדיקער,

האָט געקאָנט האָבן אַ גרויסן איינפלוס אויפן יונגן זון פונעם קאָרדאָ־ווער דיין ר׳ מיימון, איז יאָ צו גלויבן. דאָס האָט ער, דער מעדיקער, דער ערשטער זיך דערקענט אויפן פריינגדס ייִנגל און אין געהיים אים צוגעשיקט אוויסענס אַ בוך וועגן מעדיצין פון וועלכן דער גאָר יונ־גער עילוי האָט געשעפּט וויסן מיט פולע הויפנס.

מיטן באַרימטן פילאָזאָף אווערראָעס איז די פאַרבינדונג געווען אַ דירעקטע. דאָס ייִנגל האָט אין זיין דראַנג צו וויסן געשלונגען די רייד פון אַראַבישן געלערנטן, וועלכער האָט געמוזט, פונקט ווי שפּעטער די משפּחה מיימון, אַנטלויפן פון קאָרדאָווע צוליב אַ חשד אויף אים, אַז ער לעסטערט די מוסולמענישע רעליגיע. דעם פאָטער דעם דיין, דעם משגיח איבער דער קאָרדאָווער קהילה, זענען נישט געווען צום האַרצן דעם זונס געהיימע וועגן און נאָך אַ שאַרפן קאָנפליקט איז דאָס ייִנגל אַנטלאָפן פון שטוב. מיט דער אונטערשטיצונג פון פעטער דעם שוחט איז ער אַוועק אין דער קאַטוילישער טאָלעדאָ, ווו ס׳האָט זיך געפונען אַ שטרענגער דאָקטער, ביי וועלכן יונגע ענטוזיאַסטן האָבן אויף מתים פון אָרעמע און לויט די טעקסטן פון גאַליען געלערנט מעדיצין. דער אָט בייזער מענטש, דער מעדיקער און פּראָפעסאָר האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז דאָס ייִדישע ייִנגל וועט זיין „דער קעניג פון דער מעדיצין״.

***

אויף דער גאָלדענער, ליכטיקער עפּאָכע פון די שפּאַנישע ייִדן האָט זיך פּלוצלונג אַראָפּגעלאָזט אַ פינצטערע נאַכט. די אַלמאָהאַדן, פאַרבי־סענע, פאַנאַטישע מוסולמענער האָבן זיך ווי הייישעריקן אַראָפּגעלאָזט פון מאַגרעב (אַראַביש צפון־אַפריקע) איינצונעמען שפּאַנישע שטעט, כדי מיט שווערד און פייער איינצופירן זייער גלויבן. ווען קאָרדאָווע איז געפאַלן, האָט דאָס ייִנגל משה פאַרלאָזט זיינע מעדיצינישע סטודיעס און צוריקגעקומען אַהיים, כדי צו זיין ביי דער זייט פון דער באַדראָ־טער ייִדישער עדה. די בליענדיקע שטאָט איז געלעגן צעטראָטן, אַן אָפּ־געשטאָרבענע. דער נייער קאַליף אַל מאַנסור האָט, פונקט ווי די שפּע־טערדיקע קאַטוילישע אינקוויזיטאָרן, אַרויסגערופן ייִדישע געלערנטע אויף דיספּוטן און באַפוילן אָפּצוהאַקן דעם קאָפּ אויפן אָרט ביים ערשטן נישט געלונגענעם ענטפער פונעם „קעגנער״. ס׳האָבן געפלאַקערט שייטער־הויפנס מיט ייִדישע ספרים. די קאָרדאָווער ייִדן האָבן באַקומען דריי־טעג אויסצווויילן: אָדער אָננעמען דעם איסלאַם, אָדער פאַרלאָזן די

שטאָט אַזוי ווי מען שטייט און גייט. חוץ די צוויי אויסוואַלן איז געווען דער טויט. צו געפינען אַן אַנדער מקום מקלט איז נישט לייכט געווען. זענען צווישן די קאָרדאָווער יידן אַנטשטאַנען צוויי ריכטונגען: איינע — גיין אויף קידוש השם, די אַנדערע — אָננעמען דעם מוסולמענישן גלויבן. אפשר האָט זיך טאַקע דער אַלטער, יידישער גאָט אָפּגעקערט פון די יידן און געמאַכט פאַר זיינע אויסדערווײלטע קינדער די אַראַ־בער ?... דעם רמב״מס פאָטער, דער דיין מיימון, איז דעמאָלט אַרויס־געטראָטן ווי אַ רעטער פון יידישן פאָלק. ער האָט אין געהיים פאַר די פאַרזאַמלטע יידן אין בית הכנסת אויפגעוויזן, אַז סיי מיט קידוש־השם, סיי מיטן אָננעמען דעם איסלאַם, ווערט דאָס פאָלק אונטערגיין. ער האָט געוויזן אַ דריטן וועג: ווערן בלויז אָפיציעל מאַכמעדאַנער, אין האַרצן בלייבן פעסט ביים יידישן גלויבן און אויסבאַהאַלטענערהייט אָפּהיטן די יידישע געבאָטן.

ביי דער זייט פון פאָטער האָט זיך פלאַמפייערדיק געשטעלט דער יונגער זון און האָט אין זעלבן גייסט געמונטערט די קאָרדאָווער יידן אין געהיים צו בלייבן ביים יידישן גלויבן.

דאָס זענען געווען די ערשטע מאַראַנען, מיט אַן ערך 300 יאָר פריער איידער ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די יידן די קאַטוילישע אינקוויזיציע.

געוויסע היסטאָריקער זענען זיך משער, אַז דעם רמב״מס פאָטער האָט מיט זיין משפחה אָנגענומען דעם איסלאַם און געפירט אַ לעבן פון מאַראַנען, אָבער קיין פעסטגעשטעלטע זאַך איז דאָס אַ פשיטא נישט. אַ ראָמאַניסט קאָן זיך אָבער דערלויבן צו שטיצן זיך אויף השערות, צו־מאָל אויף לעגענדעס.

***

לאַנג פירן אין דער זעלבער שטאָט אַ מאַראַניש לעבן איז נישט מעגלעך געווען. קאָרדאָווער יידן זענען אַנטלאָפן קיין גרענאַדאַ, טאָלע־דאָ, אַלמעריאַ. אויך דער דיין ר׳ מיימון מיט זיין משפחה האָבן זיך גע־מוזט אין אַ פינצטערער נאַכט אַרויסראַטעווען פון זייער געבוירן־שטאָט, וואָס זיי האָבן אַזוי ליב געהאַט. דער דערמאָנטער פילאָזאָף אווראָעס, אָדער ווי ער האָט געהייסן אין אַראַביש איבן ראַשד, האָט זיי אין געהיים צוגעוויזן געגעבן, אַז ער נעמט זיי אויף אין זיין הויז אין אַלמעריאַ. אויפן

וועג איז געשטאַרבן זייער געטרייע דינסט, וועלכע זיי האָבן אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן אַ קראַנקע. זיי זענען אָנגעקומען אבלים, דערצו האָט אויע־ראָעס געמוזט נאָך אַ שטיקל צייט פאַרלאָזן זיין היים, וואָס איז געווען אַ נייער קלאַפּ פאַרן יונגן עילוי. די יידישע קהילה האָבן זיי געטראָפן אין גרויס יאוש. פון אומעטום, וווהין ס׳האָבן דערגרייכט די נייע אַראַבישע מאַכטהאָבער, זענען דערגאַנגען שווידער־ידיעות. דער קאָרדאָווער דיין ר׳ מיימון, אונטערגעהאַלטן פון זיין יונגן זון, האָט זיך ווידער געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער יידישער פאַרצווייפלטער מחנה, געוועקט און גערופן צו אויסדויער, צו ווידערשטאַנד. „דאָס פאָלק ישראל האָט פאַר־לוירן זיין ערד, דאָס פאָלק ישראל האָט נישט פאַרלוירן די האָפע־נונג״, האָט ער געשריבן אין דעם, דורך די געהיימע שליחים פונאַנדער־געשיקטן צו די יידישע קהילות, באַרימטן בריוו, וואָס איז באַקאַנט אין דער יידישער געשיכטע פון יענער עפּאָכע אונטערן טיטל „אגרת הנחמה״ — דער בריוו פון טרייסט. ער ווייזט ווידער אָן אויף דער געפאַר פון די אויבן דערמאָנטע צוויי אויסוועגן. ער רופט צו גייסטיקן ווידערשטאַנד. ס׳איז געווען נישט נאָר אַ טרייסט־בריוו נאָר אָן אמתער קאַמפּס־רוף צו די גערודפטע און פאַרצווייפלטע יידן. זיכער קלינגען די געבראַכטע אויסצוגן אין ראָמאַן אַ היפּש ביסל אַנדערש, ווי די ווערטער פון דער היסטאָרישער „אגרת הנחמה״, אָזאַ בוך האָט אָבער אַ שליחות זיך אײַ־בערצורופן מיט דער הייננטיקייט. און ווי הייננטצייטיק, אַקטועל קלינגען ר׳ מיימונס ווערטער וועגן קיום פון פאָלק! „וואָס איז דאָס אַזעלכעס אַ פאָלק״? — פרעגט ער. און ער ענטפערט: „דאָס זענען אַ סך מענטשן, וואָס שעפּן פון זעלבן קוואַל די שפּראַך און די קולטור, וואָס פאַלן נאַ־טירלעך אַרונטער דעם זעלבן קאָמפּלעקס טראַדיציעס, וואָס האָבן אַ גע־מיינזאַמע געשיכטע און שטרעבן צו דער זעלבער צוקונפט. טראָץ דער צעשפּרייטונג זענען יידן פאַרבליבן אַ פאָלק. טראָץ די אומגליקן איז זיין וויטאַליטעט נישט אונטערגעבראָכן געוואָרן. טראָץ דער שנאה, וואָס רינגלט אַרום דאָס פאָלק, איז זיין רעכט אויף לעבן אומבאַשטרייטבאַר...״

***

די אַלמאָהאַדן, די דריטע שוין אַראַבישע אינוואַזיע אויף שפּאַ־ניע, האָבן זיך דערנענטערט צו אַלמעריאַ. די שטענדיקע יידישע פראַ־גע האָט ווידער געגעבערט: בלייבן צי אַנטלויפן? אויב אַנטלויפן, איז וווהין?

דער דיין ר׳ מיימון האָט דעמאָלט אונטערגענומען אַ דרייסטן און געפערלעכן שריט: ער איז אַוועק מיט ביידע זין קיין מאַראָקע, אין דער הייליקער שטאָט פעז, ווו די אַלמאָהאַדן האָבן געהערשט מיטן ווילדסטן פאַנאַטיזם, כדי אויסצופועלן ביים עמיר דאָס רעכט פאַר יידן צו בלייבן ביי זייער גלויבן. יידישע קהילות זענען געווען פאַרוויסט און ער, דער דיין פון קאָרדאָווע, האָט זיך מיט זיין יונגן גאוניש זון משה געשטעלט פאַרן פאַנאַטישן הערשער. זיין ציל האָט ער נישט דערגרייכט, אָבער דער עמיר, אַן איבערראַשטער פון דער געלערנטקייט פון יונגן בחור, האָט אים געמאַכט פאַר אַ פּראָפעסאָר פון אַנאַטאָמיע. די משפחה האָט ווייטער זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן מיטן יידישן גלויבן ביז אין אַ יום־כיפור, ווען זיי האָבן אין אַ באַהעלטעניש אָפּגעריכט די תפילות, איז מען זיי באַפאַלן און אַוועקגעשלעפּט צום משפט פון וועלכן זיי האָבן דערוואַרט אַ זיכערן טויט. אַן אומדערוואַרטעטע פּאַסירונג האָט זיי אָפּגעראַטעוועט. אויף צומאָרגנס פאַרטאָג איז די משפחה אָנגעקומען אין געהיים צו אַ פּאָרט, אַרויף אויף אַ שיף, וואָס האָט זיי געבראַכט צו די ארץ־ישראלדיקע ברעגן.

דאָ ערשט, אין עכו, ווו זיי זענען אָנגעקומען, האָבן זיי זיך דערוווּסט וועגן די שחיטות איבער די דאָרטיקע יידן, וואָס די קריסטלעכע ריטער האָבן דורכגעפירט אין נאָמען פון אַן אַנדער גאָט, פון יענעם גאָט, וואָס האָט געהייסן אונטערשטעלן די צווייטע באַק, ווען מען פּאַטשט אין איינער. 50 טויזנט יידישע נפשות האָבן די קרייצצוגלער אומגעבראַכט מיט פייער און שווערד, מיט העק און מעסערס אין ירושלים, אַלע בתי־מדרשים אָנגעשטופּטע מיט יידן זענען אַוועק אין פלאַמען. דאָס לאַנד, אין די הענט פון קריסטלעכע הערשער, איז געווען פאַרוויסט, די לעבנגעבליבענע יידישע באַפעלקערונג פאַרשקלאַפט, פאַרווילדעוועט. „דער געדאַנק איז ווי די ערד, אויב מען באַאַרבעט זי נישט, טרוקנט זי אויס, אויב מען פאַרזייט זי נישט, ווערט זי אומפּרוכטבאַר", האָט דער אַלטער רב פון עכו אויפגעקלערט ר׳ מיימונען און פאַרשווירן אים צו פאַרלאָזן דאָס פאַרוויסטע לאַנד, צו אַנטלויפן פון דער הערשאַפט פון קרייץ. די משפחה מיימון האָט זיך פאָרט געלאָזט קיין ירושלים, קיין חברון, שפּעטער זיך ווידער אַרויפגעזעצט אויף א שיף, וואָס איז געשוווּמען קיין עגיפּטן. „אַזוי האָט כסדר אויף די זעלבע וועגן געוויגן זיך אויף דער וואָגשאָל אונדזער גורל", שרייבט דער רמב״ם מיט דער פעדער פון לע פאָריע.

דאָ איז אפשר נויטיק צו מאַכן אַ באַמערקונג: לויט געוויסע היס־טאָרישע קוועלן איז די כראָנאָלאָגיע פון די וואַנדערונגען טיילמאָל אַ ביסל אַן אַנדערע. עס זאָלן אויך האָבן פּאַרלאָזט ישראל בלויז משה מיימון מיטן ייִנגערן ברודער, דער פאָטער זאָל נישט האָבן געוואָלט זיך צעשיידן מיט דער הייליקער ערד. ווי געזאָגט אָבער איז לע פּאַריע אַ ראָמאַניסט און נישט קיין היסטאָריקער. מיר וועלן אויך נישט זוכן קיין היסטאָרישע אמתן אין טעאָלאָגישן דיספּוט, ווען ר׳ מיימון מיטן זון האָ־בן זיך געשטעלט פאַרן עמיר אין פעז. וועלן מיר ווייטער נאָכפאָלגן אונדזע־רע רומפולע וואַנדערער אין די דראַמאַטישע געשעענישן און געוואָגטע אויפטועון לויטן ראָמאַן.

***

אָנגעקומען זענען זיי קיין אַלעקסאַנדריע, ווו ס׳איז צו יענער צייט געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער ייִדישער קיבוץ: ייִדן פון באַבילאָניע, ייִדן פון ארץ־ישראל, די ערשטע רייכע, די צווייטע אָרעמע. אַ באַזונדערע נעסט האָבן זיך אויסגעוואָרעמט אין אַלעקסאַנדריע די ערשטע קאַראַימער. די דיספּוטן האָבן נישט אויפגעהערט. אינגיכן איז די משפחה אַריבער־געפאָרן קיין קאַיר, אין דעמאָלטיקן פאָסטאַט און באַלד האָבן זיך אויפן יונגן געלערנטן אַראָפּגעלאָזט נייע אומגליקן: דער טאַטע איז געשטאָרבן, דער ברודער אַ שלייפער און הענדלער פון אידעלע שטיינער איז דערטרונקען געוואָרן. אַן איינזאַמער, כסדר אַ דערנידעריקטער, איז משה בן מיימון יונג געוואָרן דער באַרימטער רמב״ם. „כ׳האָב זיך גע־האַלטן ביי מיין פּרינציפּ אונטערצוהאַקן די נעגל פון די דערנידערונ־גען מיט מיין גוטער אויפפירונג, מיט מיין ריכטיקייט פון באַטראַכטן און באַנעמען דערשיינונגען, מיט דער ברייטקייט פון מיינע קענטע־נישן...״

און די ברייטקייט פון זיינע קענטענישן איז געווען אין לשער. במשך פון די 12 אָדער 15 יאָר וואַנדערונגען האָט משה בן מיימון נישט אויפגעהערט צו לערנען, פאָרשן, שרייבן ווערק, זאַמלען וויסן. „מיט וויסן זעטיקט מען זיך נישט אָן, פאַרקערט, מען ווערט נאָך מער הונגעריק...״, שרייבט ער. און וואָס מער ער האָט געפאָרשט און געזאַמלט וויסן, אַלץ מער האָבן זיך דערוועקט ספיקות. „דער כוח פון מיין פאָטער איז גע־ווען דער גלויבן, מיין כוח זענען די ספיקות״, לייענען מיר. און די ספיקות, מיט וועלכע ער האָט זיך נישט זעלטן געמוזט אויסבאַהאַלטן,

האָבן אים געשטויסן און געהאָלפן אַריינצופירן דורך אַ הינטערשטע טיר אַריסטאָטעלעסן און דעם ראַציאָנעלן געדאַנק אין דער מיטלאַל-טערלעכער אייראָפּע. ער שרייבט וואָס אַן אמת — לויט פּאָריע — אַז „אריינפירן גאָט אין אונדזער שכל, און דעם שכל אַריינפירן אין גאָט, זענען משוגענע אונטערנעמונגען... איך בין נישט געגאַנגען צו ווייט אין דער דאָזיקער משוגעת..." אין דער ווירקלעכקייט איז ער ווי פאַר יענער צייט געגאַנגען גאָר ווייט ווי אַ דענקער, אַ פילאָזאָף און האָט צוגעגרייט אַ וועג פאַר בעקאָנען, דעקאַרטן, ספּינאָזען, קאַנטען.

און דער דענקער, פילאָזאָף, וואָס האָט געשטויסן דעם מענטשלעכן געדאַנק פאָרויס דערשיינט פאַר אונדז אין ראָמאַן, ווי אַ טיטאַן פון אַר־בעט, פון שעפערישקייט. דאָקטער ביים סולטאַן איז ער יעדן טאָג פרי אַוועק אין סולטאַנס הויף און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט, רייטנדיק אויף אַן אייזל, האָבן שוין געוואַרט אויף אים צענדליקער פּאַציענטן, וואָס ער האָט אָנגענומען ביז שפּעט. נאָך אַ לאַנגן טאָג באַשעפטיקונג ווי אַ דאָקטער, האָט ער ביינאַכט געשריבן זיינע ווערק. גלייכצייטיק איז ער געווען געבונדן, ווי זיין פּאָטער, מיט יידישע פאַרשטייער פון דער גאַנ־צער וועלט. און ווי מיר וויסן דאָס פון יידישער געשיכטע, איז ער אויך געוואָרן דער רב הכולל איבער גאַנץ מצרים.

***

נאָך דעם ווי ס'איז דאָ בקיצור איבערגעגעבן געוואָרן דער אינ־האַלט פונעם ראָמאַן — און דאָס ווערט געטאָן בעיקר פאַרן לייענער, וואָס לייענט נישט קיין פראַנצויזיש בוך — שטעלט זיך די פראַגע: צי איז דעם מחבר געלונגען אַרויסצוברענגען די רייכע, אַלזייטיקע שע־פערישע פערזענלעכקייט פון רמב"ם?

מיר דוכט זיך, אַז יאָ און ניין. ניין, ווייל אויב מיר ווילן זען דעם רמב"ם אין דער געשטאַלט פון איינעם פון די גרעסטע בקיאים אין יידישן רעליגיעזן וויסן און פאָרשער פון יהדות, ווי ער איז דאָס ווירקלעך געווען, וועלן מיר אים דאָ אַזעלכן נישט געפינען. אמת, זיין פילאָזאָ־פיש ווערק, וואָס ער האָט געשריבן אין אַראַביש, דער „מורה נבוכים", וויקלט זיך יאָ צו ביסלעך דורך דורכן ראָמאַן, דאָ און דאָרט וועבט זיך אַריין אַ סענטענץ, נישט קיין בוכשטעבלעכע, נאָר דער געדאַנק פונעם ווערק (אגב איז פון „מורה נבוכים" פאַראַן אַ גוטע פראַנצויזישע איבערזע־צונג פון מונק), אָבער דער רמב"ם האָט דאָך בעת זיינע וואָגלענישן

אין שפּאַניע צונויפגעזאַמלט און געבראַכט אין אָרדענונג דינים, געזעצן, וואָס זענען צעשפּרייט אין תלמוד, אָנהייבנדיק פון די עלטסטע צייטן; ער האָט אָנגעשריבן אין אַראַביש אַ פּירוש צו משניות, ער איז דער מחבר פון משנה־תורה, אָדער יד החזקה, געשריבן אין העברעאיש, אַ פאַרצווייגט ווערק אין פערצן בענדער, אַ ווערק, וואָס האָט געהאַט אַ טיפן אָפּקלאַנג אין די יידישע תפוצות איבער דער גאַנצער וועלט. צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן די מעדיצינישע ווערק, וואָס ר׳ משה בן מיימון האָט אָנגעשריבן. אינעם ראָמאַן זעען מיר אים ביי דער פּראַקטיק, אָבער אַלס דאָקטער־פאָרשער האָט ער געהאַט אַ געוואַלטיקע באַדייטונג פאַר דער מיטלאַלטערלעכער מעדיצין. און וועגן דעם אַלעמען וואָלט מען, אַ סברה, געקאָנט אָנשרייבן אַ סך, אַ סך מער ווי מען קאָן אַריינפּאַסן אין קאַרגע 300 זייטן.

צי איז דאָס אָבער געווען דער ציל פון מחבר? די אויפגאַבע פונעם ראָמאַן, ווי איך האָב דאָס פאַרשטאַנען, איז געווען מיט דער הילף, אָדער דורך אַן אַלזייטיקער שעפערישער פּערזענלעכקייט, אַרויסברענגענדיק זי לעבעדיק, דערגענטערנדיק זי צו אונדז, ווייזן אַ געשיכטלעכן פּעריאָד, ווייטע געשעענישן, וואָס רופן זיך איבער מיט דער היינטציטיקייט, אין וועלכע מיר געפינען אַן אַ שיער אַנאַלאָגיעס. דער מחבר גופא זאָגט אין נאָכוואָרט, אַז „ס׳איז מעגעלך, ווי ס׳איז שוין נישט איין מאָל באַוויזן געוואָרן, צו באַגרייפן אַ סיטואַציע דורך אַן אַנדערער סיטואַציע און דאָס איז אונטערגענומען געוואָרן״. אינעם שפּיגל פונעם ווייטן נעכטן, דערזעט מען בולט דעם היינט.

און דער עיקר: נאָכפאָלגנדיק אין ראָמאַן די בלוטיקע רדיפות סיי אין די אַראַבישע לענדער, סיי די שחיטות מצד די קרייצצוגלער אין פאַרוויסטן ארץ ישראל, וועט דעם לייענער נישט שווער זיין צו מאַכן דעם אויספיר, אַז פונקט ווי מ׳האָט אין יענע ווייטע צייטן אָפּגעזאָגט יידן דאָס רעכט צו האָבן אַן אייגענע רעליגיע, אַזוי זאָגן היינט ענלעכע צו יענע הערשער זיי אָפּ דאָס רעכט אויף נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, אויף אַן אייגענער מדינה אין זייער היסטאָריש לאַנד.

אין סך הכל איז דאָס נישט נאָר אַ פאַסצינירנדיקע לעקטור, אַ ראָמאַן, וואָס האַלט אין שפּאַנונג, נאָר אויך אַ באַלערנדיק בוך, ספּעציעל פאַרן פראַנצויזישן לייענער. חוץ זיינע ליטעראַרישע וואַלאָרן האָט לע פּאַריעס ראָמאַן אין דער איצטיקער צייט פאַר אונדז יידן אַ גרויסע מאָראַלישע און פּאָליטישע באַדייטונג.

II

צו די הונדערט יאָר פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור

וועגן שפּאַטישן שמייכל פון מענדעלען

(זייטיקע רעיונות און באַטראַכטונגען)

בדרך כלל נעמט יעדע עפּאָכע, אַפּילו יעדער דור, אַנדערש אויף דעם זעלבן שרייבער. די זעלבע ווערטן קאָנען אין פאַרשידענע צייטן און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן פאַרשידנאַרטיק ווירקן. עס געשעט אויך, אַז מען געפינט אויס אינעם ווערק פון שרייבער אַ שפּאָגל־נייעם אַספּעקט, וואָס איז יאָ אָדער נישט צום האַרצן, אָבער וואָס איז פריער פאַרזען געוועזן. און פאַרקערט: עס שווימט אויף אַן ענין, ווי אַן אויסדרוק פון אונדזער איצטיקער עמפּינדלעכקייט, אָבער אַרום וועלכן מ'האָט זיך שוין לאַנג, נאָך פאַרן לעבן פון שרייבער, אַ סך געאַמפּערט.

אַזוי איז דאָס טיילווייז געשען מיט אונדזער גרויסן שרייבער, דעם זיידן ר' מענדעלע.

ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן ווערט פאַר די לעצטע יאָרן אַנגעוויזן, אַז שילדערנדיק דאָס יידישע לעבן, האָט מענדעלע אויסגעשטעלט יידן „צו שאַנד און צו שפּאָט". די בייע באַשולדיקונג ווערט איבערגעחזרט אין פאַרשידענע וואַריאַנטן. אין דער אמתן איז דאָס נישט קיין שפּאָגל־נייע זאַך. דער וויכוח אַרום דעם דויערט פון לאַנג. און כדאי אפשר זיך אומצו־קערן צו אים.

אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן „פישקע דער קרומער", וואָס איז געוועזן אָפּגעדרוקט אין אָדעס אין יאָר 1890, האָט י. לערנער (צדוק פּרומעס) גע־שריבן: „פישקע דער קרומער — דאָס איז דער פאַרשטייער פון יידישן, ענגן, שמאָלן געסל, פונעם מיסט, פון דער בלאָטע, פונעם דלות, פון דער טאָרבע... מיט וואָס פאַראַ אויגן, פרעגט זיך אָבער באַטראַכט רב מענדעלע

די יידישע טאָרבע? גיט ער אונדז אַזוינע אמתע טרויעריקע בילדער, וואָס זאָלן דערוועקן אין אונדזערע הערצער געפילן פון רחמנות צו אונדזערע געפאַלענע ברידער? אָ, ניין, שלעפּערס, קאַליקעס, רויטע ממזרים, בלינדע מרשעתן — אָט זיי זיינען זיינע העלדן, און זיי מאָלט ער אונדז אין אַזאַ שוואַרצער פאַרב, אַז אויסער עקל קאָן דאָס גאָרנישט אַרויסרופן... ווען דעם אייגענעם „יידישן דלות" זאָל אַריינגעמען אין די הענט אַריין אַ קינ־סטלער, וואָס איז באמת צוגעבונדן צום פאָלק, וואָס די ווייטיקן פון זיינע ברידער זענען אים שטאַרק נאָענט — וויפל זיסע שיינע בילדער וואָלט ער אונדז געשאַפן..."

לאָמיר איצט אַריינקוקן אין די אָפּשאַצונגען פון אַ סך אַ גרעסערן אויטאָריטעט און נעמלעך פון בעל־מחשבותן: „כמעט פון איטלעכער שורה קלינגט אַרויס די פאַראַכטונג צו דער יידישער, אַלטפאַרצייטיקער מאַסע, און כמעט איטלעך קאַפּיטל ענדיקט זיך מיט די ווערטער פון אַ טרויעריק געמיט, וואָס ווײנט פאַר רחמנות... ער האָט פאַראַכטעט דעם יידישן כלל, וואָס איז נישט בכוח אַרויסצוגעבן אַ געזונטן יחיד און וואָס איז ווי אַן אויס־געמאַטערט פעלד און לאָזט נישט אַריין קיין פרישן הויך, קיין לעבעדיקע געדאַנקען צווישן די ענגע פאַרעיפּושטע געטאָ־מויערן". און ווייטער: „די פאַראַכטונג, וואָס דער ייד האָט צו זיך אַליין, צו זיינע פּרנסות, צום גאַנצן אָרט־לעבן זיינעם... האָט זיך באַזעצט אין האַרצן פון ערשטן גרויסן פאָלקס־דיכטער".

די־אָט האַרבע ווערטער פון בעל־מחשבותן זענען דאָ געבראַכט בכיוון, ווייל גראָד ער האָט מענדעלען געווידמעט פיל אַרבעטן, און געשריבן האָט ער וועגן אים מיט גרויס יראת־הכבוד און טיפער אָנערקענונג. ער האָט באַטאָנט: „אַבראַמאָוויטש איז דער גרעסטער טאַלאַנט, וואָס די יידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד האָט אויפגעוויזן אין די לעצטע דורות. דאָס, וואָס ער האָט געשריבן, איז געשריבן געוואָרן מיט דער געטלעכער פעדער, וועלכע איז צוזאַמען מיטן פייער־שוואונג באַשאַפן געוואָרן משׁשת ימי ברא־שית. קיינער פאַר אים האָט נישט געמאָלט די בילדער פון יידישן לעבן אַזוי ווי ער. און זיין פּענדזל מיט וועלכן ער מאָלט איז דין ווי אַ האָר, וואָס איז בכוח איבערצוגעבן די איידלסטע ליניע, דאָס דינסטע פּינטעלע".

ווי מיר זעען האָט דער „פלעק", וואָס דער טיפּזיניקער קריטיקער האָט אויסגעפונען, אים נישט פאַרשטעלט די ברייטע, פילפאַרביקע פּאַנאָ־ראַמע, ווי דאָס איז געשען ביי אַזאַ קריטיקער ווי י. לערנער. אָבער אויב

בעל מחשבות האָט ביי זיין גאַנצער באַגייסטערונג פֿאַר מענדעלען, אַזוי שטאַרק אָפּגעפּילט יענעם אויבן דערמאָנטן אַספּעקט, איז וואָס זיך צו ווונדערן וואָס פֿון צייט צו צייט קומט אויס צו הערן ענלעכע האַרבע פֿאַרוואָרפֿן אין באַצוג צום גרויסן שרייבער אונדזערן?

די פֿאַרוואָרפֿן, וואָס זענען אויפֿסניי אויפֿגעשווומען צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, האָבן נאָכן חורבן דאָ און דאָרט אָנגענומען אַ שאַרפֿע פֿאָרם. לאָמיר בלויז ברענגען די שטעלונג פֿון אַזאַ שרייבערישער פּערזענלעכקייט ווי ס'איז דער אָנגעזעענער דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער יעקב גלאַטשטיין. גלאַטשטיין האָט געשריבן: „מענדעלע איז אַן אויסדרוק פֿון גאונות פֿון יידישן פֿאָלק. ער איז אַ מליץ פֿון אונדזער געניאַליטעט. אָבער דאָס האָט אים נאָך נישט געמאַכט וויכטיקער פֿון יידישן פֿאָלק. מענדעלע האָט אָפּגעקיילעכיקט אַן עפּאָכע. ער איז געקומען פֿון דער השכלה, וואָס האָט זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן יידישן פֿאָלק מיט אַ האַרטער שטראָפֿערישקייט. יידן האָבן קיינמאָל נישט פֿאַרדינט, אַז מענדעלע זאָל זיי אַזוי האַרט שטראָפֿן, ווייל זיי זענען חלילה נישט ערגער פֿון אַנדערע פֿעלקער. גאָר פֿאַרקערט, זייערע גרויסע ליידן און יסורים האָבן זיי אַזוי דערהויבן און אויסגעאיידלט, אַז אַפֿילו ווען זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין די בלאָטעס פֿון טונעיאַדעווקע זענען זיי אַלע מאָל געווען גאָטס קינדער... „פֿישקע דער קרומער“ איז זייער אַ פּרימיטיוו ווערק, און טאָמער איז עס ווייניק, האָט מענדעלעס משכילישע סאַטירע אין דעם ווערק זיך צעשפּילט אויף דעם האַרצלאָזסטן אופֿן. ס'איז אַ נעבעכדיקע געשיכטע פֿון אַ הקדש, פֿון אונטערוועלט, פֿון שנאָרערס, פֿון וווּלגאַריטעט, און ס'איז נאָך ערגער וואָס דאָס ווערק איז אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַ סימבאָל פֿאַר דער „גרויסער טאָרבע פֿון כנסת ישראל“, ווי דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק וואָלט באַשטאַנען פֿון אַזעלכע פֿאַרשוינען. מיר ווייסן, אַז מיט מענדעלעס ווערק קאָן מען בכלל זייער שטאַרק געשטרויכלט ווערן. מען דאַרף צו אים אין פּרדס אַריין מיט גרויס פֿאָרזיכט“.

אויך אין מדינת ישראל האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען מיט שאַרפֿער קעגנערשאַפֿט צו מענדעלעס שילדערונגען פֿון דער יידישער עדה און דער יידישער טאָרבע. א. קריב, וועלכער האָט געגעבן דעם טאָן, האָט געהאַלטן, אַז מענדעלען טאָר מען נישט לערנען אין די שולן אין ישראל, ווייל ער דערוועקט ביי די תלמידים אַ „ווידערווילן“ צו די דעמאָלסטיקע יידן און סתם צום גלות־ייד.

מ׳וואָלט געקאָנט ציען די רשימה פון אַרויסזאָגונגען, מיר וועלן אָבער דערווייל לאָזן דעם וויכוח אין אַ זייט. עס רוקט זיך דאָ אָן אַ שייכות מיטן דאָזיקן וויכוח אַן אַנדערע פראַגע, און נעמלעך: צי בלויז ביי אונדז יידן, צוליב די פיל הויקערדיקע זייטן פון אונדזער לעבן, געשעט, אַז איינעם פון אונדזערע גרעסטע שרייבער, וועלכער האָט די הויקערס געשילדערט, זאָל מען פאָרוואַרפן צו האָבן אויסגעשטעלט דאָס פאָלק צו שפּאָט און שאַנד? צו האָבן עס האַרצלאָז געשטראָפט?

אַ סברה, אַז מיר יידן זענען אין דעם פאַל נישט קיין אויסנאַם.

אויב מיר וועלן דערמאָנען, אַז די גרויסע שרייבער האָבן זיך שטענדיק אַראָפּגעלאָזט אין סאַמען תהום פון פאָלק, אָפּגעדעקט די סאַמע פּינצטערע ווינקעלעך פון דער מענטשלעכער נשמה, וועלן מיר דערמיט גאָרנישט מחדש זיין. אין דעם איז באַשטאַנען זייער גרויסקייט. ס׳איז כדאי אָבער אָנצווייזן, אַז אין פיל ליטעראַטורן ביי די אומות העולם קאָן מען געפינען ענלעכע דערשיינונגען, ווי ביי יידן, ווען באַרימטע שרייבער, פאָלקס־דיכטער, וועלכע האָבן געבלוטיקט און געוויינט מיט די ווייטיקן פון פאָלק, האָט מען באַשולדיקט אין דערנידעריקן און באַליידיקן דאָס זעלבע פאָלק. אָט לאָמיר זיך באַגרענעצן צו אַזאַ אַנדערשדיקן פון מענדעלען און דאָך ענלעכן צו אים גרויסן שרייבער ווי עמיל זאָלאַ. דער פאַרגלייך מיט זאָלאַ איז צוליב דעם וואָס דער דאָזיקער פראַנצויזישער שרייבער איז טראָץ דער אַנדערשדיקייט, פונקט ווי מענדעלע געווען אַ געניאַלער שילדערער פון מענטשלעכע קאָלעקטיוון, פון מאַסן־פּסיכאָז. שטאַרקער ווי באַזונדערע מענטשלעכע גורלות און דראַמעס פונעם יחיד דערשיינט ביי אים דער שיקזאַל פון דער עדה, פון כלל, — אַזוי ווי ביי מענדעלען.

כמעט יעדעס בוך זאָלאַס איז באַגלייט געווען מיט אַ שטיקל טומל. ווען ס׳איז אָבער דערשינען זיין באַרימט ווערק „אין שטייג״ * האָט זיך קעגן מחבר אויפגעהויבן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן. קריטיקער, סתם מבינים אויף ליטעראַטור און דער עיקר אַרבעטער־טוער האָבן געהאַלטן, אַז זאָלאַ דערנידעריקט דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק. „וואָס? די־אַ באַנדעס אַלקאָהאָ־ליקער, די אַלע פאַרווילדעטע מענטשן, אָט דער גאַנצער שמוץ, וואָס רופט אַרויס עקל, איז דאָס פאָלק?״ — האָט מען געפרעגט. אויך אַנאַטאָל פראַנס האָט זיך נישט גינסטיק לגבי זאָלאַן אָפּגערופן.

---

* נישט בוכשטעבלעכע איבערזעצונג פון « L'Assommoir ».

אפילו „זשערמינאַל״״, דאָס ווערק אין וועלכן זאָלאַ האָט מיט אַזאַ קראַפט געשילדערט די שווערע דאָליע פון די קוילן־גרעבער, די כסדר־דיקע טויט־געפאַרן, וואָס הענגען איבער זיי צוליב די אויפרייסן, די שטרייקן, וואָס דאַרפן פאַרטיידיקן זייערע עלעמענטאַרע, מענטשלעכע רעכט, האָט דאָ און דאָרט פיינלעך אָנגערירט. דער מחבר פון „זשערמי־נאַל״ האָט זיך אַ סך דאָקומענטירט ביי די אַרבעטער־פירער, אַליין זיך צייטן־לאַנג צוגעקוקט צו די אַרבעטער פון די קוילן־גרובן, אָבער אויסער דעם קוילן־גרעבער האָט ער געוואָלט אויך ווייזן דעם מענטש בעל־חי אין באַשטימטע אומשטענדן.

אָוודאי קאָן מען בשום אופן נישט פאַרגלייכן דירעקט מענדעלעס שאַפונג צו זאָלאָס. דער מחבר פון „אין שטייג״ האָט געוויזן דעם פיזישן און גייסטיקן דלות פון מענטשן לויט זיינעם אַן אייגענעם גרונט־באַנעם, וואָס שטאַמט פון זיין ליטעראַריש־נאַטוראַליסטישער קאָנצעפּציע. אויב שוין זוכן פאַרגלייכן צווישן מענדעלעס פּערסאָנאַזשן מיט העלדן אין דער וועלט־ליטעראַטור, וועלן מיר זיי גיכער געפינען ביי אויזשען סיו, ביי וויקטאָר הוגאָ, ביי סערוואַנטעסן. עס גייט אָבער דאָ אין אַ געוויסן איינשטעל אין דער ליטעראַטור, וואָס איז געווען דעמאָלט אַזוי גוט אַקטועל, ווי היינט. עמיל זאָלאַ האָט נאָכן דערשיינען פון „אין שטייג״ אויף אַלע פאַרוווּרפן, אַז ער ווייזט דאָס סאַמע עקלדיקע און מיאוסע, געענטפערט: אויב דאָס עקזיסטירט, דאַרף מען דאָס אַנטבלויזן אין דער גאַנצער נאַקעטקייט. צוליב וואָס? כדי פון דעם פּטור צו ווערן, ווייל די ליטעראַטור האָט אַ הומאַני־טאַרע און סאָציאַלע פונקציע.

טשעכאָוו האָט אין ענלעכע פאַלן באַגרינדעט, אַז ער ברענגט אַרויס אַלע טרויעריקע און מיאוסע זייטן פון לעבן, כדי די מענטשן זאָלן זיך גופא דערזען, דערקענען. דערזעענדיק דאָס אמתע אייגענע פּנים אין שפּיגל, וועלן זיי אפשר באַגערן צו ווערן בעסער און שענער. אַן אַ שיער אַנדערע ביישפּילן פון ליטעראַטורן ביי די אומות העולם וואָלט מען געקאָנט ברענ־גען, וואָס וואָלטן באַשטעטיקט, אַז דאָס איז אַן אַלטע און אַלגעמיינע דעבאַ־טע: נישט אָפּשפּיגלען „נאַטוראַליסטיש״ דיווירקלעכקייט, נאָר העלפן פאַרמירן דאָס לעבן — זאָגן איינע. אַראָפּלאָזן זיך אין די טיפסטע אָפּ־גרונטן, אַריינדרינגען אין די פאַרבאַרגנסטע ווינקלעך פון לעבן, אויסגע־פינען דאָס סאַמע העסלעכסטע און אַרויסציען אויף דער ליכטיקער שיין — זאָגן די אַנדערע.

די ערשטע שטעלונג איז געקומען צום אויסדרוק אין אַן עקסטרע־מער, פֿאַרקריפּלטער פֿאָרם אין סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין ראַטנפֿאַר־באַנד. לשם האמת דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז אַזאַ צוגאַנג צו ליטעראַ־טור איז געבוירן געוואָרן אַ סך פֿריער. זשאָרזש סאַנד, למשל, האָט געמאָלן אירע פּערסאָנאַזשן אין די שענסטע פֿאַרבן. ווען מ׳האָט זי געהאַט גע־פֿרעגט ווו זי האָט געזען אַזעלכע מענטשן פֿון הוילער נאַבלקייט, האָט זי צוריקגעפֿרעגט: פֿאַרוואָס זאָל מען דורכויס פֿאַרשטעלן די מענטשן אַזוי, ווי זיי זענען און נישט אַזוי, ווי זיי דאַרפֿן זיין?

דאָס איז אָבער געזאָגט אגב־אורחאדיק און עס קומט חס וחלילה קיי־נעם נישט אויפֿן געדאַנק חושד צו זיין די אַלע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן קעגנערשאַפֿט צו מענדעלעס שילדערונגען פֿון דער יידישער עדה, אַז זיי זענען קעגנער פֿון אָפּדעקן די הויקערדיקע זייטן פֿון לעבן.

נאָר וואָס דען? מיר יידן זענען עפּעס אַנדערש. אַנדערע מעגן און דאַרפֿן אַלץ אַנטבלויזן, מיר נישט, אין בעסטן פֿאַל דאַרפֿן מיר זיין זייער פֿאָרזיכטיק. ווייל ראשית כל האָט מען אונדז אַזוי אויך נישט צופֿיל ליב, והשנית — מיר נויטיקן זיך שטענדיק אין אַ טרייסט־וואָרט, אין אַ ביסל האַרץ, אַ ביסל ליבשאַפֿט.

מענדעלע גופא האָט נישט איין מאָל, דירעקט אָדער אומדירעקט, באַ־רירט דעם־אָ הארבן ענין. אָבער אויך אַנדערע שרייבער האָבן אַנדערש ווי די אויבן־דערמאָנטע אויסגעטייטשט מענדעלעס שטראָפֿערישקייט און אָפּלאַכערישקייט. זלמן רייזען, למשל, באַטאָנט אין דער מענדעלע־ביאָ־גראַפֿיע, וואָס אין זיין לעקסיקאָן, אַז „...אַבראַמאָוויטש לאַכט אויס די אומגעלומפּערטע דערשיינונגען אין לעבן פֿון פֿאָלק ישראל, אָבער זיין געלעכטער איז אַ ביטערער געלעכטער; דורך זיין אומפֿאַרגלייכלעכן גאָליקן הומאָר רייסט זיך דורך אַ גרויס רחמנות און אַ טיפֿע ליבשאַפֿט צו דעם מוראדיקן עלנט פֿון זיין אומה...״

כדאי נאָך צו ברענגען אַן אַנדער מין אויסטייטשונג. אין דעם בוך פֿון י. דרוקער „דער זיידע מענדעלע״ איז פֿאַראַן אַ לאַנגער בריוו־אויס־טויש צווישן אַלעקסאַנדער צעדערבוימען און מענדעלע מוכר ספֿרים. אמת, די בריוו זענען צונויפֿגעשטעלט פֿונעם מחבר פֿון בוך, אָבער אין זיי איז פֿאַראַן אַזויפֿיל עכטקייט און וואָרהאַפֿטיקייט, אַז מיר געפֿינען אין זיי אַן ענטפֿער אויף די פֿאַרוואָרפֿן לגבי מענדעלען. ס׳איז באַקאַנט, אַז צווישן

אַלעקסאַנדער צעדערבוימען, דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון „המליץ" און שפּעטער אויך פון „קול מבשר" און מענדעלען איז נישט געווען קיין גרויסע ליבע. ווען אַבראַמאָוויטש האָט אין 1864 אַריינגעשיקט צו דרוקן „דאָס קליינע מענטשעלע", (ס'איז דערשינען אין בוך־פאָרם צוויי יאָר שפּעטער), וואָס איז געוואָרן די דאָטע פונעם אָנהייב פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, איז צעדערבוימען נישט שטאַרק צום האַרץ געווען נישט דער טעקסט און נישט דער נייער נאָמען פון מחבר. שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט זיין ביכל אין „זשאַרגאָן" אונטערגעשריבן סענדערל מוכר ספרים. צעדערבוים זאָל האָבן געזען אין דעם אַן אַנצוהערעניש, אַז ער גופא האָט אַמאָל געהייסן סענדערל. מיטן נאָמען האָט ער זיך אַן עצה געגעבן, ער זאָל האָבן אַן וויסן פון מחבר מיט אַ צי פון דער פעדער אים פאַריאָגט פון מאַנוסקריפּט און אויפן אָרט אַרויפגעשטעלט מענדעלע. אָבער דעם טעקסט פון באַקאַנטן העברעאישן שרייבער נישט צו דרוקן אין דער „זשאַרגאָנישער" צייטונג „קול מבשר" האָט ער נישט געקאָנט. איז אָט ווי אַזוי, לויט דער שרייבערישער פאַנטאַזיע פון י. דרוקערן, צעדערבוים האָט זיך יאָרן שפּעטער אין אַ בריוו אָפּגערעכנט מיט מענדעלען: „...ווייזט אויס, שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך, אין אייך האָט זיך באַזעצט מעפיסטאָפל, ווי אַ דיבוק נישט אַרויסצוטרייבן אים".

„אַן אַ ביס, אַן אַ ריס, אַן אַ קרעל, אַן אַ געלעכטערל און אַן אַ חוזקל קאָנט איר זיך גאָרנישט באַגיין. גאַגאַל און שטשעדרין האָבן אייך געלאָזט גריסן... זיי האָבן אייך אַראָפּגעפירט פון גלייכן וועג, זיי האָבן אייך געפּטרט, זיי האָבן אייך פאַרסמט מיטן גאַליקן ביטערן סם, וואָס הייסט סאַטירע".

„מבטל מאַכן, אויסלאַכן, מאַכן צונישט, דאָס איז די סאַמע גרינגסטע זאַך. ווען איר זאָלט וויסן ווי דאָס פאָלק נויטיקט זיך אין טובות, וואָלט איר אַזוי נישט גערעדט..."

מענדעלע ענטפערט אים, לויט דרוקערן, בזה הלשון:

„... לאַכן הייסט ווידערשפּעניקן, און שמייכלען הייסט זיך אונטערגעבן, שלום מאַכן מיט אַלדאָס בייז... אַזעלכע ווי גאַגאַל און שטשעדרין זענען אייביק".

„...שרייבער מיט קאַלטע לונג און לעבערס, וואָס צעלייגן קיינמאָל נישט די שייטערס פון סאַטירע אין זייערע ווערק, זענען קיין שרייבער

נישט. פון זיי איז נישט קאַלט און נישט וואַרעם, זיי געהערן צו די טויטע נפשות, און זאָלן זיי זיין ווייט אָפּגעשיידט פון אונדז״.

„נאָר ווו ביטערע גאַל עסט נישט אויס דעם זשאָווער, דרינגט נישט אַריין קיין שטראַל פון ליכט און האָפענונג...״

איצט לאָמיר הערן וואָס מענדעלע האָט דערוועגן געזאָגט נישט אין דער ראָל פון אַ העלד אין אַ שרייבערס אַ בוך. ער גופא האָט געשריבן: „וואָס נוגע מיר פּערזענלעך, איז אָפן גערעדט, האַלט איך אויפריכטיקייט — אַחוץ אַלע זייטיקע סטימולן — פאַר אַן עטישן חוב... און אַזוי ווי איך האָב ליב יידן מיטן גאַנצן האַרצן, האָב איך דעריבער אויסגעקליבן אין דער ליטעראַטור דעם וועג פון סאַטירע, גאַרנישט מורא האָבנדיק צו פאַר־נאַנדערנעמען און אויפדעקן אונדזערע אינעווייניקסטע פעלערן...״ און אין אַ בריוו זיינעם קאָן מען לייענען: „עס איז נאַטירלעך און נויטווענדיק, אַז מענטשן, וואָס האָבן ליב זייערע אייגענע, זאָלן זיי העלפן מיט אַ וואָרט... וואָס דערמוטיקט און דעמאַסקירט אויך״.

ובכן, מענדעלע האָט, ווי אַלע אַנדערע גרויסע און אַחריותפולע פאָלקס־שרייבער, געהאַלטן פאַר זיין עטישן חוב דאָס פונאַנדערנעמען די פעלערן; ער האָט זיי אויפגעדעקט ווייל ער האָט יידן ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן, דעמאַסקירט, כדי צו דערמוטיקן צו היילן די הויקערס. צוגעבן דאַרף מען, אַז מילד איז ער טאַקע נישט געווען. זיינע ברילן, וואָס ער האָט געטראָגן, זענען קיין ראָזעווע נישט געווען. זיין אויג אַזאַ שאַרפס, אַז ס׳האָט דערזען יעדע פגימה אויפן פאָלקס־אָרגאַניזם, זיין שמייכל שפּאָטיש, זיין וואָרט סאַטיריש־שטראָפעריש. אָפּטמאָל האָט ער געלאָזן אין גאַנג די גוזמאדיקע היפּערבאָליק, באַנוצט זיך אויך מיט גראָטעסק, אָבער דאָס אַלץ איז געווען אַ מיטל אַראָפּצורייסן די פאַלשע מאַסקעס. אַ סברה, אַז ס׳האָט אויך געשטאַמט פון זיינער אַן אינערלעכער קינסטלערישער נטיה און איז געווען אין איינקלאַנג מיט זיין גאַנצן קינסטלערישן מהות. האָט דאָך מענ־דעלע געשריבן אין זיין „ספר הזכרון״: „...ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן לידער, די ערשטע פרוכט פון פען, אַ געהייליקטע צו גאָט, איז צו מיר געקומען דער שטן, דאָס איז דער אָפּשפּעטערישער מלאך, וואָס געוועלטיקט איצט אין מיר אין דער געשטאַלט פון מענדעלע מוכר ספרים, און האָט מיך אָנגערייצט אָפּצושפּעטן פון מענטשן און אַראָפּרייסן די מאַס־קע פון זיי״.

דאָס איז געזאָגט אויף מענדעלעס שטייגער, אין באַצוג צו זיך איז דער

זיידע אויך בייסיק געווען. אָבער דער אמת איז, אַז אונדזער גרויסער שרייבער האָט געפּילט אין זיך אַ רוף, אַ מין שליחות אַראָפּצורייסן די מאַסקע פון צביעות און פאַלשקייט, צו אַנטבלויזן די הויקערס, די געשווירן, אויפצודעקן די עוולות פון אינעווייניק און פון דרויסן לגבי דעם פאָלק, אַזוי ווי מיר זעען דאָס ראשית כל אין „די טאַקסע", אין „די קליאַטשע". און צי זענען זיי טיילווייז נישט אַקטועל נאָך היינט יענע אויסקרימענישן און עוולות, וואָס מענדעלע האָט דעמאַסקירט מיט אַזוי פיל שפּאָט, סאַר־קאַזם און גלייכצייטיק מיט אַחריות? זענען שוין פאַרשווונדן אַלע תקי־פים? דערקענען מיר זיי נישט אין זייערע נייע ראָלן?

„די טאַקסע" און די „קליאַטשע" פאַרנעמען אפשר נישט דעם אויבנאָן אין מענדעלעס שאַפונג. זיינע וויכטיקסטע ווערק זענען מסתמא „דאָס ווינטש־פינגערל", דערנאָך „מסעות בנימין השלישי", „שלמה רב חיימס". און אפשר טאָקע אויך „פישקע דער קרומער". פאַר „פישקען" האָט מען אויסגעגאָסן אויף מענדעלען צוממיינסטן גרימצאָרן. פאַר דער „שוואַרצער פּאַרב", וואָס „אויסער עקל קאָן דאָס גאָרנישט אַרויסרופן".

אמת, דער שיכט שוואַרצע פאַרב איז געדעמפּט, אָבער מען דאַרף נישט האָבן אַזש אַזאַ שאַרף אויג צו דערזען די ליכטיקע פלעקן, וואָס רייסן זיך דאָ און דאָרט דורך. אַרום וויקטאָר הוגאָס קוואַסימאָדאָ, דעם קריפּל מיט דער בריליאַנטענער נשמה האָט דען נישט געשווינבלט און געגריבלט מיט די סאַמע פינצטערע פאַרשוינען? צווישן מענדעלעס אַן אַ שיער שלעפּערס, בעטלערס, קבצנים, אביונים, דלפנים, בטלנים, טעלער־לעק־קערס, בעלי־טובות, רויטע ממזרים — אין דער מענטשלעכער בלאָטע, ליגט דאָך דאָ און דאָרט פאַרשטעקט אַ שטיקל פאַרראַסטעט גאָלד, אַ בריליאַנטל, וואָס מען דאַרף קאָנען אָפּגעפינען. אין אַ פאַרקריפּלטן גוף קאָן דאָך זיין אַ שיינע נשמה, וואָס שיינט נאָך העלער אין קאָנטראַסט צו דער העסלעכער פאַרקריפּלונג.

סערוואַנטעס — דער גייסטיקער פאָטער פון „בנימין השלישי" — גאָגאָל, הוגאָ, זאָלאַ, דיקענס און כמה וכמה אַנדערע פאַרשידנאַרטיקע מייסטער פון דער ליטעראַטור האָבן אונדז באַגייסטערט נישט בלויז מיט זייער קינסטלערישן כוח, מיט זייער הומאַניטאַריזם נאָר אויך — אָפּט־מאָל מער מיט זייער דרייסטקייט און גענויקייט צו ווייזן און דעמאַס־קירן די „דאַנקישאָטישקייט", די צביעות און רשעות, אָפּצודעקן די מענ־

לילי בערגער

טשעלעכע בלאַטע און אויך די פינצטערניש אין וועלכער עס קאָנען אויפֿ־שיינען לויכטנדיקע שטערנדלעך.

דער זיידע מענדעלע איז, ווי באַקאַנט, געווען אונטערן איינפֿלוס פֿון דער הויכער אייראָפּעאישער און וועלט־ליטעראַטור. ער האָט איבערגענו־מען אירע טראַדיציעס, וואָס ער האָט אריף זיין אייגענעם אופֿן איבערגע־שאַפֿן און צוגעפּאַסט צו דער יידישער נאַציאָנאַלער, דעמאָלסטיקער ספּע־ציפֿיק. ער איז געגאַנגען מיטן וועג פֿון די געוואַגטע פֿאָרגייער און מיט־צייטלער זיינע, מיטן וועג פֿון די גרויסע מייסטער אין דער ליטעראַטור. ער האָט געוויזן די פֿינצטערניש מיטן הייסן באַגער אַרויסצושלאָגן פֿון איר ליכט. און האָבן דען נישט אונדזערע אַמאָליקע נביאים מיט גאָר האַרבע, שטראָפֿערישע ווערטער געוועקט דאָס פֿאָלק?

וואַרשע 1966

עטלעכע באַמערקונגען וועגן שלום-עליכמס שפּראַך

צי איז שלום־עליכמס שפּראַך היינט פאַרעלטערט ? ווי נעמען מיר היינט אויף אַזאַ באַרעדעוודיקייט ?

אַזעלכע פראַגן שטעלן זיך היינט נישט נאָר אין באַצוג צו שלום־עליכמען. אומעטום קאָן מען זיך אָנטרעפן מיט אַזאַ שאלה בנוגע די גרויסע ראָמאַנען־שרייבער פון 19־טן און פון אָנהייב אונדזער יאָרהונ־דערט. „פון זיין פעדער האָט געפלאָסן מיט רייד" — האָב איך אין אַ ליטעראַרישן זשורנאַל געלייענט וועגן זאָלאַ. און אַ יידישער קריטיקער האָט מיר נישט לאַנג צוריק געזאָגט, אַז ער וואָלט „אָן שום שאָדן פאַר טאָלסטאָיען אַרויסגענומען פון „מלחמה און שלום" צענדליקער זייטלעך, וואָס צעגיסן זיך איבערן ראָמאַן אומגעוויטיקערהייט".

וועלן מיר לאָזן אין אַ זייט אַזעלכע קריטיקער, וואָס האָבן ליב אי צו רייסן שטיקער פון יענעמס ווערק, אי, דער עיקר, צו זוכן פגימות פון אַ ספּעציעלן מין. זיכער איז אָבער, אַז די שפּראַך פון יענע גרויסע מייסטער פון דער ליטעראַטור זעט היינט אויס אַ צעפלאָסענע. היינט האָט דער לייענער — און נאָך וויניקער דער קריטיקער — קיין צייט נישט זיך אָנוועקצוזעצן איבער גראָבע ראָמאַנען, אָדער איבער די „ראָ־מאַנען־טייכן" (ראָמאַן־פלעוו), וואָס ציען זיך אין מערערע טיילן.

און נישט נאָר קיין צייט האָט נישט דער לייענער. דער היינטצייטי־קער מענטש איז אַ צעטראָגענער, פאַרטומלטער. דאָס מאָדערנע לעבן יאָגט, צעטרייסלט, מאַכט אומגעדולדיק. איידער דער לייענער הייבט אָן לייענען, כאַפּט ער אַ קוק אויפן ציפער, וואָס אויפן לעצטן זייטל. וועגן קריטיקער איז אָפגערעדט, אַ סך פון זיי בלעטערן בלויז דורך די ביכער וועגן וועלכע זיי שרייבן.

דער שרייבער לעבט אוודאי מיטן ריטם און רעש פון דער צייט. דער טעמפּאָ איז אַן אימפּעטיקער, נערוועזער, אומגעדולדיקער. איז נאַטיר־לעך וואָס זעלטן וועט היינט אַ שרייבער זיין אַזוי באַרעדעוודיק, ווי זאָלאַ, זשאָרזש סאַנד, הוגאָ און זייערע מיטציײטלער. אויך דער קלאַנג, דער קאָלאָריט פון דער שפּראַך ענדערט זיך. מיר זעען דאָס כמעט אומעטום ביים יונגן דור נאָכמלחמהדיקע שרייבער. ווען מיר לייענען פאַרשטייער פון דער „נייע כוואַליע", מישעל ביטאָר, אַלען ראָב גריע, נאַטאַלי סאַראָט, וואַרפט זיך קודם אין די אויגן די טרוקנקייט פון דער שפּראַך, די שפּאָר־זאַמקייט פון וואָרט, הגם ס'קאָן זיין שפּאָרזאַמקייט אָן טרוקנקייט.

אינטערעסאַנט וואָלט געווען צו אַנאַליזירן די שפּראַך ביי אַזאַ אָנגעזעענעם שרייבער ווי מאַקס פריש, איבערהויפּט אין זיינע ראָמאַנען „שטילער" און „האָמאָ פאַבער", וואָס האָבן אים בשעתו באַרימט געמאַכט. די שפּאָרזאַמקייט פון דער שפּראַך דערגייט ממש צו פּראָטאָקאָלאַנטישקייט, נאָטיץ־מעסיקייט. אין „האָמאָ פאַבער" זענען די רעלאַציעס ווי נאָטירט טעלעגראַפיש. און מיר דוכט, אַז ס'פילט זיך, ווי ס'איז געבונדן מיטן ריטם, טעמפּאָ און צומאָל מיטן גײַיעג פון הייטנצייטיקן לעבן. ענלעכע ביישפּילן וואָלט מען געקאָנט ברענגען פון געוויסע יונגע היינט־צייטיקע שרייבער פון אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

אָוודאי טאָר מען די זאַך נישט באַגרענעצן בלויז צום נייעם דור שרייבער, אָדער צו אַ הייַנטיקער,מאָדערניסטישער ריכטונג אין דער ליטעראַטור. מ'וואָלט אין דער הינזיכט געקאָנט אָנווייזן אויך אויף פריערדיקע מייסטער סיי פון דער וועלט־ליטעראַטור, סיי פון דער יידישער. ס'איז גענוג צו דערמאָנען פּרצן. און ס'וואָלט אינטערעסאַנט געווען דורכצופירן אַ פּאַראַלעל אין דעם פּרט צווישן פּרצן און שלום־עליכמען.

פּרץ, שלום־עליכם און אַנדערע קלאַסיקער אונדזערע האָבן יעדע־רער אויף זיין אופן באַנוצט זיך מיט דער פאָלקלאָריסטישער שפּראַך: זיי האָבן מיט גאַנצע הויפנס געשעפּט נישט נאָר פון פאָלקלאָר, נאָר אויך פון דער רעדנסאָרטיקער פאָלקס־שפּראַך. און נישט נאָר אונדזערע גרויסע שרייבער זענען זיך אַזוי נוהג געווען. פאַר יעדער קונסט, בפרט פאַר דער שרייבערישער, איז פאָלקלאָר און פאָלקס־שפּראַך אַ מעכטי־קער קוואַל פון וואַנען מען שעפּט. דאָ געפינט מען אומגעהויערע אוצרות פון אויסדרוק־מאַטעריאַל, וואָס איינע האָבן אַריינגעפירט אין רויען

צושטאַנד, מיט האַק און פּאַק, אַנדערע שרייבער האָבן אָפּגעקליבן, אויס־געשליפן וווּנדערבאַרע שפּראַך־פּערל. פון דעם דאָזיקן שפּראַך־פאַרמעגן קלייבט מען אָפּ נישט נאָר ווערטער, זאַצן, ווערטלעך, אידיאָמען, נאָר אויך זאַצבוי, סינטאַקסישע כללים און אפילו ריטם און קלאַנג. די־אָט לעבעדיקע אורקוואַלן גיסן אַריין פריש בלוט אין דער ליטעראַרישער שפּראַך, מאַכן זי פאַרביק, פּלאַסטיש; אָן זיי וואָלט די שפּראַך געווען אַנעמיש.

געווינטלעך איז די לעבעדיקע, רעדנסאַרטיקע פאָלקס־שפּראַך אַ געדיכטע, גוזמאַדיקע. פאַראַן אַ געוויסע קריטעריע ווי אַזוי זי צוצואייגענען: פון דעם געוואַלדיקן שפּראַך־מאַטעריאַל שעפּן אויף אַזאַ אופן, אַז דורך די שפּאַרעוודיקסטע מיטלען זאָל קאָנען אַרויסגעבראַכט ווערן מאַקסימום אויסדרוק; מיט ווייניק שפּראַך־תנועות זאָל דער אויסדרוק זיין מאַקסימום ניואַנס־פּעאיק, בויגעוודיק און בילדעריש. אַזאַ שפּאַרעוודיקייט אין מיטלען און מאַקסימום אין אויסדרוק איז פאַראַן ביי פּרצן.

ווען קאָן אָבער אַ רייד זיין וועגן אַזאַ קריטעריע? ווען די שפּראַך פּילט אויס בלויז איר אייגענע פונקציע. און ס'איז אומעטום אָנגענומען, אַז שפּראַך איז אַן אויסדרוק־מיטל, אַן אינסטרומענט פאַרן שרייבער. אויב דאָס איז אַזוי, לאָזט זיך דער כלל בשום אופן נישט אָנווענדן צו שלום־עליכמען. פאַר אים איז שפּראַך — און ער איז אַ סברה נישט דער איינציקער — נישט נאָר אַן אינסטרומענט, אַן אויסדרוק־מיטל, נאָר אַ סך מער.

וואָלטער האָט געהאַלטן, אַז אויסלערנען זיך פרעמדע שפּראַכן קאָן מען אין געציילטע יאָרן, אָבער די אייגענע שפּראַך מוז מען זיך לערנען דאָס גאַנצע לעבן. פאַרוואָס? ווייל די מוטער־שפּראַך פאַרמאָגט אין זיך אַלע אייגנשאַפטן פונעם מענטש פון דאָזיקן פאָלק, אַלע גייסטיקע אוצרות פונעם פאָלק גופא.

זעלטן פאַר וועמען איז דער־אָט איינשטעל געווען אַזוי גילטיק ווי פאַר שלום־עליכמען. פאַר אים איז די שפּראַך געווען אַ סך הכל פון אייגנשאַפטן פון זיינע פּערסאָנאַזשן. אַ וואָרט ביי אים פאַרמאָגט נישט נאָר אַ תנועה, אַ קנייטש, אַ שמייכל, אַ יידישן קרעכץ, אַ ניגון, נאָר ס'איז פשוט אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

שלום־עליכמס באַרעדעוודיקייט איז נישט סתם באַרעדעוודיקייט.

אין דעם מבול ווערטער ליגט דער מענטשלעכער „שטאָף", די שרייַ־בערישע מאַטעריע. אין לשון גופא פון זייַנע פּאַרשוינען שטעקט זייער גאַנץ וועזן, זייער כאַראַקטער, זייערע תנועות, אַפילו זייערע דאגות און פריידן, זייערע אילוזיעס. אינעם געדיכטן לשון גופא ליגט דער טראַגיזם און קאָמיזם פון יעדן פּאַרשוין. די שפּראַך איז אָרגאַניש צונויפגעפלאָכטן מיט דער געשטאַלט. פון דעם שלל ווערטער ווערט ממש אויסגעפורעמט דער פּערסאָנאַזש מיט אַלע פּיטשעווקעס. אָט זאָל מען נעמען יענטע די קורעלאַפּניטשקע:

„רבי, איך וויל אייך פרעגן אַ שאלה, ווייל איך אייך. איך ווייס נישט צי קענט איר מיך, צי קענט איר מיך נישט. איך בין יענטע, בין איך, יענטע די קורעלאַפּניטשקע. איך האַנדל מיט אייער, האַנדל איך, מיט עופות, מיט גענדז און מיט קאַטשקעס. איך האָב מיר מייַנע שטענ־דיקע קונה'טעס, האָב איך מיר, אַ צוויי דריי־הייזער, האַלטן זיי מיך אונטער, זאָל זיי גאָט געבן געזונט און אַלדאָס גוטס; וואָרים איך זאָל נאָך דאַרפן צאָלן פּריצענט, וואָלט נישט געקלעקט די חלה אויף דער המוציא. כאַפּ איך אַ דרייערל, כאַפּ איך, אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרטן, דאָ גענומען, דאָרט געגעבן, דאָרט געגעבן, דאָ גענומען — מען דרייט זיך, מ'שטיינס געזאָגט! אַוודאי, וואָס זאָלט איר קלערן, ווען מיין מאַן עליו השלום זאָל מיר אַצינד לעבן — טע־טע־טע!... יאָ, אַנטקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט: יונג געשטאָרבן... אַז מיין משה בנציון עליו השלום איז געשטאָרבן, איז ער אַלט געווען סך הכל זעקס און צוואַנציק יאָר. האַ? נאָך אַמאָל: ווי אַזוי זעקס און צוואַנציק? ניינצן איז ער אַלט געווען צו דער חתונה, אַ יאָר אַכט איז פאַראַן ווי ער איז געשטאָרבן, איז אין איינעם ניינצן און אַכט אַפּנים אַזוי גרויס ווי דריי און צוואַנציק. פאַרוואָס זשע איז ביי מיר אויסגע־קומען זעקס און צוואַנציק? ווייל איך האָב פאַרגעסן די זיבן יאָר, וואָס ער האָט געקרענקט..."

אָט איז אַ מוסטער פון אַ געדיכטער באַרעדעוודיקייט. אָבער אין דעם שלל רייד איז יענטע ווי אויסגעגאָסן, דורכזיכטיק. מיר זעען זי דורך און דורך: איר טראַכטן, איר פילן, אירע מחשבות און קענטעניש זענען אַריינגעוועבט אין די ניין מאָס רייד. די רייד זענען דאָ נישט בלויז שלום עליכמס אויסדרוק־מיטל, נאָר אויך די מאַטעריע פון וועל־כער די געשטאַלט איז אויסגעקנאָטן. נעמט אָוועק פון איר די ניין מאָס רייד, איז אויס יענטע קורעלאַפּניטשקע.

דאָס זעלבע ביי אַלע אַנדערע פּאַרשוינען שלום־עליכמס. דאָס רעדן ביי זיי פליסט פון ערגעץ טיף. ס'איז די נטיה פון זייער גאַנץ וועזן. און זיי האָבן אַלע אַ גרויסע באַדערפעניש צו רעדן, אויסצודערציילן, אויב נישט וואָלטן זיי נישט אויסגעהאַלטן. אויס מענטשן וואָלטן זיי געווען אָן די ניין מאָס רייד. איידער אַזאַ פּאַרשוין טוט עפּעס, מוז ער זיך אַנרעדן ווי אַ פויק. אַט נעמט דעם ייד פון „נישטאָ קיין מזל" „...גאָט האָט געהאָלפן אָפּגעפּאָרן טאָג מיט אַ נאַכט, נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, געקומען קיין יעהופּעץ צום גביר, אַרויס מיט דער קראָם, גערעדט, גערעדט, זיך אָנגערעדט ווי אַ פויק, און ווי דער שטייגער איז, אַ מכה נישט קיין געלט".

געוויינלעך דערקענט מען אַ מענטשן לויט זיינע האַנדלונגען, לויט די אינערלעכע אימפּולסן, וואָס שטויסן צו האַנדלען אַזוי אָדער אַנדערש. שלום־עליכמס אַ פּאַרשוין דערקענען מיר קודם לויט זיין לשון. אינעם לשון, אין דער באַרעדעוודיקייט דערגייט מען זיינע געפילן, טראַכטענישן, זיי פּאָרטרעטן די האַנדלונג, די סיטואַציע; אַלץ קאָנצענטרירט זיך אין זיין שפּראַך, וואָרעם אינעם גערעדיכטן רעדן לעבט זיך אויס דער פּאַרשוין מער ווי אין טאַט, מער ווי אין זיינע האַנדלונגען. אַזוי די ווייבערישע פּאַרשוינען און אַזוי די מאַנצבילישע. אַגב איז נישט איין מאָל אָנגעוויזן געוואָרן אויפן ווייבערישן כאַראַקטער פון שלום־עליכמס געשטאַלטן. און דאָס לייגט זיך אויפן שכל, ס'איז נישט אָן היסטאָריש־פּסיכאָלאָגישן אונטערשלאָק. און אויב מיר זאָלן זוכן אַ פּאַרגלייך, וואָלט איך אים גענומען פון דער מעדיצין: פרויען, צום ביישפּיל, קרענקען און שטאַרבן וויניקער פון האַרץ־קראַנקייטן ווי מענער. פאַרוואָס? זיי האָבן דאָך מער דאגות און צרות און מער סיבות זיך צו דענערווירן, זיך אָפּצועסן דאָס האַרץ, ווי מענער. פּאַרטייטשן די רעטעניש היינט געוויסע מעדי־צינער דערמיט וואָס זיי, די פרויען, רעדן זיך לייכטער אַראָפּ פון האַרץ, שטיקן נישט אין זיך ביז צעפּלאַצט צו ווערן; אַראָפּרעדן זיך, איז ווי אַ געשריי טאָן, ווען ס'טוט שטאַרק וויי.

די קאַסרילעווקער און יעהופּעצער מענטשן וואָלטן נישט אויסגעע־האַלטן די אַלע צרות און פּורעניות, ווען זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין ווייבערישן כאַראַקטער מיט ניין מאָס רייד. די רייד, פּונקט ווי די אילוזיע, העלפן זיי בייקומען דעם שווערן יאָך, דעם יידישן גורל.

אין שלום־עליכמס שפּראַך שטעקט דער עצם פון דעמאָלטיקן יידישן מענטש, פונעם יידישן כאַראַקטער. די שפּראַך אַנטהאַלט אין זיך

אויך יידישן גורל. שלום עליכמס פערסאָנאַזשן, ווי באַקאַנט, זענען פּאַ־ראַלגעמיינערטע. זיי טראָגן אין זיך היסטאָרישע גורלדיקייט. אין דעם ספּעציפישן לשון, וואָס איז אויסשליסלעך שלום־עליכמס אייגנטום, האָט דער גרויסער שרייבער געפונען דעם שטאָף אויסצושפּינען דעם יידישן פאָלקס־מהות, דעם פאָלקס־גורל, אַזוי ווי ער קומט צום אויסדרוק אין דער ערשטער ריי אין טביה דעם מילכיקן און מנחם מענדלען. און דער דאָזיקער שטאָף איז אַן אויסערסט רייכער, פילפאַרביקער. מען דאַרף נאָר ווי געהעריק צונויגן דאָס אויער צו דער צעגאָסן־צעפלאָסענער שפּראַך ס'זאָל זיך אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַ וווּנדערבאַר רייכע גאַמע פון וואָרט־קלאַנגען, ניואַנסן, בויגונגען.

שלום־עליכמס לשון פאַרמאָגט אין זיך אַן אומגעהויערע דינאַמיש־קייט, אויסדרוק־מעגלעכקייטן, עס שאַפט סיטואַציעס, שטויסט צו האַנד־לונג. נישט די שלום־עליכמדיקע העלדן זענען אַזוי דינאַמיש, די שפּראַך־דינאַמיק מאַכט זיי דינאַמיש. די רייכע שפּראַך־וויברירונגען באַלעבן זיי, מאַכן זיי אַקטיוו. היינט די בילדערישקייט פון דער שפּראַך, איר פאַרבי־קייט! דאָס בילד פונעם מענטש, זיין כאַראַקטער און אויסזען שפּיגלען זיך אָפּ אין איר פולסירנדיקן און שימערירנדיקן גלאַנץ, אין אירע ניואַנסן, אין איר בויגעוודיקייט. דורך דער שפּראַך דערקענען מיר דאָ דאָס אינטימסטע אינעם מענטש, ווייל זי גופא איז דאָס סאַמע אינטימע און סוביעקטיווע אין שלום־עליכמס שאַפונג. זי איז אַזוי סוביעקטיוו די שפּראַך, ווי עס זענען די פאַרשוינען, וואָס זענען פאַרבאַדן איבערן קאָפּ אין דאגות־פרנסה און כלערליי אַנדערע צרות און נאָר דורך זיי זעען זיי די אויסערלעכע וועלט.

ס'איז נישט קיין צופאַל וואָס שלום־עליכם האָט אַזוי גערן באַ־נוצט זיך מיטן מאָנאָלאָג און בריוו־פאָרם. דאָס איז די סאַמע סוביעקְ־טיווע, רעדנסאַרטיקע פאָרם אין וועלכער עס אַנטפּלעקן זיך די אינטימס־טע, פאַרבאָרגנסטע אייגנשאַפטן. דאָ שטייען טיר און טויער אָפן פאַרן אויסרעדן זיך, דאָ צעשפּרייט אויך די פליגלען די פאַרשטעלונגס־קראַפט, וואָס איז אַזוי אייגנטימלעך פאַר שלום־עליכמס פאַרשוינען.

***

שלום־עליכמס שרייבערישער טאַלאַנט האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף צוויי גרונט־עלעמענטן, וואָס זענען די זיילן פון זיין שאַפונג: די יידישע

וועלט פון קאַסרילעווקע, פון יעהופּעץ און זיין אייגנטימלעכע שפּראַך. ביידע זענען אומצערייסבאַר. ווי גיך דער שרייבער האָט געפּרווווט זיך דערוויטערן פון זיינע צוויי שטחים, האָט זיך דאָס אָפּגערופן אויף זיין שאַפונג. מיר זעען דאָס בעיקר אין זיין ראָמאַן „דער מבול". דאָ האָט זיך שלום־עליכם אַרויסגעלאָזט מיט זיינע פּאַרשוינען אויף דער גרויסער וועלט, געלאָזט זיך שווימען אויף די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע (1905), געזוכט און געפונען נייע העלדן. אָבער אַפילו דער נייער יידי־שער דור, די טאָמאַראָס און סאַשאָס, וואָס דאַרפן פאַרוואַרפן אַ בריק צווישן יעהופּעץ און דער ברייטער וועלט, הערן אויף צו זיין פּולבלוטיקע געשטאַלטן, זיי פּאַרלירן זיך שיער נישט אין דעם טומל פון דער וועלט. ווי זאָגט שלום־עליכם דורכן מויל פונעם רייזנדן אין דער הקדמה צו „כתבים פון אַ קאָמיוואָיאַזשאָר" „...כמעט עלף חדשים אין יאָר בין איך אין וועג. צוממיינסטנס אין באַן, מערסטנטיילס דריטע קלאַס און ווי געוויינלעך איבער יידישע שטעט און שטעטלעך, וואָרעם דאָרט ווו יידן טאָרן נישט וווינען, האָב איך נישט וואָס צו טאָן..." עפּעס ענלעכעס געשעט אָפּט אין די דראַמעס. דאָ האַנדלט זיך שוין נישט נאָר אין דער אַנדערשדיקער סביבה, נאָר טאַקע אין דער ברכה־הצלחהדיקער שפּראַך. דראַמאַטורגיע פּאָדערט קאָנדענסירטקייט, געפּרעסטקייט און שלום־עליכמס שפּראַך־שפע קאָן דאָ נישט שימערירן אַזוי ווי אין די אַנדערע זשאַנערן.

אויב צו שלום־עליכמס בעסטע ווערק געהערן „טביה דער מילכי־קער", „מנחם מענדל", „מאָטל פייסי דעם חזנס" און „פון יאַריד", איז דאָס דערפאַר וואָס דאָ איז דער שרייבער געשטאַנען פעסט מיט ביידע פיס אויף זיינע צוויי גרונט־עלעמענטן. ס'איז אויך נישט קיין צופאַל וואָס די פיר קרוין־ווערק זענען געשריבן מערסטנטיילס אין דער פאָרם פון מאָנאָלאָג. מנחם מענדלס און שיינע שיינדלס בריוו און דאָס אויטאָ־ביאָגראַפישע „פון יאַריד" זענען אויך אַ מין מאָנאָלאָג. דאָ האָט שלום־עליכמס שפּראַך געקאָנט אַ לעב טאָן מיט אימפּעט, מיט טעמפּעראַמענט, דאָ איז די שפּראַך צוזאַמפּסטן געבונדן מיט זיין קינסטלערישן מהות.

אומקערנדיק זיך צו די צוויי גרונט־עלעמענטן איז כדאי, דוכט מיר, צו דערמאָנען נאָכאַמאָל די „כתבים פון אַ קאָמיוואָיאַזשאָר". שלום־עליכמס שאַפונגס־אָרענע איז געווען דאָס שטעטל. פאַרוואָס האָט דער שרייבער צו הילף גענומען די באַן? עס זעט אויס ווי ער וואָלט זיינע פאַרשוינען נאָך געוואָלט אַריינפירן דאָרט, ווו עס רעדט זיך אָמבעסטן,

אַמלייכסטן. און ווו נאָך רעדט זיך אַזוי לייכט, אַזוי פון האַרצן ווי אויף אַ רייזע? הינטערוועגס? פרעמדע מענטשן באַגעגענען זיך — בפרט דאָס זענען קאַסרילעווקער און יעהופּעצער יידן — און רעדן זיך גלייך פונאַנדער. און מען פאַרשפּאַרט זיי צו באַשרייבן, געוווּנג זיי צו הערן רעדן, זייערע סילוועטקעס, זייערע פּנימער קוקן אַרויס פון די רייד.

נייַן, שלום-עליכמס באַרעדעוודיקייט איז נישט סתם באַרעדעוודי־קייט. די שפּראַך זיינע איז אַן עיקרדיקער באַשטאַנד פון זיין אינהאַלט־רייכער שאַפונג און ווי אַזעלכע נעמען מיר זי אויף אויך היינט. דערפאַר פאַרלירן מיר אויך היינט נישט אונדזער געדולד, צוהערנדיק זיך צו די נייַן מאָס רייד פון זיינע פּאַרשוינען.

וואַרשע 1966

„כ׳בין א דיכטער ביי יידן וואָס שרייבט אין העברעאיש...״

(צום דערשיינען פון אברהם שלאָנסקיס באַנד אין יידיש) *

ס׳איז דערגאַנגען צו אונדז אַברהם שלאָנסקיס אַ באַנד דיכטונג אין יידיש. אַ גרויסער בלויז אין דערמיט טיילווייז אויסגעפילט געוואָרן. ביז דאָ נישט לאַנג האָבן יידיש־לייענער נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט שלאָנסקיס דיכטערישער עשירות. בלויז פון צייט צו צייט איז צוגעפאַלן אַ ליד אין איבערזעצונג, וואָס האָט זיך באַוויזן אין אַ פּעריאָדישער שריפט, אָדער אין אַן אַנטאָלאָגיע.

ווי באַקאַנט איז שלאָנסקיס ווערק דערשינען צו זיין 70־טן געבוירן טאָג אין צען בענדער, פינף בענדער אייגענע דיכטונג און פינף — איבערזעצונג פון דער וועלט־ליטעראַטור. דער באַנד אין יידיש איז, ובכן, אַ קליינער טייל פון דיכטערס גרויסן פאַרמעגן. אָבער פון גוטער, עכטער דיכטונג דערפילט מען דעם טעם און מען דערזעט דעם צויבער אַזוי גוט אין איין באַנד ווי אין מערערע בענדער, בפרט אַז דער איבער־זעצער, משה יונגמאַן, האָט געמאַכט אַ געלונגענעם אָפּקלייב. פאַראַן לידער מער וויניק פון אַלע צייטן. לייענט מען דעם באַנד דיכטונג, עפנט זיך פאַר אונדז אַ וועלט אַ ברייטע פון קלאַנגען און קאָלירן, פון עמאָציעס און מחשבות, וואָס קריצן זיך אויף שטענדיק אין אין זכרון. און וועגן די עמאָציעס און מחשבות ווילט זיך ראשית כל עפּעס זאָגן.

מ׳רעדט און מען שרייבט פאַר די לעצטע יאָרן זייער אַ סך וועגן

---

* די אַרבעט איז אָנגעשריבן געוואָרן באַלד נאָך דעם ווי אברהם שלאָנסקי האָט באַזוכט פּאַריז. אין אַ קורצער צייט אַרום איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן זיין פּלוצלונגען טויט. דעם עסיי לאָז איך אַזוי ווי ער איז אָנגעשריבן געוואָרן פאַר שלאָנסקיס לעבן.

אינטעלעקטועלער דיכטונג, ווי מ׳רעדט וועגן אינטעלעקטועלער מאָלעריי פון וועלכער מען וויל אַרויסרייסן דאָס האַרץ. אין דער אמתן איז אָן אומזין צו פּרווון אָפּטיילן עמאָציאָנעלע קונסט פון אינטעלעקטועלער. עכטע קונסט איז שטענדיק אַן עמאַנאַציע פון אַלע אייגנשאַפטן פון מענטש־לעכן גייסט. דער עכטער קינסטלער איז באַווירקט פון דער פּילזייטי־קייט פון זיין נאַטור, פון זיין רייכער פּערזענלעכקייט; אויף זיין שאַפונג רופן זיך אָפּ אַלע סטימולן.

אברהם שלאָנסקי האָט מיר דאָ נישט לאַנג אין פּאַריז געזאָגט, אַז די זאַך איז נישט אַזוי פּשוט, ווי מען שטעלט זיך פאָר. דעצידירן, דעצידירט אין לעצטן סך הכּל דער קאָפּ, דער מוח. זאָל מען דאָס אָננעמען פאַר ריכטיק. איז אָבער דאָס טאַקע דער אונטערשיד צווישן קונסט און וויסנשאַפט, וואָס אויב די וויסנשאַפט איז אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכן שכל, הגם אינטואיציע שפּילט דאָ אפשר אויך אַ ראָל, איז די קונסט אַ פּראָדוקט פון אַ גאַנצן קאָמפּלעקס פון סטימולן, צווישן וועלכע אינטואיציע, עמאָציע, וויזיע פאַרנעמען פאַרט דאָס הויפּט־אָרט. ביי גרויסע דיכטער איז צו באַמערקן אַ געבענטשטער זיווג צווישן עמאָציע און מחשבה. איך פיל דאָס בפירוש ביי שלאָנסקין. עס לאָזט זיך באַמערקן אַ מערקווירדיקער צוזאַמענשמעלץ פון די צוויי עיקרדיקע אייגנשאַפטן פון מענטשלעכן גייסט, וואָס זענען געדאַנק און געפיל. דאָס רעפלעקסיווע, דאָס געדאַנקלעכע איז פאַרשפּינט מיט דער געפילן־וועלט — נישט אָפּצוטיילן. אין מערערע לידער איז דאָס פילאָזאָפישע, אינטעלעקטועלע אויסגעטראָגן פון שטאַרק איבערגעלעבטע געפילן. און דאָס דערפאַר, וואָס שלאָנסקיס דיכטונג גרייכט אין עצם צו יענער טיפ־קייט, ווען מחשבה און עמאָציע זענען אָרגאַניש געבונדן און טרעפן זיך צוזאַמען אויף די זעלבע שטחים.

און די שטחים פון שלאָנסקיס שאַפונג זענען אויסערסט רחבותדיקע, ווייל זיין דיכטונג איז אַ שפּיגל פון אַ גאַנצער תקופה, אַ שטורמישער און ברוויזנדיקער. זי איז היינטצייטיק און אַ המשך פון לאַנגע לי־טעראַרישע תקופות. דער דיכטער האָט איינגעזאַפּט אין זיך דורות־דיקע יידישע גייסטיקייט, ער טראָגט אין זיך גרויסע פאַרמעגנס, אוצרות גאַנצע פון פאַרגאַנגענע דורות, וואָס ער קאָכט איבער אין זיין קינסט־לערישער לאַבאָראַטאָריע צוזאַמען מיטן ברויז פון זיין צייט.

***

ס׳איז מיר באַשערט געווען זיך עטלעכע מאָל צו טרעפן מיט שלאָנס־קין. אונדזער ערשטע באַגעגעניש איז געווען אין 1951 אויף אַן אַלוועלט־לעבן קאָנגרעס. כ׳האָב אים דעמאָלט ווייניק געקענט, ווייניק אים געהאַט געלייענט. אויף מיינער אַ נאַיווער פראַגע צי ער איז בלויז אַ העברעאי־שער דיכטער, האָט ער מיך צוריקגעפרעגט: „וואָס הייסט ביי אייך בלויז? איך בין אַ דיכטער ביי יידן, וואָס שרייבט אין העברעאיש״. כ׳האָב דעמאָלט געמיינט, אַז ס׳איז ביי אים אַ שפּיל פון ווערטער. מיין דעמאָלסטיקער פאַלשער איינדרוק האָט זיך אויסגעוועפּט. און דאָך בין איך צופרידן געווען צו לייענען דאָ נישט לאַנג אין יעקב פאַטס בוך וועגן ישראלדיקע שרייבער, דעם שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט אים אין 1960. אויף אַן ענלעכער מער ווייניק פראַגע האָט דער העב־רעאישער דיכטער אברהם שלאָנסקי געענטפערט יעקב פאַטן בזה הלשון: „מיר האָבן צוויי שפּראַכן, יאָ, זאָל זיין קלאָר איין מאָל פאַר אַלע מאָל, צוויי שפּראַכן האָבן מיר. די ענגלענדער, וואָס האָבן בלויז איין שפּראַך, דאַרפן אונדז מקנא זיין״.

איז וואָס שייך דעם, אַז די ענגלענדער דאַרפן אונדז מקנא זיין, איז דאָס אפשר איינע פון שלאָנסקיס שאַרפזיניקייטן. אָבער אָט באַגרינ־דעט ער ווייטער פאַר פאַטן: „יידישע ליטעראַטור און העברעאישע ליטעראַטור זאָגט איר? מען דאַרף זיי צונויפנעמען, צונויפמישן, מען דאַרף דורכויס קעגנזייטיק איבערזעצן פון העברעאיש אויף יידיש און פון יידיש אויף העברעאיש. מיר דאַרפן זיך קעגנזייטיק לערנען, משפּיע זיין...״

צוליב וואָס דערמאַן איך עס איצט דאָ?

ראשית כל צוליבן באַנד דיכטונג אין יידיש אין וועלכן מיר דער־בליקן די קוואַלן פון וואַנען דער דיכטער שעפּט, און דערשפּירן דעם גייסט, וואָס באַהויכט דעם שעפער. און די קוואַלן און דער גייסט זענען די זעלבע, וואָס ביי די גרויסע וואָרט־מייסטער אין יידיש, טראָץ דעם וואָס שלאָנסקיס דיכטונג האָט זיך אויסגעבריט אונטער די הייסע שטראַלן פון דער ישראלדיקער זון, איז באַפאַרבט מיט אַן אַנדער קאָלאָריט און שפּיגלט אָפּ אַן אנדערע ווירקלעכקייט. שלאָנסקיס דיכטונג, און שלאָנסקי די פערזענלעכקייט באַווייזן אַן איבעריק מאָל, אַז אויב מיר האָבן צוויי לשונות, איז אָבער אונדזער גייסטיקע קולטור, אונדזער ליטעראַטור

איינע. די צוויי לשונות זענען ווי צוויי סטעזשקעס, וואָס פירן צו די זעלבע מקורות, וואָס האָבן געשפייזט און גענערט אין דער פאַרגאַנגענ־הייט און נערן ווייטער די יידישע און העברעאישע שפּעפר. ביידע ליטעראַטורן, טראָץ זייער אַנדערשדיקן שפּראַכלעכן אויסדרוק, ציען זייער יניקה פון דער זעלבער דורותדיקער גייסטיקער ירושה פון יידישן פאָלק, נערן זיך מיט די זאַפטן פון זעלבן היסטאָרישן און גייסטיקן באָדן: פון דער יידישער פאָלקסטימלעכקייט, פון דער הגדה און הלכה און פון אייביקן יידישן חלום און בענקעניש נאָך גאולה, נאָך דערלייזונג. אין דעם וואָרט־מייסטער אין העברעאיש צאַפּלט דער זעלבער אומרו און ווייברירט די זעלבע עמפּינדלעכקייט, ווי ביי דעם וואָרט־מייסטער אין יידיש, ווייל ביידע האָבן זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צו די זעלבע רציחות און צוגעזען, פון דער נאָענט אָדער פון דער ווייט, צום זעלבן אומקום און אויפקום. די בשותפותדיקע שליחות, וואָס אַ ליטעראַטור פון אַזאַ פאָלק ווי דאָס יידישע, טראָגט אויף זיך, אַ שליחות צו העלפן אויפ־האַלטן און צעמענטירן דאָס געיאָגטע און געפּלאָגטע, צעשפּרייטע און צעזייטע פאָלק, שמידט אויס די גייסטיקע איינסקייט פון דער ליטעראַטור.

אַברהם שלאָנסקי איז דורכגעדרונגען מיט דעם־אָט באַוווסטזיין מער ווי אַנדערע און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, ווען עס קומט צורייד דערוועגן, דערמאָנט ער דאָס אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן.

און צוגעבן דאַרף מען דערצו, אַז אויב שלאָנסקי איז אַ באַזונדערע דערשיינונג אין דער העברעאישער דיכטונג, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען, און האָט אויפגעלויכטן ווי אַ מעטעאָר אויפן דיכטערישן הימל, איז ער איינצייטיק אַ באַזונדערע יידישע פּערזענלעכקייט. ער שטעלט פאָר מיט זיך אַ צייט־אָפּשניט פון יידישער געשיכטע, פאַרקערפּערט אין זיך דריי פערטל יאָרהונדערט פון יידישע ווידעראַנאַנדן און ראַנגלענישן, פון שטורעם און דראַנג, האָפענונגען און ביטערע אַנטוישונגען, פון אומקום און ווידערגעבורט. ער איז געווען נישט נאָר אַן עדות, נאָר אויך אַ מיט־באַטייליקטער אין די שטורעמס.

***

אַברהם שלאָנסקי איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט אונדזער צעטרייסלטן יאָרהונדערט. ער איז געקומען אויף דער וועלט אין 1900

אין אוקראַינישן שטעטל קרעמענטשוג. זיין קינדהייט און ערשטע יוגנט האָבן געצייכנט די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. שוין צו פינף יאָר האָט ער פאַרזוכט דעם טעם פון אַ פּאָגראָם אין זיין געבורט־שטאָט פון וואַנען זיינע עלטערן זענען מיטן 5־יאַריקן יינגל אַנטלאָפן און באַזעצט זיך אין יעקאַטערינאָסלאַוו. דער פאָטער אַ משכיל, אַן אַנהענגער פון אחד העם, האָט אין דער גרויסער שטאָט פּרי אָפּגענומען דעם זון פון חדר און געשיקט אין אַ גימנאַזיע. דערנאָך איז ער זיך מישב געווען, אָפּגענומען אים פון דער רוסישער גימנאַזיע און געשיקט קיין ארץ־ישראל אין דער דעמאָלט איינציקער העברעאישער הרצליה־גימנאַזיע, כדי דער זון זאָל אויסוואַקסן אַ גאַנצער ייד, אַן קאָמפּלעקסן. אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז דער יונגער שלאָנסקי זאָל קומען צו די עלטערן אויף זומער־פעריען ערב דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. צוריקפאָרן האָט ער שוין נישט געקאָנט. ער איז ווידער אַנגעקומען אין אַ רוסישער גימ־נאַזיע און זי פאַרענדיקט אַ יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. און ווי ער האָט אַליין איבערגעגעבן זענען די דעמאָלסטיקע געשעענישן, דער עיקר די רוסישע רעוואָלוציע מיט אירע באַגליייט־דערשיינונגען, די פּאָ־גראָמען, אים „גוט אַריין אין געמיט".

אַזוי איז שלאָנסקיס ערשטע יוגנט דורכגעגאַנגען אין אַ צייט פון רעוואָלוציאָנערע יוירונגען, סאָציאַלע שפּאַנונגען און יידישע ראַנגלעניש און זוכעניש. יידישע בחורים און מיידלעך, וואָס זענען ווי שלאָנסקי אויסגעוואַקסן אין רעכטלאָזיקייט, אין שאָטן פון פּאָגראָמען, האָבן אָנגע־פולט דעמאָלט די צאַרישע תפיסות, געגאַנגען אויף סיביר, דערנאָך זיך פלאַם־פייערדיק אָפּגעגעבן דער רעוואָלוציע מיטן טיפן גלויבן און איבער־ציייגונג, אַז זי, די רעוואָלוציע, וועט אויסהיילן אַלע יידישע וווּנדן און אָפּשאַפן אַלע יידישע צרות. זייער מסירת־נפשדיקייט און נאַבלקייט, זייער יידיש־איינגעבוירענער דראַנג צו יושר און גערעכטיקייט איז נאָך מסתמא פון קיינעם נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן. געווען אָבער אויך אַזעלכע — און נישט גרויס איז דעמאָלט געווען זייער צאָל — וועגן וועלכע מ'קאָן היינט זאָגן, אַז זיי זענען געבענטשט געווען מיט אַ ווייטן קוק, זיי האָבן אפשר באַינסטינקט דערפילט דעם באַזונדערן יידישן גורל. אָט שיער־שיער זענען זיי נישט מיטגעריסן געוואָרן מיטן פליייצנדיקן שטראָם און דאָך זיך געהאַלטן אין אַ זייטיקן וועג. זיי זענען אויך געווען ראָמאַנטי־קער און נישט ווייניקער עקשנים. מ'האָט פאַרלאָזט אַ וואַרעמע היים, אַן אוניווערסיטעט, טיילמאָל אַ קאַריערע און געלאָזט זיך דורך געדרייטע,

אומזיכערע וועגן אויף אַן אומזיכער לעבן אין לאַנד פון די אבות צו טרוקענען זומפן, צו בויען שאָסייען, אָפּצורייניקן דעם פּאַרוויסטן באָדן פון די שטיינער און אויפצושטעלן דורך פּיאָנערישער אַרבעט ישובים אויף נייע סאָציאַלע יסודות.

צו דער יוגנט האָט געהערט אַברהם שלאָנסקי. אין 1921 האָט ער זיך אומלעגאַל געלאָזט קיין פּוילן מיט אַ גרופּע חלוצים און דריי פאַלשע פּאַספּאָרטן אין קעשענע — אויב איינער וועט נישט טויגן, וועט אפשר אַן אַנדערער בעסער זיין. די פּאַספּאָרטן האָבן נישט געהאָלפן. מ׳האָט אים צוזאַמען מיט אַנדערע אַרעסטירט, געשלעפּט פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, פון איין תפיסה אין דער אַנדערער און לסוף פּאַרט באַפרייט — געווען נאָך דעמאָלט גוטע צייטן... די אַרעסטן האָבן דעם ראָמאַנטי־קער־אידעאַליסט נישט אָפּגעשראָקן, ער האָט אויפסניי „געשוואַרצט" די גרענעץ און אָנגעקומען קיין פּוילן. אָבער אויב אין רוסלאַנד האָט מען אים אַרעסטירט ווי אַ חלוץ, אַ ציוניסט, האָט מען אים אין פּוילן אַרעס־טירט ווי אַ קאָמוניסט, אַן אַריינגעשיקטן פון קאָמינטערן. ווי האָט דאָס געקאָנט אַנדערש זיין, אַז אַ יידישער בחור, בפרט אַ געקומענער פון רוסלאַנד, זאָל נישט זיין קיין באָלשעוויסטישער אַגענט?

נאָך לאַנגער מי און מאַטערניש, ווען דער יונגער שלאָנסקי איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל, האָט ער קודם כל איינגעשפּאַנט זיינע הענט אין שווערער, פיזישער אַרבעט — געבויט שאָסייען, געהאַקט שטיינער, דערנאָך אין אַ קיבוץ אַ האַלבן טאָג געווען אַ לערער און דעם אַנדערן האַלבן טאָג, וואָס האָט זיך נישט גערעכנט אויף שעהן, געווען אַן ערד־אַרבעטער. לידער האָט ער ווייטער געשריבן, אָבער אין געהיים, קיינער זאָל חס וחלילה נישט וויסן. די קיבוצישע יוגנט איז דעמאָלט געווען אין רעוואָלט קעגן דער אינטעליגענץ, מ׳האָט פּאַרהייליקט די האַרעוואַניע פון די הענט. שלאָנסקי האָט מיר דערציילט, אַז ס׳איז דעמאָלט געווען אַזאַ ווערטל: „ארץ ישראל נויטיקט זיך אין כוח און נישט אין מוח".

דער יונגער דיכטער, וואָס האָט דעם וויסטן לאַנד אָפּגעגעבן זיין כוח, האָט זיך אָבער געגרייט צו געבן אים זיין מוח אויף זיין אייגענעם אופן. אין געהיים כמעט האָט ער אויך דעמאָלט אָנגעשריבן דאָס ליד „קרועים אָנו, בלואים אָנו", אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע זענען מיר, וואָס מ׳האָט איניגיכן געזונגען ווי אַ שלאַגער.

אויב שלאָנסקי איז אָבער די ערשטע יאָרן אין ארץ ישראל געווען אַ דיכטער, אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, איז ער דערנאָך, קומענדיק קיין

תל־אביב, אַריין אין דער העברעאישער דיכטונג ווי אַ שטורעם. זייער יונג איז ער באַאיינפלוסט געווען פון דער גרויסער רוסישער דיכטונג. אונטערן ארץ־ישראלדיקן הימל האָבן זיך די איינפלוסן, די שענסטע מוסטערן פון דער רוסישער פּאָעזיע, וואָס האָבן זיך אַזוי אַריינגעפּאַסט אין זיין ברויזנדיקן, דיכטערישן טעמפּעראַמענט, איבערגעקאָכט אין אַ נייעם קינסטלערישן געשמעלץ.

***

מרדכי יאָפּע שרייבט וועגן אַברהם שלאָנסקין אַזוי: „אין דער קייט פון דער העברעאישער פּאָעזיע, וואָס אירע רינגען האָבן זיך אין דער לעצטער תקופה געמערט, האָט זיך אַריינגעהאַקט אַ רינג, וואָס האָט אַ שלעפּ געטאָן די קייט מיט אַ געקלאַנג. דער וווּנדער איז געווען נישט נאָר אין דעם אימפּעטיקן שלעפּ און אַנדערשדיקן קלונג, נאָר אויך אין דעם באַזונדערן מעטאַל פון רינג".

שלאָנסקי, דער נייער רינג מיטן באַזונדערן „מעטאַל" און „קלונג", האָט געשאַפן אַ נייעם נוסח, אַ מין נייע אַרכיטעקטור אין דער דיכטונג. דער פּערז איז קרעפטיק און עלאַסטיש, די סטראָפעס זענען פריי־צעשפּנ־טע און גלייכצייטיק איז דאָס ליד קאָנדענסירט, די בילדערישקייט גיט אַ בליציקן אימאַזש, דער מעטאַפאָר איז אַזאַ טרעפלעכער, אַז איין שורה, צומאָל אַ וואָרט דריקט אויס אַ געפיל, אַ שטימונג, אַ מחשבה. דאָס וואָרט איז געמאָסטן, שפּאָרזאַם, אָנגעלאָדן און שאַרף ווי אַ דימענט און ווי אַ דימענט נעמט עס אויף אין זיך די ליכטער פון דער צייט, פון פאַרגאַנ־גענע צייטן.

אברהם שלאָנסקי שעפּט פאַר זיין נייעם נוסח, פאַר זיין פּאָעטישן לשון, פון אַלע יידישע מקורות, אָנהייבנדיק פון ספר הספרים ביז די נייעסטע קוואַלן סיי העברעאישע, סיי יידישע.

און פּונקט ווי די פאָרם, אַזוי איז אויך רייך און פילפאַרביק דער אינהאַלט. דאָס ליד דאַרף זיין אַ יידיש, אַ אַלמענטשלעך. מיר שפּירן דעם שטורעם און דראַנג פון דער צייט. ליכט און שאָטן ראַנגלען זיך. שלאָנסקיס דיכטונג איז דער שפּיגל פון אַ לאַנגער תקופה. ער האָט אַליין געהאַט געזאָגט, אַז אַ נייע תקופה הייבט זיך אָן מיט אַ ליד. אַ סברה, אַז קיין שום קונסט אַנטפּלעקט נישט אַזוי באַלדיק דעם אָטעם פון דער נייער צייט, ווי אַ ליד. און שלאָנסקיס דיכטונג אָטעמט מיטן

לילי בערגער

אויפגאַנג פון נייע שפּראַצן, זי אַנטבלויזט דאָס פּנים פון אַלט־נייעם לאַנד מיט זיינע אומעטן און פריידן, מיט דעם צער און שטילער תּפילה, אַ תּפילה צו דער באַשאַפונג, צו דער אַרבעט, וואָס ער באַזינגט. פון ליד קלינגט אַרויס די שירה און קינה פון אונדזער לעבן. און חוץ אַלעמען איז אַ ליד אין תוך אַ תּפילה. אַפילו די נאַטור ביי שלאָנסקין טוט תּפילה —

... און צווייגן־פינגער לאַנגע, דאַרע,
אויסגעשפּרייטע צו דער ווייטקייט דאַוונען...

מיט אַ באַזונדערן שימער שמייכלט אונדז אַנטקעגן דורך שלאָנס־קיס לידער די ישׂראלדיקע לאַנדשאַפט. דער פּייזאַזש אַנטפּלעקט זיך ממש אין קדושה:

מיין לאַנד איז איינגעהילט אין ליכט ווי אין אַ טלית.
ווי תּפילין שטייען הייזער אויפגעשטעלט.
שליאַכן, פון הענט געפּלאַסטערטע, זיך גליטשן ווי רצועות...

און אין אַן אַנדער ליד:

אָט איז מיין לאַנד — אַ ווילדער גוף.
איר הויט ווי פּאַרמעט, פּאַרמעט צו דער תּורה...

דער פּייזאַזש איז אויך געבונדן מיט מיפּולער אַרבעט. מיטן אויפ־גאַנג פון נייער, יידישער שפע:

און דאָרט —
פון יענער זייט די בערג גלבוע,
שטייט אַן אַלטע שטאָט פון מזרח־לאַנד —
אַהין געגאַנגען פאַסטעך נאָך די שעפסן...

און ס'וועט גאָט דער גרויסער פרעגן מיך:
וואָס זעסטו, פאַסטעך, אין דעם אַלץ?
וועל איך אים ענטפערן:

קי שפּאַנען אין אַ ריי אויפן גלבוע
און זייערע אייטערס הוידן זיך ווי ברכה־עמערס צווישן די קני

ווער ער זיך וווּנדערן און פרעגן:
און וואָס איז, פּאַסטעך, טייטש פון אָט דער זעאונג?
וועל איך זאָגן:
מאָרגן,
איבערמאָרגן
וועט פונעם מיסט דעם שעפּסישן
אויפגיין אויף לייב פון באַרג
אַ שפּע זאַנגען...

דער דיכטער איז מיט אַזאַ היימישקייט און ליבשאַפט געבונדן מיט דער ישׂראלדיקער נאַטור, אַז ער דערשיינט ווי אַן אָרגאַנישער טייל אירער:

אַראָפּוואָרפן פון זיך כ'וועל די פאַרשטויבטע שיך
און מיט דער נאַקעטקייט פון די פּיאַטעס
קושן כ'וועל די ערד

וועלן דעמאָלט אָוונט, פרי און מיטאָג
באַלעקן מײַנע טריט
און ווי די שעפער־הינט מיך נאָכגיין
וועט אויך די נאַכט אַרויס,
אויף איר קאָפּ אַ קויש מיט שטערן
באַגלייטן מיך
אין פוסטריט פון די שעפּסן.

שלאָנסקי איז, ווי שוין דערמאָנט, אַ לאַנגע ישׂראלדיקע תּקופה. אין זײַן דיכטונג זענען אָפּגעשפּיגלט די אַמאָליקע ראָמאַנטישע צייטן, ווען די פּיאָנערישע אַרבעט אין פאַרמדבּרטן לאַנד איז געווען געהייליקט דורך אַ גרויסן אידעאַל. אַזאַ דיכטונג איז זייער לייכט געשטרויכלט צו ווערן. דער געניטער קינסטלערישער פילטער האָט אָבער נישט דורכגעלאָזן קיין שום פּאַטעטישע פליטערלעך, קיין פּאָליטישן פּאַטאָס. דעם

שפּיגל פון יענער צייט דערזעען מיר דורך דעם קאָלאָריט, די פאַרבנרייכקייט, דורך דעם קלאַנג און דעם אָטעם, וואָס זענען די פּרווו־שטיינער און דער עצם פון עכטער קונסט. ווייל זי, די קונסט, איז איבער אַלע צייטן.

*****

ווי יעדער עכטער קינסטלער איז שלאַנסקי אַ טרוימער, אָבער אַ ניכטערער טרוימער, אַן עמפּינדלעכער אָבסערוואַטאָר. ער פאַרמאָגט דיסקרעטן הומאָר, אַ סך מענטשלעכע וואַרעמקייט און אַ פילאָזאָפישן קוק אויף יעדע זאַך. דורך זיין דיכטערישער וויזיע, וואָס ער שאַפט, דערזעען מיר אַ קאַלירפולע, טיילמאָל סודותדיקע וועלט, אָבער גלייכצייטיק אַווירקלעכקייט, ווו מיר דערפילן די וויבראַציעס פון ברויזנדיקן לעבן.

פאַראַן ביי שלאַנסקין אַ ליד, וואָס הייסט „אין גנאָד פון בינען". דערוויסן מיר זיך ווי אַזוי ער באַגערט אויסצודיכטן זיין דיכטונג:

ווי די בין
וואָס שאַפט איר האָניק פונעם זאַפט פון גאָרער וועלט,
נישט ווי די שפּין.
וואָס שפּינט איר שפּינוועבס אויס פון אייגן אינגעווייד

...פאַרוואָר
זיי מיך מזכה גאָט מיט גנאָד פון בינען...

גאָט האָט אים מזכה געווען מיטן גנאָד פון בינען. אַזוי ווי זי, די בין, וואָס שאַפט איר האָניק, פליענדיק פון בלום צו בלום און איינזאַמלענדיק די זאַפטן, אַזוי זאַמלט שלאַנסקי איין פון זיין אַרום, פון גאָרער וועלט אָנונגען, זעאונגען, רעפלעקסן, שטימונגען, דערמאָנונגען פון דער אַלטער היים און פאַרזיגלט זיי אין צימצומדיק־געפּאַסטע פערזן, גיסט זיי איבער אין בילדער דורך אַ מאָלעריש־זאָגערישער שפּראַך. און דורך זיין געשליפן וואָרט גרייכט ער שטענדיק צום תוך פון דער זאַך. דערביי קנעטן זיך צוזאַמען סימבאָליק און רעאַליטעט. דורות קייטלען זיך. אַלץ הייבט זיך כסדר אָן, דויערט און שפּילט זיך אַריין אין כישופדיקן שטראָם פון פאַרבן און קלאַנגען. דאָס דיכטערישע קעניגרייך איז רחבותדיק און אינסופיק. לייענען מיר דאָך אין שלאַנסקיס אַ ליד: „די ווענט פון

מיין שטוב זענען נישט קיין אַפּצאַם צווישן מיר און דער וועלט". און אויף אַ וווּנדערלעכן אופן זענען אין זיין ברייטער דיכטערישער וועלט צוזאַמענגעפלאָכטן אימאַזשן פון תנ"ך מיט בילדער פון דער איצטיקייט און אַסאָציאַציעס פון שטייגער-לעבן פון דער אַלטער היים. ווידמענדיק זיין דיכטונג דעם לאַנד פון קדמונים און זיין יונגן בנין, צערטלט ער מיט בענקשאַפט אויס דאָס בילד פון דער אַלטער היים איבער וועלכער עס פלאַטערט די נשמה-יתרה פון זיין טאַטע-מאַמע:

שפּיל מיר קלעזמער אויף אַ ניגון,
אַ ניגון טראַג אַנטקעגן,
פון אַ דערפל אין אוקראַינע,
אין פּאַלטאַווער געגנט...

און אָט איז די שטוב אין רירנדיקן ליד „רמב"ם און באַקונין":

און אין שטוב — יעדע וואַנט ווי אַ פּאַרמעט פון שרעק.
יעדע וואַנט — ווי פון ספר אַ שער-בלאַט.
דער ספר — אונטער די אַשן פאַרדעקט —
ווי פון זיבן זיגלען פאַרשפּאַרט דאָרט.

...אָוונט פאַרהאַלט אין אַלקער זיין שפּאַן.
דעמער-וועגנט אין שטוב מיך פאַרשטומען.
ר' משה בן מימון וואָס מ'רופט אים רמב"ם
קוקט זיך איבער מיטן בילד פון באַקונין...

און אין דעם „ליד צום קינד":

...איר זינגט פון ירקון, איר זינגט פון כנרת
און איר וווּנדערט אַוודאי זיך שטאַרק ווען איר דאַרפט
דאָס וואָרט „דניעפּר-טייך" פון מויל מיינעם הערן,
אַ וואָרט אַזאַ פרעמדס אין יידישן כתב.

פאַר מיר ווי „גלבוע" געווען דאָס וואָרט טייער,
ווי „ברויט", „טאַטע-מאַמע" — פשוט און נאָענט,
ווען געשפּרייזט גרויסער טאָג איבער דניעפּר האָט פריי זיך
זון געפּליעסקעט אין אים ווי אַ פישל פון גאָלד...

**
*

איבער שלאָנסקיס פילפאַרביקן געזאַנג שוועבט דאָ און דאָרט אַ שטילער, צערפּולער אומעט. און ווי קאָן דאָס אַנדערש זיין, ווען מען איז „פון גאָט אַ געיאָגטער״? פאַראַן דאָך, ווי מיר לייענען אין זיינס אַ ליד, „אַ גרויזאַמער זיווג צווישן זיבגען און קלאָגן״, בפרט ווען עס שטיקט „די אבל־טרער פון אַ פאַרשניטן פאָלק״. און הגם פאַר שלאָנס־קין איז כאַראַקטעריסטיש אַ זעלטענע נאָענטקייט מיט גאָט, האָט די אבל־טרער אַזוי אים דערוויטערט, אַז דער דיכטער באַדויערט וואָס ער איז נישט קיין לוי־יצחק צו קאָנען, ווי ער, זיך אויסטענהן:

...און דער טאַטע אין הימל איז וויט, אַזוי וויט...
און איך בין נישט לוי־יצחק וואָס האָט זוכה געווען
צו רעדן האַרבע רייד מיטן טאַטן אין הימל
פנים־אל־פנים.

אָבער כאָטש דער דיכטער איז צייטנווייז „אַ ווייטיק־זינגער״, וועגט פאָרט איבער די פרייד פון לעבן. האָט דאָך גאָט פאָרט אַלץ באַשאַפן פאַרן לעבעדיקן מין. די גאַנצע פּראַכט פון באַשאַף איז פאַר אים און בלויז צוליב אים. אָט ווי הומאָריסטיש־פילאָזאָפיש ער דריקט דאָס אויס אין זיינעם אַ ליד:

...היי, קאָפּערניקוס, דו נאַר!
צי ווייסטו דען נישט גאָר:
אַז צוליב נאַר איין צויג, אַן איינציקער, וואָס הויערט מיט אירע הינטלעך,
דרייען זיך אַלע זונען, שטערן און לבנהס
אַרום דער ערד
און לעקן מיט דער צונג די פּאָלעס פון איר שוואַרצן קלייד...

נישטאָ, לויט שלאָנסקין, קיין גרעסערע קראַפט און מיסטעריע, ווי די פון לעבן. ביי אַלע „טראָפּנס עצבות״, באַנוצנדיק זיך מיט די ווערטער פון דיכטער, ביי אַלע אומעטן, וואָס שוועבן דאָ און דאָרט, שיינט פאָרט די געטלעכע שכינה אויפן מענטש. און שלאָנסקיס געטלעכקייט איז אַן

אין גאַנג פון צייט

אויסערסט מענטשלעכע, היימישע און נאָענטע. האָט דאָך דער דיכטער באַלד ביי זיינע אָנהייבן דערהערט אַ היימיש בת־קול און מיט גאָטס וואָרט איז ער מיט שטורעם אַריין אין טעמפּל פון דיכטונג. אין זיין ליד „התגלות" מיט וועלכן עס הייבט זיך אָן דער באַנד, האָט זיך גאָט אַנט־פּלעקט צו אים, פּונקט ווי ער האָט זיך אַמאָל אַנטפּלעקט צו שמואלן אין שילה:

עמעץ רופט מיך: הער!
מיין נאָמען רופט מען דאָס.
וואָס?
ווער?

...נאָר אָט שרייט שוין וועלט. זי וויטיקט און זי זינגט.
אַ פינגער־בליץ אין רויטן מזרח צו מיר רופט.

— רעד, גאָט, עס הערט דיין קנעכט!

האָט גאָט, זעט אויס, פאַרנומען דעם דיכטערס פאַרלאַנג און אַריינ־בלאָזנדיק אין אים דעם דיכטערישן רוח־הקודש, אויך אַנטפּלעקט פאַר אים אַ וועלט אַ פּראַכט, אַ צויבער־וועלט, ווי אויך מגלה געווען אים דעם סוד, אַז דער גאַנצער באַשאַף איז צוליבן מענטש און פאַרן מענטש:

...אָך, ווי פּראַכט־שיין איז דיין וועלט, רבונו,
און גוט די ליכטער וואָס דו האָסט פאַר מיר באַשאַפן.
פאַר מיר דאָך, נישט?
— אוודאי און אוודאי!

האָט ער אויך מיך גענומען אין זיין שויס
וואָס שפּרייט זיך אויס פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט,
זיך איינגעהערט צום שאָרכן פון מיין בלוט,
ווי צו אַ תפילה.

...און אונדזער גוט און פריש בראשיתדיק געלעכטער
וועט קלינגען איבער אַלע וויטקייטן...

לילי בערגער

די־אָ וויזיע פון אַנטציקונג פאַר דער שיינקייט פון גאָטס באַשאַף און דאָס פאַרהייליקן דעם געבאָט פון לעבן, בינדט זיך אָן אין לאַנגע, דורותדיקע טראַדיציעס פון גייסטיקער, יידישער שעפערישקייט.

***

אברהם שלאָנסקי, דער שטורעמער אין דער דיכטונג, דער וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ נייע פּאָעטישע אַרכיטעקטאָניק, נייע פאָרמען און נייעם אינהאַלט, האָט אויך אָנגעשריבן אַ באַזונדערן ציקל, רירנדיקע לידער אין היימישן, יידישן נוסח — לידער וועגן טאַטע־מאַמע, וואָס טראָגן טאַקע דעם נאָמען „צו טאַטע־מאַמע״. מיר באַגעגענען זיך דאָ ווידער מיט דער אַמאָליקער־אייביקער יידישער מאַמע. דער דיכטער גופא ווי אַ קינד אונטער דער מאַמעס פליגלען, דערשיינט ווי אַ וויסער חברהניק, וואָס האָט אַרומגערודערט מיט באָרוועסע פיסלעך אין דעם זומערדיקן, יידישן שטעטל, כמעט אַזוי ווי מיר זעען זיי די קונדסים ביי שלום־עליכ־מען. די לידער „צו טאַטע־מאַמע״ קלינגען אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע. זיי זענען שטיל־לירישע, עלעגישע, נאָסטאַלגישע, זיי שלאָגן צומאָל אָן אין אַ טאָן פון ווידוי. אָט ווי שלאָנסקי רעדט זיך דורך מיט טאַטע־מאַמע:

כ׳וויס יעדע נאַכט אויף אייערע געלעגערס
טוט איר תפילה פאַר מיין אָרעמער נשמה.
אָ, טאַטע־מאַמע, טייערסטע און ליבסטע,
איך בין נישט ווערט דאָך אייער ליבע און נחמה.

איך בין נישט ווערט דאָך אייער טרייהייט און רחמנות,
די טויערן פון תשובה וועלן נישט פאַר מיר זיין אָפן.
און ווען גאָטס רעגן אויף זיין ערד וועט פאַלן —
נישט אייער זון וועט אויף אים וואַרטן, האָפן.

...אַ וויפל רעגנס זענען שוין געפאַלן —
און כ׳בין די רעגנס נישט געוועזן אויסן,

אין גאַנג פון צייט

אָ, איך בין מיד שוין, מאַמעלע...
אוי, טאַטע־מאַמעלע, כ׳בין גרויס שוין... *

ובכן, לידער פון אַן אַנדער טאָן, פון אַן אַנדער קאָלאָריט און קלאַנג. דאָס זענען לידער פון השתפכות־הנפש אויפן עכט יידיש־טראַדיציאָנעלן אופן. און אויך דאָס איז אַ רינגעלע אין דער דורותדיקער קייט פון יידישער שעפערישקייט.

פאַריז, אַפּריל 1973.

---

* אין דער איבערזעצונג פון מרדכי יאָפע.

III

דער לייענער, דער שרייבער, דער קריטיקער

— וועגן זעלבן בוך שרייבט איינער אַזוי, אַ צווייטער דאָס פּאַרקערטע, אַ דריטער געפינט גאָר עפּעס אַנדערש אויס. וועלכן פון זיי דאַרף מען גלייבן? ווו איז די קריטעריע? וואָס פאַרא ווערט האָט אַ קריטיק, וואָס האָט נישט קיין פעסטע, אָדער עפּעס אַן איינהייטלעכע שטעלונג? לויט וואָס שאַצט אָפּ דער אַזוי און יענער אַנדערש?

די־אָט טענות פון מיינעם אַ פריינד זענען מיר אויפסניי געקומען אויפן זינען איצט, ווען כ׳האָב געלייענט דעם דיקן באַנד עסייען אונטערן געמיינזאַמען טיטל „די פּערספּעקטיוון פון דער ליטעראַטור אין 20־טן יאָרהונדערט״ פון סטעפאַן זשולקעווסקי, וואָס איז דערשינען אין 1960.

פּראָפעסאָר סטעפאַן זשולקעווסקי איז אַ גרויסער בקי אין ליטעראַטור־ענינים, אַ קריטיקער־ערודיט, דערצו אַליידנשאַפטלעכער פּאָלעמיסט. אין זיינע עסייען וואָס זענען גלייכצייטיק אָפּרעכענונגען מיט שרייבער און דער עיקר מיט קריטיקער, באַרירט ער אָן אַ שיער פּראָבלעמען פון דער ליטעראַטור און קולטור־אַנטוויקלונג בכלל. וועלן מיר זיך איצט נישט אָפּשטעלן אויף די אַלע פּראָבלעמען, אויף דער פּאָלעמיק, וואָס פירט זיך אין די היגע ליטעראַרישע קרייזן. עס גייט נישט אין קיין רעצענזיע פון בוך. מיך אינטערעסירט איצט הויפּטזאַכלעך די קריטיק קעגן וועלכער די טענות פון מיין פריינד פאַלן זיך מערקווירדיק צוזאַמען מיט דער טענה מצד אַ מענטש, וואָס זיין טעגלעך ברויט איז ליטעראַטור. אגב דאַרף מען צוגעבן, אַז פּראָפעסאָר זשולקעווסקי געהערט דווקא צו דער עליטע פּוילישע אינטעלעקטואַלן, וואָס אַ יעדער ווינט בויגט זיי נישט אין קיין אַנדער ריכטונג. זעט אָבער אויס, אַז דאָס באַנעמען קריטיק איז נישט אָפּהענגיק בלויז פון צייטלעך בלאָזנדיקע ווינטן.

פאַראַן אַ ספּעציעלער מין קריטיק: די קריטיק איבער דער קריטיק.

זי איז, אַ סברה, די שאַרפסטע, די שטרענגסטע, פול מיט פאַרדרוס, מיט ביטערע טענות. קודם מצד די שרייבער. און דאָס איז נישט נאָר שייך ליטעראַטור־קריטיקער. מיט וויפל פאַראַכטונג און פאַרביטערונג דערמאָנט, למשל, די קריטיקער אין זיינע זכרונות דער באַקאַנטער פוילישער מאָלער, וואָס האָט זיין שפּעריש לעבן פאַרבראַכט אין פראַנקרייך, טאַדעאוש מאַקאָווסקי!

דאָס איז נישט קיין דערשיינונג פון נעכטן און היינט. די אַנטאַגאָניזמען צווישן שרייבער, קינסטלער און קריטיקער זענען אַזוי אַלט ווי אַלט ס׳איז די ליטעראַטור, די קונסט. כ׳האָב ערגעץ געהאַט געלייענט, אַז די קריטיק האָט שוין געהאַט געוויזן „אירע וועלפישע ציין" דעם אַלטן האָמער. מ׳האָט מיר דערציילט, אַז שמעון האָראָנטשיק ז״ל האָט נאָך אַ רעצענזיע פון זיינעם אַ בוך אויסגעטרונקען אַ פלעשעלע יאָדין. ער זאָל עס אָבער האָבן געטאָן אין געגנוואַרט פון זיינע קאָלעגן אין דער רעדאַקציע פון די „ליטעראַרישע בלעטער" און מ׳האָט אים געקאָנט אָפּראַטעווען. נישט אַלע שרייבער זענען אַזוי אַלערגיש אויף אַ שלעכטער רעצענזיע ווי שמעון האָראָנטשיק, אַז ס׳זאָל זיי אַזש שטויסן צו זעלבסטמאָרד, אָבער עמפּינדלעך זענען זיי יאָ. ס׳זענען באַקאַנט פאַלן, ווען נאָענטע פריינד, שרייבער און קריטיקער, זענען זיך געוואָרן דם־שונאים. סעזאַן און זאָלאַ זענען געווען שול־חברים און דערנאָך נאָענטע פריינד. עמיל זאָלאַ, ווען ער איז געווען זשורנאַליסט און קונסט־קריטיקער, איז געווען אויסגעבונדן מיט די דעמאָלסטיקע יונגע מאָלערס, די אימפּרעסיאָניסטן, און צוממיינסטן מיט זיין פריינד סעזאַן. זאָלאַן איז אָבער שפּעטער נישט געפעלן געוואָרן סעזאַנס נייער וועג אין זיין מאָלעריי — ער האָט זיך נישט וויניק טועה געווען — און האָט דאָס נישט אויסבאַהאַלטן. דערצו האָט זיך סעזאַן דערקענט אין זאָלאַס צוויי־באַנדיקן ראָמאַן „דאָס ווערק", אָבער ער זאָל האָבן חושד געווען, אַז דאָס האָט אים דער שרייבער גענומען אַלס מאָדעל פאַר זיין אומגליקלעכן העלד, דעם מאָלער, וואָס פאַרפּלאָנטערט זיך אַזוי אין זיינע זוכענישן, אַז נישט קענענדיק בשום אופן פאַרענדיקן דאָס בילד, באַגייט ער זעלבסטמאָרד. סעזאַן האָט אויף שטענדיק איבערגעריסן מיט זיין נאָענטסטן פריינד.

כ׳האָב אין פּאַריז אַ גוטן באַקאַנטן, אַ דאָקטער־פּסיכיאַטער, וועלכער האָט אַ פּרינציפּ און האַלט זיך ביי אים שטרענג, אַז קיין נאָענטע

באַקאַנטע און דער עיקר פריינד, היילט ער נישט. אַזאַ פּרינציפּ וואָלטן אפשר געדאַרפט אָננעמען קריטיקער. ס׳וואָלט בעסער געווען אין דער ערשטער ריי פאַר דער קריטיק גופא...

פאַראַן אויך טענות מצד לייענער, ווי מיר האָבן דאָס אויבן געזען. אָפּטמאָל זענען זיי די צוממיינסטן גערעכטע. ס׳איז אָבער שווער צו גלייבן, אַז דער לייענער פאָדערט מ׳זאָל אים ווי אַ קינד פירן פאַרן הענטעלע, צעקייען די שפּייז און אים זי אַריינלייגן אין מויל. דער לייענער פאַרלאַנגט, דוכט זיך מיר, מ׳זאָל אים אמתדיק, אויפריכטיק אינ־פאָרמירן. אמתדיקע אינפאָרמאַציע קאָן אויך פאַרשידן זיין באַפאַרבט. דער קריטיקער איז דאָך נישט קיין טרוקענער אינפאָרמאַטאָר, אָבער דאָך איז זי דער וועג פון בוך צום לייענער.

מ׳זאָגט, אַז מ׳דאַרף העלפן דעם לייענער פאַרשטיין. וואָס באַדייט דאָס? צו מיינט דאָס נישט לענקען דעם לייענער צו קוקן אין אַ באַשטימ־טער ריכטונג, איבערהויפּט אין באַשטימטע באַדינגונגען? צי איז דען נישט ריכטיקער און נוצלעכער פאַרן לייענער זיך צו טיילן מיט איינ־דרוקן איבערן געלייענטן ווערק און אים לאָזן אָפּשאַצן, משפּטן מיט זיין אייגענעם שכל? ס׳וואָלט כדאי געווען זיך לענגער אָפּצושטעלן אויף די פאָדערונגען פון לייענער, אָבער דאָס דערמאָנען מיר בלויז פאַר־בייגייענדיק.

די שווערסטע טענות און פאָדערונגען קומען אין די היגע באַ־דינגונגען מצד פאַרשידענע טעאָרעטיקער, גייסטיקע מעצענאַטן און משגי־חים איבערן קינסטלערישן שאַפן. טיילמאָל זעט עס אַזוי אויס, ווי דער קריטיקער וואָלט דעם שרייבער, דעם קינסטלער געדאַרפט צושטעלן עפּעס אַ רעצעפּט, אַ פאַרשריפט לויט וועלכער דער שרייבער דאַרף אָנשרייבן אַ בוך און דער מאָלער מאָלן אַ בילד. צום גליק האָלט שוין היינט קיינער נישט, אַז מען קאָן דעם שרייבער צושטעלן אַ סכעמע לויט וועלכער ער זאָל אָנשרייבן אַ ווערק. מען גלייבט אָבער, אַז די קריטיק דאַרף זיין אַ גאָר פּרעציזע, כמעט מאַטעמאַטיש־אויסגערעכנטע, אַז אַן אָפּשאַצונג דאַרף זיין אַ „סאָלידע״ אויף וועלכער מ׳זאָל קאָנען בויען אַ בריק.

מ׳וואָלט געקאָנט דערויף ענטפערן: אין חדש תחת השמש. קיין נייעס איז דאָס נישט אַפילו אין אונדזערע נייע צייטן. ס׳איז אַן אַלטע שטעלונג, וואָס האָט שוין געהאַט געשאַפן פיל מיספאַרשטייענישן, אָבער ווייניק גוטס געבראַכט. מ׳האָט אָפט אידענטיפיצירט דעם ליטעראַטור־

פּאַרשער, ליטעראַטור־היסטאָריקער מיטן קריטיקער — געבענטשט איז דער, וואָס קאָן דאָס זיין אַלץ צוזאַמען. און צום ערגסטן וואָס מ'וואָלט אים, דעם קריטיקער, געוואָלט זען ווי אַ געזעץ־געבער.

וואָס איז ער, אַלזאָ, דער קריטיקער? די קריטיק?

קריטיק איז קודם כל שאַפונג, יעדנפאַלס דאַרף זי אַזעלכע זיין. און ווי יעדע שאַפונג מוז זי אַנטהאַלטן אין זיך סוביעקטיווע עלעמענטן. יעדע אמתע שאַפונג, צי זאָל דאָס זיין אַ קונסט־בילד, צי אַ בוך, איז ווי אַ זויבערער, דורכזיכטיקער וואַסער־קוואַל. יעדערער, וואָס קוקט דאָרט אַריין, דערזעט ראשית כל זיין אייגן פּנים. אַ קריטיקער, וואָס באַטראַכט אַ ווערק — איבעריקנס אַזוי אויך אַ לייענער — ווי טיף ער זאָל זיך נישט איבערטראָגן אין תמצית פון דאָזיקן ווערק, קאָן ער זיך נישט אויסטאָן פון זיך גופא; ווי ער זאָל זיך נישט אַנטציקן מיטן לויטערן וואַסער־קוואַל אין וועלכן ער וועט דערזען דעם בלוי פון הימל און דעם קאָליר פון דעם באָדן, וועט ער אויך צווישן די אָפּגעשפּיגלטע פאַרבן דערזען זיין אייגן געזיכט. אויף אַזאַ אופן גענוסט און שאַפט דער קריטיקער אין דער זעלבער צייט.

פאַראַן מענטשן, וואָס מאַכן זיך אַ פאַרשטעלונג וועגן קריטיקער, ווי ער וואָלט געווען אָדער געקאָנט זיין אַ באַראָמעטער, וואָס מעסט גענוי די טעמפּעראַטור, ווייניקסטנס אַ בעל־חשבון, וואָס קען און דאַרף באַרעכנט ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר. וואָלט אַזוי געווען, געקאָנט זיין, וואָלטן דאָך נישט געמאַכט געוואָרן אַזוי פיל טעותן. פאַר טאָלסטאָיען איז שעקספּיר געווען שונד. פראַנקרייכס גרעסטער קריטיקער פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, דער גרויסער ליטעראַטור־קענער סענט־בעוו האָט נישט דערשאַצט באַלזאַקן, סטאַנדאַלן. אברהם מאָרעווסקי דערציילט אין זיינע זכרונות וואָס אַנ־סקי האָט איבערגעלעבט, ווען ער האָט געלייענט אין ווילנע, אין ליטעראַטן־פאַראיין, פאַר ספּעצן צום ערשטן מאָל זיין „דער דיבוק". די ספּעצן זענען געווען נישט אַבי ווער: קאַצענעלסאָן, ווייטער, ניגער און מאָרעווסקי. מיר וועלן דאָ נישט ציטירן וואָס ס'האָבן דעמאָלט געזאָגט אַלע אַנוועזנדיקע, נאָר ווי ס'האָט אָפּגעשאַצט אַנ־סקיס ווערק אַ גרויסער ליטעראַטור־קענער און קריטיקער. אָט וואָס אברהם מאָרעווסקי שרייבט: „ניגער האָט לאַנג און נישט פאַרשטענדלעך פאַר מיין אָמעראַצישן מוח גערעדט וועגן די ציטאַטן פון אַלטע ספרים, וועלכע

מאַכן דאָס ווערק פאַר אַ זאַמלונג פון פאָלקלאָר, אָבער ווישן אָפּ יעדן סימן פון ליטעראַרישן אויפטו. אויב ווען ליטעראַטור קאָן דאָ בכלל די פראַגע געשטעלט ווערן. עס איז אפשר יאָ מעגלעך צו באַהאַנדלען דאָס שטיק, אויפנעמענדיק עס טעאַטראַליש — האָט ניגער צוגעגעבן מיט אַ נישט באַהאַלטענער כוונה צו פאַרענדיקן מיט אַ „העפּי־ענד" זיין שווערע אַרויסזאָגונג..."

אברהם מאָרעווסקי גופא, דער גרויסער אַקטיאָר, האָט דעמאָלט נישט אויסגעפונען קיין שום טעאַטער־ווערטן אין מאַנוסקריפּט. מיט זיין גאַנצער אַכטונג און ליבשאַפט צו אַנ־סקין האָט ער אים געזאָגט: „...וואָס צו שפּילן — נישט געפונען". ער האָט דעמאָלט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ צוגעגעבן: „איך פיל, אַז דאָ זענען באַהאַלטן אוצרות, וועלכע מיר שאַצן נישט אָפּ, איך פיל מאַטיוון, וועלכע קאָנען זיך צעקלינגען איבער שטחים און דורות. אָבער נישט דורך סצענישע מייסטערזינגער וועלן זיי צו דער וועלט קומען אָט די אוצרות און מאַטיוון".

נו, וויסן מיר, אַז די אוצרות אַנ־סקיס האָבן דווקא דורך דער סצע־נע, דורך סצענישע מייסטערזינגער זיך צעקלונגען איבער שטחים און דורות און נישט נאָר ביי יידן. און פאַר מאָרעווסקין גופא איז „דער דיבוק" געוואָרן דער עיקר פון זיין סצענישער קונסט, ווי ער זאָגט דאָס אַליין. דער מיראָפּאָלער צדיק איז געוואָרן זיין באַליבטסטע ראָל.

ענלעכע טעותן קאָן מען אויסרעכענען אַן אַ שיער און געמאַכט זענען זיי געוואָרן דורך מענטשן פון פאַרשידענע איינשטעלונגען און קאָנצעפּציעס, סיי דורך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַרלאָזט אויף זייערע אייגענע איינדרוקן און אָפּגעשאַצט לויט זייער שטימונג און באַלדיקער שפּירונג, סיי דורך אַזעלכע, וואָס האָבן קאַלט באַטראַכט, באַנוצט זיך מיט אַ ווייסנשאַפטלעכן מעטאָד, געמאָסטן מיט אַ ספּעציעלער מאָס, לויט אַ באַשטימטער שיטה. און פאַראַן דאָך אין דער קריטיק פון שטענדיק אַן פאַרשידענע שיטות, ריכטונגען און קאָנצעפּציעס.

***

אין דער קריטיק — ס'מיינט אין דער ערנסטער, שעפערישער — האָבן זיך אַלע מאָל געלאָזט מערקן צוויי כמעט קעגנזעצלעכע הויפּט־ריכ־טונגען, וועלכע זענען אין זייערע עקסטרעמע פאָרמען געקומען צום

אויסדרוק אין דער אַקאַדעמיש־דאָקטרינערער און אימפּרעסיאָניסטישער אויפפאַסונג. צום בעסטן לאָזט זיך דאָס, דוכט זיך מיר, אילוסטרירן מיט צוויי באַרימטע פראַנצויזישע קריטיקער פון דער צווייטער העלפט פאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט: מיטן דערמאָנטן שוין סענט־בעוו און היפּאָליט טען.

טען, ווי באַקאַנט, איז געווען אַ היסטאָריקער, פילאָזאָף, קריטיקער און אויך אַ קונסט־טעאָרעטיקער. לויט אים זענען פאַראַן באַשטימטע געזעצן אין דער געשיכטע און מ׳קאָן פאַראַלגעמיינערן געשיכטלעכע דער־שיינונגען, ווי דערשיינונגען אין דער נאַטור. וואָס שייך קונסט, דאַרף איר באַזע זיין די נאַטור, אָפּשפּיגלען און מאָדעלירן זי. ווי אַזוי אָבער אָפּשאַצן אַ קונסט־ווערק? לויט אַ באַשטימטער מעטאָדע, לויט אַ וויסנ־שאַפטלעכער טעאָריע, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף ראַסע, וואָס מיינט אין דעם פאַל אָפּשטאַם — סביבה און צייט. דאָס באַדייט, אַז אויפן שאַפן פון יעטוועדן קינסטלער ווירקן די איינגעבוירענע ירושהדיקע אייגנ־שאַפטן, די באַדינגונגען פון דער סביבה און די איינפלוסן פון דורות־דיקע שאַפונגען.

נו, גוט, אָבער ווי אַזוי פאַרט זיך פונאַנדערקלייבן אין אַ קונסט־ווערק? דאָ הייבט זיך אָן דאָס צוממיינסטן קאָמפּליצירטע. טען האָט געהאַלטן, אַז מ׳קאָן און מ׳דאַרף אויסגעפינען אָדער אויסטיילן באַשטימ־טע סטימולן, פאַקטאָרן דורך וועלכע מ׳קאָן אויפקלערן דאָס ווערק, במילא עס אָפּשאַצן. דאָס דערפירט דערצו, אַז מען אָפּערירט מיט סטימולן, כאַראַקטער־שטריכן פון אַ מענטש, צייט־ווירקונגען ווי מיט אייזערנע גע־זעצן. אַפילו אויפן סמך פון איין איינציקן אויסגעפאָרשטן הויפּט־שטריך אינעם מענטש־שעפער, אַ הויפּט־שטריך, „...וואָס שטויסט אונדזער מעכאַ־ניזם צו אַ באַשטימטער, בויטיקער באַוועגונג", ווי זאָל מען אָננעמען, ביי שעקספּירן זיין בונטע פאַנטאַזיע אָדער ביי וויקטאָר הוגאָ זיין ליידנ־שאַפטלעכער דראַנג צו גערעכטיקייט, קאָן מען אויפקלערן און דער־קענען די ווערט פונעם ווערק. דערגרונטעוועט זיך דער קריטיקער צו די הויפּט־אייגנשאַפטן פונעם שעפער, קאָן ער בולט דערזען זיין אַנטוויק־לונג ווי אַ פלאַנץ און די פּרוכט, וואָס די פלאַנץ ברענגט.

אָן ספק איז ביי טענען פאַראַן אַ סך ריכטיקע איינשטעלונגען, ווי דאָס נעמען אין באַטראַכט די ירושהדיקע אייגנשאַפטן פון שעפער, די ווירקונג פון דער סביבה, פון דער קולטור־ירושה, אָדער גאָר דאָס זוכן

די באַזונדערע שטריכן פון יעדן קינסטלער. דער קריטיקער־פילאָזאָף האָט אָבער זיינע איינשטעלונגען פאַרוואַנדלט אין כמעט מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען, אַריינגעפּאַסט זיי אין ענגע ראַמען פון אַ מעטאָד, אין ראַמען פון אַ דאָקטרין אין וועלכע נישט דער קינסטלער וואָלט געקאָנט פריי עטעמען, נישט דער קריטיקער קאָן זיך פריי באַוועגן. ס׳איז באַקאַנט, אַז טען איז געווען אַ נאַטוראַליסט, אייגנטלעך דער אורפאָטער פון נאַטורליזם. איז דער מענטש אין זיין אַנטוויקלונג ביי אים ווי אַ פלאַנץ. אַ מענטשלעך וועזן און אוודאי שוין אַ שעפערישער מענטש איז אָבער זייער אַ קאָמפּליצירט באַשעפעניש. איז כאָטש טען האָט אַזוי פיל אין באַטראַכט גענומען די גייסטיקע אייגנשאַפטן, האָט ער אין דער אמתן נעגירט דעם שעפערס אינערלעכע וועלט מיט אירע זיגזאַגן און קאַנוולסיעס. דער קריטיקער, וואָס שאַצט אָפּ די שאַפונג לויט טענס פילאָזאָפיש־טעאָרעטישן באַנעם מוז זיך באַנוצן מיט איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסטגעשטעלטע פאַקטאָרן, מיט ריגאָריסטישע פאָרמולן.

נישט שווער זיך צו כאַפּן, אַז דאָס פירט צו קאַנאָניזירונג, דאָגמאַטיזירונג, אַז דאָס האַקט אונטער ביים קריטיקער די פליגל פון ווייטערן, זעלבסטשטענדיקן זוכן און אין לעצטן סך הכל דערפירט עס צו פאַרגליווערונג.

אַזעלכע קאָנען זיין די פאָלגן נישט בלויז פון טענס טעאָריע וועגן ליטעראַטור־קריטיק. טען איז כאָטש געווען אַ באַדייטנדיקער געלערנטער, געלאָזן וויכטיקע ווערק, ווי „די פילאָזאָפיע פון קונסט”, „דער אורשפרונג פון היינטיקן פראַנקרייך” און אַנדערע. אין אונדזערע צייטן האָבן מיר קיין טענס נישט געהאַט, אָבער פאַרשידענע דאָקטרינערישע טעאָריעס יאָ. און יעדעס מאָל, ווען מ׳האָט ערגעץ וו געפּרוווט אַריינפּאַסן די קריטיק און די שאַפונג בכלל אין ראַמען פון כללים, אַדער געוויסע געזעצן, האָט דאָס געמעגט זיין אין גאָר אַנדערע באַדינגונגען און צוליב די בעסטע כוונות, האָבן זיך באַקומען ענלעכע סיטואַציעס, אויב נישט ערגערע; ערגערע, ווייל אין טענס צייטן האָט מען פאָרט נישט געמוזט אָנווענדן זיין טעאָריע...

דער קריטיקער, וואָס גייט צו צו אַ שעפער, צו אַ ווערק מיט אַ פון פאָרויס צוגעגרייטער טעאָריע, הייבט אָן שטופּנווייז צו באַטראַכטן דעם שעפערישן מענטש — ווי דעם מענטש בכלל — נישט נאָר ווי

אַ פלאַנץ, נאָר ווי אַ מעכאַניזם. דער פסיכאָלאָגישער אמת הערט אויף צו שפּילן אַ ראָל. פאַראַן אַ באַשטימטער מעטאָד, אַ גרייטע מאָס און מען מעסט אַ בוך, אַ בילד, ווי מען מעסט מיט א באַראָמעטער די טעמ־פּעראַטור: קאַלט אָדער וואַרעם. זאָל מען אָנגעמען, אַז ס'קאָן זיין אויך צווישן, אַ מעסיק וועטער. אָבער פון דעם איז שוין נישט ווייט צו זאָגן שוואַרץ אָדער ווייס. און אויב שוואַרץ דאַרף מען אָפּוואַרפן. איבעריק צו דערציילן ווי אַזוי עס זעט דעמאָלט אויס.

אין דער זעלבער צייט, ווען ס'האָט געלעבט און געשאַפן טען איז זיין עלטערער קאָלעגע, דער פראַנצויזישער ליטעראַטור־היסטאָריקער און קריטיקער ניזאַר, מעסטנדיק מיט אַ דאָגמאַטישער מאָס, דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנערקענט אַלס שעפערישן פּראָדוקט פון „פּראָב־צויזישן זשעני" בלויז די קלאַסישע ליטעראַטור צווישן 1660־80. אין זיין געשיכטע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור מאַכט ער אַוועק מיט דער האַנט נישט נאָר די ליטעראַרישע שאַפונגען פון מיטלאַלטער, נאָר אויך דעם ראָמאַנטיזם און דעם קריטישן רעאַליזם. ווי געזאָגט שוין, אין חדש תחת השמש.

אַ שאָד וואָס זשולקעווסקי ברענגט נישט די און ענלעכע פאַקטן פון דער ליטעראַטור־געשיכטע, ווען ער מאַכט אין זיין דיקן באַנד אַזאַ ברייטן שפּאַציר איבער לענדער און צייטן. סענט־בעוון דערמאָנט ער מיט איין זאַץ און באַצייכנט אים אַלס „באַנאַליזירטן" און אויסגעלייזדיקטן פון היסטאָרישן וויסן, וועלכער זאָל דינען אונדזערע היימישע קריטי־קער־אימפּרעסיאָניסטן ווי „אַ פּאַטראָן".

געוויינטלעך שטעלט מען פאַר אַן אימפּרעסיאָניסטישן קריטיקער פאַר אַזעלכן, וואָס שטיצט זיך בלויז אויף זיינע פּערזענלעכע איינדרוקן און אורטיילט לויט זיין שטימונג. ער ברענגט אַרויס בלויז די אימפּרעסיעס, וואָס דאָס ווערק רופט ביי אים אַרויס אוממיטלבאַר.

סענט־בעוו איז אָפּנים אַזעלכער נישט געווען, הגם ער איז געווען אַ פולשטענדיקער קעגנזאַץ פון אַ קריטיקער דאָקטרינער. ער איז גע־ווען אַן אמתער אַרטיסט, אַ דיכטער, אַ פּראָזאַיקער, אָבער קודם כל אַ מוסטערהאַפטער קריטיקער, וועלכער האָט זיך ווייט נישט געריכטעט בלויז מיט זיינע אויבנאויפיקע איינדרוקן. ער האָט געשאַפן אין דער קריטיק אַ באַגייטע, קאָן מען זאָגן, ריכטונג.

אין דער אמתן איז סענט־בעוו אַרויסגעגאַנגען פון כמעט דעם זעלבן היסטאָריש־מעטאָדישן שטאַנדפונקט, ווי היפּאָליט טען. ער האָט געהאַלטן, אַז כדי צו באַנעמען אַ ווערק דאַרף מען אין באַטראַכט נעמען „דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון דער ליטעראַטור אין מאָמענט, ווען דער שרייבער האָט דעביוטירט, די אַלגעמיינע דערציאונג, וואָס דער מחבר האָט באַקומען און זיין אייגענעם טאַלאַנט מיט וועלכן די נאַטור האָט אים באַשאָנקען...״ ער האָט זיך אָבער אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז די קריטיק „ריזיקירט צו ווערן אונטער אונדזער פעדער אַ לייכטע אַנאַטאָמישע סעקציע״. אין זיין פילאָזאָפישער קאָנצעפּציע איז ער געווען אַ נאַטוראַליסט, אָבער אין קעגנזאַץ צו טענען, וועלכן ער האָט אגב שטאַרק געאַכטעט, האָט ער דעם מענטש אין זיין אַנטוויקלונג נישט געזען ווי אַ פלאַנץ, נאָר ווי אַ בעל־חי מיט זייער אַ קאָמפּליצירטער פּסיכיק און דערפאַר האָט ער מער גענומען אין באַטראַכט די פּסיכיש־גייסטיקע עלעמענטן, ווי די ביאָלאָגישע. דער עיקר: סענט־בעוו האָט זיך אויסגעהיטן צו מאַכן פון זיינע קאָנצעפּציעס אייזערנע געזעצן, צו באַנוצן זיך מיט אַ סיסטעם אַ צוגעשניטענעם אײן מאָל פאַר אַלע מאָל. פאַר אים איז די קריטיק נישט געווען קיין וויסנשאַפט, נאָר קונסט. זיינע קעגנער האָבן אים דערפאַר צייטנווייז פאָרגעוואָרפן דילעטאַנטיזם. דער אמת איז, אַז ער איז געווען באַוואָפנט מיט אַ ברייטן וויסן, געווען פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור נישט נאָר אין פראַנקרייך נאָר אויך אין דער שווייץ. ער האָט געלאָזט ווערטפולע ווערק, ווי „ליטעראַרישע קריטיקעס און פּאָרטרעטן״, „פּאָרטרעטן פון הײנטצייטיקע שרייבער״, „די געשיכטע פון פּאָר־רויאַל״ און אַנדערע. ער איז געווען דער שעפער פון דער ביאָגראַפישער קריטיק און אַ מייסטער פון שרייבערישן פּאָרטרעט. ער האָט אפשר דער ערשטער פון דער קריטיק געמאַכט אַ זעלבסטשטענדיקע שאַפונג. מ׳האָט אים גערופן „דער פּרינץ פון די קריטיקער״. נישט אַנערקענענדיק קיין שטייפע כללים, האָט ער געהאַט אַן אייגענעם מעטאָד פון אַנאַליזירן אַ ווערק, אָבער זייער אַן עלאַסטישן, וואָס האָט אויסגעברייטערט דעם קריטיקערס קוק, דערלויבט אים פריי זיך צו באַוועגן, צו זיין אַליין אַ שעפער און נישט קיין פּראָטאָקולאַנט פון יענעמס שאַפונגען.

די הײנטצייטיקע קריטיק איז גיכער געגאַנגען, דוכט זיך מיר, מיטן וועג פון סענט־בעוון, הגם ער איז נישט געווען קיין שעפער פון אַ שיטה. ס׳איז אַ ספק צי מען קאָן בכלל די אַזוי גערופענע אימפּרעסיאָניסטישע

קריטיק אָנרופן שיטה. ס׳קומט פאַר אומעטום אין דער קריטיק אָן ענלע־כער פּראָצעס, ווי אין דער ליטעראַטור, פון וועלכער זי איז אַ טייל. מען באַפרייט זיך פון שטייפע ראַמען.

אין 19־טן יאָרהונדערט זענען אין דער ליטעראַטור אומעטום דורכ־געגאַנגען באַזונדערע שטראָמען, זי איז געטיילט געווען אויף באַזונדערע ריכטונגען מיט ליטעראַרישע פּראָגראַמען. יעדע ריכטונג אָדער שולע — דער ראָמאַנטיזם, קריטישער רעאַליזם, נאַטוראַליזם, סימבאָליזם, פּאַר־נאַסיזם — האָט ווי פריער דער קלאַסיציזם געהאַט אַן אייגענע קאָנ־ווענץ. נאָך מער: זיי פלעגן אַפילו אַרויסגעבן ליטעראַרישע מאַניפעסטן. יעדע ריכטונג האָט געהאַט אירע חסידים. זיכער איז נישט מעגלעך ס׳זאָלן עקזיסטירן הערמעטיש פאַרמאַכטע ליטעראַרישע גרופּירונגען, זיי מוזן זיך באַאיינפלוסן, דורכדרינגען, אָבער „גראָסאָ מאָדאָ״ זענען די שטראָמען געפלאָסן אין פאַרשידענע ריכטונגען.

אין אונדזער יאָרהונדערט לאָזט זיך באַמערקן דאָס פאַרשווינדן פון באַזונדערע ליטעראַרישע שולן. פּראָפעסאָר זשולקעווסקי שרייבט, אַז „פאַר קערט, די ליטעראַטור פון 20־טן יאָרהונדערט האָט זיך אַנטוויקלט אין דער פאָרם פון פיל קאָנקרעטע, ליטעראַרישע ריכטונגען, ווי דער פוטור־ריזם, עקספּרעסיאָניזם, סירעאַליזם״. איז דאָס אמת און מ׳קאָן נאָך צו־געבן וויניקסטנס דעם דאַדאַאיזם, עקזיסטענציאַליזם, דעם אַנטיראָמאַן. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין לאַנג אייגן לעבן און נישט געשפּילט אויך אַזאַ באַזונדערע, זעלבשטענדיקע ראָלע, ווי די ריכטונגען אין 19־טן יאָרהונדערט. דער ברויזנדיקער סירעאַליזם האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אָנגעהויבן מיט אַ סירעאַליסטישער רעוואָלוציע, געפלאָסן מיט אַ הויכער כוואַליע און געגוג גיך אָפּגעפלאָסן, הגם ער האָט געהאַט אַזעלכע פאַרשטייער ווי ברעטאָן, אַראַגאָן, עליאַר, ראָזשע וואַיאַן און אַנדערע אָנגעזעענע שרייבער. אַנדרע ברעטאָן האָט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה געפּרוווט אין פראַנקרייך אויפלעבן די ריכטונג, באַמיט זיך צו גרופּירן אַרום איר אַמאָליקע אָנהענגער און אויך נייע, אָבער אומזיסט. און אַ סברה, אַז נישט בלויז ווייל די פּאָליטישע קאָנסטעלאַציע האָט זיך געענדערט.

דאָס באַדייט בשום אופן נישט, אַז דער סירעאַליזם ווירקט נישט אויף פאַרשידענע קינסטלער, אָבער ער עקזיסטירט נישט, ווירקט נישט

ווי אַ באַזונדערע שול. דער פוטוריזם האָט אין מאַיאַקאָווסקין דעם סאָצ־רעאַליסט — און אויך אין אַנדערע — געלאָזט שפּורן, אָבער דער פו־טוריזם ווי אַ ריכטונג מיט אויסגעשפּראָכענע אָנהענגער איז גיך אָפּגע־שטאָרבן. אַפילו דער עקזיסטענציאַליזם, וואָס האָט געשלאָגן אַזעלכע טיפע וואָרצלען אין דער ליטעראַטור, איבערהויפּט נאָך דער מלחמה, איז דאָך אויך ווייט נישט קיין מאָנאָליטע שיטה, ווי, זאָל מען אָננעמען, דער ראָמאַנטיזם — און אגב איז אויך דער ראָמאַנטיזם נישט געווען אויס־געגאָסן פון איין גוס.

אין דער הייַנטצייטיקער ליטעראַטור דרינגען זיך דורך און שמעלצן זיך צוזאַמען פאַרשידענע ליטעראַרישע שטרעמונגען. דער שרייבער אייגנט זיך צו פאַרשידענע אויסדרוקס־מיטלען אַפילו ווען ער איז אונטערן איינפלוס פון אַ קאָנקרעטער ריכטונג. לאָמיר זיך, למשל, צוקוקן צו ברעכטן. אויף דער פּוילישער טעאַטער־בינע גייט איצט זיין פּיעסע „די קאַריערע פון אַרטור אואי". איז דעם אויפמערקזאַמען צושויער נישט שווער אויסצוגעפינען אינעם ווערק, וואָס איז וועלט־באַנעמעריש רעאַל־סאָציאַליסטיש, בולטע עקספּרעסיאָניסטישע שפּורן, אַ געוויסע קרובהשאַפט מיט יאָנעסקאָס „נאָזהאָרן" און איין סצענע דערמאָנט אַפילו שעקספּירס „רישאַרד דעם דריטן". פאַרמינערט דען דאָס ברעכטן אַלס דראַמאַטורג? אַלס קינסטלער? נעמט עס צו פון אים זיין אייגנאַרט?

דאָס זעלבע וואָס אין דער ליטעראַטור קומט פאָר אין דער פּלאַס־טישער קונסט. טראָץ די טומלענישן במשך פון די לעצטע יאָרן אַרום אַבסטראַקציאַניזם, טאַשיזם — אגב איז דער אַבסטראַקציאָניזם קיין שום נייע ריכטונג — קריצן זיך אומאויפהערלעך סטילן און שולן און דאָס ווערט אומעטום אָנגעוויזן פון ערנסטע קונסט־קריטיקער. דער פראַנ־צויזישער ליטעראַטור־היסטאָריקער פּעליסיע, כאַראַקטעריזירנדיק די לי־טעראַטור פון אונדזערע צייטן, שרייבט: „דער אַממיינסטן כאַראַקטעריס־טישער שטריך פון אונדזער עפּאָכע איז דאָס פאַרשווינדן פון שולן. יעדע שולע האָט אונדז געלאָזט דויערהאַפטיקע ווערק, אייביקע ווערק. ...וואָס ווייטער אַלץ מער ברייטערט זיך אויס אונדזער קולטור־טראַדיציע און אַלץ ווייניקער זעען אויס צו זיין אויסזיכטן עס זאָלן זיך שאַפן באַזונדערע שולן".

די קריטיק איז, ווי געזאָגט, אַ טייל פון דער ליטעראַטור. אויך זי ברייטערט זיך אויס און באַרייכערט זיך מיט אַלע ביז הייַנטיקע דער־

פאַרונגען. זי שטרעבט קודם כל, ווען זי אייגנט זיך צו דאָס בעסטע, וואָס איז געווען אין די מעטאָדן ביי גרויסע, שעפערישע קריטיקער, זיך צו באַפרייען פון באַזונדערע ראַמען און שטייפע דאָקטרינען, פון צוגעשניטענע סיסטעמען. און דאָרט, ווו מען קאָן זיך נישט באַפרייען פון קיין גרייטן, זאָל מען זאָגן, „וועג־ווייזער", איז אַך און ווי סיי צו דער קריטיק, סיי צו דער ליטעראַטור.

איז ווו טאַקע עפּעס אַ קריטעריע? — ווי ס'האָט געפרעגט מיין פריינד. צי קאָן מען זיך פאַרלאָזן בלויז אויפן געשמאַק און די פּער־זענלעכע איינדרוקן פון קריטיקער? וואָס קאָן מען דערוואַרטן פון אים, אויב ער ריכטעט זיך נישט מיט קיין שום ספּעציעלער איינשטעלונג? — ווי ס'איז ווייטער צוגעשטאַנען מיין פריינד מיט פראַגן.

קודם כל, דוכט זיך מיר, דאַרף מען דערוואַרטן פון קריטיקער ער זאָל זיך פונאַנדערקלייבן אין ווערק. און דאָ קאָן מען שוין יאָ מסכים זיין מיט פּראָפעסאָר זשולקעווסקין, אַז מען דאַרף קאָנען זאָגן וואָס מער וועגן דער שרייבערישער טעכניק, וועגן דעם אידעאישן אויסדרוק פון בוך, דער קרובהשאַפט מיט אַ געוויסער פילאָזאָפיע, וועגן דער גענעזע פון ווערק און זיין סאָציאַלער פונקציע. און ווער וויל דען לייקענען, אַז ליטעראַטור האָט אַ סאָציאַלע פונקציע? ביים אָפּשאַצן דעם אַלגעמיינעם ווערט קאָן אפשר אויך געגוג זיין אין באַטראַכט צו נעמען די שלימות־דיקייט און דעם הומאַניטאַרן אויסדרוק, איבעריקנס גייט שלימותדיקייט צום גרעסטן טייל צוזאַמען מיט הומאַניטאַריזם.

געשעט דאָך אָבער, אַז מיט דער זעלבער קריטעריע שאַצט מען אויך פאַרשידן אָפּ אַ בוך, אַן אַנדער ווערק. פאַרוואָס?

דערפאַר ווייל מיר זענען לעבעדיקע מענטשן, מיר זענען די זעלבע און אַנדערע, יעדער מענטש אַ וועלט פאַר זיך. קריטיקער אויך. פּונקט ווי יעדער לייענער לעבט איבער אויף זיין אייגענעם אופן אַ בוך, אַזוי אויך אַ קריטיקער. ער איז אויך אַ לייענער, נאָר אַ מער עמפּינדלעכער און מיט אַ גרעסערער צוגרייטונג אויפצונעמען און זיך פונאַנדערצוקלייבן אין ווערק. אָפּהענגיק פון זיין אַרט עמפּינדלעכקייט און פּסיכישער פאַרמאַציע, פון זיין גייסטיקן און קולטור־באַגאַזש און אויך פון זיינע לעבנס־דערפאַרונגען, נעמט ער אויף און שאַצט אָפּ דאָס ווערק אַזוי און נישט אַנדערש. מעג מען דאָס אָנרופן אימפּרעסיאָניזם, אָבער קיין

שום קריטעריע וועט נישט אָפּווישן אונדזערע אוממיטלבאַרע שפּירונ־גען און אינדיווידועלע איינדרוקן. מישעל ביטאָר איז אָן ספק אַן אינטע־רעסאַנטער און טאַלאַנטירטער שרייבער. מיין קאָלעגין, אַן אינטעליגענ־טע פרוי, איז געווען געריִרט פון זיין „טראַנספאָרמאַציע". מיך האָט דאָס בוך געלאָזט קאַלט. דער אַמעריקאַנער שרייבער סאַלינדזשער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין בוך „דער וואַנדערער צווישן קאָרן־פעלדער", וואָס איז זיך שנעל צעגאַנגען אין אַנדערהאַלבן מיליאָן עקזעמפּליאַרן. האָב איך איצט דאָס בוך געליינענט, געזוכט דאָס, וואָס זאָל באַרעכטיקן אַזאַ רום און נישט געפונען. יעדער לייענער און יעדער קריטיקער קאָן ברענגען ענלעכע ביישפּילן.

זייער ריכטיק האָט זשולקעווסקי אָנגעוויזן, אַז אין יעדער באַזונ־דערער היסטאָרישער עפּאָכע, קאָן דאָס זעלבע קונסט־ווערק האָבן אַן אַנדערן אויסדרוק, אָדער אַן אַנדערע פונקציע און מ׳דאַרף קאָנען עס אָפּשאַצן אין ליכט פון דער היסטאָרישער סיטואַציע. צו דעם דאַרף מען אָבער צוגעבן, אַז אין פאַרשידענע סיטואַציעס נעמט דער קריטיקער פּונקט ווי דער לייענער פאַרשידן אויף, לעבט פאַרשידן איבער דאָס ווערק. אין דער פריער יוגנט, אין דער רייפער עלטער אָדער אין דער ווייטערער עלטער נעמט מען אויף פאַרשידנאַרטיק און מען פאַרשטייט אויך אָפטמאָל אַנדערש דאָס זעלבע בוך, דאָס זעלבע בילד. ס׳איז אויך באַקאַנט, אַז וויפל מאָל מיר זאָלן נישט לייענען דאָס זעלבע בוך, וועלן מיר שטענדיק אַנטדעקן עפּעס נייעס, ס׳וועט יעדעס מאָל אָנקלאַפּן אין נאָך עפּעס אַן אַנדער סטרונע פון אונדזער האַרץ. איז דען דאָס בוך אַנדערש געוואָרן? ניין, מיר ווערן אַנדערש.

דאַרף מען דעריבער זיך נישט וווּנדערן — און ס׳איז לחלוטין קיין שום אומגליק נישט — ווען וועגן די זעלבע ביכער זענען פאַראַן טיילמאָל פאַרשידענע אָפּשאַצונגען, אויב די אָפּשאַצונגען זענען נאָר גע־וויסנהאַפטע, נישט אָנגעוואָרפענע פון דרויסן און באַגרענעצן זיך נישט צו שוואַרץ אָדער ווייס, נאָר זענען באַזירט אויף זאַך־קענטעניש. פאַר־שידנקייט מאַכט רייכער, בונטער, לעבעדיקער יעדע אַרט שאַפונג, פאַר־היט זי פון סקלעראָז.

וואַרשע 1966

צי איז שעקספּיר געווען אן אנטיסעמיט?

(רעיונות נאָך אַ נסיעה)

נישט צום ערשטן מאָל שטעלט זיך די פראַגע. ס'איז אַן אַלטער ענין.

נישט איין מאָל איז אויסגעקומען צו דעבאַטירן, צו אַמפּערן זיך וועגן שעקספּירס באַציאונג צו יידן. און די אַמפּערנישן, ווי מען שטויסט זיך אַליין אָן, זענען אין שייכות מיט דער באַרימטער פּיעסע „דער סוחר פון ווענעציע". דער ייד שיילאָק פאָדערט פון דעם קריסט אַנטאָניאָ צו באַצאָלן דעם חוב מיט אַן אויסגעשניטענעם פון זיין לייב פונט פלייש. די פּיעסע איז במשך פון עטלעכע יאָרהונדערט געשטעלט געוואָרן אויף די טעאַטער־ברעטער אין גאַר דער וועלט און מיליאָנען מענטשן האָבן זיך צוגעקוקט ווי דער ווענעציאַנער יידישער וווכערניק שטייט צו צו זיין בעל־חוב ער זאָל אָפּצאָלן מיט אַ פונט פלייש. נישט קיין וווּנדער וואָס נישט נאָר ליטעראַטור־און טעאַטער־מבינים האָבן געפירט וויכוחים אַרום דעם ענין, נאָר אויך מענטשן פון פאַרשידנסטע קרייזן.

כ'האָב די פּיעסע געהאַט געזען מיט אַ סך יאָרן צוריק, נאָך פאַר דער מלחמה. איך דערמאָן מיך נישט ווער עס האָט דעמאָלט געשפּילט שיילאָקן. איך דערמאָן מיך אָבער זייער גוט ווי צווישן אַ גרופּע יידישע סטודענטן, וואָס האָט קאָלעקטיוו באַזוכט די פאָרשטעלונג, האָט מען היציק דיסקוטירט. איינע האָבן געהאַלטן, אַז די פּיעסע איז אַן אויס־געשפּראָכן אַנטיסעמיטישע, און אויב אַן אַנטיסעמיטישע איז דער מחבר געווען אַן אַנטיסעמיט. אַנדערע, דאַקעגן, האָבן געטענהט, אַז אויב שעקס־פּיר האָט מיט אַזוי פיל קראַפט אין זיינע אַנדערע פּיעסעס אַרויסגע־בראַכט די רציחות, רישעות, וואָס האָבן גענעסטעט אין זיין אייגענעם שטאַם, די פאַלשקייטן, צביעות און נידערטרעכטיקייטן פון מענטשן אין זיין אייגענעם פאָלק און ביי אַנדערע פעלקער, פאַרוואָס האָט ער נישט געטאָרט, מיטן זעלבן ציל אויסצוּוואָרצלען דאָס בייז, ווייזן אַ ייד אַ וווכערניק?

לילי בערגער

מיט א 7־8 יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען בייצוזיין ביי אַן אַמפּערניש וועגן זעלבן ענין אין שטוב פון באַקאַנטן, אַלטן אַקטיאָר אברהם מאָרעוווסקי צו וועלכן עס פלעגן אַריינקומען פאַרשידענע מענטשן. דער טאַלאַנטירטער אַקטיאָר און ליטעראַטור־קענער האָט מיט זיין אייגנאַרטיקן דינאַמיזם צעניסט געמאַכט אַלע פאָרוואָרפן קעגן דער פּיעסע, נישט געלאָזט וואָרפן דעם מינדסטן חשד אויף שעקספּירן.

אַברהם מאָרעוווסקי ז״ל איז אָבער געווען נישט נאָר אַ גרויסער קענער און פאַרערער פון שעקספּירן, נאָר, ווי ער האָט אַליין געשריבן אין זיינע זכרונות, ער האָט געהאַט ממש אַ פאַנאַטישן קולט פאָרן גרויסן ענגלישן דיכטער און דראַמאַטורג. ער האָט מיר געהאַט דערציילט, אַז מער ווי אַ צענדליק מאָל האָט ער געזען דעם „סוחר פון ווענעציע״ אין דייטשן טעאַטער מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט מאַקס ריינהאַרד און קיין איין מאָל איז ער נישט צופרידן געווען פון דער אויפפירונג. אפשר דערפאַר האָט ער מיר דעמאָלט געשאָנקען אַ בילד פון באַרימטן אַקטיאָר רודאָלף שילדקרויט אין זיין שיילאָק־ראָל. און ער האָט צוגעגעבן, אַז שילדקרויט אַלס שיילאָק האָט אויפגעטרייסלט און דאָך איז עס נאָך נישט געווען דאָס, וואָס ער האָט דערוואַרט. אַברהם מאָרעוווסקי, דער יידישער בינע־קינסטלער און דער ייד מיטן הייסן האַרץ, האָט זיין גאַנץ לעבן געטרוימט צו שפּילן שיילאָקן.

פאַרוואָס דערצייל איך דאָס איצט?

צוליב אַ נייער אַמפּערניש ביי דער געלעגנהייט פון האָבן געזען דאָ נישט לאַנג דעם „סוחר פון ווענעציע״ אין אַן ענגלישן טעאַטער. און ווידער איז מיר באַשערט געווען צו זען די פּיעסע אין אַ קאָלעקטיוון באַזוך.

דער אייראָפּעאישער העברעאישער סעמינאַר פון סכנות האָט געהאַט דעם גוטן איינפאַל איינצואָרדענען, צווישן אַנדערע איטערעסאַנטע באַזוכן, אַן אויספלוג אין שעקספּירס שטעטל — ס׳הייסט סטרעדפאָרד אויפן עיוון צוליבן נאָמען פונעם שיינעם טייכל, וואָס שלענגלט זיך דאָרט. בייטאָג דער באַזוך פון די מערקווירדיקייטן — און ס׳איז דאָ וואָס צו זען, דאָס גאַנצע שטעטל און די אומגעגנט איז נישט נאָר אַ פילפאַכיקער שעקספּיר־מוזיי, נאָר עס אָטעמט ממש מיט שעקספּירן; אין אָוונט — אין טעאַטער, און דווקא אויף דעם „סוחר פון ווענעציע״.

כ׳האָב געוואַרט אויף דער פאָרשטעלונג מיט גרויס נייגיר, ווייל

נישט נאָר עס האָבן זיך דערמאָנט אַמאָליקע אַמפּערנישן, נאָר איידער מיר זענען נאָך אַרויסגעפאָרן, האָבן זיך אָנגעהויבן נייע.

— פאַרוואָס פאָרט איר נישט מיט אונדז? — האָב איך געפרעגט אַ ליבע, האַרציקע פרוי, אַ פּראָפעסאָר פון יידישער רעליגיע.

— איך וויל נישט גיין זען קיין אַנטיסימיטישע פּיעסע.

מיין באַגער צו זען איצט אויפסניי נאָך אַזוי פיל יאָרן די פּיעסע איז געוואַקסן. ס'איז מיר נישט געלונגען זיך צו דערוויסן פּרטים וועגן טעאַטער און זיין אַקטיאָרן־אַנסאַמבל. איז אָבער דערנאָך געשען עפּעס אַזעלכעס, אַז ס'איז געווען אַ געלעגנהייט צו באַקומען אויסקונפטן פון אַן אינטעליגענטן ענגלענדער אין סטרעטפאָרד גופא.

אַ צרה קומט אַמאָל צו נוץ. פאַרן טעאַטער, אין שיינעם גאָרטן, וואָסביים ברעג טייכל, שטייט שעקספּירס מאָנומענט און אַרום אַ האַלבער טוץ זיינע העלדן. האָב איך זיך אַזוי פאַרקוקט אויף דער ליידי מעקבעט און דערנאָך צו לאַנג זיך פאַרהאַלטן פאַר האַמלעטן, וועלכער זיצט אויף אַ הויכן פּיעדעסטאַל מיט איין האַנט אונטערגעשפּאַרט דעם שווערן קאָפּ און מיטן שאַרבן אין דער צווייטער האַנט, — אַזוי לאַנג ביז... כ'האָב זיך אַרומגעזען, אַז איך בין פון אונדזער גאַנצן קאָלעקטיוו געבליבן אַליין. לייכט אויפן האַרצן איז דערפון נישט געווען. האָט גאָט רחמנות געקריגן אויף מיר און צוגעשיקט ממש אַ מלאך פון הימל אין דער פּערזאָן פון אַן ענגלישן אינזשיניער.

אויפן גאַס האָב איך אָפּגעשטעלט אַן עלעגאַנטן הער און מיט מיין שטאָמלדיקן ענגליש אָנגעהויבן אויסצופרעגן ווו עפּעס געפינט זיך. אַרויס־געוויזן האָט זיך, אַז אויך ער איז פון אַן אַנדערער שטאָט געקומען אויף אַ באַזוך און פאַרגעלייגט מיך צו באַגלייטן. זיין פראַנצויזיש איז נאָך געווען ערגער ווי מיין ענגליש און ברעכנדיק זיך ביידע די ציין אַרויס־צוהעלפן איינער דעם אַנדערן, האָבן מיר זיך גאַנץ גוט צונויפגערעדט. אויסער די מערקווירדיקייטן, וואָס ער האָט מיר געוויזן, האָט ער מיר אינפאָרמירט, אַז דאָס איז דער בעסטער שעקספּיר־טעאַטער, און אַז דער היגער טעאַטער־אַנסאַמבל שפּילט בעסער שעקספּירן ווי די לאָנדאָ־נער אַקטיאָרן.

— און דעם „סוחר פון ווענעציע” האָט איר געזען?

— געזען. אַ וואונדערבאַרער ספּעקטאַקל.

אין אָונט בין איך געזעסן אין טעאַטער צווישן אַ הויך געבילדע־טער, עלטערער יידישער פרוי, וועלכע פאַרשטייט ענגליש כמעט אַזוי גוט ווי איר מוטער־שפּראַך פראַנצויזיש און אַ יונגער דייטשער פרוי, איינע פון די וויניקע, וואָס האַלטן פאַר זייער חוב צו באַצאָלן פאַר די דייטשע פאַרברעכנס קעגן יידן מיט זייער איבערגעגעבנקייט און צוגע־בונדנקייט צו ישראל און צו יידן בכלל. אגב האָט זי צוויי יאָר געאַרבעט אין ישראל אין אַן אַנשטאַלט פאַר זקנים און קראַנקע.

די סצענאָגראַפיע, די רייכע סצענישע אויסשטאַטונג — אפשר צו בלישטשנדיקע — די אַטמאָספער און שטימונג פירן גלייך איבער אין דער אַמאָליקער ווענעציע. ווען שיילאָק האָט זיך אָבער באַוויזן אויף דער סצענע און ביזן סוף פון אַקט האָט זיך מיין יידישע שכנטע דערפילט ווי זי וואָלט געזעסן אויף הייסע קוילן. זי האָט פון מאָל צו מאָל מיט ערגערניש שטיל אויפן אויער מיר אַריינגערעדט, אַז מען שטעלט דעם ייד שיילאָק אויס צו שפּאָט און שאַנד, דער עיקר מען מאַכט אים לע־כערלעך. איך האָב איר אויך אויפן אויער שטיל אָפּגעענטפערט, אַז איך זע מער דעם טראַגיזם, די עלנדקייט פון שיילאָקן, ווי די לעכערלעכקייט. מיין נישט יידישע שכנטע האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געשוויגן. בעת דעם לאַנגן אַנטראַקט האָב איך אויסגעהערט מיינונגען פון אַנדערע, מ'האָט זיך שוין געאַמפּערט צו ביסלעך. ביים צווייטן אַקט בין איך ווידער געזעסן צווישן מיינעביידע שכנטעס און נאָכפאָלגנדיק דעם ספּעקטאַקל מער מיט די אויגן ווי מיט די אויערן האָב איך שטופּנווייז אָנגעהויבן פילן אַזוי ווי מיין יידישע שכנטע. מיט אַמאָל איז מיר דורכ־געגאַנגען אַ קאַלטער ציטער: שיילאָק האָט אויפגעמאַכט דאָס קעסטל, אַרויסגענומען אַ קליינע וואָגשאָל, אַ שאַרף־שפּיציק מעסער און איז צו מיט האַסטיקע טריט צו אַנטאָניאָ אויסצושניידן פון אים אַ פונט פלייש.

כ'האָב געוווּסט, אַז דאָס דאַרף קומען. אָבער ווען אַנטאָניאָ, אַ רעזיגנירטער האָט אין טיפן טרויער אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס העמד, אונטערטעניק זיך אָוועקגעזעצט אויפן שטול און שיילאָק האָט האַרט ביי אַנטאָניאָס לייב זיך פאַרמאָסטן מיטן מעסער גרייט צו שניידן, און דאָס דווקא פון דער לינקער זייט ברוסט־קאַסטן, האָבן זיך די קאַרגע מינוטן געצויגן אין פיינלעכע שעהן.

שיילאָק האָט נישט געשניטן. ער האָט נאָך עטלעכע פאַרמעסטן מיטן מעסער און אין דער אַרומרינגלונג פון אַנטאָניאָס פריינד אויסגע־

בראַכן אין אַ פּאַרצווייפלטן, ספּאַזמאַטישן שלוכץ, אָפּגעקערט זיך, געפאַלן צו דער שוועל, אויפגעהויבן זיך און אַוועק. אָבער דער האַלב־נאַקעטער אַנטאָניאָ איז ווייטער געזעסן אויפן שטול, ביז די ענערגישע פּאַרציאָ האָט אים דערלאַנגט דאָס העמד און דערמוטיקט אויפצושטיין. דער גרויסער עולם האָט שטאַרק אַפּלאָדירט — און צווישן עולם צושויער זענען געווען מסתמא גאָר אַ סך טוריסטן, ווייל סטרעטפאָרד ווערט יעדעס יאָר באַזוכט פון אַ פערטל מיליאָן טוריסטן פון אַלע עקן וועלט.

אַרויסגייענדיק פון טעאַטער האָט מיין דייטשע פריינדין גענומען מיך אונטערן אָרעם און געזאָגט:

— ס'איז טרויעריק, אַז מען ברענגט נאָך אַרויס אויף דער סצענע אַזעלכע פּיעסעס. איך האָב נישט געוווּסט, אַז שעקספּיר...

— איך ווייס אויך נישט צי שעקספּיר איז יאָ אָדער נישט געווען קיין אַנטיסעמיט. די זאַך באַשטייט אָבער אין דעם ווי אַזוי מען אינטער־פּרעטירט זיין פּיעסע, האָב איך איר געענטפערט.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים, קיין פּאַריז, האָב איך אָפּגע־זוכט דאָס בילד פון רודאָלף שילדקרויט אין דער ראָל פון שיילאָק, וואָס אַברהם מאָרעוווסקי האָט מיר געשענקט — אגב געפינט זיך דאָס אויך אין אַ באַנד פון מאָרעוווסקיס זכרונות.

וואָס פאַר אַן אַנדער שיילאָק! אַ פּנים אַ צעקרימטסט פון ווייטיק, באַצויגן מיט טרויער, פאַרלוירנקייט. ייאוש: אויגן, וואָס ווייגען אַן טרערן; אַ מויל, וואָס שרייט שטומערהייט, רופט נאָך הילף. די גאַנצע געשטאַלט ברעכט זיך אונטער. נאָר נקמה קאָן פאַרלייכטערן דעם ווייטיק נאָך דעם ווי מען האָט אויך אַוועקגערויבט פון אים די טאָכטער.

און אָט ליגט פאַר מיר אַ צווייט בילד: אַ קאָלירטע רעפּראָדוקציע פון באַוווּסטן לייוונט, וואָס עס האָט געמאָלן דער באַרימטער, יונגער מאָלער מאָוריצי גאָטליב. איך ווייס נישט צי מאָוריצי גאָטליב, וועלכער האָט געלעבט אין 19־טן יאָרהונדערט און געשטאָרבן אין עלטער פון 24 יאָר שוין אין פּולן רום, האָט געזען אויף דער סצענע שיילאָקן, אָבער געלייענט די פּיעסע האָט ער זיכער פיל מאָל. שיילאָק אויף זיין וווּנדער־באַרן אייל־בילד איז אַן אַלטער ייד מיט אַ געדיכטער, לאַנגער ווייסער באָרד, געקליידעט לויטן יידיש־פּוילישן טראַדיציאָנעלן שטייגער און נישט לויטן ווענעציאַנישן. דאָס רוחניותדיקע פּנים איז פאַרזונקען אין טרויעריקע מחשבות; די אויגן פאַרמאַכט ווי ער וואָלט נישט געוואָלט

זען דאָס בייז, וואָס רינגלט אים אַרום. אין זיינע אָרעמס האַלט ער און טוליעט צו זיך מיט גרויס ליבשאַפט און זאָרג די תמימותדיקע טאָכטער. דאָס בילד הייסט: „שיילאָק און יעסיקאַ״.

ווי מיר זעען קאָן — און דאַרף — אַ קינסטלער, צי דאָס זאָל זיין אַן אַקטיאָר, אַ רעזשיסער צי אַ מאָלער, אָדער גאָר אַ פילמיסט, שאַפן פאַרשידענע וויזיעס פון אַ ווערק און אַרויסהייבן דאָס בעסטע. אַוודאי איז דאָס געזאָגטע דאָ נישט קיין נייעס, קיין שום אַנטפּלעקונג. אָבער אין שייכות מיטן ייד שיילאָק דאַרף עס דערמאָנט ווערן, און אויך אין צו־זאַמענהאַנג מיט דער גאַנצער פּיעסע.

פון „סוחר פון ווענעציע״ דאַרף מען קאָנען אַרויסשיילן דעם פּסי־כאָלאָגישן און היסטאָרישן אמת, דעם טיפן מענטשלעכן צער, דעם באַליידיקטן און באַשפּיגענעם מענטש, דעם פאַרגוואַלטיקטן גלויבן און איינציַיטיק די צביעות פון דער קריסטלכער סביבה, וואָס זשאָנגלירט שטענדיק מיט קריסטוסעס ווערטער וועגן מענטשן־ליבע און האַנדלט אין סתירה מיט די זעלבע ווערטער. דער בעסטער באַווייז דאָ איז די שיינע פּאָרציאַ, וואָס אין דער אמתן טליעט אין איר בייזע ביטערקייט, פרומע צביעות, וואָס שעקספּיר לאָזט שטילערהייט אויס. און די זעלבע פאַרלאַנגט מענטשלעכקייט פון שיילאָקן דעם דערנידעריקטן ייד און דעם אומגליקלעכן פאָטער.

די דעבאַטע אַרום דער פּיעסע און וועגן שעקספּירס באַציאונג צו יידן גייט וויַיטער אָן. איין זאַך איז זיכער: אויב ברענגט מען אַרויס אויף דער סצענע בלויז דעם טעקסט פון „סוחר פון ווענעציע״ און נישט קיין אונטערטעקסט, קאָן די פּיעסע ווערן שעדלעך.

אַזוי ווייט איז דאָס אין שעקספּיר־טעאַטער אין סטרעטפאָרד נישט דערגאַנגען. אָבער די רעזשי, דער אַקטיאָרן־אַנסאַמבל, וואָס מיין צופעֿ־ליקער, גוטמוטיקער ענגלישער באַגלייטער האָט געלויבט, האָט זיך נישט געהעריק אַריינגעטראַכט אין שעקספּירס טעקסט, נישט באַוויזן זיך צו דערגרונטעווען צום פּסיכאָלאָגישן אמת און דעריבער אויך נישט ווי געהעריק אַרויסגעבראַכט דעם מענטשלעכן, הומאַניטאַרן אמת, ווי דאָס איז די אויפגאַבע פון עכטער טעאַטראַלער קונסט.

פּאַריז, אָקטאָבער 1971

װען טאַלאַנט גײט בײנאַנד מיט אַװאַנטוריזם

(װעגן מאַלאַפּאַרטעס „קאַפּוט״)

פאַרװאָס איצט שרײבן װעגן אַ בוך, װאָס איז דערשינען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה? צי נאָר דערפאַר װײל מ׳האָט עס ערשט נישט לאַנג אַרױסגעגעבן אין דער פּױלישער איבערזעצונג? אַװדאי איז דאָס בײ אונדז אַ נײע זאַך לױטן סטיל און אױפפאַסונג. אָבער נישט נאָר די ליטעראַרישקײט רעגט אָן צו שרײבן דערװעגן. אַ נו, פּרוּװט נאָר באַקומען „קאַפּוט״ ערגעץ אין אַ בוכהאַנדלונג — אױספאַרקױפט, צעכאַפּט. נישט לײכט עס אױך צו באַקומען אין אַ ביבליאָטעק. אױפן בוך װאַרט מען, ס׳גײט פון האַנט צו האַנט. כ׳האָב עס קױם באַקומען דורכצולײענען, קױם איבערגעלײענט, װי מען װיל מיר עס שױן אַװעקנעמען פון אונטער דער האַנט. מען זאָגט, אַז דער לײענער האָט נישט ליב קײן גרױל-ליטעראַטור און „קאַפּוט״ איז אָנגעפּיקעװעט מיטן גרױליקסטן גרױל. זעט אָבער אױס, אַז דאָס סענסאַציאָנעלע האָט דאָ נישט װײניק געװירקט.

אָן ספק פאַסצינירט מאַלאַפּאַרטעס טאַלאַנט, זײן מאָלערישע און שפּרודלדיקע שילדערונג, זײן פּסיכאָלאָגישע װיװיסעקציע. אַ סברה אָבער, אַז די פּערזאָן גופא פונעם שרײבער האָט איר חלק אין דער רעקלאַמע פון בוך.

מאַלאַפּאַרטעס שרײבערישע קאַריערע איז געפלאָסן װי אַ װילדער, אומגעצױמטער שטראָם, דאָ אַ פלײץ געטאָן מיט מוטנעס, דאָ װידער מיט רײנעם װאַסער. אָפטמאָל האָט דער שרײבער פאַרכאַפּט נישט נאָר מיט זײן טאַלאַנט, נאָר אױך מיט זײן דרײסטקײט, צײטנװײז האָט ער אָבער אָפּגעשטױסן מיט זײן האַלטונג, מיט דער פּאָזיציע, װאָס ער האָט פאַרנומען. װען ער איז אין 1957 געשטאָרבן אױף אַ ראָק, האָט מען אים שױן געהאַט מוחל געװען, ער האָט זיך װי אױסגעקױפט מיט זײנע לעצטע צװײ ביכער, אפשר אױך מיט דעם װאָס ער איז נישט װײניק

אָפּגעקומען. ער איז אָבער געבליבן אַ שטיקל רעטעניש, און אַ רעטע־ניש פאַסצינירט שטענדיק, אַפילו ווען דאָס רעטעניש איז פאַרדעכטיק.

***

דער איטאַליענישער שרייבער קורזיאָ מאַלאַפּאַרטע איז געווען אַ ווילדע נאַטור, פול מיט אינערלעכע ווידערשפּרוכן, ווי ס׳וואָלטן זיך געשלאָגן אין אים צוויי אָפּשטאַמונגען, צוויי קולטורן, צוויי קעגנזעצלעכע גייסטיקע פאָרמאַציעס — די דייטשע און איטאַליענישע. זיין פאָטער איז געווען אַן עסטרייכער, זיין מוטער אַן איטאַליענערין. געבוירן לעבן פלאָרענץ, האָט ער געלעבט און באַרימט געוואָרן אין איטאַליע. זיין אמתער נאָמען איז געווען קורט סוכערט און אויף דער פראַגע פאַרוואָס ער האָט זיך אַ נאָמען געגעבן מאַלאַפּאַרטע, זאָל ער האָבן געענטפערט: באָנאַפּאַרטע איז שוין געווען פאַרנומען. דער ענטפער איז כאַראַקטעריס־טיש. אין אים האָט געלעבט אַ ווילדער דראַנג צו גרויסקייט, צו אַוואַנ־טורעס, ער האָט ליב געהאַט צו קוקן דעם טויט אין די אויגן, צו גיין אַנטקעגן געפאַרן. ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו שרייבן וועגן מאַכט און מאַכטהאָבער, וועגן הערשאַפט מיט אַ שטאַרקער פויסט, דער עיקר וועגן דער „טעכניק" פון דעראָבערן די מאַכט, הגם ער ווייזט אָן אויף די אומגעזעצלעכקייטן.

פאַר מוסאָליניז איז מאַלאַפּאַרטע געווען נישט קיין באַקוועמע פּער־זאָן. זיין נאַטור איז נישט געווען אַזעלכע, וואָס זאָל זיך אונטערוואַרפן, אָדער האַלטן די צונג צווישן די ציין. די פאַשיסטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן דעם שרייבער פאַרמאַכט אין איינער פון די שווערסטע תפיסות. ער איז אָפּגעזעסן 5 יאָר ביז ס׳איז געקומען אַן אַמנעסטיע. אין די דרייסיקער יאָרן איז ער נאָך עטלעכע מאָל אַרעסטירט געווען.

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז פּלוצלונג קורזיאָ מאַלאַפּאַרטע געוואָרן מלחמה־קאָרעספּאָנדענט. אַלע אָקופּירטע לענדער זע־נען פאַר אים אָפן געווען. ער האָט אומעטום פּאַראַדירט אין אַ מונדיר פון אַן אָפיציר. מוסאָליני איז היטלערס געטרייער פאַרבינדעטער, אָבער זיינע אָפיצירן אונטערליגן דער ווערמאַכט. 4 יאָר מאַכט דער מלחמה־קאָרעספּאָנדענט דורך אַלע טריאומף־מאַרשן און שפּעטער די מפּלות פון דער דייטשער אַרמיי. ער געפינט זיך אין פינלאַנד, אוקראַינע, רוסלאַנד,

רומעניע, בעסאַראַביע, סלאָוועניע, כאָרוואַציע, פוילן; ער וואַנדערט דורך פאַרברענטע דערפער און צעשטערטע שטעט, דורך וועגן באַדעקטע מיט מתים, ער קוקט זיך צו צו די גרויל־טאַטן מיט די אויגן פון אַ קינסטלער, כאַפּט אויף דאָס סאַמע רציחותדיקע, דאָס סאַמע פּערפידע פון די דייטשן.

פון אַט־די וואַנדערונגען, אָבסערוואַציעס, איז געבוירן געוואָרן „קאַ־פוט". ער האָט אָנגעהויבן שרייבן דאָס בוך, ווי ער דערציילט אַליין אין דער הקדמה, אין 1941 אין אַן אוקראַיניש דערפל, דערנאָך פאַרגעזעצט אין פוילן, הינטער סמאָלענסק, אין פינלאַנד. דעם לעצטן קאַפּיטל גע־שריבן אין זיין ווױנאָרט, אויף קאַפּרי. דאָ, אויפן שײנעם אינדזל האָט ער נאָך אַרויסגעבראַכט אַ שוידערלעכע מלחמה־וויזיע פון דער באַמ־באַרדירטער שטאָט נעאַפּאָל, אַ פאַרלאָזענע פון די רייכע און באַלאַגערטע פון אביונים, קאַליקעס, פון מענטשלעכע שמאַטעס, וואָס שלעפּן זיך צווישן רואינען און זוכן צו ראַטעווען דאָס לעבן אין פינצטערע, שמוציקע הײלן.

הכלל, אַ בוך געשריבן אויף דער הייסער מינוט, צווישן פייער און בלוט, אין אָנבליק פון די ווילדסטע רציחות און רישעות. אין דעם זין איז דאָס אַ זעלטענער דאָקומענט, אויסגעגאָסן אין פּלאַסטישע בילדער. די מלחמה, ווי עס זאָגט אונדז אָן דער מחבר, איז נישט דער העלד פון בוך, נאָר בלויז דער „פּייזאַזש". און דער פּייזאַזש איז אַ שוידערהאַפטער. דער העלד פון בוך איז דער קאַפּוט, די פאַרניכטונג, דער טויט אין אַלע זיינע געשטאַלטן.

דאָס בוך וואָלט שווער געווען צו לייענען, ווען די מלחמה־בילדער, די רציחות וואָלטן נישט איבערגעפלאָכטן געווען מיט פאַרשידענע גע־שפּרעכן, באַגעגענישן, עפּיזאָדן, אָנעקדאָטן, וואָס דערלויבן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. לייכטער צו „פאַרדייען" דעם מלחמה־מאַטעריאַל מאַכט אויך דער ספּעציפישער ליריזם, די מאָלערישקייט, באַזונדערס דער הומאָר. מאַלאַפּאַרטע איז אַ וואָרט־ווירטואָז, זיין פּראָזע איז אַזוי פאַרביק, אַז אָפטמאָל איז דאָס ממש מאָלעריי, קאָלאָריסטיק און קלאַנג, באַוועגונג און ריטם. באַזונדער פּלאַסטיש, מיט הומאָר און בליציקער איראָניע מאָלט ער די נאַצישע גדולים. הימלערן וויזט ער אַ נאַקעטן אין אַ פינלענדי־שער באָד. מיר דערזעען אים אין זיין פיזישער צעקראָכנקייט, שקראַ־בישקייט און אומבאַהאָלפנקייט. זייער מענערישקייט און כוח איז אין מונדיר. אייגנטלעך וויזט ער אומעטום די רוצחים אין זייער העסלעכער

נאָקעטקייט, אַפילו אין דער פיזישער העסלעכקייט. ער האָט זיי געזען פון דער נאָענט, פאַרבראַכט מיט זיי, געפירט מיט זיי לאַנגע שמועסן און אויפגעכאַפּט געניי זייערע שטריכן, זייערע פּאָרטרעטן. אין דעם פּרט איז דאָס בוך חוץ זיינע קינסטלערישע וואַלאָרן, אַ באַלערנדיקער אויטענטישער דאָקומענט און די איבער 400 זייטן לייענען זיך ווי אַ היסטאָרישער ראָמאַן. און אויב מען באַצייכנט אַזאַ לעקטור פאַר „שוואַרצע ליטעראַטור״, איז דאָס אַ שוואַרצער ראָמאַן.

פאַר אונדז יידן האָט דאָס בוך אַ ספּעציעלע באַדייטונג און דערי־בער לוינט זיך צו באַקענען דערמיט. אין „קאַפּוט״ זעט מען ווי אין עפּעס אַ טייוולאַנישן קאַליידאָסקאָפּ די היטלעריסטישע רציחות קעגן יידן. די בילדער טוישן זיך, איינס שוואַרצער, גרויליקער פון די אַנ־דערע. מאַלאַפּאַרטע האָט זיך געניי צוגעקוקט צו די רציחות אין פּוילן, אוקראַינע, רומעניע, כאָרוואַציע. ער האָט געזען ווי די דייטשן האָבן אומעטום, וווּ זיי האָבן געשטעלט דעם באַשטיוולטן פוס, גלייך איינגעאָרדנט אַ יאַגד אויף יידן. ער האָט באַגעגנט אויף אַלע וועגן, אין אַלע שטעט־לעך, דערשאָסענע, געהאַנגענע, פאַרפייניקטע. ער איז געווען אַן עדות פונעם פּאָגראָם אין יאַסי, וווּ מ'האָט אין איין נאַכט, מיט קאַלבעס, העק און מעסערס אויסגעשאַכטן 7000 יידן. ער האָט זיך צוגעקוקט צו דער יאַגד אויף יונגע יידישע מיידלעך, וואָס מ'האָט געכאַפּט פאַר די שאַנד־הייזער, איז אַליין געווען אַלס אָבסערוואַטאָר — אויב מ'זאָל אים גלויבן, אַז בלויז אַלס אָבסערוואַטאָר — אין מיליטערישן שאַנד־הויז אין סאָ־ראָקע, וווּ די היטלעריסטן האָבן געבראַכט פאַרטיעסווייז געכאַפּטע יידי־שע מיידלעך. נאָך 20 טעג האָט מען זיי אויסגעלייזט מיט אַ קויל אין נאַקן. נאָך דעם טערמין האָבן זיי שוין צו גאָרנישט נישט געטויגט. אגב האָט שפּעטער אַ ביסל ק. צעטניק אויפגעדעקט דעם דאָזיקן אַספּעקט פון יידישן חורבן און געוויסע פאַרשער פון דער היטלעריסטישער תקופה האָבן קוועסטיאָנירט די אויטענטישקייט פון „דאָס הויז פון ליאַלקעס״. מיר גופא איז דאָס אויסגעקומען צו הערן פון אַ יידישן היסטאָריקער. דאָס־אָט ווינקל פון די דייטשישע פאַרברעכנס איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט ווי געהעריק אַפּגעדעקט געוואָרן. „קאַפּוט״ איז אין דעם פּרט אַ וויכטיקער גבית־עדות.

**
*

מאַלאַפּאַרטע האָט זיך אַ לענגערע צייט אויפגעהאַלטן אין פּוילן, באַקענט זיך מיט די געטאָס פון פּוילישע שטעט, באַזוכט דאָס וואַר־שעווער געטאָ. מיר דערוויסן זיך פון „קאַפּוט״ אַ סך פּרטים פון דער דייטשער פּערפידיע, וועגן זייערע פּרוון אויסצובאַהאַלטן זייערע פאַר־ברעכנס. מאַלאַפּאַרטע האָט פאַרבראַכט מיט פראַנקן, פישערן, מיטן גו־בערנאַטאָר פון קראָקע וועכטער און אַנדערע. ער איז געווען אַן אַריינ־גייער אין זייערע לוקסוס־רעזידענצן. בעת אַלע זייערע באַגעגענישן האָט מען גערעדט וועגן יידן. די היטלעריסטישע תּליינים האָבן זיך שטענ־דיק אַרויסגעשטעלט פאַר קולטורעלע, ממש הומאַניטאַרע מענטשן, גע־וואָלט אין די ערשטע צייטן אים מאַכן גלויבן אין זייער זאָרג פאַר דער געטאָ־באַפעלקערונג. פראַנק זאָל אים האָבן געזאָגט: „מיט גרויס זאָרג נעמען מיך דורך די קינדער. צום באַדויערן קאָנען מיר נישט פיל אויפ־טאָן צו פאַרקלענערן די שטערבלעכקייט פון די קינדער אין די געטאָס. כ׳וואָלט כאָטש געוואָלט פאַרלייכטערן דעם גורל פון דעם אומגליקלעכן קליינוואַרג. כ׳וואָלט געוואָלט אין זיי איינפלאַנצן ליבע צום לעבן, אויס־לערנען זיי גיין איבער די געטאָ־גאַסן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן״.

מאַלאַפּאַרטע האָט זיך גוט געקענט אויף אַזעלכע ווערטער, האָט איראָניזירט. דער טעמפּער פראַנק האָט זיך נישט געקאָנט אָריענטירן וואָס ער מיינט. דער תּלין פון די יידן אין פּוילן האָט זיך אַפילו „איבער־גענומען״ מיטן פּאָגראָם אין יאַסי. „דאָס זענען נישט קיין געהעריקע מעטאָדן, אַזוי טוט מען נישט, אַ פּאָגראָם איז נישט קיין דייטשיש וואָרט״. וועכטער איז געווען אויסער זיך: „דאָס זענען באַרבאַרישע מעטאָדן״. און פישער האָט פון דער ווייטנס געזידלט די רומענער: „אַ פאָלק אָן שום קולטור״.

ביי יעדער געלעגנהייט האָט מאַלאַפּאַרטע אויפגעכאַפּט די פּערפיד־קייט פון די נאַצישע פאַרברעכער, ער האָט דורכגעלויכטן זייערע שוואַר־צע נשמות און געצייכנט זייערע פּסיכאָלאָגישע פּאָרטרעטן מיט אַבסער־וואַציע־קראַפט.

און דאָך האָב איך געלייענט דאָס בוך מיט עמפּערונג, מיט גרויס ווידערגעפיל צום מחבר. געוויסע לייענער קאָנען זיך מאַכן אַ פאַלשע פאָרשטעלונג: מאַלאַפּאַרטע האָט דאָך געחוזקט פון די דייטשן, אויסגע־נוצט דאָס, וואָס זיי האָבן נישט קיין געפיל פאַר הומאָר און איראָניזירט, דערציילט זיי נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע מעשיות, נישט איין מאָל שיער נישט אַריינגעפאַלן צוליב זיין חוזק־מאַכעריי, אָבער שטענ־

דיק האָט זיך אים איינגעגעבן זיי אַריינצונאַרן אין זאַק און אַרויסצו־באַקומען פון זיי דאָס, וואָס זיי האָבן אויסבאַהאַלטן.

ער האָט אָבער גלייכצייטיק גוט פאַרבראַכט מיט זיי, אַרומגעשפּאַ־צירט אונטערן שוץ פון זייער מונדיר.

אמת אויך, אַז ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך מיטלייד צו די יידן, ער גלאָריפיצירט אין זיין בוך זייער נאָבעלע האַלטונג און ווי ער פאַרזיכערט, געוואָלט העלפן די פאַרפייניקטע. ער האָט זיך אָבער געווײַלט מיט זייערע פייניקער אין די היטלעריסטישע סאַלאָנען, געגעסן און געטרונקען מיט זיי פון איין טיש, גענאָסן פון זייער גאַסטפריינדלעכקייט, פון זייער רויב. מיר פערזענלעך איז אויך דערווידער די „צוואַניאַקערײַ" פון געוויסע יידן, וואָס צעלייגן זיך אויף טעלערלעך אין זייערע זכרונות ווי אַזוי זיי האָבן אָפּגענאַרט די היטלעריסטן, לעבנדיק מיט זיי אין פריינדשאַפט ווי זייע־ריקע. נאָר מילא, זיי האָבן געמוזט ראַטעווען דאָס לעבן. מאַלאַפּאַרטעס לעבן איז נישט געווען באַדראָט, כאָטש ער פּרעטענדירט צו זיין אַ קעמ־פּער פאַר פרייהייט, ווי ער שרייבט עס וועגן זיך אין דער הקדמה.

וועגן די פאַרברעכנס, וואָס מאַלאַפּאַרטע באַשרייבט, האָט מען נאָך אין 1941 און אַפילו אין 1942 נישט געוווּסט אויף דער ברייטער וועלט. וואָלט מאַלאַפּאַרטע געווען אַזעלכער, ווי ער באַמיט זיך דאָס פאַרצושטעלן און ווי געוויסע לייענער קאָנען באַקומען אַן אייַנדרוק וועגן אים, וואָלט ער געזוכט אַ וועג צו וויסן צו געבן וועגן דעם וואָס ער האָט אַזוי גענוי געוווּסט. אַזאַ פּיפּיקער דיפּלאָמאַט ווי ער, וואָלט געפונען אַ מיטל דער־צו. מאַלאַפּאַרטע האָט זיך באַגנוגנט צו פאַרצייכענען דאָס, וואָס ער האָט געזען און געוווּסט, און געצבאַליעוועט מיט די נאַצישע מושלים צו קאָנען וויסן וואָס מער.

מען דערציילט, אַז אין אַלטערטום, בעתן גרויסן אויפשטייג פון דער פּלאַסטישער קונסט אין גריכנלאַנד, פלעגט טרעפן, אַז אַ קינסטלער זאָל דערמאָרדן אַ שקלאַף, כדי צו האָבן פאַר זיך אַ מאָדעל פאַר אַ פּנים אין גסיסה. פאַראַן צומאָל אַ ווערסיע, אַז מיקעל אַנדזשעלאָ זאָל האָבן געבונדן און געפייניקט אַ יונגן בחור מיטן ציל אויפצוכאַפּן זיינע גסיסה־צאַפּלענישן פאַר זיין מאָלן די קרייציקונג פון גאָט. מאַלאַפּאַרטען קאָן מען אין אַזעלכע זאַכן נישט חושד זיין, ער האָט געהאַט פאַר זיין בוך אַ גרייטן מאָדעל. די דייטשן האָבן באַדעקט גאַנץ אייראָפּע מיט פאַרברעכנס. ער אָבער איז געווען אונטערן שוץ פון די פאַרברעכער, געלעבט מיט זיי

אין גוט־ברודערשאַפט. דאָס, וואָס ער האָט געחוזקט פון זיי און זיי פיינט געהאַט, פאַרגיטיקט נישט דאָס אַנהאַלטן מיט זיי נאָענטע פריינדשאַפט.

פאַראַן אין „קאַפּוט" צווישן די גרויל־עפּיזאָדן און אויפטרייסלענדיקע בילדער אַזאַ שרעקלעכער עפּיזאָד: בעת אַ באַזוך ביים קראָאַטישן פאַשיסט אַנטע פּאַוועליטש, האָט מאַלאַפּאַרטע געזען שטיין אין אַ ווינקל אַ קוישל מיט מענטשלעכע אויגן. די אוסטאַשיס האָבן 20 קילאָ אויגן, יידישע אויגן, געשאַנקען אַלס מתנה זייער פירער. דער, וואָס באַשרייבט דאָס אָבער, איז געזעסן מיטן זעלבן „פירער" אַנטע פּאַוועליטש ביים טיש און נישט נאָר געמיטלעך געשמועסט מיט אים, נאָר אין אַ געוויסן מאָמענט אַפילו דערפילט צו אים אַ רחמנות, וואָס ער האָט געהאַט אויף זיין קאָפּ אַזוי פיל דאגות...

דאָס רחמנות־געפיל איז זייער אַ מענטשלעכע זאַך און דער ערגסטער מין מענטש קאָן ביי געוויסע אומשטענדן אַרויסרופן צו זיך רחמנות. ביי אַזאַ געלעגנהייט איז אַ רחמנות־געפיל בפירוש אָפּשטויסנדיק.

מאַלאַפּאַרטע האָט אויך רחמנות אויף די דייטשן און באַגערט, אַז אויך אַנדערע זאָלן זיך מרחם זיין אויף זיי. ער אַנטוויקלט דערביי אין זיין בוך אַזאַ טעאָריע: די דייטשן באַגייען פאַרברעכנס אויס מורא. אַ קראַנק פאָלק, האָבן פאַר אַלץ און אַלעמען מורא. „...צוממיינסטן האָבן זיי מורא פאַר שוואַכע און אומשולדיקע, פאַר קראַנקע, פאַר פרויען און קינדער, פאַר זקנים. זייער מורא האָט שטענדיק געוועקט אין מיר אַ טיפן רחמנות. אויב איראָפּע וואָלט רחמנות געהאַט אויף זיי, וואָלטן די דייטשן זיך אויסגעהיילט פון זייער שרעקלעכער קראַנקייט". אָט אַזוי האָט מאַלאַפּאַרטע פאַרטייטשט די נאַצישע פאַרברעכנס פאַרן אַמאַליקן, באַקאַנטן שוועדישן שרייבער אַקסעל מונט, און דעם אַלטן שרייבער איז געגאַנגען אין לעבן זיך צו דערוויסן פון אים צי ס'איז אמת, אַז די היטלעריסטן האָבן אויך געהרגעט פייגל, ווייל ווי ס'איז באַקאַנט איז דער שרייבער און מעדיקער מונט געווען אַ גרויסער פריינד און באַשיצער פון פייגל און דעריבער אפשר זיך געהאַט באַזעצט אויף קאַפּרי, ווו ס'פלעגן זיין בעלנים צו פאַנגען די שיינע מינים פייגל:

„ניין, דאָס איז נישט אמת, האָב איך אים געענטפערט, זיי האָבן נישט קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט פייגל, האָבן קוים גענוג צייט פאַר מענטשן, זיי מאָרדן יידן, אַרבעטער, פּויערים, צינדן אונטער שטעט און דערפער מיט אַ ווילדן שגעון, אָבער קיין פייגל דערהרגענען זיי נישט".

און דעמאָלט מונט:

„...כ'בין באמת גליקלעך וואָס זיי דערהרגענען נישט קיין פייגל."

דאָס איז שוין נישט בלויז זכות־אבות פאַר די היטלעריסטן. ס'איז שוין עפּעס ערגערס. און ס'זעט נישט אויס דער ייִנגערער קאָלעגע, וואָס האָט קאָקעטירט מיט זיין קעמפּערישקייט פאַר מענטשלעכקייט, זאָל זיין דערוווּנדערט מיט אַקסעל מונטס רייד.

יאָ, מאַלאַפּאַרטע האָט מיט טאַלאַנט אויפגעדעקט אַ סך אויסבאַ־האַלטענע פאַרברעכנס פון די היטלעריסטן, געוויזן אויך ווי אַזוי זיי האָבן צוגעגרייט פאַרברעכערס. ער דערציילט צום ביישפּיל ווי אַזוי מען שולט אויס די יונגע רעקרוטן פאַר די ס.ס־אָפּטיילונגען; דער יונגער רעקרוט נעמט אָן מיט דער לינקער האַנט אַ קאַץ פאַרן פעלעכל, לאָזנדיק איר פריי די לאַפּעס זיך צו פאַרטיידיקן און מיט דער רעכטער האַנט דאַרף ער מיט אַ ספּעציעל מעסערל איר אַרויסנעמען די אויגן. און ס'איז מסתמא נישט קיין ליטעראַרישע איבערטרייבונג, ווען דער שרייבער קלערט אויף דער איידעלער, אַדעליקער דייטשישער דאַמע, אַז אַזעלכע קען האָבן פאַר זיגפרידן געזאָלט זיין אַלע פעלקער. עס ווערט אָבער אָפּשטויסנדיק, ווען ער פירט אויס, אַז דורך דעם, וואָס זיגפריד איז קאַפּוט, איז ער אַליין געוואָרן אַ קאַץ אַ קרבן. אַזעלכער זאָל זיין דער גורל פון אַלע — מ'איז אַ זיגפריד און אַ קאַץ, אַ תלין און אַ קרבן.

כדאי זיך נאָך צום סוף אָפּצושטעלן אויפן טיטל פון בוך. וואָס דאָס דייטשע וואָרט קאַפּוט באַטייט ווייסן מיר. מאַלאַפּאַרטע גיט אונדז נאָך צו־וויסן, אַז קאַפּוט שטאַמט פון העברעאישן וואָרט כפרות, וואָס מיינט נישט נאָר צעשטערט, פאַרניכטעט, אומגעבראַכט, נאָר בוכשטעבלעך אַ קרבן. ווי דערמאָנט שוין איז קאַפּוט דער העלד פון בוך, ס'איז אַ צעשטערטע אייראָפּע צוזאַמען מיט די דייטשן. און ווידער איז דער תלין און דער קרבן אויף איין פלאַך.

מיט אַלע באַוואָרענישן און דערווּנדערונגען, וואָס מען דערפילט דאָ און דאָרט, בלייבט דאָס בוך, ווי דאָס האָט אָנגעוויזן דער שרייבער זשוק־ראָווסקי אין זיין קורצער הקדמה צו דער פוילישער איבערזעצונג, אַ מל־חמה־דאָקומענט פון גרויסער באַדייטונג. און אויך אַ דאָקומענט פון דער נאַצישער רישעות קעגן יידן.

וואַרשע 1963

IV

„פאַרוואָס מוזן מיר כסדר אַזוי טייער צאָלן" ?

(וועגן סטריקאָווסקיס בוך „אויסטעריאַ")

אויב ס'וואָלט זיך געפונען א בעלן זיך אָוועקצוזעצן דורכשטודירן דעם אנטייל און בייטראַג צו די ליטעראַטורן ביי די אומות העולם מצד שרייבער יידן, וואָלט ער געהאַט פאַר זיך אַ גאַר ברייט פעלד דורכ־צואַקערן. ווייל נישט קליין איז די צאָל פון אַזעלכע שרייבער און גאַר פאַרשידנאַרטיק איז זייער אויסווירקונג און אָפּקלאַנג. אַ סך פון זיי האָבן אונדז פון דער ווייטנס פאַרשאַפט כבוד, אַנדערע האָבן אונדז אָנגעטאָן — און טוען אונדז אָן — חרפות, ס'רוב דווקא די, וועלכע שעפּן זייערע טעמעס פונעם יידישן לעבן, וואָס איז זיי אין גאַנצן פרעמד און וואָס זיי שטעלן פאַר אין אַ קרומען שפּיגל, אָדער ווי עקזאָטיק. ווי ס'זאָל נישט זיין, קאָן מען אָן גוזמא זאָגן, אַז אומעטום, וווּ יידן האָבן אין זייער צעשפּרייטקייט אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן, האָבן זייערע שרייבערישע טאַלאַנטן באַרייכערט די לאַנד־ליטעראַטור.

דעם רעקאָרד האָט מסתמא געשלאָגן דאָס טויזנט־יאָריקע פּוילישע יידנטום. גרויס איז געווען דער צושטייער, וואָס יידן האָבן צוגע־טראָגן צו דער פּוילישער קולטור בכלל, ווי צו אַלע רייכטימער פון לאַנד. אַ באַזונדערע טעמע איז אָבער אין איר פאַרשידנאַרטיקייט און פאַרבנרייכקייט דער ייד־שרייבער אין דער פּוילישער ליטעראַטור. אמת איז, אַז דער ווייט גרעסטער טייל פון אָט־די שרייבער האָבן זיך נישט באַטראַכט אַלס יידן. אין פּוילן איז אָבער מער ווי אומעטום גע־ווען איבערגעגעבענע געלעגנהייטן זיי זאָלן זיך דערפילן ווי יידן. אפילו דער באַקאַנטער דיכטער און עסייאיסט אַנטאָני סלאָנימסקי, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אַ קאַטאָליק, ווייל זיין פאָטער, אַ זון פון חיים זעליג סלאָנימסקי, האָט זיך געשמדט נאָך איידער דער היינטיקער אַל־טער דיכטער איז געקומען אויף דער וועלט, דערפילט אויך פון צייט

צו צייט, אַז ער איז אַ ייד. און צו להכעיס די אַלע, וואָס דערמאָנען אים דאָס עפנטלעך אָדער שטילערהייט, שטעלט ער זיך אַרויס מיט זיין ייִדישער אָפּשטאַמונג. מיט זיין אייגנטימלעכן הומאָר האָט ער אויף אַ פראַגע צי ער איז אַ ייד, צי אַ פּאָליאַק, געענטפערט — אויך מיט חוזק — אַז אין זיינע אָדערן פליסט אַזוי פיל אַריש בלוט, פונקט וויפל ס'איז פאַראַן ייִדיש בלוט אין מצות.

***

צו דער טעמע ייִדן שרייבער אין דער פּוילישער ליטעראַטור וועט כדאַי זיין זיך אומקערן. דערווייל זאָל איצט דערמאָנט ווערן, אַז אין אויבן פון צווישן די היינטצייטיקע גרויסע פּוילישע דיכטער האָבן זיך געפונען באַלעסלאַוו לעשמיאַן און יוליאַן טווים. און ווי ס'וואָלט געווען אַ משונהדיקער קאַפּריז פון דער געשיכטע — זי איז געווינט, די געשיכטע, אָפּצוטאָן פאַרשידענע שפּיצלעך — איז נאָך קיינמאָל ווי היינט די צאָל פּוילישע שרייבער פון ייִדישער אָפּשטאַמונג נישט געווען אַזאַ באַדייטנדיקע. און נישט נאָר אין כמות. ס'זענען באַקאַנט אַזעלכע נעמען ווי דער טראַגיש־אומגעקומענער בעת דער אָקופּאַציע ברונאָ שולץ, ווי קאַזשימיערזש בראַנדיס, און מאַריאַן בראַנדיס, אַדאָלף רודניצקי, מיעטשיסלאַוו יאַסטרון, דער דערמאָנטער אַנטאָני סלאָנימסקי, אַדאַם וואַזשיק, די מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרשטאָרבענע דיכטער יעזשי לעץ, שפּיעוואַק און דער שרייבער אַנאַטאָל סטערן; נעבן די דיכטער און שרייבער פון עלטערן דור ווי וולאַדזשימיערזש סלאָבאָד־ניק, הענריק וואָגלער, זענען נאָך דער מלחמה אויפגעשטיגן אַזעלכע קריטיקער ווי יאַן קאָט, אַרטור סאַנדויער; דיכטער, ווי אַרטור מיענ־דזיזשעצקי, אַרנאָלד סלוצקי,* פּראָזאַיקער ווי יוזעף הען און דער ייִנגסטער צווישן זיי, דער טאַלאַנטירטער פּראָזאַיקער, אַן אָפּגעראַטע־וועט קינד פון היטלער־גיהנום — באָגדאַן וואָידאָווסקי. און מיט זיי איז די רשימה ווייט, ווייט נישט פאַרענדיקט.

איינער פון זיי איז יוליאַן סטריקאָווסקי. ער געהערט צו די

---

* אַרנאָלד סלוצקי האָט אין 1968 פאַרלאָזט פּוילן און נאָך עטלעכע יאָר געשטאָרבן.

— און זיי זענען נישט ווייניק — וועלכע זענען געקומען פון אַ טראַ־דיציאָנעלער יידישער היים, פונעם יידישן גאַליציע.

***

ער איז אַן אייגנאַרטיקער שרייבערישער טאַלאַנט. דורכגעמאַכט האָט סטריקאָווסקי אַ באַזונדערן שרייבערישן וועג. פאַראַן שרייבער, וועלכע קומען אין דער ליטעראַטור דירעקט, ווי זייער שרייבערישער גורל וואָלט געחתמעט געוואָרן באַלד פון אָנהויב; אַנדערע גאָר, ווען אפילו דורך אומוועגן, אַנטפּלעקן זיך מיט איין מאָל. יוליאַן סטרי־קאָווסקי איז געקומען אין דער ליטעראַטור לאַנגזאַם, מיט פּאַמעלעכע טריט. אָנגעהויבן האָט ער, אַ סברה, פון איבערזעצונג (אגב האָט ער געהאַט איבערגעזעצט סעלינס אַ בוך און דערנאָך, ווען דער פראַנצוי־זישער שרייבער האָט זיך אַפּישירט מיט זיין גיפטיקן אַנטיסעמיטיזם, האָט ער זיך נישט געקאָנט דאָס שענקען), פון זשורנאַליסטיק. דער־נאָך איז פון אַן אויפהאַלט אַלס קאָרעספּאָנדענט אין איטאַליע געבוירן געוואָרן ביי אים אַ בוך וועגן לעבן פון די דאָרטיקע פּויערים, „דער לויף קיין פראַגאַלאַ". (דאָס בוך איז איבערזעצט אין יידיש). נישט איינער פון די קריטיקער האָבן אין 1952 באַטראַכט סטריקאָווסקין פאַר אַ מחבר פון Unius libri. עס געשעט דאָך נישט זעלטן, אַז מען שרייבט אָן אַ בוך, אפילו אַ גוטס און מען בלייבט מחבר פון אַן איינציק בוך, בפרט ווען דער אָנהייב איז געמאַכט, בעת מען דערנענטערט זיך צו די פופציקער (סטריקאָווסקי איז געבוירן אין 1905).

יוליאַן סטריקאָווסקי האָט אָבער אָנגעהויבן אַלע מאָל מער איבער־ראַשן. קודם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז „דער לויף קיין פראַגאַלאַ" איז נישט דאָס ערשטע בוך זיינס. און באַרימט האָט אים געמאַכט טאַקע דאָס ערשטלינג-בוך „שטימען אין דער פינצטערניש", וואָס איז דערשי־נען 20 יאָר נאָך דעם, ווי דער מחבר האָט עס אָנגעשריבן. און ווייניק מס־תמא ווייסן, אַז „שטימען אין דער פינצטערניש", וואָס איז איבערגע־זעצט אין פיל שפּראַכן און געבראַכט סיי דעם מחבר, סיי דער פּויל־שער ליטעראַטור, אַ סך אָנזען, האָט סטריקאָווסקי געשריבן אין יידיש. באַלד נאָך דער מלחמה; יש אומרים, אַז נאָך בעת דער מלחמה. און ווער ווייסט וויפל גילגולים דאָס בוך איז דורכגעגאַנגען ביז ס'האָט

אין אַנדערשדיקן לשון און אפשר אויך מיט אַן אַנדערן אויסקלאַנג, דערזען די ליכטיקע שיין.

„שטימען אין דער פינצטערניש" איז, אַ סברה, געווען אַ מצבה זיין פאַרטיליקטער געבורט־שטאָט, אַ חוב, וואָס סטריקאָווסקי האָט באַגערט אָפּצוגעבן דעם פאַרשניטענעם פּוילישן יידנטום. גאָר אַ גרויסע צאָל פּוילישע שרייבער האָבן דעמאָלט אַזאַ חוב געפילט אויף זיך. יעדערער האָט אים אויף זיין אופן אָפּגעצאָלט, צום גרעסטן טייל, שילדערנדיק דעם יידישן חורבן. סטריקאָווסקי האָט אויפגעלעבט אַ יידיש גאַליציאַניש שטעטל אין זיינע דראַמאַטישע ווידעראַנאַנדן; דורך אַ יידישער משפחה האָט ער געשילדערט דאָס דעמאָלטיקע יידישע לעבן, דעם געראַנגל צווישן רעליגיעזן פאַנאַטיזם און די לאָקערנדיקע שטימען פון דער דרויסנדיקער וועלט, צווישן איזאָלאַציע און די פּרוון זיך אַרויסצורייסן פון איר.

**
*

פאַראַן שרייבער ביי וועלכע די טעמאַטיק, דער סוזשעט איז געקניפּט און געבונדן מיט זייער קינסטלערישן מהות. ס'האָט ווער געהאָט געשריבן, אַז אויב קאָנראַד וואָלט זיך אָפּגעקערט פון ים, פון דער מזרח־וועלט און אירע איינזאַמע מענטשן, געשליידערטע קעגן ברוטאַלן גורל, וואָלט ער אויפגעהערט צו זיין דער גרויסער מייסטער, וואָס ער איז געווען. ווען מען פאָלגט נאָך למשל אַדאָלף רודניצקי, דערזעט מען בפירוש, אַז ווי גיך דער־אָט טאַלאַנטירטער שרייבער פּרוווט אַוועקגיין פון דער יידישער טעמאַטיק, איז ווי ער וואָלט זיך דערפילט נישט אין גאַנצן ביי זיך, זיין שאַפונג ווערט דעמאָלט בלאַסער. אַ סברה, אַז אויך סטריקאָווסקי געהערט צו דעם מין שרייבער. ער זעט מיר אויס צו זיין געבונדן מיטן יידישן סוזשעט. אין באַנד דערציילונגען „דער אייגענער נאָמען", וואָס איז געקומען שפּעטער, האָט ער זיך ווידער איינגעטונקען אין גורלדיקע יידישע פּראָבלעמען, אַראָפּגעלאָזט אין זייערע טיפענישן און זיך אויפגעהויבן הויך.

אויף זיינס אַ בוך וואַרט מען פאַרהעלטניסמעסיק לאַנג. און ווען ס'איז דערשינען זיין ראָמאַן „די שוואַרצע רויז", וואָס האָט אַרויסגערופן אַ ביסל טומל און אַ סך קאָנטראָווערסיעס, האָט זיך געקאַנט אין פלוג אויסדוכטן, אַז סטריקאָווסקי גייט פאַרט אַוועק פון זיין אייגנטימלעכער טעמע. ער האָט זיך דאָס מאָל פאַרנומען אויף אַ גאָר אַ

ברייטן שליאַך — געגעבן אַ קווערשניט פון אַ שטורמישן פּעריאָד אין דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג, פון די סאָציאַלע און פּאָליטישע אויפבריזן אין לאַנד. לייענט מען אָבער אויפמערקזאַם, דערזעט מען וואָס פאַראַ באַדייטנד אָרט עס פאַרנעמען אויך אין דעם בוך יידיש לעבן, יידישע געשטאַלטן, יידישע גורלדיקייט.

דאָס בוך „אויסטעריא״ באַווייזט נאָך בולטער, אַז ווי סטריקאָווסקי זאָל נישט מאַכן אויף זיין שרייבערישן וועג קיין אומוועגן, קומט ער צוריק צום אויסגאַנג־פּונקט.

לאָמיר אָבער קודם בקיצור ווי מעגלעך זיך באַקענען מיטן אינ־האַלט:

אויסטעריא מיינט אַ קרעטשמע. אַ יידישע קרעטשמע, וואָס ליגט ערגעץ ביי אַ וועג הינטערן שטאָט און וואָס איז איבערגעגאַנגען בירו־שה צום דריטן דור. דער בעל־הבית פון דער קרעטשמע איז דער 70־יאָריקער טאַג, אַ ייד ביי די פולע כוחות נאָך און פאַרמאָגן פאַרמאָגט ער אויסער דער קרעטשמע אַ קלוגן יידישן קאָפּ און אַן עמפּינדלעך, אָפן האַרץ. אָבער נישט זיין יידישע חכמה און נישט זיין גוט האַרץ זענען בכוח צו פאַרמיידן דאָס, וואָס איז געשען.

מיר ווערן דאָ איבערגעטראָגן אין דער ערשטער וועלט-מלחמה, אין דער יידישער גאַליציע. דאָס עסטרייכישע מיליטער פון פראַנץ יאָזעף מוז אָפּטרעטן. די שטאָט דערוואַרט אין גרויס שרעק דאָס אָנ־קומען פון די צאַרישע קאָזאַקן. זיי וואַרפן אַן פחד פון דער ווייטנס, מענטשן געדענקען נאָך דעם קישיניעווער פּאָגראָם. וואָס טאָן? אַנט־לויפן צי וואַרטן אויפן אומבאַשטימטן גורל? עטלעכע משפחות קומען זוכן רעטונג אין אויסטעריאַ הינטער דער שטאָט. ס׳נעמט נישט לאַנג ווי עס באַווייזט זיך דאָ דער גימנאַזיסט בום מיט זיין הייס־געליבטער האַסיאַ, וועלכע ער ברענגט צו טראָגן אַ טויטע אויף די הענט. אַ קויל האָט זי דעריאָגט, ווען זיי זענען אַנטלאָפן פון שטאָט.

באַלד דערנאָך פאַרפאַרט אין אויסטעריא אַ חסידישער הויף, אַ צדיק באַגלייט פון זיינע חסידים, מיט די ווייבער און קינדער. די חסי־דים טוען זייערס, ווי ס׳וואָלט אויף דער וועלט גאָרנישט געשען. איצט שטעלט אייך פאָר די סצענע: אויף דער ערד ליגט אין איין צימער די דערהרגעטע גימנאַזיסטקע, בום האַקט זיך קאָפּ אין וואַנט, די שטאָט פון דער ווייטנס ברענט, מענטשן דערוואַרטן דאָ דאָס ערגסטע און די

חסידים פּראַוון חסידות מיט טענץ און געזאַנג, אַז דער דאַך הייבט זיך. קיין שום וואָרענישן פון אַלטן טאָג העלפן נישט. גאָט דינט מען מיט פרייד.

דערווייל האָט שמעון אין שטאָט דערהרגעט אַ קאַזאַק, וועלכער האָט זיך געוואָרפן אויף זיין שוועסטער. שמעון איז פאַרשוווּנדן. אויפן מאַרק שטייט שוין אַ תליה, אַרום איר די שענסטע בעלי־בתים פון שטאָט מיטן רב בראש; זייער גורל איז אָפּהענגיק פון דעם צי מען וועט שמעונען געפינען צי נישט. אנשטאָט אים געפינען די קאַזאַקן בור־מען, בעת דער אומגליקלעכער טראָגט זיין געליבטע צום בית־עולם; ער וויל זי אויך נאָכן טויט באַשיצן. בומען הענגט מען אויף אנשטאט שמעונען און ס׳וואָלט געווען דער סוף. דער אַלטער טאָג קאָן אָבער בשום אופן נישט רוען: בום איז אומשולדיק, דאָס טאָר נישט פאַר־שוויגן ווערן! ער מוז אויפווייזן פאַרן קאָמענדאַנט פון שטאָט זיין אומשולד, ער ווייסט, אַז ער שטעלט איין דאָס אייגענע לעבן און פאַרט לאָזט ער זיך אין שטאָט. דער קלוגער טאָג האָט זיכער געקענט דאָס יידישע פאָלקס־ווערטל: „גיי זוך יושר ביי אַ קאַזאַק" און פאַרט וויל ער עס טאָן, אַן אינערלעכער מוז צווינגט אים דערצו.

*****

לייענער — און צומאָל קריטיקער — האָבן „אויסטעריא" אויפ־גענומען ווי אַ פאַרזעצונג פון די „שטימען אין דער פינצטערניש", לכל הפחות ווי צווייטע פאַראַלעלע ביכער. און אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס אמת: סטריקאָווסקי האָט זיך אומגעקערט צו די זעלבע מקורות פון וואַ־נען ער האָט גענומען דעם ליטעראַרישן שטאָף צו זיין ערשט ווערק — די יידישע סביבה, דאָס אָרט, די אומגעפער זעלבע צייט, דאָ און דאָרט האָט די שוועסטער פון הויפּט־העלד איבערגעריסן מיט דער יידישער סביבה דורך שמד. און דאָך האָט דער מחבר מיט יעדן בוך באַזונדער אַריינגעבראַכט אַן אַנדערן ליטעראַרישן טאָן אין דער פּוי־לישער ליטעראַטור. פון זעלבן שטאָף האָט סטריקאָווסקי אין זיין ערשטן בוך אויסגעשפּינט אַן עפּישע וויזיע, אין „אויסטעריא" דאַקעגן — אַ דראַמאַטישע.

*****

אין דער ליטעראַרישער וועלט האָלט מען נאָך אין איין רעדן וועגן קריזיס פון ראָמאַן; ער האָט זיך אָפּגעלעבט — פאַרזיכערט מען אונדז. אין דער אמתן ענדערט דער ראָמאַן בלויז זיין פאָרם, זיין „טעכ-ניק״. נישט דער ראָמאַן פאַרשווינדט, נאָר די עפּיק פאַרשווינדט אָפּט. און ווען מיר זאָגן עפּיק מיינען מיר נישט נאָר איר פאָרם פון ברייטער דערציילערישקייט, פון שילדערן די אויסערלעכע וועלט, נאָר אויך איר גייסט, דאָס קוקן פון אַ זייט מיט גרויסמוטיקער איראָניע, ווי עס האָט געהאַט געשריבן וועגן דעם טאָמאַס מאַן.

פון דעם שטאַנדפּונקט איז „אויסטעריאַ״ אין דעם נייעם זשאַנער אָריגינעל. סטריקאָווסקי האָט אויך געהאַט געשריבן אַ דראַמע — „סדום״. „אויסטעריאַ״ אָטעמט ממש מיט די דאָזיקע עלעמענטן: גע-פּרעסטקייט, קאָנדענסירטקייט; קאָמפּאָזיציאָנעל דערמאָנט זי אין אַ קלאַסישער דראַמע, געבויט לויט אַריסטאָטעלישע כללים: איינהייט פון אָרט און צייט. די געשעענישן דויערן בלויז איין נאַכט, די הויפּט־סצע-נע, וווּ עס שפּילן זיך אָפּ די געשעענישן, איז די קרעטשמע; וואָס ס׳קומט פאָר אין שטאָט דערוויסן מיר זיך דורך די קלאַנגען, וואָס דער-גייען, דער עיקר דורכן גלח, וועלכער דערשיינט פאַרן אַלטן טאַג אי ווי אַ גוטער מלאך, אַ רעטער, אי ווי אַ בייזער שאָטן, וואָס האָט אים, ווי זיין שוועסטער, געוואָלט אָפּרייסן פון זיין שטאַם.

אַלץ איז מיט אַלעמען אין צוזאַמענשטויס, אין ווידערשפּרוך. די יידישע עדה איז פול מיט דראַמאַטישער צעריסנקייט, עס פאַראייניקט זיי די שרעק, די געפאַר, וואָס יעדערער לעבט איבער אויף זיין אייגענעם אופן. אפילו די חסידישע עדה, אַזאַ אָפּגעזונדערטע, אָפּגעשלאָ-סענע וועלט, איז נישט קיין האַרמאָניש־איינהייטלעכע. יעדערער דינט גאָט אויף זיין אייגענעם אופן, כאָטש זיי טאַנצן און שפּרינגען אַלע צוזאַמען; אויך דאָ איז אַלץ אין ווידערשפּרוך, אפילו גאָט מיט זיך גופא. ער, וואָס לייגט אַרויף אויפן מענטש אַזוי פיל שטרענגע פאַר-באָטן, גיט אַ הכשר זיך משמח צו זיין, ווען עס ליגט אַ מת, ווייל מיט פרייד דאַרף מען אים דינען.

די ווידערשפּרוכן, דער מענטשלעכער טראַגיזם, די דראַמאַטישע שפּאַנונג זענען בעיקר פאַרקערפּערט אין 70־יאָריקן טאַג. נאָך לאַנגע לעבנס־דערפאַרונגען דערפילט ער ערשט איצט די דיסהאַרמאָניע און דאָס אַבסורדאַלע פון דער וועלט, פון לעבן, דעם טראַגיזם פון דער

עלטער. זיין כסדרדיקער דיאַלאָג מיט גאָט, מיט זיך גופא, וואָס איז אייגנטלעך אַ שטומער מאָנאָלאָג, דערמאָנען אונדז אַזוי שטאַרק אונ־דזערע אייגענע ראַנגלענישן און ווידעראַנאַנדן. טאָג האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין גאָט. ער וואָלט יאָ געוואָלט גלויבן, מען דאַרף דאָך אין עפּעס גלויבן און גלויבט פּאָרט מער נישט. אָבער חשבונות פירט ער מיט אים אומאויפהערלעך. וואָס ווייסט ער, מ׳שטיינס געזאָגט, גאָט וועגן מענטש? „דו ביסט אומשטערבלעך, ביסט אין גאַנצן גייסט, וואָס קענסטו וויסן וועגן שטערבלעכן בן־אדם? וואָלסט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ ביסל מענטשלעך לייב, אַריינגענומען אין זיך מענטשלעך בלוט, וואָלסטו אפשר דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז טראָגן אין זיך אַ גאַנץ לעבן טויט און די כסדר אַנקומענדיקע עלטער, באַדייט שוין נישט האָבן וואָס צו פאַרלירן...". „... און צו וואָס האָסטו בכלל באַשאַפן די וועלט? כדי דעם מענטשן צו דערגיין די יאָרן?".

זענען עס בלויז איובס חשבונות וועגן טראַגיזם פון מענטשלעכן לעבן? פאַר טאָגן איז דאָס אַן אויסגאַנגס־פּונקט צו יידישער טראַגיק, צו דעם יידישן שיקזאַל. אַן איוב־פאָלק, וואָס ווערט ביי אַלע אומ־שטענדן געלייגט אויפן וואָג־שאָל. די חשבונות זענען נישט בלויז מיט גאָט, נאָר מיט דער וועלט. ער פילט דאָך אַזוי שטאַרק, טאָג, ווי „איין איינציקע נאַכט קאָן איבערדרייען דעם גאַנצן סדר פון אונדזער לעבן". און ווי טיף קלינגען אָפּ נאָך היינט זיינע ווערטער: „פאַרוואָס מוזן מיר כסדר אַזוי טייער צאָלן?". „ווער עס וויל קאָן אַריינגיין אין אונדזער הויז, קאָן אונדז דערהרגענען, פאַרגוואַלטיקן".

און פאָרט איז אין אַלטן ייד איינגעוואָרצלט דער טיפער יידישער בטחון. אין דער אויסוועגלאָזיקייט, זעט ער פאָרט אַן אויסוועג; און דאָס איז דערוויל „צו ראַטעווען וואָס מ׳קאָן, און אַלץ איז דערלויבט, כדי צו ראַטעווען עמעצנס לעבן". און אויך אַ טרייסט געפינען מיר ביי אים: „מענטשלעכע ווילדקייט פאַרשווינדט טראָץ אַלעמען, ווייל וואָס פאַרא ווערט וואָלט געהאַט די וועלט, אויב די מענטשלעכע ווילדקייט וואָלט נישט פאַרשווונדן?".

עס וואָלט אָבער געווען אַ צו פאַרמעלע טרייסט, אַ גאָר בלאָסער שטראַל אין אַזעלכע שוואַרצע נעכט, באַלויכטענע דורך פלאַמען פון ברענענדיקע יידישע הייזער. דערפאַר אפשר האָט סטריקאָווסקי ביים סוף, מיטן קלוגן און מסירת־נפשדיקן טאָג מיטגעשיקט דעם נאָבעלן

גלח.ביידע לאָזן זיך אין שטאָט, כדי אויסצושרייען פאַר דער מאַכט פון רישעות בומס אומשולד.

הלוואי אויף היינט געזאָגט געוואָרן!

אַ שאָד, וואָס אין אַזאַ בוך איז די חסידישע עדה, זייערע תנועות און הוויות געשילדערט מיט אַ ספּעציפישן נאַטוראַליזם. ווי שוין דער־מאָנט, געשעט עס אָפט, אַז שרייבער פון יידישער אָפּשטאַמונג, ווען זיי נעמען זיך צו שילדערן דאָס יידישע לעבן, וואָס איז זיי צום גרעסטן טייל פרעמד, טראָגן זיי אונטער דעם נישט יידישן לייענער אַ נישט געשמאַקע פּאַרציע עקזאָטיק. סטריקאָווסקי געהערט נישט צו דעם מין שרייבער. פונדעסטוועגן האָט מיך די נאַטוראַליסטישע שיל־דערונג פון חסידישן ציבור שטאַרק שאָקירט. און אפשר זענען מיר צוליב די יידישע צרות צו עמפּינדלעך?

וואַרשע 1967

דאָס יידישע פאָלקס-ליד אין דער פוילישער איבערזעצונג

(וועגן דער אַנטאָלאָגיע „ראָזשינקעס און מאַנדלען")

„מיר זענען אַ פאָלק וואָס זינגען לידער
מיר זינגען לידער פון זיך אליין
נעמט אייך צונויף שוועסטער און ברידער
גיט איינס דעם צווייטן צו פאַרשטיין"...

ס'איז נישט באַקאַנט ווען און ווו דער אַנאָנימער פאָלקס־זינגער, אָדער פאָלקס־דיכטער, צי גאָר אפשר טרובאַדור, האָט געשאַפן זיין ליד, וואָס געפינט זיך אין אַן אַלטער יידיש־סאָוועטישער פאָלקלאָר־זאַמלונג און פון וועלכן מיר ברענגען דאָ די ערשטע סטראָפע. אָבער ווען און ווו ער זאָל נישט האָבן געלעבט, האָט ער אין זיינע גאָר פרימיטיווע פערזן אויסגעדריקט אַ טיפן אמת. יאָ, מיר זענען אַ פאָלק, וואָס דיכטעט און זינגט אייביק, אונטער אַלע אומשטענדן. אפילו אין די געטאָס און אין די טויט־לאַגערן האָבן די יידישע אנוסים, נישט נאָר דיכטער, נאָר אויך פשוטע מענטשן פאַרפאַסט פערזן און געזונגען אי בייע אי אַלטע לידער.

מקדמונים האָט דאָס יידישע דיכטערישע וואָרט, אָדער דאָס פשוטע געגראַמטע וואָרט זיך צוזאַמענגעשפינט מיט יידישע ניגונים און כלערליי מעלאָדיעס. האָט זיך במשך פון לאַנגע דורות אַנגעזאַמלט אַ ריזיקער פאַרמעגן פון פאָלקס־לידער פון פאַרשידענעם אַרט און זשאַנער.

***

ס'קומט אויס זיך צו באַגעגענען מיטן צונויפפאַרן דאָס פאָלקס־ליד

מיטן אַנאָנימען מחבר. און בדרך כלל באַצייכנט מען אַ פאָלקס־ליד ווי אַן אַנאָנימע שאַפונג. די באַצייכענונג איז מסתמא אַ צו שמאָלע. ס׳קאָן אויך אַריינפירן אין אַ טעות. די שפּעטערישע ספערע איז דאָ אַ ברייטע און גאָר פאַרשידנאַרטיקע און אַריינפּאַסן זי אין ענגע ראַמען פון באַ־צייכענונגען לאָזט זיך נישט.

פאָלקס־לידער האָבן פאַרפאַסט פּשוטע מענטשן, אָפטמאָל זייער פּרימיטיווע, און פאָלקס־לידער האָבן געשריבן פּראָפעסיאָנעלע שריי־בער, באַרימטע און ווייניקער באַרימטע. טײלמאָל האָט דאָס פאָלקס־ליד פון אַן אָנגעזעענעם שרייבער אַזוי ענג זיך באַהאַפטן מיטן פאָלק, איז אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין דער פאָלקס־נשמה, אַז דער מחבר איז פאַרגעסן געוואָרן. זיין ליד האָט זיך פונאַנדערגעזונגען און פונאַנדער־געקלונגען אין מויל פון פאָלק ווי זיינע אַן אייגענע שאַפונג. אַזוי איז געשען מיט מ. מ. וואַרשאַווסקיס „אויפן פּריפּעטשיק״, טײלווייז מיט שניאורס „מאַרגעריטקעלעך״ אָדער אפילו מיט רייזענס „צום העמערל״.

ס׳האָט אויך געקאָנט געשען, אַז אַ פאָלקס־ליד פון אַ באַקאַנטן שריי־בער, וועלכער האָט זיין שאַפונג געשליפן און געפיילט ביז ער האָט געמאַכט דערפון אַ דימענט, זאָל טעמאַטיש און צומאָל אין אויסקלאַנג דערמאָנען אַ פאָלקס־ליד פון אַן אַנאָנימען מחבר, אין אַ ליד, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן, ווי מ׳איז געוווינט צו זאָגן. ווייל ביידע, סיי דער עכטער שרייבער, סיי דער אַנאָנימער, פּרימיטיווער מחבר האָבן געשעפּט פון זעלבן קוואַל — פון פאָלק, פון זיינע ליידן און פריידן, פון זיינע שווערע נסיונות און דערהויבנקייט.

ברייט אַן אַ שיעור איז די טעמאַטיק פון יידישן פאָלקס־ליד און עס קלאַפּט שטענדיק אַן אין סטרונעס פון מענטשלעכן און יידישן האַרץ. אָנהייבנדיק פון וויג־לידער אין וועלכע די יידישע מאַמע האָט אַריינגע־וועבט מיט אַזוי פיל חן איר האַרץ, איר ליבשאַפט און צער, ביז ליבע־לידער, און לידער פון אָרעמשאַפט, שווערער נויט, נגידישקייט, פון בענקשאַפט, אומעט און טרוים, בונטאַרישקייט, קעמפערישקייט און האָ־פענונג — אין זיי אַלע גייט דורך אַ ברייטע גאַמע פון געפילן, עמאָ־ציעס, מחשבות אין פאַרשידנאַרטיקע טאָנאַציעס און קאָלאָריטן. הייַנט די נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע און חסידישע פאָלקס־לידער אין זייערע פאַר־שידענע וואַריאַנטן און רייכקייט פון מעלאָדיעס. ביי אַנדערע פעלקער

וואָלט מען פֿון אַזאַ פֿאַרבן־רייכן וואָקאַליש־מוזיקאַלישן פֿאָלקלאָר גע־שאַפֿן נישט איין סימפֿאָניע, נישט איין אָפּערע.

***

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז אַזוי ווי יידישע פֿאָלקס־לידער זענען געבוירן געוואָרן. אַט למשל ווערט דערציילט, אַז ר׳ לוי יצחק בער־דיטשעווער פֿלעגט זיינע ניגונים צוזאַמען מיט די שירים אויסטריליען, ער פֿלעגט „זינגען לידער פֿון זיך אַליין״, ווי מיר לייענען דאָס אין אויבן ציטירטן פּערז פֿון אַנאָנימען מחבר. דערנאָך ערשט האָבן זיך געפֿונען בעלנים, וואָס האָבן זיי פֿאַרשריבן.

דער באַשיידענער פּראָווינצער אַדוואָקאַט מאַרק מאַרקאָוויטש־וואַרשאַווסקי האָט זיך אויך קיינמאָל נישט אָוועקגעזעצט אויפֿשרייבן אַ ליד. ער האָט צומאָל נישט געטראַכט צו שרייבן לידער. אים האָט זיך אויך געזונגען פֿון זיך אַליין, אויפֿן מאָדערנעם לשון וועלן מיר זאָגן, אַז ער האָט אימפּראָוויזירט, האָט אויסגעזונגען ווערטער, סטראָפֿן. ערשט אַ דאַנק שלום־עליכמען, וועלכער איז פֿאַרכאַפּט געווען פֿון די „וואָנ־דערנדיקע״ אימפּראָוויזאַציעס, האָט מען צונויפֿגעקליבן, אויסאָרטירט, פֿאַרשריבן און אַרויסגעגעבן וואַרשאַווסקיס לידער.

דער קראָקעווער סטאָליאַר מרדכי געבירטיג, דער גאָט־געבענטש־טער פֿאָלקס־דיכטער, האָט קאָמפּאָנירט ביים סטאָליאַרישן וואַרשטאַט. נאָכן פֿאַרצייכענען דאָס ליד אין זכרון, האָט ער עס אויפֿגעשריבן אויפֿן פּאַפּיר און אָנגעהויבן צופּאַסן אַ מעלאָדיע. געבירטיג האָט קיינמאָל נישט געלערנט קיין מוזיק און, ווי זיינער אַ פֿריינד האָט מיר איבערגע־געבן, האָט ער קיין שום אַנונג נישט געהאַט וועגן מוזיק־נאָטן. אין אים האָט אָבער צוזאַמען מיטן דיכטערישן וואָרט געריזלט אַ שלל מיט ניגונים. דער פּערז און די מעלאָדיע האָבן זיך ביי אים צוזאַמענגע־גאָסן.

און ביי וואָסערע אומשטענדן האָט מען אַלץ נישט געשריבן ביי אונדז לידער! ס׳איז זיך משער צו זיין, אַז אונדזער פֿאָלקס־דיכטערי־שער פֿאַרמעגן איז נאָך ווי געהעריק נישט אָפּגעשאַצט. הגם ס׳זענען שוין פֿאַראַן אַ סך זאַמלונגען, איז נאָך מסתמא אַלץ נישט צונויפֿגע־קליבן געוואָרן. אין דער ביבליאָטעק פֿון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע איז פֿאַראַן אַ דיקער באַנד איינגעבונדענע העפֿטן מיט אַ

שטעמפּל פון דער אַמאָליקער צענטראַלער יידישער ביבליאָטעק אין פּוילן אין וועלכן ס'זענען פאַרשריבן מיט אַ פּערלדיקער שריפט קרוב 200 פאָלקס־לידער, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע. לייענענדיק, האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס האָט אַ פאָלקלאָריסט, אָדער סתם אַ ליבהאָ־בער פון פאָלקס־ליד, צונויפגעקליבן זיי און געגרייט אַ גרויסע זאַמ־לונג. די פאַרשריבענע לידער פאַרנעמען בלויז אַ נישט גרויסן טייל בלעטלעך, די איבעריקע זענען פאַרבליבן ליידיק... ווער ווייסט וואָס מיט יענעם פאָלקלאָר־זאַמלער איז געשען?

וועגן אָט־דעם גרויסן שעפערישן פאַרמעגן אונדזערן ווייסט מען גאָר ווייניק מחוץ דער יידישער סביבה. אויב אונדזער ליטעראַטור איז ווייניק באַקאַנט צווישן די אומות העולם — און אפשר נאָך ווייניקער דאָ אין פּוילן — איז אונדזער פאָלקס־ליד אין גאַנצן אָדער כמעט אומ־באַקאַנט אויף דער פּוילישער ערד, ווו ס'רוב פון די לידער זענען געשאַפן און געזונגען געוואָרן.

איבער טויזנט יאָר לעבן יידן און פּאָליאַקן אונטער איין דאַך — אונטערן זעלבן הימל, אָטעמען מיט דער זעלבער לופט. איבער טויזנט יאָר האָבן יידן געשאַפן צווישן זייערע נישט יידישע שכנים גרויסע ליטעראַרישע ווערק. וואָס ווייסן פּאָליאַקן, אפילו די אויבערשטע שיכטן, די אינטעליגענץ, וועגן אונדזערע שאַפונגען? ווייניק, גאָר ווייניק איז איבערגעזעצט געוואָרן און אַ ספק איז צי דאָס ווייניקע דערגייט צום לייענער. אָבער דער יידישער ניגון, וואָס דער יידישער מענטש האָט ביי זיך אין שטוב, ביי דער אַרבעט, שטענדיק געטריליעט איז מסתמא יאָ דערגאַנגען צו די אויערן פון פּוילישן שכן. דער יידישער בעל־מלאכה, דער שניידער ביי דער ניי־מאַשין, אָדער ציענדיק דעם נאָדל־פאָדעם, דער שוסטער קלאַפּנדיק מיטן האַמערל, האָט זיך שטענדיק אונטער־געזונגען, שוין אָפּגערעדט פון זמירות־געזאַנג בעת שבתים און יום־טובים. וואָס האָט דער נישט יידישער שכן געוווסט וועגן די אויסגע־זונגענע ווערטער?

דער פּוילישער דיכטער יעזשי פיצאָווסקי האָט געוואָלט אויספילן דעם בלויז און אויך דורכן פאָלקס־ליד שאַפן אַ דערנענטערונג, פאַר־ריכטן די אָפּגעפרעמדקייט. און איך באַטאָן דאָס וואָרט פאַרריכטן, ווייל פיצאָווסקי האָט די אַנטאָלאָגיע פון יידישע פאָלקס־לידער, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן, איבערזעצט אין דער פּוילישער שפּראַך און גע־

קרוינט מיטן נאָמען „ראָזשינקעס און מאַנדלען", געמאַכט מיטן באַוווסטזיין אָפּצוגעבן אַ חוב.

*****

דער דיכטער פּיצאָווסקי האָט זיך אויסער מיט זיין דיכטערישער שאַפונג, באַקאַנט געמאַכט מיט זיינע ביכער וועגן ציגיינער, וועלכע זענען פאַראַן אין אַ היפּשער צאָל אין פּוילן. אויף זיין חשבון האָט ער אַ בוך „די פּוילישע ציגיינער", אַ זאַמלונג פאָלקלאָר „פּאַפּוסי־לידער" און אין גיכן דאַרף דערשיינען אַ היסטאָריש בוך וועגן ציגיינער־לעבן.

כ'האָב אַמאָל געמיינט — און נישט נאָר איך — אַז דער דיכטער שטאַמט פון ציגיינער. „איינע האַלטן מיך פאַר אַ ציגיינער, אַנדערע — פאַר אַ ייד", האָט ער מיר געזאָגט. אויף מיין פראַגע, וואָס ס'האָט אים דאָך געשטויסן אַזוי פיל זיך אָפּצוגעבן מיט דער ציגיינער־טעמע, האָט ער געענטפערט: „די אָקופּאַציע, דער לאַגער, כ'האָב געזען ווי אַזוי מ'האָט זיי אויסגעראָטן".

פּיצאָווסקי האָט מיר אויך לאַנג און ברייט דערציילט ווי אַזוי ס'איז דערגאַנגען ער זאָל זיך פאַרנעמען מיטן יידישן פאָלקס־ליד. ער האָט פאַר דער מלחמה געלעבט אין אַ יידיש שטעטל, געהאָדעוועט זיך צווישן יידישן קליינוואַרג. שוין ווי אַ יינגל, איז ער באַגייסטערט געווען פון יידישע לידער, פון די מעלאָדיעס. ער פלעגט אויפכאַפּן נישט נאָר דעם קלאַנג, נאָר אויך דאָס וואָרט. די שחיטה איבערן פּוילישן יידנטום האָט אים דערשיטערט. נאָך דער מלחמה האָט ער אָנגעשריבן אַ רירנדיק ליד, „די גרויסע וואָך", געווידמעט די פּאַרטיזאַנערקע. לזכרון די אומגעקומענע יידן האָט ער אויך פאַרפאַסט אַ בריוו־פּאָעמע לכבוד שאַגאַלן.

צו דער אַנטאָלאָגיע פון יידישן פאָלקס־ליד האָט ער זיך גענומען מיט אַ סך יאָרן צוריק. ס'איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע. אויב ציגיינעריש האָט זיך דער דיכטער אויסגעלערנט צווישן די ציגיינער בעת דער אָקופּאַציע, איז יידיש אים פאַרבליבן אין זכרון, ווי אַן אָפּקלאַנג פון דער יידישער גאַס. ער פאַרשטייט, אָבער לייענט נישט און געמוזט אָנקומען מ'זאָל אים אַרויסהעלפן מיט אַ וואָרטלעכער איבערזעצונג, אָדער אים איבערשרייבן אין דער פּוילישער טראַנסקריפּציע. ס'האָט זיך לאַנג פאַרצויגן און פּיצאָווסקי האָט מיר דער־

ציילט, אַז פון די בריוו און די שמועסן אַרום דער אַנטאָלאָגיע, וואָלט מען געקאָנט אַרויסגעבן אַ בוך. און אַ שאָד וואָס ער האָט נישט געהאַט די נויטיקע מיטאַרבעטער און ראַטגעבער.

***

אין דער אַנטאָלאָגיע גייען אַריין 98 פאָלקס - לידער, איינגעטיילט אין 6 טיילן: ליבע־לידער, לידער וועגן רעקרוטן, וועגן שטייגער און לעבנס־פילאָזאָפיע וועגן אַרבעט און נויט, סאַטירע און וויץ.

ס׳איז קענטיק, אַז פּיצאָווסקי האָט זיין אַרבעט געמאַכט מיט פּיע־טעט און אַריינגעלייגט אין איר אַ סך שעפערישע כוחות. כ׳וועל גאָר־נישט מחדש זיין, ווען איך וועל זאָגן, אַז אויב דיכטונג איז בכלל שווער איבערצוזעצן, ס׳קומט אויס גיכער איבערצודיכטן, געהערט פאָלק־לאָר צו דעם שווערסטן זשאַנער פאַרן איבערזעצער. נאָך שווערער איז איבערצוזעצן יידישן פאָלקלאָר. יידישע ליטעראַרישע שאַפונגען זענען כלל נישט פון די לייכטע זאַכן איבערצוגיסן אין אַ פרעמדער שפּראַך־כלי. אונדזער בידנע לשון איז אַזוי רייך, אַז אין די רייכסטע לשונות איז שווער איבערצוזעצן מענדעלען, שלום - עליכמען און אוו־דאי שוין פרצן. אפנים די רייכקייט און טיפקייט פון אַ שפּראַך מעסט זיך נישט בלויז מיטן וואָרט־אוצר, נאָר אויך מיטן גייסט, מיט דער טיפ־קייט פון דער פאָלקס -נשמה, מיט אירע צאַפּלענישן און מיטן רייכן און אייגנאַרטיקן אינערלעכן לעבן. און די וואָס מאַכן אַזוי לייכט און מיט אַזאַ ביטל אַוועק מיט דער האַנט אונדזער יידיש לשון, מעגן זיך דערויף פאַרטראַכטן.

בקיצור, נישט לייכט איבערצוזעצן דאָס יידישע פאָלקס־ליד און פאָלקלאָר בכלל. און מיר דוכט זיך, אַז אפילו ביי דער בעסטער אי־בערזעצונג איז נישט מעגלעך ס׳זאָל זיך נישט פאַרלירן עפּעס אַ חנדל, אַ קנייטש, אַ בויג. איבעריקנס, פאַרלירט זיך עפּעס וואָס ביי יעטוועדער איבערזעצונג. פּיצאָווסקין איז אָבער געלונגען איינצוהאַלטן דעם מאַק־סימום פאָעטישקייט, דעם יידישן חן און רייץ. דערביי איז אים געלונ־גען — און זעט אויס, אַז ס׳איז אים געגאַנגען אין דעם — צו האַלטן זיך געטריי ביי דעם אָריגינעלן טעקסט, וואָס איז, ווי שוין געזאָגט, נישט לייכט ביי דיכטונג. צוממיינסטן געלונגען, דוכט זיך מיר, זענען אַרויס־געקומען די וויג־לידער. „אונטערן קינדס וויגעלע שטייט אַ גאָלדענע

ציגעלע״, „שלאָף מיין קינד״ און ענלעכע לידער קלינגען אין פּויליש עכט מוזיקאַליש־דיכטעריש, מאַמיש־האַרציק. ווי אַן עכטער דיכטער און געניטער איבערזעצער פון פאָלקלאָר האָט פּיצאָווסקי אויסגעכי־שופּט אין דער פּוילישער שפּראַך דאָס יידיש־וויציקע, דאָס שפּילעוו־דיקע און אויך איבערגעגעבן דעם יידישן אומעט און וויי, דאָס ווייגען דורך געלעכטער.

נישט אַלץ איז אים אָבער געלונגען. אַט למשל פּאַרלירט די קראַפט דער טיפער צער און דער ברוגזנדיקער רעוואָלט ביי לוי יצחק פון בערדיטשעוו בעת ער ווענדט זיך מיט זיינע טענות צו גאָט. די שפּילעוודיקייט און טיפזיניקייט פון „קום אַהער, דו פילאָזאָף״, „אוי האָט ער געדאַוונט״, „נסים, נסים״ ווערן פאַרנעפּלט. ס׳בלייבט צייטנ־וויז די סאַטירע, אין בעסטן פאַל אַ גוטמוטיקע איראָניע. דאָס זעלבע וואָלט איך געזאָגט וועגן פיל לידער וועגן צדיקים, רביים, חסי־דים. עס האַנדלט זיך נישט בלויז אין די שוועריקייטן פון איבערזעצן. די שולד ליגט אויך אין אָפּקלייב.

פּיצאָווסקי שרייבט אין זיין קורצער הקדמה, אַז די אַנטאָלאָגיע איז דער ערשטער פּרווו צו געבן דעם פּוילישן לייענער אַ פאַרשטעלונג וועגן פאָלקס־ליד פונעם פאַרשניטענעם פּוילישן יידנטום. דערפאַר טאַקע, האָט מען געדאַרפט איבערקלייבן. אַזעלכע לידער ווי אַ „חסידל״, „שאַ שטיל, דער רבי גייט״, אָדער אפילו אַזאַ ליד וועגן יידישער אָרעמשאַפט ווי „לחם, בשר, דגים, ומטעמים״, אייניקע לידער וועגן צדיקים און רביים, האָבן געמעגט נישט אַריינגיין און דאָס נישט נאָר ווייל זיי זענען זייער שווער איבערצוזעצן — אגב לייענט זיך „דער רבי אלי מלך״ שפּילעוודיק־זינגענדיק — נאָר ווייל צופיל עקזאָטיש פאַר פּוילישן לייענער, בפרט ווען ס׳איז נישטאָ קיין נאָטן; אָן דער מעלאָדיע, אָן דעם האַרציקן ניגון ריזיקירט דאָס צו פאַרבלייבן טרוי־קענע עקזאָטיק. מער ווי אומעטום, דאַרף מען אין פּוילן אין אויג האָבן דעם לייענער, וועלכער קען דאָס יידישע לעבן פון אַמאָל ספּעציפיש־איינזייטיק, אָדער קען עס אין גאַנצן נישט.

די זעלבע באַמערקונג האָב איך געמאַכט בעת ס׳איז דערשינען די זאַמלונג „יידישע חכמות״ פון אַלעקסאַנדער דראָזשדזשינסקי. דאָס קליינע ביכעלע פאַרמאָגט טאַקע אַ סך שיינע און קלוגע יידישע חכמות; אין די בוכהאַנדלונגען איז עס „פאַרצוקערט״ געוואָרן, געגאַנגען פון

האַנט צו האַנט, ווייל מ'האָט עס שוין נישט געקאָנט באַקומען. און מיר דוכט זיך, אַז דער דורכשניטלעכער פּוילישער לייענער האָט זיך צוממיינסטן „פּאַסמאַקעוועט" מיט די, צום גליק ווייניקע, נישט גע־שמאַקע וויצן און אַנעקדאָטן ווי למשל „דעפּאָזיט" אין וועלכן דער רב פֿון שטעטל ווייזט, אַז אַלע קהל־מענטשן זענען שווינדלער. ס'איז שיין דערציילט אָבער זייער געשמאַקלאָז... ביי פּיצאָווסקין וועט איר עפּעס ענלעכעס נישט געפֿינען, פֿאַרקערט, דאָס גייסטיקע איז שטענדיק אין אויבנאָן. און פֿאַרט האָט מען זיך דאָ געקאָנט באַגיין אָן געוויסע פֿאָלקס־לידער.

און נאָך אַ קליינע באַמערקונג: אין דער אַנטאָלאָגיע געפֿינען זיך זייט ביי זייט לידער פֿון אַנאָנימע מחברים און פֿאָלקס־לידער פֿון אַזעל־כע שרייבער ווי י. ל. פּרץ, זלמן שניאור, אברהם רייזען, מאָריס ראָ־זענפֿעלד, פּרוג, קולבאַק, נאַדיר, מאַנגער. וואָלט גלייך געווען, אַז זיי־ערע שאַפֿונגען זאָלן זיין אונטערגעצייכנט. אמת, אין זיין פֿאָרוואָרט דערמאָנט שלמה לאַסטיק וועגן זיי, אָבער דער לייענער וועט יעדעס מאָל נישט גיין קוקן אין פֿאָרוואָרט. לכל הפּחות האָבן די באַקאַנטע מחברים געדאַרפֿט זיין אויסגערעכנט אין דער רשימה ביי די אָנגע־געבענע לידער. ס'וואָלט אויך גוט געווען, ווען מען וואָלט וועגן זיי עפּעס וואָס דערציילט אין די קורצע הערות. ס'איז נישט ווייניקער וויכטיק צו דערמאָנען ווער ס'איז געווען פּרץ אָדער רייזען, ווי אויפֿ־צוקלערן וואָס עס באַדייט דאָס וואָרט קוגל אָדער שבת. אגב ווערט געזאָגט, אַז שבת איז „דער זעקסטער טאָג אין דער וואָך". און וואָס שייך קוגל, האָט מען אפֿשר דאָס מאכל געגעסן אין שטעטל פֿון דעם יידישן ספּעץ, וועלכער האָט געמאַכט די הערות, אַלס „דעסערט אין די יום־טובדיקע טעג", אָבער בכלל איז דאָס אָנגענומען פֿאַר אַ שבת דיק עסן. איך וואָלט זיך צו אַזעלכע קלייניקייטן נישט „געטשעפּעט", ווען ס'וואָלטן אין די הערות געבראַכט געוואָרן וויכטיקע און נויטיקע אויפֿקלערונגען. און ס'איז זיך צו וווּנדערן וואָס אַ געוועזענער יידישער לערער און קענער פֿון יידישער ליטעראַטור ווי לאַסטיק האָט דורכגע־לאָזט בלויזן.

אין סך הכל: טראָץ די אַלע קליינע באַוואָרענישן, איז די אַנטאָ־לאָגיע פֿון יידישן פֿאָלקס־ליד אין דער פּוילישער שפּראַך אַ גרויסער אויפֿטו פֿון דיכטער יעזשי פּיצאָווסקי. ווי ס'איז מיר באַקאַנט פֿאַר־

לילי בערגער

מעסט זיך איצט דער פוילישער דיכטער פּיצאָווסקי אויף אַן אַנטאָלאָ־גיע פון יידישן פאָלקס־ליד אין די געטאָס און לאַגערן״. *

די אַנטאָלאָגיע „ראָזשינקעס און מאַנדלען״ וועט, זאָל מען האָפן, פאַרוואָרפן די ערשטע בריק צווישן יידישן פאָלקס־ליד און דעם פּוי־לישן לייענער־עולם. די זאַכלעכע און גוט־געפּאַסטע הקדמה פון שלמה לאַסטיק פירט דעם פוילישן לייענער אַריין אין דער פּראָבלעמאַטיק. די פיין געצייכנטע הילע און די טרעפלעכע, חנעוודיקע צייכענונגען פון וואַנדאַ פּיצאָווסקאַ באַשיינען דאָס בוך.

וואַרשע, יאַנואַר 1967

---

* דער שפּעטערדיקער ווילדער אָנגריף קעגן דעם הייפל יידן אין פוילן האָט פּיצאָווסקיס פאַרמעסטן פּאַראַליזירט, סיאיז מיר נישט באַקאַנט צי דער פוילישער דיכטער און יידן־פריינט יעזשי פּיצאָווסקי האָט דערנאָך געפונען די נויטיקע מיטלען און אויך אַן אַטמאָספער אָנצוהייבן צו רעאַ־ליזירן זיין פּלאַן.

פּאַריז 1975

דער וועג צו זיך דורך פיין

(אַ דערמאָנונג אַנשטאָט בלומען אויף אַ קבר)

ס'איז נישט איינמאָל אויסגעקומען צו שרייבן וועגן גורל פון אָפּגע־פּרעמדטע פּויליש־יידישע שרייבער אין שווערע צייטן פאַר דער יידישער עדה. שרייבן שרייבט מען בדרך כלל וועגן די וועלכע זענען שוין נישטאָ.

איז אָט דאָ נישט לאַנג צופעליק צו מיר דורך דער פּרעסע דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז אין וואַרשע איז געשטאָרבן די פּויליש־יידישע שרייבערין טשאַיקאַ. און אויך צופעליק איז מיר די טעג אַריינגעפאַלן אין האַנט אַ דין ביכל פּאָעזיע, וואָס טראָגט דעם טיטל „טרויער־לידער פון געטאָ". דער מחבר איז איזאַבעלאַ געלבאַרד, אין קלאַמערן — פּאָרוטשניק טשאַיקאַ, אויפן ערשטן בלאַט אינעווייניק אַ בילד פון אַ בליענדיקער פרוי אין אַן אָפיצירן־מונדיר, אונטערגעצייכנט מיט האַנט־שריפט — פּאָרוטשניק טשאַיקאַ. דאָס ביכל איז דערשינען אין 1946 אין עטלעכע שפּראַכן גלייכצייטיק. האָב איך געקוקט אויף דער דעדיקאַציע, וואָס טראָגט די דאַטע פעברואַר 1964 און עפּעס האָט מיט ווייטיק אַ שטאַרקער צאַפּל געטאָן אין האַרץ. ס'האָט מיך איבערגעטראָגן אין אַ ווינטערדיקן אָוונט, אין גאַנצן מיט אַ 6 יאָר צוריק, און פּאַרט אַזוי לאַנג, לאַנג.

כ'האָב וועגן טשאַיקאַן אַ סך געהאַט געהערט — און ווער אין פּוילן האָט נישט געהערט וועגן איר? כמעט אַ לעגענדאַרע געשטאַלט. אַן אָפּשטאַמיקע פון אַן אַסימילירטער סביבה, אַריינגעוואַקסן אין דער פּוילישער קולטור, איז זי ווייט געווען פון יידישן לעבן. פאַר דער מלחמה איז זי געווען איינע פון די פאָפּולערסטע פּרויען אין די פּוילישע ליטעראַרישע און קונסט-קרייזן. אין די אַמאָליקע צייטן וואָלט זי זיכער געפירט אַ ליטעראַרישן סאַלאָן. אַ געבילדעטע, אַ קענערין פון שפּראַכן, פון ליטעראַטור און דער עיקר פון פלאַסטישער קונסט, איז זי נאָך באַשאָנקען געווען מיט אַ סך הומאָר, אינערלעכער, שפּרודלדיקער אינטעליגענץ, גרויסער די־

נאָמישקייט און מיט... שיינקייט. וואָס דאַרף מען מער? וועגן בעלאַן האָט מען געזאָגט, אַז זי האָט געקאָנט „מאַכן טאָג פון נאַכט". וועגן אירע ליבע־אַוואַנטורעס האָט מען דערציילט מעשיות ווי וועגן זשאָרזש סאַנד, הגם זי איז נאָך דעמאָלט קיין שרייבערין נישט געווען און האָט אויך שפּעטער ווייט נישט געגרייכט צו דער גרויסער פראַנצויזישער שריי־בערין. אָבער ס'איז געווען חי געלעבט. איז אונטערגעקומען די מלחמה און די היטלעריסטן האָבן איר אָפּגעזאָגט דאָס רעכט צו לעבן, ווי האָבן איר דערמאָנט, אַז זי איז אַ ײדישקע.

איזאַבעלאַ געלבאַרד איז דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום אין וואַרשעווער געטאָ, דערנאָך געפּלאָגט זיך אויף דער אַרישער זייט, אַנטלויפנדיק פון די טויזנטער טויט־געפאַרן, און אין שאָטן פון טויט אָנגעשריבן די לידער, וואָס זענען דערשינען אין 1946 און וואָס ליגן איצט פאַר מיר. אין דער הקדמה זאָגט די שרייבערין, אַז זי האָט קיינ־מאָל נישט געטראַכט צו שרייבן לידער און האָט מיט פּאָעזיע טאַקע מער זיך נישט באַשעפטיקט. מיט דעם געראַטעוועטן לעבן און מיט די געראַטעוועטע לידער איז זי סוף מלחמה אָנגעקומען אין דער פּוילי־שער אַרמיי און באַקאַנט געוואָרן אַלס פּאָרוטשניק טשאַיקאַ. מיטן ניי־עם נאָמען איז זי אַריין אין דער ליטעראַטור. זי האָט זיך דער עיקר באַקאַנט געמאַכט מיט צוויי ביכער פּראָזע — „געראַטעוועט האָט מיך אַ קאָוואַל" און „איך פלי אין דער וועלט".

איידער איך האָב זיך באַקענט מיט איר שרייבן און מיט איר גו־פא, האָב איך זיך באַקענט מיט איר שטימע. זי האָט געקלונגען האַפער־דיק, די שטימע אירע. עס דערמאָנט זיך אַן עפּיזאָד: די 80־יאָריי־קע מוטער פון הענריק בערלעווי האָט אין וואַרשע אויסגעשטעלט אי־רע בילדער. דער זון, דער קינסטלער פון דער ניי־אויפגעקומענער מאָ־לערין, האָט פאַרענדיקט זיין קורצע רעדע מיט „זאָל לעבן פוילן"! טשאַיקאַ האָט צוגעגעבן מיט אַ וואַרעמער אָבער פעסטער שטימע: „זאָל לעבן פאָלקס־פוילן"!

זי איז געווען פול מיט ברען און ענטוזיאַזם פאַרן נייעם פוילן, אַזוי ווייט ענטוזיאַסטיש, אַז ס'האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז זי האָט ווידער עפּעס פאַרגעסן...

— אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו אַ שפּעטערדיקער געשעעניש צו יענעם אָוונט מיט 6 יאָר צוריק. אַז מ'איז איינגעלאַדן צו טשאַיקאַן,

שמועסט מען שיינע עטלעכע שעה. איר צוויי־צימערדיקע וווינונג איז געווען א מין מוזיי אין מיניאַטור. נאָך מער ווי בילדער פון פאַרשידענע גרויסע מייסטער, האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן אַ ספּעציעלער „עקספּאָנאַט", וואָס איז געשטאַנען ביי איר בעט: אַ ריזיקע, בייכיקע קרישטאָלענע וואַזע מיט אַ גרויסן האַקן־קרייץ. — וואָס איז דאָס? — האָב איך אַן איבערראַשטע געפרעגט. — מיין נקמה פאַר אַלע ליידן און דערנידערונגען, האָט זי געענטפערט.

כ'האָב זיך דערוווּסט פון איר, אַז דער היטלעריסטישער מושל פראַנק האָט באַפוילן צו מאַכן פאַר אים אין אַ פּוילישער קרישטאָל־הוטע די־אַ וואַזע מיטן האַקן־קרייץ. זי האָט באַצירט זיין צימער אין וואַוועל־פּאַלאַץ אין קראָקע. אין דייטשן פאַטערלאַנד, ווי דער היטלעריסט האָט דאָס פאַרפלאַנירט, האָט ער עס שוין נישט געקאָנט מיטנעמען. איזאַבעלאַ איז געווען גליקלעך צו קאָנען באַקומען די וואַזע — זי האָט עס גענוצט ווי אַ... נאַכט־טעפּל. ס'איז געווען איר נקמה.

ס'איז נישט געווען די איינציקע מעשה, וואָס כ'האָב דעמאָלט אויס־געהערט. באַזונדער האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון — און געבליבן ווי אַ שטיין אויפן האַרץ — אַן אַנדער עפּיזאָד: טשאַיקאַ האָט מיר דער־לאַנגט איר ביכל לידער מיט אַ דעדיקאַציע און געפרעגט: וועסט עס אפשר איבערזעצן?

איך האָב זיך פאַרטיידיקט: איך זעץ נישט איבער קיין לידער, דער־צו דאַרף מען אַ דיכטער, רודניצקין איבערגעזעצט, ווייל ס'איז פּראָזע.

טשאַיקאַ איז געוואָרן אומעטיק, די עלטער איז קענטיקער געוואָרן אויף איר געזיכט. זי האָט אַרגומענטירט: אויב מ'קאָן גוט איבערזעצן פּראָזע, קען מען אויך דיכטונג, פּרווו. אַז דו וואָלסט זיך גענומען דערצו, וואָלט עס געגאַנגען שנעל.

— ס'גייט אייך אַזוי אין לעבן ס'זאָל אַרויס אין יידיש וואָס שנע־לער?

— יאָ, דאָס ביכעלע וואָלסטו געקאָנט סתם אויסנוצן. וועסט אי־בערלייענען?

כ'האָב פּלוצלונג דערזען פאַר זיך אַ יידישע עלטערע פרוי, אַ פּוי־לישע שרייבערין, אָבער אַ יידישן מענטש, וואָס טראָגט אין זיך עפּעס אַ טיפע, געהיימע ווונד. צי דערפאַר, ווייל זי האָט שוין געפילט די אַנ־רוקנדיקע זיך בייזע ווינטן? צי ווייל איר שטערן איז שוין געהאַט פאַרגאַנגען?

כ׳האָב דאָס ביכל פּאָעזיע דעמאָלט דורכגעלייענט, אָבער צומאָל נישט געפּרוווט אָנהייבן עפּעס וואָס איבערזעצן. עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך זי באַגעגנט אויפן וועג צום פּוילישן ליטעראַטן-פאַרבאַנד. זי האָט מיך געבעטן זי נעמען אונטערן אָרעם ביים דורכגיין דעם קרייץ-וועג. כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז איר ראיה האָט זיך מיטאַמאָל געענדערט צום ערגערן. כ׳האָב אָבער בפירוש געזען, אַז אויך דאָס פּנים האָט זיך געענדערט: די שטריכן זענען געוואָרן דייטלעכער יידישע. אַ סברה, אַז זי האָט פּונקט ווי איך אויסגעמיטן צו רעדן וועגן איר אַמאָליקן פאַר-שלאַג; איך האָב נישט נאָר נישט איבערזעצט, נאָר צומאָל אין ערגעץ אין מיינע עסייען נישט דערמאָנט אירע געטאָ-לידער.

איצט האָב איך די לידער איבערגעלייענט נאָך אַמאָל, אויפמערזאַ-מער ווי דאָס ערשטע מאָל. יאָ, עס פעלט אין זיי דיכטערישע טעכניק אין דער קאָמפּאָזיציע, אין ריטם. איבעריקנס האָט טשאַיקאָ געשריבן אין דער קליינער הקדמה, אַז זי האַלט נישט די לידער פאַר קיין דיכטערישע דערגרייכונג. ס׳איז געווען אַזוי, ווי זי זאָגט עס אין איין ליד, אַ געשריי-בענעם נישט מיט טינט נאָר מיט בלוט און טרערן:

„גיט מיר די האַרפּע די אוראַלטע — זאָל איך אַ קלאַפּ טאָן אין
די סטרונעס!”...

זי האָט שטורמיש געקלאַפּט אין די סטרונעס פון יידישן אומגליק, און געטאָן האָט זי דאָס אין וואָלגעניש, באַהעלטעניישן און הונגער, אין סאַמע שאָטן פון טויזנטער טויטן. ס׳איז אַ דיכטונג פון גרויסן טראַגישן פּאַטאָס, געשריבן אפשר לויטן מוסטער פון אַלטע גריכישע טראַגיקער, אָבער דער טאָן, די שפּירונגען האָט די ווייטע פון יידישע מקורות איזאַ-בעלאַ געלבאַרד באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק אָנגעשלאָגן אין איכה און איוב. זי האָט אויסגעשריגן און אויסגעוויינט דעם גרויסן אומ-גליק פון אַ צום טויט-פאַרמשפּעט פאָלק. זי האָט אויסגעשריגן אין אירע, טיילמאָל נישט געשליפענע פערזן, דעם צער און פּיין פון מיליאָנען, און אויסגעזונגען דעם אומקום פון אירע נאָענטסטע ווי קאָרטשאַק, ראָמאַן קראַמשטיק, אויך פון צופעליקע יידישע מענטשן, וואָס זי האָט אין דער שעה פון פאַרטיליקונג דערהויבן צו די העכסטע הויכן.

מיר געפינען צומאָל ביי איר אַ ליד וועגן באַרימטן גאַסן-זינגער פון

וואַרשעווער געטאָ, דעם וויצלער און אָפּלאָכער פון די דייטשע רוצחים — רובינשטיין. די עכט געבילדעטע פרוי, וואָס האָט געשעפּט פון אַלע קולטור־קוואַלן, האָט דערפילט אין זיך, ווי טויזנטער אַנאָנימע יידישע פאָלקס־דיכטער, אַ שליחות צו פאַרפיקסירן אין פשוטע פערזן דאָס, וואָס זי האָט צוגעזען. זאָגט זי טאַקע, אַז דאָס ליד שרייבט נישט קיין האַנט, ס׳גייט אויף פון פייערדיקן אַש אין רויטע פלאַמען, ס׳זאָל יאָרהונדערטער ברענען דער מענטשהייט די חרפה. זי וואַרפט די חרפה אין פנים די אַלע, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט גלייכגילטיק, און אויך אַ קללה דער גלייכגילטיקער וועלט. איך ספק בפירוש צי מען וואָלט היינט אין פוילן דערלויבט אָפּצודרוקן אַזעלכע פערזן:

„קיינער האָט אונדז אומגליקלעכע נישט געהאָלפן
קיינער האָט קיין האַנט נישט אויסגעצויגן...”

מיר איז נישט באַקאַנט ווי אַזוי איזאַבעלאַ געלבאַרד־טשאַיקאַ האָט אין די לעצטע 3־2 יאָר געפילט דאָס נייע אומגליק, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן הייפל פוילישע יידן. אָבער ווען איך טראַכט איצט וועגן איר, דוכט זיך מיר, אַז פונקט ווי אַמאָל האָט זי זיך אויפסניי דער־פילט געבונדן מיט דער יידישער עדה, און אויפסניי האָבן זיך מסתמא אַרויסגעריסן פון איר ברויזנדיק האַרץ צאַרנדיקע ווערטער, וואָס האָבן געוואָרפן די חרפה אין פנים די נייע פאַרפאָלגער. האָט דאָך די אַסי־מילירטע, אָפּגעפרעמדטע איזאַבעלאַ געלבאַרד אין אַ ליד, געשריבן אין דעצעמבער 1943, געשווירן דעם יידישן זיידן אירן:

אין וואָגלענישן... אין וועלדער, אין לעכער
אַ נעץ אַרום שפּרייט זיך,
זיידע, איך שווער דיר, כ׳וועל זיגן
און נקמה נעמען, הייליקע נקמה
פאַר אומבאַקאַנטע קברים די אַלע,
דיר זיידע איך שוועך
אין מיינע אָדערן דיין בלוט איך הער...

פּאַריז, אַפּריל 1970

פאַרצייכענונגען און רעפלעקסן
װעגן גורלות פון שעפערישן װאָרט *

„פון אָנהייב איז געװען דאָס װאָרט".

אַזוי זאָגט אַן אַלטע לעגענדע. טראַגט מען זיך אָבער איבער אין דער פאַרגאַנגענהייט, אייננורנדיק דעם קאָפּ אין אַלטע כראָניקעס, אין באַשרייבונגען װעגן גזירות און רדיפות, װאָס דאָס שעפערישע װאָרט האָט געהאַט אויסצושטיין אין אַלע צייטן, װאָלט מען געקאָנט אויבנאויף ספקן צי די לעגענדע טרייבט נישט איבער דעם מאַגישן כוח פון װאָרט. װייל װאָס פאַראַ אור־כוח פון באַשאַף איז דאָס, קאָן זיך אין פלוג אויסדוכטן, אויב מען האָט אין אַלע צייטן עס דערדריקט, גע־ברענט, אָפּגעװישט, אָדער סתם אַרייננעװאָרפן אין פאַרגעסנקייט.

---

* דאָס אַרטיקל איז אָנגעשריבן געװאָרן אָנהייב זומער 1963, נאָך דעם װי מיהאָט מיר איבערגעגעבן פּרטים װעגן גורל פון יידישע ביכער, ביבליאָטעקן און אַרכיװן אין סאָװיעט־רוסלאַנד. שרייבן דערװעגן דירעקט איז נישט מעגלעך געװען. האָב איך געמאַכט אַ פּרוּװ דאָס אַריינצופלעכטן, „אַריינשמוגלען" אין אַן אַלגעמיינעם היסטאָרישן איבערבליק װעגן רדיפות אויף ביכער. אָבער אויך דאָס איז נישט מעגלעך געװען אָפּצודרוקן. לסוף האָב איך עס „אַרויסגעשמוגלט" קיין פּאַריז מיטן ציל סיזאָל פאַרעפנטלעכט װערן אונטער אַ פרעמדן נאָמען. דער מאַנוסקריפּט איז אָבער ערגעץ „איינגעזונקען". די איינציקע קאָפּיע, װאָס איז מיר פאַרבליבן האָב איך פאַרן פאַרלאָזן פוילן פאַרניכטעט. די אַרויסגעשיקטע אַרבעט איז דורכגעגאַנגען אַ סך גילגולים. ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק זיך אָפּגעפונען. זי זעט מיר אויס נישט צו האָבן פאַרלוירן איר אַקטועלקייט נאָך 6 יאָר, בפרט װען ס'איז צוגעקומען דער גרוש פוילן, װאָס פאַרפליכ־טעט אביסל צו פאַרלענגערן די אַמאָליקע אַרבעט. חוץ דעם קורצן צוגע־געבענעם קאַפּיטל ביים סוף װעגן פוילן, זענען אין טעקסט נישט אַריינגע־פירט געװאָרן קיין ענדערונגען. אויך דער טיטל בלייבט דער זעלבער.

וואָס האָבן דען אין אַלע צייטן בייזע, שטאַרקע הערשער נישט געטאָן, כדי אויסצושטרייכן, צעקאַליעטשען, אין בעסטן פאַל צו שטעלן אויפן אינדעקס די שענסטע מענטשלעכע גאָב — דאָס שעפערישע וואָרט? אָבער אַ פשיטא, אַז לעגענדעס זענען זיך זעלטן טועה, זיי טראָגן אין זיך שטענדיק זוימען פון אמת.

די גורלות פון ביכער, פון שריפטן זענען ענלעך צו די גורלות פון מענטשן, האָט ווער געהאָט געזאָגט. נישט געווען אַזעלכע קאַטאַ־סטראָפעס — נאַטור־קאַטאַקליזמען און געשיכטלעכע קאַטאַקליזמען, ירידות און רדיפות פון וועלכע דאָס געשריבענע וואָרט, דאָס בוך זאָל נישט האָבן געליטן פונקט ווי דער מענטש. וועגן די פּאַסירונגען פון פיל ביכער, אַנדערע שריפטן, גאַנצע ביבליאָטעקן, וואָלט מען גע־קאָנט אָנשרייבן שפּאַנענדיקע ראָמאַנען, פונקט ווי וועגן מענטשן אין זייערע ראַנגלענישן און צאַפּלענישן אָנצוהאַלטן זיך ביים ראַנד פון לעבן.

***

אין זיין גרויסן היסטאָרישן און ביאָגראַפישן ראָמאַן וועגן גאָיאַ שיל־דערט ליאָן פויכטוואַנגער אַן אינקוויזיציע־משפט איבער פיר הערע־טיקער. דער משפט איז פאָרגעקומען אין דער קירכע פון דאָמינגאָ על רעאַלע אין מאַדריד. צווישן די געמשפּעטע איז געווען אַ פרוי; אין די געלע שאַנד־קליידער און אין דעם לאַנגן, שפּיציקן שאַנד־היטל, האָט זי זיך קוים אונטערשיידט פון די אַנדערע באַשולדיקטע. די אָנגעקלאָג־טע קאָנסטאַנציאַ ראָדריגעז איז געווען אַן אייגנטימערין פון אַ בוך־האַנדלונג און די אַגענטן פון דער „הייליקער אינקוויזיציע" האָבן ביי איר אַנטדעקט אַזש 17 פאַרבאָטענע ביכער. דריי זענען געווען אויסבאַ־האַלטן אונטער פאַלשע שער־בלעטער מיט אומשולדיקע טיטלען. פויכט־וואַנגער דערציילט נישט וואָס מ'האָט מיט די געפונענע פאַרבאָטענע ביכער אָפּגעטאָן. ער האָט געוווסט, אַז ס'וועט דעם לייענער נישט שווער זיין זיך משער צו זיין.

דאָס איז געווען אין די ניינציקער יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט. איבער אייראָפּע האָבן שוין געלויכטן די שטראַלן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. שפּאַניע איז נאָך איר אַמאָליקער גאָלדע־נער עפּאָכע פון וויסן און פרייעם געדאַנק פאַרזונקען געוואָרן אין אָבסקוראַנטיזם פון מיטלאַלטער און געשטעקט נאָך דעמלט אין די

שווארצע נעגל פון דער אינקוויזיציע. דאָ האָט מען לענגער און ברוטאַלער, ווי אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער גערודפט דאָס געשריבענע און געדרוקטע וואָרט, אומגעבראַכט אָפּט די פאַרזינדיקטע מחברים צוזאַמען מיט זייערע ווערק.

***

מיט גרויס פרומקייט און הייליקער פּאַסיע האָט מען ביכער און פאַרשידנאַרטיקע שריפטן געמשפּעט, פאַראורטיילט און סתם צוליב וואָס פאַראָ ס'זאָל נישט זיין פאַרדאַכט פאַרניכטעט אומעטום, ווו די מיטלאַלטערלעכע קירכע האָט אויסגעשפּרייט איר אומבאַגרענעצטע מאַכט. געוויס דענקער נישט צוליב, אז גאָר אַ סך, וואָס דער גרויסער איטאַליענישער דענקער דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ האָט אָנגעשריבן, איז פאַרניכטעט געוואָרן סיי פריער, סיי נאָך דעם ווי מ'האָט אים, אין 1600, פאַרברענט אין רוים אויפן שייטער־הויפן. וואָלט זיך ווער אונטערגענומען דורכצופירן אַ בילאַנס פון די שאָדנס, וואָס פאַרשידענע דעספּאָטישע אַליינהערשער צוזאַמען מיטן מיטלאַלטערלעכן שגעון האָבן אָנגעמאַכט אויפן געביט פון גייסטיקע און קולטור־ווערטן, וואָלט מען באַקומען אַ גרויליק בילד פון גייסטיקע מאַסן־קברים.

פאַראַן דאָך גענוג כראָניקעס, דאָקומענטן, באַשרייבונגען, טיילמאָל אַנדייטונגען ווי אַזוי דאָס וואָרט איז גערודפט געוואָרן, ווי אַזוי ביכער זענען מיט פאַרשידענע מיתות־משונות אומגעקומען. צו מאַכן זיך דערוועגן אַ באַגריף וואָלט גענוג געווען זיך אָפּצושטעלן אויף די פאַרלוירענע גייסטיקע ווערטן פון אַלטערטימלעכן גריכנלאַנד פון וועלכן די אייראָפּעאישע קולטור האָט געשעפּט מיט פולע הויפנס. ווייט נישט אַלע ווערק פון די אַלטערטימלעכע דיכטער, שרייבער, דענקער, פילאָזאָפן זענען דערגאַנגען צו די שפּעטערדיקע דורות. אמת איז, אַז אַזעלכע אוצרות זענען אויך פאַרלוירן געגאַנגען בעת מלחמות און נאַטורקאַטאַסטראָפעס, פעלקער־וואַנדערונגען און איבערקערענישן. קיין פיל קאָפּיעס פון אַ ווערק זענען אין יענע צייטן נישט געווען. ס'איז אָבער באַוווּסט, אַז ס'זענען אין אַלטערטום געווען פיל באַרימטע קאָלעקציעס, זאַמלונגען, וואָס האָבן פאַרמאָגט וואָרט־שאַפונגען פון אַ סך, אַ סך יאָרהונדערטער. אַזעלכע קאָלעקציעס זענען געווען אין אַלטן רוים, אין אַלעקסאַנדריע און אין אַנדערע ערטער. ס'איז ווייניק וואָס פון זיי פאַרבליבן.

מער שאָדנס ווי מלחמות, נאַטור־קאַטאַסטראָפעס און איבערקערע־נישן האָט אויף דעם געביט אָנגעמאַכט דער פאַנאַטיזם פון מענטשן, סיי דער רעליגיעזער, סיי דער פּאָליטישער. די פרוכט פון מענטשלעכן גייסט איז אונטער דער הערשאַפט פון פאַנאַטיזם און אָבסקוראַנטיזם צו שאַנד און צו שפּאָט געוואָרן. אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער האָבן אין די קעלערן פון די קלויסטערס, אין פינצטערע קאַמערן פון מאָנאַס־טירן און קאַטעדראַלן, אָדער סתם ערגעץ אין לעכער געפּוילט ביבליאָ־טעקן, געוואַלגערט זיך אונטערן שטויב ווערטפולע שריפטן; קיינער האָט נישט געוווּסט וועגן זיי, נישט נאָר וואָס זיי זענען; נאָר אַזוי ווי מ'האָט עס אַהער צונויפגע־שלעפּט. די געהיימענישן אין וועלכע ס'זענען איינגעוויקלט די האַנדלונ־גען פון יעטוועדער דעספּאָטישער מאַכט — אַלצאיינס צי אַ רעליגיע־זע, צי וועלטלעכע — און בפרט די געהיימענישן מיט וועלכע ס'האָט זיך אין אַזעלכע פאַלן באַנוצט די אינקוויזיציע, האָבן געשאַפן אַרום אַזעל־כע מעשים אַ געדיכטן נעפּל פון פאַרגעסנקייט.

אין אָנהייב פון אייראָפּעאישן רענעסאַנס און דער עיקר בעתן פריעם איטאַליענישן רענעסאַנס, האָבן די דעמאָלטיקע גרויסע הומאַ־ניסטן אָנגעהויבן אָפּזוכן פאַרלוירענע גייסטיקע אוצרות. גרויסע רענע־סאַנס־גייסטער, ווי פּעטראַרקאַ, באָקאַטשיאָ, בראַטשאָליני און אַנדערע, האָבן פיל צייט און מי אָפּגעגעבן אָפּצוגעפינען פאַרשטעקטע און פאַרגעסענע קאָלעקציעס, ביכער און אַרכיוון. זיי פלעגן זיך לאָזן אין די קלויסטערס און קאַטעדראַלעס, זוכן אין די קעלערן, נישטערן אין צעוואָרפענע אַרכיוון; זיי פלעגן אַרומפאָרן איבער אייראָפּע, צוציען צו זייער שליחות אַמבאַסאַדאָרן, פאַרשידענע מלוכה־מענער און מיט זייער אונטערשטיצונג אַרייַנדרינגען אומעטום, ווו ס'איז בויטיק געווען און געראַטעוועט פון פאַרניכטונג פאַרשימלטע, פון פייכטקייט צע־פרעסענע בענדער, וואָס געניטע קאָפּירער האָבן דערנאָך איבערקאָפּירט. אַדאַנק זיי זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן די ווערק פון טאַציט, פון צי־צעראָ, פון פיל אַנדערע מייסטער פון וואָרט.

באָקאַטשיאָ האָט זיך געהאַט דערוווּסט, אַז אין מאָנטע קאַסינאָ געפינט זיך פאַרשטעקט אַ גרויסע, אַלטע ביבליאָטעק. ער האָט זיך אַהין געלאָזט ווי אַ הונגעריקער נאָך שפּייז. ווען ער איז געקומען אויפן אָרט, האָט ער געבעטן דעם ערשטן באַגעגנטן מאָנאַך ער זאָל אים צופירן צו דער ביבליאָטעק און אויפשליסן פאַר אים די טיר. — גיי אַליין, וועסט טרעפן אין אַ באַגלייטער, די טיר איז אָפן — האָט אים דאָס היי־

ליקע ברודערל נישט העפלעך געענטפערט. באַקאַטשיאַ האָט אַ צופרײ־דענער צוגעאײלט די טריט און געפרײט זיך, אַז אָט באַלד וועט ער אַרײַן אין אַ טעמפּל פון מענטשלעכער שאַפונג אויף וועלכער די בײ־זע צײַט האָט זיכער קײן שליטה נישט געהאַט. אַ שוידער האָט אים אָבער אַרומגעכאַפּט, ווען ער איז אַרײַן אין דער הײזקע. טיר און פענצטער זענען געווען אויפגעריסן, פרײַ פאַר רעגן און ווינט. צווישן פיר פאַרשימלטע ווענט, אויף דער מיט גראָז באַדעקטער ערד, זענען אונטערן דיקן שטויב געלעגן שטויסן בענדער, שריפטן, מאַנוסקריפּטן. באַקאַטשיאָ האָט זיך געבומען אַרויסציען פון אונטערן שימל און שמוץ אַ באַנד נאָך אַ באַנד. ווי גרויס איז אָבער געווען זײַן צער, ווען ער האָט דערזען, אַז פון די אײַנגעבונדענע קאַפּירטע שריפטן זענען פיל בלעטלעך אַרויסגעריסן. דער כראָניקער גיט צו, אַז ווען באַקאַטשיאָ איז אַרויס פון דער ביבליאָטעק, האָט ער זיך צעווײנט ווי אַ קינד, ער האָט געקלאָגט איבערן גורל פון מענטשן און פעלקער, וועמענס גײַסטיקע שאַפונגען עס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטויסן מיסט.

באַקאַטשיאָ האָט דערנאָך מיט צער און צאָרן זיך געוואָנדן צו אַ צווייטן מאַנאַך און געפרעגט ווי אַזוי ס׳האָט געקאָנט געשען מ׳זאָל אַרויסרײַסן בלעטלעך, גאַנצע שטיקער פון אַ בוך. דער הײליקער מאַן האָט אים דערויף געענטפערט, אַז די בלעטלעך זענען די ברידערלעך נויטיק געווען צו שרײַבן תפילה־ביכלעך פאַר די פויערים.

די מאַנאַכן פלעגן אין יענע צײַטן זײַן אָפטע באַזוכער פון פאַרלאָז־טע, אויסבאַהאַלטענע ביבליאָטעקן. פאַפּיר איז דעמאָלט געווען אַ טײַער און זעלטן אַרטיקל. פלעגט מען אַרויסרײַסן שטיקער פון פאַרשטעקטע מאַנוסקריפּטן, אָפּוואַשן מיט אַ ספּעציעלער פליסיקײט די שריפט און דאָס אָפּגעוואַשענע פאַפּיר באַנוצן צו „הײליקע״ צוועקן.

דאָס איז נישט געווען דער אײנציקער אופן מיט וועלכן מ׳פלעגט פאַרניכטן דאָס פאַרשריבענע וואָרט. ביז הײנט איז נאָך גענוי נישט באַ־קאַנט ווי אַזוי ס׳זענען אָוועקגעריסן געוואָרן היפּשע טײלן גײַסטיקע פאַר־מעגנס בײַ פאַרשידענע פעלקער, בײַ יחידים, הגם ליטעראַטור־היסטאָרי־קער און אַנדערע פאַרשער פאַרנעמען זיך דערמיט. בלויז פון אײנצלנע פעסטגעשטעלטע פאַלן קאָן מען זיך משער זײַן וויפל ס׳איז פאַרלוירן געגאַנ־גען. אַזוי צום בײַשפּיל ווייסט מען, אַז סאָפאָקלעס האָט אָנגעשריבן קרוב הונדערט דראַמאַטישע ווערק און דערגאַנגען צו אונדז זענען בלויז זיבן. נישט ווייניקער האָט פאַרלוירן אייסכילאָס. פון אוריפּידעסעס ווערק איז

פאַרבליבן בלויז אַ דריטל. אַריסטאָפאַנעס איז באַרויבט געוואָרן פון ביין צענטל פון זיינע שאַפונגען. נאָך דער באַרימטער גריכישער דיכטערין סאַפאָנאַ, וועלכע זאָל האָבן פיל געשאַפן, זענען פאַרבליבן בלויז איינצעלנע פראַגמענטן. נאָך פיל שפּעטער איז קוים אַ זכר אָדער דער נאָמען געבליבן.

זינט דעם ווי ס'איז אַנטדעקט געוואָרן דער דרוק, קאָן דאָך אַ בוך זיך אָפּראַטעווען פון די גרעסטע רדיפות, קאַטאַסטראָפעס. און דאָך זענען נישט ווייניק ביבליאָטעקן, קאָלעקציעס ביכער, אַרכיוון און מאַנוסקריפּטן — נישט רעדנדיק פון אַנדערע קונסט־ווערק — פאַרניכטעט געוואָרן אין אונדזערע צייטן. צי איז פאַראַן אַזאַ בילאַנס, וואָס זאָל ווייזן וויפל ביבליאָטעקן, אַרכיוון, צוגעגרייטע ביכער, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו דערזען די ליכטיקע שיין, זענען אומגעקומען אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער בעתן היטלעריסטישן טויטן־מאַרש?

אונדז יידן איז אַלע מאָל צוגעפאַלן דער שווערסטער גורל אין אַלע פינצטערע צייטן. נישט דאָ איז דאָס אָרט צו געבן אפילו אַן אויבנאויפיקן איבערבליק פון פאַרברענטע, פאַרניכטעטע, געשענדעטע ספרים און פאַרשידענע ווערק בעת גזירות און גרושים פון פראַנקרייך, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, שפּאַניע, פּאָרטוגאַליע, בעת די קרייץ־צוגן און אַנדערע רדיפות. אין די געטאָס אין וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק, ווילנע זענען די ביבליאָטעקן אומגעקומען צוזאַמען מיט די לייענער, די מאַנוסקריפּטן צוזאַמען מיט די מחברים. אין אַלע פּוילישע שטעט און שטעטלעך זענען אַמאָל געווען יידישע ביבליאָטעקן. דער היטלעריסטישער מבול האָט זיי אַראָפּגעשווענקט.

*****

מיטן גרעסטן מסירת־נפש האָבן יידן שטענדיק געראַטעוועט זייערע גייסטיקע פאַרמעגנס. אַנטלויפנדיק פון די מיטלאַלטערלעכע רדיפות און שייטערהויפנס האָבן זיי קודם געפּרוווט ראַטעווען די ספרי־תורה'ס, די ספרים. מיר זענען לאַנג געווען אַן עם הספר. דער ספר, די קונסט אין וואָרט, איז שטענדיק געווען אונדזער גרעסטער גייסטיקער פאַרמעגן, אָנהייבנדיק פון די אוראַלטע צייטן. די קונסט אין וואָרט — די נשמה פון פאָלק — האָבן יידן געראַטעוועט ווי דעם גוף. בימי היטלער, אין די געטאָס און טויט־לאַגערן האָט מען געראַטעוועט אַ מאַנוסקריפּט, אַ פאַר־

שריבן בלעטל, אַ פּאַרצייכענונג פּונקט ווי מען האָט געראַטעוועט דעם נפש. ס'איז דאָך נישט קיין בלינדער צופאַל, וואָס זייער אַ סך מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט, האָבן געשאַפן אַן אוניקום אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ווי דאָס איז דער רינגעלבלום־אַרכיוו. און וויפל ענלעכע קאָלעקטיווע און אינדיווי־דועלע מסירות נפשדיקע פּאַרמעסטן זענען געווען?

ראַטעווען דאָס געשריבענע און פאַרשריבענע וואָרט האָט אין אַלע צייטן געהייסן ראַטעווען דאָס געדעכעניש פון מענטש, דאָס געדעכעניש פון פאָלק. ווייל דאָס וואָרט איז המשך, עס דערלאָזט נישט נאָך די גרעס־טע קאַטאַסטראָפעס אָפּגעמעקט און פאַרגעסן צו ווערן. קיין שום צווייג אפשר פון דער מענטשלעכער קולטור — בפרט ביי יידן — האָט נישט אַזאַ קראַפט ווי דאָס פאַרפיקסירטע, שעפערישע וואָרט, וואָס פאַרהאַלט די צייט אין איר טייוולאַנישן לויף. יעדער באַוווסטזיניקער פאָלקס־קאָ־לעקטיוו, יעדעס פאָלק, היט אָפּ מיט אייפערזוכט פאַרשריבענע בלעטלעך, גראָבט אין די טיפענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט, כדי צו געפינען די מינדסטע געדעכעניש. אַ פּאַפּירוס פון די אוראַלטע עגיפּציאַנער, וואָס מען געפינט ערגעץ אָפּ, באַטראַכט מען פאַר אַן אבן־טוב. הייַנט שטעלט איך פאַר, ווען מען וואָלט זיך דערוווסט, אַז ביבליאָטעקן און אַרכיוון זענען ערגעץ פאַרשטעקט, וואָלגערן זיך אָן אויפזיכט, אָדער זענען אין געפאַר פאַרניכטעט צו ווערן, וויפל בעלנים ס'וואָלטן זיך געפינען אויסצושטרעקן אַ האַנט צו זיי.

צו יידישע גייסטיקע פאַרמעגנס, פאַרשטעקטע און באַדראָטע, שטרעקט זיך אָבער פון ערגעץ נישט אויס קיין רעטערישע האַנט.

אין דער באַרגיקער געגנט הינטער דער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט שטייט אַן אַלטער פאַרלאָזענער מאָנאַסטיר — איך ווייס נישט צי ער שטייט נאָך. אין זיינע פייכטע און פינצטערע קאַמערן אָדער קעלערן האָט מען זינט יאָרן אַריינגעוואָרפן צונויפגעזאַמלטע אוצרות פון יידי־שער וואָרט־שאַפונג.

אַזוי האָט מען מיר איבערגעגעבן. דער שטומער עדות, וואָס האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק און ויסנדיק, האָט מיך אויך אין גרויס געהיימעניש אינפאָרמירט, אַז אין די באַקאַנטע קאַטאַקאָמבן פון דער זעל־בער שטאָט פוילן ווערטפולע יידישע ביכער און דאָקומענטן.

מ'האָט אויך מיר איבערגעגעבן, אַז ס'זענען אין געוויסע יאָרן געווען

פּאַלן, ווען מ׳האָט אין שכנותדיקן גרויסן לאַנד אַרויסגעפירט ביבליאָ־טעקן, ביכער־קאָלעקציעס, אַרכיוון — אַלץ וואָס האָט געטראָגן דעם נאָ־מען „יודאַיסטיק״ — צונויפגעזאַמלט ערגעץ ווייט אויף אַ וויסטן פעלד, אָדער אין אַ פּראָוויזאָריש־אויפגעשטעלטער שאָפּע און אונטערגעצונדן, ווי מען צינדט אונטער און פאַרברענט אין האַרבסט צונויפגעזאַמלטע, אַראָפּגעפאַלענע, פאַרוועלקטע בלעטער...

אין אָדעס האָט מען אין געהיים — און ווי אַנדערש ווי אין דעם גרעסטן געהיים ? — אַריינגעוואָרפן אין די קעלערן פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק יידישע ביכער, גאַנצע קאָלעקציעס, אָדער ביבליאָטעקן, בי־כער פון פאַרשידענע מינים, פאַרמשפּטע, ווי מען פאַרמשפּט מענטשן צו אַ לאַנגזאַמען טויט אין תּפיסה. איך ווייס נישט וואָס מיט די אַלע יידישע ביכער, אַרכיוון, ספרים איז ווייטער געשען ; כ׳האָב געמאַכט באַמיאונגען און נישט געקאָנט זיך גאַרנישט דערוויסן וועגן זייער וויי־טערדיקן גורל.

**
*

די ריי איז זינט צוויי יאָר געקומען אויף פּוילן. טראָץ דער טייוולאָ־נישער היטלעריסטישער פאַרניכטונגס־קראַפט איז אין פּוילן געבליבן אַ היפּש ביסל יידישע גייסטיקע אוצרות, ראשית כל די אוצרות צונויפגע־זאַמלטע אין יידישן אינסטיטוט אין וואַרשע. ניין, אין פּוילן ברענט מען נישט און מען פאַרשפּאַרט נאָך נישט אין פינצטערע קעלערן קיין יידי־שע ספרים. אָבער דאָ בין איך אַליין געווען אַן עדות, ווי מ׳האָט פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אַרויסגעפירט די אַרכיוון פון די דורך די היט־לעריסטן אויסגעמאָרדעטע יידישע קהילות. מיט וואָסער ציל ? צי נישט אַמאָל אַפּצווישן אַלע שפּורן פון דער איבער טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום ?

לאַנגע חדשים זענען געזעסן באַאויפטראַגטע ספּעציאַליסטן און גע־זוכט, קאָנטראָלירט, פאַרעגיסטרירט, גענישטערט אין די אוצרות פון יידישן אינסטיטוט אין וואַרשע. מיט וואָסער ציל ?

ניין, אין היינטיקן פּוילן, פון וואַנען מען פאַריאָגט און באַרויבט דאָס לעצטע ביסל יידן, ברענט מען נישט און מען וואַרפט נאָך נישט אין פינצטערע קעלערן קיין יידישע ביכער און אַרכיוון. די הערשער פון היינטיקן פּוילן האָבן אָבער דורכגעפירט דאָס, וואָס קיין שום רעאַק־

לילי בערגער

ציאָנערער רעזשים האָט נישט געוואָגט דורכצופירן — צו מאַכן דאָס לאַנד „יודן־ריין״. די פאַרפלייצונג פון אַנטי־יידישער ליטעראַטור, וואָס שפריצט מיט מיטלאַלטערלעכן אָבסקוראַנטיזם, קאָן זיין אַ שפרונג־ברעט, צו מיטלאַלטערלעכער פּראַקטיק אויף דעם געביט. ווער ווייסט וואָס מ׳קאָן אונטער פאַרשידענע „סאָציאַליסטישע״ פּרעטעקסטן אָפּטאָן מיט דער אָפּגעראַטעוועטער גייסטיקער ירושה, וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט געלאָזן נאָך איבער טויזנט יאָר לעבן און שאַפן אויף דער פּוילישער ערד.

לאָמיר דעריבער וואַכן, לאָמיר פאָדערן אומצוקערן די יידישע גייסטיקע ירושה דעם יידישן פאָלק.

אָקטאָבער 1969

דער טראגישער ענטוזיאסט

(צו דער ערשטער יאָרצייט פון נפתלי הערץ כהן)

ס'איז געווען סוף אַפּריל 1971. זיצנדיק אין אויטאָ, וואָס האָט מיך געפירט פון תל־אביב קיין ירושלים, האָב איך זיך געיישבט צי איך זאָל דירעקט צופאָרן צום כותל מערבי, ווו נפתלי הערץ כהן האָט געזאָלט אויף מיר וואַרטן. די פאַרשפּעטיקונג וועט זיין מער ווי אַ שעה. לשם וועגן צוגעפאָרן און נישט געפינענדיק אים אויפן אָפּגערעדטן אָרט, האָב איך געוואָלט שוין צוריק איינשטייגן. פלוצלונג האָב איך אים פון דער ווייטנס דערזען. נאָכן אויסמוסרן מיך האָט ער זיך געחידושט:

— האָסט מיך פון אַזוי ווייט דערקענט?

כ'האָב אים פון דער ווייטנס דערקענט לויט זיין נערוועזן גאַנג, לויטן צו די הימלען אויסגעשטרעקטן קאָפּ.

כ'האָב זיך געפרייט און געוווּנדערט. כ'האָב גוט געוווּסט, אַז ער האָט אויך דאָ נישט קיין לייכט לעבן, אַז דער מידער קאָפּ און די צעריסענע נשמה האָבן נאָך קיין רו נישט געפונען. אָבער קיינמאָל האָב איך אים נאָך נישט געזען מיט אַזאַ גוטן אויסזען. ער האָט מיר אויף גיך, ווי זיין שטייגער, דערציילט וועגן זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, פאַרטראַכטע פּלענער, וועגן די דאגות. ווען ער האָט מיר אָבער געוויזן די מערקווירדיקייטן פון ירושלים, האָט זיין פּנים געשטראַלט.

— קוק, קוק זיך גוט איין! האָסט שוין אַמאָל געזען אַזאַ פּראַכט, אַזאַ צויבער? — האָט ער דערנאָך געפרעגט, אָנווייזנדיק דורכן פענצטער פון זיין צימער אויף די הרי־יהודה. האָסט שוין געזען בערג איינגעוויקלט אין אַזאַ סודותדיקן, זילבערנעם נעפּל?

ער האָט נישט פאַרגעסן דערביי מיר צו ווייזן זיין קאָלעקציע פון עטלעכע שטיינער, שטיינדלעך פון פאַרשידענע פאָרמען און קאָלירן, אויסגעטרוקנטע צווייגלעך און שטיקלעך קאָרע, ווי זיי וואָלטן מאָדעלירט געווען דורך מענטשלעכע הענט.

— די נאַטור איז אַ גרויסער קינסטלער. קיין קינסטלער קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט איר, האָט ער מיט ענטוזיאַזם פאַרזיכערט.

מיר האָבן ביידע באַדויערט וואָס די צייט איז אַזוי קורץ, וואָס ער קאָן מיר נישט ווייזן אַלע שיינקייטן פון ירושלים און איבערשפּריגנדיק פון איין טעמע צו דער אַנדערער, האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז צום קו־מענדיקן באַזוך זאָל איך זיך רעזערווירן מער צייט פאַר ירושלים.

זעקס וואָכן שפּעטער איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז נפתלי הערץ כהן איז שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. זיין טויט, ווי די משפּחה האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, איז געקומען אַזוי פּלוצלונג, ווי יעדעס פון זיינע אומגליקן, וואָס האָבן אים באַגלייט דאָס גאַנצע לעבן. און ווי מען האָט מיר ווייטער איבערגעגעבן איז „אויף זיין טויטן געזיכט געווען אַן אויס־דרוק פון דערלייזונג".

**
*

ס'איז מיר באַשערט געווען זיך צוצוקוקן פון דער נאָענט צו איין פּעריאָד פון נפתליס מאַרטירער־לעבן און במילא אויך איבערצולעבן צו־זאַמען מיט אים און מיט זיין משפּחה דעם דאָזיקן פּעריאָד. דאָס זענען געווען די יאָרן אין פּוילן נאָכן קומען פון סאָוויעט־רוסלאַנד. כ'האָב אים פריער נישט געקענט, הגם די פּוילישע זיכערקייט־פּאָליציי האָט „גע־ווּוסט", אַז איך האָב אים יאָ געקענט פון לאַנג און בעתן פאַרהער נאָך זיין אַרעסט האָט מען מיך במשך פון 11 שעה אַן איבעררייס געהאַלטן אונ־טער אַ האַגל פון פראַגן אויך אין שייכות מיט זיינע אַמאָליקע „זינד".

מיר האָבן זיך באַקענט אין האַרבסט 1959. ס'איז געווען ביים סוף פון דער באַנייטער רעפּאַטריאַציע, בעת וועלכער ס'איז געקומען אַ היפּש ביסל יידישע אינטעליגענץ, באַפרייטע פון לאַגערן, אָדער סתם פאַרשפּעטיקטע. נפתלי הערץ כהן האָט מיר אויסגעזען אַנדערש ווי אַנ־דערע, סיי מיט זיין אויפריכטיקייט, מיט זיין מיסיע איבערצוגעבן וואָס ס'איז געשען, סיי מיט זיין פלאַמיקן ענטוזיאַזם. נאָך דעם ווי כ'האָב זיך דערוווּסט וועגן די אַלע שבעה מדורי גיהנום, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען און וואָס האָבן פולשטענדיק אונטערגעבראָכן זיין געזונט, צעטרייסלט די נערוון, האָב איך געשטוינט ווי אַזוי ער קאָן מיט אַזאַ אימפּעט זיך אַריינוואַרפן אין ליטעראַרישער, זשורנאַליסטישער און געזעלשאַפטלע־כער אַרבעט. צו שטוינען איז אויך געווען פון וואַנען צו אַזאַ געליטע־נעם נעמט זיך אַזוי פיל מוט, ווילן און גלויבן אין די אייגענע כוחות.

אין גאַנג פון צייט

נפתלי האָט מיר געהאַט דערציילט, אַז נאָך דער מלחמה איז ער אויף דער נאַרע געשלאָפן מיט אַ מעסער, אויסבאַהאַלטן הינטערן בוזעם. געטאָן האָט ער עס דערפאַר, ווייל אויף דער זעלבער לאַגער־נאַרע איז געלעגן אַ נאַצישער אַרעסטאַנט, וואָס האָט נישט אויסבאַהאַלטן זיין ווילדע שנאה צו יידן. וויסנדיק, אַז זיין שכן איז אַ ייד, פלעגט ער זיך איזדעקעווען איבער אים מיט זיינע שילדערונגען פון יידן־מאָרד. נפתלין האָט זיך געדוכט, אַז די בלוטדורשטיקע חיה וועט אַמאָל ביינאַכט אים אָנכאַפּן פאַרן גאָרגל און דערשטיקן. דער מעסער האָט געזאָלט זיין דאָס וואָפן זיך צו פאַרטיידיקן.

מער ווי שטענדיק זענען געקומען שלאָפלאָזע נעכט, און אויך אין אַזעלכע נעכט האָט ער געפונען אין זיך כוח אויסצודיכטן דעם אָפּ־גרונט פון מענטשלעכן פיין און די פערזן איינגעקריצט אין זכרון, ווייל

נישטאָ אַזאַ כוח
וואָס קאָן איינגעמען
די פעסטונג
פון מיין מוח
נישטאָ אַזאַ כוח!

קורץ נאָך אונדזער באַקאַנטשאַפט, בעת אַ וויזיט ביי מיר אין שטוב, אין וואַרשע, האָט נפתלי זיך פאַרטרויט פאַר מיר, אַז ער גרייט זיך אַרויסצוגעבן אַ בוך לידער, דער גרעסטער טייל פון זיי געשאַפענע אין לאַגער. כ׳האָב שוין געוווסט, אַז אין די סאָוויעטישע לאַגערן איז נישט מעגלעך געווען צו שאַפן, יעדנפאַלס אויפצושרייבן לידער. דע־מאָלט האָט ער מיר דערציילט ווי אַזוי ער האָט „פאַרשריבן" די לי־דער אין זכרון און דערביי גלייך אָנגעהויבן צו רעציטירן אַ ליד, וואָס געפינט זיך אין זיין בוך און פון וועלכן איך ברענג בלויז עטלעכע סטראָפן:

ווי יעדער ביסן טייער,
וואָלט איך אַוועקגעגעבן
צוויי דריטל פון מיין ברויט
פאַר אַ בויגן פאַפיר
און אַ פיצל בלייער...

און ווייטער:

און ווען איך וואָלט שוין פאַרמאָגט
אַ בלייער און פּאַפּיר,
וואָלטן די ווערטער
ביי די טירן
דערזען
און צוגענומען,
און נאָך אַ באַווייז —
צו מיינע אַקטן
צוגענייט,
און אויף מיינע הענט
און פיס
וואָלטן צוגעקומען
נאָך אַ קייט,
נאָך אַ קייט...

איך בין געזעסן אַ צעקלעמטע און זיך איינגעהערט אין ענלעכע לידער, וואָס ער האָט ציטירט פון זכרון. כ'האָב אים אַ פרעג געטאָן:

— און דו מיינסט, אַז דאָס וועט דאָ דערשיינען?

כ'האָב אים נישט איבערגעשראָקן. ער וועט דערווייל אַריינגעבן אין בוך בלויז אַ טייל פון די לאַגער־לידער, ער וועט צוגעבן אַנדערע, ס'וועט זיך אויסמישן. כ'האָב אים פאַרגעלייגט ער זאָל מיר נאָכאַמאָל רעציטירן דאָס ליד וועגן רוסלאַנד. ער האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און מיט נאָך אַ גרעסערן פּאַטאָס און פלאַמענדיקן צאָרן זיך ווידער געלאָזט הערן: (איך ציטיר פון בוך)

אָ רוסלאַנד! אָ אָקטאָבער!
מיך האָט דיין ליכט פון ווייטן, פון ווייטן געצויגן,
זיין אָפּשיין געלויכטן אין מיינע אויגן,
געלאָזט זיך אין ווייטן, ווייטן פלי,
געפאַלן פאַר דיר אויף די קני.
דיר אָפּגעגעבן מיין גאַנצן זיין,
ווי דעם שמעטערלינג ציט צו דער שיין,
געפלאָטערט צו דיר און געשוועבט,

גערודכט: אויף דיין ערד ערשט אויפגעלעבט.
און כאָטש דערפילט אויף מיין אייגן געזיכט
אי די שרפה, אי דאָס ליכט,
און דער רויך האָט דעם אָטעם געשטיקט,
בין איך סייווי געווען אַנטציקט...

ס'איז נישט לייכט געווען מיט די געקומענע פון רוסלאַנד צו רעדן וועגן פוילן. זיי זענען „סייווי געווען אַנטציקט", ווער דערמיט וואָס מ'קאָן זיך פריי באַוועגן, וואָס מען באַקומט אַ וווינונג מיט אַן אייגענער קיך, ווער מיט די עפנטלעכע יידישע אינסטיטוציעס, ווער נאָך מיטביידע צוזאַמען. חוץ דעם האָט דער „פוילישער אָקטאָבער" אָפּגעקלונגען אין יענע לענדער ווי אַ פרייהייטס־גלאָק. סתם איז לאַנג אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל, אַז „פוילן איז דער אנגענעמסטער באַראַק אין גאַנצן לאַגער". נאָך לאַנגע יאָרן טראָגן פענטעס אויף די פיס און האָבן אַ פאַרשטומט מויל, האָט פוילן פאַר אַ סך רעפּאַטריאַנטן אויס־געזען ווי אַ גן־עדן, ווייניקסטנס אַ פריי לאַנד. נישט איינעם האָט זיך גערודכט: „אויף דיין ערד ערשט אויפגעלעבט".

ביי נפתלי הערץ כהן האָט מען בפירוש געפילט, אַז ער האָט ערשט אויפגעלעבט. איבער דרייסיק יאָר געווען נע־ונד, געוואַנדערט און געוואָגלט און וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרוואָגלט געוואָרן „אין דעמאַנישן קרייז", ווי ער זאָגט אין זיינעם אַ לאַגער־ליד. אַ געבוירע־נער אין בוקאָווינע, איז ער אין עלטער פון 18 יאָר, אין 1928, אָנגע־קומען קיין פוילן. ווי עס גייט מיר איבער די משפחה, איז ער אַהין געקומען מיט דער מונה מיטצואַרבעטן מיטן „ייווא". בעת זיין 4־יאָ־ריקן אויפהאַלט אויף דער פוילישער ערד, האָט ער קיין האָניק נישט געלעקט, געווען די גאַנצע צייט אומלעגאַל און לסוף אַרעסטירט גע־וואָרן, פאַרזוכט דעם טעם פון אַ פוילישער תפיסה. דערנאָך... דערנאָך ווי אַ שמעטערלינג צו ליכט געריסן זיך צו אַ פרייער ערד צו קאָנען צעשפרייטן די יונגע פליגלען. אין 1932 איז אים געלונגען אַריבער־צושפרייזן די מזרח־גרענעץ. ער האָט קוים אָנגעהויבן אַ פלי טאָן ווי מען האָט אים די פליגלען צעבראָכן. אין 1937 איז ער אַרעסטירט געוואָרן צום ערשטן מאָל, אין 1948 — צום צווייטן מאָל. ס'האָט זיך אָנגעהויבן „די גרויזאַמע, טייוולאַנישע שפּיל", ווי ער רופט עס אָן אין איין ליד,

אָדער ווי ער זינגט דאָס מיט צאָרן און פּראָטעסט אויס אין אַ צוויטן ליד:

זון!
איך קאָן דיר נישט קוקן
אין פּנים,
אַרויסגיין פון קרייז —
שטרענג פאַרבאָטן,
מיינע בעסטע פריינט
מיינע ערגסטע שונאים
אינאיינעם
פאַרקנאָטן.
הענגט, צאַפּלט
מיין שאָטן,
אויף שטעכיקע
דראָטן.

אויף שטעכיקע דראָטן איז ער געהאָנגען ביז 1956. בלויז זיינע נאָענטסטע האָבן געוווסט דעם גאַנצן אמת וועגן מצב אין וועלכן ער האָט זיך אומגעקערט פון „טייוולאָנישן קרייז". נאָך דריי יאָר זיין אויף דער „פריי", איז ער, ווי דערמאָנט, אָנגעקומען אין 1959 קיין פּוילן.

זאָל מען זיך וווּנדערן אָדער נישט וווּנדערן וואָס נאָך איבער דרייסיק יאָר זיין געשליידערט אויף אַ צעווילדעוועטן ים, וואָס האָט אים אָט־אָט געזאָלט פאַרטרינקען, האָט זיך אים געדוכט, אַז ענדלעך איז ער נאָך אַלע שטורעמס צוגעשווומען צו אַ רואיקן ברעג? פון פרייהייטס־פלאַם, וואָס ס'האָט אין 1956 אָנגעצונדן דער „פּוילישער אָקטאָבער", איז שוין געהאַט פאַרבליבן אַ קליין פלעמל און דאָס פלעמל האָט אויך אָנגעהויבן צאַנקען. זעט אָבער אויס, אַז ווען מען גייט אַרויס פון אַ געדיכטער פינצטערניש, איז אַ פלעמל אויך ליכט.

נפתלי הערץ כהן האָט צונויפגענומען אַלע כּוחות און אויפגע־שטעלט זיין געצעלט אויף דער פּוילישער ערד. געהאָלפן אין דעם האָבן מער זיין איינגעבוירענער אימפּעט, זיין צוריק אויפגעלעבטער ענטוזיאַזם, ווי זיינע פיזישע כּוחות. אין אַנדערהאַלבן יאָר האָט ער באַוויזן, אַרבעטנדיק אין דער „פאָלקס־שטימע", אָנצושרייבן אַ סך

אַרטיקלען, רעפּאָרטאַזשן, צו באַזוכן און באַקענען זיך מיט פאַרשידע־נע געגנטן אין לאַנד, וואָס איז סוף כּל סוף נישט געווען זיין געבוירן־לאַנד, איינצוטונקען זיך אינעם יידישן לעבן, צוצוגרייטן דאָס בוך לידער, וואָס האָט שוין געזאָלט אַרייַנגיין אין דרוק, צו מאַכן אַ נסיעה קיין רומעניע און אויספאָרשן דעם טרויעריקן מצב פונעם דאָרטיקן יידישן לעבן, צו מאַכן נאָטיצן, זאַמלען מאַטעריאַלן, אָנבינדן קאָנטאַקטן מיט אויסלאַנד, צו מאַכן גרויסע פּלענער...

עס דערמאָנען זיך מיר צוויי פאַרשידנאַרטיקע געמיט־צושטאַנדן: נפתלי איז געקומען פון אַ באַזוך אין קראָקע, ווו מ׳האָט געעפנט דעם יידישן מוזיי אין דער רעסטאַווּרירטער באַרימטער „אַלטע שול״. ער האָט שוין געהאַט אויסגעגאָסן זיין אַנטציקונג אין רעפּאָרטאַזשן, דער ענטוזיאַזם האָט נאָך אָבער געברויזט אין אים, ער האָט געהאַט אַ באַ־דערפעניש איבערצוגעבן נאָך מינדלעך פּרטים. און אָט האָט ער זיך צוריקגעקערט פון רומעניע אָן אויפגעטרייסלטער. מיט צער און רע־וואָלט האָט ער מיר איבערגעגעבן איינצלהייטן וועגן דאָרטיקן יידישן לעבן, און אַ סברה, אַז נישט נאָר מיר. ער האָט אויך נישט פאַרפעלט צו מאַכן נאָטיצן פון זיין רייזע, פּונקט ווי ער האָט שוין געהאַט געגנו־מען זיך צו מאַכן נאָטיצן פון די מקומות, ווו ער איז „געהאַנגען אויף שטעכיקע דראָטן״.

אין זכרון שווימט איצט אויך אויף אַזאַ דערמאָנונג: פרילינג 1960. מיר האָבן, אַ גרופּע פריינד, אַ זונטיק שפּאַצירט אין וואַלד פון דער וואַרשעווער פאָרשטאָט ביעלאַני. מיר האָבן ביידע געשפּאַנט פאָרויס. נפתלי האָט גערעדט, איך האָב זיך איינגעהערט און לסוף זיך דעצי־דירט:

— צי רעכנסטו טאַקע צו פאַרבלייבן אין פּוילן? גיסט נישט אַ טראַכט...? זעסט דען נישט...?

— כ׳האָב צופיל פּלענער, איך זע נישט פאַרוואָס איך זאָל זיי נישט קאָנען פאַרווירקלעכן דאָ.

ער האָט זיי נישט פאַרווירקלעכט. ס׳איז אינגיכן געקומען זיין אַרעסט. ס׳האָט זיך געעפנט אַ נייער טײַוולאָנישער קרייז פאַר אים. ווען איך בין אַ שטיקל צייט פאַרן פּראָצעס געווען ביי איינעם פון זיי־נע צוויי אַדוואָקאַטן, האָט ער מיר שוין געטרייסט: „די קרענק איז איצט אַ לייכטערע, פריער איז דאָס געווען אַ ראַק. (באַשולדיקט אין

שפּיאָנאַזש), איצט איז דאָס שוין בלויז אַ „גריפּע״. די גריפּע האָט אָבער געהאַט נאָכווייענישן אויך נאָכן אַרויסגיין פון תפיסה. ערשט אין 1964, האָט ער נאָך אַ סך אינטערווענצן באַקומען אַ דערלויבעניש צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

און מיר דוכט זיך, אַז דער טראַגיזם פון ענטוזיאַזם און גלויבן האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון זיין אויפהאַלט אין פּוילן. אין נאָכוואָרט צום באַנד לידער, „פאַרשריבן אין זכרון״, וואָס איז דערשינען אין 1966 אין ישראל, דערציילט נפתלי הערץ כהן צווישן אַנדערן, וועגן די צרות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען נאָכן באַפרייט ווערן. און ס׳איז גרויסמו־טיק געווען פון זיין זייט איבערצוגעבן ווי אַזוי דער פּוילישער שרייבער־פאַרבאַנד האָט אים אונטערגעהאַלטן מאַטעריעל און מאָראַליש. אָבער לשם האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די דאָזיקע באַציאונג איז נישט אַלע מאָל געווען אַזעלכע. זי איז אויך נישט געקומען ספּאָנטאַן און דאָס אויך בלויז מצד אַ געוויסן טייל מיטגלידער פון ליטעראַטן־פאַראיין.

איך דערמאָן דאָס נישט בלויז לשם האמת, נאָר צוליב די שפּע־טערדיקע געשעענישן, בעת וועלכע דער ליטעראַטן־פאַראיין האָט זיך אַרויסגעוויזן ווייט נישט אַזוי גרויסמוטיק, ווי ער האָט אויסגעזען אין די אויגן פון נפתלי הערץ כהן. ס׳איז דאָך נישט קיין צופאַל, וואָס נישט נאָר פּוילישע שרייבער, וועלכע זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון ליטעראַטן־פאַראיין, נאָר אויך אַנדערע אָנגעזעענע שרייבער, האָבן מיט קיין וואָרט נישט רעאַגירט בעת דער גרויסער וואַקכאַנאַליע אין 1968, וואָס האָט דערפירט צום גרוש פּוילן.

איך וועל זיך באַגרענעצן צו צוויי בלויז עפּיזאָדן: אין פעברואַר 1968, בעת דער באַרימטער פאַרזאַמלונג פון די פּוילישע שרייבער אין שייכות מיטן אַראָפּנעמען פון דער סצענע מיצקעוויטשעס „דזשאַדי״, ווען ס׳האָט ווער פון דער טריבונע דערמאָנט דעם דעמאָלסטיקן אויפ־געררייצטן אַנטיסעמיטיזם, האָט דער שרייבער יעזשי פּוטראַמענט, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון שרייבער־פאַרבאַנד, געדונערט פון זאַל: „די פּאַרטיי באַקעמפט דעם אַנטיסעמיטיזם!״

ביים זעלבן יעזשי פּוטראַמענט איז מיין ווייניקייט אויסגעקומען צו איינ־טערווענירן לטובת נפתלי הערץ כהן בעת ער איז געזעסן אין תפיסה. מיר זענען געווען זאַלבע צווייט, איך אַלס מיטגליד פון שרייבער־פאַר־

באַנד, און אַ זייטיקער מענטש, פּוטראַמענטס אַ גוטער באַקאַנטער. די אינטערוועניץ איז געמאַכט געוואָרן אין געהיים. מיר האָבן ברייט און לאַנג פאַרגעשטעלט די טראַגעדיע פון אַ מענטש, פון דעם יידישן שרייבער, וועלכער האָט אַזוי פיל געליטן, אַן אומשולדיקער אַזוי פיל יאָרן געזעסן אין אַ לאַגער. מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין אַלע סטרונעס, אָנגעוויזן, אַז זיין אַרעסט איז אומפאַרשטענדלעך, געמאָלן זיין פיזישן און פּסיכישן צושטאַנד און אונטערגעשטראָכן, אַז ס׳איז נישט דערלאַזבאַר צו לאָזן אים ווייטער פאַרשפּאַרט.

פּוטראַמענט, ביי וועלכן דער גאַנצער ליטעראַטן־פאַראיין איז געלעגן אין קעשענע, האָט רואיק אויסגעהערט און געענטפערט, ווי ס׳וואָלט געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז דער אַרעסט איז זיכער פאָרגעקומען צוליב אַ „יידישן ענין”. ס׳האָט נישט אויסגעזען ער זאָל זיך שטאַרק נעמען צום האַרצן דעם „יידישן ענין”, הגם אונטער אַ כסדרדיקן דרוק האָט ער יאָ איבערגעשיקט אַ בריוו׳ל וועגן דעם צו אַ הויכן פּאַרטייפירער. ביי גאָמולקאַן האָט ער אָפּגעזאָגט צו אינטערווענירן. אַן אַנדערער פּוילישער שרייבער איז בכלל אויף אַ טרעפונג נישט געקומען, כאָטש דאָס איז געווען מער פון פּחדנות ווי פון שלעכטן ווילן.

אַ צווייטער פאַל: פאַרן פאַרלאָזן פּוילן, זומער 1968, האָבן אייניקע מוטיקע פּוילישע שרייבער זיך איינגעשטעלט פאַר מיר איך זאָל קאָנען מיטנעמען מאַנוסקריפּטן. אַ פּוילישע שרייבערין האָט זיך געווענדן צום פּרעזידענט פון פּוילישן ליטעראַטן־פאַראיין, צום באַרימטן אַלטן שרייבער יאַראָסלאַוו איוואַשקעוויטש, ער זאָל מיט זיין פּרעסטיזש צוהעלפן מיר צו דערמעגלעכן מיטצונעמען מיינע מאַנוסקריפּטן, נאָטיצן און ביידע שרייב־מאַשינקעס, אַ יידישע און אַ פּוילישע — מ׳האָט נישט געטאָרט מער מיטנעמען ווי איין שרייב־מאַשינקע. איוואַשקעוויטש האָט זיך מיט דער גאַנצער זאַך נישט איבערגענומען, בלויז געוווּנדערט זיך און געפרעגט: „פאַרוואָס פאָרן זיי אַוועק? ס׳וועט דורכגיין”, אָבער דער זעלבער איוואַשקעוויטש האָט נישט געלאָזט פאַלן קיין וואָרט פון פּראָטעסט קעגן דער וואַקכאַנאַליע.

בעת די פילע אינטערווענצן פאַרן כהנען, אין 1960, האָט די מחברין פון די שורות מיט דער פאַרשטענדיקונג פון אַרעסטירטן און מיט זיין אונטערשריפט איבערגעשיקט אַ לאַנגן בריוו צום פאָרזיצער פון ליטעראַטן־פאַראיין יאַראָסלאַוו איוואַשקעוויטש. די מעשה מיטן בריוו האָט געהאַט אַ קאָמיש־טראַגישע געשיכטע. כהן, אָדער קאָהן, ווי

מ׳האָט אים דעמאָלט גערופן, איז פון תפיסה איבערגעפירט געוואָרן אין אַ שפּיטאָל פאַר פּסיכיש קראַנקע. ס׳איז געווען אַ דערגרייכונג. ער האָט באַקומען בעסערע באַדינגונגען, דערפילט זיך פרייער; דער דירעקטאָר פון שפּיטאָל האָט אים אַרויסגעוויזן אַ סך הארץ און פריינדשאַפט, דער עיקר — די משפחה האָט געקאָנט קומען אים באַזוכן אָן שום קאָנטראָל און באַגרענעצונגען. אין די געענדערטע באַדינגונגען האָט נפתלי אָנגעשריבן צום פּרעזעס פון פּוילישן ליטעראַטן-פאַראיין אַ בריוו פון אַ קאַרגע 30 זייטן און אים איבערגעשיקט דורך עמעצן, וואָס האָט אים באַזוכט, צו מיר, כדי איך זאָל דעם בריוו איבערזעצן אין פּויליש און אָוועקשיקן צו איוואַשקעוויטשן. וואָלט חס וחלילה דער אַרויסגעשיקטער כתב־יד דורכגעפאַלן, וואָלט עס ערשט איצט געווען אַ מציאה פאַר דער זיכערקייט־פּאָליציי און נאָך אַ דאָקומענט פאַרן באַשולדיקונגס־אַקט. און וואָלט דער בריוו אין איבערזעצונג דערגאַנגען צו יאַראָסלאַוו איוואַשקעוויטשן, וועלכער איז באַקאַנט פאַר א בעל־פּחדן, וואָלט אויך פון דעם קיין גוטס נישט אַרויסגעקומען, שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס ער וואָלט זיך דערפילט באַליידיקט. נאָך אַ באַראַטונג מיט נפתליס נאָענטסטע האָט מען דעם לאַנגן מאמר „ליקווידירט״. אָבער אויפן סמך פון יענעם מאמר האָב איך אָנגעשריבן אַן אַנדערן בריוו. די געהיימע, „היימישע פּאָסט״ האָט אים צוגעשטעלט צום פּאַציענט אין שפּיטאָל. דעם פּאַציענט איז דער טעקסט געפעלן און אַרויפגעלייגט אויף אים זיין אונטערשריפט. איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע מעשה ווי אַזוי דער בריוו זאָל דערגיין דירעקט צום פּרעזידענט פון ליטעראַטן־פאַראיין. אַז ער איז דערגאַנגען האָב איך געוווסט, אָבער לויט מיינע אויסקונפטן האָט איוואַשקעוויטש ווייניק וואָס זיך פאַראינטערעסירט מיטן גאַנצן ענין. ווער ווייסט צי ער האָט דעם בריוו נישט „ליקווידירט״ ווי מיר האָבן דאָס געטאָן מיטן יידישן אָריגינאַל.

אָט אַזוי קייטלט עס זיך און עס רינגלט זיך.

די מאַטעריעלע שטיצע, די גוטע באַציאונג מצד דעם פּוילישן ליטעראַטן־פאַראיין, איז געקומען ערשט דעמאָלט, ווען נפתלי הערץ כהן איז באַפרייט געוואָרן. בעת מ׳האָט געדאַרפט געלט פאַר די אַדוואָקאַטן, האָט מען אויף קיין שטיצע פון קיין שום אָפיציעלן צד נישט געקאָנט רעכענען. נאָך מער: די פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן

אָרעסטירטן שרייבער, האָבן פון טאָג צו טאָג מער געפילט ווי זיי ווערן אומעטום איזאָלירט.

ווי ווייט נפתלי הערץ כהן איז פון דער נאַטור, פון כאַראַקטער, געווען אי נאַאיוו, אי ענטוזיאַסטיש און געטראַכט מיט געהויבענע קאַ־טעגאָריעס, איז אויך אַ באַווייז ווי הויך ער האָט אָפּגעשאַצט די אונ־טערשטיצונג מצד דעם פוילישן ליטעראַטן־פאַראיין. ס'איז אַ שיינער שטריך, אָבער אויך טראַגיזם פון אַן ענטוזיאַזם.

און טראַגיש איז אויך דאָס, וואָס נאָך דעם ווי ער האָט זיך דער־שלאָגן צו דעם אויסגעבענקטן לאַנד, מיט אַלע כוחות באַגערט זיך איינצוגלידערן אין יידישן ווידערגעבורט, טראָץ אַלע שוועריקייטן מיט ענטוזיאַזם געגרייט אַ ברייט־פּאַרמאַסטן ווערק און געגלויבט, אַז ס'וועט קומען די באַלוינונג פאַר אַלע זיינע ליידן, האָט זיך פּלוצלונג אַראָפּגעלאָזט אויף אים אַ שוואַרצע נאַכט. דער טויט איז געקומען אין אַ שעה פון גרויסן ייאוש.

„מיר, פוילישע יידן"

ס'ווערט איצט אַ פערטל יאָרהונדערט, ווי דער גרעסטער היינט־צייטיקער פוילישער דיכטער, דער ייד יוליאַן טווים, האָט אונטערן אויבן אויפגעשריבענעם טיטל, אין פלאַמעדיקע ווערטער אויסגעגאָסן זיין גרויסן צער און ווייטיק איבער דער שחיטה פון פוילישן יידנטום. ס'איז געווען אין אַפּריל 1944, צו דער ערשטער יאָרצייט פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. אַ פּליט אין אַמעריקע, האָט דער געראַטעוועטער פון דער שחיטה דיכטער, פון דער ווייטנס געשיקט זיין גליענדיקן רוף צו די פאַרפייניקטע פוילישע יידן מיטן געבעט, אַז „...דער ראַנג פון אַ „ייד דאָלאָריס קאוזאַ" זאָל צוגעטיילט ווערן דעם פוילישן דיכטער דורך דעם פאָלק, וואָס האָט אים אַרויסגעגעבן".

יידן האָבן פוילן געגעבן מער ווי איין גרויסן דיכטער. היינט, נאָך פינף און צוואַנציק יאָר, לייענענדיק אויפסניי טווימס אויפטרייסלענדיקן וויי־געשריי, אַז עס פאַראייניקט אים מיט אונדז נישט „דאָס בלוט אין די אָדערן, נאָר דאָס בלוט, וואָס פליסט פון די אָדערן", „... דאָס בלוט, וואָס איז שוין מער נישט אין די אַרטעריעס, נאָר וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן", שטייגט נאָך מיט מער קראַפט אויף אין דמיון די געשיכטלעכע פּאַנאָראַמע פון פוילישן יידנטום.

מיר האָבן נייע דערפאַרונגען פון אַ פערטל יאָרהונדערט. היינט, בעת עס גייט אָן דער גרויש פון די לעצטע רעשטלעך פון דער שארית הפליטה, וואָלט נאָך מער ווי דעמאָלט נישט געווען אויפן אָרט צו געבן אויפקלערונגען פאַרוואָס „מיר" און ווער „מיר"? ווייל ווידער זענען מיר אַלע גלייך אויף דער פוילישער ערד: פוילישע יידן און „פּאַליאַקן פון יידישן אָפּשטאַם", ציוניסטן, קאָמוניסטן, יידיש־רעדנדיקע און יידיש־טראַכטנדיקע, און די פון דורות אָפּגעפרעמדטע פון יידישקייט, צוזאַמען אַזאַ „ייד דאָלאָריס קאוזאַ", ווי יוליאַן טווים — אַלע זענען מיר היינט ווידער אין לאַנד פה־לין אין דער ערשטער ריי יידן. און קיין שום שאַנד־פאַרטיילונג אויף קינסטלעכע קאַטעגאָריעס וועט נישט איבער־

שטרייכן די בושהדיקע פּראַקטיק פון די היינטיקע פּוילישע הערשער, וועלכע האָבן צוגעקלעפּט צום הייפל אָפּגעראַטעוועטע פּוילישע יידן דעם עטיקעט „ציוניסט", ווי מ'האָט מיט העכער אַ פערטל יאָרהונדערט צו־געקלעפּט צו אונדזערע מלבושים דעם מגן־דוד. און פּונקט ווי דעמאָלט, ווען מ'האָט אונדז געחתמעט מיטן אַלטן ציון־צייכן, כדי צו שטעלן אויסערן געזעץ און דערנאָך צו קאָנען אונדז פאַרטיליקן, אַזוי האָט געדאַרפט היינט דינען דער צוגעשפּילעטער עטיקעט „ציוניסט" צו באַוויזן אונדזער שעדלעכקייט, כדי צו קאָנען מאַכן פון אונדז אַ מאָדערנעם שעיר לעזאזל.

איז ווער זענען מיר און וויפל זענען מיר די „צויניסטן" אין פּוילן ?

מיר זענען פּוילישע יידן. מיר זענען אַ סך, ווער ווייסט וויפל צענדליקער מיליאָנען ! מיר זענען הונדערטער און הונדערטער פאַרגאַנ־גענע דורות, וואָס האָבן מיט זייער פּראַצע און שוויס, מיט דער מי פון מוח געבויט דאָס לאַנד, געהאָלפן זאַמלען די פאַרמעגנס, באַרייכערן און פאַרשענערן דאָס אַמאָליקע אָפּגעשטאַנענע לאַנד. מיר האָבן געבויט הייזער און פאַבריקן, הייזקעס און וואַרשטאַטן, און אויך טעאַטערס און פילהאַרמאָניעס און כלערליי טעמפּלען פון קולטור. מיר האָבן מיט פולע הויפנס אַריינגעלייגט אונדזער חלק אין אַלע גייסטיקע פאַרמעגנס.

מיר, פּוילישע יידן, מיר זענען די שאָטנס פון לאַנגע דורות יידישע אַרבעטס-מענטשן : ערד־אַרבעטער, בעלי-מלאכות, סוחרים און אונטער־נעמער, רבנים און לומדים און אויך די שאָטנס פון גרויסע וועלטלעכע געלערנטע, פון באַרימטע דאָקטוירים, מאַטעמאַטיקער, רומפולע שריי־בער, פילאָזאָפן און כלערליי וויסנשאַפטלער. אונדזערע בייגער זענען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער פּוילישער ערד, פון מזרח ביז מערב, פון דרום ביז צפון. מיר זענען דער אָטעם פון גרויסע גייסטער, פון אַ סך שעפער און פון אַן אַ שיער מאַרטירער, פון קעמפער-גבורים. מיר זענען קנוילן ליידן און פּיין. מיר זענען העכער דריי מיליאָן פאַרטיליקטע און אַ הייפל אָפּגעראַטעוועטע פון די היטלעריסטישע קאַלך־אויוונס, איצט געפּלאָגטע און געיאָגטע, פאַרטריבענע און באַרויבטע.

מיר, פּוילישע יידן, מיר האָבן געשריבן אונדזער לאַנגע געשיכטע אויף דער פּוילישער ערד מיט בלוט פון אונדזער האַרצן און נאָך אַלץ נישט פאַרשריבן. מיר האָבן אַן אַלט־אַלטע געשיכטע און אַן אַלט־אַלטן ייחוס. אונדזער געשיכטע אויף דער פּוילישער ערד איז עלטער ווי די

געשיכטע פון פוילישן, קאטוילישן פאָלק און פון דער פוילישער מלוכיש־קייט. יידישע איינוואָנדערער האָבן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן אויף דער פוילישער ערד נאָך אין 8־טן יאָרהונדערט; זיי זענען געקומען פון ווייטן בבל, ביזאַנץ, פון כאַזאַריע. אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדער־טער זענען זיי געקומען שטראָמענווייז פון די מערב־און דרום־אייראָפּע־אישע לענדער, האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פאַרשידענע קולטורן, קענ־טענישן, וויסן און קאַפּיטאַלן. די פוילישע פירשטן און שפּעטער די קע־ניגן האָבן זיי גערן אויפגענומען, ווייל זיי האָבן זיך געניטיקט אין זייע־רע הענט און מוחות, אין זייערע קאַפּיטאַלן, דערפאַרונגען און אין זייערע איניציאַטיוון. מיט זייערע דעראָבערטע אין העכער ציוויליזירטע לענדער קענטענישן האָבן זיי געהאָלפן צעאַקערן און באַפרוכפערן די רויע ערד פון די פוילישע פליינען, זיי האָבן געהאָלפן בויען שטעט, שטעטלעך און דערפער און דאָס אומבאַקאַנטע לאַנד מיט דער ווייטער וועלט פאַרבונדן.

אַ לעגענדע דערציילט: אַ וואַנדערנדיקער ייד, אַן אַנטלאָפענער פון די שחיטות בעתן ערשטן קרייצצוג איז ערגעץ־ווו אויף דער פויליר־שער ערד אַוועקגעפאַלן אַ מידער און איינגעדרימלט. אין שלאָף האָט ער אַ בת־קול דערהערט: פּה־לין! — דאָ זאָלסטו נעכטיקן!

שוין דעמאָלט, ווען אונדזערע זיידעס האָבן דאָ אָנגעהויבן צו נעכ־טיקן און טאָגן, האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף צעוואָרפענע יידישע מושבים מיט אַן אייגנאַרטיקער יידישער קולטור. שפּעטער האָבן זיך שטופּנווייז די צוויי קולטורן, די פון מזרח מיטגעבראַכטע און די פון מערב-אייראָ־פּעאישע לענדער צונויפגעשמאָלצן און איינצייטיק אי באַפרוכפערט די קולטור פון נייעם לאַנד, אי געבויט אַן אייגן גייסטיק נאַציאָנאַל לעבן. און ווי היסטאָרישע מקורות גיבן איבער, זענען די פוילישע יידן דעמאָלט נישט געווען קיין געבויגענע, קיין שרעקעוודיקע, פאַרקערט, זייער באַ־שעפטיקונג איז אויך געווען לאַנד־ווירטשאַפט. יידן האָבן געריטן אויף פערד, געוווסט זיך צו באַגיין מיט געווער און פאַרטיידיקן די ערד און זייער רעכט, ווען מ׳האָט געדאַרפט.

מיר, פוילישע יידן, האָבן אין יענע אַלטע צייטן אַריינגעפירט אין פוילן הויכע סעדעריי, גערטנעריי. מיר זענען געווען די ערשטע צו בוי־ען וואַרשטאַטן פון זייד־וועבעריי, קירזשנעריי און גלאָז־אויסאַרבעטונגען. יידישע מלאכות האָבן אויסגעפלאַסטערט אַ וועג צו מאַנופאַקטוריע, גע־שפּילט אַ פּיאָנערישע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון פוילישע שטעט.

די יידישע איינגעוואָנדערטע האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך נייע פאָרמען פון אויסטויש און געהאָלפן פאַרוואַנדלען די נאַטור־ווירטשאַפט אין אַ נייער סחורה־און געלט־ווירטשאַפט. יידישע וועלט־סוחרים האָבן געהאָלפן אַנבינדן האַנדלס־באַציאונגען מיט אַנדערע לענדער. די ערשטע ידיעות וועגן פוילן זענען דערגאַנגען צו דער מערבדיקער וועלט דורך דעם שפּאַנישן ייד אברהם בן־יעקב. אַ שפּראַך־קענער און דיפּלאָמאַט פון קאָרדאָווער קאַליפאַט, האָט ער בעת זיינער אַ נסיעה קיין דייטשלאַנד אין יאָר 966 באַקומען אויסקונפטן וועגן דעם לאַנד פון דער צווייטער זייט אָדרע.

מיר, פוילישע יידן, זענען מיטבויער און מיטשאַפער פון אַלע רייכטימער פון לאַנד — סיי מאַטעריעלע, סיי גייסטיקע. מיר זענען די רומפולע שניצער און גראַפיקער, די דרוקער און איינבינדער, דערפינדער און אונטערנעמער. דאָס ערשטע בוך אין דער דרוקעריי פון די ראַדזשיווילס האָט אילוסטרירט דער פוילישער ייד לייב לייבאָוויטש, צענדליקער זיינע גראַפישע פּאָרטרעטן פון אַדל־לייט האָבן באַצירט די פּאַלאַצן. אַ מאָלער מיטן נאָמען שמואל האָט געמאָלן דעם פּאָרטרעט פון קעניג יאַן דעם דריטן; דער מיניאַטוריסט חיים בן אייזיק סגל האָט איינגעפירט די מיניאַטורן־קונסט; דער פּיאָנער פון דער פוילישער היסטאָרישער מאָלעריי, דער פאָרגייער פון מאַטייקאָ, איז געווען דער ייד אַלעקסאַנדער לעסער. דאָס האָט אויך ער אָנגעהויבן אויספאָרשן די דאָקומענטן פון דער פוילישער אַלטער קונסט און געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער פוילישער קונסט־געשיכטע. דאָס האָט דער זעלבער ייד פאַראייביקט אין דער מאָלעריי פוילנס מאַרטירערטום און די פּאַטריאָטישע אויפשטאַנדן קעגן דער צאַרישער טיראַניע. זיין פאָטער און זיין זיידע, די לעסערס, האָבן אין 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט אַרויפגעפירט פוילן אויף די וועלט-מערק. יידישע אַנטיקוואַרן האָבן זיך אויסגעצייכנט ביים אויסגעפינען, אָפּראַטעווען און פּאָפּולאַריזירן יקר־המציאותן פון דעם פוילישן שריפטנטום; פוילישע אַנטיקוואַרן האָבן שפּעטער אונטער זייער איינפלוס אָנגעהויבן זאַמלען יודאַיסטישע אַנטיקן. דער מאַטעמאַטיקער אברהם שטערן, דער ייד מיט דער פּאַטריאַרכאַלישער באָרד און מיט אַ יאַרמאָלקע אויפן קאָפּ, האָט דער ערשטער דערפונדן די רעכן־מאַשין און זיך קונה־שם געווען מיט זיין וויסן אין דער וואַרשעווער „וויסנשאַפט-געזעלשאַפט”. דער ייד אַלעקסאַנדער סאָכאַטשעווסקי, דער מאָלער און קעמפער, איז געגאַנגען אויף סיביר אַ געשמידטער אין קייטן ווי אַ פוילישער אויפשטענד־

לער און „בונטאָווטשיק" און דאָרט „אויפן שנייאיקן מדבר", ווי ס'הייסט איינס פון זיינע לייוונטן, אויף שטענדיק פאַראייביקט דעם פּיין פון די פּוילישע קעמפער אין צענדליקער און צענדליקער אייל־בילדער, וואָס זענען אַריין אין טעמפּל פון דער פּוילישער נאַציאָנאַלער קונסט.

מיר, פּוילישע יידן, האָבן אונדזער גרויסן חלק אין אַלע גייסטיקע און קולטורעלע רייכטימער פון פּה־לין. מיר האָבן געגעבן דעם לאַנד אַזעלכע מייסטער ווי מאָוריצי גאָטליב, בוכבינדער, פּיליכאָווסקי, ווייגלעס, מאַרקאָוויטש, וואַכטעל, נאַדעלמאַן, גליצענשטיין, קונאַ, אָסטשעגאַ און הונדערטער אַנדערע באַרימטע און אומבאַקאַנטע קינסטלער.

מיר, פּוילישע יידן, האָבן געגעבן דער פּוילישער ליטעראַטור קלאַטשקאָ און לאַנגע, קראָוסהאַוער און ווילהעלם פעלדמאַן, לעשמיאַן און פיל אַנדערע. פלעיאַדעס פּוילישע שרייבער, ליטעראַטור־און קונסט־קריטיקער פון „יידישער אָפּשטאַמונג" צוליב וועלכער מזואָלט זיי היינט צוגעטשעפּעט דעם עפּיטעט „ציוניסט", האָבן צעאַקערט און פאַרזייט מיט נייע זוימען דאָס ליטעראַרישע פעלד. דער אַנגעזעענסטער פאַרמלחמהדיקער פּוילישער היסטאָריקער איז געווען דער ייד שמעון אשכנזי; לודוויק זאַמענהאָף, די ברידער ווירטואָזן וויעניאַווסקי, אַרטור רובינשטיין, לעאָפּאָלד אינפעלד און פיל אַנדערע געלערנטע און קינסטלער האָבן זייער געבורט־לאַנד פּוילן איינגעשאַפן רום אויף דער וועלט.

מיר, פּוילישע יידן, האָבן אַ דאָפּלטן, לאַנגן ייחוס. מיר האָבן אונדזער אינטים־אייגענע, ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע גייסטיקע אוצרות; דאָ אויף דער פּוילישער ערד האָט זיך אויסגעשמידט אונדזער פּויליש־יידישער נאַציאָנאַלער מהות. דאָ אין פּה־לין האָבן זיך במשך פון אונדזער לאַנגער רומפולער און מאַרטירער־געשיכטע אָנגעהויפט ריזיקע קולטורעלע און מאַטעריעלע פאַרמעגנס, גרויסע גייסטיקע ווערטן, וואָס האָבן געצויגן זייער יניקה אי פון אונדזערע ביבלישע נביאים, אי פון ווילנער גאון, פון בעל שם־טוב ביז נחמן קראָכמאַל און י. ל. פּרצן. דאָס פּויליש יידנטום האָט אַרויסגעגעבן דורות שעפער אין ביידע אונדזערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, וואָס גייען אַריין אין פאַנטעאָן פון אַלמענטשלעכע ווערטן. דאָ אויף דער פּוילישער ערד האָט זיך אויסקריסטאַליזירט און אַנטוויקלט אונדזער מאָדערן יידיש לשון פון וועלכן פּוילישע גרויסע שרייבער האָבן געגאַשט און קנעטן דאָ און דאָרט אַריין ווי ראָזשיב־

קעס אין זייערע ווערק, אַזוי ווייט האָבן זיךביידע ליטעראַטורן און קול־טורן באַאיינפלוסט.

מיר, פּוילישע יידן, זענען געווען אויף אַלע שלאַכט־פעלדער, אומעטום, ווו מ׳האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. אויפן צעשטערטן פּראַגער בית־עולם זענען נאָך געווען די איינגעזונקענע קברים מיט די אַלטע מצבות פון יידישע אויפשטענדלער פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. אויפן גענשער בית־עולם שטייען מצבות מיט נישט פאַרעלטערטע אויפשריפטן: „געפאַלן פאַרן רום פון פאָטערלאַנד״. טויזנטער אונדזערע זין און טעכטער האָבן פּונקט ווי הירש לעקערט און נפתלי באָטווין אָפּגעגעבן זייער יונג לעבן, אַז דאָס לעבן אויף דער פּוילישער ערד זאָל שענער און בעסער ווערן.

מיר, פּוילישע יידן, מיר פאַרפּייניקטע אין די געטאָס און לאַגערן, פאַרשפּאַרטע צווישן די געטאָ־מויערן, זענען די ערשטע אויף דער פּוילישער ערד אַרויסגעטראָטן אין באַוואָפנטן אויפשטאַנד, מיט גראַנאַטן און אַלטע ביקסן געוואָרפן זיך אויף היטלעריסטישע טאַנקען; איבערן אויפשטענדלערישן וואַרשעווער געטאָ האָבן זייט ביי זייט געפלאַטערט די נאַציאָנאַלע פּוילישע פאָן מיט דער בלוי־ווייסער. אויך דעמאָלט האָבן מיר זיך געשלאָגן „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט״. היינט מאַכט מען זיך פאַרגעסן, אַז דער קאָמענדאַנט פון אויפשטאַנד, מרדכי אַניעלעוויטש, איז געווען אַ ציוניסט.

מיר, פּוילישע יידן, ציוניסטן, קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן, בונדיסטן, רעליגיעזע און אַטעאיסטן, מיר פון דורות דערנידעריקטע, גערודפטע, צום טויט פאַרמשפּטע דורך די היטלעריסטישע פעלקער־מערדער, מיר אַלע האָבן אונדזער גרויסן חלק אין באַפרייען די פּוילישע ערד פון די אַמאָליקע שונאים און פון דער היטלעריסטישער פעסט, פּונקט ווי מיר האָבן אונדזער חלק אין די רייכטימער פון לאַנד, וואָס מיר האָבן העכער טויזנט יאָר געהאָלפן בויען. אין פּוילישע שטעט און שטעטלעך שטייען יידישע הייזער, שפּיטעלער, יתומים־הייזער, זקנים־הייזער, פאַרשידענע געביידעס, אַנשטאַלטן, אויסגעבויטע פאַר יידישער פראַצע, פאַר יידיש — אָדער לויט דער נייער טערמינאָלאָגיע — פאַר „ציוניסטיש״ געלט פון אויסלאַנד. אויף דעם אַלעמען איז נישטאָ דער שטעמפּל „ציוניסטיש״, בעת מיר, דאָס הייפל אָפּגעראַטעוועטע, די יורשים פון גלאָרייכן פּוילישן

יידנטום ווערן אַלע באַצייכנט אַלס „ציוניסטן״ — אַ סינאָנים פון „פאַר־פלוכטער יודע״, כדי צו קאָנען ביי אונדז אַוועקנעמען אַלע עלעמענטאַרע מענטשלעכע רעכטן, צו קאָנען אונדז באַרויבן און פאַריאָגן פונעם לאַנד, ווו מיר האָבן געאַרבעט און געשאַפן איבער טויזנט יאָר.

מיר, פוילישע יידן, מיר דאָס הייפל געיאָגטע און געפּלאָגטע, בלאָנקנדיקע איבער אַלע וועגן, און מיר שאָטנס פון לאַנגע דורות, מיר צעשפּרייטע, צעוואָרפענע ביינער און דאָס אַש פון אוישוויץ, טרעבלינקע, מאַידאַנעק, סאָביבאָר, כעלמנאָ, מיר מאַסן־קברים צעשפּרייטע איבער דער גאַנצער פוילישער ערד — מיר רופן אייך היינטיקע הערשער פון פוילן צום משפט פאַר די פאַרלוימדונגען, בלבולים, דערנידעריקונגען, פאַרן באַ־גאַנגענעם אומרעכט לגבי דעם הייפל לעבנגעבליבענע און לגבי דעם זכרון פון די אומגעקומענע.

מיר, פוילישע יידן, מיר זענען גאַנצע מחנות באַשולדיקער. צווישן אונדז איז בערעק יאָסעלעוויטש מיט זיין העלדישן יידישן פּולק און אברהם שטערן מיט זיינע דערפינדונגען, יאַנוש קאָרטשאַק מיט זיינע קינ־דער, און די רומפּולע אויפשטענדלער פון די געטאָס און לאַגערן, דער ציוניסט דער קדוש רינגעלבלום און די קאָמוניסטן לעוואַרטאָווסקי און שמידט. און צוזאַמען מיט אונדז ווי באַשולדיקער טרעטן אַרויס טאַדע־אוש קאָשטשושקאָ, וועלכער האָט גערופן זיינע „ברידער איזראַעליטן״ צו קעמפן קעגן געמיינזאַמען שונא, און אַדאַם מיצקעוויטש מיט זיין יאַנקעל צימבאַליסט און גאָמוליצקי מיט אַ נייעם „אל מלא רחמים״, און קאָנאָפּניצקאָ מיט איר מענדל גדאַנסקי, און עליזאַ אָזשעשקאָווא, פירנדיק ביי איין האַנט מאיר עזאָפאָוויטש און ביי דער אַנדערער עלי מאַקאָווער. און מיר הערן זי אויפסניי אויסשרייען צו די פוילישע דיכטער, פונקט ווי אין 1881, בעת די פּאָגראָמען פון צאַרישן רוסלאַנד האָבן זיך איבער־געוואָרפן אויף ווארשע, ווען זי האָט דעמאָלט גערופן צו קאָנאָפּיצקאָ: „נעמט אין אייערע הענט אייער לירע און גיט אַ קלאַפּ איבער די סטרו־נעס פון מענטשלעכער ליבע און האַרמאָניע...״! ביי אונדזער זייט שטייט דער גרויסער פוילישער דיכטער בראָניעווסקי, וועלכער האָט גע־גלויבט אין זיין ליד „צו די פוילישע יידן״, אַז „דאָס פאַרגאָסענע בלוט פאַרברידערט אונדז״, און צוזאַמען מיט די־אַ שאָטנס זענען אויף אונ־דזער זייט די שענסטע גייסטער פון פוילישן פאָלק.

מיר, פוילישע יידן, מיר טייכן בלוט און טרערן, בערג אַש און צע־

אין גאַנג פון צייט

שאַטענע ביינער, און מיר על פּי נס לעבנגעבליבענע, פאַריתומטע, מיט נאָך נישט פאַרהיילטע וווּנדן, אויפסניי דערנידעריקטע און באַרויבטע פון אונדזערע מענטשלעכע רעכט — מיר אַלע בעטן אייך נישט קיין נדבות און קיין רחמנות, מיר פאָדערן גערעכטיקייט: קערט אונדז אום אונדזע־רע רעכט! גיט אונדז אָפּ וואָס ס׳קומט אונדז פאַר אונדזער פּראַצע! גיט אָפּ דעם יידישן פאָלק די ירושה, וואָס דאָס אויסגעשאָכטענע פּוילישע יידנטום האָט איבערגעלאָזט.

פּאַריז 1969

V

דער ראָמאַן אין זיינע אומוואַנדלונגען
און די ליטעראַרישע סעזאָנען אין פראַנקרייך

(אויפן ראַנד פון מישעל טורניעס ראָמאַן „דער ערלקעניג")

אַ פראַנצויזישער שרייבער האָט מיר סוף יוני געזאָגט, אַז אין פראַנקרייך פאָרט די ליטעראַטור אויך אויף וואַקאַנס, נאָר איר וואַקאַנס איז אַ לענגערער. ער האָט דאָס געזאָגט אויפן פראַנצויזישן שטייגער, וויציק. קיין וויץ איז דאָס אָבער נישט. אין די זומער־חדשים ווערט שטיל אויפן לעבהאַפטן, טומלדיקן, ליטעראַרישן יאַריד. דערנעטערט מען זיך צום סעפטעמבער חודש, הייבן שוין אָן אַרומצוגיין שטילע קלאַנגען וועגן אָנקומענדיקן סעזאָן. פון די הינטערקוליסן דערגייען שוין ידיעות וויפל און וואָסערע ביכער עס זענען צוגעשטעלט געוואָרן צו די פרייזן. און דער גרויסער ליטעראַרישער סעזאָן אין פראַנקרייך איז אין פולן ברען ערשט אין נאָוועמבער, ווען מען הייבט אָן אויסטיילן די ליטעראַרישע פרעמיעס. די קריטיק רופט דאָס „די יאַגד אויף פרייזן". יעדעס יאָר וואַקסט די צאָל צוגעשטעלטע ביכער צו די ליטעראַרישע פרעמיעס, וואָס זענען פאַראַן אין פראַנקרייך אין גאָר אַ היפּשער צאָל. מיר וועלן זיי דאָ אַלע נישט אויסרעכענען, בלויז דערמאָנען, אַז די העכסטע איז דער „גאָנקור־פּרייז".

פּרעמירטע ביכער זענען נישט אַלע מאָל קיין מעסטער פון אַ ליטעראַטור־מצב, אָדער פון ליטעראַרישע דערשיינונגען און דאָך, לויט ביכער, וואָס פליסן אַריין אין די זשוריס און דער עיקר לויט דעם פאַרטיילן צווישן זיי די פרייזן (געוויסע פּרעמיעס ווערן אויך אויסגעטיילט במשך פון יאָר, דער עיקר אין פרילינג), קאָן מען זיך מאַכן אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן די שטרעמונגען, וואָס קרייצן זיך אין דער היינטצייטיקער פראַנצויזישער ליטעראַטור, וועגן דעם פיבער מיט וועלכן זי האָט געפיבערט אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר.

***

לאַנגע יאָרן האָט מען אין פראַנקרייך גערעדט און נאָך מער געשריבן וועגן אַ קריזיס פון ראָמאַן. פאַרשידענע אַפּאָסטאָלן האָבן געהאַט אַנגעזאָגט דעם אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג פון דעם מין ליטעראַרישן זשאַנער, באשר בכן דער ראָמאַן איז אין אונדזער צייט „אָפּגעלעבט", ער פּאַסט זיך נישט צום גייסט פון מאָדערנעם לעבן, צו דער פיבערהאַפטער, ברויזנדיקער היינטצייטיקייט. מין איין וואָרט — אַלטמאָדיש געוואָרן, ווי להבדיל אַן אַלטמאָדישער מלבוש, אָדער אַ פּאַרצייטיק מעבל, וואָס פּאַסט זיך נישט צו אַ מאָדערנער וווינונג.

וועגן קריזיס פון ראָמאַן האָט מען גערעדט נישט בלויז אין פראַנקרייך. ס'איז נאָך מיט אַ צענדליק יאָר צוריק געווען אַ דערשייַנונג, וואָס האָט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג כמעט אומעטום. אין פראַנקרייך, אָבער, אין קלאַסישן לאַנד, ווו עס קרייצן זיך שטענדיק פאַרשידענע קונסט־שטרעמונגען און צווישן די קרייצענישן און אָמפּערנישן קומען אויף נייע שטראָמען, איז ווי געווײנלעך דער טומל אין די ליטעראַרישע קרייזן געווען אַ היציקער. ס'איז צומאָל אַנטשטאַנען אַ געוויסע באַוועגונג אַרום דעם אַזוי גערופענעם אַנטי־ראָמאַן. אויפן ביכער־מאַרק האָבן זיך באַוויזן נישט ווייניק טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען און אויך נישט קיין קליינע צאָל ביכער, וואָס זענען פאַררעכנט געוואָרן צו דעם זשאַנער, ביכער, דער עיקר פון יונגע שרייבער.

וואָס איז דער אַנטי־ראָמאַן? אַנטי, ווי מיר ווייסן, באַדייט קעגן. קעגן וואָס? קעגן דעם קאָנווענציאָנעלן ראָמאַן אין דער ערשטער ריי, אָבער אויך קעגן ראָמאַן בכלל ווי אַ ליטעראַרישער מין. געווען דאָ אייגנטלעך אַ סתירה, ווייל דער אַנטי-ראָמאַן איז אויך עפּעס אַ מין ראָמאַן, אָבער פון אַן אַנדער קאָנסטרוקציע, פון אַן אַנדערן כאַראַקטער. אפשר דערפאַר האָט מען אים דערנאָך אָנגעהויבן אויך רופן „נייער ראָמאַן". ער האָט זיך געענדערט צוביסלעך, ווי דער ראָמאַן און אַנדערע ליטעראַרישע זשאַנערן ענדערן זיך בכלל.

לאָמיר זיך אָבער צוקוקן צום אָריגינעלן אַנטי־ראָמאַן: וואָס איז דאָס פאַר אַ באַשעפעניש? ס'איז אַ ראָמאַן, וואָס קאָן זיך באַגיין אָן צייט-ראַמען, אָן צייט-געשעענישן, אָן גרויסע קאָנפליקטן און צומאָל אָן אַ פאַבולע, אין בעסטן פאַל האָט ער אַ צעשוווּמענע פאַבולע. די פּערסאָנאַזשן דרייען זיך אין אַן אומבאַשטימטער, טיילמאָל פאַרנעפּלטער וועלט, וואָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אַלעגאָריע אָדער סימבאָליק.

נישטאָ קיין אַקציע, קיין בולטע האַנדלונגען, קיין ברייטע נאַראַציע, פון עפּיק איז שוין אָפּגערעדט, אין בעסטן פאַל — באַשרייבערישקייט, דער עיקר פון קעגנשטאַנדן. און אויך די פּערסאָנאַזשן זענען טיילמאָל אויס ווי קעגנשטאַנדן, הגם זיי פירן דיאַלאָגן צווישן זיך, אָדער מיט זיך גופא. און דאָס אינטערעסאַנטסטע, וואָלט איך געזאָגט, וואָס אין אַנטי־ראָמאַן איז פאַראַן אַ דיאַלאָג מיט זיך גופא — דער אינערלעכער מאָנאָלאָג. אָבער למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דעם אינערלעכן מאָנאָלאָג האָט נישט דערפונדן דער אַנטי־ראָמאַן. דזשאָיס, ווירדזשיניאַ וואָלף און אַנדערע גרויסע שרייבער האָבן זיך שוין געהאָט באַנוצט מיט אים פון לאַנג.

***

מיטן אַנטי־ראָמאַן איז טיילווייז געווען אַזוי, ווי מיט דער אַבסטראַקטער פּלאַסטישער קונסט, וואָס האָט זיך באַוויזן נישט צום ערשטן מאָל אויפן קונסט־האָריזאָנט. קיין נייעס אין דער קונסט איז דאָס טאַקע נישט געווען, אָבער עס זענען געבוירן געוואָרן בילדער פון מאָלער, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דער צייכענונג, וועגן ליניע און פאָרם, וועגן קאָנסטרוקציע און פאַרבן־שפּיל. ווען אַן עכטער קינסטלער מאָלט אָדער סקולפּטירט אַבסטראַקט, מעג דאָס אַבסטראַקטע ווערק יאָ אָדער נישט זיין צום האַרצן און ס'קאָן זיין אַ גרויס קונסט־ווערק. אויך צווישן די ריטער פון אַנטי־ראָמאַן זענען געווען טאַלאַנטפולע שרייבער, לאָמיר כאָטש אויסרעכענען מישעל ביטאָר, אַלען ראָב־גריע, נאַטאַלי סאַראָט, קלאָד סימאָן. מישעל ביטאָר, ער, וועלכער האָט צוזאַמענסטן טעאָרעטיש באַגרינדעט דעם נייעם ליטעראַרישן זשאַנער, האָט דאָך גלייכצייטיק גיך אָנגעהויבן צו גיין מיט אַנדערע וועגן. ראָב־גריע האָט זיך געוואָרפן צום פילם, צום גרעסטן טייל אין זעלבן גייסט, אָבער ער האָט זיך אָנגעהויבן ווידמענען מער דער פילם־קונסט ווי דער שרייבערישער. טאַלאַנט, זעט אויס, איז נישט גענוג. זייערע אַנטי־ראָמאַנען האָבן נישט געוואָרעמט און נישט געקילט. פון אָנהייב האָט זיך דער לייענער געוואָרפן אויף זיי ווי אויף יעדער נייקייט. דער רום פון די סאַמע טאַלאַנטירטע שרייבער איז געווען עפעמער.

דאָס מיינט נישט, אַז די אַלע שרייבער האָבן נישט געלאָזט קיין

שפורן, אָדער זענען אויסגעלאָשענע שטערנס. זיי האָבן אַריינגעבראַכט נייעס אין דער ליטעראַטור, ווי יעדע ליטעראַרישע ריכטונג לאָזט עפּעס נאָך זיך, אָבער דעם „אָפּגעלעבטן" ראָמאַן האָבן זיי נישט אַרויסגע־שטויסן, פאַרקערט, נאָך אַ צענדליק יאָר איז די רעאַקציע געוואָרן אַ פאַרקערטע.

און נאָך אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג אויף וועלכער מ'האָט זיך ווייניק געריכט: דווקא אין אונדזער צעשרויפטער צייט, ווען דער מענטש איז אין שטענדיקער איילעניש, ווען ער האָט נישט קיין צייט זיך אָפּצושטעלן אָנזעטיקן דאָס אויג מיט אַ בליענדיקן בוים, צו אַנט־ציקן זיך מיט אַ שיינעם זונען-פאַרגאַנג, איז אויפגעקומען אַ באַגער צו לייענען אַן אמתן ראָמאַן, אפילו פון מיט אַ סך יאָרן צוריק. גאָלס־וואָרטיס „די דינאַסטיע פאָרסאיטס", וואָס איז אַרויס אין אַ נייער אויפ־לאַגע אין פּאַריז, ווערט אַ סך מער געלייענט, ווי אַן אַנטי־ראָמאַן מיט וועלכן ס'האָט געקלונגען אין די פּופּציקער יאָרן. מ'דאַרף זיך משער זיין, אַז דער פילם, וואָס איז געגאַנגען אין דער טעלעוויזיע אין פיל סעאַנסן, האָט אַ סך אָנגערעגט צו לייענען דאָס ווערק. דאָס ענדערט אָבער נישט דעם פאַקט, אַז דער לייענער וויל זען דעם מענטש אין זיינע ראַנגלענישן אין די ראַמען פון צייט־געשעענישן. דאָס זעלבע האָט זיך אַרויסגעוויזן מיט די ביכער פון מאַרסעל פּרוסט, וואָס זענען, אין צוזאַ־מענהאַנג מיט זיין הונדערט־יעריקן געבוירן־טאָג דערשינען אין אַ נייער אויפלאַגע. און וועגן פּרוסטס ביכער האָט מען דאָך אַמאָל כּלל געספּקט צי זיי זענען ראָמאַנען, אָבער חוץ זייערע קינסטלערישע וואַלאָרן זענען זיי עדות פון אַן עפּאָכע מיט איר גייסט, שוין אָפּגערעדט וואָס זיי אַנט־בלויזן די פאַרבאָרגענישן פון מענטשנס נשמה.

דאָ נישט לאַנג איז אין פראַנקרייך פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון שרייבער, קריטיקער און ליטעראַטור־פּראָפעסאָרן. 120 אָנטיילנעמער פון 14 לענדער האָבן דעבאַטירט איבערן ליטעראַרישן זשאַנער, וואָס מ'האָט גערופן אַנטי - ראָמאַן. געווען זייער אינטערעסאַנטע אַרויסטריטן און אין סך הכּל איז מען געקומען צום אויספיר, אַז די ריכטונג מיט וועלכער ס'האָט זיך אַזוי פיל געטומלט אין די פּופּציקער יאָרן האָט נישט גע־שאַפן קיין ליטעראַרישע שיטה, ווי זאָל מען אָנגעמען דער קלאַסי־ציזם, דער ראָמאַנטיזם, אויב ס'איז היינט בכלל אַ צייט, ווען עס אַנט־שטייען אויסגעשפּראָכענע ליטעראַרישע שולן. פאַרשטייט זיך, די פאָר־טרעטער פון דעם אַנטי־ראָמאַן האָבן אויפגעוויזן דאָס פאַרקערטע, יעדנ־

פאַלס האָבן זיי שוין נישט פּראָקלאַמירט, אַז דער ראָמאַן ווי אַ ליטע־ראַרישער זשאַנער איז אָפּגעלעבט און גייט אונטער. אוודאי איז דער ראָמאַן דורכגעגאַנגען און גייט ווייטער דורך אומוואַנדלונגען, אָבער ער פאַרנעמט נאָך אַלץ אַ בכבודיקן אָרט אין דער ליטעראַטור. דער בעס־טער באַווייז איז די ביכער־פּראָדוקציע אין היסן ליטעראַרישן סעזאָן, ווען מען פאַרטיילט די פּרייזן, און אַ סברה אויך — די ביכער־קאָנסומ־ציע.

*****

פראַנקרייך האָט אַ רייכע און גלאָרפולע טראַדיציע פון ראָמאַן. די גרויסע ראָמאַנען־שרייבער פון 19־טן און פון דער ערשטער העלפט פון אונדזער יאָרהונדערט, ווי אויזשען סיו, וויקטאָר הוגאָ, זשאָרזש סאַנד, זאָלאַ, באַלזאַק, די דיומאַס, פּאָטער און זון, פלאָבער, סטאַנדאַל, אַנאַ־טאָל פראַנס, פּרוסט, ראָמען ראָלאַן, זשיל ראָמען, אויב זיך נאָר באַגרע־נעצן צו דער קליינער צאָל אין זייער פאַרשידנאַרטיקייט האָבן באַ־פרוכפּערט דעם ליטעראַרישן באָדן און געשטעלט די פראַנצויזישע לי־טעראַטור אין די פאָדערשטע רייען פון דער וועלט־ליטעראַטור. און ווען מען פאָלגט נאָך די היינטיקע ליטעראַרישע דערשיינונגען, די זוכענישן און ווידעראַנאַנדן באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז אין תוך ציט מען די טראַדיציע פון יענע מייסטער. יאָ, נייקייטן אָן אַ שיער, מען צערייסט די קאָנווענציאָנעלע פאָרמען, אָבער מען פאַרבלייבט ביים גרונטשטיין.

וואָס איז אייגנטלעך אין אַלגעמיינעם באַגריף דער ראָמאַן, וואָס איז אַלע מאָל באַטראַכט געוואָרן פאַרן רוקן־ביין פון אַ ליטעראַטור ביי אַ פאָלק?

קיין פאַרטיקע פאָרמול, קיין מאָדעל און אוודאי קיין רעצעפּט איז נישטאָ און מסתמא קיינמאָל נישט געווען. נישט פאַראַן אויך קיין פאָר־שריפטן פאַר אַנדערע מינים קונסט־שאַפונג. דאָרט, וווּ מ'האָט צוגע־שטעלט, אָדער געפאָדערט שעפער זאָלן שאַפן לויט אַ צוגעשניטענער מאָס, לויט פון פאָרויס באַשטימטע פאַרשריפטן, האָט, ווי מיר ווייסן דאָס, די קונסט אין אַלע אירע אָפּצווייגן אַנגעהויבן וועלקן, דעגענערירן, ווייל שאַפונג האָט אירע אינערלעכע געזעצן, איר אייגן אינערלעך לעבן. און וואַרפט מען איר אָן פון דרויסן כללים און געזעצן, רייסט מען איר אי־בער דעם אָטעם. הייבט זי זיך אָן צו שטיקן. דאָך זענען פאַראַן געוויסע

קריטעריעס, איינשטעלונגען אויף וועלכע דער ראָמאַן האָט זיך באַזירט.

אויב מאַכן מיר אַן איבערבליק איבערן ראָמאַן אין זיין אויפשטייג־פּעריאָד, איז נישט שווער פעסטצושטעלן, אַז דער מין ליטעראַטור, דער עיקר דאָס, וואָס איז געווען דער עכטער, קינסטלערישער ראָמאַן, האָט זיך ס׳רוב געשטאַלטיקט אויף דער פּאַן פֿון אַרומיקע געשעענישן, אָפּט־מאָל פֿון אַ היסטאָרישן קריזיס. די דראַמעס און קאָנפליקטן פֿון מענטשן זענען געווען אַריינגעפלאָכטן אין די צייט־ראָמען. און עס גייט נישט, פאַרשטייט זיך, אין היסטאָרישע ראָמען פֿון אַזאַ דימענסיע, וואָס שאַפט דעם היסטאָרישן ראָמאַן. דער עכטער ראָמאַנען־שרייבער, ווי עס האָט דאָס געהאָט באַצייכנט דער פראַנצויזישער שרייבער און ליטעראַטור־קענער מעריִמע, האָט געדאַרפט געבענטשט זיין מיט צוויי קעגנזעצלעכע קוואַליטעטן: ראשית כל פאַרמאָגן אימאַגינאַציע, שעפערישע אינטואיציע, כדי צו קאָנען שאַפן אַ וויזיע, אַ ליטעראַרישע פיקציע, והשנית האָט ער געדאַרפט קענען קוקן, אָבסערווירן דורך דער פּריזמע פֿון אַ היסטאָריקער, כדי זיין פיקציע, זיינע אויסגעטראַכטע אָדער אמתע פּערסאָנאַזשן אַריינצופּאַסן אין אַ באַשטימטן צייט־אָפּשניט. האָט דען אונדזער זיידע מענדעלע נישט געהאַט געזאָגט צו דובנאָוון, אַז ווען ער, דובנאָוו, דער היסטאָריקער, וועט שרייבן יידישע געשיכטע פֿון זייער צייט, וועט ער דאַרפן אָנקומען צו זיינע ביכלעך? מענדעלע, ווי אַנדערע גרויסע שרייבער האָבן טאַקע זייערע פאַרשוינען מיט זייערע מזלות און גורלות, זייערע אייגענע סיטואַציעס און דראַמעס, איינגעשפּינט אין די דראַמעס, אין די סיטואַציעס פֿון דער געגעבענער צייט. און דאָס איז נישט געווען און ס׳איז היינט נישט אין קיין שום סתירה מיט זוכן אַ נייעם אויסדרוק, אַ נייע פאָרם, מיט זיך באַפרייען פֿון אַלטע קאָנווענצן.

אומקערנדיק זיך צו דער הייננטצייטיקער פראַנצויזישער ליטעראַטור, האָט זיך דאָס באַשטעטיקט אין די לעצטע יאָרן מיט וואָגיקע ווערק, וואָס געפינען דורכויס אַ נייע פאָרם און איינצייטיק באַזירן זיי זיך אויף דעם קלאַסישן הויפּט גרונט־שטריך פֿון ראָמאַן, מען קליידט אים בלויז אָן אין אַ מאָדערנעם לבוש.

די בעסטע אילוסטראַציע דערצו איז דער נייער ראָמאַן פֿון פראַנצויזישן שרייבער מישעל טורניע — „דער ערלקעניג״, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן פאַרן בעסטן בוך פֿון פאַראיאָריקן ליטעראַרישן סעזאָן און באַקומען דעם „גאָנקור־פּרייז״.

***

מישעל טורניע איז פאַרהעלטניסמעסיק אַ יונגער שרייבער אויך לויט זיין ליטעראַריש פאַרמעגן. געבוירן אין 1924 אין פאַריז, האָט ער נאָכן פאַרענדיקן פילאָזאָפישע סטודיעס, זיך מער פאַרנומען מיט זשור־נאַליסטיק, ווי מיט ליטעראַטור. ער ווייכט אָבער פון גרויס-שטאָטישן טומל, שליסט זיך אָפּ הינטער פאַריז אין זיין ליטעראַרישער לאַבאָראַטאָ־ריע, און צו אים איז די באַצייכענונג לאַבאָראַטאָריע זייער צוגעפּאַסט. ווייל זיינס אַ בוך איז געשטיצט אויף גענויע דאָקומענטן, ער מאַכט לאַנגע סטודיעס, געשיכטלעכע, פסיכאָלאָגישע און פילאָזאָפישע. זיינער אַ ראָמאַן, וואָס איז דערשינען אין 1967 דערמאָנט אַ קלאַסישן, פילאָזאָ־פישן ראָמאַן — אגב איז אויך יענער ראָמאַן אויסגעצייכנט געוואָרן, מיטן פרייז פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע.

אין איצטיקן ראָמאַן וועגן וועלכן ס׳וועט זיין אַ רייד, זענען צו די פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען צוגעקומען מיטאָלאָגיע, לעגענדעס, סימבאָ־ליק. דער הויפּט־ציל איז געווען צו געבן די גענעזע, דעם מקור און אינהאַלט פון נאַציזם, אָנהייבנדיק פון דער גערמאַנישער, טייטאָנישער מיטאָלאָגיע, דורכגייענדיק דורך דער היטלעריסטישער הערשאַפט מיט אַלע אירע גרוילן ביז איר מפּלה אין דער בלוטיקער מלחמה.

דעם טיטל צום בוך האָט דער מחבר, ווי מיר שטויסן זיך לייכט אָן, גענומען פון געטעס באַקאַנטער באַלאַדע „דער ערלקעניג״ אין וועלכער דער פאָטער רייט מיט זיין קינד דורך אַ פינצטערן וואַלד, וווּ עס הוליעט דער ווינט. דעם קינד דוכט זיך, אַז דער מיסטעריעזער ערלקעניג וויל אים פאַרנאַרן צו זיך, עס הערט אומאויפהערלעך זיינע רופן: „...מיך רייצט דיין שיינע געשטאַלט / און ביסטו נישט וויליק / באַנוץ איך געוואַלד...״ עס העלפן נישט דעם פאָטערס באַרואיקנדיקע ווערטער, ווען ער קומט אַהיים, האָט דאָס קינד פון שרעק שוין געהאַט אויסגעהויכט די נשמה.

דאָס איז די סימבאָלישע אַקס אַרום וועלכער עס וויקלען זיך די געשעענישן, אָנהויבנדיק פון 1938 ביז די לעצטע מלחמה־קראַמפּן. די פּערסאָנאַזשן זענען אי פיקטיווע, אי מיטאָלאָגישע, אי היסטאָרישע, אָבער אַלע צוזאַמען לעבן, האַנדלען אין גענויע היסטאָרישע סיטואַציעס, אין גענוי־דעפינירטע געשעענישן וואָס איז טאַקע אין איינקלאַנג מיטן קלאַ־סישן ראָמאַן. די פאָרם, די גאַנצע סטרוקטור פון ראָמאַן איז דאָקעגן אַ נייע. מיר האָבן דאָ אַ געפלעכט פון אַ טאָג־בוך, וואָס דער הויפּט־העלד שרייבט און וואָס רייסט זיך כסדר אָפּ, פאַרצייכענונגען פון פּערסאָנאַזשן

אין דער פאָרם פון כראָניק, רעלאַציעס, באַשרייבונגען, טיילווייז רע־פּאָרטאַזשמעסיקע און געוויינלעכע נאַראַציע פון מחבר. אויב ס׳וועט ווער צולייגן צו אַזאַ בוך אַ קאָנווענציאָנעל־אַלטמאָדישע מאָס, וועט ער מס־תּמא זאָגן, אַז ס׳איז מער כראָניק, רעלאַציע, עסייאיסטיק ווי בעלעטריסטיק, אין בעסטן פאַל אַ צוזאַמענשמעלץ פון פאַרשידענע זשאַנערן. אָבער טאַקע דער־אָט צוזאַמענשמעלץ, אָדער געפלעכט פּאַרטיפּט און ברייטערט אויס דעם דערקענטעניש־ווערט פון ווערק, פירט אַריין דעם לייע־נער אין די פאַרבאָרגנסטע און סאַמע פינצטערע ווינקלען פון מענטשנס נשמה. ער מאַכט אויך רעליעפער דעם היסטאָרישן און פּסיכאָלאָגישן אמת און עפנט נייע מעגלעכקייטן פאַר דער שרייבערישער קונסט פונעם ראָ־מאַן, טראָץ דעם וואָס ס׳איז נישטאָ קיין כסדרדיקע, נאָכפאָלגנדיקע אַק־ציע.

*****

קיין לייכטע לעקטור איז דאָס נישט, אָבער נישט צוליב דער נישט קאָנווענציאָנעלער קאָנסטרוקציע, נאָר צוליב דעם אינהאַלט פון ראָמאַן, צוליב דער אַנזאַמלונג פון שווערע פּראָבלעמען. אין קעגנזאַץ צו זיין פריערדיק בוך אין וועלכן דער שרייבער מעדיטירט איבערן מענטשלעכן גורל, ווו דער מענטש מיטן פינטעלע מענטשלעכקייט איז געשטעלט אין צענטער, איז דאָ די הויפּט־טעמע דער מענטש אין זיין אוממענטשלעכ־קייט, דער מענטש מאָנסטער. טורניע באַצייכנט אים מיטן נאָמען, וואָס לאָזט זיך פון פראַנצויזיש שוערלעך איבערזעצן — אָגר. דער בוכ־שטעבלעכער טייטש וואָלט געווען אַ לעגאַנדאַרער ריז, וואָס פרעסט אַ סך, דער עיקר פרעסט ער קליינע קינדער. ס׳קאָן אויך באַטייטן אַ פאַר־זעעניש. די דאָזיקע מענטשלעכע פאַרזעעניש דערשיינט אין פאַרשידענע וואַריאַנטן, אין פאַנטאַסטישע אומשטענדן און אויך אין קאָנקרעט־רעאַלע.

דער הויפּט־העלד פון ראָמאַן איז דער פראַנצויז אַבעל טיפאַזש — און ס׳איז נישט אָן באַדייטונג וואָס עס ווערט דאָ אַריינגעפירט אין אַ ספּעציעלער ראָל אַ פראַנצויז. יאַנואַר 1938 הייבט טיפאַזש אָן צו שרייבן זיין טאָג־בוך, וואָס ער באַצייכנט אַלס „טרויעריקע שריפטן״. זיין לעבן איז אויסטערליש טרויעריק, כאָטש ער איז באַשאָנקען מיט אַ גרויסן פיזישן כוח. אין די קינדער־יאָרן האָט טיפאַזש פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון אַ שטרענגער דערציאונג אין אַ רעליגיעזן יתומים־אַנשטאַלט, וואָס

האָט געלאָזט אַ שטאַרקן חותם. אים זענען פרעמד מענטשלעכע צערטלעכקייט און יעטוועדע מענטשלעכע וואַרעמקייט. דער פאַרשוין גייט דורך משנהדיקע פּעריפּעטיעס. שוין זייענדיק אין קלויסטערישן אַנשטאַלט דאַרף ער דערשיינען פאַר אַ דיסציפּלינאַרן געריכט צוליב אַן אַוואַנטורע מיט אַ מיידעלע, און זיין הייסער באַגער ווערט, אַז ס'זאָל אויסברעכן אַ שׂרפה, וואָס זאָל פאַרברענען דעם קלויסטער. זיין באַגער האָט זיך משונהדיק דערפילט, אָבער אין דער שׂרפה קומט אום זיין אייבציקער חבר, וועלכער פלעגט אים אי פאַרטיידיקן, אי האַלטן קנעכטיש אונטערגעוואָרפן אונטער זיין שטאַרקן אויטאָריטעט. פון דעמאָלט אָן לעבט ער אין שאָטן פון אומגעקומענעם חבר־אַפּוטרופּוס. ער האָט נישט קיין אינטערעס נישט פאַר קיין מענטשן און נישט פאַר זיין אייגן לעבן. אַלץ געשעט ביי אים דורך אַ צופאַל. אָט ווערט ער אַ גאַראַזשיסט, פאַרריכט אויטאָס. אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז צו אים אין גאַראַזש זאָל אַריינטרעפן אַ יונגע יידישע פרוי. זי טרעפט אַזוי לייכט אַריין אין זיין בעט, ווי ער דערציילט אין זיין טאָג־בוך, פונקט ווי זי האָט געטראָפן אין זיין גאַראַזש. די אינטימע באַציאונגען האַלטן נישט לאַנג אָן, ראַשעל ווערט מיד פון אים. ער באַציט זיך צו איר קערפער ווי צו אַ געשמאַק שטיק פלייש. זי, ראַשעל, די ערשטע, זאָגט אים גוטמוטיק: „ביסט אַ מאָנסטער” (אָגר).

אבעל טיפאָזש בלייבט ווייטער איינזאַם, אומפּעאיק זיך צוצופּאַסן צו מענטשן, צום סדר פון לעבן. די איינציקע פּערזאָנען, וועלכע ער אַכטעט, זענען ראַספּוטין און אַ גרויסער פאַרברעכער, וועלכן מ'האָט עקזעקוטירט עפנטלעך. און ס'איז מסתמא נישט אָן סימבאָליק וואָס צו דער עקזעקוציע קוקט זיך צו מיט גלייכגילטיקייט און נייגיר אַ גרויסער אָנגעלאָפענער עולם.

די מלחמה טרעפט אבעלן אין תּפיסה. ער ווערט באַפרייט, מאָביליזירט און געשיקט אויפן עלזאַסער פראָנט. און דאָ הייבט אָן גיין דאָס לעבן פון דעם טרויעריקן פאַרשוין האַנט ביי האַנט מיט דער געשיכטע. אבעל ווערט אַ שרויף, ווייניקסטנס אַ שרייפעלע פון אַ געשיכטלעכן פּעריאָד. דורך אים דערזעען מיר די „צעקראָכענע מלחמה” אין פראַנקרייך, ווי פראַנצויזן האָבן גערופן די ערשטע מלחמה-חדשים. די מיליטערישע פאָסט־פאַרבינדונגען זענען אַזוי שלימזלדיק, אַז טיפאָזש ווערט אַ מייסטער פון אויסשולן טויבן פאַר פאָסט־פאַרבינדונגען. די טויבן זענען די איינציקע באַשעפענישן, וועלכע ער שענקט אַ מענטשלעך געפיל.

ס׳קומט די דייטשע אָפענסיווע. טיפּאָזש פאַלט אַריין אין געפאַנ־גענשאַפט אין מזרח־פּרייסן, באַקומט צוליב זיינע פאַך־קוואַליפיקאַציעס חן אין די אויגן פון די דייטשע מושלים, ווערט באַשטימט אויף פאַרשידענע פונקציעס.

דאָ, אין די מיסטעריעזע וועלדער, אויף דער דייטשער ערד גופא, צווישן פּירפּיסיקע חיות און צווייפיסיקע מאַנסטערס פירט אונדז דער מחבר אַריין אין די פאַרבאַרגענע, אין די סאַמע פינצטערע ווינקלען פון דעם מענטשלעכן פאַרזעעניש, וואָס ס׳איז געווען דער ס.ס.־מאַן. און ס׳איז אויך נישט אָן סימבאָליק וואָס דער „דערציער" פון די דייטשע קינדער און יוגנט איז דאָ דער קצב־יונג רויפאַייזן, אַ „דערציער" אין אַ מונדיר פון אַן ס.ס.־מאַן, וועלכער גרייט צו דעם יונגן דור צו אייזערנער דיסציפּלין און קרבנות־גרייטקייט.

אָבער דער אויפגעטויכטער מענטש פון דזשונגל איז נישט נאָר דער קצב־יונג, נאָר אויך דער דייטשער פּראָפעסאָר. ער האָט זיך דער־וואָרבן אַ סך וויסן אויף די אוניווערסיטעטן, נוצט ער איצט אויס זיין וויסן צו מעסטן מענטשלעכע שיידלען און צו באַשטימען לויט זייער מאָס און פאָרם די אַנגעהעריקייט פון מענטש צו אַ העכערער אָדער נידעריקערער ראַסע.

***

וועגן די היטלעריסטישע שאַרלאַטאַנישע ראַסן־טעאָריעס און זייערע בלוטיקע קאָנסעקווענצן איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן אַ היפּש ביסל ביכער. אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור האָט זעלטן ווער אַזוי גאַ־קעט אַנטבלויזט דאָס העסלעכע פּנים פון דער ראַסן־„וויסנשאַפט", פון די דייטשע פּראָפעסאָרן, וועלכע האָבן געאַרבעט מעשים אין די „אינסטי־טוטן" און געפאָרשט די „דאָליכאָסעפאַלע" און „בראַכיסעפאַלע" שיידלען און אַנדערע מענטשלעכע גלידער צו פאַרברעכערישע צילן. אָט דער־שיינט דאָ אַזאַ פּראָפעסאָר, וועלכער שטעלט פעסט, אַז פראַנקרייכס אומ־גליק איז וואָס דאָס לאַנד ווערט רעגירט דורך מענטשן מיט רונדע קעפּ. אַזוי אַרום באַווייזט טורניע אין זיין ראָמאַן, שטיצנדיק זיך אויף דאָקו־מענטאַציע, ווי אַזוי די דייטשע וויסנשאַפט האָט זיך באַדעקט מיט שאַנדע, דירעקט און אומדירעקט אַנטייל גענומען אין די פאַרברעכנס.

מישעל טורניע קען גוט דאָס פריערדיקע און אויך היינטיקע דייטש־לאַנד, זיין ציל איז געווען זיך צו דערגרונטעווען ווי אַזוי אַ גרויס קול־

טור־פֿאַלק קאָן דערגיין צו אַזאַ פֿאַרווילדונג. און ס׳איז מסתמא אויך קיין צופֿאַל נישט וואָס ער האָט אויסגעקליבן דייטשלאַנד גופֿא פֿאַרן אָרט, ווו מען זעט די פֿאַרטיליקונג אין די טויט-לאַגערן און אויך דעם אומקום פֿון אייראָפּעאישן יידנטום. דייטשלאַנדס מפּלה איז שוין געחתמעט און עס ציען נאָך דורך דער דייטשער ערד די לעבעדיקע מתים, וועלכע מען טרייבט טיפֿער אין לאַנד. „אַלע מתים זענען אויפֿגעשטאַנען פֿון די קברים און אַנטלויפֿן", דערציילט אַ פֿויערטע אין געהיים, נאָך דעם ווי זי האָט געזען דורכציען רייען פֿאַרפּייניקטע לאַגער־מענטשן.

אָבער טיפּאַזש געפֿינט דעמאָלט צווישן פֿייער און בלוט אַ פֿאַרחלשט, האַלב־טויט יידיש קינד, וואָס קאָן זיין אין עלטער פֿון 8 און פֿון 15 יאָר. וואָס קומט דעמאָלט פֿאָר אין גלייכגילטיקן, קאַלטן האַרץ פֿון טיפּאַזשן? האָבן די גרוילן דערוועקט דאָס פֿינטעלע מענטש? אפֿשר איז דאָס קיינמאָל נישט געווען אין גאַנצן אויסגעלאָשן אין אים? ער טראָגט אַוועק דאָס האַלב־טויטע קינד אין אַ באַהעלטעניש, היט עס אויס פֿון אַן אויג פֿון אַן ס.ס.־מאַן, שטעלט איין זיין אייגן לעבן און בלאָזט צוריק אַריין דורך זיין פֿלעגע לעבן אין קינדס פֿאַרפּייניקטן גוף, אין וועלכן מ׳האָט נישט באַוויזן מיט קיין שום רישעות אָפּצוטויטן זיין שטאַרקן גייסט, זיין באַוווּסטזיין פֿון אָנגעהעריקייט צום יידישן שטאַם. דורכן אָפּגעראַטעוועטן קינד דערוויסט מען זיך וועגן אוישוויצער גיהנום.

צי האָט דאָס אַזוי געווירקט אויף אַבעל טיפּאַזשן? צי גאָר די אויסגעשפּרייטע אַפּאָקאַליפּסע, בעת דער דייטשער מפּלה, האָט אויפֿגעוועקט אַן אינערלעכע באַדערפֿעניש זיך מקריב צו זיין און וועלן פֿאַר יעדן פּרייז ראַטעווען דאָס יידישע קינד? דער מחבר העלפֿט אונדז נישט צו געפֿינען אַן ענטפֿער, ער גיט בכלל נישט קיין פֿאַרטיקע ענטפֿערס, ער פֿאַרעגיסטרירט און שטויסט נאָכצוטראַכטן. ער ווייזט אונדז בלויז ווי אַזוי אַבעל אַנטלויפֿט פֿון די ברענענדיקע וועגנט מיטן יינגל אויף די אַקסלען, פֿאַלט אַריין אין זומפּ; דאָס יינגל, וואָס האָט פֿריער קיין שום וואָג נישט געהאַט, ווערט שווער ווי בליי, ווען זיין קערפּער זינקט אַלע מאָל טיפֿער. דאָס טייוואַלאַנישע ווערק פֿון די היטלעריסטן איז פֿאַרענדיקט מיט אַן אמתער אַפּאָקאַליפּסע, מיט וועלט־צעשטערונג. אָבער אין לעצטן סך הכל איז פֿאָרט פֿאַראַן אין מענטש אַזאַ כּוח, אַ ווידערשטאַנד, וואָס האָט נישט דערלאָזט, אַז דער פּיטאַרעסקער און משוגעדיקער העלד זאָל זיין אַ בלינד געצייג אין דער מאַכט פֿון רציחה און מאָרד.

***

אין גאַנג פון צייט

דער שרייבער טורניע איז נישט נאָר אַ קינסטלער, נאָר אויך אַ פילאָזאָף־עטיקער, אַ מאָראַליסט, ווי דאָס זענען געווען די גרויסע מייס־טער פון ראָמאַן, טראָץ דעם וואָס מ׳קאָן זיין ווערק לויט דער סטרוקטור נישט אידענטיפיצירן מיט יענע ראָמאַנען.

אין די היינטיקע צייטן פון ליטעראַרישע זוכענישן און בלאָנדזשע־נישן, נאָך דעם ווי מ׳האָט מיט יאָרן צוריק אין פראַנקרייך הויך פּראָ־קלאַמירט דעם אַנטי־ראָמאַן אָדער כּלל אָפּגעזאָגט דעם מין ליטעראַ־טור דאָס לעבן, איז אַזאַ בוך ווי טורניעס אַ בולטער באַווייז וויפל מעגלעכקייטן, אינוועציעס, נאָוואַטאָרישקייטן עס פאַרמאָגט נאָך דער ליטעראַרישער זשאַנער, וואָס מען רופט ראָמאַן.

און היות מיר האָבן אָנגעהויבן מיט די ליטעראַרישע סעזאָנען אין פראַנקרייך, איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז אויב אין פאַרגאַנגענעם יאָר זע־נען צו די ליטעראַרישע פּרייזן צוגעשטעלט געוואָרן 86 ראָמאַנען, אַ צאָל, וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר אַ הויכפּונקט, איז דאָס יאָר אַריינ־געפאַלן אין די זשורים פון די פּרעמיעס מער ווי הונדערט ראָמאַנען. ווידער אַ באַווייז, אַז דער ראָמאַן אין זיינע פאַרשידענע אומוואַנדלונ־גען פאַרנעמט נאָך אַלץ דעם אויבנאָן.

פּאַריז 1972

דער יידישער שרייבער אין דער נישט יידישער שפּראַך

(אויפן ראַנד פון אַרנאָלד מאַנדעלס
„די אַרומרייזע" און „די בתולה מיט פאַרבונדענע אויגן").

אין פראַנקרייך לעבן און שאַפן היינט צוטאָג אַ היפּשע צאָל יידיש־פראַנצויזישע שרייבער. די געוויינלעכע באַצייכענונג יידיש־פראַנצויזישע איז אפשר נישט קיין געלונגענע, זי איז מסוגל אַריינצופירן אין אַ טעות. אויב איך באַנוץ מיך מיט אָט־דער דעפיניציע איז דאָס דערפאַר, ווייל איך האָב קיין אַנדערע, מער אַדעקוואַטע נישט געפונען. יידיש־פראַנצויזישע קאָן מיינען אויך אַלע די, וואָס זענען פון יידישער אָפּשטאַמונג און שרייבן אין פראַנצויזיש. אָט לאָמיר נעמען די שרייבערין העלען פאַרמעלען. זי איז געבוירן ביי יידישע עלטערן. וואָס בינדט זי אָבער מיטן יידישן שטאַם?

אויך די פאַרשטאָרבענע מיט עטלעכע יאָר צוריק באַקאַנטע ראָמאַניסטין עלזאַ טריאָלע איז געבוירן געוואָרן ביי יידישע עלטערן, אין רוסלאַנד, ווי העלען פאַרמעלען. אָבער איר יידישע אָפּשטאַמונג איז נישט געווען קענטיק נישט אין איר שרייבן און נישט אויף אַ וועלכן נישט אַנדערן אופן, הגם ווי מיר איז באַקאַנט, האָט עלזאַ טריאָלע שטילערהייט געווייטיקט איבערן נייעם אַנטיסעמיטיזם אין איר לאַנד.

ס׳איז צומאָל אַ ספק צי מען קאָן שטעלן אויף דער זעלבער פלאַך נישט נאָר ווי שרייבערישע פערזענלעכקייטן, נאָר טאָקע ווי יידן, דעם 75־יאָריקן זשאָסעף קעסעל און דעם 80־יאָריקן אַלבער קאָהען. קעסעל, דער מיטגליד פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע, איז אַ פראַנצויזישער שרייבער, הגם ער באַהאַלט נישט אויס זיין אָפּשטאַם און חוץ אַנדערע יידישע מאָמענטן אין זיין ווערק, האָט ער געשריבן מיט אַ סך וואַרעמקייט וועגן ישראל. דאַקעגן קאָהען, דער לאַורעאַט פון ליטעראַרישן פרייז פון דער זעלבער אַקאַדעמיע, דער מחבר פונעם „דאָס בוך פון מיין מוטער" און

אַנדערע מערקווירדיקע ווערק, איז אַ פראַנצויזישער שרייבער מיט אַ דורכויס ידישן באַוווסטזיין. שווער דעריבער זיי אַלע אַרונטערצונעמען אונטער איין טלית.

ווען עס רעדט זיך דאָ וועגן יידיש־פראַנצויזישע שרייבער, מיינט דאָס — יעדנפאַלס אין איצטיקן פאַל — אַזעלכע, וואָס באַטראַכטן זיך און פילן זיך אַלס יידן אָדער ביי וועלכע די שאַפונג איז כאָטש טיילווייז געבונדן מיטן יידישן סוזשעט.

וואָס אַן אמת לאָזט זיך מאַכן אויך אַ באַוואָרעניש, ווען עס האַנדלט זיך בלויז אין יידישן סוזשעט. ראָזשע איקאָרס באַקאַנטער ראָמאַן „גע־מישטע וואָסערן" (אַ מעלע) פאַרמאָגט אַ דורכויסיקע יידישע טעמאַטיק. דאָס איז אַ ברייטער פרעסק, וואָס שטעלט פאַר דאָס שווערע יידישע לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד פון סוף פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און די יידישע אימיגראַנטן אין פראַנקרייך, אַנטלאָפענע פון צאַרישע רדיפות און פּאָגראָמען. דער מחבר שילדערט דעם וויטערדיקן גורל פון זיינע יידישע פּערסאָנאַזשן אויף דער פראַנצויזישער ערד אויף וועלכער די איבערפלאַנצונג איז נישט געווען קיין לייכטע און דערפירט זיי ביז דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. מיט איין וואָרט — אַ פאַרצווייגטע יידישע טעמע. ראָזשע איקאָר, מחבר פון אַ גרויס ווערק מיט אַ יידישן אינהאַלט, האָט אָבער מיט אַ צייט צוריק געהאַלטן פאַר נויטיק, בעת אַן עפנטלעכן אַרויסטריט, צו דערקלערן, אַז „מיין יידישער באַוווסטזיין איז נול".

לאָמיר אָננעמען, אַז ראָזשע איקאָר — הגם ער איז אַ פשיטא נישט קיין אויסנאָם — איז אַ ספּעציעלע דערשיינונג און לאָמיר באַ־טראַכטן דעם ענין פון אַ ברייטערן קוק־ווינקל.

בדרך כלל געשעט עס ביי יידיש־אָפּשטאַמיקע שרייבער אַזוי, אַז אָדער די אָפּשטאַמונג איז אַ ריינער צופאַל, אָדער די נישט יידישע שפּראַך איז אַ צופעליקע זאַך. אַ סברה, אַז אַזוי איז דאָס געווען אין אַלע צייטן און אין אַלע מקומות. געווען שטענדיק און פאַראַן היינט שרייבער פאַר וועלכע דער פאַקט וואָס זיי שטאַמען פון יידן רירט זיי נישט אָן און גייט זיי נישט אָן. פון צייט צו צייט, קודם בעת גרויסע יידישע אומגליקן, וואָס טרעפן זיי אויך, רופט זיך אָפּ דאָס דערשטיקטע פּינטעלע ייד. געווען און פאַראַן, דאַקעגן, שרייבער ביי וועלכע די נישט יידישע שפּראַך איז אַ צופאַל, ווייל זיי זענען דערצויגן געוואָרן און האָבן געלעבט אין אַ פרעמד־שפּראַכיקער סביבה, אָבער זיי האָבן דעם באַוווסטזיין, אַז זיי

זענען יידן, וואָס דריקט זיך אויס אויף פאַרשידענע אופנים, אויך אין זייער שרייבן.

זיכער קאָן מען קיין לעבעדיקע מענטשן און אוודאי שוין נישט קיין שרייבער קאַטאַלאָגירן, אָדער אַריינפּאַסן אין ענגע ראַמען פון קאַטעגאָריעס. דאָס אויבן געזאָגטע ווערט בלויז דערמאָנט אין אַלגעמיינע שטריכן, לשם אָריענטאַציע. און לשם אינפאָרמאַציע דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן אַן אַנדערע איינטיילונג פון יידיש־פראַנצויזישע שרייבער אין פראַנקרייך און נעמלעך: הי געבוירענע, ווי אַרנאָלד מאַנדעל וועגן וועלכן ס'וועט זיין אַ רייד, קלאַראַ מאַלראָ, פּיער פּאַראַף, פראַנסואַ שטיינער, דער יונגער פּאַטריק מאָדיאַנאָ (ביידע האַלבע יידן), די פאַרשטאָרבענע אַנדרע ספּיר, עדמאָן פלעג, זשאַן רישאַר בלאָק; געקומענע אין פריעם אָדער רייפן עלטער פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, ווי זשאָזעף קעסעל, מאַנעס ספּערבער, שאַרל דאָבזשינסקי, אירען קאַנפער; די נאָכמלחמהדיקע — אַנדרע שוואַרצבאַרד, פּיאָטר ראַוויטש, די פאַרשטאָרבענע אַננאַ לאַנגפוס. די צוממיינסטן קאָמפּאַקטע און פּילצאַליקע גרופּע שטאַמט פון די צפון־אַפריקאַנער לענדער, ווי עדמאָן זשאַבעס, וועמענס טאַלאַנט האָט אויפגעשטיגן נאָך אין קאַיר, אַלבער מעמי, דער סאָציאָלאָג און שרייבער פון טוניס, זיין „לאַנדסמאַן" זשאַק זיבי, אַלבער בענסואַן פון אַלגעריע. און מיר וועלן זיי, ווי די פריערדיקע, אַלע נישט אויסרעכענען, בלויז צוגעבן, אַז אַלבער קאָהען, אַן אָפּשטאַמיקער פון אָריענטאַלישע יידן, לעבט אין פראַנקרייך זינט דער פריער יוגנט.

די גרויסע צאָל און די געבונדנקייט פון אַ סך צווישן זיי מיטן יידישן מקור און מיט ישראל האָט צומאָל גורם געווען, אַז די יידישע וואָכנשריפט אין פראַנצויזיש „טריבין זשוויוו" (יידישע טריבונע) זאָל דורכפירן מיט אַ צייט צוריק אַן אַנקעטע אונטערן טיטל „צי עקזיסטירט אַ יידישע ליטעראַטור אין פראַנקרייך"?, וואָס האָט געמיינט, צי עס עקזיסטירט אַ יידישע ליטעראַטור אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, אָדער לכל הפחות אַ געוויסע גרופּירונג מיט אַן אייגענעם יידישן פּנים, ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי עס שטרייכן דאָס אונטער געוויסע מחברים.

ווי באַקאַנט איז אין אַמעריקע אין דער ליטעראַטור פאַראַן אַ גרויסע צאָל שרייבער יידן. בערנאַרד מאַלאַמוד, סאַמועל בעלאָו, פילים ראָט און אַנדערע האָבן זיך צוגעאייגנט די יידישע טעמאַטיק. צי באַ־

דייט עס אָבער, אַז די שאַפֿן יידישע ליטעראַטור? אַ גרויסער ספֿק. נאָך ווייניקער קאָן מען וועגן אַזאַ דערשיינונג רעדן אין פֿראַנקרייך. אויף דער אַנקעטע פֿון „טריבין זשוויוו" האָבן געענטפֿערט צום גרעסטן טייל שרייבער אָפּשטאַמיקע פֿון די צפֿון־אַפֿריקאַנער לענדער, וואָס זענען צוממיינסטן געבונדן מיט נאַציאָנאַלער טראַדיציע. און מערקווירדיק: דווקא די זענען נישט, נישט דעם באָדן, נישט די בינד־פֿעדים, וואָס זאָלן אויסשפּינען אַן אייגענע ליטעראַטור, אָדער אַפֿילו אַ געוויסע שיטה.

אויב אָבער מ'קאָן נישט רעדן וועגן וועלכער ס'זאָל נישט זיין יידישער ליטעראַטור אין דער פֿראַנצויזישער שפּראַך, זענען אָן שום ספֿק פֿאַראַן אמתע יידישע שרייבער אין דער פֿראַנצויזישער שפּראַך. מרים אַניסימאָוו, די מחברין פֿון „ווי האַלט עס מיט ראַשעלן?", האָט וועגן דעם ענין אַזוי געשריבן: „איך באַטראַכט זיך קודם כל פֿאַר אַ יידישן שרייבער. אַלץ וואָס כ'האָב אַרויסגעבראַכט אין מיין ערשטן בוך און וואָס איך וויל איבערגעבן אין מיין צווייטן בוך האָט פֿאַר אַ ציל אָפּצוגעפֿינען מיין יידישע אידענדיטעט. איך זוך צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי די טראַגישע געשעענישן פֿון יידישן אומקום, וואָס איך האָב נישט איבערגעלעבט, האָבן אויספֿאָרמירט מיין אינדיווידואַליטעט ווי אַ יידישקע..."

ווי מיר זעען, גייט דאָ נישט בלויז אין יידישער טעמאַטיק. דער פּרווו־שטיין איז די יידישע שפּירונג, דער יידישער באַוווסטזיין און די געבונדנקייט מיט יידישער גורלדיקייט, אָדער ווי עדמאָן זשאַבעס האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דער יידישער שרייבער דאַרף „וואַכזאַם זיין צום יידישן גורל."

אַזאַ שרייבער איז אַרנאָלד מאַנדעל. וועגן אים קאָן מען אָן שום וואַקלעניש זאָגן, אַז ער איז אַ יידישער שרייבער טראָץ דעם וואָס ער שרייבט אין דער פֿראַנצויזישער שפּראַך. נאָך מער: בעת מען לייענט מאַנדעלס ביכער באַקומט זיך דער איינדרוק — יעדנפֿאַלס ביי מיר — אַז די פֿראַנצויזישע שפּראַך איז בלויז דער לבוש, אַ גאָר עלעגאַנטער, רייכער לבוש, אָבער פֿאָרט בלויז אַ לבוש, דאַקעגן דער גוף און נשמה, דער תמצית און מהות פֿון זיין שרייבן איז דורכויס יידיש.

***

אַרנאָלד מאַנדעל איז אַ פֿאַרשידנאַרטיקער שריפֿטשטעלער. ער האָט

אָנגעהויבן פון זשורנאַליסטיק, פון פּאָעמעס אין פּראָזע, ער שרייבט ליי־טעראַטור־קריטיק, פילאָזאָפישע און היסטאָרישע עסייאיסטיק, ער איז ראָמאַנען־שרייבער און איבערזעצער, האָט צווישן אַנדערע ווערק איבער־געזעצט אויך מענדעלען. און ער איז אַ שרייבער מיט אַ ברייטן יידישן וויסן. איינע פון זיינע עסייאיסטישע אַרבעטן טראָגט דעם טיטל „דער וועג פון חסידיזם". אגב איז מאַנדעל אַ באַזינגער פון חסידיזם.

דאָ נישט לאַנג איז דערשינען זיין פערטער ראָמאַן, וואָס טראָגט דעם טיטל „די בתולה מיט פאַרבונדענע אויגן" (« La Vierge au bandeau »), אַ ראָמאַן אין וועלכן ס'איז דורכגעלויכטן אי די שרייבערישע פּערזענלעכ־קייט פון מחבר, אי זיין יידישער אני מאמין. אָנהייבן דאַרף מען אָבער פון אַ פריערדיקן ראָמאַן, „די אַרומרייזע" (« Le Périple »), וואָס איז דער־שינען אין 1972. די לעצטע צוויי ביכער זענען ווי צווילינג־ברידער, הן לויט זייער ליטעראַרישן זשאַנער, קינסטלערישן אויסדרוק, הן לויט זייער אינהאַלט און וועלט־באַנעם. הגם יעדעס בוך איז אַ ווערק פאַר זיך, ציט דאָס צווייטע דעם וויטערדיקן פאָדעם פון ערשטן. זיי דערגאַנצן זיך. ביידע אַנטהאַלטן אויך ביאָגראַפישע עלעמענטן, שטאַרק טראַנספּאָנירטע, ווי דער מחבר האָט זיך פאַר מיר אויסגעדריקט, אָבער דאָך קלינגען זיי אָפּטמאָל ווי אַ קוריקולום וויטע.

אונטער די טיטלען פון ביידע ביכער איז אונטערגעשריבן ראָמאַן. דאָס ווערט דערמאָנט צוליב דעם, ווייל וואָלט דאָס וואָרט ראָמאַן נישט געווען, וואָלט מען די ביכער געקאָנט באַטראַכטן אויך ווי שאַפונגען פון אַן אַנדערן ליטעראַרישן זשאַנער. און געוויסע קריטיקער וואָלטן אפשר גע־שטעלט דעם אונטערטיטל אונטער אַ פראַגע־צייכן. נישטאָ אין ביידע בי־כער קיין דורכויס פרעציזע פאַבולע מיט גענוי געצייכנטע פּערסאָנאַזשן, מיט געשעענישן, וואָס פאָלגן זיך נאָך. די איינציקע פּרעציז־געצייכנטע גע־שטאַלט איז דער נאַראַטאָר, אין ביידע ביכער דער זעלבער, זשאַק לאַנדאָו, אי אַ פּיטאָרעסקער פאַרשוין, אי אַ טיף דענקנדיקער מענטש, אַ באַוואָפנ־טער מיט וויסן. אַלע אַנדערע, פילצאָליקע פּערסאָנאַזשן זענען עפּיזאָדישע, מענטשן מיט וועלכע דער נאַראַטאָר באַגעגנט זיך בעת זיינע וואַנדערונגען, געשטאַלטן וואָס שלייכן זיך דורך דאָ און דאָרט דורך די געשעענישן. און ער, זשאַק לאַנדאָו, דערציילט, פאַרצייכנט די געשעענישן, די פּאַסירונגען. אַפילו מיט די דיאַלאָגן באַקומט זיך אין יעדן בוך גיכער רעלאַציע, ווי האַנדלונג. ציטנוויז איז די רעלאַציע, די שילדערונג רעפּאָרטאַזשמעסיק, טיילווייז איז דאָס פאַרבנרייכע כראָניק, און ער, דער הויפּט־העלד, דורך

וועלכן עס רעדט דער מחבר, דערשיינט אַפּטמאָל ווי אַ געניטער, מאָדערנער כראָניקער. אַרויסבּרענגענדיק די געשעענישן, פירט ער גלייכצייטיק אַ דיאַלאָג מיט דער וועלט, מיט זיין פאָלק, מיט זיך גופא.

מיינט דאָס צו זאָגן, אַז מען קאָן ספקן צי אַזאַ בוך איז אַ ראָמאַן? חס וחלילה! אַרום היינטצייטיקן ראָמאַן האָט מען שוין אַ סך טינט פאַרגוצט. ס׳איז צומאָל מיט יאָרן צוריק געווען אַ מיינונג, סיי מצד קריטיקער, סיי מצד שרייבער, אַז די מאָדערנע ליטעראַטור איז נישט מסוגל אַרויסצוגעבן אַן עכטן ראָמאַן. אַן עכטער ראָמאַן, זעט אויס, באַדייט ביי אַזעלכע האַרבע שופטים בלויז אַ קאָנווענציאָנעלער, קלאַסישער ראָמאַן. פונקט אָבער ווי דאָס לעבן שטייט נישט אויף איין אָרט, אַזוי אויך די ליטעראַטור.

מיר איז, בעת אַ שמועס מיט אַרנאָלד מאַנדעלן, אויסגעקומען צו באַרירן דעם דאָזיקן ענין בנוגע דער יידישער ליטעראַטור. לויט אים, מאַנדעלן, זענען יידישע שרייבער דערצויגן געוואָרן אויף דער רוסישער ליטעראַטור און דער דייטשער און די טראַדיציע איז פאַרבליבן. אפשר איז דאָס ריכטיק. אָבער מעגלעך אויך, אַז אין דער יידישער ליטעראַרישער סביבה איז מען אַזוי שטאַרק פאַרטאָן מיטן פאַרזיכערן דעם קיום פון דער ליטעראַטור, מען איז אַזוי איינגעשפּאַנט אין די ראַנגלענישן פאַר איר אויפהאַלט, אַז עס בלייבט נישט קיין צייט און כוח צו פאַרנעמען זיך מיט אינערלעכע, מיט עצם־ענינים און דערווייל בלייבט מען ביי דער זייט פון די נייע ווינטן, וואָס בלאָזן אומעטום אין דער ליטעראַטור. און אפשר האָבן אויך די גרויסע קאַטאַסטראָפע און די שפּעטערדיקע חורבנות אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער געשאַפן ביי אונדז אַ ווילן אָנצוהאַלטן זיך אין אַמאָליקע פאָרמען.

***

דער ראָמאַן „די אַרומרייזע" שטעלט פאַר מיט זיך לאַנגע וואַנדערונגען און וואַגלענישן פון זשאַק לאַנדאו. אַן אינערלעכער, מיסטעריעזער כוח שטויסט אים צו וואַנדערן איבער דער וועלט. זאָל מען אָננעמען, אַז עפּעס אַ מיסטישער צייכן אין חלום האָט גורם געווען ער זאָל אונטערנעמען אַ לאַנגע נסיעה. דאָס בוך הייבט זיך טאַקע אָן מיט אַ חלום.

מיר ווערן איבערגעטראָגן אין די זעכציקער יאָרן, ווען דער אומרו־איקער העלד וואָגלט איבער דייטשלאַנד. גלייכצייטיק באַקענען מיר זיך דורך קאַרגע נאָטיצן מיט זיין פריער יוגנט. צו 16 יאָר האָט מען אים אַרויסגעוואָרפן פון ראַבינער־סעמינאַר אין פראַנקפורט. ער קערט זיך אום

אין זיין היימשטאָט שטראַסבורג, פּרווּט דערנאָך אין פּאַריז זיך אָנצו־כאַפּן אין אַלץ וואָס קומט אונטער דער האַנט. ווי אַ סך ידישע יוגנטלעכע ווערט ער באַגייסטערט פון קאָמוניסטישן געדאַנק. דער ידישער אומרו, דאָס געפּיל פאַר יושר גיסן זיך צוזאַמען אינעם באַגער צו ענדערן די וועלט, צו „מאַכן די רעוואָלוציע", ווו עס לאָזט זיך נאָר. ער איז צומאָל גרייט צו פאַרן קיין בוענאָס איירעס. וואָס וועט ער דאָרט טאָן? ווי אַזוי וועט ער דאָרט לעבן? „אין אָוונט וועל איך מאַכן די וועלט־רעוואָלוציע, אינדערפרי און נאָכמיטאָג וועל איך פּלעכטן בענקלעך". די דאָזיקע ווער־טער, אין וועלכע דער נאַראַטאָר לייגט אַריין נישט ווייניק הומאָר, דער־מאָנען אַזוי בולט דעם גורל פון אַ גאַנצן דור ידישער יוגנט.

קיין בוענאָס איירעס איז דער 16־יאָריקער זשאַק נישט געפאָרן. פונעם געדאַנק צו מאַכן די וועלט־רעוואָלוציע האָט ער שפּעטער אויך רע־זיגנירט. דאַקעגן איז ער פאַרבליבן פאַרעקשנט ביים באַגער צו ווערן אַ שרייבער, כאָטש אַ געטרייע מומע האָט געזאָגט, אַז מ'דאַרף משוגע זיין זיך אויסצוקלייבן אַזאַ פּראָפעסיע. און דער שרייבער איז אַ וואָגלער. דורך זיינע וואָגלענישן, זיינע פאַרשידענע באַגעגענישן, טויכן אויף פאַרן לייע־נער געשעענישן, ידישע גורלות, און אויך איבערלעבענישן פונעם נאַ־ראַטאָר גופא. אָט באַגעגנט ער אין מזרח־בערלין דאָס ידישע מיידל מאַרגאָ. זי איז אַ קאָמוניסטקע, אָבער טרוימט וועגן ירושלים, זי וויל פאַראייניקן דעם סאָציאַליזם מיט ידישקייט.

און ווי משונהדיק עס פאַרפּלאָנטערן זיך ידישע דראַמעס. אָפּגע־ראַטעוועטע ידן פון די קרעמאַטאָריעס „מאַכן אַ לעבן" אין מערב־דייטש־לאַנד; אַמאָליקע קרבנות ווערן העלדן פון דער „אונטערוועלט". אינעם פאַרנעפּלטן היינט שוועבט דורך ווי אַ שאָטן פון נעכטן אַ מיסטעריעזער פאַרשויך, אַן אָפּגעראַטעוועטער פון טרעבלינקע, אַ גאַליציאַנער ייד מיטן נאָמען פינקעלשטיין, וועלכן מען רופט צוליב זיין ענלעכקייט צו כרושטשאָוון מיטן נאָמען פון סאָוויעטישן הערשער. און ער, פינקעלשטיין־כרושטשאָוו זוכט אויף דער דייטשער ערד אַ נייעם גאָט, אָדער די סיבה פאַרוואָס דער ידישער גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פון זיין פאָלק. ער שרייבט אַ בוך אונטערן טיטל „גאָטס געשטאַלט נאָך טרעבלינקע". דאָס בוך האָט ער נישט פאַרענדיקט, דער טויט איז אים פאַרלאָפן דעם וועג.

ווי דורך אַ פילם־לענטע לויפן פאַרביי דורך די נישט קאָאָרדינירטע, נישט כראָנאָלאָגישע רעלאַציעס בילדער, געצייכנטע מיט קאַרגע, אָבער שאַרפע שטריכן. און צווישן היינטיקע פאַסירונגען דערגייען אָפּקלאַנגען

פון אַמאָל, היסטאָרישע רעמיניסצענצן, דערמאָנונגען פון נאָענטן עבר: 1941 אין טולוז. 1944, די רעזיסטאַנץ, אין וועלכער אַרנאָלד מאַנדעל האָט אנטייל גענומען. און פלוצלונג אַ דערמאָנונג פון גאָר אַן אַנדער מין: אין דעם־אָט אָרט האָט זשאַק לאַנדאו פאַרבראַכט אַ נאַכט מיט מאַרי, ווען ער איז נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען קיין פּאַריז, אָדער ווי פאַרבייגייענ־דיק, אַ מעשה מיט צווי לעסביקעס מיט וועלכע אונדזער העלד שלאָפט זיך איבער אין איין בעט.

עראָטישע מאָמענטן באַגלייטן כמעט אַלע פּאַסירונגען בעת די וואַנ־דערונגען. אָט לאָזט זיך זשאַק לאַנדאו קיין צפון־אַפריקע צו האַלטן רע־פעראַטן אין די יידישע געמיינדעס. אַ צופאַל האָט געוואָלט ער זאָל פּונקט פאָרן לאָזן זיך אין וועג באַגעגענען אַ נאַרוועגיש מיידל. זי וועט זיין באַגלייטערין, זי וויל העלפן די אַלגעריער קעמפן פאַר זייער באַפרייאונג. קודם כל וועט זי אָבער זשאַקס געליבטע און די ליבע־סצענעס זענען אַלע מאָל פאַרנאָטירט מיט אַלע פּרטים.

אָבער דאָס זענען אַקצעסאָריעס צו דער אַרענע פון געשעענישן. און די אַרענע איז אַ ברייטע. מיר באַקענען זיך מיט לענדער און מענטשן, מיט זייער טראַכטן, פּילן און זייערע האַנדלונגען, מיט אויפטרייסלונגען דאָ און דאָרט אין יידישן לעבן. פאַר אונדז דערשיינט די צעטומלונג פון דער יידישער עדה אין אַלגעריע בעת דער באַפרייאונגס־מלחמה אין דאָ־זיקן לאַנד. און אַלע געשעענישן און סיטואַציעס זענען כסדר דורכגעפלאָכטן מיט היסטאָרישע און פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען וועגן יידישער גורל־דיקייט, מיט בליק־געדאַנקען וועגן שרייבער, קינסטלער און דער עיקר מיט באַהויפּטונגען וועגן דער נויטיקייט זיך אומצוקערן צום יידישן אור־שורש. אַ שלל מיט פּראָבלעמען און אויף איינעם ווילט זיך אָפּשטעלן.

זשאַק לאַנדאו האָט בעת זיין נסיעה, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט אין ישראל, פאַרוואַנדערט קיין רוים. אָנגעקומען אַהין איז ער ראש השנה, געלאָזט זיך אין געטאָ, דערנאָך אין דער גרויסער שול און ביי דער גע־לעגנהייט מאַכט ער אַזאַ אויספיר: „... די אינטעגראַציע פון יידן אין דער קולטור און ציוויליזאַציע פון די קריסטלעכע מערב־לענדער איז גע־ווען אַן אומגליק... דאָס פאַלן פון די געטאָ־מויערן און דאָס עפענען די טירן פון די געטאָס איז נישט געווען קיין באַפרייאונג, נאָר אַן אַקט פון דעזאָריענטאַציע. די אַלטע מאַגרעבער רבנים האָבן זיך נישט טועה געווען, ווען זיי האָבן אין 1870 בעתן פּראָקלאַמירן דעם קרעמיע־דעקרעט, וואָס

האָט געגעבן די „אַרטיקע איזראַעליטן" די פראַנצויזישע בירגערשאַפט... באַשטימט אַ תענית פון טרויער..."

און ווייטער, ווען זשאַק לאַנדאו, דורך וועמענס מויל עס רעדט דער מחבר, גייט איבער די אַטמאָספער פון הייליקן טאָג אין דער שול, שטרייכט ער אונטער, אַז ס'איז אַ שול פון אַ געטאָ, „וואָס איז צום גליק פאַרבליבן".

ס'איז אַזוי געשען, אַז דאָס בוך האָב איך מיטגענומען צו לייענען אין וועג, ווען איך בין דאָ נישט לאַנג געפאָרן קיין רוים. איך בין געווען אין דער גרויסער, שיינער שול, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין 1890 אין אַ שיינער געגנט נאָענט צום ברעג פונעם טיבער, און דאָס דווקא אָפּגעזונדערט פונעם געטאָ. געווען בין איך אויך אין געטאָ, גע־שפּאַנט פון געסל צו געסל, געטראָטן איבערן שטיינערנעם געטאָ־באָדן, אַ באַדעקטן דאָ און דאָרט מיט אָפּפאַלעכץ, אומריינקייטן. כ'האָב „אַריינ־געשמעקט" אין די שמאָלינקע געסלעך אין די הייזער, אויסגעקרומטע, צעכראַסטעטע, אין די פינצטערע אַריינגעגנג, ווו אין מיטן העלן טאָג ברענט אַ לעמפּל, ווייל אָן דעם קאַרגן לעמפּל־ליכט קאָן מען ברעכן האַלדז און נאַקן. כ'האָב געזען די איינוווינער, נישט מיט קיין סך האָב איך זיך געקאָנט צונויפרעדן, ווייל גאָר אַ גרויסער טייל איז געקומען פון די אַממיינסטן אָפּגעשטאַנענע אַראַבישע לענדער. פון זייערע פּנימער, פון זייערע אָפּגעריסענע ווערטער, זייערע טאָוונגען האָב איך נישט געדרונ־גען זיי זאָלן זיין גליקלעך אין דעם געטאָ, „וואָס איז צום גליק פאַרבליבן".

יאָ, איך ווייס, אַז דעם מחבר גייט אין קאָנען איינהאַלטן יידישקייט, אין קאָנען לעבן מיט אַ פולן יידישן לעבן. דער געטאָ האָט אַמאָל מיט אַלע זיינע פּלאָגן און דערנידערונגען צוגעהאָלפן איינצוהיטן דאָס אייגע־נע יידישע פּנים. די אַסימילאַציע פאַרפלייצט אונדז, דער אַרום רייסט כסדר אָפּ פון אונדז לעבעדיקע שטיקער. צי קאָן אָבער איזאָלאַציע זיין אַ רפואה פאַר דער קרענק? נישט אַריינגייענדיק איצט אין היסטאָרישע אָפּשאַצונגען, פרעגט זיך: צי איז מעגלעך, אַז אַ יידישע עדה זאָל היינט לעבן איזאָלירט פון דער נישט יידישער וועלט? נו יאָ, יידן לעבן דאָך פאָרט אין דעם געטאָ אין רוים — אגב איז ער נישט איזאָלירט. צי איז אָבער דאָס געטאָ באמת דער מקום מקלט, ווו עס שמידט זיך אויס די עכטע יידישע אידענטיטעט? און אחרון, ואחרון: צי קאָן מען, צי איז מעגלעך די יידישע אידענטיטעט, צומאָל די ריין רעליגיעזע, צו מעסטן

היינט מיט דער מאָס פון די אַלטע מאַגרעבער רבנים פון מיט העכער הונדערט יאָר צוריק?

***

דאָס צווייטע בוך, דער נישט לאַנג דערשינענער ראָמאַן „די בתולה מיט פאַרבונדענע אויגן" באַשטייט אויך פון אַ לאַנגער וואַנדערונג איבער ווייטע און נאָענטע מקומות, איבער אַמאַליקע ישובים און אויפגעקומע־נע נייע יידישע צענטערס. סימבאַלן פון אייביק וואַנדערנדיקן פאָלק, פון שטענדיקן אונטערגאַנג און אויפגאַנג. דער־אָט ראָמאַן איז אָבער פאַרטראַכט אַנדערש, ווי זיין עלטערער ברודער „די אַרומרייזע", מיט אַזאַ קינסטלערישער איינפאַלערישקייט, וואָס פירט אונדז גלייך אריין אין תוך פון דער זאַך. דער מחבר נעמט דאָ אויפסניי אונטער אַ דעבאַטע מיט דער וועלט, מיט זיין אייגן פאָלק און אויך מיט זיך גופא. אין אַ גע־וויסן זין איז דאָס אַ חשבון הנפש.

אַרנאָלד מאַנדעל דער שרייבער שימערירט מיט בליץ־געדאַנקען, ער איז אי וויציק, אי בייסיק־סאַטיריש, און אויך הומאָריסטיש, אָפטמאָל איז דאָס אַזאַ הומאָר, וואָס פראַנצויזן רופן „שוואַרצער הומאָר". מאַנדעל איז דער עיקר אַן אומרואיקער גייסט, אַ זוכער. און זוכן זוכט ער שטענ־דיק די פולע יידישע אידענדיטעט, וואָס האָט זיך אין דער צעשפרייטקייט, אין לויף פון צייטן פאַרנעפּלט, צעשפליטערט. ער פאַרטראַגט נישט קיין האַלבע, קיין אַנעמישע יידישקייט. ער זוכט דאָ אַ גלייכצייטיק צו פאַרשטיין די רעטעניש פון דער יידישער איזאָלאַציע, וואָס מען שפּרייט אויס אַרום אונדז, אַרום ישראל, וואָס קאָן אויסזען ווי דער שרייבער וואָלט אין סתירה געווען מיט זיך גופא נאָך דעם ווי ער האָט אין „די אַרומרייזע" באַדויערט דאָס פאַלן פון די געטאָ־מויערן. ער וויל אויך באַגרייפן דעם מיסטעריעזן יידישן שיקזאַל, זוכט צו געפינען דעם זין פון אונדזער זיין. צו זיינע זוכענישן און וואַנדערונגען נעמט ער דאָס מאָל צו הילף דאָס יידישע מיידל מרים, אַן אַלעגאָרישע געשטאַלט אין וועלכער ער האָט אַריינגעבלאָזן לעבן.

אויף דער קאַטעדראַלע אין שטראַסבורג, אין אויבנאָן פון דרומ־דיקן טייל, זענען פאַראַן צוויי פיגורן פון יונגע פרויען, פון איין זייט אַ יונגפרוי מיט פאַרבונדענע אויגן, וואָס דאַרף פאַרשטעלן די באַזיגטע יידישע רעליגיע, אָדער ווי דער מחבר זאָגט — „די סינאַגאָגע", און פון דער צווייטער זייט, אַנטקעגן דער ערשטער, אַ שטראַלנדיקע, שטאָלצע

פרוי — דער זיגרייכער קלויסטער, דאָס קריסטנטום. אויב מען וויל סימבאָליזירן די צוויי געשטאַלטן צוויי וועלטן, די יידישע און נישט יידישע.

אין איינעם אַן אָונט באַגעגנט דער העלד פון דער „אַרומרייזע״, זשאַק לאַנדאו, לעבן זיין געבוירן־הויז אין שטראַסבורג, דאָס געהיימ־ניספולע מיידל מרים פון דער קאַטעדראַלע. זי איז אַנטלאָפן פון איר שטיינערנער רעזידענץ. זי האָט גענוג געוואַרט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און פאַרבונדענע אויגן, זי וויל זיך אויסלייזן, אַוועק פון דאַנען. אָבער זיך איבערצוטראָגן פון אָרט צו אָרט, בפרט צו רייזן, דאַרף מען האָבן אַ פּאַספּאָרט, אַ וויזע און מרים האָט צומאָל נישט קיין געבורט־שיין, זי מוז דאָס אַלץ קונציק דעראָבערן. אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט זיך די אַלעגאָרישע געשטאַלט אין אַ סימבאָלישער. זי הייבט אָן סימבאָ־ליזירן די אייביקע יידישע וואַנדערער, די אויסגעוואָרצלטע אין זייערע פּלאָגענישן זיך איינצושאַפן אַ שטיקל פּאַפּירל, וואָס זאָל זיי דערלויבן זיך אויפצוהאַלטן ערגעץ־וווּ אָדער לאָזן זיך אין וועג.

מיט אָט־דעם „אַנטלאָפענעם״, צעבונטעוועטן מיידל לאָזט זיך זשאַק לאַנדאו אויף אַ נייער וואַנדערונג מיטן ציל צו דערוויסן זיך אומעטום פון די יידן גופא וועגן זייערע טראַכטענישן, אומרוען און האָפענונגען, פאַרלאַנגען און אַספּיראַציעס. מרים דינט אים ווי אַ סעקרעטאַרין. ער פאָרשט, פרעגט אומעטום אויס, רעגט אָן מענטשן זיך אַרויסצוזאָגן, זי הערט זיך צו, פאַרנאָטירט. איי זי ווערט תיכף זיין געליבטע, איז דאָס ווידער אַ זייטיקע זאַך, אַ מין אַקצעסאָריע.

ס׳איז מעגלעך, אַז אַרנאָלד מאַנדעל, דער גרויסער קענער פון חסידיזם, האָט זיך פאַר זיינע וואַנדערונגען און זוכענישן אינספּירירט פון אַלטע חסידישע מעשיות. אויב די אינספּיראַציע זאָל טאַקע קומען פון אַלטע מקורות, אַטעמט אָבער דאָס בוך מיט ברענענדיקער אַקטועלקייט, מיט היינטצייטיקן פיבער. משונהדיקע היינטצייטיקע יידישע דראַמעס, פערזענלעכע אומגליקן פאַרוויקלען זיך מיט גורלדיקע פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק. און עס ווייזט זיך אַרויס בעת די באַגעגענישן, אַז יעדערער טראַכט און זוכט צו פאַרשטיין דאָס, וואָס קומט פאָר, אויף זיין אייגענעם אופן. יעדערער האָט זיין אייגענעם צוגאַנג, זיין אייגענעם דערלייזער אויף וועלכן ער וואַרט.

די וואַנדערונג פאַרענדיקט זיך ווידער אין ישראל. ווידער פירן אַלע

וועגן צום צענטער פון דער יידישער וועלט. אָבער אויך דאָ, נאָך דער נצחונדיקער זעקס־טאָגיקער מלחמה, אין זייער ווייטערדיקן וואָגל איבערן לאַנד, געפינען ביידע וואַנדערער נישט קיין ענטפער אויף די פראַגן, וואָס מאַטערן זיי.

זשאַק לאַנדאו בלייבט אין ישראל, ווייל דאָ מוז זיין די לעצטע סטאַציע פון זיינע וואַנדערונגען. מרים, דאַקעגן, פאַרלאָזט דאָס לאַנד. זי פאָרט צוריק מיט אַ ישראלדיקן פּאַספּאָרט און מיט אומעט אין האַרץ, כדי זיך אומצוקערן אויף איר אַמאָליק אָרט.

די פולע דערלייזונג איז נאָך נישט געקומען. די יידישע דעבאַטע מיט דער וועלט איז נאָך נישט פאַרענדיקט. ווייל „אין לעצטן סך הכל איז נאָך דאָס, וואָס האָט סימבאָליזירט די בתולה מיט די פאַרבונדענע אויגן, די בלינדקייט פון פאַראַכטונג, די דערנידערונג, נישט אָפּגעשאַפן געוואָרן, אַפילו ווען די דאָגמאַטיש־היסטאָרישע אַרגומענטן פון דער עוולה קענען אונדז קאָנען מער נישט זיין גילטיק...”

אין סך הכל: אַ מאָדערנער ראָמאַן מיט אַ טיף יידיש־פילאָזאָפישן אינהאַלט, אָנגעזעטיקט מיט שווערע יידישע פּראָבלעמען. און צי מ׳איז יאָ אָדער נישט מסכים מיט געוויסע באַגרינדונגען, איז דאָס אַ בוך, וואָס שטויסט נאָכצוטראַכטן.

VI

יידישע ליטעראַטור-קריטיק אין ליכט פון היינט און נעכטן

מען רעדט און שרייבט היינט ביי אונדז זייער פיל וועגן דער מערכה פון דער יידישער ליטעראַטור. אייגנטלעך רעדט מען א סך מער ווי מען שרייבט. און רעדן רעדט מען נישט וועגן עצם-עניינים גופא פון דער ליטעראַטור, וועגן איר אינערלעכן אויסזען נאָר וועגן איר ביטערן אויסערלעכן מצב. ס'וועט נישט זיין קיין שום גוזמא צו זאָגן, אַז מען באַוויינט זי און באַקלאָגט זי, ווי אָט-אָט הויכט זי אויס די נשמה. טייל-מאָל קומט אויס צו הערן אַזעלכע קלאָג-רייד, ווי מ'וואָלט שוין געדאַרפט אָפּהייבן דעם בר-מינן, אָנצינדן ליכט און זאָגן קדיש.

די באַוויינער און באַקלאָגער גיבן דער ליטעראַטור נישט צו נישט קיין געזונט און נישט קיין חשיבות. אָבער ביי יציאת-נשמה האַלט נאָך, צום גליק, נישט אונדזער ליטעראַטור. ביים גאַנצן שווערן קריזיס גייען אומעטום, וווּ עס זענען נאָר פאַראַן יידן, און אין דער ערשטער ריי אין ישראל, אַרויס יידישע ביכער. ביים גאַנצן קלאָגעדיקן מצב פון יידישן שרייבער איז כמעט נישט בנמצא אַזאַ פאַל, אַז אַ מחבר זאָל האָבן אַ גוטן פאַרטיקן מאַנוסקריפּט און בשום אופן נישט קאָנען אים אַריינגעבן אין צוויי טאָוולען.

פאַראַן אָן אַ שיער שווערע פּראָבלעמען, ווי דער מאַנגל אין אָפּנע-מערס פונעם בוך, אָדער גאָר דאָס פאַרשווונדן פון געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַגן, וואָס דערפירט דערצו, אַז אַ יידישער שרייבער מוז אַליין אַרויס-געבן און אַליין פאַרשפּרייטן זיינע ביכער. די יידישע ליטעראַטור האָט נאָכן גרויסן חורבן פאַרלוירן אי דעם מאַסן-לייענער, אי די אַפּוטרופּסים פון פאַרשידענע מינים. אָבער אָנשטאָט, ווי עס געשעט נאָך אַ קאַטאַסט-ראָפע זיך צו מאָביליזירן, פאַרברעכט מען די הענט, מען פאַלט אַריין אין ייאוש, וואָס פירט צו אַפּהעטיקייט, פאַראַליזירט דעם ווילן. אין בעסטן פאַל מונטערט מען זיך מיט חלשות-טראָפּנס, אָנשטאָט צו זוכן אַ ווירקנדיקע רפואה.

אָבער דאָס איז געזאָגט במקום הקדמה בלויז. די טעמע גופא איז

דאָס נישט. ס'איז כדאי אויך אַמאָל צו נעמען אויפן טיש אינערלעכע ענינים, וואָס זענען בלוט און פלייש פון דער ליטעראַטור און וואָס זענען געבונדן מיט איר אויבן דערמאָנטן מצב. מיר לעבן אין צייטן פון גרויסע און שנעלע טראַנספאָרמאַציעס. אַלץ ענדערט זיך. די ליטעראַטור בלייבט אויך נישט שטיין אויף אָן אָרט. פאַרן לעצטן פערטל יאָרהונדערט האָט מען אומעטום אין ליטעראַרישע קרייזן אין אייראָפּע און אין אַמעריקע גערעדט וועגן נייע שטרעמונגען, נייע אויסדרוק־פאָרמען אין דער ליטע־ראַטור. וויפל האָט זיך דאָס געטומלט אַרום נייעם ראָמאַן, אַרום דער נייער דיכטונג. נאָך קיינמאָל איז די קריטיק נישט געווען אַזוי באַלעבט, אַזוי געבונדן טאָג־טעגלעך מיט אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע פּראָ־בלעמען פון דער ליטעראַטור. נאָך קיינמאָל ווי אין די לעצטע יאָרן איז זי נישט געווען אַזאַ פאַרמיטלער צווישן בוך און לייענער, צווישן שרייבער און עולם. אין דער יידישער קריטיק איז גיכער שאַ־שטיל.

הכלל, עס גייט איצט אין אַ צווייג אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָט היינט מער ווי שטענדיק אַ שליחות אויסצופירן און אין וועלכער עס זעט נישט אויס צו זיין זייער פויגלדיק. עס האַנדלט זיך, ווי דער לייענער שטויסט זיך שוין אָן, אין דער ליטעראַטור־קריטיק.

***

פאָלגט מען נאָך אין יידישע צייטונגען, פאַרשידענע זשורנאַלן, אין צייטשריפטן רעצענזיעס, אָפּהאַנדלונגען, אָפּשאַצונגען וועגן ביכער, וואַרפט זיך קודם כל אין די אויגן ווי ווייט די קריטיק קומט נישט נאָך אַפילו די באַגרענעצטע צאָל דערשינענע יידישע ביכער, ווי ווייניק זי אינפאָר־מירט, באַהאַנדלט די צוגעשיקטע ביכער אין די רעדאַקציעס, ווו זיי בלייבן צום גרעסטן טייל ליגן אומבאַרירט אויף די ביכער־פּאָליצעס.

קוקט מען זיך צו צו דער יידישער ביכער־פּראָדוקציע, שווימט אויף נאָך אַן אַנדערער אַספּעקט פון דער טעמע און נעמלעך, מען דער־זעט אַ געוויסן דוחק אין אויסגאַבעס פון שעפערישער און פאָרשערישער ליטעראַטור־קריטיק. אמת, עס דערשיינען ביכער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר זאַמלונגען פון קריטישע אָפּהאַנדלונגען, געשריבענע ביי פאַרשי־דענע געלעגנהייטן. דאָס זענען צונויפגעקליבענע גרעסערע און קלענערע אַרבעטן, ס'רוב פון שרייבער וועגן שרייבער; צום גרעסטן טייל זענען דאָס צוזאַמען מיט באַטראַכטונגען פען־פּראָפילן, פען־פּאָרטרעטן, אָבער

אויך ליטעראַרישע עסייען, ווי „שרייבער און ווערק" פון חיים בעז, „פנימער און נעמען" פון יצחק יאַנאַסאָוויטש, „געשטאַלטן און פּראָפילן" פון ישעיהו שפּיגל, „אין אָפּשיין פון דורות" און „געוועזן אַ יידיש פּוילן" * מיט רירנדיקע דערמאָנונגען פון אברהם זאַק, „אין זכות פון וואָרט" פון אברהם ליס, „זיגזגערס און זאַגערס" פון יצחק גאַלדקאָרן, „אינטים מיטן בוך" פון רבקה קאָפּע, „געשטאַלטן פאַר מיינע אויגן" פון משה שולשטיין און ענלעכע ווערטיקע אויסגאַבעס. עס דערשיינט ציימנווייז, זייער זעלטן, אַ מאָנאָגראַפיע, ווי די פון נח גריס וועגן ישעיהו שפּיגל — „פון פינצטער־ניש צו ליכט". נישט אָנגעבנדיק קיין פולע רשימה, ווילט זיך דאָך נאָך דערמאָנען ביכער פון אַ ספּעציעלן מין, ווי „שמועסן מיט שרייבער אין ישראל" פון יעקב פּאַט, אָדער גאָר מלך ראַוויטשעס „מיין לעקסיקאָן" וועגן יידישע און העברעאישע שרייבער אין ישראל לויטן מוסטער כמעט פון דעם פריערדיקן „לעקסיקאָן" וועגן יידישע שרייבער און קינסטלער אין פּוילן. און ראַוויטש שטרייכט אונטער, אַז ער שרייבט דאָ נישט קיין קריטיק נאָר צייכנט פּראָפילן. נישט מעסטנדיק די אַלע אויסגע־רעכנטע ביכער און ענלעכע צו זיי מיט דער זעלבער מאָס — און יעדעס פאַרדינט כשר אויף אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג — זענען זיי אָן ספק גאָר וויכטיקע פּאָזיציעס אין אונדזער שריפטנטום און נישט קיין קלענער ביישטייער צו דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק.

אויב עס איז אָבער געזאָגט געוואָרן, אַז עס וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן אַ דוחק אין ליטעראַטור־קריטיק, מיינט דאָס קריטיק ווי אַ סיסטעמאַטישע, כסדרדיקע באַגלייט־דערשיינונג פון דער ליטעראַטור, און קריטיקער, וואָס האַלטן רעגולער, אומאויפהערלעך אַ וואַך אויג אויף דער ליטעראַטור, וואָס דעקן אויף, זוכן, פאָרשן, שטויסן איר אַנטוויק־לונג און דער עיקר — וואָס האָבן גלייכצייטיק אַן אויפגאַבע טאָג איין טאָג אויס צו פּאָפּולאַריזירן אַ ווערק, אַרויסצורופן אַ באַדערפעניש צו לייענען, דערוועקן אַן אינטערעס צום בוך. ס'איז זיך היינט נישט פאָר־צושטעלן אַ ליטעראַטור אָן קריטיק. אייגנטלעך איז די קריטיק אַן אָרגאַ־נישער טייל פון דער ליטעראַטור. אמת, געווען שטענדיק און פאַראַן נאָך היינט פאַרשידענע מיינונגען וועגן דעם וואָס זי איז די קריטיק. געווען צומאָל אַזעלכע — און אפשר פאַראַן נאָך היינט — וואָס האָבן געפּסקנט, אַז די קריטיק איז אַ פינפטער ראָד צום וואָגן פון דער קונסט. היינט איז

* פאַרזעצונג פון „אין קעניגרייך פון יידישן וואָרט".

שוין גיכער זעלטן צו טרעפן אַ שעפערישן מענטש, וואָס זאָל ספקן, אַז זי, די קריטיק, אויב זי איז נאָר אַן עכטע, אַ שעפערישע, איז אַן און פאַר זיך אויך אַ פאָרם פון קונסט און דערמיט אירער אַ באַשטאַנדטייל. זי איז נישט קיין צופעליקע דערשיינונג. די קריטיק שטעקט אין דער מענטשלעכער נאַטור ווי יעדער אַנדערער שאַפונגס־אימפּולס. פּונקט ווי יעטוועדער אַנדערער גייסטיקער פונק, וואָס טליעט אין דער מענטש־לעכער נשמה, זוכט די קריטיק זיך אויסצודריקן, זיך צו אַנטפּלעקן. דער אונטערשייד איז וואָס אויב אַ שרייבערישער טאַלאַנט רעאַגירט אויף רויעם, פּליסיקן לעבן, רעאַגירט זי, די קריטיק אויף דעם אויסגעקריס־טאַליזירטן „שטאָף", אויף לעבן פאַרקערפּערט שוין אין קונסט. איר עמפּינדלעכקייט באַציט זיך צו דעם שוין געשטאַלטיקטן, אָבער די עמפּינדלעכקייט אירע איז אויך אַ שטענדיק וואַכזאַמע, אַקטיווע. און ווייל זי איז שטענדיק אַן עמפּינדלעך־אַקטיווע און באַגלייט תמיד דעם שעפערישן פּראָצעס פונעם קינסטלער איז איר פונקציע און ראָל נישט פון קליינער באַדייטונג.

די יידישע קריטיק האָט גאָר אַן אַלטע טראַדיציע. ס'איז נישט קיין צופאַל וואָס אַ סך באַרימטע קריטיקער ביי פעלקער צווישן וועלכע מיר האָבן געלעבט, זענען געווען יידן. אין צאַרישן רוסלאַנד האָבן די ליטעראַ־טור־קריטיקער אייכענוואַלד, דער טעאַטער־קריטיקער קוגעל און דער קונסט־קריטיקער טוגענהאָלד זיך געפונען ביי דער מזרח־וואַנט פון דער קריטיק, וואָס האָט דאָך געשמט מיט אַזעלכע נעמען ווי ביעַ־לינסקי, טשערנישעווסקי, פּיסאַריעוו, דאָבראָליובאָוו. שפּעטער האָבן זיך קונה שם געווען די קריטיקער ווענגראָוו, וואָלינסקי, גאָרענפעלד, גער־שענזאָן. יידן אין דער רוסישער קריטיק האָבן זיך אַ סך פריער באַקאַנט געמאַכט אין דער ליטעראַרישער און קונסט־וועלט ווי שרייבער פון יידישן אָפּשטאַם. פאַסטערנאַק, מאַנדעלשטאַם, באַבעל, מאַרשאַק, ערענבורג זענען אַרויף אויף דער ליטעראַרישער אַרענע נאָך דעם ווי ס'האָט שוין געהאַט געווירקט אַ פּלעיאַדע קריטיקער יידן.

אין אַמאָליקן פּוילן איז דער גרעסטער און צוממייסטן פּראָדוקטיוו־שעפערישער ליטעראַטור־קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער געווען דער ייד ווילהעלם פעלדמאַן. דער דענישער ייד געאָרג בראַנדעס האָט אַריבערגעשטיגן די גרענעצן פון זיין געבוירן־לאַנד, ער האָט זיך דער־וואָרבן אַ וועלט־נאָמען מיט זיין פיל־טאָמיק ווערק „די הויפּט־שטרעמונ־גען אין דער ליטעראַטור פון 19־טן יאָרהונדערט", מיט אַנדערע וואָגיקע

ווערק. און די ראָל פון יידן אין דער קריטיק באַגרענעצט זיך נישט בלויז צו די אויסגערעכנטע לענדער.

צו שרייבן וועגן אַלע סיבות פון אַזאַ דערשיינונג וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט. דערמאָנען דאַרף מען אָבער, אַז ביי יידן איז פאַראַן, ווי געזאָגט, אַ גאָר אַלטע טראַדיציע פון אַזאַ מין אינטעלעקטועלן דענקען און אַזאַ שאַפונגס־סטיל, ווי ס'איז קריטיק. די אַלטע העברעאישע און אַראַמעאישע ליטעראַטור איז פול מיט פּרושים, הערות, דער סטיל טראָגט אַ כאַראַקטער פון וויכּוחים. במשך פון אונדזער צוויי טויזנט־יאָריקער צעשפּרייטקייט האָבן דער בית־המדרש, דער חדר, די ישיבה דאָס לער־נען אַ בלאַט גמרא, דער פּילפּול, דער ספר פון שאלות און תשובות אויס־געשפּיגלט און אויסגעשמידט אַן אָרט טראַכטן דורך אַריינקוקן טיפער אין דער זאַך, אַן אייגנשאַפט פון אַנאַליזירן און קאָמענטירן. אַפילו די השכּלה־ליטעראַטור מיט איר דידאַקטישקייט פאַרמאָגט אויך אין זיך עלעמענטן, וואָס זענען ענלעך צו קריטיק. אָבער נאָך אַ סך פריער, שוין אין מיטל־אַלטער איז אויפגעקומען ביי יידן קריטיק ווי אַ באַזונדערער צווייג. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן רש״י, וועלכער האָט געלעבט אין 11־טן און 12־טן יאָרהונדערט אין פראַנקרייך (אין דער שטאָט טרואַ). בעת דער גאָלדענער תּקופה אין שפּאַניע, האָט משה אבן עזרא (12־טער יאָרהונדערט) אָנגע־שריבן אין דער אַראַבישער שפּראַך אַ בוך וועגן דער פּאָעזיע ביי יידן, וועגן פּיוטים — אגב איז דאָס בוך איבערגעזעצט געוואָרן אין ישראל. דער דיכטער אלחריזי (13־טער י. ה.) איז אויך געווען ליטעראַטור־קריטיקער ווען דאָס יידישע גייסטיקע לעבן האָט זיך איבערגעטראָגן און איינגע־וואָרצלט אין אַנדערע טיילן פון אייראָפּע, האָבן אין דער שפּראַך פון פאָלק צווישן וועלכן יידן האָבן געלעבט, געשריבן קריטיק איבער יידישער שאַפונג אַזעלכע געלערנטע ווי גייגער, צונץ, שפּעטער שטיינ־שניידער, אייזיק הירש ווייס.

***

די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט זיך געשטאַלטיקט אין מזרח־אייראָפּע, איז אויף איר גאַנצן וועג באַגלייט געווען פון קריטיק, געשריבן דורך שרייבער, דענקער, היסטאָריקער, דורך שעפערישע מענטשן, וואָס האָבן די פאַרשונג און דעם אַנאַליז איבער דער ליטעראַטור געמאַכט פאַר זייער טעגלעך ברויט און האָבן זייערע קריטישע און פאַרשערישע שאַפונגען אַריינגעטראָגן אין דער ליטעראַטור ווי אירן אַן אָרגאַנישן

עלעמענט. מ׳דאַרף דאָ קודם כל זיך אָפּשטעלן אויף די צוויי זיילן פון דעם מין יידישער שאַפונג: ישראל צינבערג און שמעון דובנאָוו.

שמעון דובנאָוו איז געווען אַ באַקאַנטער ליטעראַטור־קריטיקער נאָך איידער ער האָט זיך באַרימט געמאַכט אַלס היסטאָריקער פון יידישן פאָלק. ער האָט פריער און אויך שפּעטער מיט פאַסיע נאָכגעפאָלגט די אויפגעגאַנגענע יידישע ליטעראַרישע שפּראָצונגען; קאַרגע צוויי צענדליק יאָר, אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן, האָט ער אונטערן נאָמען „קריטיקוס״ זיך מטפּל געווען מיט יידישער קריטיק, באַקאַנט געמאַכט די יידישע שרייבער און זייערע ביכער אין דער ערשטער ריי צווישן דער רוסיש־רעדנדיקער יידישער אינטעליגענץ. מיט זיין שטענדיקער ליטעראַרישער כראָניק, וואָס ער האָט געפירט אין דער יידיש־רוסישער צייטונג „וואָסכאָד״, מיט זיינע פילע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער יידישער ליטעראַטור און דער יידישער שפּראַך אין די רוסיש־יידישע צייטשריפטן „יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ״, „יעווריייסקי מיר״ און אַנדערע זשורנאַלן האָט ער פאַרוואָרפן אַ בריק צווישן דעם יידישן שרייבער, דעם יידישן בוך און דער יידישער אינטעליגענץ. ס׳איז באַקאַנט אויך, אַז דובנאָוו אונטערן נאָמען „קריטיקוס״ האָט מיט זיינע אָפּהאַנדלונגען דערמוטיקט דעם יונגן שלום־עליכם, ספּעקטאָר און אַנדערע יונגע שרייבער און דערמיט געשטויסן די אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור. שפּעטער האָט ער זיך פּערזענלעך באַקענט און באַפריינדעט מיט שלום־עליכמען, מענדעלען, דינעזאָנען, פרוגן און אַנדערע שרייבער, געוואָרן זייער פריינד און נאָכגעפאָלגט זייער גאַנג אין דער ליטעראַטור פון דער נאָענט. אין דער זעלבער צייט האָט ער געפירט אַ מלחמה קעגן די שמ״רס און גערייניקט דאָס ליטעראַרישע פעלד פון די ווילד־גראָזן. פון גרויסער באַדייטונג איז אויך געווען צו יענער צייט זיין בוך „אַן אַלגעמיינער בליק אויף דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור״, וואָס איז דערשינען אין 1886. הגם אַ פראַגמענטאַרישער איבערבליק, האָט עס אָבער געהאָלפן אַרויספירן די יידישע ליטעראַטור אויף דער אַרענע און איר געגעבן אָנזען.

דובנאָוו, הגם ער האָט אין יידיש דעמאָלט נאָך נישט געשריבן, האָט מיט זיינע קריטישע אָפּהאַנדלונגען כסדר דערהויבן דאָס יידישע לשון, געגעבן אים חשיבות. מיט זיין ליבשאַפט צו דעם יידישן פאָלקלאָר, האָט ער אויפגעדעקט די פּערל, וואָס עס שטעקן אין דעם יידישן לשון, און געוועקט ביי דער אינטעליגענץ דעם באַוווסטזיין, אַז דער „זשאַרגאָן״

איז מסוגל צו זיין און איז שוין אַ ליטעראַטור־שפּראַך. אַז מען קוקט אַריין אין זיין בוך „פון זשאַרגאָן צו יידיש" ווו ס'זענען צונויפגעזאַמלט קריטישע אָפּהאַנדלונגען, פּאָרטרעטן פון שרייבער, זעט מען וואָס פאַראַ ראָל עס קאָן שפּילן אַ קריטיקער פאַר אַזאַ ליטעראַטור ווי ס'איז די יידישע.

ס'איז אפשר נישט קיין צופאַל וואָס דער באַדייטנדיקסטער היסטאָ־ריקער פון יידישן פאָלק, דובנאָוו, האָט זיך אַזוי פיל מטפל געווען מיט יידישער ליטעראַטור — אגב איז אפילו זיין „געשיכטע פון חסידיזם" אויך פול מיט ליטעראַטור־קריטיק און ליטעראַטור־געשיכטע. די ליטע־ראַטור איז דאָך די נשמה פון פאָלק. אַ פאָלק אָן ליטעראַטור, אָן גייס־טיקע גיטער איז ווי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם אָן אַ רוקן־ביין. און ס'איז אויך נישט קיין צופאַל וואָס אומעטום, ווו מען פאַרמעסט זיך אויף אונדזער פאָלק, גרייפט מען אָן ראשית כל די ליטעראַטור און אירע שעפער, וואָס האָט זיך מאַניפעסטירט אַזוי בולט אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

דער יידישער היסטאָריקער האָט בחוש געפילט אין דער ליטעראַטור, אין אַנדערע גייסטיקע גיטער, דעם „שטאָף" וואָס צעמענטירט דאָס פאָלק. אפשר דערפאַר האָט אויך גרעץ, דער אַזוי אַנדערשדיקער ווי דובנאָוו, זיך פאַרנומען מיט יידישער ליטעראַטור. אין אונדזערע צייטן האָט דער היסטאָריקער בערל מאַרק זיך אַ סך געווידמעט דער ליטע־ראַטור־קריטיק.

***

די יידישע ליטעראַטור און שריפטנטום בכלל האָט געהאַט אין דינסט אַזאַ ריז, דענקער און שעפער ווי ישראל צינבערג. אמת, דער דאָקטאָר פילאָזאָפיע און כעמיקער צינבערג, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס כעמיקער ביז דער לעצטער צייט פון זיין אַרעסט אין 1938, איז געווען אַ ליטעראַטור־היסטאָריקער, אָן אַלזייטיקער פאָרשער. אין זיינע ניין מאָנומענטאַלע בענדער „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן" האָט ער זיך פאַרנומען נישט בלויז מיט ליטעראַטור, נאָר אויך מיט אַלע צווייגן פון שריפטנטום, מיטן שעפערישן געדאַנק ביי יידן, מיט קולטור בכלל און אַריינגענומען אין זיין ווערק אויך שעפער, וואָס האָבן געשריבן אין פרעמדע שפּראַכן. צינבערג איז אָבער איינציייטיק געווען אַ ליטעראַ־טור־קריטיקער. דער ליטעראַטור־היסטאָריקער און ליטעראַטור־קריטיקער

גייען צוזאַמען ביי אים. די פּאַרשונג, דער אַנאַליז און די אָפּשאַצונג זענען צוזאַמענגעפּלאָכטן. און אונדזער מאָדערנע ליטעראַטור אין יידיש האָט ער אַריינגעשפּינט ווי אַ המשך אין אַלגעמיינעם, לאַנג־דורותדיקן פּראָצעס פֿון יידישער שאַפונג. ער האָט באַוויזן, אַז זי איז אַ ווייטערדיקע שפּראָצונג, אַ פרישע פּלאַנץ אין דעם אַלגעמיינעם יידישן גאָרטן אין וועלכן ס׳זענען אויסגעוואַקסן די העברעאישע און אַראַמעאישע ליטעראַטור און דערמיט זי אַרויפגעשטעלט אויף אַ הויכן פּיעדעסטאַל. ער האָט זי מיט זיינע פאָרשונגען און אָפּשאַצונגען דערהויבן צו די העכסטע הייכן. ס׳האָבן דעמאָלט נישט געפעלט קיין ווילדקייטן אין אונדזער ליטעראַטור, ווי ס׳פעלט קיינמאָל נישט, ווי ס׳פעלט אויך נישט אין אַנדערע ליטעראַטורן. ציניבערג האָט אָבער געוווסט, אַז אַ ליטעראַטור שאַצט מען לויט אירע שפּיצן. ער האָט געזען אין דער דורותדיקער יידישער ליטעראַטור אַ טיפע לעבנס־פילאָזאָפיע.

ישראל ציניבערג איז געווען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין דעם פאָרשן און אַנאַליזירן אַ צייט־אָפּשניט פון ליטעראַטור ביי יידן, וואָס נעמט אַרום כמעט טויזנט יאָר. און געטאָן האָט ער דאָס לויט אַ מעטאָד, וואָס באַשטייט אין אַנאַליזירן נישט בלויז די אינערלעכע באַדינגונגען, נאָר אויך די אויסערלעכע השפּעות, וואָס האָבן געווירקט אויף יידישער שאַפונג אין די פאַרשידענע לענדער, ווו יידן האָבן געלעבט, ובכן אַן אַרבעט, וואָס קאָן פאַרשלינגען און אָפּרייסן פון טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען אַ סך צענדליקער מענטשן. און דאָך האָט ציניבערג, אָנגייענדיק מיט זיין גרויס ווערק, געשריבן וועגן שרייבער פון זיין צייט אַרטיקלען, רעצענזיעס, אָפּהאַנדלונגען פאַר „יעווריעיסקאַיאַ מיסל״, „יעווריעיסקי וויעסטניק״, פאַר פיל אַנדערע רוסיש־יידישע, יידישע און העברעאישע צייטונגען און זשורנאַלן. ער איז אין דער זעלבער צייט געווען רעדאַקטאָר פאַר יידישער און העברעאישער ליטעראַטור אין דער רוסיש־יידישער ענציקלאָפּעדיע. ער ווענדט זיך צו יידישע שרייבער זיי זאָלן אים צושיקן זייערע ביאָגראַפיעס, ער שרייבט איינצייטיק מאָנאָגראַפיעס. מען דאַרף דערצו צוגעבן, אַז ציניבערג האָט געלעבט און געשאַפן זיין מאָנומענטאַל ווערק אין לענינגראַד, ובכן, ווייט פון אַ יידישן, שפּעדישן צענטער — וואָס האָט גורם געווען, אַז געוויסע זאַכן זענען נישט דערגאַנגען צו אים — און דאָך איז ער געווען דאָס וואַכעדיקע אויג און רעאַגירט אויף די

ליטעראַרישע דערשיינונגען פון זיין צייט. אַט למשל דערשיינט מאַקס עריקס „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור". צינבערג באַהאַנדלט דאָס ווערק, רופט אַרויס פאַראינטערעסירונג ביים עולם, פּאָלעמיזירט מיטן מחבר, געפינט אויס נישט ריכטיק עריקס שטעלונג, אַז די מאַטעריע־לע באַדינגונגען האָבן געלייגט דעם הויפּט־שטעמפּל אויף געוויסע אַספּעקטן פון דער ליטעראַטור. ער רופט זיך אָפּ אויף מאַקס וויינרייכס ווערק „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע" און ווייזט ווידער אָן, אַז דאָ האָט דער מחבר פאַרזען די העברעאישע השפעות.

צינבערג דער ליטעראַטור־פאָרשער און דער ליטעראַטור־קריטיקער איז אַ שטענדיקער, אומדערמידלעכער אָבסערוואַטאָר, ער רוט נישט, גראָבט, זוכט, אַקערט דורך דעם האַרטן באָדן פון דער יידישער ליטעראַטור. אין זעקסטן באַנד הייבט ער אָן צו באַהאַנדלען די ליטעראַטור אין יידיש פון אירע ערשטע אָנהייבן, אָבער פריער, אין פינפטן באַנד, גיט ער, לויט זיין קולטור־היסטאָרישן מעטאָד, אַ ברייטן פרעסק פונעם לעבן פון יידן אין פוילן, וועגן זיין גייסטיקן און קולטור־מצב. גרייטנדיק די ווייטער־דיקע ווערק וועגן דער פאַרגאַנגנהייט, רייסט ער נישט אָפּ די אויפמערק־זאַמקייט פון דער קעגנוואַרט, ער איז ווי אַ סייסמאָגראַף פון דער ליטע־ראַטור פון זיין צייט.

לײדער האָט ער זיין ווערק וועגן דער ליטעראַטור אין יידיש נישט פאַרענדיקט און ווי טרויעריק־סימבאָליש דאָס איז וואָס די צוויי גרויסע ראש־המדברים פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן אַזוי טראַגיש פאַרענ־דיקט זייער שעפעריש לעבן: שמעון דובנאָוו אומגעבראַכט צו 81 יאָר דורך די היטלעריסטישע משחיתים, ישראל צינבערג אומגעקומען צו 65 יאָר אין אַ סאָוויעטישן לאַגער אָדער תפיסה.

***

נישט קיין קליינע ראָל אַלס קריטיקער האָט געשפּילט אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור י. ח. ראַבניצקי, דער אינטימער פריינד פון ביאַליקן. אַליין אַ שרייבער, אַן עסייאיסט, פּובליציסט, אין ביידע שפּראַכן, אין יידיש און העברעאיש, האָט ראַבניצקי אַלע זיינע כוחות, דאָס רוב פון זיין צייט אָפּגעגעבן באַקאַנט צו מאַכן אַנדערע שרייבער,

אויסצוגעפינען פאַרבאָרגענע טאַלאַנטן, אַרויסצופירן די ליטעראַטור אויף דער לעבנס־אַרענע. ניגער שרייבט וועגן אים, אַז ער האָט געטאָן אין יידיש, דאָס וואָס דובנאָוו־קריטיקוס אין רוסיש. אָבער ווער ווייסט צי נישט מערער. פאַרן יידישן שרייבער איז אויך דעמאָלט נישט געווען אָפן טיר און טויער. ראַבניצקי האָט אין 1887, אין די דעמאָלסטיקע באַדינגונגען פון שטרענגער צאַרישער צענזור, געשאַפן צוזאַמען מיט ליליענבלומען אין אַדעס אַ טריבונע אַרום וועלכער יידישע שרייבער זאָלן זיך קאָנען גרופירן. דאָס איז געווען „דער וועקער" פון וועלכן ער, ראַבניצקי, איז געווען דאָס האַרץ און נשמה. שלום עליכם האָט דערפילט אין אים אַ קריטיקער פון גאָטס גאָב און אים הערנאָך איינגעלאַדן איבערצונעמען אין זיין „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" די קריטיק און ביבליאָגראַפיע. און ראַבניצקי, האָט די נייע אַרבעט באַטראַכט ווי אַ שליחות באַקאַנט צו מאַכן די יידישע ליטעראַטור, צו דערהייבן די יידישע שפּראַך, הגם ער איז נישט ווייניקער געווען פאַרליבט אין העברעאיש, און געשריבן סיסטעמאַטיש אונטערן פסעוודאָנים רבי קצין גאַנצע סעריעס רעצענזיעס, פּאַרטיפּטע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע שרייבער. דער קריטיקער האָט אָבער איינגעזען, אַז דער יידישער שרייבער נויטיקט זיך מער ווי אין אַ רעצענזיע. איז ער געוואָרן אויך אַן אַרויסגעבער פון ביכער, אַ רעדאַקטאָר. מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט ער זיין אַרבעט ווי אַ קריטיקער פאַראייניקט מיט די שווערע אויפגאַבן פון אַ רעדאַקטאָר און פאַרלעגער, אַליין אויפגעשטעלט יידישע און העברעאישע פאַרלאַגן און צייטשריפטן. ער האָט זיך נישט געפוילט און נישט געשעמט ווי אַ שרייבער און קריטיקער צו זיין אויך אַ טוער און צו שלעפּן דעם שווערן וואָגן פון דער יידישער ליטעראַטור באַרג אַרויף. אונטער ראַבניצקיס אויפזיכט און מיט זיין מיטהילף איז אַרויס נישט איין יידיש בוך. דאָס איז נישט געווען חס וחלילה אַזוי ווי דאָס קומט פאַר היינט, ווען אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר ברענגט אַ מאַנוסקריפּט און אַ שרייבער, צוליב פּרנסה, מאַכט דערפון אַ בוך. דעמאָלט זענען נאָך אַזעלכע זאַכן נישט געווען אין דער מאָדע. שרייבער צווישן זיך האָבן זיך אַ סך געהאָלפן. אַפילו שלום עליכם האָט געגעבן ראַבניצקין צו רעדאַגירן זיינע ראָמאַנען „סטעמפּעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי". צוזאַמען מיט שלום־עליכמען האָט זיך ראַבניצקי אויך אונטערגענומען צו פאַרטרייבן די שמ"רס מיט זייערע שונד־ראָמאַנען. שוין זייענדיק אין ישראל, ווו ער האָט געשריבן צום

גרעסטן טייל העברעאיש, ווען ער האָט שוין נישט געקאָנט האַלטן דעם פּולס פֿון דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער נאָך אַלץ נאָכגעפֿאָלגט מיט פֿאַרבענקטע בליקן די ליטעראַרישע געשעענישן אין דער אַלטער היים.

***

מ׳וואָלט געקאָנט אויסרעכענען נאָך אַ לאַנגע רשימה פֿון פֿאַר־שידנאַרטיקע קריטיקער ווי צום ביישפּיל ש. ל. ציטראָן און ענלעכע צו אים, אָדער גאָר י. י. לערנער, אַלעקסאַנדער צעדערבוים און אַנדערע פֿון זייער שניט. דאָס איז אָבער נישט קיין היסטאָריש־כראָנאָלאָגישע אָפּהאַנדלונג וועגן קריטיקער, נאָר וועגן אייניקע פּראָבלעמען פֿון אונדזער היינטיקער קריטיק און הן די שוין דערמאָנטע נעמען, הן די וואָס וועלן נאָך דערמאָנט ווערן, דאַרפֿן בלויז דינען ווי אַן אילוסטראַציע.

קריטיק ביי יעדן פּונקט אַזוי ווי ביי אַנדערע פֿעלקער, איז שטענדיק געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דער ליטעראַטור. זי איז דורכגעגאַנגען פֿאַרשידענע פֿאַזן און גילגולים ווי די ליטעראַטור גופֿא. געווען צייטן, ווען ס׳איז קיין אמתע קריטיק כּלל נישט געווען, ווייל ס׳איז נאָך קיין אמתע, אויסקריסטאַליזירטע ליטעראַטור נישט געווען. די יידישע מאָדער־נע ליטעראַטור איז אַ יונגע, בסך הכל אַ וואָסערע הונדערט יאָר אַלט. אַוודאי זענען אויך די מעשה־ביכלעך און די צאינה־וראינה ליטעראַטור און זיי האָבן געשפּילט נישט קיין קליינע ראָל. אָבער נישט יענע ליטעראַ־טור און נישט יענע לייענער, וואָס זענען באַשטאַנען פֿון ווייבער און פּראָסטן פֿאָלק, האָט געקאָנט גורם זיין ס׳זאָל געבוירן ווערן אַ קריטיק, ווי מיר פֿאַרשטייען דאָס היינט. די ערשטע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע ביכלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין 1862, אין „קול מבשר״. אַזוי אַרום האָט די מאָדערנע קריטיק אָנגעהויבן שטעלן אירע ערשטע טריט אין דער זעלבער צייט, ווען ס׳האָט אָנגעהויבן אויפֿקומען אַ קינסטלערישע ליטעראַטור. זינט דעמאָלט האָט זי זיך פֿאַרשידנאַרטיק געשטאַלטיקט. און אַ סברה, אַז עס זענען שטענדיק געווען, פּונקט ווי עס זענען היינט פֿאַראַן פֿאַרשידענע צוגאַנגען און קאָנצעפּציעס וועגן קריטיק.

קריטיק שטאַמט (דאָס וואָרט) פון גריכיש און באַדייט נישט נאָר אַנאַליזירן, אָפּשאַצן, נאָר אויך משפּטן, פּסקנען. זענען געווען קריטיקער, און עס פעלן אויך היינט נישט אַזעלכע, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען, וואָס האָבן דאָס גענומען בוכשטעבלעך. צי זיי האָבן דאָס יאָ אָדער נישט גענומען פון דעם גריכישן באַגריף, איז דאָ נישט וויכטיק, אָבער פאַר זיי איז קריטיק אַ מין פּסקנען שאלות, אין בעסטן פאַל מבינות־זאָגעריי. די אָפּהאַנדלונג, אָדער רעצענזיע איז נישט קיין אַריינטראַכטן זיך אין שרייבערס וועלט, דאָס זוכן שייכותן מיט ליטעראַטור־טראַדיציע, אָדער מיט אַ סביבה, נאָר עפּעס ענלעכעס צו אַן עקספּערטיזע — וואָס ס'איז גוט און וואָס ס'איז שלעכט און לויט אַ בוכהאַלטערישן חשבון באַשטימט מען דעם ווערט פון בוך. אַזאַ קריטיקער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ טרוקע־נעם שופט, וואָס לעבט נישט איבער דאָס ווערק, נעמט נישט אין באַטראַכט דעם שרייבערס אייגנאַרט, נאָר משפּט פון זיין אייגענעם קוק־ווינקל.

אָפּשטעלן זיך אויף איינצעלנע אַזעלכע קריטיקער, וואָלט צו וויט פאַרפירט. איז זאָל דאָ דערמאָנט ווערן פון דער פאַרגאַנגנהייט אַ באַקאַנ־טער שרייבער, וואָס קאָן טיילווייז גילטן ווי אַ ביישפּיל פון אַזאַ קריטיק, און נעמלעך דוד פרישמאַן.

דער טאַלאַנטירטער שריפטשטעלער — דערציילער, עסייאיסט — איז ווי באַקאַנט אויך געווען אַ שטענדיקער קריטיקער. און פרישמאַן דער קריטיקער האָט פּונקט ווי פרישמאַן דער שריפטשטעלער פאַרמאָגט אַ פיינעם, גראַציעזן סטיל, אַ שפּרודלדיק לשון און בליציקייט פון געדאַנק. מיט דער יידישער ליטעראַטור און דער יידישער שפּראַך איז ער געווען אויף דו. מיט זיינע קריטישע עסייען און אָפּהאַנדלונגען האָט ער נישט ווייניק פאַרפעסטעטע וויבקלען אויפגעדעקט אין דער ליטעראַרישער וועלט. ער האָט געשטורעמט קעגן בטלנות, קעגן פּראָווינציאַנעלקייט און קעגן וואָס נישט? אָבער וועגן פרישמאַנען דעם קריטיקער פלעגט מען זאָגן, אַז ער פירט זיך ווי אַ רבי. ער האָט די שרייבער געוואָלט לערנען און ער גופא האָט פון זיי גאָרנישט געוואָלט לערנען, ערגער — נישט געוואָלט נעמען אין באַטראַכט יענעמס „ספּעציפיק". ער האָט שלום עליכמען געמאַכט שווערע פאָרווורפן פאַר זיין „אַלטמאָדישן" סטיל

אין „סטעמפעניו״. ער האָט בשום אופן נישט געקאַנט און אויך נישט געוואָלט באַנעמען פּרצן. אויב ס׳איז נישט געווען לויט זיין אויפפאַסונג, האָט עס נישט געטויגט. ווייניק קריטיקער ווילן נישט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז אַ בוך, וואָס איז אָנגעשריבן נישט לויט זייער אַני מאַמין, קאָן אויך זיין אַ גוט ווערק? חוץ גאווה שטעקט דאָ, פאַרשטייט זיך, אויך סכאָלאַסטיק. אַזאַ אַרט קריטיק פאַרוואַנדלט זיך אין אַ דאָגמע און האָט גאָרנישט צו טאָן מיט שעפערישער קריטיק, שוין אָפּגערעדט ווען מיט מבינות־זאָגעריי פאַרנעמט זיך אַזעלכער, וואָס פאַרמאָגט נישט די גרויסע מעלות פון אַ דוד פרישמאַן.

דער היפּך פון אַזאַ קריטיקער איז געווען בעל־מחשבות. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ פרישן, לעבעדיקן אָטעם, אַ שעפערישן פונק אין דער יידישער קריטיק.

דאָקטער עליאַשעוו האָט זיך אין די 90־קער יאָרן באַוויזן פלוצלונג. כאָטש זיין קינדהייט און פריע יוגנט האָבן זיך אויסגעאַרמירט אין שטרענגן חדר, אין ישיבה, אין דער אַטמאָספער פון די ליטווישע מוסרניקעס, קעגן וועלכע ער האָט זיך פרי רעוואָלטירט, איז ער אַ צענדליק יאָר, בעת ער האָט שטודירט און דערנאָך געאַרבעט ווי אַ דאָקטער־מעדיצין אין אויסלאַנד, געווען אָפּגעריסן פון דעם יידישן ליטעראַרישן געזינדל. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער קודם כל געווען אַן אויסגעהונגערטער, דורשטיקער לייענער פון יידישן בוך. פאַר אים, בעל־מחשבותן, איז פולשטענדיק גילטיק געאָרג בראַנדעסעס און שפּעטער ניגערס שטעלונג, אַז ראשית כל דאַרף אַ קריטיקער זיין אַ גוטער לייענער, וואָס מיינט, אַז ווען ער לייענט אַ ווערק, דאַרף ער קאָנען זיך איבערטראָגן אין שרייבערס „איך״, אין מהות פון זיין שאַפונג. דאָס מיינט אויך קאָנען זיין איינצייטיק דער געניסער און דער ווייטערדיקער שפינער פון געלייענטן בוך. דאָס לייענען איז אויך אַ פּראָצעס פון שאַפן. אַ גוטער, אינטעליגענטער לייענער, שפינט אַריין עפּעס אייגנס אינעם ווערק. און פאַרן קריטיקער איז דאָס געלייענטע בוך אויך אַ מיטל אַרויסצוברענגען אייגענע געדאַנקען און געפילן, וואָס פאַרקייטלען זיך מיטן באַהאַנדלטן ווערק.

בעל־מחשבות האָט געהאַט די אַלע מעלות. דערצו איז ער געווען

נישט נאָר אַן אוהב הספר, נאָר אויך אַן אוהב הסופרים. ס'איז נישט קיין קליינע מעלה ביי א קריטיקער. מ'הערט דעמאָלט אויף צו זיין אַ פריידיקער, אַ שופט, מען זוכט דעמאָלט צו פאַרשטיין פאַרוואָס אַזוי און נישט אַנדערש.

דאָקטער עליאַשעוו איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער מערב־איי־ראפעאישער ליטעראַטור. און געווען איז ער אַ חסיד פון פראַנצויזישן פילאָזאָף און קונסט־קריטיקער היפּאָליט טען, דעם טעאָרעטיקער פון ירושה־און סביבה־מעטאָד. בעל מחשבות האָט פונקט ווי טען קודם כל געפאָרשט די באַדינגונגען פון אַרום אין וועלכע דאָס ווערק איז אַנטשטאַ־נען. און פונקט ווי טען האָט ער אויך אין באַטראַכט גענומען דעם שריי־בערס אינדיווידואַליטעט, זיין אייגנאַרט, זיין טאַלאַנט. אַ מעטאָד האָט אָבער אי אַ מעלה, אי אַ חסרון. פאַראַן די געפאַר זיך צו פאַרמאַכן אין אים, וואָס פאַרשמעלערט די האָריזאָנטן. אָבער הגם בעל־מחשבותן האָט שטאַרק געצויגן צום אַנאַליז פון די סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע כוחות, פון די פּסיכאָלאָגישע און קולטור־פאַקטאָרן פון דער יידישער סביבה אין וועלכער דער שרייבער האָט געלעבט און געשאַפן, איז ער אין זיין מעטאָד נישט געבליבן פאַרשלאָסן.

בעל־מחשבות איז נישט געווען קיין טרוקענער לאָגיקער, קיין קאַלטער אַנאַליטיקער, ער האָט מיטגעלעבט מיטן שרייבער, מיטגעמאַכט זיינע ווידעראַנגאַנגען. ער זוכט און אַנטדעקט שטענדיק עפּעס שיינס, דער־הויבנס. און האָט ער דערשנאַפּט ערגעץ אַ טאַלאַנט, האָט ער שוין נישט גערוט. אַזוי צום ביישפּיל איז א. לוצקי נישט געווען אַנערקענט, ער האָט נישט געהאַט קיין מזל צו קריטיקער. ווען צו בעל־מחשבותן זענען אָריינגעפאַלן אין די הענט אייניקע זיינע לידער, האָט ער גלייך אָנגעשריבן וועגן דיכטער צו די אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען, אַז ער האָט אַנט־דעקט אַ טאַלאַנט. זינט דעמאָלט האָט זיך צו לוצקין געענדערט די באַ־ציאונג.

במשך פון קאַרגע דריי צענדליק יאָר האָט בעל־מחשבות געטריי באַגלייט די יידישע ליטעראַטור, נישט אָפּגעשטאַנען אַפילו דעמאָלט, ווען די שווערע קראַנקייט, וואָס האָט פרי איבערגעריסן זיין לעבן, האָט אים

געמאַטערט. סיי מיט זיינע גרעסערע אַרבעטן וועגן מענדעלען, פּרצן און פּיל אַנדערע שרייבער, סיי מיט זיינע קורצע עסייען, אָפּהאַנדלונגען, געשריבענע בילדעריש, דערציילעריש, האָט ער אויסגעברייטערט די האָריזאָנטן פון דער שעפערישער קריטיק, און דערמיט אויך פון דער יידישער ליטעראַטור.

***

בעל־מחשבות איז געשטאָרבן אין 1924. אין יענע יאָרן, און נאָך אויך אין די דרייסיקער, האָבן פונאַנדערגעשפּרייט די שעפערישע פליגלען אַ גרויסע פּלעיאַדע יידישע ליטעראַטור־קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער אין סאָוויעט־רוסלאַנד. מאיר ווינער, מאַקס עריק, יחזקאל דאָברושין, נחום אויסלענדער, אהרן גורשטיין, נחום שטיף, יאַשע בראָנשטיין, בילאָוו, קליטעניק, ראָזענצווייג, וואָלטן אין אַנדערע באַדינגונגען געשאַפן אַ דאַטע אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג און ליטעראַטור־קריטיק. נישט אַריינוואָרפנדיק זיי אַלע אין זעלבן זאַק, קאָן מען זאָגן, אַז די דערמאָנטע און נאָך אַנדערע האָבן מיט פלייס און קענטעניש געאַקערט דאָס פעלד פון דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק. חוץ די צייטלעכע, קירצערע אָפּהאַנדלונגען, האָבן די אָנגעזעענסטע פון צווישן זיי, די אָממיינסטן באַגאַבטע געאַרבעט איבער דער יידישער ליטעראַטור פון 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט. אַוודאי זענען זייערע אַרבעטן און אָפּשאַצונגען צוגעשניטן געוואָרן לויט אַ מאָס, צוגעפּאַסט צום הערשנדיקן מאָדעל. דער באָדן אויף וועלכן די סאָוויעטיש־יידישע ליטעראַטור און די קריטיק זענען אויפגעשטיגן איז דאָך אַלע מאָל מער פאַרגיפטעט געוואָרן. און ס׳איז אַ גרויסער ספק צי דער מאָדעל לויט וועלכן זיי האָבן געשאַפן איז זיי גופא געווען שטאַרק צום האַרצן, יעדנפאַלס איז דער ספק נוגע אַ גרויסן טייל פון זיי. הגם ס׳קאָן קיין רייד נישט זיין וועגן פאַרשידענע איינפלוסן אָדער שיטות ווען עס עקזיסטירט אַ צוגעשטעלטער מאָדעל, האָבן זיי זיך דאָך אויסגעטיילט צווישן זיך נישט נאָר מיט זייער ערודיציע און זאַך־קענטעניש.

נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן לענגער אויף יידישער קריטיק אין סאָוויעט־רוסלאַנד, מ׳וואָלט דאָך נאָך געדאַרפט צוגעבן נישט וויייניק נעמען צו דער רשימה און באַרירן מערערע פּראָבלעמען. עס ווערט דאָ דערמאָנט די יידישע קריטיק אין סאָוויעט־רוסלאַנד בלויז

צו באַווייזן, אַז אין אַלע צייטן און אין אַלע מקומות זענען געווען גרויסע יידישע ליטעראַטור־קריטיקער.

*****

אַלע שאַטירונגען, איינפלוסן, וואָס זענען געקומען פון נאָענט און ווייט, האָבן זיך דורכגעוויקלט אין דער יידישער קריטיק. אַ באַזונדערן מין האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך נחמן מייזיל. ער איז אַ גאַנץ לעבן געווען איינגעשפּאַנט אין דעם וואָגן פון דער יידישער ליטעראַטור און געשלעפּט, געשלעפּט. אַלס פאָרשער איז ער מסתמא געגאַנגען גיכער אויפן וועג פון קאָמפּילאַציע, פון איינשייערן, איינזאַמלען. אַלס קריטי־קער איז אים אַ סברה צוממיינסטן אייגנטימלעך געווען די פאָרם פון מאָנאָגראַפיע. ער האָט זיך אָבער באַנוצט אויך מיט אַנדערע פאָרמען. ער איז געווען אַן אמתער האָרעפּאַשניק, געאַרבעט ווי אַ מוראַשקע, וואָס נעמט אויף זיך איבערצוטראָגן שווערע משאות און בויט פון די צונויפ־געזאַמלטע שטיקעלעך. אַז מ׳האָט געדאַרפט האָט ער רעדאַגירט, אַרויס־געגעבן ביכער, געשריבן צו זיי הקדמות, אָנגעפירט מיט ליטעראַרישע צייטשריפטן. ער איז אפשר געגאַנגען מער אין דער ברייט ווי אין דער טיף. אין אונדזערע ספּעציפישע יידישע באַדינגונגען זענען אָבער אַזעלכע קריטיקער ווי נחמן מייזיל, דער עיקר ווי ראַבּניצקי אַ גאָטס־גאָב.

און אַז מען רעדט וועגן נחמן מייזיל, קומט גלייך אויפן זינען ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. זיי זענען געווען שטאַרק געבונדן. מייזיל האָט אַגב אָנגעשריבן וועגן אים מיט אַ סך וואַרעמקייט אַ גרעסערע מאָנאָגראַפיע. זשיטלאָווסקי איז געווען אַ פילאָזאָף, אַ סאָציאָלאָג. ער האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין פּראָפעסיאָנעלן קריטיקער. צווישן זיינע שריפטן איז פאַראַן אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף אַן אָוונט פאַר לאַמעד שאַפּיראָ און מיר קאָנען לייענען זיינע אַזעלכע ווערטער: „ליטעראַטור־קריטיק איז נישט מיין פאַך. אין דער שיינער ליטעראַטור בין איך העכסטנס אַן אינטעליגענטער לייענער...״ אָבער דער אינטעליגענטער לייענער האָט געשריבן אַ סך ליטעראַטור־קריטיק און באַשיינט זי מיט זיין פילאָזאָפישער אַריינדרינגלעכקייט. ס׳זענען באַקאַנט זיינע אָפּהאַנדלונ־גען וועגן פּרצן, אַנ־סקין, ראָזענפעלדן, ווינטשעווסקין, גאָרדינען, לאַפּינען, אַשן און וועגן פיל אַנדערע יידישע און נישט־יידישע שרייבער. זשיט־לאָווסקי האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם מעטאָד אין דער ליטעראַטור־קריטיק. ער באַטראַכט די ליטעראַטור פון סאָציאַל־נאַציאָנאַלן שטאַנד־פּונקט, ער הייבט אַרויס אין איר דאָס געדאַנקלעכע, די סאָציאַלע און

עטישע אויסווירקונגען, דעם צוזאַמענהאַנג מיט דער נישט ייִדישער ליטעראַטור. און זשיטלאָווסקי געהערט צו דעם מין קריטיקער, וואָס זענען גלייכצייטיק בויער, פּראָפּאַגירער. מיט זיינע שטענדיקע לעקציעס וועגן ייִדישער ליטעראַטור האָט ער זי דירעקט אַריינגעפירט צווישן ייִדישן עולם, אַרויסגעהויבן איר אָנזען. ער האָט אויך אַ גאַנץ לעבן געקעמפט פאַר דער חשיבות פונעם ייִדישן לשון, געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אין 1908. זשיטלאָווסקיס קריטישע אָפּהאַנדלונגען זענען צעוואָרפן אין זיינע פילע שריפטן. וואָלט מען זיי צוזאַמענגענומען, וואָלט זיך באַקומען אַ נייע זאַפטיקע פאַרב אין דער גאַמע פון דער ייִדישער קריטיק.

אַן אינטערעסאַנטע און גאָר אָריגינעלע דערשיינונג אין דער ייִדישער קריטיק איז געווען ב. ריווקין, וועלכער האָט געלאָזן 9 בענדער ליטעראַרישע שריפטן, אַרויסגעגעבענע אין בוך־פאָרם שוין נאָך זיין טויט. (געשטאָרבן אין 1945 אין ניו־יאָרק).

ריווקין האָט געהאַט אַ באַזונדערן צוגאַנג צו קריטיק — און הפּנים צו ליטעראַטור בכלל. אויב ביי געוויסע קריטיקער איז דאָס באַהאַנדלטע ווערק אויך אַ מיטל צו שפּינען אייגענע מחשבות, האָט דער מעטאָד ביי ריווקין אָנגענומען אַ שאַרפע פאָרם. אַ דינאַמיש־שעפערישע נאַטור, האָט ריווקין ביים באַהאַנדלען אַ ווערק ברייט צעשפּרייט זיינע אייגענע שעפערישע פליגלען. שרייבנדיק וועגן אַ בוך האָט ער אָפטמאָל אַרויסגעזאָגט פאַרשידענע אייגענע געדאַנקען נישט נאָר וועגן ליטעראַטור און קונסט, נאָר אויך באַרירט זייטיקע פּראָבלעמען, נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע, רעליגיעזע. וועגן אים וואָלט מען אפשר געקאָנט זאָגן, אַז דאָס באַהאַנדלטע ווערק איז געווען פאַר אים אַ קאַנווע אויסצוהעפטן אַן אייגענעם שעפערישן געוועב. דאָס איז אָן ספק זייער אַ שעפערישע קריטיק, וואָס האָט אָבער אירע מעלות, אירע חסרונות: דער קריטיקער ריזיקירט זיך אָפּצורוקערן פון עצם־ענין, אַזוי, אַז דאָס בוך וועגן וועלכן ער שרייבט זאָל נישט פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער קריטישער אַרבעט. ווי ס'זאָל אָבער נישט זיין, האָט ריווקין שטאַרק אויסגעברייטערט די האָריזאָנטן פון דער קריטיק.

ריווקין האָט אויך געהאַט זיינע אַן אייגענע, גאָר הויכע מיינונג וועגן דער ראָל פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ליטעראַטור בכלל, לויט אים, חוץ איר ריין־קינסטלערישן כאַראַקטער, חוץ קונסט לשמה, דאַרף אויך האָבן אַן אוטיליטאַרן כאַראַקטער, בפרט די ייִדישע ליטעראַטור. ווי אַ ליטעראַטור פון אַ צעשפּרייטן פאָלק, טראָגט זי אין זיך, לויט אים,

אַ גרויסע מיסיע. זי דאַרף זיין נישט נאָר אַ שליח־ציבור, נאָר ממש פאַר־טרעטן די נאַציאָנאַלע טעריטאָריע. פונקט ווי די מאַמע־ערד, דאָס אייגענע לאַנד שמידט אויס די גאַנצקייט און די גייסטיקע שטאַנדהאַפטיקייט פונעם פאָלק, אַזוי דאַרף די ליטעראַטור געבן גייסטיקן כוח און באַהעפטן דעם פונאַנדערגעשפרייטן יידישן כלל. די הויכע שליחות, וואָס ריווקין האָט געפאָדערט, אָדער אַרויסגעלייגט אויף דער ליטעראַטור, האָט נישט אָוועק־גענומען פון אים דעם ניכטערן קוק, אַז אַ ליטעראַטור באַשטייט נישט בלויז פון מייסטער־ווערק. יעדער שעפערישער פונק טראָגט אַריין זיין חלק אין דעם אוצר פון דער ליטעראַטור. און ריווקין האָט מיט אַ סך ליידנשאַפט אומאויפהערלעך פונאַנדערגעשפרייט זיינע פליגלען איבערן דאָזיקן אוצר.

אַן אַנדערן צוגאַנג צו קריטיק האָט געהאַט דער דיכטער און ליטע־ראַטור־קריטיקער נחום ברוך מינקאָוו.

מינקאָוו איז געווען אַן אַלזייטיקע שעפערישע פערזענלעכקייט. אַ דיכטער, דערציילער, עסייאיסט, לעקטאָר פון יידישער ליטעראַטור אויף הויכשולן אין יידיש און ענגליש, אַ מוזיקער און לערער פון מוזיק, אַ פראַקטישער קולטור־בויער, איז ער ביי דעם אַלעמען אויך געווען אַ פאָרשער־וויסנשאַפטלער. ער האָט זיך פיל געווידמעט דער פאָרשונג פון דער אַלטער און אויך נייער יידישער ליטעראַטור, פון גאַנצע ליטעראַרי־שע און קולטור־תקופות. אין אים האָט זיך פאַראייניקט דער ליטעראַטור־היסטאָריקער מיטן קריטיקער. אינטערעסאַנט און באַלערנדיק איז אין דעם פרט זיין אַנאַליטיש ווערק איבער קריטיק, אין וועלכן ער האָט געגעבן אַן איבערזיכט פון זעקס קריטיקער פון פאַרשידענע צייטן (אַ. צעדערבוים, י. י. לערנער, י. ח. ראַבניצקי, י. ענטין, בעל־מחשבות און ש. ניגער).

מינקאָוו האָט אַלץ געשריבן ווי אַ היסטאָריקער. מיט פּינקטלעכ־קייט. נישט נאָר אין זיינע פאַרשעדרישע אַרבעטן איבער פאַרשידענע צווייגן פון דער ליטעראַטור, אַלטער און נייער, נאָר אויך אין זיינע באַזונדערע, קלענערע אָפּהאַנדלונגען האָט ער זיך בעיקר געהאַלטן ביי דער טעמע, געטריי אַנאַליזירט דעם ליטעראַרישן טעקסט. דאָס ווערק, אין פּראָזע אָדער אין דיכטונג — און ער האָט פיל געשריבן וועגן דיכטונג — איז נישט געווען פאַר אים קיין פּרעטעקסט בלויז צו מאָלן אַן אייגענעם גע־מעל. ער האָט גענומען גיכער אויף זיך די אויפגאַבע צו אינפאָרמירן דעם

לייענער, צו העלפן אים זיך פונאַנדערקלייבן אין בוך און צו געפינען די שייכותן מיט אַנדערע שאַפונגען. ראשית כל איז אים געגאַנגען אין ווייזן דאָס ווערק אין פאַרבינדונג מיטן מחבר און זיין סביבה, זיין צייט. אינפאָרמירן, היסטאָרישע פּינקטלעכקייט איז, פאַרשטייט זיך, אין קיין שום סתירה נישט מיט אַ ברייטן קוק און מיטווירקלעכער שעפערישער קריטיק.

מינקאָוו האָט דורכגעאַקערט ברייטע שטחים פון דער יידישער ליטע־ראַטור. שוין זייענדיק קראַנק האָט ער פאַרענדיקט אַ דריי־בענדיק ווערק וועגן „פּיאָנערן פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע", איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט אַ סך יאָרן און פאַרמאָסטן זיך אויף נייע פאַרשערישע אַרבעטן. דער טויט האָט אין 1958 איבערגעריסן די נייע פאַרמעסטן פון 71־יאָריקן דיכטער און קריטיקער־פאַרשער.

אין זעלבן יאָר, מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, איז אַוועק פון אונדז דער עלטערער פון מינקאָוון, דער קריטיקער פון גאָטס־גענאַד, ד"ר א. מוקדוני.

מוקדוני איז אין זיינע ערשטע שעפערישע יאָרן געווען הויפּטזאַכ־לעך אַ טעאַטער־קריטיקער. ניגער האָט וועגן אים געשריבן, אַז ער איז געווען „דער שאַפער פון דער יידישער טעאַטער־קריטיק". ער האָט שטענ־דיק געהאַלטן אויפן אויג דאָס יידישע טעאַטער, עס געשטויסן פאָרויס, געווען אויך זיין בויער. ער האָט צוגענויגט דאָס אויער צו דער יידישער דראַמאַטורגיע, געשריבן וועגן אירע שפּעער, ווי די גרעסערע מאָנאָגראַ־פיע „שלמה עטינגער, זיין לעבן און ליטעראַרישע טעטיקייט". מוקדוני האָט אָבער זיין גאַנץ לעבן מיט גרויס איפער נאָכגעפאָלגט אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור און באַגלייט זי אויף אירע וועגן. ער האָט געשריבן אויך סעריעס עסייען וועגן „קונסט און קינסט־לער". די אויפזיכט איבערן יידישן בוך איז אָבער געוואָרן זיין טעגלעך ברויט. צענדליקער יאָרן האָט ער געפירט אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע סטאַבילע ליטעראַרישע רובריקן ווי „אין דער וועלט פון ביכער", „ביכער און שרייבער". שוין אין טיפן עלטער האָט ער געשריבן וועגן „פאַרגע־סענע יידישע קלאַסיקער" און גלייכצייטיק וועגן די יינגסטע יידישע שרייבער אין ישראל. כאַראַקטעריזירן זיין אַרט קריטיק קאָן מען, דוכט זיך מיר, מיט איין זאַץ פון ניגערן: „זיין הויפּט־מעלה וואָס ער איז גרייט צו לערנען זיך אַליין און נישט נאָר צו לערנען אַנדערע".

***

די יידישע קריטיק האָט געהאַט דאָס מזל צו האָבן אַ פאָרשטייער פון אַזאַ פאַרנעם, אַ קריטיקער מיט גרויסער ערודיציע, מיט יידישן און אַלגעמיינעם וויסן ווי דאָס איז געווען שמואל ניגער.* ער איז אונדז פון הימל נישט אַראָפּגעפאַלן. ער איז געקומען פון אַ לאַנגער און פאַר־וואָרצלטער טראַדיציע פון קריטיק ביי יידן. ניגער האָט אין זיך איינגע־זאַמלט און איינגעזאַפּט דאָס שענסטע און בעסטע פון לאַנגע דורות יידי־שע קריטיקער און אַ סברה, אַז נישט נאָר פון יידישע. וועגן אים קאָן מען זאָגן דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן בעל־מחשבותן: „ער איז געווען דאָס אָפענע אויג און דאָס פיינע אויער, וואָס האָט געזען, געהערט אַלץ, וואָס האָט זיך געטאָן אין דער יידישער ליטעראַטור און געמאַכט, אַז אַנדע־רע זאָלן עס זען און הערן. אַליין איז ער געווען איינער פון אונדזערע פיינסטע שרייבער און לייענער. ער האָט אַנדערע שרייבער געהאָלפן שרייבן און אַנדערע לייענער לייענען... ער איז געווען דער אמתער פריינד פונעם קינסטלער און זיין קונסט. ער איז נישט געקומען קריטיקירן נאָר שאַפן. צווישן אים און די דיכטער איז געווען בלויז אַ חילוק, וואָס זיי האָבן געבלעטערט דאָס בוך פון לעבן, בעת ער האָט זיך פאַרטיפט אויך אין דעם לעבן פון בוך... איז דאָס לעצטע דען אַזוי געלייטערט, אַז עס קאָן נישט מער געלייטערט ווערן? איז עס דען פלאַך אַזוי און אַן פאַר־באָרגענישן, אַז עס קאָן נישט קומען איינער און אויפדעקן אין דעם עפּעס נייעס? איז עס דען אַזוי באַגרענעצט און אומבאַוועגלעך, אַז עס איז דאָ אין דעם אָרט נאָר פאַר דעם שרייבערס פערזענלעכקייט און נישט אויך פאַר דער פאַנטאַזיע און דער שאַפונגס־קראַפט פון דעם טאַלאַנט־פולן לייענער?"

און ניגער, וואָס האָט געהאַלטן, אַז דער קריטיקער איז אַ טאַלאַנט־פולער לייענער, האָט זיך ווי זעלטן ווער פאַרטיפט אין לעבן פון בוך, געלייטערט עס, אויפגעדעקט זיינע פאַרבאָרגענישן, דערשנאַפּט שטענדיק עפּעס נייעס און פונאַנדערגעשפּרייט זיין אייגענע פאַנטאַזיע און שאַפונגס־קראַפט ביים באַהאַנדלען אַ ווערק. ער איז טאַקע געווען „דאָס אָפענע אויג און דאָס פיינע אויער, וואָס האָט געזען, געהערט אַלץ, וואָס האָט זיך געטאָן אין דער יידישער ליטעראַטור..." ער איז אָבער געגאַנגען ווייטער פון בעל־מחשבותן און אויך זיין מעטאָד איז געווען אַן אַנדערער. אויב

* סיזענען אין 1973 דערשינען זיינע נייע דריי בענדער: 2 בענדער „יידישע שרייבער פון 20־טן יאָרהונדערט" און „פון מיין טאָג־בוך".

בעל־מחשבות איז געווען אַ חסיד פון טענען, איז ניגער גיכער געווען דוכט זיך מיר, אונטערן איינפלוס פון סענט־בעווען, דעם צווייטן גרויסן קונסט־טעאָרעטיקער און ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס פראַנקרייך האָט אַרויסגעגעבן.

סענט־בעווס איינשטעלונג, אַז קריטיק קאָן נישט זיין קיין אָביעקטיוו־פאָרמעלע, זיין, זאָל מען זאָגן, אימפּרעסיאָניסטישער באַנעם, אַז דאָס זעלבע קונסט־ווערק שפּיגלט זיך אָפּ אין דמיון, אין דער מחשבה פון יעדן קריטיקער באַזונדער אַנדערש, און ער, דער קריטיקער, קאָן נישט אורטיילן אַנדערש ווי לויט זיינע אייגענע איינדרוקן, לאָזט זיך דאָ און דאָרט פילן ביי ניגערן. און זאָגט ער דען נישט, אַז „ס'איז פאַראַן אַזוי פיל מינים קריטיקערס וויפל מינים לייענערס?" און פונקט ווי יעדער לייענער נעמט אויף אַ בוך אויף זיין אייגענעם אופן, אַזוי נעמט אויך יעדער קריטיקער אויף דאָס ווערק לויט זיין פילן און דענקען, אַבי נאָר ער פאַרטיפט זיך אין דעם, באַנעמט דעם שרייבערס אייגנאַרט און ברענגט אים אַרויס ערלעך און שעפעריש.

ניגער האָט זיך אָבער נישט געהאַלטן שטיף ביי קיין שום מעטאָד. ער האָט ביי זיין גאַנצער אַכטונג צו בעל־מחשבותן, אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער האַלט זיך שטרענג ביי דעם אופן פון אַנאַליזירן די סביבה, וואָס דערפירט דערצו, לויט זיין מיינונג, אַז געוויסע אָפּהאַנדלונגען גיבן מער אַ בילד פון די סאָציאַל־קולטורעלע באַדינגונגען, ווי פון שרייבערס אינערלעכער וועלט, פון זיין אייגנאַרט און טאַלאַנט. פונקט אַזוי ווי ניגער איז געווען אַ שאַרפער קעגנער, אַז אַ קריטיקער זאָל זיין אַ מוסר־זאָגער אַ משגיח איבערן שרייבער, אַזוי איז ער אויך געווען קעגן אַנווענדן אַזאַ אָדער אַנדערע פאָרמולע ביים אָפּשאַצן אַ ווערק, צו מעסטן עס בלויז מיט אַ סאָציאַלער, עטישער אָדער קינסטלערישער מאָס. „אַ קונסט־ווערק קאָן מען בכלל נישט אויסשעפּן מיט איין פאָרמולע" — לייענען מיר ביי ניגערן. ס'איז אַ סך־הכל פון אַלע כוחות, וואָס דער קינסטלער האָט אין זיך אינעווייניק, אַ סינטעז פון אַלע ווירקונגען, וואָס קומען פון דרויסן. און אויך דאַן ווען מיר געניסן דאָס ווערק פון אַ קינסטלער, געניסן מיר עס מיט אַלע אונדזערע חושים, מיט אונדזער גאַנצן וועזן. עס איז נאָך נישט אויסגעטראַכט געוואָרן אַזאַ אַפּאַראַט, וואָס זאָל אויף אַ ווײַלע אָפּשטעלן אין אונדז דאָס עסטעטישע לעבן אָדער פאַר־שטאָפּן אין אונדז אויף אַ ווײַלע דעם קוואַל פון אונדזער עטישן באַוווסט־זיין, אָדער פּאַראַליזירן אויף אַ געוויסער צייט אונדזער אינטעלעקט. סיי

ווען מיר שאַפן, סיי ווען מיר געניסן קונסט, שאַפן מיר עס און געניסן מיט אונדזער גאַנצן יש... דער אידעאַל פון קינסטלערישער קריטיק איז דערפאַר נישט עסטעטישע, נישט עטישע, נישט פילאָזאָפישע און נישט קיין שום ספּעציאַליזירטע און קינסטלעך איזאָלירנדיקע קריטיק, נאָר אַזאַ, וואָס זאָל דאָס אינדיווידועלע בילד און דעם אייגנאַרטיקן סינטעז, וואָס דער קריטיקער האָט פון דעם ווערק, געבן אונדז אין זיין גאַנצקייט, אין דער איינהייטלעכקייט פון זיינע פאַרשידענע עלעמענטן".

שמואל ניגער האָט אין דער קריטיק געזוכט דעם גאָלדענעם מיטן. שרייבנדיק וועגן צוויי עקסטרעמע מינים קריטיקער, איינעם אַ שטרענגן פאָטער און דעם צווייטן אַ נאָכגיבנדיקע, מילדע מוטער, פירט ער אויס: „אַן אידעאַלע קריטיק איז די, וואָס קאָן זיין אַ בייזער פאָטער, אי גלייכ־צייטיק אַ מילדע מוטער". ער איז דאָס געווען. וואָכנדיק ווי אַ מילדע מוטער איבערן שרייבער, שטעלט ער גרויסע פאָדערונגען סיי אים, סיי דעם קריטיקער. אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן ראַבניצקין לייענען מיר צווישן אַנדערן: „...אַן אַרבעט, אַן התמדה, אַן מסירת־נפש און אַן געוויסע געניטקייט און קענטענישן, וואָס קומען מיט און פון דער אַרבעט, קאָנען אויך נישט זיין קיין גרויסע שעפערישע דערגרייכונגען. דאָס איז אַ היסטאָרישער אמת... ביי אונדז וויל מען נאָר שאַפן אַ יש מאין. דער „שאַפער", גלויבט מען ביי אונדז, נייטיקט זיך נישט אין אַזאַ וואָכעדי־קער זאַך ווי וויסן, וואָס און ווי אַזוי אַנדערע האָבן געשאַפן, אָדער אין וויסן בכלל. ער האָט אינטואיציע, אויף אים רוט די שכינה, דער רוח הקודש... דערפון נעמט זיך וואָס זעלטן ווען עמעצער קאָנצענטרירט זיך ביי אונדז אויף זאַמלען, זאָגן מיר, יידישן פאָלקלאָר, אָדער מאַטעריאַל פאַר יידישער געשיכטע. צו וואָס זאַמלען דאַטן, דאָקומענטן? צו וואָס זיך מיען און מאַטערן? מ'דאַרף נאָר זיין שעפעריש... מ'האָט נישט קיין געדולד צום לאַנגן, שווערן צוגרייטונגס־פּעריאָד; מ'וויל גלייך ווערן אַ שאַפער, נישט זיין דאָרט עפּעס אַ שטיקל טוער, אַן אַרויסהעלפער..."

וואָס פאַראַ גאָלדענע ווערטער! ווי באַלערנדיק זיי זענען פאַר אונדז היינט.

**
*

שמואל ניגער האָט געלאָזט אַ ליידיק אָרט. און מיר האָבן פאַרן לעצטן צענדליק יאָר געהאַט אַנדערע גרויסע אַבידות אין דער קריטיק.

לילי בערגער

אַ פֿיינער קריטיקער מיט אייראָפּעאישער קולטור און אַלזייטיקן יידישן וויסן, מיט אַ דערציילערישן נוסח, איז געווען שלמה ביקל. עס זענען אַוועק אין דער אייביקייט די קריטיקער יעקב באָטאָשאַנסקי, א. טאַבאַטש־ניק, י. ראַפּאָפּאָרט. צו אים, ראַפּאָפּאָרטן, האָט מען צייטנווייז געקאָנט האָבן נישט ווייניק טענות, ער האָט געהאַט אַ טבע פֿון אַ בייזן פֿאָטער און נישט פֿאַרמאָגט אין זיך גאָרנישט פֿון אַ מילדער מוטער. זיין כוונה איז דאָך געווען צו זיין אַ געטרייע מוטער דער ליטעראַטור.

צווישן אונדזערע דיכטער זענען אויפֿגעקומען קריטיקער, וואָס האָבן די קריטיק באַטראַכט פֿאַר אַן עבֿודת קדושה. אַזעלכער איז געווען דער דיכטער אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ. די קריטיק איז נישט געווען פֿאַר אים קיין צופֿעליקע באַשעפֿטיקונג, זי איז איבעריקנס געווען געבונדן מיט זיין גייסטיקער פֿאַרמאַציע; האָט ער דאָך שטודירט ליטעראַטור אין דער יידישער אַקאַדעמיע אין סאָוויעט־רוסלאַנד און די קריטיק איז געוואָרן זיין באַרוף נעבן דער דיכטונג.

נישט ווייניק צייט האָט געווידמעט דער קריטיק דער דיכטער א. גלאַנץ־לעיעלעס. זי איז געווען אַ נאַטירלעכע פֿלאַנץ אין זיין דיכטערישן גאָרטן. דאָס באַהאַנדלען אַ בוך, שרייבן וועגן אַ שרייבער איז געקומען פֿון האַרצן, פֿון דער באַדערפֿעניש זיך אַרויסצוזאָגן. ער איז געווען אַן אמתער אוהב סופֿרים. און אַחרון, אַחרון — יעקב גלאַטשטיין. אין זיין שעפֿערישקייט האָט אַן אַנגעזען אָרט פֿאַרנומען די קריטיק. ער האָט זיך מיט איר באַשעפֿטיקט רעגולער, סיסטעמאַטיש, געפֿירט אין „יידישן קעמפֿער" די ליטעראַרישע רובריק „אין תוך גענומען", צוגעשטעלט קריטישע אָפּהאַנדלונגען פֿאַר אַנדערע צייטונגען און צייטשריפֿטן. ער איז געווען א קריטיקער מיט ערודיציע. געווען... געווען ... זיי זענען נישטאָ. קיין נייע אַזעלכע קומען נישט צו.

ס'ווערט דאָ דורכגעלאָזט דער געביט פֿון היינטיקער ליטעראַטור־פֿאָרשונג. דאָס ליגט נישט אין דער קאָמפּעטענץ פֿון דער מחברין. דאָך דוכט זיך, אַז ס'זעט דאָ אויס אַ ביסל אַנדערש. פֿאַראַן דאָ און דאָרט ערנסטע, וואָגיקע ליטעראַטור־פֿאָרשער, קודם כל אין ישראל, ווי דבֿ סדן, חנא שמערוק, מענדל פּיעקאַזש, דוד כנעני; מען דאַרף דאָ אויך דערמאָנען ד״ר אליהו שולמאַן פֿון ניו־יאָרק, ד״ר מייטליס פֿון לאָנדאָן. דאָ און דאָרט זענען זיכער פֿאַראַן נאָך אַנדערע. כ'האָב זיך באַוואָרנט,

אַז דאָס ליגט נישט אין מיין קאָמפּעטענץ און באַלד פון אָנהייב אונטער־געשטראָכן, אַז עס גייט איצט אין דער ליטעראַטור־קריטיק.

***

אַוודאי וואָלט מען אין דער יידישער וועלט געקאָנט אָנציילן אַ היפּש ביסל ליטעראַטור־קריטיקער, ווי למשל, גיטל מייזיל, יצחק קאַהאַן א. א. ס'גייט אָבער נישט אין אייַנצלנע פּערזאָנען, נאָר גיכער אין דעם אַלגעמיינעם תוהו ובוהו, וואָס הערשט אין דער ליטעראַטור־קריטיק.

ליטעראַטור, ווי קולטור בכלל איז המשכדיקייט. ביי די אומות העולם ווערט אויסגענוצט יעטוועדע געלעגנהייט צו דערנענטערן צום הייַנטיקן דור שרייבער פון פאַרגאַנגענע דורות. מ'וואָלט געקאָנט אָנווייזן אויף אַן אַ שיער ביישפּילן ווי נישט בלויז דורכן פילם, טעלעוויזיע, נאָר אויך דורך דער פּרעסע, טעגלעכער און פּעריאָדישער, ווערן אויפגעלעבט שרייבער פון דער ווייטער און נאָענטער פאַרגאַנגנהייט, ווי אויך אַמאָ־ליקע ליטעראַרישע שטרעמונגען, דערשיינונגען, וואָס באַקומען אַ נייע באַלויכטונג. ביי אונדז איז דאָס אַ זעלטנקייט. אויב ס'ווערט יאָ עפּעס דערמאָנט, איז דאָס ביי אַ קיילעכדיקער דאַטע פון אַ יאָרצייט.ריכטיק האָט דאָס אונטערגעשטראָכן אַברהם ליס אין זיין בוך „אין זכות פון וואָרט״: „אונדזער הייַנטיקער דור — שרייבט ער אין דער אָפּהאַנדלונג וועגן שמעון פרוגן — דער דור פון אומקום און אויפקום, פון יסורים און גבורה, איז ליידער אויך אַ דור פון שכחה. מיט אַזאַ שכחה האָט די ליטעראַטור ביי יידן, סיי אין יידיש, סיי אין העברעאיש, געזינדיקט לגבי דעם דיכטער ש. פרוג. הגם מיט פרוגן איז אייגנטלעך געשען דאָס, וואָס מיט אַ סך שרייבער און קינסטלער ביי אונדז. ווער, למשל, דער־מאָנט הייַנט אָנסקין און וויסענבערגן? ווער געדענקט הייַנט ספּעקטאָרן, צי אַפילו רייזענען? און די העברעאישע דיכטער און פּראָזאַאיקער, וואָס האָבן געשאַפן ביי אונדז אין לאַנד — דערמאָנט מען דען יאָ? מיר זענען אַריין אין עפּעס אַ מין שטאָמפּ ביים אָפּצייכענען די דאַטעס פון אונדזערע קלאַסיקער — דריי אין יידיש, צוויי אין העברעאיש. און שוין. אָט דער צוגאַנג מאַכט אונדז זיכער נישט רייכער...״

נייַן, מיר ווערן דערמיט נישט רייכער. אין אונדזער אָרעמשאַפט פאַראָרעמען מיר זיך נאָך מער.

נאָך ערגער איז אָבער וואָס מען דערמאָנט צו ווייניק אָדער לחלוטין נישט ביכער, וואָס דערשיינען אין אונדזערע טעג. און דאָס געשעט נישט זעלטן.

יידישע שרייבער האָבן געברענטע און געבראָטענע צרות ביים אַרויס־געבן אַ בוך. דערשיינט עס שוין מיט מזל, הייבט זיך אָן אַ נייע פּרשה — אַ רעצענזיע. פּונקט ווי מ'האָט אַמאָל אַ יונג מיידל געדאַרפט אַריינפירן אין אַ געזעלשאַפט אָדער גאָר געמוזט אָנקומען צו אַ שדכן, כדי צו טאָן אַ שידוך, אַזוי נויטיקט זיך אַ יידיש בוך מער ווי אַמאָל אין דער פּרעסע, אין דעם קריטיקער, ס'זאָל לייכטער דערגיין צום לייע־נער.

די פּרעסע, די קריטיק, דער קריטיקער זענען ביי אַלע פעלקער די פאַרמיטלער צווישן בוך און לייענער. זיי זענען דאָס היינט מער ווי שטענדיק. עס געשעט נישט, אַז ס'זאָל דערשיינען אַ פראַנצויזיש בוך און מען זאָל זיך נישט דערוויסן וועגן דעם פון דער פּרעסע, שוין אָפּ־גערעדט וועגן פאַרשידענע אַנדערע רעקלאַמע־מיטלען מיט וועלכע די פאַרלאַגן באַנוצן זיך. פאַר די לעצטע צייטן זענען צומאָל געוועזן אויס־געקלעפּט אין די פּאַריזער מעטראָ־וואַגאָנען אַפישן וועגן דערשינענע ביכער און דאָס דווקא פון באַקאַנטע שרייבער.

ביי אונדז יידן, דעם עם הספר, נייטיקט זיך היינט דער ספר מער ווי שטענדיק אין פאַרמיטלונג. און אויך ביי אונדז האָט די פּרעסע, סיי די טעגלעכע, סיי די פעריאָדישע אויסגעטראָגן די קריטיק, זי האָט זיך אין איר שויס אַנטוויקלט פּונקט ווי ביי אַלע פעלקער. און ביי אונדז האָט די פּרעסע אַ באַזונדערע באַדייטונג, זי איז דאָך דער דעת הקהל. אָבער דווקא היינט, ווען דאָס יידישע בוך נויטיקט זיך אין איר אַזוי שטאַרק, גיט די פּרעסע אָפּ גאר ווייניק אָדער אין גאַנצן נישט קיין אָרט פאַר דער ליטעראַרישער קריטיק. פאַראַן אַ יידישע טאָג־צייטונג, וואָס לאָזט זעלטן־ווען אַרויף אויף אירע שפּאַלטן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אַ יידיש בוך. דער יידישער עולם איז אויך נישט אינפאָרמירט פון דער פּרעסע ווו און וואָסערע יידישע ביכער עס דערשיינען, זיי ווערן פּשוט נישט פאַרצייכנט.

פאַראַן אויך אַנדערע קוריאָזן. צייטשריפטן, וואָס וואָלטן מער אָרט אָפּגעגעבן פאַר קריטיק, קאָנען זיך נישט איינשאַפן קיין קריטיקער. אָט דערציילט מיר אַ שרייבער, אַז פון צוויי זשורנאַלן פון אויסלאַנד האָט

ער באַקומען בריוו ער זאָל אַליין „באַשטעלן" ביי עמעצן אַ רעצענזיע. „אייער בוך פאַרדינט אַן ערנסטע אָפּהאַנדלונג, נאָר מיר האָבן נישט ווער עס זאָל אָנשרייבן, באַשטעלט איר ביי עמעצן און מיר וועלן עס געבן דרוקן..."

אין אַזעלכע אומשטענדן און אין די היינטיקע באַדינגונגען אין וועלכע עס געפינט זיך דאָס יידישע בוך, קאָנען אויסוואַקסן פאַרשידענע ווילדקייטן און עס קאָנען אויך אַרויסשווימען קריטיקער־רעצענזענטן פון אַ ספּעציעלן מין.

געאָרג בראַנדעס האָט דערציילט, אַז כדי צו געבן אַן אויפריכטי־קע אָפּשאַצונג וועגן אַ בוך האָט ער אָפטמאָל געלייענט עטלעכע מאָל. ס'איז אים אויך אויסגעקומען צו לייענען דאָס זעלבע בוך צען מאָל. אין אונדזערע צעטרייסלטע צייטן קאָן מסתמא קיינער נישט לייענען עטלעכע מאָל דאָס זעלבע בוך. אָבער איין מאָל גוט איבערלייענען קאָן מען יאָ? עס קומט אויס צו באַגעגענען אין יידישע רעצענזיעס פשוט נישט ריכטיק איבערגעגעבענע עפּיזאָדן, פאַרדרייטע פאַקטן. עס זעט טיילמאָל אויס ווי מען וואָלט דאָס בוך בלויז געבלעטערט. איז ווי קאָן מען זיך אַריינט־ראַכטן אין דעם?

ניגער האָט, ווי דערמאָנט שוין, געשריבן, אַז אַ קריטיקער דאַרף קודם־כל זיין אַ גוטער לייענער. מ'דאַרף היינט צוגעבן, אַז אַ קריטיקער דאַרף אויך זיין אַ מענטש, וואָס קאָן שרייבן. אויב דאָס לשון איז ווי האַלץ און דער געדאַנקען־גאַנג ווי פאַרפּלאָנטערטע דראָטן, אָדער גאָר, אויב דאָס געלייענטע איז נישט איבערגעלעבט, צומאָל נישט דורכגע־טראַכט דורכן קריטיקער, וועט דאָס בעסטע בוך נאָך זיין עקספּערטיזע נישט אַרויסרופן קיין נייגיר, קיין אינטערעס צו לייענען און כלל קיין דורשט צו לייענען אַ בוך. פאַרן קריטיקער פּונקט ווי פאַרן שרייבער זענען דער באַדייט און צוקלייב פון וואָרט, זיין בילדלעכקייט און קלאַנג, די קלאָרע שילדערונג, דער דורכזיכטיקער געמעל פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט.

צי איז דען דאָס אויך נישט גילטיק פאַרן רעצענזענט?

מען זאָגט, אַז אַ רעצענזענט איז ווייניקער ווי אַ קריטיקער. צייטנ־ווייז איז ער אָבער מערער. אַ רעצענזענט שרייבט אָפט וועגן אַ בוך, וואָס האָט זיך נאָך נישט דורכגעשלאָגן קיין וועג. און אויך אַ רעצענזיע איז אַ שאַפונג אַן און פאַר זיך, וואָס דאַרף אויסבילדן אַ געשמאַק ביים

לייענער, אַרויסרופן ביי אים אַ הונגער צום קינסטלערישן וואָרט און הייבן גלייכצייטיק די חשיבות פון וואָרט.

זיכער קאָן נישט זיין קיין מאָדעל פאַר שרייבן אַ רעצענזיע אָדער פאַר אַ ברייטערער קריטישער אָפּהאַנדלונג, ווי ס'קאָן נישט זיין קיין מאָדעל פאַר שרייבן בכלל. יעדערער האָט דאָך זיין אייגענעם צוגאַנג און נעמט אויף אַ ווערק דורך זיין אייגענער גייסטיקער פּריזמע. און ווי זאָגט עס נאָך אַברהם זאַק אין זיין עסיי „דער שרייבער און די גרויזע־שאַפט״? „אַ קריטיקער איז דאָך סוף כל סוף נישט מער ווי אַ בן־אדם...״ איז מסתמא קיין שום בייז נישט אויב עס זענען פאַראַן פאַרשידענע צוגאַנגען און פאַרשידענע מיינונגען וועגן זעלבן בוך, אויב נאָר דאָס באַהאַנדלען אַ ווערק רעדוצירט זיך נישט צו מבינות־זאַגעריי, אויב דער רעצענזענט־קריטיקער שטעלט זיך נישט אַוועק אין דער ראָלע פון אַ פּוסק־אחרון, פון אַן „אַלץ־ווייסער״ און זוכט נישט צו בודקן, ווי דאָס געשעט צייטנווייז, די שרייבערישע ציצית, כדי צו געפינען פּסולע.

ס'איז אַן אָפּטע דערשיינונג, אַז דווקא צווישן דעם ספּעציעלן מין שטרענגע קריטיקער, וואָס פאָדערן אַן אַ שיער פונעם שרייבער, געפינען אויס אַן אַ שיער חסרונות און געבן צומאָל עצות ווי אַזוי צו שרייבן אַ בוך, זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס פאָדערן גאָר ווייניק פון זיך גופא. זיי געבן זיך אַפילו נישט קיין סך מי, אַז דאָס לשון אין וועלכן זיי שרייבן זייערע שטרענגע רעצענזיעס, זאָל זיין אַ ביסל זויבערער, אָפּגעהיטן.

***

מיר האָבן געהאַט די טרויעריקע פּריווילעגיע צו באַקומען אַ נייע טעמאַטיק. פאַראַן ביי אונדז אַ ריזיקע חורבן ליטעראַטור, אַ זייער פאַרשידנאַרטיקע, געשריבן דורך אומגעקומענע מחברים, דורך אַזעלכע, וואָס זענען אַרויס לעבעדיק פון פייער און אויך דורך אַנדערע. וועלכער יידישער שרייבער האָט דען נישט געווידמעט זיינע אַ שאַפונג דעם חורבן? וואָס פאַר אַ ברייט פעלד אויסצומעסטן פאַר אַ קריטישער אַרבעט. * הייַנט די יזכור־ביכער.

קריטיק און ליטעראַטור, ווי שוין געזאָגט, זענען אומצערייסבאַר.

* אברהם זאַק, שרייבנדיק אין זיינע עסייען וועגן זיין אַנטאָלאָגיע „חורבן״, ווייזט אָן וואָס פאַראַ אומגעהויער ברייטער געביט דאָס איז צו באַאַרבעטן.

און עס איז מסתמא אַ טעות צו מיינען, אַז קריטיק איז קודם כל די פּרוכט פון מוח, אָדער גאָר קאַלטע בוכהאַלטערישע אויסרעכענונג אין קעגנזאַץ צו בעלעטריסטיק, דיכטונג, וואָס זענען אויסגעקנאָטן פון דער רויער „מאַטעריע" און באַשטראַלט מיט דער וואַרעמקייט און פאַרביקייט, וואָס שטראָמען פון האַרץ, פון דער נשמה. מ׳קאָן נישט צעטיילן שאַפונג אויף געפיל און מחשבה.

אין אונדזער יידישן לעבן זענען ביידע צווייגן פון שעפערישן וואָרט מער ווי ביי די אומות העולם אי געבונדן, אי אָפּהענגיק פון זיך. ביי דער היינטיקער מערכה פון יידישן בוך, ווען מען מוז עס דעם לייענער אונטערטראָגן, ווען מיר האָבן נישט דעם יונגן דור לייענער, ליגט אַ גאָר גרויסע אַחריות אויף דער קריטיק. בעל־מחשבות האָט, אין פאַריאָר פון אויפבלי פון דער יידישער ליטעראַטור, געהאַלטן, אַז אַ קריטיקער ביי יידן מוז אויך אויספירן אַ קולטור־טרעגערישע פונקציע. און אַ פּשיטא, אַז אין באַשטימטע צייטן נישט נאָר ביי יידן. וועגן באַקאַנטן רוסישן קריטיקער ביעלינסקי האָט מען געשריבן, אַז איינער פון זיינע גרויסע פאַרדינסטן איז געווען וואָס ער האָט מיט זיין טאַלאַנט, מיט זיין איבערגעגעבנקייט צו דער רוסישער ליטעראַטור, אָנגערעגט און געשטויסן מיט זיינע אָפּהאַנדלונגען דעם רוסישן מענטש צו לייענען די רוסישע שרייבער.

אַ באַזונדערע אַחריות ליגט אויף דער יידישער פּרעסע, אויף דער טעגלעכער און פּעריאָדישער. וועט זי ברייטער עפענען די טירן פאַר דער קריטיק, וועלן זיך יאָווען גוטע, טיכטיקע קריטיקער.

פּאַריז 1974

יאנוש קאָרטשאַק דער פּעדאַגאָג-פּאַרשער

(צו דער דרייסיקסטער יאָרצייט פון זיין אומקום)

עס קאָן קלינגען ווי אַ קוריאָז און פאָרט זעט עס מיר אויס אַזוי צו זיין: דער לעצטער, טראַגישער וועג פון קאָרטשאַקן, זיין גרויסער קידוש-השם, שטעלט היינט טיילוויז אין שאָטן זיין אַלזייטיק ווערק, סיי דאָס ליטעראַרישע, סיי דאָס פּעדאַגאָגישע. אויסער אין ישראל און אין פּוילן, אין זיין געבוירן־לאַנד, וווּ ער האָט 40 יאָר פון זיין שעפּעריש לעבן אָפּגעגעבן דעם קינד, איז קאָרטשאַקס פּעדאַגאָגיק ווייניק באַקאַנט, אַמווייניקסטן, דוכט זיך מיר, אין פראַנקרייך. נישט בלויז אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט, נאָר אויך צווישן יידן. אויב ווייסט מען עפּעס וועגן קאָרטשאַקן, איז דאָס, אַז ער האָט מיט זיין אייגענעם ווילן באַגלייט זיינע צוויי הונדערט קינדער אין די גאַז־קאַמערן קיין טרעבּ־לינקע.

יאַנוש קאָרטשאַק איז אָבער געווען אַ לעגענדאַרע געשטאַלט שוין ביים לעבן. און דאָס טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט מיט גרויס מסירת־נפש אַ גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דעם פאָרשן דאָס קינד און גלייכצייטיק געווען אַן אַפּוטרופּוס, אַ פריינד און אַ פאָטער פון דעם אַממיינסטן באַעוולטן קינד — דעם יידישן יתום.

ער איז געווען אַ באַגאַבטער דאָקטער מעדיצין. ער איז נאָך קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט געווען, ווען ער, הענריק גאָלדשמידט, האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַן ערשטראַנגיקן קינדער־דאָקטער.

ער איז געווען אַ טאַלאַנטירטער שרייבער. אויף זיינס אַ בוך, אַ פעליעטאָן אין אַ ליטעראַרישער שריפט האָבן לייענער געוואַרט. דער ליטעראַרישער נאָמען קאָרטשאַק איז געוואָרן אַ שם דבר. דעם יונגן באַקאַנטן שרייבער און דאָקטער האָט אַנטקעגנגעשמייכלט אַ לעבן אין רייכטום און כבוד. ער האָט געקאָנט מאַכן אַ גרויסע קאַריערע בלויז

אַלס מעדיקער. און אַט האָט דער דרייסיק־יאָריקער דאָקטער פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל, צעשיידט זיך מיט זיין פּריוואַטער קליענטעלע און אַוועק זיך פאַרנעמען מיט אָרעמע קינדער אויף זומער־קאָלאָניעס, ווו עס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט דער קומענדיקער גרויסער פּעדאַגאָג.

דאָס וואָרט פּעדאַגאָג שטאַמט פון גריכיש. מיט אַט דעם נאָמען האָט מען אין אַלטערטימלעכן גריכנלאַנד, הויפּטזאַכלעך שפּעטער אין רוים, גערופן אַ שקלאַף, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די יינגלעך פון די רייכע פּאַטריציער. דער שקלאַף מיט העכערער בילדונג האָט באַדינט און דערצויגן דאָס יינגל פון זיין באַלעבאָס. מיט דער צייט איז ער גע־וואָרן דער דינער, באַדינער און דערציער פון יונגן דור. אין דעם זין פּאַסט אויסגעצייכנט דאָס וואָרט פּעדאַגאָג צו קאָרטשאַקן. דער מעדיקער שרייבער און דענקער איז געוואָרן נישט סתם אַ טעאָרעטיקער פון דער־ציאונג, נאָר בפּועל ממש דער דערציער גופא, דער באַדינער און דינער פון יידישן, פאַרוואָרלאָזטן קינד. ער איז דערמיט נישט געוואָרן אויס מעדיקער און שרייבער, פאַרקערט, ער האָט זיין מעדיצין, זיין שרייבע־רישן טאַלאַנט געשטעלט צום דינסט פון דער נייער דערציאונג, צום דינסט פונעם קינד.

דאָס אַלץ איז, אגב, נישט געקומען פּלוצלונג. ווען מען פאָלגט נאָך קאָרטשאַקס שטורמיש לעבן, קאָן מען דערזען ווי דאָס וואָרפן זיך מיט לייב און לעבן צו פּעדאַגאָגיק, איז געווען אַ נאַטירלעכע פאָרזעצונג פון זיינע פריערדיקע שעפערישע באַשעפטיקונגען, און אַ סברה, אַז די פריערדיקע זענען פאַרלאָפן דעם וועג.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך „דער ווידוי פון אַ זומערפייגעלע", געשריבן אין דער פאָרם פון אַ טאָג־בוך פון אַ 13־14 יאָריק יינגל, דערציילט קאָרטשאַק, אַז אין עלטער פון 14 יאָר האָט ער געקליבן מאַטעריאַלן, אָבסערווירט זיינע קאָלעגן און זיך גופא, כדי אָנצושרייבן אַ פאָרש־אַרבעט אונטערן טיטל „דאָס קינד".

שפּעטער, יאָרן נאָכן פאָטערס טויט, ווען דער אָרעמער סטודענט גאָלדשמידט האָט חוץ די לעקציעס מיט וועלכע ער האָט פאַרדינט אויס־צוהאַלטן זיך און די משפּחה, געשריבן פעליעטאָנען און ביכער, האָט ער אַ הויפּט־רעדאַקטאָר פון אַ ליטעראַרישער שריפט, בעת יענער האָט אים פאַרגעלייגט אַ טעמע, אויסגעזאָגט אַ סוד: „מיר אינטערעסירן צומ־מיינסטן פּראָבלעמען פון דערציאונג".

און די דערציאונג איז אויסגעוואַקסן ביי אים צו אַ שליחות, צו אַ מיסיע צו לינדערן די נויטן פון באַעוולטן און פאַרוואַרלאָזטן קינד. אין זיין בוך „דאָס קינד פון סאַלאָן" איז פאַראַן אַ קאַפּיטל, וואָס טראָגט דעם טיטל „דער זיידע". דער זיידע איז געווען ער גופא, דער יונגער סטודענט. אין אַן אָוונט פון ווייַנאַכט, בעת אַלע קינדער באַקומען מתנות פון הייליקן ניקאָלאַ, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַזעלכן. מיט אַ לאַנ־גער, ווייסער באָרד און מיט אַ זעקל קליינע מתנהלעך איז ער געגאַנגען פון שטוב צו שטוב פון אַ באַקאַנטן הויז. ווען ער איז אַריינגעקומען צום פאַרלאָזענעם „רודזיאַק", וועמענס מאַמע זיצט אין די אָוונטן אין די שענק, האָט דאָס ייִנגל מיט אומעט אים געפרעגט: — „ס'איז אמת וואָס מ'זאָגט, אַז ביסט אַ הייליקער? — יאָ, מיין קינד", האָט ער געענטפערט. און דער מחבר פירט אויס, אַז אַ שעה צייט איז ער געווען אַ הייליקער.

ער איז דאָס געווען פאַרן קינד, בפרט פאַרן יידישן יתום, דאָס גאַנצע לעבן. ס'איז, אַ סברה, נישט קיין צופאַל וואָס ער האָט אַלס מע־דיקער אויסגעוויילט צו זיין אַ קינדער־דאָקטער. און ווי אַ דאָקטער פון קינדער־שפיטאָל אויף שליסקע גאַס אין וואַרשע האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט דער יידישער אָרעמשאַפט, מיטן קראַנקן יידישן קינד.

ווי מיר זעען פון די עטלעכע, קאַרגע ביאָגראַפישע שטריכן איז ביי קאָרטשאַקן די פעדאַגאָגיק געווען אַ טיף־אינערלעכער באַרוף; די דער־ציאונג, דאָס פאַרנעמען זיך מיטן קינד ווי אַ באַוואוסטער איז געווען אַן אינערלעכע באַדערפעניש. און דער פעדאַגאָג, דער דערציער איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיטן מעדיקער און שרייבער.

לאָמיר זיך אָבער צופיל נישט דערוויטערן פון אונדזער הויפּט־טעמע. אין וואָס איז, ובכן, באַשטאַנען קאָרטשאַקס פעדאַגאָגיק?

דאָס איז אַ גאַנצער קאָמפּלעקס פון פּראָבלעמען, ווייל קאָרטשאַק באַטראַכט דעם ענין אַלזייטיק. זיין פעדאַגאָגיק גייט אַרויס פון פאַרשי־דענע הנחות און שטיצט זיך אויף פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע צווייגן, ווי מעדיצין, פּסיכאָלאָגיע, סאָציאָלאָגיע, דעמאָגראַפיע און דאָסגלייכן. אָפּשטעלן זיך אויף אַלץ איז אוממעגלעך אין אַ באַגרענעצטער אַרבעט. וועלן מיר זיך באַשרענקען צו הויפּט־שטריכן. לאָמיר אָבער קודם אונ־טערשטרייכן, אַז קאָרטשאַק איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער רעפאָר־מאַטאָר. אים זענען נישט גלייכגילטיק געווען די סאָציאַלע פאַרהעלטע־נישן צווישן מענטשן, דער סדר פון דער וועלט. זיין פעדאַגאָגיק איז

ענג געבונדן געווען מיט סאָציאַלן יושר, מיט עכטן הומאַניזם, מיט גלייכהייט צווישן מענטשן.

אין זיין יוגנט איז ער געווען אַ סאָציאַליסט, געקעמפט ביי דער זייט פון דער פוילישער אַרבעטער־באַוועגונג קעגן דער צאַרישער פאַרשקלאַ־פונג, קעגן אונטערדריקונג בכלל. ער איז געווען געבונדן מיט די גרויסע פוילישע פרייהייטס־קעמפער. לאָמיר בלויז דערמאָנען, אַז ער איז גע־זעסן אין איין תפיסה־קאַמער מיטן פוילישן געלערנטן קזשיוויצקי, וועל־כער האָט געהאַט אויף אים אַ גרויסע ווירקונג אי אַלס סאָציאַליסט, אי אַלס סאָציאָלאָג. קאָרטשאַק האָט, ווי אַ סך אַנדערע, דערוואַרט, אַז נאָך פוילנס באַפרייאונג וועט נישט נאָר דאָס לאַנד באַפרייט ווערן פון פרעמדן יאָך, נאָר אויך די מענטשן וועלן אויסגעלייזט ווערן פון אייגענע באַדרי־קער. דאָס דערוואַרטעטע איז נישט געקומען. די זעלבע, וואָס האָבן פריער געקעמפט קעגן אונטערדריקונג, נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער, זע־נען אַליין געוואָרן אונטערדריקער. די נייע אונטערדריקער זענען נישט מילדער געווען פון די פריערדיקע. די פריערדיקע קעמפער און שפּע־טערדיקע הערשער האָבן אים געגעבן אַ סך צו טראַכטן. ער האָט זיך פולשטענדיק אָפּגערוקט פון זיי, נישט אָנגעהאַלטן קיין באַציאונגען מיט די אַמאָליקע חברים. קאָרטשאַק איז אָבער געווען אַ דענקער. ער האָט געזוכט די סיבה נישט נאָר אין אויסערלעכע אומשטענדן, נאָר אויך אין מענטש גופא. ער האָט וועגן די זאַכן אָדער ווייניק אָדער אין גאַנצן נישט גערעדט. אָבער ס׳איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די שענסטע און בעסטע אידעאַלן טויגן אויף כפרות, ווען דער מענטש ווערט נישט גענומען אין באַטראַכט, ווען דאָס פּינטעלע מענטש איז דערביי נישטאָ. ובכן, כדי צו ענדערן דעם סדר פון דער וועלט, די צווישן־מענטשלעכע באַציאונגען, דאַרף מען ענדערן עפּעס וואָס אין מענטש גופא, אים דערציען. און ווען זאָל מען אָנהייבן דערציען דעם מענטש, אויב נישט גלייך פון קינדוויַיז אָן?

קאָרטשאַק דער פּעדאַגאָג־באַוואָטאַר האָט אומאויפהערלעך איבער־געחזרט, אַז „איינער פון די גרעסטע פעלערן איז צו באַטראַכטן פּעדאַ־גאָגיק ווי אַ לערע בלויז און אויסשליסלעך וועגן קינד. דאָס איז אַ לערע, וואָס האָט אַ שייכות צום מענטש, אַ לערע וועגן אים און פאַר אים״. דער מענטש איז אָבער אין זיין אורשפּרונג אַ קינד. און פון אים דאַרף מען אָנהייבן, כדי ס׳זאָל אויסוואַקסן אַ מענטשלעכער מענטש.

די דערוואַקסענע מוזן קודם כל ענדערן זייער באַציונג צום קינד. ביי קאָרטשאַקן דריקט זיך דאָס אויס אויף אַזאַ אופן: „ס׳זענען בישטאָ קיין קינדער, ס׳זענען דאָ מענטשלעכע באַשעפענישן, וואָס האָבן אַנדערע דערפאַרונגען, וואָס טראַכטן, פילן און באַנעמען אַנדערש״. אָדער: „אַ קינד איז נישט בלויז אַ צוקונפטיקער מענטש, עס איז שוין איצט אַ מענטש, נאָר פון אַ שוואַכערער פיזישער קאָנסטרוקציע, מיט אַן אַנדערן געדאַנקען־גאַנג״. מיט איין וואָרט — אַ מענטש אין פריעם עלטער, מיט ווייניק דערפאַרונג, אָבער וואָס טראַכט, אָבסערווירט, טרוימט, ליידט, האָפט, וואָס קאָן ליב האָבן און קאָן האָסן. דאָס מענטשלעכע באַשעפעניש, וואָס מיר רופן קינד, האָט זיינע זאָרגן, זיינע סודות און אומגליקן. די איינזאַמקייט, דער אומעט, בייסט זיך מער אַריין אין זיין האַרץ ווי ביי אַ דערוואַקסענעם. ס׳איז נישט אמת, אַז דאָס קינד פאַרגעסט גיך. אַ דערנידערונג, אַ באַליידיקונג, אַן עוולה, וואַרצלט זיך איין אין זיין האַרץ אויפן גאַנצן לעבן. „אַן אַ געהעריקע קינדהייט, קאָן דער דער־וואַקסענער ווי געהעריק זיך נישט פאַרמירן״. מ׳זאָגט, אַז דאָס קינד האָט אַ צוקונפט. ניין, זאָגט קאָרטשאַק, נישט נאָר אַ צוקונפט האָט עס, נאָר אויך אַ פאַרגאַנגנהייט, וואָס ווירקט זיך אויס אויפן צוקונפטיקן דערוואַקסענעם.

די יידיש־פוילישע פאַרשטאָרבענע שרייבערין האַננאַ מאַרטקאָוויטש־אַלטשאַקאָוואַ, וואָס איז געווען זינט איר קינדהייט געבונדן מיט קאָר־טשאַקן — איר פאָטער, דער באַקאַנטער פאַרלעגער יאַקוב מאַרטקאָוויטש, האָט אַרויסגעגעבן קאָרטשאַקס ביכער — דערציילט אין איר רירנדיקן בוך וועגן „אַלטן דאָקטער״, אַז אין 1919, צו אַ לעקציע אין אינסטיטוט פאַר ספּעציעלער פּעדאַגאָגיק, איז קאָרטשאַק איין מאָל געקומען מיט אַ יינגעלע. די סטודענטן האָט ער פאַרבעטן אין זאַל פון ראַדיאָלאָגיע. דערנאָך האָט ער אַריינגעפירט דאָס יינגעלע אין פינצטערן צימער, אויסגעטאָן עס און אַוועקגעשטעלט הינטערן עקראַן. דאָס יינגל איז געווען צעשראָקן, פאַרלוירן און בשום אופן נישט געוואָלט אָפּלאָזן די האַנט פון דאָקטער. די סטודענטן, אָבסערווירנדיק פון דער צווייטער זייט עקראַן, האָבן געזען, ווי דאָס האַרץ פונעם קינד באַוועגט זיך קאָנוול־סיוו, ווי זיין עטעמען ווערט אַנאָרמאַל אינטענסיוו, ווי די מוסקולן צי־טערן אין קראַמפּן. קאָרטשאַק האָט זיך געוואַנדן צו זיין אוידיטאָריע און געזאָגט: „דאָס, וואָס איר זעט, זאָלט איר קיינמאָל נישט פאַרגעסן: ווען איר זייט מיד און דענערווירט, ווען די קינדער זענען אַפילו אומדער־

טרעגלעך, פירן אייך אַרויס פון גלייכגעוויכט און ווען איר בייזערט זיך אויף זיי, איר שרייט אויף זיי און ווילט זיי באַשטראָפן — זאָלט איר זיך דעמאָלט דערמאָנען, אַז דאָס האַרץ ביים קינד רעאַגירט דעמאָלט אַזוי, ווי איר האָט דאָס איצט געזען".

דאָס איז געווען נישט נאָר אַ לעקציע פאַר סטודענטן, צוקונפטיקע לערער און דערציער, נאָר אויך אַן אַפּעל צו עלטערן, צו דער עפנטלעכ־קייט, צו שאַפן אַ געהעריקע באַציאונג צום קינד. קאָרטשאַק האָט גע־פאָדערט צו פאַרבאָטן שלאָגן אַ קינד, אַלצאיינס צי אין שול, אין שטוב, צי ערגעץ אַנדערש. נישטאָ קיין שום געזעץ, וואָס זאָל פאַרטיידיקן דעם שוואַכסטן פון צווישן מענטשן. קעגן ברוטאַליזירן הינט, קעץ, שאַפט מען צער־בעלי־חיים־געזעלשאַפטן, אָבער די עוולות לגבי דעם קינד לאָזן די עפנטלעכקייט גלייכגילטיק, פּאַסיוו. און קאָרטשאַק האָט געוואָרפן די לאָזונג צו שאַפן „אַ גרויסן קאָדעקס פאַר באַשיצן דאָס קינד".

לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. און ווען ס'זענען אין 1919־20 דערשינען צוויי פון זיינע ביכער אויף פּעדאַגאָגישע טעמעס — „מאָמענטן פון דערציאונג" און „ווי אַזוי ליב האָבן דאָס קינד" אין צוויי טיילן, איז דאָס נאָך אַלץ גע־ווען פאַרן ערשטן אַלוועלטלעכן קאָנגרעס פאַר באַשיצן דאָס קינד. און ווער ווייסט צי קאָרטשאַק האָט נישט געגעבן אַ גרויסן שטויס דערצו? זיכער איז, אַז ער איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן געטאָרעוועט אַ וועג און צוגעגרייט דעם באָדן צו לייגן די גרונט־שטיינער פאַר די היינטיקע פאַרשידענע אָרגאַניזמען און אינסטיטוציעס פאַר קינדער־שוץ. נאָך אין 1929, ווען ס'איז דערשינען זיין פּעדאַגאָגיש בוך „דאָס רעכט פונעם קינד צו אַכטונג", איז דאָס געווען אַ נייער אַלאַרם־גלאָק אין די דעמאָלטיקע און דאָרטיקע באַדינגונגען און אויך אַ נייער דורכברוך אין דער דערציאונג, אין דער פּעדאַגאָגישער וויסנשאַפט.

היינט זענען די זאַכן פאַר אונדז פּשוטע, דעמאָלט זענען זיי געווען באַוואָטאָרישע און קאָרטשאַקס ווירקונגען זענען נישט געווען פון קליי־נער באַדייטונג. און ווען מיר לייענען היינט ביים גרויסן פּעדאַגאָג־סאָ־ציאָלאָג, אַז קינדער און יוגנטלעכע זענען פּונקט אַזאַ אונטערדריקטער קלאַס, ווי די אַרבעטער, פרויען, קאָלאָניאַלע פעלקער, איבער וועלכע מען הערשט אונטערן פּרעטעקסט, אַז זיי זענען נאָך נישט רייף אַליין

מיט זיך אָנצופירן, דאַרף מען דאָס נעמען אין דער איינשטעלונג פון יענע צייטן, הגם נישט וויניק פּרטים זענען נאָך היינט גאָר אַקטועל.

כדי אָבער צו באַשיצן דאָס קינד — היינט ווי אַמאָל — כדי אים צו געבן מעגלעכקייטן פאַר זעלבשטענדיקער, פרייער אַנטוויקלונג, דאַרף מען עס קענען. און אַט אויף דעם געביט פון דערקענען דעם קינדס נשמה, האָט קאָרטשאַק געשאַפן אַ פולשטענדיק אייגענעם מעטאָד. ער האָט זיך דאָ באַנוצט מיט דער מעדיצינישער וויסנשאַפט. מען פלעגט זאָגן, אַז אַלס דאָקטער איז ער געווען אַ פּעדאַגאָג, און אַלס פּעדאַגאָג, אַ דאָקטער. דאָס איז נישט קיין שפּיל פון ווערטער. אין זיינע „סקיצן פון דערציאונג" באַגרינדעט ער די פאַרבינדונג צווישן מעדיצין און פּעדאַגאָגיק. אין דער הקדמה צו דעם בוך לייענען מיר: „די וויכטיקסטע זאַך אין דער מעדיצין איז די וויסנשאַפט פון דערקענטעניש. דער סטודענט, וואָס לערנט מעדיצין האָט צו עקזאַמינירן אַ סומע אינדיווי־דואומס, ער אייגנט זיך צו די פעאיקייט צו באַטראַכטן און דערזען, צו דערקענען די סימפּטאָמען, ער דאַרף געפינען צווישן זיי דעם שייכות און אים אויפקלערן, כדי אַרויסצוציען די קאָנקלוזיעס".

„אויב די פּעדאַגאָגיק דאַרף גיין לויטן וועג, ווי ס'האָט זיך אָנגעצייכנט די מעדיצין, מוז זי אויסאַרבעטן אַ פּעדאַגאָגישע דיאַגנאָסטיק, באַזירנדיק זיך אויף דער דערקענטעניש פון סימפּטאָמען. דער שמייכל, דער געלעכטער (פונעם קינד, ל. ב.), די טרערן, די פאַררויטיקטע בעק־לעך, וואָס עס רופן אַרויס עמאָציעס, זענען פאַרן פּעדאַגאָג דאָס זעלבע, וואָס פאַרן מעדיקער די טעמפּעראַטור, אַ הוסט, דאָס אויסברעכן. עס זענען נישט פאַראַן קיין סימפּטאָמען אָן אַ באַדייטונג... עס גייט נישט בלויז צו וויסן ווי אַזוי און וואָס צו פאָדערן פונעם קינד, ווי אַזוי און וואָס אים צו באַפעלן, נאָר אין דער ערשטער ריי צו זען וואָס אים פעלט, וואָס עס ריזלט אין אים צופיל, וואָס דאָס קינד גופא באַגערט און וואָס עס איז פעאיק צו געבן..."

פון דעם דרינגט אַרויס, אַז כדי דאָס קינד צו דערקענען, דאַרף מען עס אָבסערווירן און לויט די פאַרשידענע רעאַקציעס, ווי וויינען, שרייען, מאַכן פאַרשידענע הוויות, דאָס הייבן מיט די אַקסלען, דאָס שלעפּן די פיס, גיין אימפּעטיק, אָדער קריכנדיק, האַלטן זיך גלייך אָדער איינגעהויקערט, — לויט די אַלע סימנים דערקענען זיין נשמה, דער־וויסן זיך וואָס ס'טוט זיך אין זיין האַרץ. הכלל, דער פּעדאַגאָג מוז זיין אַן אָבסערוואַטאָר. דעריבער האָבן מיר אויפגעשריבן דעם טיטל: פּעדאַ־

גאַג־פאַרשער. פונקט ווי אַ וויסנשאַפטלער אָבסערווירט, פאָרשט אין זיין לאַבאָראַטאָריע אַן אָביעקט, אַ דערשיינונג, אַזוי האָט קאָרטשאַק אָבסער־ווירט און געפאָרשט דאָס קינד. ער האָט דערגרייכט אַ זעלטענע קינדער־קענטעניש. און טראָץ דעם האָט ער געהאַלטן, אַז דאָס קינד איז נאָך אַלץ אַ סוד, עס פאַרמאָגט נאָך גענוג פאַרבאָרגענע ווינקעלעך אין זיין עמפינדלעכער נשמה, אין די רייכע פאַנטאַזיע־מעגלעכקייטן, וואָס לאָזן זיך נישט לייכט אויפדעקן און דערקענען.

מ׳האָט געהאַט געפרעגט קאָרטשאַקן פון וועלכן עלטער דאַרף מען אָנהייבן צו דערציען דאָס קינד. — איידער עס ווערט געבוירן — האָט ער געענטפערט. זיך באַזירנדיק אויף דער מעדיצין, האָט ער פאַרבונדן די דערציאונג אויך מיט גענעטיק און אויגעניק און זייער באַדייטונג דערמאָנט ער נישט איין מאָל אין זיינע פּעדאַגאָגישע באַטראַכטונגען. ס׳וועט אויך נישט זיין איבעריק צו דערמאָנען, אַז ער איז אין פּוילן געווען דער ערשטער, וואָס האָט פּראָפּאַגירט געבורט־קאָנטראָל און פאַר־חתונה־קאָנטראָל. ביי אים איז דאָס אויך געווען געבונדן מיטן אויס־בעסערן דעם מענטשלעכן מין. ער איז געווען אַן אָנהענגער פון אויס־מיידן ס׳זאָלן קומען אויף דער וועלט קינדער פון פּסיכיש־קראַנקע עלטערן, פון שיכורים, סיפיליטיקער און ענלעכע קראַנקע מענטשן. מ׳קאָן יאָ אָדער נישט מסכים זיין מיט אַזאַ שטעלונג. קאָרטשאַק האָט אָבער דעם פּראָבלעם געשטעלט אויפן סדר־היום.

ווי מיר זעען איז פאַר קאָרטשאַקן דערציאונג נישט קיין באַגרענעצ־טער ענין. דאָס איז אַ צעוואַקסענער בוים מיט צווייגן, צווייגעלעך, בלע־טער און כסדר נייע שפּראָצונגען. פאַר אים איז זיין מעטאָד פון קינדער־דערקענטעניש, און זיין פּעדאַגאָגישער סיסטעם נישט געווען קיין אָפּגע־שלאָסענע זאַך. פאַר אים איז קיינמאָל גאָרנישט געווען פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטאַנדפּונקט, אַז פּונקט ווי יעדע וויסנשאַפט, פאָדערט די פּעדאַגאָגיק כסדר נייע אָבסער־וואַציעס, פאָרשונגען, בפרט ווען דאָס איז אַ וויסנשאַפט, וואָס האָט צו טאָן מיטן מענטשנס נשמה, מיטן מוח. קאָרטשאַק האָט זיך פאַרמאָסטן צו גראָבן טיף. ער האָט אָנגעהויבן צו אָבסערווירן דאָס קינד שוין אין דער מוטערס שויס און ווידער אַמאָל נישט בלויז ווי אַ מעדיקער־וויסנ־שאַפטלער, נאָר גלייכצייטיק ווי אַ פּסיכאָלאָג־פּעדאַגאָג. אין זיין וווּנדער־באַרער פילאָזאָפיש־פּסיכאָלאָגישער נאָוועלע „באַבאַ״ ווייזט ער אונדז

מיט עכטן ליריזם, מיט גרויסער ליטעראַרישער קונסט, דעם קינדס רעאַקציעס בעתן קומען אויף דער וועלט; עס ווערט געבוירן נישט נאָר אין ליידן פון דער מוטער, נאָר אויך אין אייגענע ליידן. די ליכט, די לופט, די געענדערטע טעמפּעראַטור, דאָס אַנדערשטיקע אָטעמען — די גאַנצע נייע וועלט פאַלט אויף אים ווי אַ שווערע משא, וואָס רופט אַרויס אַ געוויין, אַ געשריי, אין וועלכן קאָרטשאַק דער מעדיקער און פּסיכאָלאָג דערקענט אַ וויטיק־געשריי. ער אָבסערווירט דערנאָך די כסדרדיקע פּסיכישע עוואָלוציע פון קליינעם נפשל און ער פירט אויס: „...די נאַטור רוט קיינמאָל נישט, זי סקולפּטירט אומאויפהערלעך און מייס־טערהאַפט דעם קליינטשיקן מענטש".

צוגעבן דערצו דאַרף מען, אַז ער גופא, קאָרטשאַק, סקולפּטירט פאַר אונדז מייסטערהאַפט דאָס בילד פון אינערלעכן לעבן פונעם קינד, אָנהייבנדיק פון זיין געבורט. ער איז אָבער געווען אין דעם נישט נאָר אַן אַרטיסט, נאָר אויך אַ פאָרשער, אַ וויסנשאַפטלער.

ביי דעם אַלעמען איז קאָרטשאַק נישט געווען קיין פּעדאַגאָג טעאָרע־טיקער, ווי מען פאַרשטייט דאָס אין אַקאַדעמישן זין. ער איז געווען קודם אַ פּראַקטיקער. פריער האָט ער פּראַקטיצירט און פון דער פּראַקטיק האָט ער אויסגעשיילט דעם קערן פון זיין טעאָריע, וואָס ער אַליין האָט געוואָלט אויספּרווון און אָנווענדן. אַ סברה, דערפאַר האָט ער אָנגעהויבן זיין פּעדאַגאָגישע אַרבעט פון זיין אַ דערציער, אָדער אויפזעער אויף די קינדער־קאָלאָניעס. דערנאָך איז נויטיק געווען אַ גרעסער פאָרשונגס־פעלד, וואָס איז געוואָרן דאָס יתומים־הויז אין וואַרשע, אויף קראָכ־מאַלנע 92.

קאָרטשאַק האָט אויך אָנגעפירט מיט אַ צווייטן יתומים־הויז, פאַר פּוילישע קינדער. ער האָט געהאַט פיל אַנדערע פּעדאַגאָגישע באַשעפטי־קונגען אַלס פּראָפעסאָר. זיין הויפּט־לאַבאָראַטאָריע פון פּעדאַגאָגישער אָבסערוואַציע און אָנווענדונג פון אַ מעטאָד, אָדער ווי ער וואָלט דאָס געזאָגט „די קליניק פאַר דערציאונג", איז געווען קראָכמאַלנע 92. אין דעם גרויסן, ווייסן הויז, וואָס ער אַליין האָט אונטערגענומען צו בויען, האָט ער זינט 1911 געוווינט צוזאַמען מיט די קינדער, צוזאַמען מיט זיי געטיילט אַלע פריידן און ליידן. ער איז געווען איינער פון זיי.

ס'האָט זיך ביי מיר אין זכרון צום שטאַרקסטן און אויף שטענדיק איינגעקריצט אַ בילד פון קאָרטשאַקן מיט די קינדער פון אַן ערשטן

באַזוך. ס'איז געווען אַ שבת אינדערפרי, ווען קאָרטשאַק האָט פאָרגע־לייענט פאַר די קינדער צוזאַמען מיטן פערסאָנעל די וואָנט־צייטונג. די פּראָווינצער גימנאַזיסטקע פון אַ וואַרשעווער מיטל־שול, וואָס איך בין געווען, האָט זיך שוין געהאַט געמאַכט איר אייגענע פאָרשטעלונג פון קינדער־הויז און קאָרטשאַקן. מיר, די יונגע אָדלערס, וואָס האָבן זיך געבונטעוועט קעגן אַלץ און אַלעמען, האָבן זיך באַגייסטערט מיט קאָר־טשאַקס ביכער. ער איז דאָך אויך געווען אַ גרויסער בונטאַר. און אַז אַ בונטאַר און פירט דורך, וואָס ער וויל, דערצו שרייבט ער אַזעלכע ביכער, איז ער אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן צו אַ געשטאַלט אַ ריז, מיט אַ פעסטער קלינגנדיקער שטימע צווישן אַ מחנה ווייסע חברה־ניקעס. ווי איבערראַשט בין איך געווען, ווען איך בין אַריין אין גרויסן זאַל און אין אויבנאָן איז פאַר אַ קליין טישל געשטאַנען אַ מיטלוווקסיקער מאַן, גיכער אַ דראָבנער, מיט אַ גאָלן קאָפּ אָן איין האָר, מיט אַ גוטמוטיק פּנים באַצירט מיט אַ בלאָנד בערדל. ער האָט פאָרגעלייענט רואיק, געלאַסן, נישט אויפגעהויבן די שטימע, נאָר בלויז פון צייט צו צייט אָפּגעריסן דעם קאָפּ פון די בלעטלעך, געוואָנדן די בלויע, קלוגע אויגן צו דער יונגער אוידיטאָריע און ווייטער געלייענט. די קינדער, גרעסערע, קלענערע, גאָר קליינע זענען געזעסן אויסגעזעצט אויף בענק און בענק־לעך און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן זיך צוגעהערט. פון מאָל צו מאָל, ווען דער פאָרלייענער האָט פילזאָגעוודיק געוואָנדן צו זיי די אויגן, זענען חברה אויסגעבראכן אין אַ געלעכטער. ס'איז אָבער שטיל געוואָרן ווי גיך קאָרטשאַק האָט ווידער אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו די בלעטלעך. אַ שטילקייט פון אַ מחנה קינדער, וואָס הערן זיך צו מיט נייגיר צו אַ שיין מעשהלע, אָדער וואָס ווילן זיך דערוויסן וועגן זאַכן, וועלכע גייען זיי אָן אַלעמען צוזאַמען און יעדערן באַזונדער.

און אָט איז שוין נאָכן לייענען, דאָס קליינוואַרג צעוויגט זיך. אַ כאָפּטע קינדער רינגלען אַרום קאָרטשאַקן, דער און יענער האָט נאָך וואָס צו פרעגן, וויל נאָך עפּעס וויסן, די גאָר קליינע קלעפּן סתם צו אים, ווי צו אַ מאַמען. און ער, אָנגעטאָן אין דעם גרינעם אַרבעטס־פאַרטעך, וואָס ער טראָגט שטענדיק אין קינדער־הויז, און וואָס מאַכט אים גיכער ענלעך צו עפּעס אַ באַשיידענעם באַאַמטן, ווי צו אַ געלערנטן, רעדט ווייטער שטיל, געלאַסן, דעם ענטפערט ער מיט אַ וויץ, איינעם גיט ער אַ שנעל אין נאָז, אַן אַנדערן אַ גלעט איבערן קאָפּ און פון

די טיפע, בלויע אויגן שפּראָצט מיט גוטסקייט און קלוגשאַפט. ער זעט אויס צווישן די קינדער ווי איינער פון דער גרויסער משפחה, נאָר מיט מער וויסן, מיט מער דערפאַרונג, מיט קענטעניש און איבערגע־געבנקייט מיט וועלכע ער טיילט זיך מיט אַלע.

איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלן די צענדליקער, צענדליקער קינדער — און די הונדערטער, וואָס זענען אין אַלע יאָרן דאָרט דורכגעגאַנגען — וואָס זענען געקומען פון פאַרשידענע סביבות, פון אָרעמע, טיילמאָל צעשטערטע היימען, ווו ס'האָבן געפעלט די מאַמע, דער טאַטע, אָדער ביידע, אָדער גאָר קינדער, וואָס האָבן אין גאַנצן קיין היים נישט געהאַט. זיי זענען געקומען אין יתומים־הויז מיט פאַרשידנאַרטיקע געוווינהייטן, אָפּטמאָל זייער שלעכטע, קינדער פון 7 ביז 14 יאָר, וואָס האָבן אין זייער קורצן לעבן געזען מער שלעכטס ווי גוטס. און ס'איז געשען דאָס גרויסע ווונדער: קאָרטשאַק האָט זיי אַלע פאַראייניקט אין איין משפחה; ער האָט געשאַפן פון די אומגליקלעכע קינדער אַ גליקלעכע קינדער־רעפּובליק, ווו יעדעס קינד האָט זיך געקאָנט פריי אַנטוויקלען און אויס־לעבן. אין זיינע זכרונות, וואָס ער האָט געשריבן אין געטאָ, דערמאָנט ער וועגן אַ בריוו, וואָס אַ יונגער בחור האָט אים צוגעשיקט נאָכן פאַר־לאָזן דאָס יתומים־הויז: „ווען איך וואָלט נישט געווען אין דעם הויז, וואָלט איך נישט געוווסט, אַז ס'זענען פאַראַן ערלעכע מענטשן אויף דער וועלט, מענטשן, וואָס גנבענען נישט. איך וואָלט נישט געוווסט, אַז מ'קאָן אויסזאָגן דעם אמת. איך וואָלט אויך נישט געוווסט, אַז עס זענען פאַראַן געזעצן וועגן יושר אויף דער וועלט".

וואָס האָט קאָרטשאַק געטאָן, אַז אַזאַ פאַרוואָרלאָזט קינד זאָל זיך אַזוי ענדערן? וועלכער איז געווען זיין פּעדאַגאָגישער צוגאַנג? זיין סיס־טעם?

ווידער דאַרף מען זיך באַלד פון אָנהייב באַוואָרענען, אַז קאָרטשאַקס פּעדאַגאָגיק איז שוין היינט נישט אין גאַנצן קיין נאָווינע. ער האָט אָנגע־הויבן אין באַגינען פון אונדזער יאָרהונדערט. און אויך דעמאָלט זענען שוין די נעמען פון פּעסטאַלאָצי און פרעבל פון לאַנג באַקאַנט געווען. מאַריאַ מאָנטעסאָרי, אויך אַ קינדער־דאָקטער, האָט שוין ביי איר אין לאַנד, אין איטאַליע, אַרבעטנדיק ביי אָפּגעשטאַנענע קינדער, געהאַט פּראָקלאַמירט די נויטיקייט פון זעלבסשטענדיקער, פרייער דערציאונג. קאָרטשאַק איז געגאַנגען אַ סך, אַ סך ווייטער פון די דריי טעאָרעטיקער פון דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק. און געטאָן האָט ער דאָס אין אַ לאַנד,

וואָס איז באַהערשט געוועז פון דער צאַרישער דערציאונג, געשטיצט אויף קאַזאַרמע־דיסציפּלין, אויפן קנוט. קאָרטשאַק האָט אגב געוויזן די רוסישע שול אין זיין נאָוועלע „אַ וואָך פון אומגליקן." ער גופא, ווי ער דערציילט דאָס, איז געגאַנגען אין אַ שול, ווו מ׳האָט „געגעבן שמיץ". און אויב ס׳וועט דאָך ווער זאָגן, אַז קאָרטשאַקס אויפטוען זענען שוין היינט קיין המצאות נישט, איז ראשית שוין געמאַכט געוואָרן די באַוואוּ־רעניש, אַז היינט איז דאָס שוין נישט אין גאַנצן קיין נאָווינע, והשנית איז דאָס די מעשה מיט קאָלומבוסעס איי. איך געדענקט מסתמא ווי קאָלומבוס האָט אויף אַן אויפנאַמע, אונטערהערנדיק, אַז זיין אַנטדעקונג איז נישט אַזאַ גרויסער אויפטו, געפאָרן, געפאָרן און צוגעפאָרן, געגעבן די זעלבע אַן איי אַוועקצושטעלן. קיינער האָט נישט אַוועקגעשטעלט. ער האָט צום סוף אַ דרוק געטאָן דאָס איי און ס׳האָט זיך אַוועקגעשטעלט.

מען רעדט היינט וועגן די ענינים, דאָ און דאָרט מאַכט מען פּרוּוון אַנצווענדן ענלעכע מעטאָדן. קאָרטשאַק האָט זיי אָבער מיט כמעט דריי פערטל יאָרהונדערט צוריק אָנגעוואַנדן, אויסגעפּרוּווט און דער עיקר געלייגט דעם גרונט־שטיין פאַר אַזאַ דערציאונג.

וואָס איז דאָס פאַר אַ פּעדאַגאָגישע מאַגיק?

אייגנטלעך וואָלט מען דאָס געקאָנט אויסדריקן אין דריי ווערטער: זעלבסטדערציאונג, זעלבסטדיסציפּלין און זעלבסטפאַרוואַלטונג, באַגריפן, וואָס זענען היינט ברייט באַקאַנט אין דער פּעדאַגאָגיק, אָבער וואָס זענען אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט געוועזן אומבאַקאַנט און פרעמד אין דער דערציאונג.

קאָרטשאַק, דער גרויסער קענער פון קינד, האָט ווי זעלטן ווער געוווּסט ווי אַזוי פּראַקטיש אויסצונוצן זיין ענערגיע, וואָס עס מוז אויס־לאָדן, זיין פאַנטאַזיע, זיין באַדערפעניש צו זיין אין באַוועגונג, זיין ווילן צו האָבן פאַראַנטוואָרטלעכקייטן און דער עיקר זיין באַגער מ׳זאָל אים אָנטרויען. דעם קינדס, אייגנבוירענע אייגנשאַפטן דערמעגלעכן צו דערוועקן ביי אים אַ געפיל פון זעלבסטדערציאונג, פון זעלבסטדיסצי־פּלין, צו אַנטוויקלען די פעאיקייט אַליין זיך צו פאַרנעמען מיט די אייגענע ענינים, פאַרשטייט זיך, אונטער אַ געניטער אויפזיכט פון דערוואַקסענע. דערביי האָט קאָרטשאַק אָנגעוויזן און דאָס סיי דורך זיינע שריפטן, סיי דורך זיינע לעקציעס פאַר סטודענטן, אַז דאָס קינד טאָר אין קיין שום פאַל נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ פּאַסיווער אָביעקט וועמען מען שטעלט

צו פּאַרטיקע כּללים פון אויפפירונג, נאָר אַן אַקטיווער אינדיווידואום, וואָס אַבסאָרבירט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַ געזעצטע גרעצעמעסיקייט פון אויפפירונג און צוזאַמענלעבן. ס׳קאָן נישט זיין קיין רייד פון קיין שום פּאַרטיקן מאָדעל פאַר אַזאַ דערציאונג, און דאָ איז, אַ סברה, קאָרטשאַק געגאַנגען ווייטער, ווי די היינטיקע פּעדאַגאָגיק. לויט אים, איז דער בעסטער מאָדעל, לויט וועלכן מען וויל „מאָדעלירן" דאָס קינד, אויך אַ שלעכטער, ווייל יעטוועדער מאָדעל שטערט דער פרייער, זעלבסט־שטענדיקער אַנטוויקלונג פון אַן אינדיווידואום. דעם קינד דאַרף מען געבן צוזאַמען מיט דער עלעמענטאַרער בילדונג באַגריפן וועגן גוטס און שלעכטס, וועקן אין אים אַ געפיל פון יושר צוזאַמען מיט אַן אַמביציע צו גוטער אַרבעט, צו זיין גוצלעך, צו האָבן אַ שטאַרקן ווילן, ווי מ׳זעט דאָס אין אַזעלכע זיינע ביכער פאַר קינדער, ווי „דאָס פּאַרעקשנטע יינגל", „רום". אָבער אונטערטראָגן דעם קינד פּאַרטיקע קאָנצעפּציעס, פאָרמולירונגען — דאָס נישט. דאָס קינד אַליין אין זיין אַנטוויקלונג — אויב זי איז אַ נאָרמאַלע, פאַרשטייט זיך — פאָרמירט צום בעסטן אַליין אויס זיין אינדיווידואַליטעט.

די עטלעכע אַלגעמיינע שטריכן פון קאָרטשאַקס פּעדאַגאָגיק זענען דאָ געבראַכט געוואָרן כדי אויך צו דערמאָנען, אַז ער האָט זיך אינטערע־סירט נישט בלויז מיטן קינד פון קאָלעקטיוו. ער האָט אין זיינע פּעדאַ־גאָגישע שריפטן באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פון דערציאונג אין פאַר־שידענע אַספּעקטן און באַדינגונגען. ער איז אויך נישט געווען קיין אַנהענגער פון אויסשליסלעכער קאָלעקטיווער דערציאונג. קיין שום אינסטיטוציע קאָן נישט, לויט זיין מיינונג, פאַרטרעטן די היים, די עלטערן. ווען ס׳איז אָבער נישטאָ קיין ברירה, מוז מען אין אַ קינדער־אַנשטאַלט שאַפן אַזאַ אַטמאָספער און אַזעלכע באַדינגונגען אין וועלכע דאָס קינד זאָל זיך לכל הפחות נישט פילן אין דער פרעמד, נאָר ביי זיך.

וויִ אַזוי זיך אָבער פילן ביי זיך אין אַ יתומים־הויז?

ווען די קינדער וועלן זיך אַליין פאַרנעמען מיט דער נייער היים, וועלן זיי האָבן זייער חלק אין איר און זי ליב באַקומען, וועלן זיי זיך סטאַרען די נייע היים זאָל זיין וואָס שענער און זאָרגן פאַר איר גוטער פירונג.

גוטע פירונג... אָדער אָנפירונג... ווי אַזוי גוט פירן? ווער זאָל אָנפירן?

די קינדער גופא. אָט נאָט איך, קינדערלעך, אַ גרויסע היים און פירט אָן מיט איר, מאַכט אַזוי זי זאָל זיין וואָס שענער און בעסער. באַווייזט קינדער וואָס איר קענט.

געזאָגט האָט קאָרטשאַק, פאַרשטייט איר דאָך אַליין, אַ ביסעלע אַנדערש, ער האָט בכלל נישט ליב געהאַט קיין סך צו רעדן. ער האָט אַליין געטאָן די אַרבעט און געוויזן אַנדערע אַ ביישפּיל ווי אַזוי מען דאַרף דאָס טאָן.

איז אין דעם יתומים־הויז אויף קראָכמאַלנע 92 אויפגעשטעלט געוואָרן באַלד פון אָנהייב אָן אָנפירונג פון קינדער, וואָס האָט זיך אַלע מאָל מער פּערפעקציאָנירט. דאָס איז געווען אַ ראָט, אַ מין קינדער־פּאַרלאַמענט, וואָס איז באַשטאַנען פון 22 אויסגעוויילטע יינגלעך און מיידלעך פון פאַרשידענעם עלטער. דער קינדער־ראָט האָט צוזאַמען מיט דערוואַקסענע דערציער בראש מיט קאָרטשאַקן און דער איבערגעגעבענער פּעדאַגאָגין סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ, וועלכע איז אַלע יאָרן געווען דירעקטאָרין פון יתומים־הויז, באַהאַנדלט אַלע ענינים פון דער געמיינזאַמער היים און נישט חס וחלילה אָפּגעקומען מיט רעדן, ווי ס׳געשעט ביי דערוואַקסענע, נאָר אויסגעפירט פונקציעס, געווירקט און געוואַכט, אַז אַלע אַנדערע זאָלן אויספירן זייערע אויפגאַבן. מ׳קאָן זאָגן, אַז אין אַלע אַרבעטן פון יתומים־הויז האָבן זיך באַטייליקט די קינדער. זיי האָבן געהאָלפן אין דער קיך, אין שניידער־וואַרשטאַט, אין אויפהאַלטן די אָרדענונג, די ריינקייט, די עלטערע האָבן זיך פאַרנומען מיט די יינגערע, די בעסערע שילער האָבן געהאָלפן די שוואַכערע ביים צוגרייטן די לעקציעס, די גענויטערע זענען געווען סאַניטאַרן, ביבליאָטעקאַרן. אַ סך פונקציעס זענען דורכגעפירט געווען אויסשליסלעך דורך די קינדער, ווי די ביבליאָטעק־אַרבעט, דאָס מאַכן די וואַנט־צייטונג, דאָס דערלאַנגען און אַראָפּנעמען פון די טישן, דאָס האַלטן און ברענגען אין אָרדענונג די אייגענע זאַכן פאַר וועלכע יעדעס קינד האָט געהאַט זיין אייגן שענקל. די קינדער האָבן אַליין אָפּגעהיט די ריינקייט אין הויף, געוואַכט, אַז דיביימער אָדער די ווענט פונעם הויז זאָלן נישט ליידן פון קיין בייזע, צעשטערערישע הענט. בכלל איז דער גאַנצער איינשטעל פון קינדער־הויז באַזירט געווען אויף דיזשורן, אויף פאַרטיילטע פונקציעס און אויפגאַבן. קאָרטשאַק גופא, ביי אַלע זיינע באַשעפטיקונגען, האָט אָנטייל גענומען ביים אויספירן „שוואַרצע אַרבעטן”. אין זיין געטאָ־טאָג־

בוך קלערט ער אויף אין אַ מין מאַנאַלאָג פּאַרוואָס ער העלפט צו ביים אַראָפּרוימען פון די טישן נאָכן עסן. געוויסע פּערזאָנען פון פּעדאַגאָגישן פּערסאָנעל האָבען געקוקט אויף דעם מיט אַ קרום אויג. זיי האָבן גע־האַלטן, אַז דאָס איז פאַרלוירענע צייט פאַר אַזאַ שעפערישער פּערזענ־לעכקייט. אָבער די שעפערישע פּערזענלעכקייט און דער עיקר דער פּעדאַגאָג האָט געהאַלטן פאַרקערט, און ער ווייזט אָן אין זיינע פאַר־צייכענונגען, אַז ראשית וויל ער נישט ס׳זאָלן זיין „שוואַרצע״ אַרבעטן, וואָס פּאַסן נישט פאַר דעליקאַטע הענט. מיט זיין אייגענעם ביישפּיל האָט ער באַגערט נישט צו דערלאָזן צו אַזאַ געדאַנק. והשנית איז דאָס פאַר אים געווען אַ געלעגנהייט צו זען פון דער נאָענט ווי די זאַך גייט. ער האָט זיך אָבער נישט מיטבאַטייליקט אין אַזאַ אַרבעט ווי אַ משגיח, נאָר ווי אַ דערפאַרענער מענטש מיט אַ שאַרפן בליק, וואָס דער־זעט דעפעקטן, וועלכע אַנדערע דערזעען נישט, אָבער וואָס קאָנען זיך ביי אים אויסלערנען זיי צו דערזען.

קאָרטשאַק האָט אויך געוווּסט, אַז קינדער זענען, פּונקט ווי דער־וואַקסענע, ווייט נישט קיין מלאכים. איז וואָס טוט מען, ווען עמעצער וויל נישט אויספירן, וואָס עס געהערט צו אים, אָדער טוט בפירוש קאַפּויער? און וואָס טוט מען, ווען איינער דעם אַנדערן טוט אָן עוולה? פאַראַן דאָך קינדער, ווי דערוואַקסענע, וואָס האָבן גערן צו דערגיין יענעם די יאָרן, בפרט ווען אַזאַ באַשעפעניש ווייסט, אַז קיין האַרבע שטראָף וועט ער דערפאַר נישט באַקומען.

די הויפּט־ראָל אין אַזעלכע פאַלן האָט געשפּילט די עפנטלעכע מיינונג פון קינדער־קאָלעקטיוו. דער גאַנצער קאָלעקטיוו ווי אַזעלכער האָט געוואַכט, אַז זיינס אַ גליד זאָל נישט געשטרויכלט ווערן, ווייל פון שלעכטע טאַטן פון איינעם, פון עטלעכע, וועלן אַלע ליידן, שוין אָפּגע־רעדט דערפון וואָס אַזאַ אינדיווידואום דאַרף מען כלל היילן לטובת אים גופא. צו זיין פאַרטיידיקונג האָט דער קינדער־קאָלעקטיוו געהאַט די וואַנט־צייטונג, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס גאַנצע לעבן אין דער קאָלעקטיווער היים און דאָס שטאַרקסטע פאַרטיידיקונגס־מיטל איז גע־ווען דאָס קינדער־געריכט. דאָס געריכט, וואָס איז באַשטאַנען פון קינדער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גוטער אויפפירונג, מיט חברישקייט, איז געווען איינער פון די בעסטע אינסטרומענטן מיט וועלכן דער קאָ־

לעקטיוו האָט געוואַכט און געהיטן די מאָראַלישע זויבערקייט, די עטיק, די חברשקייט פון יעדן איינעם.

כדי זיך צו מאַכן אַ באַגריף פונעם פאַרנעם פון געריכט, וועלן מיר דערמאָנען, אַז דער קאָדעקס אויף וועלכן ער האָט זיך באַזירט, איז געווען צוזאַמענגעשטעלט אַזש פון 1000 (טויזנט) פּאַראַגראַפן. אָבער ערשט דער הונדערטסטער פּאַראַגראַף האָט אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל.

איז צוואָס זענען נויטיק געווען די 99 פּאַראַגראַפן? — וועט מען פרעגן.

אין 99 פאַלן, ווען קינדער האָבן אַריינגעטראָגן אָנקלאַגעס, ד. ה. זיי האָבן אויפגעשריבן די אָנקלאַגע אויפן ספּעציעלן אויסגעהאַנגענעם טאָוול פון געריכט, זענען דאָס געווען קליינטשיקע קאָנפליקטן אָדער אומבאַדייטנדיקע עוולות, וואָס איינער איז באַגאַנגען קעגן אַנדערן. קאָר־טשאַק האָט אָבער געוווסט, אַז אויך קליינטשיקע עוולות וויל אַ קינד נישט אַראָפּשלינגען און אַז ס'איז פאַר ביידע צדדים בעסער נישט אויס־צובאַהאַלטן. אַזוי צום ביישפּיל לייענען מיר אין בוך „ווי אַזוי ליב האָבן אַ קינד", ווו דער קאָדעקס איז אָפּגעדרוקט, אַז דער פּאַראַגראַף 24 לויטעט: „דער טריבונאַל ווענדעט זיך צו ביידע צדדים זיי זאָלן שלום מאַכן צווישן זיך און פאַרגעסן וואָס ס'איז געשען". ס'קאָן זיך אויך עמעצן אויסדוכטן, אַז מען האָט אים אַן עוולה געטאָן און טראָגט אַ שווער האַרץ, כאָטש ס'איז נישטאָ קיין גרונט דערצו. איז טאַקע פאַראַן אַ ספּעציעלער פּאַראַגראַף און נאָכן באַטראַכטן דורכן טריבונאַל די אָנקלאַגע שטעלט ער פעסט לויטן אַרטיקל 8: „דאָס געריכט האַלט, אַז די אָנקלאַגע איז נישט באַגרינדעט". אָדער זאָל מען נעמען אַ קליינטשיקע עוולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן נישט ווילנדיק, אָדער יאָ ווילנדיק, אָבער דער קונדס האָט פאַרט נישט געהאַט קיין שלעכטע כוונה. איז פאַראַן דער פּאַראַגראַף 41, וואָס לייזט דעם קאָנפליקט אויף אַזאַ אופן: „דער טריבונאַל ווענדעט זיך צום באַשולדיקער מיט דער בקשה ער זאָל מוחל זיין דעם באַשולדיקטן".

בכלל האָבן דאָס געריכט און זיין קאָדעקס זיך געריכטעט נישט נאָר מיט יושר און צדק נאָר אויך מיט מידת־הרחמים. ערשט ווען מ'איז אַרונטערגעפאַלן אונטערן הונדערטסטן פּאַראַגראַף, איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַן אורטייל און געווען איז ער אַזאַ: „דאָס געריכט שטעלט פעסט, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנטשולדיקונג פאַר דער האַנדלונג פון אָנגעקלאָגטן. דאָס געריכט איז נישט מוחל".

קיין שום שטראָף קומט נאָך אויך נישט, אָבער ס'איז שוין אַ געגנוגנדיקע שטראָף, ווען דאָס געריכט, וואָס איז אַ גרויסער אויטאָריטעט אין קאָלעקטיוו, איז נישט מוחל. ס'איז עפּעס גוט צו זיין 24 שעה אין מעת לעת צווישן חברים, ווו מ'איז דיר נישט מוחל? דאָס קינד הייבט דעמאָלט אָן נאָכצוטראַכטן, צו זוכן מיטלען ווי אַזוי אויסצומיידן אַ שלעכטע האַנדלונג. אַזוי איז דאָס קינדער־געריכט געוואָרן אַ גרויסער פאַקטאָר פון דערציאונג און זעלבסטדערציאונג.

אין 899 פאַלן זענען קיין ממשותדיקע סאַנקציעס כמעט נישט אָנגענומען געוואָרן. ס'איז גענוג געווען דער אורטייל זאָל אָפּישירט זיין אויף דער וואַנט, אַלע זאָלן דערוועגן וויסן, אַז דאָס פאַרשולדיקטע קינד, דער בירגער פון דער קינדער־רעפּובליק זאָל מאַכן אָנשטרענגונ־גען זיין שלעכטע אויפפירונג זאָל זיך נישט איבערחזרן. ערשט ווען דער באַשולדיקטער האָט באַקומען אַן אורטייל אויפן סמך פון דעם פאַראַגראַף 900, איז דאָס געוואָרן זייער ערנסט. ס'איז געווען אַן אַלאַרם. ס'האָט באַדייט, אַז דער אָנגעקלאָגטער קאָן נישט לעבן צווישן דער קינדער־מחנה אָן אַ ספּעציעלער השגחה. דעמאָלט האָט זיך דאָס געריכט געוואָנדן צו די חברים ס'זאָל זיך ווער אָנבאָטן צו נעמען אים אונטער זיין אויפזיכט. אויב קיין ספּעציעלע אויפזיכט, נישט פון אַן אַנדער קינד, נישט פון אַ דערוואַקסענעם, האָט אויך נישט געהאָלפן, איז דער באַשול־דיקטער, לויטן אַרטיקל 1000 דערוויטערט געוואָרן פון קינדער־הויז. דאָס האָט באַדייט, אַז ער איז שעדלעך פאַרן קאָלעקטיוו און מען מוז זוכן פאַר אים אַן אַנדער אויסוועג. איך דערמאָן מיך, אַז ווען איך פלעג ווי אַ גימנאַזיסטקע קומען אין די שבתן אין קאָרטשאַקס הויז אויף קראָכמאַלנע, האָט מען דערציילט וועגן איינעם אַזאַ פאַל. נאָך דער מלחמה האָט מיר איין געוועזענע דערציערין איבערגעגעבן וועגן צוויי פאַלן, אַ צווייטע וועגן דריי. ווען מען נעמט אין באַטראַכט מיט וואָס פאַראַ שווערן קינדער־עלעמענט מ'האָט טיילמאָל געהאַט צו טאָן, זענען צוויי־דריי פאַלן, במשך פון אַזוי פיל יאָרן, אַ מינימום.

ווען אַ מענטש האָט געהערט פון דער ווייטנס וועגן אַנטייל פון די קינדער אין דער אָנפירונג און וועגן די אויסגעפירטע דורך זיי פונק־ציעס, האָט זיך געקאָנט באַקומען ביי אים אַן איינדרוק, אַז דאָס איז זייער קאָמפּליצירט — אָדער די קינדער ווערן צו פיל באַלאַסטעט, אָדער זיי פירן שלעכט אויס זייערע פונקציעס, מען מאַכט דאָס פּטור צו ווערן

פון דער לאַסט. די אָבער, וואָס האָבן דאָס געזען פון דער נאָענט, זענען באַקאַנט געווען מיטן גאַנצן „מעכאַניזם", ווייסן וואָס פאַרא מוסטער־האַפטע אָרדענונג און זויבערקייט ס'האָט געהערשט אין יתומים־הויז. די קינדער האָבן אויסגעפירט זייערע אַרבעטן מיט ליבשאַפט און געט־ריישאַפט, זיי האָבן זיך איבעריקנס אויך געפלייסט צו באַקומען דאָס ספּעציעלע „אָנערקענונגס־קאַרטל" מיט דער אונטערשריפט פון זייער „פּאַנדאָקטאָר". *

קאָרטשאַק האָט אויך דורך זיין אויטאָריטעט, מיט זיין כישופדיקער פּערזענלעכקייט, קלוגשאַפט און גוטסקייט אָנגעשטעקט די קינדער מיט זיין פלייס צו אַרבעט, מיט זיין באַגער כסדר זיך צו פאַרפולקאָמען. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון קינדער־הויז האָט געקלאַפּט ווי אַ גוט רעגוליר־טער זייגער. געוואַכט איבער דעם דירעקט האָט סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ, די זעלטענע פרוי, וואָס האָט ווי אַ יונג נאָך מיידל, גלייך נאָכן פאַרענ־דיקן דעם אוניווערסיטעט, פאַרלאָזט די רייכע היים פון אירע עלטערן, כדי זיך אָפּצוגעבן דעם אָרעמען, פאַריתומטן קינד. פריער אין פינדל־הויז אויף פראַנטשישקאַנער גאַס, דערנאָך, ווען די גרופּע קינדער איז איבערגעפירט געוואָרן אויף קראָכמאַלנע 92, האָט זי געטראָגן דעם גאַנצן עול פון דערווירטשאַפט, געווען אַ געטרייע מאַמע צו די יתומים און באַגלייט זיי ווי קאָרטשאַק אויף זייער לעצטן וועג.

*****

דאָס קינדער־הויז אויף קראָכמאַלנע איז געווען אַ גרויסער עקספּע־רימענט אין דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק. פאַראַן אַספּעקטן, וואָס זענען נאָך היינט ווייניק באַלויכטן, אָדער גאָר אומבאַקאַנט. אַזוי צום ביישפּיל האָט קאָרטשאַק אויסגעפונען, אַז אַ קינד פונקט ווי אַ דערוואַקסענער, מוז צייטנווייז בלייבן מיט זיך אַליין. פאַרן קינד פון אַ קאָלעקטיוו איז דאָס אַ סך דרינגנדיקער ווי פאַרן קינד, וואָס לעבט אין זיין משפחה. און קאָרטשאַק האָט קיינמאָל נישט באַטראַכט קינדער, ווי אַ מחנה, וואָס איז אויסגעגאָסן פון איין גוס. נישט יעדעס קינד קאָן זיך שטענדיק אָפּגעפינען אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע; פאַראַן אַ באַדערפעניש זיך צו

* פון די צוויי ווערטער פאַן דאָקטאָר איז געוואָרן איין וואָרט. די קינדער האָבן שטענדיק גערופן קאָרטשאַקן „פּאַנדאָקטאָר".

פאררוקן אין אַ ווינקל. קאַרטשאַק האָט צוליב דעם געשאַפן אין יתומים־הויז אַ „צימער פון שוויגן", ווו יעדעס קינד האָט געקאָנט פאַרברענגען שווייגנדיק, אין אייגענע טראַכטעניש אַזוי לאַנג, ווי עס האָט באַגערט. און עס זענען געווען נישט ווייניק בעלנים.

קאַרטשאַק האָט אויך געהאַלטן, אַז אַ קינד, וואָס קומט פון אַ רעליגיעזער סביבה דאַרף האָבן אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן לויט זיין שטייגער. אויב מוז אַזאַ קינד דערדריקן אין זיך די רעליגיעזע גע־פילן, וואָס ס'האָט מיטגעבראַכט פון דער פריערדיקער היים, קאָן זיך דאָס גוט נישט אויסווירקן. און סתם אויב אַ קינד האָט אַזאַ נייגונג צוליב וואָסערע דאָס זאָלן נישט זיין סיבות, דאַרף מען די נייגונג רעספּעקטירן. קאַרטשאַק גופא איז ווייט נישט געווען קיין פרומער, אָבער יעדעס קינד, וואָס האָט געהאַט די געוווינהייט אָדער סתם אַ חשק תפילה צו טאָן, האָט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן דערצו. ס'איז געווען אַ ספּעציעלער צימער צו דעם ציל, אַ מין מקום־קודש. קיינער האָט קיינעמען אין דעם פאַל נישט געטאָרט צורעדן אָדער אָפּרעדן. בלויז דאָס קינד האָט דעצידירט. די גרעסטע זינד איז אָבער געווען, ווען אַ קינד איז געקומען אין מקום־קודש און אויפגעפירט זיך ווי נישט באַדאַרף צו זיין אין אַזאַ אָרט.

דאָס נעמען אין באַטראַכט דעם קינדס גייסטיקע באַדערפעניש, דאָס זוכן מעגלעכקייטן פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון זיין אינדי־ווידואַליטעט איז געקומען צום אויסדרוק אויף די פאַרשידנסטע אופנים. קאַרטשאַק האָט געשאַפן די ערשטע צייטונג פאַר קינדער און אַנגעפירט פון קינדער. די וואָכן־צייטונג „מאַלי פשעגלאָנד" („קליינער איבערזיכט") איז געווען דער ערשטער עקספּערימענט פון אַזאַ הילפס־מיטל פאַר נייער דערציאונג. חוץ דעם הויפּט־רעדאַקטאָר, דעם באַקאַנטן פּוילישן שרייבער און יידן־פריינד איגאָר נעווערלי, וועלכער איז צו יענער צייט געווען קאַרטשאַקס סעקרעטאַר, איז די רעדאַקציע באַשטאַנען אויסשליס־לעך פון קינדער. יעדעס קינד — נישט נאָר פון קינדער־הויז — האָט געקאָנט אָפּדרוקן אַן אַרטיקל, אַ ליד אָדער אַן אַנדער שאַפונג, וואָס עס האָט אָנגעשריבן. די יונגע מחברים האָבן אין זייערע אַרטיקלען באַרירט זייערע פּראָבלעמען, פאַלעמיזירט, געגעבן פאַרשלאַגן און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז קינדער האָבן נישט ווייניק אייגענע ענינים און פּראָבלעמען, וואָס דערוואַקסענע דערזעען אָפטמאָל נישט.

***

צום פּעדאַגאָגישן סיסטעם האָבן אויך געהערט די באַזונדערע אינ־טימע באַציונגען, וואָס קאָרטשאַק האָט איינגעשטעלט צווישן זיך און די קינדער. ס׳איז באַלערנדיק געווען זיך צוצוקוקן און צוצוהערן ווי אַזוי ס׳האָט זיך פון דער ערשטער מינוט אָנגעקניפּט אַ נאָענטער קאָנטאַקט. קאָרטשאַק פלעגט אַליין צונעמען יעדעס קינד, וואָס איז אָנגעקומען אין קינדער־הויז. ס׳האָט זיך באַלד פאַרבונדן אַ שמועס. האָט קאָרטשאַק דערקענט, אַז ער האָט פאַר זיך אַ ווייסן חברה׳ניק, וואָס וועט זיך נישט וואַקלען אונטערצושטעלן אַ קינד אַ פיסל, האָט ער שעלמיש אים אַ פרעג געטאָן: „ביסט עפּעס אַ גרויסער לאַבוז? זאָג דעם אמת, שעם זיך נישט, שלאָגסט זיך אַמאָל נישט אַרום צופיל?״ האָט ער, דאַקעגן, געהאַט פאַר זיך אַ פלעגמאַטיש קינד, אַ דערשלאָגנס, האָט ער מיט גאָר אַן אַנדערן טאָן אויסגעפרעגט: „לויפן קאָנסטו? אַרומיאָגן זיך קאָנסטו? שלאָגן זיך מיט די ייִנגלעך קאָנסטו מסתמא אויך?״

אַזעלכע שמועסן האָבן נאָך געהאַט אַן אַנדערן ציל. קאָרטשאַק האָט געוווּסט, אַז צווישן קינדער זענען אויך פאַראַן וועלף און שעפּסלעך און אַז מען דאַרף די קליינע וועלף אומשעדלעך מאַכן און די שעפּסעלעך אָנרעגן, צוגעבן מוט זיך צו פאַרטיידיקן. „דאָרט ווו ס׳זענען פאַראַן ייִנגלעך — האָט ער געשריבן — איז אוממעגלעך אויסצומיידן זיי זאָלן נישט אויספּרוּוון זייערע כּוחות אין געשלעגן״. אויך אין אַזעלכע פאַלן איז נויטיק דער נאָענטער קאָנטאַקט צווישן קינד און דערציִער.

די היימישקייט, נאָענטקייט צווישן די קינדער און קאָרטשאַקן איז געווען אַ זעלטענע מערקווירדיקייט. עס פלעגט טרעפן, אַז אין אַ זומער־דיקן טאָג האָט קאָרטשאַק זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אין שאָטן פון אַ בוים. גלייך זענען צוגעפאַלן צו אים די ייִנגסטע: איין קינד האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיינע קני, אַנדערע האָבן זיך געזעצט ביי זיינע פיס, עטלעכע זענען געשטאַנען פוןביידע זייטן אויף דער באַנק, געגלעט אים דעם קאָפּ און האָר, געשושקעט אים אויפן אויער אַ סוד. קאָרטשאַק, נאָך אַזאַ פאַרברענגען מיטן קליינוואַרג האָט געהאַט געזאָגט: „איך בין אַן אַלטער צעוואַקסענער בוים אין וועמענס צווייגן עס שפּרינגען אַרום און זינגען יונגע פייגעלעך״.

די אינטימע באַציאונג האָט אויף קיין האָר נישט פאַרמינערט זיין אויטאָריטעט, זיין גרויסן אָנזען. די היימישקייט איז געקומען נאַטירלעך, זי איז אַרויסגעפלאָסן פון זיין שטענדיקער זאָרג און איבערגעגעבנקייט

לגבי דעם קליינוואַרג. און די איבערגעגעבנקייט, די מסירת־נפשדיקייט, די ליבשאַפט האָבן די קינדער אָפּגעפּילט 24 שעה אין מעת לעת, אַפילו אין זייערע חלומות. אין אָוונט, ווען ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז די צימערן זענען פאַרזונקען אין שלאָף, פלעגט קאָרטשאַק אַראָפּגיין פון זיין „רעזידענץ", וואָס איז געווען דער דריטער שטאָק, מיט שטיל־שטילע טריט דורכשפּאַנען צווישן די בעטלעך, דערבליקן אין דער פינצטער וועלכעס קינד ס'איז אָפּגעדעקט, אָדער ליגט אין אַ שלעכטער פּאָזיציע, וועלכעס ס'קאָן נישט איינשלאָפן אָדער כליפּעט שטיל מיטן קאָפּ איינ־געגראָבן אין קישן. דאָס האָט געקאָנט זיין אַ ניי־געקומענער, וואָס האָט געבענקט. ס'האָט אויך געקאָנט זיין, אַז אַ קינדערישער עגמת־נפש זאָל נישט לאָזן איינשלאָפן. אַ צאַרטע האַנט האָט אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, אַ וואַרעם שטיל וואָרט האָט באַרואיקט, פאַריאָגט דעם אומעט און דאָס קינד איז איינגעשלאָפן.

***

נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט מיט די קינדער האָט זיך דער דאָקטער און דערציער געזעצט צו זיינע שעפערישע באַשעפטיקונגען אין זיין איזאָלירטן צימער. דער קאַמפּאַרט איז באַשטאַנען פון אַ ברייט פענצטער, צוזאַמענבאַהעפט פון דריי טיילן. פון דער צווייטער זייט פענצטער, אויפן פאַראַפּעט זענען שטענדיק געווען אויסגעשאָטן קערנדלעך פאַר די וואָ־ראָבייטשיקעס. קאָרטשאַק שרייבט, אַז ער האָט זיי געשפּייזט צוואַנציק יאָר. ער האָט זיי אויך אָבסערווירט און געשריבן וועגן זיי.

דאָס געראַמע צימער אויפן דריטן שטאָק, אָרעם אויסמעבלירט, אָבער באַצירט מיט אַ רייכער ביבליאָטעק, איז געווען אַ וויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַטאָריע און אַ קינסטלערישער וואַרשטאַט. דאָ האָט קאָרטשאַק אויפן סמך פון זיינע אָבסערוואַציעס געשריבן פּעדאַגאָגישע אָפּהאַנדלונ־גען, אַרטיקלען, ביכער; דאָ האָט ער אויסגעמייסטערט זיינע וווּנדערבאַרע פּראָזע־ביכער פאַר קינדער און דערוואַקסענע. דאָ האָט ער, אויסנוצנדיק יעדע פרייע שעה, געגרייט זיינע פּעדאַגאָגישע לעקציעס, געענטפערט אויף בריוו פון לערער, דערציער, עלטערן, געגעבן אָנווייזונגען און עצות, דורכגעטראַכט זיינע באַשעפטיקונגען, וואָס זענען געבונדן געווען מיט זיין פילזייטיקער שעפערישקייט, מיט זיינע טאָג־טעגלעכע אויפגאַבן. און באַשעפטיקונגען אַזעלכע האָט ער געהאַט אָן אַ שיער. דאָס איז

געווען אַ מענטש, וואָס האָט שטענדיק געשפרודלט מיט שעפערישער ענערגיע. אויסער די צוויי קינדער־הייזער מיט וועלכע ער האָט אָנגע־פירט, איז ער געווען באַשעפטיקט אַלס פראָפעסאָר אין „אינסטיטוט פאַר ספעציעלער פעדאַגאָגיק", אויפן „פרייעם אוניווערסיטעט" (וואַלנאַ ווּשעכניצאַ), ער האָט געגעבן לעקציעס אין אינטערנאַט פון יתומים־הויז, ווו ער האָט דערצויגן נייע פעדאַגאָגישע קאַדרן, ער איז געווען עקספערט אין וואַרשעווער געריכט פאַר קינדער און יוגנטלעכע און אַ סך יאָרן האָט ער יעדע וואָך געהאַט אין פוילישן ראַדיאָ אַן עמיסיע פאַר קינדער צו וועלכער ס׳האָבן זיך אויך צוגעהערט מיט גרויס נייגיר דערוואַקסענע.

***

קאָרטשאַקס פעדאַגאָגישער סיסטעם האָט באַלייגט דעם שווערסטן עקזאַמען אין די פינצטערע געטאָ־יאָרן. דאָס הויז איז בעתן ערשטן היטלעריסטישן איבערפאַל אויף וואַרשע באַשעדיקט געוואָרן דורך באָמבע־שפליטערן, וואָס האָבן אַרויסגערופן שרפות, דערנאָך איז עס באַפאַלן געוואָרן פון היימישע וואַנדאַלן. קאָרטשאַק און ווילטשינסקאַ זענען ביי־געקומען די ערשטע נסיונות נישט נאָר אַ דאַנק זייער אייגענער מסירת־נפשדיקייט, נאָר אויך מיט דער הילף פון דער גאַנצער קינדער־מחנה, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ מוסטערהאַפטע רייפקייט.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, נאָך דעם ווי קאָרטשאַק צוזאַמען מיט די קינדער האָבן מיט איבערמענטשלעכע כוחות דאָס הויז צוריק געבראַכט אין אָרדענונג, אָפגערוקט דעם הונגער, וואָס האָט זיי גלייך נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה באַדראָט, ווי מ׳האָט געמוזט עס פאַר־לאָזן. קראָכמאַלנע גאַס איז געבליבן אויסער די גרענעצן פון געטאָ. און ווידער האָט דער פערסאָנאַל צוזאַמען מיט די קינדער אויסגעהאַלטן אַ שווערן עקזאַמען, איינאָרדנענדיק דאָס יתומים־הויז אין אַ לאָקאַל אויף כלאָדנע גאַס. אגב איז קאָרטשאַק ביים איבערפירן דאָס קינדער־הויז אין געטאָ אַרעסטירט געוואָרן, ווייל ער האָט אָפגעזאָגט אָנצוטאָן דעם שאַנד־צייכן אויפן אָרעם און דערנאָך אָפגעזעסן אַ שטיקל צייט אין טרויעריק־באַרימטן „פאַוויאַק". אָבער אויך פון נייעם מקום־מקלט איז דאָס יתומים־הויז איינגיכן פאַרטריבן געוואָרן, ווייל כלאָדנע גאַס איז אָפגעשניטן גע־וואָרן פון געטאָ. קאָרטשאַק מיט די קינדער האָבן דעמאָלט באַוויזן וווּנדער שבוונדער ביים אָרגאַניזירן אויפסניי די קינדער־רעפובליק אין אַן ענגן,

נישט צוגעפּאַסטן לאָקאַל אויף שעננע גאַס. און די קינדער־רעפּובליק האָט טראָץ אַלע אומגליקן פונקציאָנירט ווי אין די גוטע צייטן. אין יענע גיהנומדיקע באַדינגונגען האָט אַלץ געקלאַפּט ווי אַמאָל: עס האָבן ביזן לעצטן טאָג עקזיסטירט אַ קינדער־פאַרוואַלטונג, דאָס קינדער־געריכט, אַ וואַנט־צייטונג, אַרטיסטישע קרייזן; ס'זענען פאָרגעקומען פאָרשטעלונגען פון די קינדער. די קינדער זענען אַנגעגאַנגען מיט אַלע זייערע באַשעפטיקונגען, זיי האָבן געאַרבעט און געלערנט, געלערנט זיך אויך העברעאיש און יידיש און ווי ס'האָבן מיר איבערגעגעבן עדות, איז די אָרדענונג, די זויבערקייט, וואָס די קינדער אַליין האָבן אָפּגעהיטן, דער פליס צו דער אַרבעט נישט געמינערט געוואָרן.

אַט ווי עס האָט באַשריבן אין 1948 דאָס קינדער־הויז אַ געוועזענע דערציערין, אירענע כמיעלעווסקאַ, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט קאָרטשאַקן אויך אין געטאָ און אים אָפּגעשטאַט אַ וויזיט גלייך נאָך דעם, ווי ער האָט זיך איבערגעטראָגן מיט די קינדער אויף שעננע גאַס:

„אַ צוזאַמענדרענגעניש, אַ שרעקלעכע ענגשאַפט און גלייכצייטיק אַן אָרדענונג, וואָס איז זיך קוים פאָרצושטעלן אין אַזעלכע באַדינגונגען. אַלץ איז איינגעשטעלט, אַלץ איז זויבער, יעדע זאַך שטייט אויף איר אָרט. די ווענט זענען אַרומגעשטעלט. מ'קאָן זיי שוין מער נישט אויסנוצן, האָט מען געפונען אַנדערע ערטער אויסצוהענגען אַפישן און טאַוולען. אויף די שענק און אַנדערע מעבל זענען אויך געווען צוגעשפיליעט שטיקלעך פּאַפּיר אויף וועלכע מ'האָט געקאָנט לייענען, אַז אַ קינד דריקט אויס אַ דאַנק אַן אַנדער קינד פאַר אַזאַ אָדער אַנדערער טובה; דאָ ווידער איז אַ קינדערשע אויפשריפט, וואָס בעט אַנטשולדיקונג ביי אַ חבר פאַר אַ נישט גוטע האַנדלונג לגבי אים... אויסגעהאַנגענע דיאַגראַמען, דער קאָדעקס פון טריבונאַל; פון דאַנען קוקט אַראָפּ די וואַנט־צייטונג, ערגעץ אַנדערש וואַרפט זיך אין די אויגן דאָס אויפגעהאַנגענע קעסטל, וווּ מ'קאָן אַריינוואַרפן אויפגעשריבענע פראַגן און אַזוי כסדר... ביי דער זייט פון טיש זיצט אַן עלטערער, אויסגעמאַטערטער מענטש. ער איז אָנגעטאָן אין אַ מיליטערישער, צעקנייטשטער קאַפּאָטע. אויפן קאָפּ אַן האָר זיצט אַ יידיש היטל; זיינע אויגן גליען מיט נישט קיין געוויינלעכן אומעט... פּלוצלונג פאַלן אַריין צו אים אין צימער די ייִנגסטע. און שוין איז ער אויף איין פיס. ער גייט מיט די קינדער פון איין צימער אין צווייטן. איין קינד נעמט אים אָן פאַר דער האַנט, אַ צווייטס האַלט זיך אָן אין זיין

קאַפּאָטע, אַן אַנדערס נאָך טוליעט זיך צו צו אים. מיט אים, לעבן אים פאַרשווינדט ביי זיי יעדער סימן פון אומזיכערקייט, פון בייזן פאַרדאַכט. די קינדערישע זאָרגלאָזיקייט שיינט אַראָפּ פון זייערע פּנימער, דער קינדערישער געפּילדער איז פול מיט צוטרוי... אויף אַ פּאַראַפּעט פון אַ פענצטער שטייט אַ פלאַנץ אין אַן ערדענעם טעפּל, צוויי צווייגלעך זענען איבערגעבראָכן. די הענט פונעם דאָקטער באַנדאַזשירן זיי מיט געניטשאַפט. זיין מויל הייבט אָן שעפּטשן, ער קלערט אויף דעם קליינ־וואַרג די מיסטעריע פון זיין אַרבעט, די קינדער קוקן זיך צו מיט נייגיר און אויפמערקזאַמקייט...״

קאָרטשאַקס פּעדאַגאָגישער סיסטעם איז דורכגעגאַנגען און אויסגעע־האַלטן די שווערסטע פייער־פּרוון. אין דער היינטיקער צעטרייסלטער און וואַנזיניקער צייט, ווען פון אַ סך שיינע אידעאַלן צו ענדערן די וועלט אויף בעסער איז געוואָרן אַש און בלאָטע, האָט קאָרטשאַקס געדאַנק צו ענדערן פון דער פריער קינדהייט דעם מענטש גופא, גאָרנישט פאַרלוירן פון זיין גילטיקייט.

פּאַריז 1972

VII

אויף די הויכקייטן פון דער קונסט

(פאַר די בילדער פון חיים סוטין)

ס׳איז געווען אין אויגוסט 1943. פּאַריז איז געלעגן צעטראָטן פון דייטשע שטיוול. פּאַריז איז אָפיציעל געווען „יודנריין״. די פאַרבליבענע יידישע משפחות אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט זענען פאַרשטעקט געווען אין באַהעלטענישן, אָדער אָנגעהאַלטן זיך אויף אַרישע פּאַפּירן. אַנדערע — און נישט קליין איז געווען זייער צאָל — זענען געווען סאָלדאַטן פון דער אונטערערדישער אַרמיי, וואָס האָט געפירט מלחמה קעגן היטלעריסטישן משחית.

אין אַ פּאַריזער קליניק האָט מען פון דער פּראָווינץ מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט געבראַכט צו פירן אַ שווער קראַנקן אונטער אַ פרעמדן נאָמען. דעם געל־בלאַסן פּאַציענט מיטן צעווייטיקטן גוף האָט מען אין איילעניש, דעם זעלבן אָוונט, האַלבע נאַכט, אָפּערירט. ס׳איז געווען צו שפּעט. אויף צומאָרגנס פרי, זעקס שעה נאָך דער אָפּעראַציע, האָט דער 49־יעריקער פּאַציענט אויסגעהויכט די נשמה.

דאָס איז געווען דער גרויסער קינסטלער חיים סוטין.

אין דער שטיל איז פאָרגעקומען סוטינס לוויה. בלויז עטלעכע נאָענטע פריינד, שרייבער, מאָלער, און צווישן זיי פּיקאַסאָ, האָבן באַגלייט סוטינען צו זיין אייביקער רו אויפן בית־עולם פון מאָנפּאַרנאַס. ווען מ׳האָט נאָך דער מלחמה געמאַכט דעם טרויעריקן חשבון פון דער צאָל היטלעריסטישע קרבנות צווישן די יידישע קינסטלער אין פּאַריז, וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן און זיך נישט אומגעקערט, איז צוגערעכנט געוואָרן חיים סוטין.

***

זינט נאָך דער מלחמה האָלט מען אין איין אַנטדעקן סוטינען אויפס־ניי. דאָס מיינט נישט מ׳זאָל אים חס וחלילה האָבן אין גאַנצן פאַרזען

פאַרן לעבן. אייניקע קונסט־קריטיקער, כלערליי קונסט־מבינים האָבן געזען אין אים אַ זעלטענע דערשיינונג אין דער מאָלעריי. קונסט־הענדלער און קאָלעקציאָנערן האָבן מיט דער באַז דערשמעקט, אַז מ׳וועט אַמאָל קאָנען אָפּלעקן אַ גוטביינדל. אין אַ געוויסן פּעריאָד האָבן זיי זיך געיאָגט נאָך זיינע בילדער, וואָס זיי האָבן אָפּגעקויפט בזול. חיים סוטין האָט זיך אָבער נישט געיאָגט אויסצושטעלן זיינע לייוונטן. דאָס איז, זעט אויס, געקומען פון דעם, וואָס ער איז געווען אַ גאָר שטרענגער קריטיקער איבער זיך, געפאָדערט פון זיך זייער אַ סך, געוואַרט ביז ער וועט זיינע בילדער דערפירן צו פולער פּערפעקטקייט. די גרויסע פאָדערונגען, וואָס ער האָט זיך אַליין געשטעלט, האָבן אים דערפירט צו פאַרניכטן נישט ווייניק בילדער צווישן וועלכע ס׳זענען געווען מייסטערווערק. אפשר האָט אויך געווירקט דאָס געזונט און דער אָפטער נישט־פויגלדיקער געמיט־צושטאַנד. פאַר זיין לעבן האָט ער געהאַט בלויז איין אינדיווידועלע אויסשטעלונג.

אין די יאָרן נאָך דער מלחמה זענען די גרעסטע צאָל אויסשטעלונגען פון סוטינס ווערק פאָרגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו עס געפינען זיך אַ גרויסע צאָל פון זיינע לייוונטן. אויף עטלעכע אויסשטעלונגען אין פראַנקרייך האָבן געפעלט די באַרימטסטע בילדער, די באַזיצער — קאָלעקציאָנערן, קונסט־הענדלער, פּריוואַטע מענטשן — האָבן זיך אָפּגעזאָגט זיי אויסצולייען. איז נאָך לאַנגע יאָרן געקומען אַ פאַרגיטיקונג. אין „אָראַנזשערי״־מוזיי האָט זיך געעפנט אַן אויסשטעלונג פון איבער הונדערט צונויפגעזאַמלטע גרויסע לייוונטן. אין פינף גרויסע זאַלן זענען אויסגעשטעלט סוטינס מייסטערווערק און ווי עס געשעט ביי הויכער קונסט, איז זי פאַר יעדעס מאָל, ווען מען קוקט זיך איין איר, אויפסניי, אַ נייע אַנטדעקונג.

גייסטו פון בילד צו בילד און פון יעדערן טויכט אויף פאַר דיר אויפברויז און שטורעם, טיפע טראַגיק, מענטשלעכע דראַמע און אויך יידישע גורלדיקייט, הגם ס׳איז נישטאָ קיין איין בילד אויף יידישער טעמאַטיק. צי דאָס איז אַ געשאָכטענער, צי אַ לעבעדיקער בעל־חי, צי אַ שטיללעבן, אַ מענטשלעכע סיטואַציע, אַ פּייזאַזש אָדער אַ פּאָרטרעט. דערבליקסטו און דערפילסט מיט אַלע חושים שטראָמענדיקן צער און צעריסנקייט, מיסטעריע און ליידנשאַפט, טרויער, וויי און פּראָטעסט, געראַנגל און גלייכצייטיק דערוואַכונג. דאָס איז דער תמצית פון סוטינס

קונסט. זי איז אַ טיף ברויזנדיקע, אַ דינאַמישע און פול מיט דראַמאַטיש־קייט. און דאָס אַלץ ברענגט דער קינסטלער אַרויס נישט מיט דער ליניע, פאָרם, קאָמפּאָזיציע, נאָר קודם־כל מיט דער מאָלערישער מאַטעריע, וואָס פליסט ביי אים אומגעצוימט, דורך זיין אימפּולסיווען פּענדזל־שמיר, דורך דעם ליריזם און איינציייטיק טראַגיזם פון דער פאַרבן־סובסטאַנץ, וואָס ברויזט מיט עמאָציעס און ספּיריטועלקייט.

אויב מען וואָלט געוואָלט חיים סוטינען דעם קינסטלער פאַרגלייכן מיט עמעצן, איז אַ ספק צי ס'וואָלט זיך איינגעגעבן. ער איז צו קיינעם נישט ענלעך, כאָטש ער האָט זיך אַנטציקט מיט אַזעלכע מייסטער ווי רעמבראַנדט, וואַן גאָג, על גרעקאָ, טולוז לאָטרעק, סעזאַן, קורבע, קאָראָ. זיינע געשאַכטענע אָקסן האָט ער זיכער פאַרטראַכט אונטערן איינפלוס פון רעמבראַנדס געשאַכטענעם אָקס. ווי אַנדערש איז ער אָבער פון דאָזיקן האָלענדישן מייסטער, אָדער פון וואַן גאָגען, סעזאַנען פון וועלכע ער האָט אַ סך געלערנט. האָט ער דאָך כמעט, ווי סעזאַן קאָנסטרואירט נישט מיט דער הילף פון ליניעס און פאָרמען נאָר קודם דורך דער מאָלערישער מאַטעריע, און ער איז לחלוטין נישט ענלעך צום דאָזיקן פראַנצויזישן מאָלער. ווי אַנדערש איז ער געווען פון די אַלע, וואָס זענען ווי ער, רייף געוואָרן אונטער די זון־שטראַלן פון דער גרויסער פראַנצויזישער קונסט.

פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער זענען געקומען קיין פּאַריז הונ־דערטער יונגע יידישע מאָלער, דורשטיקע נאָך וויסן, נאָך קענטעניש. פּאַריז האָט געצויגן צו זיך קינסטלער ווי אַ בלום ציט בינען. זינט דעם אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט און דער עיקר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז פּאַריז געוואָרן דער גרעסטער און איינפלוסרייכסטער צענטער פון פּלאַסטישער קונסט, אַ וועלט־צענטער אין וועלכן ס'האָבן זיך געקרייציקט און קרייציקן זיך אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען; אין פראַנצויזישן קאָכעדיקן קונסט־קעסל האָבן זיך איבערגעשמאָלצן אַלטע שטרעמונגען און אויסגעקאָכט נייע. אָהער האָבן געצויגן קינסטלער פון אַלע עקן וועלט. יידישע קינסטלער פון מזרח־אייראָפּע האָבן נאָך געהאַט זייערע באַזונדערע סיבות צו פאַרלאָזן זייערע היים־לענדער. איז ווו דען האָט מען געזאָלט אויפשטעלן דעם געצעלט אויב נישט אויפן פּאַריזער ברוק? איז פּאַריז אויך געוואָרן אַ צענטער פון יידישע קינסטלער. פאַרן היטלעריסטישן מבול האָט מען שוין דאָ געציילט ביי די דריי הונדערט

יידישע מאָלער, סקולפּטאָרן, גראַפיקער, מעטאַלאָפּלאַסטיקער, דעקאָראַ־טאָרן. די היטלעריסטישע חיה רעה האָט פאַרצוקט אַן ערך הונדערט יידישע פּלאַסטישע שעפער. מיר שטייען דאָך אָבער אויף פון אייגענעם אַש, ווי יענער לעגענדאַרער פויגל. היינט צוטאָג רעדט מען וועגן אַ פינף־זעקס הונדערט פּלאַסטישע שעפער אין פראַנקרייך.

די יידישע קינסטלער אין פראַנקרייך, געקומענע פון זייערע געבוירן־לענדער האָבן נישט וויניק צוגעטראָגן צום פילפאַרביקן בלי פון דער מאָדערנער, פראַנצויזישער קונסט און זיי ווערן אַלע פאַרעכנט, פּונקט ווי די פראַנצויזישע קינסטלער צו דער אַזוי גערופענער „פּאַריזער שולע", אַ באַגריף זייער אַ לויזער, וואָס האָט גאָרנישט קיין געמיינזאַמעס מיט אַ שטרענג דעפינירטער שולע, אָדער איינזייטיקער ריכטונג. עפּעס אַן אייגנאַרט פאַרמאָגט זי פאַרט און דאָס „עפּעס" האָט זיך יעדער פון די יידישע איינגעוואַנדערטע קינסטלער, פּונקט ווי נישט יידישע, צוגעאייגנט אויף זיין אופן. ס'איז אָבער שווער צו זאָגן אויף וויפל דאָס איז אויך גילטיק פאַר סוטינען.

די מאָדערנע פראַנצויזישע פּלאַסטישע קונסט מיט אַלע אירע אַוואַנגאַרדישע פעריאָדן און אומוואַנדלונגען, מיט אַלע אירע זיגזאַגן, שטיצט זיך אין גרונט אויף דער טראַדיציע פון דער גריכיש־ראָמאַנישער קונסט, וואָס איז אַריינגעפלאָסן קיין פראַנקרייך מיט ברייטע שטראָמען פון רענעסאַנס. די רענעסאַנס־מאָלעריי, וואָס איז געווען פעסט אָנגע־שפּאַרט אויף פּרעציזע ליניעס, פלאַכן, פּראָפּאָרציעס, אויף דער צייכענונג, אויף אַ גראַציעזער אַרכיטעקטאָניק, אויף אַ קאָנסטרואירטער קאָמפּאָזיציע פון האָריזאָנטאַלע, ווערטיקאַלע, דרייעקיקע, קרייזיקע פאָרמען, האָט גע־לאָזט אין דער פראַנצויזישער קונסט טיפע שפּורן. פון דעם אַלעמען האָט חיים סוטין וויניק וואָס גענומען. צוגעאייגנט האָט ער זיך בלויז די רייכע קאָלאָריסטיק, וואָס ער האָט אגב איבערגעשמאָלצן אין זיין אייגענעם, קינסטלערישן געמיט, זי איז געוואָרן ביי אים אַ שטורמישע, אַ שרייענ־דיקע פון וויטיק.

אויך דער עקספּרעסיאָניזם, וואָס וויקלט זיך דורך אין זיין מאָלעריי און קומט צום אויסדרוק אין דער דעפאָרמירונג פון מענטשלעכע פיגורן, איבערהויפּט פונעם פּנים און די הענט, איז נישט ענלעך צום קאָנווענציאָ־נעלן עקספּרעסיאָניזם. ער האָט גאָרנישט צו טאָן מיט זיין דייטשישן אורשפּונג. ס'איז זיינער אַן אייגענער, וואָס האָט געשטראָמט פון די

טיפענישן פון זיין האַרץ. סוטין איז אַ באַזונדערע דערשיינונג אין דער מאָלעריי און דאָס נישט בלויז אין פראַנקרייך. און נישט אין קונסט־קריטיקער פרעגט זיך היינט ווי אַזוי דאָס אָמאָליקע, אָרעמע, קרענקלעכע יינגל פון אַ קליין ליטוויש שטעטל, וואָס האָט אין זיין היים נישט באַקומען קיין שום בילדונג, אַפילו נישט קיין עלעמענטאַרע, איז דערגאַנגען צו אַ מדרגה, אַז ער זאָל פאַרנעמען אַן אויבנאַן אין דער וועלט־מאָלעריי ?

די רעטעניש פרווט מען בדרך כלל אויפקלערן מיט זיין טראַגישן לעבן. „דער הונגער, די קראַנקייט, די שרעק, האָבן אויסגעשפּינט אַזאַ נשמה־צושטאַנד, וואָס האָט אויפגעשטורעמט אין זיין מאָלעריי...״ — שרייבט דער פראַנצויזישער קריטיקער אַנרי סערוויאַ. אַנדערע פאַרגלייכן אים אין דעם פרט צו קאַפקאַן און דאָסטאָיעווסקין. איז טאַקע אמת, אַז סוטינס מאָלעריי איז שטאַרק באַווירקט פון זיינע אייגענע שווערע ראַנגלענישן, ווי מיר וועלן עס ווייטער זען. אָבער אמת איז אויך, אַז דער קינסטלער איז אַ קינד פון מזרח־איראָפּעאישן יידנטום, פון דעם יידישן גייסטיקן שטורעם און דראַנג, וואָס איז אויפגעשטיגן אין די דאָרטיקע יידישע אָרעמע שטעטלעך, אין די איינגעהויקערטע הייזקעס, ווו יידישע יינגלעך און מיידלעך האָבן זיך געריסן צו בילדונג, צו אויב נישט נאָך העכער, ווי שמעטערלינגען צו ליכט. אין די אַלטע שטעטלדיקע אָרעמע היימען, ווו ס׳איז נישט געווען גענוג ברויט און נישט קיין מעגלעכקייטן צו שיקן אַ קינד אין שול, האָט געפלאַטערט דער גייסט פון אַ לאַנג דורותדיקער קולטור־ירושה, וואָס מ׳האָט אַריינגעאָטעמט אין זיך צוזאַמען מיט דער לופט.

**
*

חיים סוטין איז געבוירן געוואָרן אין 1893, אין אַן אָרעמער שניידער־משפּחה אין שטעטל סמילאָוויטש, וואָס איז זיכער אויף דער מאַפּע נישט אָנגעצייכנט. ער איז געווען דער צענטער פון עלף קינדער ביי טאַטע־מאַמע. אין שטוב איז געווען מער מיילער צו עסן, ווי ברויט זיי אָנצוזעטיקן. סוטין האָט דערציילט, ווי אַזוי די מאַמע האָט געהאַלטן דאָס ברויט אונטער אַ שליסל, כדי די כאַליאַסטרע קליינוואַרג זאָל זיך נישט וואַרפן אויף דעם. דער פאַרהאָרעוועטער און פאַרביטערטער טאַטע, דער שניידער, האָט דעם כעס אויסגעלאָזט צו די קינדער. צוממיינסטן קלעפּ האָט אַריינגעכאַפּט דאָס אומרואיקע יינגל חיים. ער איז געווען אומדערטרעגלעך, געמאַכט מענטשעלעך אויף וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט: אויף

שטיקלעך פּאַפּיר, אויף קליידער, אויף די ווענט פון די הייזקעס, האָט אָפּגעפּאַרטרעטלט אַלץ און אַלעמען, וואָס ער האָט געזען אַרום זיך און דערמיט אַרויסגעפירט פון די כלים די שטעטלדיקע יידן. זיין דראַנג צו צייכענען האָט אים דערפירט צו גנבה: ער האָט באַגנבעט די שטוב צו קויפן אַ בלייפעדער. דערפאַר באַקומען נאָך מער קלעפּ.

צו צען יאָר האָבן אים די עלטערן אָפּגענומען פון חדר און געשיקט צו אַ קרוב אויסלערנען זיך דאָס שניידערישע פאַך. דער קליינער חיים האָט נישט געהאַט קיין חשק צו ווערן אַ שניידער. האָט דער קרוב געפּסקנט, אַז מען פאַרדינט נישט, דאַרף מען נישט עסן און דאָס ייִנגל האָט באַקומען אַזוי פיל, וואָס האָט קוים אונטערגעהאַלטן דאָס חיות אין אים. די מאַמע פלעגט אים פון צייט צו צייט צושיקן אַ לעבל ברויט מיט אַ הערינג, אָבער קיין חשק צו שניידעריי האָט עס נישט צוגעגעבן. בלית ברירה האָבן די עלטערן אים אָפּגעגעבן צו אַ פאָטאָגראַף אין מינסק. אויך דאָ האָט ער נישט געלעקט קיין האָניק, געווען שטענדיק מיט אַ ליידיקן מאָגן, וואָס האָט אים דערפירט צו זיין כראָנישער מאָגן־קראַנקייט. אין מינסק אָבער זענען זיינע צייכענונגען אַריינגעפאַלן צו אַ פּראָפעסאָר פון צייכענונג, און ער, דער פּראָפעסאָר, האָט געגעבן צו פאַרשטיין די עלטערן, אַז דאָס ייִנגל וועט אין אַ צען יאָר אַרום קאָנען פאַרדינען אויף זיין לעבן גיכער מיט צייכענונגען, ווי מיט אַן אַנדער פאַך. דערצו האָט ער זיך אונטערגענומען צו געבן אים לעקציעס.

דערווייל איז געשען אַן אומגליק: בעת אַן אויפהאַלט ביי זיך אין שטעטל, האָט דער יונגער חיים געמאַכט אַ צייכענונג פונעם רב ביים דאַווענען אין בית־המדרש. דער שטעטלדיקער קצב האָט דאָס געהאַלטן נישט נאָר פאַר אַ חילול השם, נאָר אויך פאַר אַ פּחיתות הכבוד לגבי דעם רב. כדי אָנצולערנען איין מאָל פאַר אַלע מאָל דעם בעל־עבירה, האָט ער פאַרנאַרט דאָס ייִנגל צו זיך און אַזוי אים צערעכט געמאַכט, אַז ער איז קוים אַ לעבעדיקער אַרויס פון זיינע קצבישע הענט. אָנברעכנ־דיק אים מיט אַ שטעקן די ביינער, האָט זיך דער קצב אַ ביסל צופיל פאַרגאַלאָפּירט און אים צעבראָכן אַ פוס. מ'האָט געמוזט איבערפירן דאָס ייִנגל אין שפּיטאָל און דעם קצב האָט דאָס געריכט צוגעפּסקנט צו באַצאָלן 15 רובל אָנטשעדיקונג. די סומע האָט דערמעגלעכט דעם 16־יאָריקן בחורל צו פאָרן קיין ווילנע אין אַ צייכנונגס־שול. דעם עקזאַמען האָט ער נישט אויסגעהאַלטן, אָבער ער האָט זיך אַזוי געבעטן מיט טרערן

אין די אויגן מ׳זאָל אים לאָזן בלייבן לערנען, אַז מ׳האָט אים אַנגענומען אין שול, ווו ער איז אין גיכן געוואָרן דער בעסטער שילער.

אין 1912 איז דער 19־יאָריקער סוטין געקומען קיין פּאַריז. ווי אַלע אָרעמע, פּאַרוואָגלטע קינסטלער, האָט ער אַריינגעטראָפן אין באַ־רימטן דעמאָלטיקן „לאַ ריש" — אין דעם „בינשטאָק", נישט ווייט פון די שעכט־הייזער אין 17־טן קוואַרטאַל. דאָרט האָט ער באַגעגנט פּיקאַסאָ, מאָדיליאַני, קיקאָאין, קרעמיע, שאַגאַל און פיל אַנדערע שפּע־טערדיקע מייסטער. זיי האָבן צוזאַמען געהונגערט, צוזאַמען געטרוימט וועגן בעסערע צייטן און יעדער האָט אויף זיין אייגענעם אופן געהויבן זיך צו די הויכקייטן פון דער קונסט. דער אויסגעדאַרטער, קרענקלעכער סוטין מיט די איינגעבויגענע אַקסלען און גלאַנציק־אומעטיקע אויגן האָט באַלד פון אָנהייב געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין באַ־זונדערן אופן פון מאָלן. דער פּוילישער דיכטער און באַקאַנטער קונסט־הענדלער זבאָראָווסקי, וועלכער האָט אַרויסגעהאָלפן נישט איין הונגעריקן קינסטלער פון „לאַ ריש" און באַזונדערס זיך פאַרנומען מיט מאָדיליאַנין, איז אפשר געווען דער ערשטער צו דערזען דעם אייגנאַרטיקן טאַלאַנט פון סוטינען. ער פלעגט איינלייגן וועלטן, כדי אָפּצושטעקן ערגעץ זיינס אַ בילד און אַזוי האָט ער דעם יונגן מאָלער דערמעגלעכט אָפּצוטרייבן דעם הונגער. נישט איין מאָל איז סוטין אַריינגעפאַלן צו זבאָראָווסקין און געבעטן דערוויַיל עטלעכע פראַנק פאַרויס איבערצוקומען אַ טאָג.

אַ צופאַל האָט פאַריאָגט די שוואַרצע נויט און גליקצייטיק באַקאַנט געמאַכט סוטינען. אַן אַמעריקאַנער קונסט־הענדלער האָט געזען ביי זבאָראָווסקין סוטינס עטלעכע בילדער און זיך דערקענט אויף זיי. ער האָט גלייך אויפן אָרט אָפּגעקויפט 25 לייוונטן. דאָס איז געווען ערשט אין יאָר 1926. מ׳האָט געזאָגט, אַז סוטין האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן עסן צו דער צייט און זיך לייטיש אָנטאָן. ביי זיינע אַלע שפּע־טערדיקע דערפאָלגן איז ער אָבער געבליבן מיט אַ קרענקלעכן אויסגע־צערטן פּנים און איינגעבויגענע אַקסלען. געבליבן איז ביי אים אויך אויפן גאַנצן לעבן אַ שווערע מאָגן־קראַנקייט, וואָס האָט, בעת עס זענען געקומען שווערע צייטן, פאַרקירצט זיינע יאָרן.

***

אין דעם שוואַכן, קרענקלעכן גוף איז געזעסן אַ שטאַרקער גייסט, אַ נשמה פון הוילער יצירה און אַ דורשטיקע נאָך וויסן. אין די ערגסטע באַדינגונגען האָט סוטין אַ סך געלערנט, געלייענט, דעראָבערט זיך שטופנווייז אַ ברייטע קולטור. ס׳איז, אַ פשיטא, פאַלש די מיינונג, אַז טאַלאַנט אַליין איז גענוג, אַז אויב מען האָט טאַלאַנט קאָן מען זיך באַגיין אָן לערנען. אַ מענטש, וואָס איז געבענטשט מיט דעם עכטן געטלעכן פונק פון יצירה, פילט אַ שטענדיקן דורשט נאָך וויסן, נאָך בילדונג. אַזעלכער איז געווען חיים סוטין.

ער האָט געלערנט די פראַנצויזישע שפּראַך, באַזוכט מוזייען, געלייענט אַ סך, דער עיקר דיכטונג און גלייכצייטיק אַ סך געמאָלן. ער איז געווען אַ טיטאַן פון אַרבעט. הונדערטער בילדער זענען אַרויס פון אונטער זיין פּענדזל, צענדליקער האָט ער צעשניטן מיט אַ מעסער, פאַרברענט. ס׳פלעגט געשען, אַז ער איז געקומען צו אַ קונסט־הענדלער, אַ קאָלעקציאָנער און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן מ׳זאָל אים צוריקגעבן אַ בילד, אויסבאַהאַלטנדיק צוליב וואָס ער וויל עס צוריקנעמען. ס׳פלעגט אויך טרעפן, אַז מ׳האָט אים אָפּגעזאָגט צוריקצוגעבן אַ לייוונט און שפּעטער איז סוטין דאַנקבאַר געווען, ווייל דאָס בילד, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אַ נישט געראָטנס און פאַרמשפּעט עס צום אומקום, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ מייסטער־ווערק.

געמאָלן האָט ער ווי אַ באַנומענער, פון איין אַרבעטס־סעאַנס האָט געקאָנט געבוירן ווערן אַ בילד. צום גרעסטן טייל האָט ער אָבער זיך צוריקגעקערט מיט עקשנות צו זיינע לייוונטן. צום מאָלן האָט ער געדאַרפט האָבן פאַר זיך אַ מאָדעל, אַ מאָטיוו, אַ נאַטור־סיטואַציע. ווען ער האָט געמאָלן אַ פּייזאַזש אין אַ רעגנדיקן טאָג און דאָס וועטער האָט זיך געענדערט, פלעגט ער דערנאָך מיט ליכט אויסקוקן אויף אַ רעגן. ער פלעגט מאָלן אין פעלד ביים ערגסטן וועטער, אָדער אונטער אַ ברענענדיקער זון, ווען ער איז געווען אין דרום־פראַנקרייך, אָדער אין די פראַנצויזישע פּירענייען־בערג. . דאַקעגן האָט סוטין קיינמאָל נישט געמאַכט קיין אַנדערע צוגרייטונגען, קיין שום סקיצן, קיין צייכענונג צו אַ בילד. די צוגרייטונג איז געווען אַן אינערלעכע, אַ נשמהדיקע. דאָס איז געווען אַן אָנזאַמלונג פון עמאָציעס, ליידנשאַפטן, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן אין זיך און ספּאָנטאַן זיי אוסגעגאָסן אויפן לייוונט.

מעגלעך, אַז דאָס האָט געשטאַמט נאָך פון זיין ערשטער פּראַקטיק, ווען ער האָט אויף די ווענט פון די שטעטלדיקע הייזקעס געוואָרפן אַ

פלעק, אויף גיך אַ פּיר געטאָן מיטן בליי, מיט אַ האַלץ־קויל, וואָס איז געווען באַשטימט צום טאַטנס פּרעס־אייזן. טראָץ דעם איז די טעכניק פון אויפבויען אַ בילד דערגאַנגען ביי אים צו דער העכסטער שלימות־דיקייט. ער האָט זיך ביי דער אַרבעט באַנוצט מיט אַ פּערציק פּענדזלען, יעדער פּענדזעל האָט געדינט צו אַן אַנדער אינטענסיווקייט פון דער פאַרב, צו אַ באַזונדערן ניואַנס. דאָס איז אַ מאַלעריי, וואָס פאָדערט אַ נישט געוויינטלעכע נערוון־אָנשטרענגונג. ער האָט טאַקע געמאָלן ווי אין פיבער, ווי אַ געהיימער, אומגעצוימטער כוח וואָלט געפירט מיט זיין האַנט, מיט זיין פּענדזל, וואָס האָט געוואָרפן הייס־גליענדיקע פאַרבן־לאַווע אויפן לייוונט. אַ קאָלירן־סטיכיע פליצט און זי מאָדעלירט זיך פון זיך אַליין, קאָנסטרואירט זיך. פאַרב און פאָרם זענען איינס, נישט פונאַנדערצוטיילן, פּונקט ווי מאַטעריע און גייסט זענען נישט קיין צוויי באַזונדערקייטן, די צווייטע באַקומט ער אַרויס פון דער ערשטער דורך זיין טראַגישער וויזיע. ווי דערמאָנט שוין, האָט ער פּונקט ווי סעזאַן אַרויסבאַקומען די פאָרם, די קאָנסטרוקציע, דעם גייסט, אַלץ פון דער פאַרב, פון דער מאַלערישער סובסטאַנץ אין איר אינטענסיווקייט און אין איר רייכער פאַרשידנאַרטיקייט. זיין טעכניק איז אָבער געווען אַ דורכויס אייגן־פּערזענלעכע.

מ׳האָט געפּרוווט פאַרגלייכן זיין קונסט אין איר שטורמישן ברויז צו וואַן גאָגס מאַלעריי. אין גרונט איז זי אין גאַנצן אַנדערש. וואַן גאָג, מאַלנדיק אַפילו אין די ערגסטע קריזיס־צייטן פון וואַנזין, האָט איינ־געהאַלטן אין זיין געשלענגלטן פּענדזל־שמיר, וואָס האָט אויסגעדריקט וויטיק, אין זיין צוממיינסטן וויברירנדיקער מאַלעריי, אַ גלייכגעוויכט. ביי סוטינען, דאַקעגן, איז אומעטום און שטענדיק אַ צעטרייסלעניש, ווי עפּעס אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע וואָלט אַלץ פונאַנדערגעטרייסלט. דער וואַלד, דיביימער, די הייזער און הייזקעס, אַלץ איז אין צעשטורעמטער באַוועגונג.

**

סוטין איז אַ מאָלער פון אינסטינקט, פון אייגענע געפילן און עמאָציעס. זיין מאַלעריי איז מער ווי ביי יעדן אַנדערן קינסטלער אַ סוביעקטיווע. ער אידענטיפיצירט זיך מיט איר. די דראַמע, וואָס ער גופא האָט דורכגעמאַכט, די נויט, דער הונגער, די וואַגלענישן, האָבן

מסתמא געלייגט אַ חותם אויף זיין קונסט. ער האָט שטענדיק געטראָגן אין זיך אַ גרויסן ווייטיק, אַן אַנגסטיקע שרעק. אפשר דערפאַר איז יעדער פענדזל־שמיר אַ שטיק ווייטיק. די מאָלערישע מאַטעריע פולסירט לײדנשאַפטלעך, ווירבלט, קנוילט זיך, ברויזט מיט אומרו, מיט טראַגיזם. די געדעמפטקייט, אינטענסיווקייט פון די פאַרבן שאַפן אַ נישט געוויינט־לעכע דראַמאַטישע שפּאַנונג. סוטינס קאָלירן זינגען נישט ווי שאַגאַלס. זיי שרייען, שטורעמען, פּראָטעסטירן, און מערקווירדיק: גלייכצייטיק דריקן זיי אויס אינטימקייט, ליבשאַפט, מיטלייד. דער בלוי, גרין, געל, בלוי־שוואַרץ, דער זעלטענער, געדעמפטער ווייס און דער עיקר דער רויט פאַרמאָגן אין זיך אַ מיסטישן און מאַגישן כוח, זיי טראָגן אין זיך דעם כישוף פון סודותדיקער יצירה.

כ'האָב געזען אין מוזיי פון דער אַמאָליקער צעשטערטער שטאָט פּאָמפּיי אַן אויפגעלעבטן דאָרטיקן רויט. ער איז אין יענע צייטן געווען ספּעציפיש בלויז פאַר דער קונסט פון דער שטאָט פּאָמפּיי, וואָס איז געווען באַרימט מיט איר קונסט־אויפשטייג. פונקט אַזוי איז ספּעצי־פיש די רויטע פאַרב פאַר סוטינען. אַזאַ הייסער ברויז איז זעלטן צו זען. זיין רויט איז לעבעדיק בלוט, וואָס פליסט פון אויפגעשניטענע אָדערן און דאָס בלוט זידט און קאָכט. שטייסטו פאַר זיינע „אָפּגעשונדענע" אָקסן, פאַר די געשאָכטענע עופות, פילסטו ווי דורך דער רויטער פאַרב פליסט דאָס לעבעדיקע בלוט און עס דוכט זיך דיר, אַז דאָס זענען נישט קיין טויטע ברואים, עס ראַנגלט זיך דאָס לעבן מיטן טויט, עס וויל נישט אָפּטרעטן פאַרן טויט.

מ'האָט מיר דערציילט, אַז צום מאָלן דאָס ערשטע מאָל דעם „גע־שאָכטענער אָקס", האָט סוטין געקויפט אַ זייטל פלייש און עס אויפגע־האַנגען אויפן באַלקאָן, אַזוי ווי עס הענגט אין שעכטהויז. כדי עס זאָל אין דער צייט פון מאָלן נישט פאַרלירן דעם אמתן קאָליר, האָט ער אין זעלבן שכנותדיקן שעכטהויז געקויפט ליטערס בלוט און פון צייט צו צייט באַגאָסן דאָס פלייש. ס'איז געווען זומער. פונעם זייטל אָקס האָבן אַנגעהויבן זיך טראָגן נישט אָנגענעמע ריחות. די שכנים האָבן סוטינען אָנגעקלאָגט אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. סוטין איז געווען פאַרצווייפלט, ווען אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר איז געקומען און געפאָדערט אַראָפּצונעמען דעם אויסטערלישן מאָדעל. ער האָט ווי אַ קינד מיט טרערן אין די אויגן געבעטן מ'זאָל אים לאָזן פאַרענדיקן דאָס בילד. זיין גוטער מלאך,

דער אויבן־דערמאָנטער זבאַראָווסקי, איז געלאָפן אין אַפּטייק, געבראַכט אַ שטאַרקע דעזינפעקציע, וואָס האָט פאַרטריבן דעם ריח און דער פּאָליציי־קאָמיסאַר איז איינגעגאַנגען דאָס זייטל פלייש זאָל בלייבן הענגען ביזן פאַרענדיקן דעם לייוונט. ענלעכע מעשיות האָט מען זיך דערציילט וועגן אים, בעת ער האָט געמאָלן זיינע געשאָכטענע עופות, וואָס מ'קאָן זען אין אַ גרויסער צאָל אויף דער אויסשטעלונג.

אויך אין יעדן געשאָכטענעם עוף צאַפּלט לעבן. דאָס פלעמעלע לעבן וויל בשום אופן נישט אונטערגעבן זיך דעם טויט. סוטין האָט געהאַט דערציילט, אַז אַלס אַ יינגל האָט ער ביים שוחט מיט גרויס צער זיך צוגעקוקט צום געראַנגל פון אַ געשאָכטענעם האָן. יענע מיסטעריע און טראַגיזם פון לעבן און טויט, האָט ער אויף פאַרשידענע אופנים טראַנספּאָנירט אויף זיינע לייוונטן. אָט איז דאָס בילד „די הון מיט טאָמאַטן". דער געשאָכטענער עוף הענגט מיטן קאָפּ אַרויף ווי אַ געהאַנגענער מענטש. דער שנאָבל איז ברייט צעשפּרייט, עס רייסט זיך אַרויס דורך אים פון לאַנגן האַלדז אַ געשריי. דער בייכיקער קערפּער, די אויסגעצויגענע, אַראָפּגעהאַנגענע פיס זענען נאָך אין גסיסה־קראַמפּן און אונטן זענען שוין צוגעגרייט טאָמאַטן אים צוצופּראָוון.

באַלערנדיק זענען די בילדער פון די פריִע יאָרן אין פּאַריז. הגם די אויסשטעלונג נעמט אַרום בלויז אַ קליינעם טייל פון סוטינס קונסט־פאַרמעגן, איז זי אין אַ געוויסן זין אַ רעטראָספּעקטיווע. פאַראַן בילדער פון די ערשטע צייטן אין פּאַריז און פון די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. אַ שטיללעבן, וואָס האָט די דאַטע 1916: אַ טעלער אויפן טיש און אויפן טעלער דריי מאָגערע הערינג, צוויי גאָפּלען שטרעקן זיך צו זיי. הונגעריקע, גיריקע הייבן זיי אָן זיך אַריינשניידן אינעם לייב פון די הערינג. דו פילסט דעם הונגער. מסתמא איז דאָס אַ דערמאָנונג פון די יינגלשע הונגער־יאָרן. און דו פילסט אויך די טויט־שרעק פון די הערינג, זי פלייצט אַרויס פון די אָפענע מיילער; דאָס אויג קוקט אויף דיר מיט ייאוש.

דאָס באַקאַנטע בילד „די פרוי אין רויטן" שטאַמט פון יאָר 1922. דאָס בילד פאַרכאַפּט אי מיטן דראַמאַטיזם, אי מיט דער מייסטערשאַפט פון מאָדעלירן די מאָלערישע מאַטעריע. אַ פרוי אָן אַן עלטער. אַ פרוי מיט איר גורל. דאָס פּנים דעפאָרמירט דורך אַ גרימאַסע־שמייכל, די אומגעלומפּערטע הענט מיט די ביינערדיקע אויסגעדרייטע פינגער אויס־

געלייגט אויפן שוים פון אויסגעבויגענעם גוף. דאָס זענען הענט, וואָס דערציילן, פּראָטעסטירן קעגן אַ בייזן גורל. איבער דעם שטויס צעכוואַליעטער, רויטער מאַטעריע הערשט אַ גרויסער טונקל־בלויער הוט אויפן קאָפּ. פון הינטערן הוט קוקן צו דיר אויגן טריבע, שטאַרע, אָבער זיי מאָנען, די אויגן, זייערע בליקן דרינגען אונדז דורך.

באַזונדער רירן די בליקן פון דער אַלטער אַקטריסע. אירע צעטראָגענע, אויסגעלאָשענע אויגן קוקן אַזוי ווי זיי וואָלטן שוין גאָרנישט געזען פאַר זיך. דאָס פּנים באַצויגן מיט מילדן אומעט, מיט רעזיגנאַציע; די נאַקעטע, ביינערדיקע אָרעמס זענען ווי צוגעטשעפּעט צום אויסגעקרומטן גוף, די אויסגעדרייטע הענט זענען פול מיט מענטשלעכן צער און פּיין.

די הענט ביי סוטינען קאָנען זיין אַ טעמע פאַר זיך. עס דערמאָנט זיך, אַז דער פראַנצויזישער גרויסער סקולפּטאָר אויגוסט ראָדען האָט מאָדעלירט אַ סך הענט אין גאַנצן באַזונדער. בלויז דורך די הענט האָט ער אויסגעדריקט אַ געמיט־צושטאַנד, איבערגעגעבן פּסיכישע אייגנשאַפטן, פּסיכאָלאָגישע שטריכן. ראָדען איז אין זיין קונסט געווען אַן אימפּרעסיאָניסט, ער האָט אין זיינע סקולפּטירטע הענט אַרויסגעבראַכט אויך דאָס צאַרטע, געמיטלעכע, דאָס פריידיק־צערטלעכע. סוטין האָט אַנטבלויזט דורך די דעפאָרמירטע, ביינערדיקע, צעדרייטע הענט דעם טיפסטן מענטשלעכן ווייטוק און טראַגיזם. נישט נאָר אַלטע, אָפּגעלעבטע הענט, ווי ביי דער אַלטער אַקטריסע, נאָר אויך יונגע הענט דריקן אויס דעם ביטערן גורל. אין די צוזאַמענגענומענע מיט אַן אומגעלומפּערטער באַוועגונג הענט פון דעם יונגן פאַרמע־מיידל איז אויסגעגאָסן די גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט און אָנמעכטיקייט פון מענטש.

סוטין האָט געהאַט אַ נייגונג צו מאָלן יעגער־יינגלעך, יונגע לאַקייען, בעקער־יינגלעך, קריסטלעכע כאָר־יינגלעך. אין פלוג דוכט זיך, אַז גע־ וויסע בילדער פון דעם מין, געמאָלן אין זעלטענעם פּורפּור־רויט און אין בלענדיקן ווייס, מיט די איידלסטע מאָדולאַציעס, זענען מער רואיקע אין זייער פּאָרטראַכטקייט, מער געמיטלעכע, אפילו מיט די אָפּגעשטאַנענע אויערן און מיטן אויסגעקרימטן שמייכל. קוקט מען זיך איין, דערזעט מען אויך אין זיי אַ פאַרבאָרגענעם צאַפּל, אַ געהיימע אַנגסט.

אויך זיינע וווּנדערבאַרע פּייזאַזשן, אין וועלכע ער האָט אַזוי מייס־טערהאַפט אַ גלאַנץ געטאָן מיט אַ ברייטער גאַמע פון לירישע און צאַרטע

קאַלירן, זענען נישט פֿריי פֿון אינערלעכער אויפֿרודערונג. דער גרינער וואַלד איז בײַ סוטינען אין אַזאַ צעטרייסלעניש, ווי אַ שטורעם וואָלט דורך אים דורכגעגאַנגען. און ווידער איז די צעשטורעמטקייט אַרויסגעבראַכט מער דורך דעם פּענדזל־שמיר, דער געדעמפּטקייט פֿון דער פֿאַרב, דורך די פּילצאַליקע ניואַנסן, וואָס ער באַקומט אַרויס פֿון דעם גרין, ווי דורך די ליניעס.

סוטין שאַפֿט איבער, טראַנספֿאָרמירט איבער די נאַטור אויף פֿאַרשידענע אופֿנים. אַט העגנען זיך אָן די אויגן אין אַ פּייזאַזש, וואָס פֿאַרבלענדט. דער רויט שימערירט, שלענגלט זיך, קלעטערט באַרג־אַרויף. וואָס איז דאָס? מ׳קאָן עס אָננעמען פֿאַר אַ לירישע טראַנסקריפּציע. רויטע טרעפּ, וואָס דראַפּן זיך אין דער הויך, און אַרום זיי אַ ווינקל פֿון דער שיינער, דרומדיקער שטאָט קאַן, איינגעוויקלט אין לויטערן ליכט. די טרעפּ זעען אָבער אויס ווי אַ קאַסקאַדע אין דעם פּילפֿאַרביקן אַרום.

און אָט איז אַ דאָרף מיט זײַן רײַכער לאַנדשאַפֿט אין דרום פֿראַנקרײַך. אויפֿן בילד איז דאָס דאָרף איינגעטונקען אין צויבערנדיקע קאָלירן, ס׳איז אַן אמתע אָרגיע פֿון פֿאַרבן, לירישע, צאַרטע. אָבער די קאָלירן קנוילן זיך, פֿלעכטן זיך לײַדנשאַפֿטלעך צוזאַמען. דאָס בילד פֿאַרכאַפּט דאָס אויג מיט דער שיינקייט, לירישקייט, אָבער פֿאַראַן אין דעם אויך אומרואיקע וויבראַציע.

אין דעם פּרט טיילן זיך אויס בײַ אים זײַנע פּאָרטרעטן. מען דערציילט, אַז סוטין האָט נישט גערן געהאַט צו מאָלן פּאָרטרעטן, בפּרט אויף באַשטעלונג. און דאָס לייגט זיך אויפֿן שכל. ער האָט געמוזט טיילווײַז אַוועקגיין פֿון זיך גופֿא, צוימען דעם אימפּולסיוון פּענדזל. דאָך האָט ער געמאָלן אויך פּאָרטרעטן און ס׳איז נישט מעגלעך פֿאַרבײַצוגיין פֿאַר זיי און זיך נישט פֿאַרהאַלטן לענגער. וואָס ציט צו אין זיי? אַ גרויסע אַרטיסטישע רײַפֿקייט, אַן אויסערגעוויינטלעכע קאָרגשאַפֿט און זויבערקייט פֿון דער ליניע און אַן אַנטבלויזונג פֿון דער אינערלעכער וועלט אינעם מענטש. ס׳איז אַ קונסט, וואָס דערגראָבט זיך צו די טיפֿעניש פֿון מענטשנס נשמה.

ס׳ווילט זיך צום סוף דערמאָנען אַ בילד, וואָס האָט באַזונדער געצויגן מײַן אויפֿמערקזאַמקייט. דאָס איז אַ פֿערד. סוטין פֿאַרמענטשלעכט זײַנע בעלי־חיים. דאָס פֿערד איז נישט נאָר פֿאַרמענטשלעכט, נאָר אויך פֿאַרייִדישט.

סוטין האָט קיין ייִדישע געשטאַלטן נישט געמאָלן, קיין ייִדישע טעמאַטיק געפֿינען מיר נישט אין זיין קונסט. דאָס ייִדישע אין זיין מאָלע־ריי איז דער אומרו, די ליידנשאַפֿט, דער אַנגסט, די אימפּולסיװקייט. װאָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז דאָס פֿערד איז געמאָלן װי פֿיל אַנדערע זיינע בעלי־חיים, אָבער ניין, דוכט זיך מיר. אין סוטינס בילד קאָן מען דערזען פֿאַר זיך די קליאַטשע פֿון אונזער זיידן מענדעלע מוכר־ספֿרים. דאָס באַשעפֿעניש איז אַזוי װי דער זיידע האָט עס געזען: די פֿעל אָפּגע־קראָכן, אָפּגעריסן, דאָס גאַנצע געשטאַלט אין ציטערניש, װי עפּעס װאָלט געלאָקערט אויף אים; ס'דוכט זיך, עס װיל אויפֿהייבן דעם קאָפּ נאָר מען לאָזט נישט. אַ פֿערד אַ דראַמע, ענלעך צום ייִדישן גורל.

פּאַריז 1973

אַ וויזיט ביי חנה אָרלאָוו

אויב דעם יידישן עולם זענען ווייניק באַקאַנט די יידישע פּלאַסטישע קינסטלער, זענען אים נאָך ווייניקער באַקאַנט די יידישע קינסטלערינס. און פאַראַן דאָך אַ היפּשע צאָל טאַלאַנטירטע פרוין־מאָלער, גראַ־פיקערינס, פרויען־סקולפּטאָרן און צווישן זיי אַזעלכע, וואָס אַנדערע פעלקער וואָלטן זיך געגרויסט מיט זיי.

אויב וועגן לעבן פון אַ יידישן קינסטלער וואָלט מען געקאָנט אָנ־שרייבן אַ גאַנצע עפּאָפּייע, וואָלט אַזאַ עפּאָפּייע וועגן אַ יידישער קינסט־לערין נאָך ברייטער און דראַמאַטישער געווען. איר שטעלט אייך פאָר אַ בוך וועגן טראַגישן לעבן פון דער מאָלערין אסתר קאַרפּ, וועלכע האָט פריצייטיק אויסגעהויכט די נשמה אין אַ פּסיכיאַטרישן אַנשטאַלט, אָדער וועגן דער אומגעקומענער אויף דעפּאָרטאַציע חנה קאָוואַלסקאַ, וואָס האָט אפילו אין לילאַ־לאַגער געמאָלן. און איך הייב נישט אָן פון דער סאַמער הויך.

דאָס שווערע לעבן און שאַפן פון אַ סך פּלאַסטישע קינסטלער האָט ביי די אומות העולם אַנגערעגט גרויסע שרייבער. אין יעדער ליטעראַטור קאָן מען געפינען אַ היפּשע צאָל ביכער, נישט בלויז אָפּהאַנדלונגען, עסייען, נאָר אויך ראָמאַנען, בעלעטריזירטע מאָנאָגראַפיעס. און איך בין נישט אויסן בלויז די ראָמאַנען וועגן אַ רעמבראַנדט, גאָיאַ, טולוז לאָ־טרעק, וואַן גאָג, נאָר אויך וועגן קינסטלער פון אַן אַנדערן קאַליבער, און וועגן הייַנטצייטיקע. און מיר האָבן דאָך אויך געהאַט אַ מאָוריצי גאָט־ליב, אַ נחום אַראָנסאָן, אַ חיים סוטין, אַ קיסלינג און איך וועל זיי דאָ אַלע נישט אויסרעכענען. וואָס ווייסט דער יידישער עולם וועגן די גרויסע יידישע מייסטער? וועגן אַזעלכע טראַגישע קינסטלער־געשטאַלטן ווי די אויבן דערמאָנטע מאָלערינס? וויפל יידישע שרייבער האָבן גע־נומען אַזאַ טעמע אויף זייער שרייבער־וואַרשטאַט? אפילו אין דער יידישער פּרעסע ווידמעט מען גאָר ווייניק פּלאַץ דעם יידישן קינסטלער. און נאָך ווייניקער דער יידישער קינסטלערין.

חנה אָרלאָוו איז, וואָס אַן אמת, אין דעם פּרט אַן אויסנאַם. זי האָט געהאַט נישט ווייניק אומגליקן, ווי זי האָט דאָס מיר דיסקרעט דערציילט, האָט אָבער אויך געהאַט דאָס גליק צו האָבן צווײ הימלען־דער אין וועלכע איר קונסט האָט געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג. זי איז באַקאַנט סיי אין פראַנקרייך, דער עיקר אין קונסט־קרייזן, סיי אין ישׂ־ראל, און אויך אין אַנדערע לענדער. אירע ווערק פאַרנעמען אַן אָנ־געזעענעם אָרט אין מוזייען, אויף באַרימטע אויסשטעלונגען. אירע אַן אויסשטעלונג אין ישׂראל אונטערן טיטל „50 יאָר סקולפּטור״ איז געהאַט אי־בערגעטראָגן געוואָרן פון שטאָט צו שטאָט.

חנה אָרלאָוו האָט אַ לאַנגע קינסטלערישע קאַריערע. דעם געטלעכן פונק פון יצירה האָט זי דערפילט אין איר גאָר פריער יוגנט. ס׳זענען אָבער אויך פרי געקומען יאָרן פון וואַגלעניש. צו 15 יאָר האָט זי מיט אירע עלטערן אויסגעוואַנדערט פון אַן אוקראַאינישׁ שטעטל קיין ישׂראל. אין לאַנד פון די אבות האָט זי געשטעלט אירע ערשטע קינסט־לערישע טריט. דער גרויסער באַגער צו לערנען, זיך צו פּערפעקציאָנירן אין איר קונסט, האָט זי צו 23 יאָר געבראַכט קיין פּאַריז. זי איז שוין פאַרבליבן אין דער שטאָט פון קונסט, אָבער אויך פאַרבליבן געבונדן מיט אַלע פיבערן פון איר האַרץ מיט ארץ ישׂראל און דערנאָך מיט דער ייִדישער מדינה. *

*****

מ׳האָט מיר געהאַט אַ סך דערציילט וועגן חנה אָרלאָוו. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך דערוווּסט וועגן איר פון מײַן עלטערער פריינדין חנה קאָוואַלסקאַ, וואָס האָט ביי יעדער געלעגנהייט גערעגט מײַן נייגיר צו פּלאַסטישער קונסט. כאָטש זי האָט צום גרעסטן טייל געשריבן (און גע־וועזן לעקטאָרין) וועגן דער אַלטער קונסט, איבערהויפּט עגיפּטישער, איז זי גלייכצייטיק אויסגעבונדן געוועזן מיט הייַנטצייטיקע שטרעמונגען און מיט די לעבעדיקע קינסטלער, דער עיקר מיט די ייִדישע. איינצלנע טעג פאַר איר אַרעסט, בעת אַ טרעפונג ביי דער אונטערערדישער אַרבעט, שפּאַנענדיק לאַנג איבער די ווייטע פון די ייִדישע קוואַרטאַלן פּאַריזער גאַסן, האָט זי נאָך דערמאָנט וועגן דעם און יענעם ייִדישן קינסטלער

* זי איז געשטאָרבן אין ישׂראל בעת אירן אַ באַזוך אין לאַנד אין 1968.

וועגן וועלכן זי האָט געשריבן און צוגעזאָגט צוזאַמען אָפּצושטאַטן וויזיט.

חנה קאָוואַלסקאַ האָט איר צוזאָג מיך ארייַנצופירן צו חנה אָרלאָוו נישט געקאָנט דערפילן. זי איז דורכן רויך פון אוישוויצער קרעמאַטאָריע אַוועק אין דער אייביקייט. ס׳זענען אָפּגעלאָפן יאָרן. קיין וואַרשע זענען צו מיר דורך אַ צופאַל דערגאַנגען צוויי פאָטאָגראַפישע רעפּראָדוקציעס פון חנה אָרלאָווס סקולפּטור, ביידע אויף דער טעמע פון מוטערשאַפט: אַ יונגע מאַמע מיט אַ קליין קינד אויפן שויס. דער מאַמעס פנים שטראַלט מיט גוטסקייט און ליבשאַפט. זי קוקט אויף איר קינד מיט אויגן פול מיט האָפענונג. די צווייטע מוטער איז אַ פול־לייביקע נאַקעטע פרוי מיט אַ קינד ביי דער ברוסט. דער מאַסיווער קערפּער ליגט אויסגעשפּרייט ווי די מאַמע־ערד, וואָס שפּראָצט מיט פרוכטבאַרקייט, וואָס גיט לעבן און שפּייזט דאָס לעבן. די פאָטאָס פון ביידע סקולפּטורן האָבן אַרויסגערופן דערינערונגען. כ׳האָב זיך צוגעזאָגט צו באַזוכן חנה אָרלאָוו ווי נאָר ס׳וועט זיין די קלענסטע מעגלעכקייט. און ווען ס׳איז געקומען די צייט, ווען כ׳האָב נאָכן אָפּרעדן זיך דורכן טעלעפאָן, זיך געלאָזט צו איר, האָט זיך מיר אויפן וועג געדוכט, אַז עס באַגלייט מיך דער שאָטן פון חנה קאָוואַלסקאַ.

***

דאָס קליינע זייטיקע געסל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון מאַלער סעראַ, איז כמעט אין גאַנצן באַוווינט פון קינסטלער. באַשיידענע הייזקעס־ווילעס לענגאויס ביידע זייטן פונעם געסל. זיי האָבן מיר אויסגעזען ווי גרויסע איינגעמויערטע אין דער ערד קאַסטנס. אין איינער אַזאַ הייזקע־ווילע האָט די לעצטע יאָרן געלעבט און געשאַפן חיים סוטין. נישט ווייט פון זיין געוועזענער אַטעליע און וווינונג איז די איין שטאָקיקע ווילע פון חנה אָרלאָוו. איך האָב שוין געוווּסט, אַז דאָס געהער איז ביי דער קינסטלערין פאַר די לעצטע צייטן שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. כדי זיך נישט צו אַנטוישן, האָט מאַנע קאַץ געהאַלטן פאַר נויטיק מיך צו אינפאָרמירן, אַז „ס׳איז שוין נישט די זעלבע פרוי, וואָס איך האָב אַמאָל געקענט״.

ווי אַנגענעם איבערראַשט בין איך געווען, ווען איך האָב דערזען פאַר זיך אַ פעסט־געבויטע פרוי, שוין טאַקע אַן עלטערע, אָבער נאָך אַן אויסגעגליכטע, מיט אַן ענערגיש און מונטער פנים, אַ באַצויגנס מיט אַ

גוטמוטיקן שמייכל. ענערגיע און גוטמוטיקייט האָבן געשפּריצט פון איר פאַרעלטערט געזיכט. איך האָב באַלד דערנאָך פאַרגליכן איר געשטאַלט צו די ישראלדיקע פרויען, ריכטיקער — צו די אַמאָליקע פרויען־פּיאָנערן, וואָס זענען געשטאַנען אויסמאָדעלירט אין איר אַטעליע. זי האָט מיר אַליין אויפגעמאַכט די טיר און מיט האַרציקער גאַסטפריינדלעכקייט אַריינגעפירט אין אַ זאַל־מוזיי, וווּ עס זענען געווען אויסגעשטעלט אַ גרויסע צאָל סקולפּטורן: וועלטן גאַנצע פאַרגליווערט אין בראָנז, שטיין און האָלץ. נײַן, פאַרגליווערט איז נישט דאָס ריכטיקע וואָרט, ווײַל אין חנה אָרלאָווס געשטאַלטן און קאָמפּאָזיציעס איז פאַרקערפּערט צאַפּלדיק לעבן, עס שטראָמען אין זיי געדאַנקען און געפילן, מען פילט בפירוש, אַז אין דער טויטער מאַטעריע, אין דעם מעטאַל, שטיין און האָלץ איז אַרײַנגעבלאָזן אַ רוח החיים.

איך האָב זיך נישט געריכט צו געפינען דאָ מערערע סקולפּטורן, אויסמאָדעלירטע אין האָלץ־בלאָקן. די צוויי סקולפּטורן, וואָס כ'האָב געקענט פון די רעפּראָדוקציעס זענען געווען אין בראָנז און אין גיפּס, האָב איך זיך באַלד פון אָנהייב דערוווּסט פון דער קינסטלערין, אַז זי האָט פון שטענדיק אָן געאַרבעט אויך אין שטיין און צומייניסטן אין האָלץ, ווײַל זי האָט נישט ליב געהאַט צו גיין מיט אַ לייכן וועג. ווען מען קנעט אין ליים ,איז לייכט צו ענדערן ווי מען וויל, מען קאָן אָפּנעמען, צוגעבן, איבערקנעטן. דאַקעגן די האַרטע מאַטעריע פון האָלץ, פּונקט אַזוי ווי פון שטיין, פאָדערט אַ סך אויפמערקזאַמקייט, פּרעציזקייט, גרויסע אָנשטרענגונג און דאָס אַלץ איז גורם, אַז עס בילדעט זיך אויס ביים סקולפּטאָר אַ שטאַרק געפיל פאַר דער פאָרם, אַ חוש פאַר פלאַכן און אַ גענויקייט פאַר דער קאָנסטרוקציע.

חנה אָרלאָוו האָט איבערגעריסן אירע אויפקלערונגען, זי האָט זיך דערמאָנט, אַז כ'האָב ביי מיין אַרײַנקומען מיט באַדויערן זיך מודה געווען, אַז חוץ פון די צוויי רעפּראָדוקציעס, קען איך נישט קיין שום ווערק אירס. קודם דאַרף מען אַליין קוקן, האָט זי מיר געזאָגט. האָב איך געקוקט און באַוווּנדערט. די אויגן האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּרייסן. וואָס זאָל מען אָבער מער באַוווּנדערן ? די לייכטקייט און יונגשאַפט פון דער אַמאַזאָנקע אויפן פערד, אויסמאָדעלירט אין האָלץ אָדער די אויסגעגאָסענע אין בראָנז ווילדע רציחה פון דער חיה רעה, וואָס האַלט אין אירע נעגל דעם אָנמעכטיקן פויגל ? די תמימותדיקייט און נאָבעלע צאַרטקייט פון דער מאַדאָנע, צי די ליידנשאַפטלעכע צערטלעכקייטן פון די פאַר־

ליבטע? די עלעגאַנטע פּשטות און גלייכצייטיק דאָס סימבאָלישע פון די פאַרשידענע קאָמפּאָזיציעס, צי די גראַציעזקייט פון דער "טענצערין" און מערקווירדיק: ביי חנה אָרלאָוו איז דער פּרויען־קערפּער צום גרעסטן טייל אַ ווייך־מאַסיווער. אפילו אין דער גראַציע פון זשעסט און באַוועגונג איז פאַראַן אַ געוויסע מאַסיוקייט, ווייל אין איר, דער מאַסיוקייט נעסט־טעט די מיסטעריע פון ווייבלעכן, פון דער מוטערשאַפט. קוקט מען אָבער אויף דער "אַמאַזאָנקע", און דער עיקר אויף דער "טענצערין" ווערט מען פאַרכאַפּט פון דער לייכטקייט, דער בויגעוודיקייט און שפּילעוודיקייט, וואָס די קינסטלערין האָט אַרויסבאַקומען פון דער האַרטער מאַטעריע דורך ספּיראַלע ליניעס.

יעדע סקולפּטור פאַרכאַפּט אין איר אַנדערשקייט, פאַנגט פון ערשטן בליק דאָס אויג. עס שאַפט זיך גלייך דער אייגנטימלעכער, אינטימער קאָנטאַקט, וואָס ווערט געבוירן צווישן עכטן קונסט־ווערק און זיין אָפּנעמער. ס'איז כמעט אַ כלל, אַז וואָס מער מען קוקט אויף אַ בילד, אַ סקולפּטור, אַלץ מער וואַרפט זיך אין די אויגן עפּעס, וואָס מען האָט פון ערשטן בליק נישט דערזען. פאַראַן אָבער, דוכט זיך מיר, אַ קאָנ־טאַקט, וואָס בינדט זיך אָן פון ערשטן קוק. חנה אָרלאָווס סקולפּטורן פאַר־מאָגן יענע מאַגישע קראַפט, וואָס דערנענטערט גלייך דאָס ווערק צו אייך.

**
*

די טעמאַטיק איז אַ ברייטע, פאַרשידנאַרטיקע: דער מענטש מיט זיינע טראַכטונגען, אין זיין שעפערישקייט און ביי זיין מאַזאָלער אַר־בעט; די פרוי און דאָס קינד, מוטערשאַפט, חיות און פייגל און אויך מענטשלעכע באַציאונגען און האַנדלונגען, אויסגעדריקט אין דער האַל־טונג און אויסזען פון חיות. די בראָנזענע מאָנסטער־חיה מיטן אָפענעם מויל, צעשפּרייטע, באַוועגלעכע נאָז־פליגלען, מיט איין אויג אַ פאַר־זשמורעטן, דעם צווייטן אַ ברייט צעעפנטן און שפּיזיקן, האָט אייגנט־לעך אין פּנים מענטשלעכע שטריכן. אין ראַדען־מוזיי איז פאַראַן אַ פאַר־וווּנדעטער לייב, פון זיינע טיפענישן רייסט זיך אַרויס דורכן צעעפנטן מויל אַ מוראדיקער ווייטיק־געשריי. דעם לייב האָט ראַדען מאָדעלירט רעאַליסטיש, זיין געשריי אָבער, זיינע יסורים, פילן מיר אָפּ ווי אַ מענטשלעכן ווייטיק. חנה אָרלאָווס חיות זענען נישט אויסגעהאַמערט רעאַליסטיש, זיי שטעלן אָבער בולט פאָר מיט זיך אונדזער רעאַליטעט,

די רציחה פון מענטשן. אויפשוידערנדיק זענען די אַלעגאָרישע בעסטיעס, פאַרקנוילטע מיט די גלידער, פאַרטיידיקנדיק זיך מיט די נעגל, איינבייסנדיק די ציין אין קעגנערס לייב. די ווילדע רציחה, וואָס שפּריצט פון זייערע אָפענע מיילער דערמאָנט אין דער טעמפּער רישעות ביי פּיקאַסאָס אָקס פון „גערניקאַ", הגם מען קאָן קיין שום פאַרגלייך נישט מאַכן צווישן די צוויי קינסטלער. גאָר פילזאָגעוודיק איז די חיה־רעה, וואָס שטייט אויף צוויי פיס, אין דער פּאָזיציע פון אַ מענטש; זי קוקט מיט פאַרמאַכטע בלינדע אויגן און אַ צעשפּרייטן פּיסק אויפן אומשולדיקן פויגל, האַלט אים דערווייל מיט איין לאַפּע ביים האַלדז, באַלד וועט זי איינשלינגען איר קרבן.

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען אין חנה אָרלאָווס קונסט פּאָרטרעטן פון באַרימטע פּערזענלעכקייטן, צום גרעסטן טייל פון יידישע שרייבער, קינסטלער. אָט טויכן אויף אין בראָנז עדמאָן פלעג, חיים נחמן ביאַליק, פּרץ הירשביין, חנה רובינאַ, לודמילאַ פּיטאָיעף. וויפל רוחניותדיקייט, ווירדע, גייסטיקער כוח, שעפערישער אַנשטרענג עס קוקן אַרויס פון זייערע פּנימער. חנה אָרלאָוו ברענגט קודם אַרויס דאָס אינדיווידועלע פּונעם מאָדעל, וואָס פּאָזירט פאַר איר און גלייכצייטיק גייט זי צו צו דער געשטאַלט אַרכיטעקטאָניש ווי צו אַ מאַטעריע־בלאָק. אַזוי למשל האָט זי אויסמאָדעלירט ביאַליקן אין בראָנז אין אַן אויסערסט סאָלידער קאָנסטרוקציע, ווי זי וואָלט אים אויסגעהאַמערט פון אַ שטיין־בלאָק: אַ קרעפטיקע מאַסיווע געשטאַלט, אַ געזיכט אַן ענערגיש, שטריכן שאַרפע, אַ בליק אַ טיפער, ווייט קוקנדיקער, אַ שטערן פון אַ מענטשן, וואָס טראַכט נאָך, וואָס ווייסט אַ סך און וויל נאָך מער וויסן.

מיך האָט שטאַרק אינטערעסירט צו זען די אַטעליע און געפרעגט צי מ'קאָן זי באַזוכן. פון דערפאַרונג ווייס איך, אַז יעדער קינסטלער האָט צו זיין אַרבעטס־וואַרשטאַט זיין אייגענע באַציאונג, זיינע אייגענע „קאַפּריזן" אין דעם פּרט. פאַראַן אַזעלכע, ווי למשל שאַגאַל, וועלכע באַשיצן זייער אַטעליע פון אַ פרעמד אויג. ביי שאַגאַלן, אין דער ווילע אין וואַנס, איז די אַטעליע אויסגעבויט אין גאַנצן אָפּגעזונדערט פון זיין וווינונגס־הויז. אַנדערע קינסטלער האָבן גערן אויפצונעמען דווקא דאָרט, וווּ זיי אַרבעטן. צו קאָלניקן, אַבערדאַמען, אַדלענען, פּאַצאַנאָווסקאַן און אַנדערע בין איך שטענדיק אַריינגעפאַלן אין אַטעליע ווי אין אַ קונסט־באַזאַר, אָדער אויב איר ווילט ווי אין אַ מוזיי אין מיניאַטור. אַבערדאַם האָט מיך געהאַט אויפגענומען אין זיין טונקל

פֿאַרשמירטן כאַלאַט און מיטן פּענדזל אין האַנט. פֿאַר די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן האָט ער געמאָלן גרויסע קאָמפּאָזיציעס אין גרוי־טונקעלע פֿאַרבן. נאָך דעם ווי כ'האָב זיך אַרויפֿגעדראַפּעט אויף די דרויסנדיקע, אויסגעקרומטע שטיגן און אַריין אין זיין „עקזאָטישער" אַטעליע, האָט ער מיר צוליב געטאָן און נישט איבערגעריסן דאָס מאָלן, כדי איך זאָל זיך צוקוקן אַ ביסל צום פּראָצעס פֿון זיין שאַפֿן. בעת פֿירט צומאָל לעבהאַפֿטע שמועסן בעת ער אַרבעט. ווען ער האָט געהאַט געצייכנט דעם פּאָרטרעט פֿון מיין זון, האָב איך געוואָלט זיך דערוויטערן מיטן מיין איך זאָל נישט שטערן. — זיצט, מיר וועלן ווייטער שמועסן — האָט ער מיר געזאָגט. די אויגן געווענדן צום מאָדעל, אָדער צום טאָוול, און פֿירנדיק איבער אים מיטן קויל, האָט ער גלייכצייטיק מיר דער־ציילט, ווי זיין שטייגער איז, פֿאַרכאַפּנדיקע מעשׂיות. בעת איך בין דאָקעגן, אַריינגעקומען צו מאַנע קאַץ, האָב איך זיך געפֿילט, ווי אין אַ מוזיי פֿון יידישע און נישט יידישע אַנטיקן. זיינע אייגענע בילדער האָט מען ווייניק געטראָפֿן אויף די ווענט. איז געווען אַ לייוונט אויפֿן מאָל־ברעט, איז ער געווען פֿאַרהאַנגען. — קאָן מען זען ווי אַזוי איר אַרבעט? אייערע לעצטע בילדער? — האָב איך געהאַט געפֿרעגט. — איר וועט נאָך זען, איר זענט נישט דאָס לעצטע מאָל ביי מיר. (לייי־דער איז דאָס געווען דאָס לעצטע מאָל). ער האָט בעסער געוואָלט ווייזן זיינע אַנטיקן און דערציילן ווי אַזוי און ווו ער האָט זיי איינגע־האַנדלט, און אודאי שוין אייך מהנה זיין מיט אַן אַ שיער אַנעק־דאָטן, איידער מגלה זיין דעם סוד ווי אַזוי עס ווערט ביי אים געבוירן אַ לייוונט.

חנה אָרלאָוו האָט געעפֿנט ברייט די טירן צו איר אַטעליע. מ'האָט געקאָנט קוקן, פֿאָרשן, אַריינרייסן זיך אין אירע שעפֿערישע סודות וויפֿל דאָס האַרץ האָט געגלוסט. מיט איר האַרציקער פּשוטקייט האָט זי פֿרייער געלאָזט אַליין אַלץ באַטראַכטן, דערנאָך געענטפֿערט אויף פֿראַגן. באַלד האָט זיך פֿאַרבונדן אַזאַ געמיטלעכער שמועס, ווי מען וואָלט זיך שוין געקענט פֿון לאַנגע צייטן.

אין גרויסן אויסשטעלונג־צימער האָט מען געקאָנט זען אין גע־וויסע סקולפּטורן אַ פֿאַראייניקונג פֿון פֿיגוראַטיוון מיטן אַבסטראַקטן. אין דער אַטעליע האָבן געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט צוויי גרויסע, אויסמאָדעלירטע אין גיפּס, פֿרויען־געשטאַלטן, וואָס האָבן געוואַרט איבערגעגאָסן צו ווערן אין בראָנז. אַ פֿעסטע יונגע פֿרוי מיט

א קויש אויפן אַקסל, אַן אויסגעגלייכטע ווי די משא וואָלט זי נישט אָנגערירט. אַ שטאָלצע, זיכערע, קוקט זי מיט גלויבן פאַר זיך; די צווייטע — מיט אַ קאָסע אין האַנט. דאָ איז פאַרקערפּערט די פּיאָנערישע אַרבעט, פון דאַנען הערט זי די ברכה איבער דער פרוכט פון דער ערד.

— ישראל־פּרויען? — האָב איך רעטאָריש געפרעגט.

— יאָ, איר האָט געטראָפן, איך וויל דאָ ווייזן דאָס נייע, דעם יידישן ווידערגעבורט דורך ערד־אַרבעט, בכלל דעם מענטש ביי דער אַרבעט אין אייגענעם לאַנד, איך בין דאָרט געוועזן אויך ביים אָנהייב, ס'איז אַ טייל פון מיר.

מיינע אויגן האָבן זיך אָנגעהאַנגען אויף פאַרשידענע וואַרשטאַט־עלעמענטן, רוי־שטאָפן, האָלץ־מאַטעריאַלן, ליים, גיפּס. אין איין ווינקל פון דער אַטעליע אַן אמתער סטאָליאַר־וואַרשטאַט מיט אַלע נויטיקע מכשירים.

—צי האָט איר עמעצן צו הילף? דאָס דאַרף זיך דאָך איינבייסן מיט כוח אין האָלץ...?

— דאָ גייט נישט אַזוי אין כוח ווי אין קענטעניש, געניטקייט. ס'איז פאַלש, אַז די פרוי קען זיך נישט באַנוצן מיט אַזעלכע מכשירים. זי איז פעאיק צו מאַניפּולירן פונקט ווי דער מאַן.

איך האָב שוין מער נישט געפרעגט צי ס'איז פיזיש נישט צו שווער, ווען מען שפּרייזט אַריבער די זיבעציקער יאָרן. עס איז דאָך געשטאַנען פאַר מיר אַ פרוי פון וועלכער עס האָט געשטראָמט שעפערישע ענערגיע. און די קינסטלערין האָט דווקא אין די לעצטע יאָרן געהאַט אַ באַזונדערע נייגונג אויסצופורעמען אירע ווערק אין האָלץ. זי האָט זיך מיטן אָפּגעשוואַכטן געהער איינגעהערט אין דער מוזיק פון געזעגטן, געשניטענעם און געשניצטן האָלץ; זי האָט מיר געוויזן און מיר אָנגעזאָגט אויפצופּאַסן ווי אַזוי יעדעס מכשיר, וואָס שניידט זיך איין אין האָלץ, גיט אַרויס אַן אַנדער קלאַנג, אַן אַנדער ניגון.

***

מיר האָבן זיך אומגעקערט אין גרויסן זאַל צווישן די סטאַטועס. כ'האָב ווידער זיך איינגעקוקט אין די מייסטער־ווערק. יעדעס ווערק

איז פאַר דער קינסטלערין אַ באַזונדערער עפּיזאָד פון איר לעבן. חנה אָרלאָוו האָט מיר צווישן אַנדערן דערציילט וויפל זי איז אויסגעשטאַנען און פאַרלוירן אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע; ווען די דייטשע פאַשיסטן זענען געקומען זי אַרעסטירן און האָבן זי נישט געטראָפן, האָבן זיי זיך נוקם געווען אין אירע ווערק. 110 סטאַטועןן, וואָס האָבן זיך געפונען ביי איר אין הויז, זענען אומגעקומען, דעם גרעסטן טייל האָבן זיי אין זייער שגעון פאַרניכטעט, אַ געוויסע צאָל האָבן זיי אויסגערויבט. קיין איינע האָט מען נישט צוריקגעפונען.

— איר זעט, האָט זי מיר אָנגעוויזן אויף דער חיה־רעה, וואָס שטיקט דעם אומשולדיקן פויגל — דאָ האָב איך נאָך דער מלחמה אַריינגעלייגט מיין גאַנץ האַרץ, מיין גאַנצן האַס פאַר די פיינט, וואָס זיי האָבן אונדז אָנגעטאָן. כ׳האָב לאַנג דערויף געאַרבעט, געווען אַריינגעטאָן מיט דער גאַנצער נשמה.

מען דאַרף זאָגן, אַז חנה אָרלאָוו האָט אין יעדן ווערק אַריינגעלייגט איר גאַנץ האַרץ און נשמה. ווייל, ווי זי האָט אַליין געזאָגט, האָט זי זיך אַנגאַזשירט אין איר שאַפונג מיט לייב און לעבן. אַנגאַזשירט זיין פאַרשטייט מען אָפּטמאָל ווולגאַר, ווען מען שאַפט לויט אַן אָנגעוויזענער סכעמע, לויט אַזאַ אָדער אַן אַנדער דאָקטרין. פאַראַן אָבער אַן אינערלעכע, נשמהדיקע אַנגאַזשירונג, וואָס עס פאַרמאָגט יעדער עכטער קינסטלער.

ווען כ׳האָב די קינסטלערין געפרעגט צי די סימבאָליק, וואָס איז קענטיק אין מערערע ווערק, איז איר באַליבט אויסדרוק־מיטל, האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשמייכלט:

— יאָ, די סימבאָליק איז מיר נאָענט, איך בינד זיך אָבער קיינמאָל נישט די הענט מיט איין אויסדרוק־מיטל, איך שמיד זיך נישט צו צו באַגריפן. כ׳האָב נישט ליב צו גיין מיט דער מאָדע, מאָדערנע קונסט און די מאָדע אין דער קונסט זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. דאָס וויכטיקסטע פאַרן קינסטלער איז צו קוקן אויף דער וועלט, אויף זאַכן מיט די אייגענע אויגן.

מיינע בליקן האָבן זיך ווידער פאַרהאַלטן אויף אויסגעהאַמערטע מעטאַלענע פליגלען, וואָס סימבאָליזירן די פּילאָטן אין דער פאַרטיידיקונגס־מלחמה, באַלד דערנאָך אויפן רירנדיקן סימבאָלישן ווערק,

געווידמעט די געפאַלענע ישראלדיקע סאָלדאַטן. חנה אָרלאָוו, ווי זי וואָלט פּאַרויס מיך געוואָלט אָרויספירן פון אַ מעגלעכן טעות, האָט זיך אָפּגערופן:

— מ׳האָט מיך שוין געהאַט געפרעגט צי דאָס איז אַבסטראַקטע קונסט. איך וועל אייך דערציילן אַ נייעס: מיט אַ שטיקל צייט צוריק האָב איך זיך דערוווּסט, אַז געוויסע אַבסטראַקטע קינסטלער רעכענען מיך צו צו זייער שיטה.

— וואָס טראַכט איר דערוועגן?

— וועגן אַבסטראַקציאָניזם? ס׳איז נישט קיין נייע זאַך אין דער קונסט. דאָס אַבסטראַקטע קאָן מען טרעפן אויך אין דער נאַטור. מאָלן, סקולפּטירן אַבסטראַקט קאָן מען צום גרעסטן טייל ביז אַ געוויסן עלטער. מען זוכט, מען ווייסט נאָר נישט וואָס מען וויל. די עלטער האָט אויך אירע גוטע זייטן. אין מיין עלטער ווייסט מען שוין גענוי וואָס מען וויל. זייט ווּיסן נאָך אַ זאַך: אומגעהויער וויכטיק פאַרן קינסטלער איז, אַז ער זאָל זיך נישט קאָפּירן. איבערחזרן זיך איז אַן אומגליק פאַרן סקולפּטאָר, פאַרן מאָלער.

— צי האָט איר אויך אַמאָל געמאָלן?

חנה אָרלאָוו האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט, אַריינגעפירט מיך אין איר געראַמען אויפנעם־צימער. אויף די ווענט זענען געווען אויסגע־האָנגען עטלעכע בילדער, גראַוויורן.

— די בילדער זענען פון אַמאָל, פון צייט צו צייט האָט מען חשק זיך אומצוקערן, עס סטאַיעט נישט קיין צייט, אַמאָל האָט מען געמוזט, אַ יידישער קינסטלער האָט אַלץ געמוזט.

מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש, זי האָט דערלאַנגט כיבוד, ס׳איז אַוועק אַ שמועס וועגן יידישע קינסטלער, וועגן קונסט ביי יידן. כ׳האָב איר דערציילט, אַז דער ווייט גרעסטער טייל יידישע קינסטלער, מיט וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען צו רעדן דערוועגן, צווייפלען שטאַרק, צי ס׳איז פאַראַן עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען קאָן אָנרופן יידישע קונסט.

— מיר האָבן נישט קיין לאַנגע טראַדיציעס אין דער פּלאַסטישער קונסט צוליב די סיבות, וואָס איר ווייסט — האָט מיר חנה אָרלאָוו געזאָגט. ס׳איז אָבער נישט אמת, אַז מיר האָבן נישט קיין אייגנס אין דער קונסט. איך פּערזענלעך קאָן זאָגן, אַז ווען איך קוק אויף אַ בילד, אויף

לילי בערגער

אַ סקולפּטור, בין איך זיך כמעט קיינמאָל נישט טועה, ווען איך שטעל פעסט, אַז דאָס בילד, די סקולפּטור איז געמאַכט פון אַ יידישן אָדער נישט יידישן קינסטלער.

— איר זענט זיך קיינמאָל נישט טועה ?

— כ׳האָב געזאָגט „כמעט״, יעדנפאַלס מיר האָבן אַ סך אונדזערס, און איך דערקען דאָס.

ס׳איז שוין געווען איבעריק זי צו פרעגן ווי אַזוי זי באַטראַכט איר אייגענע קונסט. כ׳האָב דאָס געפילט אין אַלע אירע רייד. כ׳האָב דאָס אויך אַרויסגעפילט, ווען זי האָט מיר דערציילט וועגן אירע אויסשטעלונ־גען אין ישראל, וועגן אירע מערערע אויפהאַלטן און איר בענקשאַפט צום לאַנד. „צווישן פראַנקרייך און ישראל בין איך אַזוי ווי מען וואָלט מיך צעשניטן אויף צווייען. פראַנקרייך וועט אויף מיר קיין פאַריבל נישט האָבן. דאָס אמתע פראַנקרייך, וואָס מיר האָבן ליב, האָט פיינט ליגנערס״.

חנה אָרלאָוו האָט אויך פיינט געהאַט ליגנס, זעלבסטפאַרלייקענונג. זי איז געווען פונקט ווי איר קונסט: אמתדיק, ערלעך, עכט־מענטשלעך און נאָבל.

פּיקאַסאָ דער שטורעמער אין דער קונסט *

פראַנקרייך ווי אַ קונסט־צענטער האָט שטענדיק צוגעצויגן קינסט־לער פון אַלע עקן וועלט. די געקומענע אַהער מאָלער, סקולפּטאָרן, פאַרשידענע גראַפיקער, האָבן זיך אָבער נישט בלויז איינגעטונקען אין די היגע רעשיק־פּליסנדיקע שטראָמען, נישט בלויז רייף געוואָרן אין פראַנצויזישן קונסט־קלימאַט, נאָר אפילו יונגע האָבן אויך פון זייערע לענדער מיטגעבראַכט זייער אייגנס און יעדערער האָט אויף זיין אופן מער אָדער ווייניקער עפּעס וואָס אַריינגעטראָגן אין דער פראַנצויזישער קונסט. און קיין שום אויסלענדישע קינסטלער האָבן נישט אַריינ־געבראַכט אַזוי פיל אינטים־אייגנס ווי יידן געקומענע פון זייערע געבוירן־לענדער און שפּאַניער. אויב אַ קונסט־היסטאָריקער, שרייבנדיק וועגן דער פראַנצויזישער מאָדערנער קונסט, וועט מוזן זיך אָפּשטעלן אויף אויסלענדישע קינסטלער אין פראַנקרייך, וועט ער באַזונדערס מוזן באַרירן דעם בייטראַג פון יידן און שפּאַניער.

אַזוי ווי ס׳וועט איצט דאָ זיין אַ רייד אויסשליסלעך וועגן פּאַבלאָ פּיקאַסאָ, דאַרף מען ווייניקסטנס דערמאָנען זיינע צוויי גרויסע לאַנדס־לייט: גריס, אָדער ווי די פראַנצויזן רופן אים טיילמאַל, גרי, און מיראָ. כואַן גריס האָט מיט זיין גרויס ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן אין זיין קורץ לעבן (ער איז געשטאָרבן צו 40 יאָר) געלאָזט נישט ווייניק שפּורן אין פראַנקרייך. דער 80-יאָריקער זשאָאַן מיראָ האָט מיט זיינע נאָוואַ־טאָרישקייט, מיט אַ שטענדיקן שאַפן נייע זשאַנערן במשך פון צענ־דליקער יאָרן, וואָס ער וווינט אין פראַנקרייך, פאַרזייט נייע קערנדלעך אויפן פראַנצויזישן קונסט־פעלד. דער גרעסטער פּלאַנצער און איבער־פּלאַנצער פון נייע שפּראָצן און געוויקסן, דער, וואָס האָט אַממיינסטן אַריינגעטראָגן דורכויסיק אייגנס, איז פּאַבלאָ פּיקאַסאָ. קיין שום אַנדער

* די אַרבעט איז אָנגעשריבן געוואָרן האַרט פאַרן טויט פון מאָלער

קינסטלער, נישט קיין אויסלענדער און נישט קיין הי־געבוירענער, האָט אַזוי אויפגערודערט די קונסט, ווי ער. קיין שום אַנדער קינסטלער האָט נישט געצויגן אויף זיך אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט, ווי ער; וועגן קיין שום אַנדערן זענען נישט געווען אַזוי פיל קעגנזעצלעכע אָפּשאַצונגען. און מערקווירדיק: אים, פּיקאַסאָן, וואָס האָט נאָך איבער 70 יאָר לעבן אין פראַנקרייך, נישט אָנגענומען די פראַנצויזישע בירגערשאַפט, ווייל ער באַטראַכט זיך אַלס שפּאַניער, איז צוגעפאַלן פאַרן לעבן אַ כבוד, וואָס מ'האָט נישט אָפּגעגעבן קיין שום פראַנצויזישן קינסטלער.

ווען פּיקאַסאָ איז אַלט געוואָרן 90 יאָר, איז דאָס ממש געווען אַ דאַטע אין דער פראַנצויזישער קונסט־וועלט. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער קונסט האָט אַ קינסטלער ביים לעבן געהאַט די זכיה, אַז זיינע בילדער זאָלן אויסגעשטעלט ווערן אין לוווער, אין דעם באַרימטן טעמפּל פון קונסט, אין וועלכן מייסטער־ווערק ווערן אויסגעהאָנגען ערשט נאָכן טויט פון זייערע שעפער. איי־נער פון די בכבודיקסטע זאַלן פון לוווער איז פריי געוואָרן, כדי אויס־צושטעלן נישט קיין גאַנצן צענדליק לייוונטן פון בעל־יובל. און גע־עפנט די פייערלעכע אויסשטעלונג האָט דער פראַנצויזישער פּרעזי־דענט בעצמו. הגם דער זאַל איז אַ רחבותדיקער האָט מען לאַנג גע־מוזט וואַרטן ביים אַריינגאַנג, כדי צו קאָנען דערנאָך זיך צושטופּן לענגאויס די פאַרצוימונגען אָנצוקוקן די אַכט דורך פּיקאַסאָ אָפּגעקלי־בענע בילדער.

ווי אַ גרויס געשעעניש איז באַטראַכט געוואָרן דאָס אַראָפּברענגען פון די רוסישע מוזייען 25 לייוונטן פון דער בלויער און ראָזער עפּאָכע, וואָס פּיקאַסאָ האָט געשאַפן אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. טויזנ־טער מענטשן האָבן געשטראָמט אין מוזיי פון מאָדערנער קונסט צו באַוווּנדערן די ערשטע מייסטער־ווערק, און דער עיקר צו קאָנען פאַר־גלייכן מיט די שפּעטערדיקע, אַזוי אַנדערשדיקע. דערביי האָט זיך פו־נאַנדערגעפלאַקערט אַ נייע פּאָלעמיק.

אַ פּאָלעמיק וועגן פּיקאַסאָ גייט שוין אַן מער ווי אַ האַלבער יאָר־הונדערט. עס איז פאַראַן אַ גרויסע ליטעראַטור וועגן זיין קונסט. ווייל פּאַבלאָ פּיקאַסאָ, וועלכער ווערט פאַררעכנט פאַרן גרעסטן, יעדנפאַלס פאַרן אָריגינעלסטן מאָלער פון אונדזער צייט, האָט נישט נאָר הייסע חסידים, נאָר אויך פאַרביסענע קעגנער. ער פאַרכישופט מיט זיין קונסט

און דערווידערט אויך. אָבער אי זיינע אָנהענגער, אי זיינע קעגנער דערשטוינט ער און איבערראַשט שטענדיק. און מען קאָן אָן שום גוזמא זאָגן, אַז ס׳איז נישט באַקאַנט אַ צווייטער גרויסער מאָלער אַרום וועלכן ס׳זאָלן זיין אַזוי פיל חלוקי־דעות און איינצייטיק זאָל ער זיך האָבן איינגעשאַפן אַזאַ רום.

נישט קיין וווּנדער. פּיקאַסאָ האָט אַריינגעבראַכט די גרעסטע רעוואָלוציע אין דער פּלאַסטישער קונסט. ער האָט צעטרייסלט אירע יסודות: אָט האָט ער געבראָכן אַלע געזעצן פון פּלאַסטישער פּערספּעקטיוו, און אָט האָט ער די מענטשלעכע געשטאַלט, די נאַטור, צעלייגט אויף פאַרשידנאַרטיקע געאָמעטרישע קובן, טיילמאָל אַזוי ווייט, אַז מען געפינט כּלל נישט אַפּ קיין צייכן פון ארויסגעבראַכטן אָביעקט. זינט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט איז ער אַ שטורעמער.

***

יעדער קינסטלער מאַכט דורך פאַרשידענע פּעריאָדן, טראַנספאָרמאַציעס. פּיקאַסאָ — אגב איז דער נאָמען פון זיין מוטער און נישט פון פאָטער — אין זיינע טראַנספאָרמאַציעס גייט אַוועק פון זיך גופא. איין פּעריאָד איז אין גאַנצן נישט ענלעך צום צווייטן, ווי צום בייִשפּיל דער ראָזער און בלויער פּעריאָד אין פאַרגלייך מיט זיין שפּעטערדיקער קוביסטישער אָדער גאָר סירעאַליסטישער מאָלעריי. נאָך מער: ביי אים געשעט, אַז אין זשאַנער איז דער היפּוך פון צווייטן אַזוי ווייט, ווי דער קינסטלער וואָלט געוווּן צעקריגט מיט זיך. אין אים לעבט נישט איין פּיקאַסאָ נאָר אַ סך, הגם אין אַלע מעטאַמאָרפאָזעס איז קענטיק דער שפּאַניש־מיסטישער גייסט.

פּיקאַסאָ איז באַקאַנט פון דער שנעלער באַוועגונג מיטן פּענדזל, מיטן בליי, קויל. אויף אַ סך זיינע ווערק איז קענטיק דער אימפּעט מיט וועלכן ער האָט געמאָלן, ווי צום בייִשפּיל, ווען מען קוקט אויף זיינע וואַנט־מאָלערייען אין זיין ספּעציעלן מוזיי אין וואַלאָריס, אָדער אין דער יונעסקאָ. מיר איז אויסגעקומען עטלעכע מאָל צו זען אין דער טעלעוויזיע פּיקאַסאָ ביי דער אַרבעט. דער ריטם און דער טעמפּאָ פון זיין האַנט־באַוועגונג זענען אַזעלכע, אַז ס׳איז שווער זיי נאָכצופאָלגן מיט די אויגן. דער אימפּעט ביי אים פאַראייניקט זיך מיט אַ גרויסער אַרבעטזאַמקייט. זיין קונסט־פאַרמעגן באַשטייט פון טויזנ־

טער בילדער, צייכענונגען, גראַווירן, ליטאָגראַפיעס, סקולפּטורן און אויך צעראַמיקעס. דאָס האָט ער מיטן באַזעצן זיך מיט אַ סך יאָרן צוריק אין דרומדיקן שטעטל וואַלאָריס, ווו עס געפינט זיך אַ העלער ליים, אַ גינסטיקער צו קנעטן, גורם געווען, אַז דאָס שטעטל זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין גרעסטן צענטער פון דער קעראַמיק־קונסט.

פּיקאַסאָ קאָן אָנהייבן מאָלן אַ בילד שפּעט נאָכמיטאָג און פאַרענדיקן אין אָוונט. מ'האָט צומאָל דערציילט, אַז ער זאָל האָבן געמאַכט דריי בילדער אין איין טאָג, אָבער איין בילד איז נישט ענלעך געווען צום צווייטן. פּאַבלאָ פּיקאַסאָ איז אַ ווולקאַן, וואָס לעשט זיך קיינמאָל נישט אויס, עס זידט און קאָכט אין אים שטענדיק, אָבער יעדער אויסברוך האָט אַן אַנדערן פאַרנעם, אַנדערע פלאַמען, די לאַווע איז יעדעס מאָל פון אַן אַנדער קאָליר, דאָ איז זי פּאָליכראָמיש, דאָ ווידער מאָנאָכראָמיש. פאַראַן בילדער וואָס שימערירן מיט זייער פּילפאַרביקייט, אַנדערע גאָר זענען אַזוי מאָנאָכראָמיש, אַז די פאַרב איז ווי פון איין אויסגוס, כּאָטש, ווי געזאָגט, דאָס פאַרבאָרגענע, דאָס אינערלעכע טיפע פייער ברענט מיטן מיסטעריעזן זשעני פון דער שפּאַנישער נשמה.

***

ער האָט אָנגעהויבן מאָלן גאָר יונג. צו 16 יאָר האָט ער שוין געהאַט אַן אויסשטעלונג אין באַרצעלאָנע. דאָס פאַנאַטיש־קריסטלעכע שפּאַניע איז אים צו ענג געוואָרן. ס'האָט אים געצויגן צו פרייהייט און צום גרויסן וועלט־צענטער פון קונסט. צום ערשטן מאָל איז ער געקומען קיין פּאַריז אין 1900, אַ 19־יאָריקער אָרעמער בחור, אָבער שוין מיט אַ קינסטלערישן פאַרמעגן. פון זיין קונסט האָט ער דעמאָלט לחלוטין נישט געקאָנט באַשפּייזן זיך און נישט זיך אָנוואָרעמען. פלעגט ער יעדן ווינטער זיך צוריקקערן אָנוואָרעמען זיך אין שפּאַניע. און אָנעסן זיך צו דער זעט. אין 1904 איז ער צוריקגעקומען אויף שטענדיק, באַזעצט זיך אין פּאַריז און דורכגעגאַנגען פלאָגן, וואָס קינסטלער פלעגן דעמאָלט דורכגיין. ער האָט געלעבט אויפן אַלטן מאָנמאַרטר, דערנאָך אין אַנדערע פּיקאַנטע אַטעליעס, געטראָפן אויך אין „לאַ ריש" און באַלד פון אָנהייב פאַרבונדן זיך מיט די שפּעטערדיקע גרעסטע מאָלער און דיכטער, פראַנצויזישע און אויסלענדישע.

דער יונגער פּיקאַסאָ האָט אַן ספק מיטגעבראַכט מיט זיך פון

שפּאַניע איינפלוסן פון על גרעקאָ, גאָיאַ, וועלאַזקעז, פון אַנדערע גרויסע שפּאַנישע מייסטער. ער איז אָבער שוין יונגערהייט טיף באַווירקט געווען פון דער מזרחדיקער קונסט, וואָס די אַראַבער האָבן אין זייער אויפבלי־תקופה געלאָזן אין שפּאַניע. ס׳האָט אים שוין דעמאָלט געלאָקט און געצויגן די נעגערישע קונסט, פּרימיטיוון, וואָס האָבן זיך שפּעטער איבערגעשמאָלצן אין אים און אַריינגעשפּינט זיך אין דעם אָדער יענעם זשאַנער זיינעם. דער פראַנצויזישער, קונסט־גינסטיקער באָדן איז פאַר זיין טעמפּעראַמענטפולן גייסט געווען מזל־ברכה. ער האָט דאָ אויפגעשטעלט אַן אייגן קעניגרייך, געשאַפן זיינע אַ קונסט־אימפּעריע מיט אייגענע געזעצן, אָפטמאָל סתירותדיקע איינע צו די אַנדערע, סיי אין דער מאָלערישער שפּראַך, סיי אין עמאָציאָנעלן אויסדרוק. אומרו און געוואַלטזאַמקייט, אַנגסט און אויפברויז, ליידנשאַפט און רעוואָלט, סאַרקאַזם און ליבשאַפט, ברוטאַלקייט און צערטלעכקייט קרייצן זיך דורך.

ביי דער געלעגנהייט פון זיין 90־יאָריקן יובל, ווען מען האָט געבראַכט פון רוסלאַנד די עטלעכע און צוואַנציק גרויסע לייוונטן און זיי אויסגעשטעלט אין מוזיי פון מאָדערנער קונסט, האָט נישט איינער זיך אומגעקערט מיט באַגייסטערונג צו זיינע ערשטע צוויי פּעריאָדן — די בלויע עפּאָכע און די ראָזע עפּאָכע, ווי מען רופט זיי. איך בין פיל מאָל געשטאַנען פאַר די בילדער, ווי אַ צוגעשמידטע. די אויגן האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּרייסן. איך האָב דערזען פאַר זיך אַן אַנדערן פּיקאַסאָ, טעמאַטיש, מאָלעריש און קאָנצעפּציאָנעל אַן אַנדערן. די מאָלערישע מאַטעריע פון דער ערשטער עפּאָכע איז אַ טיף־טיפער בלוי, די פאָרם און די ליניעס האַרמאָנישע, צומאָל סובטעלע, יעדנפאַלס ווייט פון דער שפּעטערדיקער ברוטאַליטעט. די טעמאַטיק איז דער מענטשלעכער צער, דער אומעט פון לעבן. יענע בילדער רירן אונדז מיט זייער טריבקייט, טרויער און ליבשאַפט, מיט זייער איינזאַמקייט און נויט, מיט זייער טיפן הומאַניזם: אָרעמע מענטשן ביים ברעג ים, פרויען מיט פאַרגלייזטע, אויסגעלאָשענע אויגן, מוטערס מיט קינדער, וועשערס, בראָדיאַגעס, אַן אַלטער ייד מיט אַ יינגל, צו וועלכן מיר וועלן זיך נאָך אומקערן, באַליידיקטע, עלנטע מענטשן, אויסגעמאָגערטע, ביינערדיקע געשטאַלטן, וואָס ציען זיך אין דער הויך, ווי זיי וואָלטן געבעטן רחמים.

אין דעם ראָזן פּעריאָד דאָמינירט דער ראָז, אָפטמאָל אַ גאָר צאַר־

טער, מילדער ראָז, דער היפוך פון אומעטיקן בלוי. דער מאָלער האָט זיך דעמאָלט אָ סך פאַסיאַנירט פאַר צירק־מענטשן. אויך אַזעלכע ביל־דער זענען דורכגעדרונגען מיט שטילן אומעט. ס׳איז דער אומעט פון די, וואָס פאַרווילן אַנדערע. עס וואַרפן זיך אין די אויגן די קאָנ־טראַסטן. אָט איז אָ יונג, שלאַנק, מאָגער מיידל אין מאַגישער באַוועגונג אויף אָ גרויסן באַל. לעבן איר זיצט אומבאַוועגלעך אָ פעסט גע־בויטער, לייביקער אַטלעט. דאָס בילד איז באַהויכט מיט צאַרטקייט און פונקט ווי די אַנדערע בילדער פון די צוויי פעריאָדן אָטעמט עס מיט ליריזם.

פיקאַסאָ איז אָבער אָ שעפערישער דעמאָן, אָ קינסטלער־מאָנסטער, וואָס שלינגט כסדר איין אַלץ, וואָס ער באַגעגנט אויפן וועג. ער איז פון אַלץ און אַלעמען באַווירקט, און זייענדיק באַווירקט, שאַפט ער שטענדיק אייגנס, נאָר אין גאַנצן אַנדערש ווי פריער. די נעגערישע איינפלוסן האָבן זיך אין זיין קינסטלערישער לאַבאָראַטאָריע אַזוי שטאַרק איבערגעקאָכט, אַז ס׳איז אַרויסגעקומען אָ דורכויסיקער פיקאַ־סאָ־סטיל, וואָס מיר באַגעגענען דער עיקר אין זיין שפּעטערדיקן קוביסטישן פעריאָד. דער פראַנצויזישער מאָלער טולוז לאָטרעק האָט אָן ספק געהאַט אויף אים אָן איינפלוס. ער האָט, ווי לאָטרעק, געוואָנדן זיינע אויגן צו די פאַריזער קאַפייען, צו די נאַכט־לאָקאַלן מיט זייערע קליענטן און ווערעטן, אָבער ס׳קומט אַרויס אין גאַנצן עפּעס אַנדערש ווי ביי זיין פאָרגייער, דעם מאָלער פון פיגאַל. ער איז פאַסצינירט פון אַרומיקן לעבן. און שווער צו געפינען אָ גרויסן קינסטלער, וואָס זאָל אַזוי טיף שטעקן אין זיין צייט און אייגנצייטיק צעקריגט זיין, צעריסן זיין מיט זיין עפּאָכע. ער קוקט אויף אַלץ מיט ברייט צעעפנטע אויגן און פאַרניכטעט אַלץ אַרום, ער זאָגט אַלעמען — ניין!

פיקאַסאָ צעקריגט זיך אויך מיט זיין אייגענער קונסט. ער דרייט זיך אויס מיט דער פּלייצע צו די פריערדיקע זשאַנערן זיינע. ער טוט זיך אויס פון דער עמאָציאָנעלער, לירישער קונסט. זי ווערט אינטע־לעקטועל, פילאָזאָפיש. פּאַבלאָ פיקאַסאָ איז, קאָן מען זאָגן, דער שעפער און סטימולירער פון קוביזם. ער בויט אויף אָ וועלט פון געאָמעטרישע קובן, זיין מאָלעריי ווערט סקולפּטוראַל, די געדעמפטע פאַרבן, דער ברוין, שוואַרץ, גרוי, זילבער־ווייס שטויסן אַרויס די פריערדיקע צאַר־טע, סובטעלע קאָלירן. פיקאַסאָס גרויסער שעפערישער אומרו בלייבט אָבער קיינמאָל נישט געשטילט. ער קאָכט איבער אין זיך דעם סיר־

רעאַליזם און שאַפט אַן אייגענע וויזיע פון איבערנאַטירלעכקייט. ער פאַרמאָגט אַן אייגענעם נעאָ־קלאַסיציזם, ער ווענדעט זיך צום אַבס־טראַקציאָניזם און ווידער ווערט ער ביי אים זיינער אַן אייגענער, אַן אָריגינעלער. פון אַבסטראַקציאָניזם קערט ער זיך צוריק אום צו דער פיגוראַטיווער קונסט, עס ענדערן זיך כסדר זיינע קאָלירן, עס קומען קאָנטראַסטן פון בלוי, רויט, גרין, געל, פערל־גרוי, וואָס בילדן אַ סימ־פאָניע ווי אין אַן אָריענטאַלישער קאָליר־גאַמע. ער באַנוצט זיך מיט ליניעס רונדיקע, ספּיראַלע, דאָ מאָדעלירט האַרמאָניש, דאָ ווידער ליידנשאַפטלעך־ברוטאַל.

ס'האָט אַמאָל אַ פריינד זיינער געפרעגט פּיקאַסאָ, בעת ער האָט אַראָפּגענומען פון מאָל־ברעט אַ בילד, צי ס'איז שוין פאַרענדיקט. דער מאָלער האָט אים געענטפערט מיט אַ פראַגע: „צי האָסטו שוין געזען אַמאָל אַ בילד זאָל זיין פאַרענדיקט?" ביי אים, פּיקאַסאָן, איז דער שע־פערישער אומרו, די נאָוואַטאָרישקייט קיינמאָל נישט פאַרענדיקט.

***

דער קריטיקער דוגלאַס דייוויס שרייבט, אַז אויב די קומענדיקע דורות וועלן וויסן עפּעס וועגן די מענטשן און דעם לעבן פון אונדזער צייט און וועלן האָבן פאַר זיך בלויז פּיקאַסאָס בילדער פון די לעצטע צענדליקער יאָרן, וועלן זיי זיך נישט קאָנען מאַכן קיין שום פאָרשטעלונג ווי אַזוי מיר האָבן אויסגעזען. איז טאַקע אמת, אַז עס זענען נישטאָ קיין פרויען מיט צוויי נעזער, מיט אויגן אין שטערן, אויב זיך בלויז באַגרענעצן צום באַקאַנטן בילד „די פרוי מיטן האָן". קיין שום פרוי איז אויך נישט ענלעך צו אַ שטויס אָנגעוואָרפענע קו־ביקן. צו זיין אַן עדות מוז מען דען אָבער קאָפּירן די נאַטור, אַפשפּיג־לען דעם אַרום אַזוי ס'זאָל ענלעך זיין? פאָטאָגראַפיש־ענלעך איז די קונסט פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם און זי איז אַ קנאַפּער עדות, דער־ציילט נישט און רירט נישט קיין סך.

גאָר אַן אַנדערע מיינונג ווי דער קריטיקער דייוויס האָט וועגן פּיקאַסאָ אין דעם פרט דער וועלט־באַרימטער סאָציאָלאָג קלאָד לעווי סטראָוס. ער האָט געשריבן וועגן אים: „ער האָט זייער גוט אינטער־פּרעטירט דעם טיפן גייסט פון אונדזער עפּאָכע און אויב איך וואָלט געהאַט צו מאַכן אַ באַוואָרעניש איז דאָס נאָר דערפאַר ווייל ער האָט

צו שאַרף אַרויסגעבראַכט דעם גייסט פון אונדזער צייט; זיין ווערק איז צווישן אַנדערן אַן עדות פון דעם מין געפּענגעניש אין וועלכער דער מענטש פאַרשליסט זיך אַלע מאָל מער אין דער אייגענער מענטש־לעכער געזעלשאַפט...״

אַ גרויסער מייסטער פון דער פראַנצויזישער מאָדערנער מאָלע־ריי דאַקעגן, אַ נאָענטער פריינד פון פּיקאַסאָ, דער פאַרשטאָרבענער מאָלער מאַטיס, האָט גוטמוטיק געזאָגט וועגן אים: „פּיקאַסאָס מאָלע־ריי איז ער גופא״. און ער גופא, ווי מיר ווייסן, איז אַ צעשטורעמטער ים פון יצירה, זיין שאַפונג ווערט געשטויסן פון אַן אינערלעכן מעכ־טיקן כוח. קריטיקער האָבן אים צוליב דעם געקרוינט מיטן נאָמען „דער מאַנסטער פון שעפערישקייט״.

צי באַדייט דאָס, אַז עס ווירקן נישט קיין אויסערלעכע פאַקטאָרן און אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום גייט אים נישט אָן? פאַרקערט, זעלטן וועלכער קינסטלער, ווי שוין אַנגעוויזן, איז אַזוי געבונדן מיטן לעבן, מיט געשעענישן, און רופט זיך אָפּ אויף זיי מיט אַזאַ געוואַגטקייט אין זיין קונסט. קאָן דען זיין אַ בעסערער עדות און אַ שטאַרקערער רע־וואָלט, ווי דאָס איז זיין קרוין־ווערק „גערניקאַ״? דער פאַשיזם און מלחמה איז אויפן ריזיקן לייוונט פאַרגעשטעלט אין אַ צעווילדעוועטער, בלוטדורשטיקער חיה; אַ מיסטעריעזער טעמפּער אַקס, אַנטקעגן אים הייבט אויף אַ מוטער איר שטאַרבנדיק קינד. אַ גוססדיק פערד ליגט אויפן דערהרגעטן רייטער, אַ פאַקל אין דער האַנט פון אַ פרוי, וואָס לויפט אַרויס פון אַ ברענענדיק הויז. דער גרויל און די פאַרווילדונג, דער שוידער, וואָס שטראָמט פון בילד, איז נישט נאָר אַן עדות נאָר אויך אַ מעכטיקער פּראָטעסט. דאָס בילד האָב איך צום ערשטן מאָל געזען ערשט נאָך דער מלחמה און יעדעס מאָל וואָס כ׳האָב געקוקט דע־רויף האָבן אויפגעטויכט די געשעענישן פון דער אָקופּאַציע־צייט. פּי־קאַסאָ האָט דעם גרויסן לייוונט געמאָלן אין 1937, נאָך דעם ווי דאָס שפּאַנישע שטעטל גערניקאַ איז פאַרטיליקט געוואָרן דורך פאַשיסטישע באָמבעס. אינעם ווערק איז שוין אָבער געוועזן די וויזיע פון היטלע־ריסטישן מאָרד, אַרויסגעבראַכט אויף זיין אייגענעם סיררעאַליסטישן אופן, פּונקט ווי מיט יאָרן שפּעטער האָט אים די מלחמה אין קאָרייע אָנגערעגט צו מאָלן אַ גרויס בילד, וואָס האָט געוויזן ריזיקע טויט־מאַכינעס. טראָץ דער אינדיווידועלער „אימפּעריע״, וואָס פּיקאַסאָ האָט געשאַפן אין דער קונסט, איז ער אַ טיף אַנגאַזשירטער קינסטלער. און

ווען עס רעדט זיך דאָ וועגן אַנגאַזשירטקייט, מיינט דאָס נישט אין דעם פאַל אַנגעהעריקייט צו אַ פּאַרטיי, אַ ריכטונג, ס'באַדייט קודם כל נישט זיין גלייכגילטיק צו דעם, וואָס קומט פאָר אַרום אונדז, זיין געוואַגט.

מ'האָט זיך דערציילט, אַז בעת דער אָקופּאַציע האָבן אייניקע דייטשע אָפיצירן דורכויס געוואָלט באַזוכן פּיקאַסאָס אַטעליע. ס'איז זיי געלונגען זיך אַריינצובאַקומען צו אים. ווען זיי האָבן דערזען אויפן וואַנט פראַגמענטן פון „גערניקא", האָט איינער מיט באַוווּנדערונג גע־פרעגט דעם קינסטלער: „דאָס האָט איר געמאַכט?" פּיקאַסאָ האָט געענט־ערט: „ניין, דאָס האָט איר געמאַכט".

***

וועגן פּיקאַסאָן דערציילט מען אַן אַ שיער מעשיות, וועגן זיינע פאַרשידענע קאַפּריזן, זיין אופן זיך אַנצוטאָן, אָבער אויך וועגן פריינד־שאַפט צו מענטשן און אוממיטלבאַרקייט. אַמאָל פלעגט ער מאָלן, ציי־כענען, ווען פריינד זענען געזעסן אַרום אים. וואָס עלטער ער איז גע־וואָרן, אַלץ מער האָט ער באַגערט צו אַרבעטן אין איינזאַמקייט. האָט עמעצער פון זיינע נאָענטע פריינד געקלונגען, איז ער צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און געזאָגט: „כ'בין נישטאָ אין שטוב". ס'האָט געהייסן, אַז ער אַרבעט. בעת די פייערונגען צום 90 יאָריקן־יובל האָט ער זיך אין ערגעץ נישט באַוויזן. דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר האָט געקלונגען און געבעטן פּיקאַסאָ זאָל איבערנעמען דעם טעלעפאָן. דער קינסטלער האָט דעם טעלעפאָן נישט איבערגענומען, אָבער ער האָט פאַראָרדנט מען זאָל בוכשטעבלעך ענטפערן: „פּיקאַסאָ האָט געזאָגט, מען זאָל אייך זאָגן, אַז ער איז נישטאָ אין שטוב". דאָס איז אָן ספק געווען אַן אויס־דרוק פון זיין עמפּערונג און אַ פּראָטעסט קעגן די שיינע מעשים אין אַמבאַסאַדאָרס לאַנד.

דאָס ווערט דערמאָנט, כדי צו ווייזן, אַז פּיקאַסאָ איז אַנגאַזשירט און געוואַגט אין לעבן פּונקט, ווי אין דער קונסט. זיין באַרימטע טויב איז העכער צוויי צענדליק יאָר געווען אַ סימבאָל פון זיין אַנגאַזשירט־קייט צו דערגרייכן שלום צווישן פעלקער. איי, מ'האָט דאָס אויך אויס־געניצט צו נישט ערלעכע זאַכן, איז דאָס אַ באַזונדערע דראַמע. עס דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד: אין 1949 איז אין פּאַריז פאָרגעקומען אַ שלום־קאָנגרעס. פּיקאַסאָ איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן

פונעם צוזאַמענפּאַר. קיין רעדעס האָט ער נישט געהאַלטן, אין פּרעזי־דיום איז ער קיינמאָל נישט געזעסן. איך בין געווען קאָרעספּאָנדענט אויפן קאָנגרעס און געהאַט אַ געלעגנהייט צו אָבסערווירן דעם קינסט־לער פון דער נאָענט. אָנגעטאָן, ווי שטענדיק, וואָכעדיק, איז ער געזעסן אין אַ זייט. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז קיין אינטערוויוען גיט ער נישט. מיטאַמאָל האָב איך זיך דערוווּסט, אַז בײַם 68־יאָריקן פּיקאַסאָ איז פאַרטאָג געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער. כ׳האָב באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט, געוואָרט אויף אים פאַר דער געבײַדע. ווען ער איז אָנ־געקומען, בין איך צוגעגאַנגען צו אים מיטן אָפענעם נאָטיץ־בלאָק און אָנגעהויבן שטעלן פראַגן וועגן קאָנגרעס. פּיקאַסאָ האָט מיך שווייגנ־דיק אָנגעקוקט, אַ שמייכל האָט צעשפּרייט זײַנע ליפּן און ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז אָט באַלד וועל איך האָבן וואָס צו פאַרנאָטירן. פּלוצ־לונג האָט ער מיר אַרויסגענומען דעם נאָטיץ־בלאָק מיט דער פּעדער פון האַנט, מיט אַ בליץ־שנעלקייט עטלעכע צי געטאָן מיט דער פּעדער, אָנגעצייכנט די טויב. „דאָס איז דאָס, וואָס איך וויל, איך רעד נישט, די טויב רעדט פאַר מיר״.

מיט אַ צען יאָר שפּעטער בין איך געווען אין דערמאָנטן שטעטל וואַלאָריס בײַ דער פראַנצויזישער ריוויעראַ. אין צענטער פון שיינעם שטעטל שטייט פּיקאַסאָס סטאַטוע „דער מענטש מיטן שעפּסעלע״. צווישן אַלע אַנדערע מערקווירדיקייטן, ווי די פּילצאַליקע אַטעליעס מיט אויוונס, ווו מען ברענט די קעראַמיק־אַרבעטן און צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען אַן אויסשטעלונג מיט פּיקאַסאָס כישופדיקע קע־ראַמיק־שאַפונגען, טיילט זיך אויס דער קליינער פּיקאַסאָ־מוזיי. די ווענט פון אַן אַלטער קאַפּליצע, וואָס מ׳האָט דעם קינסטלער אָפּגעגעבן צו זײַן פאַרפיגונג, האָבן זיך באַדעקט מיט אויסטערלישע געשטאַלטן, אין אַ געמיש פון פיגוראַטיוון און אַבסטראַקטן, מיט פאַרביקע געמעלן, וואָס רופן, שרייען, דראָען, בעטן. דער קליינער מוזיי הייסט „מלחמה און שלום״. אָבער אויך אין דעם אונטערשריפט פילט מען מיט אַלע חושים דעם געראַנגל צווישן בייז און גוטס.

אומקערנדיק זיך קיין פּאַריז, בין איך אַ ביסל שפּעטער געשטאַ־נען לאַנג פאַר אַ גרויסן פּיקאַסאָס אַ לײַוונט אין מוזיי פון מאָדערנער קונסט: געפלעכטן פון שוואַרצע ליניעס, דינאַמישע זיגזאַגן. ס׳האָט מיך נישט גערירט, ס׳האָט צו מיר נישט גערעדט. כ׳האָב איבערגעלייענט דעם אויפשריפט בײַ דער זייט: „פּאַריזער מידינעטקעס״. און די פּאַרי־

זער מידינעמקעס זענען באַקאַנט פאַר שיינע יונגע מיידלעך, וואָס אַר־בעטן אין דער רייכער פּאַריזער קליידער־מאָדע. ענלעכע, אומפּאַר־שטענדלעכע פאַר מיר בילדער, וואָס לאָזן מיך קאַלט, אָדער וואָס דערדריקן בפירוש, ווי זיצנדיקע פרויען מיט מאָנסטרועזע קעפּ, פאַר־מאָגט פּיקאַסאָ אַ סך. איך נעם זיך נישט אונטער צו אורטיילן צי דאָס זענען גוטע אָדער שלעכטע בילדער. געוויסע בילדער־מאָנסטערן האָט אגב פּיקאַסאָ געמאָלן אין די יאָרן צווישן 1938־42. אפשר איז דעמאָלט געקומען אין זיי צום אויסדרוק די בעסטיאַליטעט. אַ פּאַריזער קריטי־קער האָט אָבער געפּסקנט, אַז פּיקאַסאָ האָט געמאָלן, דער עיקר אין די לעצטע 20 יאָר, אויך אַ סך שלעכטע בילדער. די פּאָלעמיק אַרום פּיקאַסאָס קונסט גייט ווייטער אָן, קיינער ספקט אָבער נישט, אפילו נישט זיינע קעגנער, אַז פּיקאַסאָ איז איינער פון די גרעסטע מאָלער פון אונדזער צייט.

לסוף זאָל דערמאָנט ווערן פּיקאַסאָס פאַרבינדונג מיט יידן און זיין באַציאונג צו זיי. געווען זענען קלאַנגען, אַז ער זאָל שטאַמען פון די אַמאָליקע מאַראַנען. אויף וויפל אַזעלכע קלאַנגען זענען נאָענט צום אמת, ווייסט קיינער נישט. אויף דער פראַגע צי ער שטאַמט פון יידן, האָט פּיקאַסאָ געהאַט געענטפערט: „איך באַדויער וואָס איך האָב נישט דעם כבוד צו זיין אַ ייד". דערפאַר אָבער זענען פיל פון זיינע בעסטע פריינד געווען, אָדער געשטאַמט פון יידן. דער אַמעריקאַנער קונסט־קענער און קאָלעקציאָנער לעאָ שטיין און זיין שוועסטער, די שרייבערין גערטרודאַ שטיין, זענען זייער גאַנץ לעבן געווען געבונדן מיט אים מיט אַן אינטימער פריינדשאַפט. דאָס בילד, וואָס ער האָט געמאָלן פון גערטרודאַ שטיין איז איינס פון זיינע גרויסע מייסטער־ווערק. דאָס איז אַ זעלטענער פּאָרטרעט, ווי אַ מאַסקע, מאָדעלירט סקולפּטוראַל און כמעט אַסצעטיש. דעם טאַלאַנטירטן דיכטער מאַקס זשאַקאָב, וועלכער איז אומגעקומען אין דראַנסי־לאַגער, האָט ער באַטראַכט ווי זיינעם אַ ברודער. און אחרון־אחרון: דאָס נאָבלסטע קונסט־ווערק פון זיין בלוי־ער עפּאָכע איז דער אַלטער ייד מיטן ייִנגל, וואָס האָט געצויגן אַ באַ־זונדערע אויפמערקזאַמקייט צווישן די 25 בילדער, געבראַכטע פון רוס־לאַנד. דאָס איז אַ ריזיקער ליוונט געמאָלן אין טיפן בלוי; אַ זיצנדי־קער, איינזאַמער אַלטער ייד. ביינערדיקע, באָרוועסע פיס, איינגעקאָר־טשעטע קנאָכנס, צעריסענע הויזן. אַ פּנים אַ מילדס, רוחניותדיקס, באַ־צויגן מיט אומעט, מיט באַהאַלטענעם צער, און דיסקרעטן, איראָנישן

שמייכל, אויגן טיפע, טרויעריקע, קלוגע. דאָס מויל ווי ס׳וואָלט גע־שעפּטשעט אַ תּפילה. ביי זיין זייט אַ פּאָרטראַכט, אומעטיק יינגל, וואָס נעמט זיך איינצובייסן דעם אויסגעבעטלטן עפּל. די גאַנצע טראַגע־דיע פון יידישן פאָלק, אַלע פּלאָגענישן, רדיפות, גרושים און אויך דער גייסטיקער כּוח זענען קאָנדענסירט אין דעם גרויסן קונסט־ווערק.

דעם אַלטן ייד מיטן יינגל האָט פּיקאַסאָ געמאָלן נאָך אין באַרצע־לאָנע, אין יאָר 1903. ווו האָט ער דעמאָלט געזען אַזאַ ייד אין שפּאַ־ניע ? צי קאָן מען אין יונגן עלטער שאַפן אַזאַ ווערק אָן זיך צו האָבן אינטערעסירט מיטן יידישן גורל? אַ סברה, אַז דער גרויש שפּאַניע איז אים נישט פרעמד געווען. ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט דער שפּאַניער פּיקאַסאָ, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אַזוי פיל נייע עלעמענטן אין דער פראַנצויזישער — און אויך אַלוועלטלעכער — קונסט, מיטגע־בראַכט מיט זיך אויך אַ רירנד מייסטערווערק, וואָס אָטעמט מיט יידישער גורלדיקייט.

דעצעמבער 1972

מאַרק שאַגאַל דער שטענדיקער מאַגיקער

(באַטראַכטונגען צו אַ רעטראָספּעקטיווער אויסשטעלונג פון מאַרק שאַגאַל)

ס'איז מיר שוין אויסגעקומען צו שרייבן וועגן שאַגאַלס מאַלעריי, סיי נאָך אַן אויסשטעלונג, סיי נאָך אַ באַזוך ביי אים אין וואַנס. אַ רעטראָספּעקטיווע אויסשטעלונג גיט אָבער מער מעגלעכקייטן צו דערזען דעם דורכגעמאַכטן קינסטלערישן וועג. ס'איז אַ גײַסטיקע געלעגנהייט דורכצופירן אַ שטיקל סך־הכל, קוים־קוים אַ שטיקל סך־הכל, ווייל איך פאַרמעסט מיך דאָ נישט צו געבן אַ פולע אָפּשאַצונג וועגן שאַגאַלס קונסט. עס גייט בלויז אין אַנוואַרפן שטריכן, אין טיילן זיך מיט געדאַנקען, וואָס קומען אויף ווען מען קוקט זיך צו צו הונדערטער און הונדערטער קונסט־ווערק, געשאַפענע אין פאַרשידענע צייטן.

שאַגאַלס קונסט שפּרייט זיך אויס אויף אַ צייט־שטח פון אַריבער 60 יאָר און בילדעט אַ שטיק געשיכטע אין דער מאָדערנער קונסט. נישט נאָר זי פאַרכישופט, פאַרוווּנדערט, נאָר זי האָט אויך צעשאַטן זוימען אין קונסט־באָדן פון פראַנקרייך און פון פאַרשידענע לענדער.

ווייט נישט אַלץ, וואָס שאַגאַל האָט במשך פון זיין לאַנג לעבן — ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר — געשאַפן און וואָס איז צעשפּרייט איבער אַלע עקן וועלט, האָט מען געקאָנט צוזאַמענברענגען אויף דער רעטראָספּעקטיווער אויסשטעלונג. דאָך איז דער גרויסער, ספּעציעל פאַר דער איצטיקער אויסשטעלונג אויסגעשטאַטער אָפּטייל פון „גראַן פּאַלע" (גרויסער פּאַלאַץ) געווען צו קליין אַריינצונעמען אַלע עקספּאָנאַטן. אַ טייל בילדער זענען געוואָרן אויסגעשטעלט אין צוויי אַנדערע קונסט־גאַלעריעס. בלויז אין דער גאַלעריע „נייע וויזיע" האָבן אַראָפּגעשיינט פון די ווענט 105 בילדער מיט די באַרימטע שאַגאַלישע תנ"ך־מאָטיוון אונטערן צונויפגעקליבענעם טיטל „שאַגאַלס ביבל".* זיינע צייכענונגען האָט מען געקאָנט

---

* די בילדער געפינען זיך איצט אין נײַ־אויסגעבויטן שאַגאַל־מוזיי אין ניצע.

זען אין דעם גרויסן גאַלעריע־זאַל פון דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק.

אין „גראַן פּאַלע״ גופא, אין גרויסן טעמפּל פון קונסט, זענען אויס־געשטעלט געוואָרן שאַגאַלס 500 ווערק פון פאַרשידענע זשאַנערן: איבער צוויי הונדערט אייל־בילדער, מערסטנטיילס פון גרויסן פאָרמאַט, צוויי און צוואַנציק מאַקעטן פאַר וואַנט־מאַלערייען, צענדליקער טעאַטער־מאַקעטן (ליידער פעלן די באַרימטע מאַקעטן פון אַמאָליקן יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע), עטלעכע צוואַנציק סקולפּטורן, אַ הונדערט קעראַמיק־שאַ־פונגען, דריי גרויסע גאָבעלינען פון כנסת אין ירושלים, דריי צענדליק וויטראַזשן פון דער מעצער קאַטעדראַלע, אַקוואַרעלן, גואַשן.

ווי מיר זעען, האָט זיך שאַגאַלס קונסט באַרייכערט מיט נייע זשאַ־נערן: צו די וויטראַזשן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שאַפן מיט 15 יאָר צו־ריק, זענען צוגעקומען נייע פונאַנדערגעבליטע צווייגן: סקולפּטור, קע־ראַמיק און גאָבעלינען.

***

דאָס ערשטע וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, בעת מען קוקט זיך גוט צו צו די הונדערטער עקספּאָנאַטן פון אַלע מינים, אָנהייבנדיק פון די ערשטע שעפערישע יאָרן ביזן היינטיקן טאָג, איז דאָס, וואָס דער קינסטלער איז אין זיין לאַנגן באַרג אַרויף אומעטום און שטענדיק דער זעלבער גרויסער מאַגיקער און צויבערער, דער מייסטער־קאָלאָריסט און דער ספּעציפישער אַרכיטעקטאָניקער אין דער מאָלעריי.

קאָן דען אַ קינסטלער שטענדיק זיין דער זעלבער? — וועט מען אפשר פרעגן. און זוכענישן? נאָוואַטאָרישקייטן? נייע זשאַנערן?

מ׳קאָן, אַ פּשיטא, מיט דעם אַלעמען זיין דער זעלבער. שאַגאַל איז דער זעלבער אין אַלע זיינע אַנדערשקייטן, און אויך אין אַלע זשאַנערן פון זיין קונסט. אָט שטייען מיר מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פאַר זיינע גאָ־בעלינען. ס׳איז דאָך אַ נייער צווייג אין שאַגאַלס צוואָקסענעם, צעבליטן בוים. טאַ לאָמיר זיך גוט איינקוקן אין די ריזיקע טעפּיכער „וועלט־באַשאַף״, „יציאת מצרים״, „ירושלים״ און מיר וועלן אין דעם אַנדערשדיקן זשאַנער דערזען דאָס אַזוי ספּעציפיש שאַגאַלישע, וואָס מיר זעען סיי אין זיינע אַמאָליקע, אַפילו ערשטע אַרבעטן, סיי אין זיינע גאָר רייפע אייל־בילדער אָדער וואַנט־מאַלערייען. די מייסטערהאַפטע קעראַמיק־וואַזע מיטן פרויען־פּנים איז דאָך אַ נייער געביט אין זיין קונסט, אָבער דאָס פאַרחלומטע און

תמימותדיקע, די מיסטעריע פון לעבן, וואָס שטעקט אין דער געקנאָטענער און געברענטער מאַטעריע, איז דאָס אייביק שאַגאַלישע. דאָס זעלבע מיט דער סקולפּטור, מיט יעדן וויטראַזש, ווי אַנדערש ער זאָל נישט זיין. אין אַ קליינעם גואַש, וואָס געהערט צו די פּילצאָליקע נייסטע שאַפונגען, געפינט מען אַ גאַנצע וועלט, ווי שטענדיק אַ פּאַרכישופטע אין דער גע־היימניספולקייט און אַ וויברירנדיקע מיט לעבן און ליבע צום לעבן, וואָס וועקט אין אונדז בענקשאַפט און מאַכט אונדז טרוימען.

געוויינטלעך, ווען מיר קוקן זיך צו צו די ווערק פון גרויסע קינסטלער, בפרט מיט אַזאַ לאַנגן שאַפונס־וועג ווי שאַגאַל, באַמערקן מיר ביי זיי פאַרשידענע פּעריאָדן. עס געשעט, אַז געוויסע פּעריאָדן נישט נאָר זיי גייען נישט ביינאַנד, נאָר שליסן זיך צומאָל אויס, ווי למשל ביי פּיקאַסאָ זיינע ראָזע און בלויע עפּאָכעס, וואָס זענען אין קעגנזאַץ צו זיין ערשטער קוביסטישער מאָלעריי, אָדער צו די שפּעטערדיקע אַנדערע זשאַנערן. לאָמיר נעמען אַזאַ קינסטלער ווי וואַן־גאָג, וועלכער האָט אמתדיק בסך הכל געשאַפן אַ צענדליק יאָר — ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 37 יאָר. ווי אַנדערש זענען זיינע בילדער, וואָס ער האָט געמאָלן אין זיין היימלאַנד, פון די, וואָס ער האָט דערנאָך געשאַפן אין פראַנקרייך! עס גייט דאָ נישט בלויז אין שפּעטערדיקער רייפקייט, נאָר אויך אין סטיל, אין דער קאָלאָריסטיק, אין קינסטלערישן אויסדרוק. אָן ספק האָט מאַרק שאַגאַל אויך געהאַט זיינע פאַזן, אָדער אויב איר ווילט, פּעריאָדן, אָבער אַנדערש זעט דאָס אויס ביי אים, ווי ביי אַנדערע קינסטלער.

קונסט־קריטיקער האָבן נישט איין מאָל אָנגעוויזן אויף דער באַזונ־דערער „ספּעציפיק" פון שאַגאַלס מאָלעריי, הגם זיי האָבן אויסגעפונען ביי אים שפּורן פון עקספּרעסיאָניזם, איינפלוסן פון קוביזם, פאָוויזם און דער עיקר בולטע עלעמענטן פון סירעאַליזם. זיכער קאָן מען שטענ־דיק אויסגעפינען שפּורן, איינפלוסן. און אַ פּשיטא, אַז קיין שום קינסטלער, מעג ער זיין דער געניאַלסטער, שאַפט נישט אין קיין ליידיקן חלל — די שעפערישע סביבה ווירקט, די פאַרגייער ווירקן, ס'איז נאָר די פראַגע אויף וויפל, און דער עיקר: ווי אַזוי דער קינסטלער פאַרדייט דאָס, ווי אַזוי ער פאַראייגנט דאָס אין זיין פערזענלעכער קינסטלערישער וויזיע, אין זיין אייגן קינסטלעריש געמיט.

שאַגאַל איז אויך אין דעם פּרט טיילוויז אַ באַזונדערע דערשיינונג אין דער קונסט. בעת מיין באַזוך מיט יאָרן צוריק ביי שאַגאַלן אין וואַנס, נישט ווייט פון מיטללענדישן ים, האָב איך געשטעלט אַ היפּש ביסל פראַגן.

ס'איז מיר געגאַנגען אין זיין קינסטלערישן אני־מאמין, אין זיין מעטאָד.

איך קער זיך איצט אום צו יענעם אומפאַרגעסלעכן, לאַנגן שמועס מיטן קינסטלער, קוק אַריין אין מיינע דעמאָלטיקע נאָטיצן און ציטיר בוכשטעבלעך זיין ענטפער אויף מיין פראַגע וועגן די איינפלוסן אויף אים פון סירעאַליזם: „איך האָב געמאָלן סירעאַליסטיש אַ סך פריער, איידער דער סירעאַליזם איז אויף דער וועלט געווען. כ'האָב אַזוי געמאָלן, ווייל כ'האָב נישט ליב געהאַט דעם רעאַליזם, כ'האָב געזוכט עפּעס נייעס, וואָס זאָל זיך אויפהויבן איבערן רעאַליזם, אָבער איך האָב דאָס נישט געזוכט אין טעאָריעס. כ'האָב פיינט טעאָריעס און קיינמאָל זיך נישט באַנוצט מיט זיי. איך שאַף אַזוי ווי דער פויגל זינגט". ער האָט פיל מאָל פאַר מיר איבערגעחזרט: „נאָר אָן טעאָריעס, געמאָלן און מאָל ווייטער אָן שום טעאָריעס".

איך ציטיר איצט שאַגאַלס ווערטער נאָך דעם ווי כ'האָב באַזוכט זיינע דריי רעטראָספּעקטיווע אויסשטעלונגען. אין „גראַן פּאַלע" זענען פאַראַן בילדער, געמאָלענע מיט 60 יאָר צוריק. הגם די קאָלאָריסטיק האָט זיך נאָך נישט געהאַט פונאַנדערגעבליט, איז דאָס אייביק שאַגאַלישע שוין פאַראַן אין זיי — דאָס איבערנאַטירלעכע, דאָס נישט געוויינטלעכע, ווייל אַ מת לייגט מען דאָך נישט אין מיטן דער גאַס, מענטשן פליען דאָך נישט אין דער לופט. די זעלבע מיסטעריע, דאָס אומרעאַלע, זעען מיר אין זיינע פרעכטיקע, אַמאָליקע צייכענונגען: אַ הויז אויפן קאָפּ פון אַ פרוי מיט וועלכער די הייזקע האָט זיך צוזאַמענגעוואַקסן, אַ ייד זיצט אויפן קוימען, וואָס אויפן סאַמען שפּיץ פון משופּעדיקן דאַך.

אין די אַלטע בילדער קאָן מען באַמערקן אַ געוויסע שטייפקייט, טיילמאָל אָן ענלעכע צו דער איקאָנען־קונסט; די וויבראַציע פון געפילן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר שאַגאַלן האָט זיך נאָך נישט געהאַט צעגליט. עס וואַרפט זיך אויך אין די אויגן אַ געוויסע פלאַכמעסיקייט, ווי ס'וואָלט געפעלט אין זיי די דריטע דימענסיע. אַזאַ בילד ווי דער מת אין גאַס, אין וועלכן עס זענען צונויפגעפּאָרט פאַרשידענע נישט גע־וויינטלעכע סיטואַציעס און פאַרשידענע פּערספּעקטיווע הויזן אויסטערליש צוזאַמען, איז געמאָלן ווי אויף איין פלאַך. דערפון האָבן אייניקע קריטי־קער געדרונגען, אַז שאַגאַל איז שוין דעמאָלט געווען באַאיינפלוסט פון קוביזם.

די קוביסטן האָבן טאַקע אין זייער אָנהייב נישט געהאַלטן פון געבן אַ פאַרשטעלונג פונעם שטח אין דער טיף, זיי איז ליבערש געווען אַן

אויסגעשפּרייטער פלאַך. צי האָט אָבער שאַגאַלס דעמאָלטיק פלאַכמעסיק מאָלן געהאַט עפּעס געמיינזאַמעס מיט אַזאַ איינשטעלונג? ס׳איז גענוג אַריינצוקוקן אין זיין ביאָגראַפיע, צו לייענען זיין בוך „מיין לעבן״ און אויפצופּאַסן אויף די דאַטעס, ווען די בילדער זענען געשאַפן געוואָרן, כּדי זיך צו איבערצייגן, אַז ס׳איז ביי אונדזער מאָלער אַזוי אַרויסגעקומען גיכער ספּאָנטאַניש און נישט ווייל ער האָט זיך געשטיצט אויף אַ באַשטימטער טעאָריע. שאַגאַל איז געקומען צום ערשטן מאָל קיין פראַנקרייך אין 1910 און דאָס פלאַכמעסיקע בילד טראָגט די דאַטע פון 1909. אויב ער האָט שפּעטער עפּעס גענומען פון קוביזם, איז עס, ווי מיר וועלן זען, איבערגעשמאָלצן געוואָרן אין זיין יידישער התלהבות, אין אויסגוס פון עמאָציאָנעלקייט.

ס׳וועט דאָ אפשר נישט איבעריק זיין צו דערמאָנען אַן עפּיזאָד, וואָס שאַגאַל דערציילט אין זיין בוך „מיין לעבן״. ווען דער קינסטלער איז נאָך גאָר יונג געווען, אין וויטעבסק, האָט זיך אים פאַרגלוסט צו מאָלן אַזוי, ווי דער באַרימטער פראַנצויזישער מאָלער קאַראָ; כאָטש איין בילד האָט ער געוואָלט מאַכן אַזוי, ווי יענער. „כ׳האָב גענומען אַ רעפּראָדוקציע, שרייבט ער, און וואָס מער כ׳האָב זיך באַמיט צו מאַכן אַ קאַראָ, אַלץ מער האָב איך זיך דערווייטערט פון אים און צום סוף איז אַרויסגעקומען אַ שאַגאַל״.

צי דאַרף מען דערפון דרינגען, אַז שאַגאַלס שאַפונג איז געבוירן געוואָרן אויף אַ „טאַבולאַ ראַסאַ״? אַז ער האָט אויף זיין קינסטלער־וועג אויף קיינעם זיך נישט אָנגעשפּאַרט און פון קיינעם נישט געווען באַווירקט? ניין. ס׳איז דאָך שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז ס׳איז כּלל אַ ספק צי שאַפונג שפּינט זיך אין חלל, אָדער אַן שום קולטור־ירושה. שאַגאַל גופא, מיט זיין גאַנצער איינשטעלונג און באַגער צו „שאַפן ווי דער פויגל זינגט״, האָט וועגן זיך געזאָגט: „אין פּאַריז בין איך צום צווייטן מאָל געבוירן געוואָרן״. און אין זיינעם אַן אַרויסטריט אין ניו־יאָרק האָט ער געהאַט דערציילט, אַז ווען ער איז געקומען קיין פּאַריז האָבן אים איבעררעשט די מאָלעריי פון סעזאַן, עדואַר מאַנע, קלאָד מאָנע, רענואַר, וואַן־גאָג, דער פאָוויזם פון מאַטיס און די בילדער פון אַנדערע מייסטער.

פּאַריז איז געוואָרן דער פרוכטבאַרסטער באָדן פאַר שאַגאַלן. זיין יידישע טרוימערישקייט, די בונטע אימאַגינאַציע פון וויטעבסקער קינסטלער, וואָס האָט פּונקט ווי אין תנ״כישן אוניווערס, אַנטדעקט אומעטום וווּנדערלעכקייטן, האָבן געפונען פאַר זיך אַן אויסשפּרייט אין דער פראַנ־

צוויזישער מאַלעריי. אויב שאַגאַל האָט אַנטפּלעקט פאַר דער פראַנצויזישער קונסט דאָס אינטים יידיש־פאָלקסטימלעכע, דאָס פאַנטאַסטיש־לירישע, דעם צוזאַמענפלעכט פון ווירקלעכקייט און טרוים, איז פאַר אים, דעם יונגן וויטעבסקער מאָלער, געווען אַן אַנטפּלעקונג די צויבער־וועלט פון קאָלירן אין דער רייכער פראַנצויזישער מאַלעריי. די ברוינע, איינגעלאָשענע פאַרבן זענען אָפּגעטראָטן, עס האָט זיך צעשטראַלט און צעשימערט ביי אים די קאָלאָריסטיק. דער אַרויסזאָג פון גרויסן פראַנצויזישן מאָלער דעלאַקרואַ, אַז „די מאַלעריי איז אַ יום־טוב פון קאָלירן" איז פאַר שאַגאַלן מער צוגע־פּאַסט ווי פאַר יעטוועדן אַנדערן פראַנצויזישן מאָלער.

ביי דעם אַלעמען איז שאַגאַל פאַרבליבן דער וויטעבסקער שאַגאַל.

ס'איז נישט געווען איבערגעטריבן דאָס, וואָס שאַגאַל האָט געזאָגט וועגן זיין סיררעאַליסטישן מאָלן. דאָס איבערנאַטירלעכע ביי אים האָט ווייניק וואָס געמיינזאַמעס מיטן פראַנצויזישן אָדער אַנדערן סיררעאַליזם. דער קוביזם, וואָס האָט אויפגעלעבט נאָך דעם, ווי ער איז געקומען קיין פּאַריז, איז מסתמא אויך געווען פאַר אים אַ נייע אַנטפּלעקונג. דער קוביזם איז אָבער אַ קונסט אַן אינטעלעקטועלע, אַ טרוקן ספּעקולאַטיווע און שאַגאַל איז געווען און פאַרבליבן אַ קינסטלער פון עמאָציעס, פון האַרץ און נשמה. האָט ער געוויסע עלעמענטן, וואָס ער האָט גענומען ביים קוביזם „פאַר־שאַגאַליזשט". און גענומען האָט ער ביים קוביזם מסתמא די פּרעציזע קאָמ־פּאָזיציע, די גענויע קאָנסטרוקציע, באַזירט אויף געאָמעטרישע פאָרמען. שאַגאַל איז אַ מייסטערהאַפטער קאָנסטרוקטאָר, קאָמפּאָניסט אין זיין מאַלעריי. אָבער אַפילו אין זיינע שטרענגסטע קאָנסטרוקציעס האָט ער אַריינגעגאָסן עמאָציעס און באַהויכט זיי מיט עקסטאַז, מיט אינטים־נשמהדיקס, מיט יידישער בענקשאַפט. אין זיינע מייסטער־ווערק, געשאַפענע נאָך דעם, ווי שאַגאַל האָט זיך טיף דורכגעדרונגען מיט דער פראַנצויזישער מאַלעריי, אָדער זאָל מען ריזיקירן צו זאָגן, אַז נאָך דעם ווי ס'איז פאָרגעקומען אַ מין סינטעזע צווישן זיין מאַלעריי מיט דער פראַנצויזישער קונסט, באַ־געגנט מען וויטער אומעטום יידישע הייזקעס, יידישע חפצים, וואָנט־זיי־גערס פון אונדזערע אַלטע היימען, ספּעציפישע יידישע מעבל־שטיקער, שוין אָפּגערעדט פון היימישע אַמאָליקע יידישע פּערסאָנאַזשן. און פּונקט ווי ער האָט אומעטום אין דער אַלטער היים אַנטדעקט וווּנדערלעכקייטן, אַזוי דערבליקט ער אויך אין דער נייער היים דאָס מיסטעריעז־פאַרבאָר־גענע, דאָס נישט געוויינטלעכע. אַמאָל האָט דער קינסטלער איבערגעשאַפן

דאָס רעאַלע לויטן דעמאָלטיקן שטייגער, ער האָט מיט די אויגן פון זיין דמיון געזען ווי אַ ייד מיט אַ גרויסן פּאַק אויף די פּלייצעס פליט איבער די דעכער פון וויטעבסק. אין דער נייער היים האָט ער ווייטער פאָרגע־זעצט צו טראַנספאָרמירן די נייעווירקלעכקייט, צו פאַרקניפּן דאָס רעאַלע מיטן איבערנאַטירלעכן, וואונדערלעכן, און אויך דאָס טיפּיש־פראַנצויזישע מיטן פאָלקסטימלעך־יידישן.

אין שאַגאַלס קונסט פאַרנעמט אַ גרויס אָרט פּאַריז, מיטן אייפל־טורעם, מיט נאָטר־דאַם. ס׳איז די צווייטע שטאָט נאָך וויטעבסק, וואָס שאַגאַל האָט מיט אַזוי פיל האַרץ און מייסטערשאַפט אַריינגעפירט אין דער מאָלעריי. שאַגאַל האָט געזאָגט: „אפילו ווען כ׳האָב געזען פּאַריז, האָב איך נישט געזען עפּעס אַנדערש, ווי זיך גופא״. אוודאי קאָן מען זיינע ווערטער אויסטייטשן פאַרשידן. אַ קינסטלער לייגט אַריין אין זיין ווערק זיין אייגן האַרץ, זיך גופא. מיר דוכט אָבער, אַז אין דעם פאַל האָט שאַגאַל, דער איינגעטונקענער שוין אין דער פראַנצויזישער קונסט, פּשוט געזען פּאַריז מיט די אויגן פון וויטעבסקער מאָלער, ווי מיר וועלן דאָס שפּעטער אילוסטרירן מיט זיינעם אַ פּאַריזער פּייזאַזש.

ס׳איז נישט קיין צופאַל וואָס מ׳האָט אים, שאַגאַלן, איבערגעגעבן צו אילוסטרירן די משלים פון גרויסן פאַבולן־מייסטער לאַפאָנטען. מען האָט דערפילט אין אים נישט בלויז דעם קינסטלער פון דער פראַנצויזי־שער שול, דעם גרויסן קאָלאָריסט, נאָר מען האָט דערזען אין זיין מאָלעריי דאָס שטענדיק וואונדערלעכע, דאָס פּרימיטיוו־דערהויבענע, אַלעגאָרישע, דאָס אָריענטאַלישע, דאָס אַלץ, וואָס איז געבונדן מיטן משל.

נו, גוט. פון וואַנען שטאַמט אָבער פּאָרט דאָס דורכויס שאַגאַלישע? פון וואַנען ציען זיך די אורוואָרצלען?

עס זעט אויס, אַז שאַגאַל האָט געצויגן יניקה פונעם בראשיתדיקן אין דער קונסט, ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף פּרימיטיוון, ווי עס טרעפט אָפט ביי גרויסע קינסטלער. און ער האָט געשעפּט פון יידישע מקורות אויך פאַר זיין סטיל. זיין קונסט פאַרמאָגט דעם נוסח פון אַ מעשה, פון דער עכטער, אַלטער יידישער מעשה.

קוקט מען זיך גוט צו צו די פּילצאָליקע עקספּאָנאַטן אויף דער רע־טראָספּעקטיווער אויסשטעלונג דערזעט מען בפירוש, אַז דער דאָזיקער נוסח ציט זיך פון זיין אָנהייב אָן. שאַגאַלס יעדעס בילד איז אַ צויבער־מעשהלע, אָפטמאָל אַ פאָעמע, צומאָל אָן עפּאָפּייע. נישט אין געוויינטלעכן, בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, נישט סתם ליטעראַריש־באַשרייבעריש, ווי

מען באַצייכנט אַ געוויסע מאַלעריי, ס'איז אַלעגאָריע, סימבאָליק, כ'וואָלט געזאָגט אויך פּלאַסטישע מעטאַפאָרע. גלייכצייטיק איז שאַגאַלס קונסט מוזיק, שטילע מעלאָדיע, מורמלענדיקער פאָלקס־ניגון. ס'איז דאָס געזאַנג פון פאַרבן. שאַגאַלס פאַרבן זינגען מיט די סאַמע לירישע טענער. זיין פורפור־רויט, זיין בלוי, געל, גרין, די טיפע טענער און האַלבע טענער דער שלל ניואַנסן בילדן אַ פאַרבן־סימפאָניע, וואָס פאַרכישופט מיט דער שטילער, לירישער מוזיק. און דאָס איז אויסשליסלעך זיין מוזיק, זיין געזאַנג, ווייל דער בלוי איז דורכויס זיין אייגענער בלוי; זיין רויט האָט זיין אייגענע נשמה־וויבראַציע. אויב מאַלעריי פאַרמאָגט בכלל קרובישעס מיט ליריק, מיט מוזיק, פילט מען בחוש ווי אין שאַגאַלס קונסט ריזלט מיט מוזיק און פּאָעזיע. אגב דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז דער מאָלער איז אויך אַ פּאָעט בפועל ממש. ער רייסט זיך צייטנווייז אָפּ פון דער מאָלברעט און שרייבט אַ פּאָעמע, אַ ליד. דער אויסדרוק „ער רייסט זיך אָפּ" איז דאָ אויפן אָרט. „אַזוי ווי קריסטוס דער געקרייציקטער, בין איך צוגענאָגלט צו דער פּאַלעטע" — לייענען מיר אין זיינער אַ פּאָעמע.

אין זיין טיפן עלטער איז ער ווי פריער, ווי שטענדיק, „צוגענאָגלט" צו זיין פילזייטיקער קונסט. אָן אַ שיער אייל־בילדער, גואַשן, אַקוואַרעלן, קעראַמיק־שאַפונגען, וויטראַזשן זענען פון די לעצטע צוויי יאָר, אַ גרויסע צאָל עקספּאָנאַטן פון פאַרגאַנגענעם יאָר. פון זיינע לעצטע שאַפונגען, פּונקט ווי פון די פריערדיקע, שטראַלט אַרויס אַזוי פיל ליבע צום לעבן, און צוזאַמען מיט דער באַוווּנדערונג, וואָס שאַגאַלס קונסט רופט אַרויס, קומען אויף נישט ביי איינעם פראַגן: פאַרוואָס שטייט אויפן קאָפּ פון ייד אין טלית און מיטן אתרוג אַ צווייטער ייד אין אַ טלית? פאַרוואָס באַהעפט זיך אָרגאַניש די פרוי מיט אַ פויגל אָדער מיט אַן אַנדער בעל־חי? אַז אין דער וווּנדערבאַרער, רירנדיקער צייכענונג „ראַסקין דער מלמד" שטייט אויף ראַסקינס לינקן אַקסל אַ קליין מענטשעלע, קאָן מען נאָך זיך פּרווון אויסטייטשן. די טראַגיש־קאָמישע געשטאַלט מיטן באַאיוון און צעשראָקע־נעם פּנים בויגט זיך דאָך, ווי עמעצער וואָלט אַרויפגעלייגט אַ משא אויף זיינע פּלייצעס. ווי קומט אָבער, פרעגט מען, אַז אַ קו, אָדער אַ קאָזע זאָל שפּילן אויף אַ פידל? פאַרוואָס ליגט דער גרינער פּאָעט אויסגעצויגן? פאַרוואָס איז די קו אויפן דאַך? פאַרוואָס און פאַרוואָס?

שאַגאַל וואָלט אפשר אין בעסטן פאַל געענטפערט: ווייל אַזוי זע איך דאָס. מען דערציילט, אַז אויף דער פראַגע פאַרוואָס אויפן קאָפּ פון ייד אין טלית און מיטן אתרג שטייט אַ צווייטער ייד, האָט ער געענטפערט

אַ קריטיקער, אַז אַנדערש וואָלט עס קיין בילד פון שאַגאַל נישט געווען. אין דער אמתן שאַפט ער אַ נייע רעאַליטעט, וואָס איז אויסער, אָדער איבער אונדזערווירקלעכקייט.

איז דאָס קידער־ווידער? איראַציאָנעל? פאַנטאַסטיק?

„רופט מיך נישט פאַנטאַסט, כ'בין אַ רעאַליסט, כ'האָב ליב דאָס לעבן" — שרייבט שאַגאַל אין אויבן דערמאָנטן בוך זיינעם. אַ רעאַליסט — ווייל ער האָט ליב דאָס לעבן און איז געבונדן מיטן לעבן. אָבער, ווי ער האָט אַליין געזאָגט, האָט ער נישט ליב דעם רעאַליזם אין דער מאַלעריי. ווישט ער אָפּ דאָס פאָרמעל רעאַלע און קאָנסטרואירט אַ נייע, אייגענע רעאַליטעט, געזען פון אינעווייניק און אפשר פון קוק־ווינקל פון ווידער־שפּרוכן, קאָנטראַסטן. אויב אַ קו קאָן שטיין אָדער זיצן אויפן דאַך און אַ פערד, איינגעשפּאַנט אין וואָגן, קאָן פליען אין דער לופט, לעבן זיי אויך אויף דער ערד. דאָס איבערנאַטירלעכע, דאָס נישט געוויינטלעכע איז אָן אַטום פאַרן נאַטירלעכן, ווירקלעכן. אַזוי האָט שאַגאַל איבערגע־טראָגן די רעאַליטעט אין דער אומרעאַלקייט, די וואָר אין חלום. ער בויט קינסטלערישע קאָנסטרוקציעס אויף פּסיכישע פלאַכן, אין פּסיכישע רוימען. ער שאַפט אַ פערטע דימענסיע און אונטערליגט נישט קיין אַלגעמיינע כללים וועגן פלאַך, רוים. אין חלום זענען דען פאַראַן אַזעלכע סטאַבילע באַגריפן? און פונקט ווי עס מעקן זיך אָפּ די גרענעצן צווישן וואָר און חלום און גיסן זיך צוזאַמען אין איין ברייטער וויזיע, פונקט ווי עס פלעכטן זיך צוזאַמען מענטש און בעל־חי אין אַ מין עקסטאַז פון פריידי־קער ליבע, אַזוי אויך פאַרקייטלען זיך ווייטע פאַרגאַנגענהייט מיט געגנ־וואָרט.

צווישן די שאַפונגען אויף תנ"כישע מאָטיוון איז פאַראַן אַ צויבערנ־דיק בילד, וואָס שטעלט פאָר יעקבס געראַנגל מיטן מלאך. יעקב, מיטן קאָפּ געבויגן, מיט די פיס צעשפּרייט, קלאַמערט זיך מיט די הענט אין באַפליגלטן מלאך אין אַ פרויען־געשטאַלט. ער וויל אים נישט אָפּלאָזן, ער בעט זיך ער זאָל אים בענטשן. אונטער די צווויי ביבלישע געשטאַלטן, לינקס, טויכן אויף הייזקעס פון אַ יידיש שטעטל, אפשר גאָר פון וויטעבסק; פון רעכטס זיצט איינגעקאָרטשעט אַ שטעטלדיקער, פאַראומערטער ייד, וואָס דריקט צו זיך מיט הייליקן ציטער עפּעס אַזעלכעס, וואָס קאָן זיין אַ ספר־תורה, אויבן איבערן מלאך, אין ווינקל, אַרומגעאָרעמט מיט צערט־לעכקייט יידישע חתן־כלה, פון רעכטס אַ געווירבל פון אויסטערלישע פאַר־

שוינען; פֿאַראַן צומאָל אַ שטעטלדיקע קאָזע, אַ קו, אויבן און אונטן אַ שאַגאַליש הינדל און אַלץ צוזאַמען איז פֿאַרפּלאָכטן אין אַ מערקווירדי־קער האַרמאָניע.

**
*

שאַגאַלס פֿאַרבנרייכע מאָלעריי איז בענקשאַפֿט, מיסטעריע, טרוים, חלום, אָפּטמאָל אַ חלום אין אַ חלום. דאָס איז די ערדישע וועלט, אונדזער לעבן, נאָר אין חלום. און דאָס איז אויך אַ צויבער־וועלט פֿול מיט דינאַ־מיזם, דראַמאַטיזם, אָבער גלייכצייטיק פֿול מיט יום־טובֿדיקייט, מיט גרויסער לעבנס־פֿרייד. די צוזאַמענגעהאַפּטענע פֿאַרלעך, די צוזאַמענ־געדרענגטע קערפּערס פֿון מענטשן און חיות, וואָס גאַרן נאָך מענטשלע־כער וואַרעמקייט, נאָך ליבע, געפֿינען זיך, זעט אויס, לייכטער אָפּ אין אַן אויסגעטרוימטער וועלט. מענטשן־קינדער קאָנען דאָ פֿאַרקערן מיט מלאכים; מענטש, בעל־חי, מלאך, שפּרייזן אָדער פֿליען זייט ביי זייט, ווייל לעבן איז הייליק, הימליש, געטלעך. די ליבע, די יום־טובֿדיקייט גיט דעם מענטש פֿליגל, ער הייבט זיך אויף, דער מענטש, פֿון דער גרויער טאָג־טעגלעכקייט אין די הימלישע הייכן. „צווישן האַס און ליבע, האָב איך אויסגעוויילט די ליבע" — האָט מיר שאַגאַל געהאַט געזאָגט.

און אַז איך קוק שוין אַריין אין נאָטיץ־ביכל, ווילט זיך ציטירן נאָך איין זאַץ. רעדנדיק וועגן זיין וויטעבסקער היים האָט מיר שאַגאַל געזאָגט: „...מיינע עלטערן זענען געווען אָרעמע, ערלעכע יידן, זיי זע־נען געווען מיין וועג, מיין שול..." איז ווען כ׳האָב דעמאָלט געקוקט אויף די אויסגעהאָנגענע אויף די ווענט אָמאָליקע לייוונטן — בעלאַ און שאַגאַל אין פֿאַרשידענע ווערסיעס, חתן־כלה, יידישע פֿאַרליבטע אין ווי־טעבסק, איבער וועלכע כ׳האָב געפֿילט שוועבן אַ טיף יידישן הויך, — האָב איך דאָס אַסאָצירט קודם כל מיט דער יידישער היים, מיט דער יידישער שטאָט, ווו די בילדער זענען אַנטשטאַנען. אויף דער רעטראָספּעקטיווער אויסשטעלונג האָט מען געקאָנט זען ווי זיין טעמאַטיק האָט זיך אויסגע־ברייטערט און ווי שאַגאַל האָט אַליין זיך אויסגעדריקט, האָט געמוזט „דער איבערגעפֿלאַנצטער בוים אין פֿראַנקרייך געבן אויך אַן אַנדער בלי". דער בלי איז טאַקע אַ מער פֿילפֿאַרביקער, דער בוים האָט זיך צעצווייגט און צעבליט, אָבער ווען מען קוקט אויף די הונדערטער פֿאַרשידנאַרטי־קע עקספּאָנאַטן דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז דער זעלבער יידישער הויך שוועבט ווייטער אויף זיי.

פאַרוואָס דאַרף מען דאָס אונטערשטרייכן? שליסט דען דאָס יידישע אויס דאָס אַלמענטשלעכע אָדער פאַרקערט? חס וחלילה. דער יידישער הויך ווערט דאָ אונטערגעשטראָכן צוליב אַ שטיקל וויכוח: צי איז פאַראַן יידישע קונסט? אין וואָס דריקט זיך דאָס אויס? ס'איז אַן אַלט־בייער וויכוח. אַזוי פיל קינסטלער נישט יידן האָבן געשאַפן און שאַפן אויף יידישער טעמאַטיק, אויף ביבל־טעמאַטיק און האָבן דערמיט קיין יידישע קונסט נישט געשאַפן.

שאַגאַל איז אַן עכט יידישער קינסטלער נישט דערפאַר, דוכט זיך מיר, ווייל ער מאָלט יידן אין טליתים, ווייל ער לעבט אויף תנ"ך־גע־שטאַלטן, יידישן פאָלקלאָר, נאָר ווייל ער שאַפט, וואָלט איך געזאָגט, אין יידישן גייסט, ווייל דער תמצית פון זיין קונסט איז יידיש, אָדער ס'איז פאַראַן יענער יידישער הויך.

אָט לאָמיר זיך צוקוקן צו אַ גרויס בילד, געמאָלן אין שאַגאַלישן בלוי. וואָס איז דאָס? אין פלוג — אַ פאַריזער פייזאַזש. און אויפן פאָן פון פייזאַזש שאַגאַלישע געשטאַלטן, געמעלן: אין פאָדער־גרונט פון גרויסן לייוונט אַ פאַרליבט פאָרל, ביי דער זייט, אין אַ וואַזע, אַ בוקעט בונטע בלומען, אויבן אַן אָרגאַנישער צוזאַמענפלעכט פון אַ צאַרטער פרויען־געשטאַלט מיט אַ שאַגאַלישן פויגל; אַרום — אַ פאַריזער פאַנאָראַמע מיטן אייפל־טורעם אין הינטערגרונט. נו, אַז דאָס פאָרל איז באַהאַפטן מיט דער וויטעבסקער יידיש־צניעותדיקער ליבע און אַז די בלומען זעען אויס ווי מ'וואָלט זיי געריסן אויף דער לאָנקע פון הינטער אַ יידיש שטעטל, איז נישט שווער צו כאַפּן זיך. לאָמיר זיך אָבער גוט צוקוקן צו פאַריז, צום אייפל־טורעם. איז דען די שטאָט פון ליכטער נישט באַהויכט מיט דער זעלבער יידישער נשמהדיקייט ווי זיינע געשטאַלטן? ס'איז אַ פאַר־חלומט פאַריז, אַ פאַרזונקנס אין טרוימערישקייט, אין אייביקער בענקע־ניש, אַ פאַרטראַכטע, כמעט מעלאַנכאָלישע שטאָט. פון טיפן בלוי שלייכט זיך פאַריז אַרויס, ווי אַ ראָמאַנטיש, אַמאָליק יידיש שטעטל אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

ס'גייט דעריבער נישט אין טעמאַטיק נאָר אין יידישער פיליקייט. סיי די פרייד, סיי דער אומרו, דער דינאַמיזם און די נשמה־וויבראַציעס פון זיין פאַלעטע זענען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער יידישער נשמה.

שאַגאַלס קונסט, אָדער אויב מען וויל, שאַגאַלס וועלט, איז באַפּעל־קערט פון פאַרשידענע מינים, וואָס הויזן צוזאַמען. מיר באַגעגענען די פאַר־

שידנסטע סיטואַציעס און געשעעניש, און אומעטום, אויף אַלע היינטיקע ווי אַמאָליקע געשטאַלטן, ברואים איז אויסגעגאָסן, דוכט זיך מיר, די יידישע בענקשאַפט, יידישע טרוימערישקייט. נישט נאָר די תמימותדיקע קו, די ציג, דער פויגל זענען יידישע, נאָר צומאָל אויף די וויטראַזשן פון דער מעצער קאַטעדראַלע ליגט אַ גייסטיק־יידישער חותם. פאַרן וויכוח וועגן יידישער קונסט, וואָלט שאַגאַלס שאַפונג געקאָנט דינען ווי אַ פּרווו־שטיין.

מיט דער רעטראָספּעקטיווער אויסשטעלונג פון זיין גרויס ווערק האָט פראַנקרייך אָפּגעגעבן כבוד שאַגאַלן, ווי ס'איז אָנגעוויזן געווען אויף די פּלאַקאַטן און אין דער פּרעסע. ס'איז געווען אַ פייערלעכער יום־טוב פאַר זיין קונסט. ס'איז אָבער אויך געווען אַ יום־טוב פון יידישער קונסט.

פאַריז 1972

דער טריאומף פון די „פאַרשאָלטענע״

(צום הונדערט־יאָריקן יובל פון די פראַנצויזישע אימפּרעסיאָניסטן)

לאָמיר באַלד פון אָנהייב דערמאָנען, אַז דער אימפּרעסיאָניזם איז עלטער ווי הונדערט יאָר. זיין געבורט איז געווען אַ לאַנגער און שווערער. ס׳איז אָבער געוואָרן הונדערט יאָר, ווי די פראַנצויזישע אימפּרעסיאָניסטן, וועו זיי זענען געווען אַרומגערינגלט מיט ביטול און צומאָל מיט האַס, האָבן צום ערשטן מאָל, אין פרילינג 1874, אויסגעשטעלט אין אַ פּריוואַטן לאָקאַל פון אַ פּאַריזער פאָטאָגראַף זייערע בילדער, וואָס מ׳האָט נישט צוגעלאָזט צו קיין שום קונסט־גאַלעריע.

ווי באַקאַנט איז אין פּאַריז פאַראַן אַ גרויסער מוזיי פון די אימפּרעסיאָניסטישע ווערק. ער איז איינער פון די צומיינסטן באַזוכטע פון די פילצאָליקע פּאַריזער מוזייען. כדי אָפּצומערקן יענע געשעעניש פון 1874, אַרויסצוהייבן די באַדייטונג פון אימפּרעסיאָניזם פאַר דער מאָדערנער קונסט, האָט זיך געעפנט אין די קונסט־סאַלאָנען פון „גרויסן פּאַלאַץ״ אַ ספּעציעלע אויסשטעלונג פון עטלעכע פערציק בילדער, געבראַכטע פון אויסלאַנד און פון אַ סך צענדליקער לאַבאָראַטאָרישע פאַרש־אַרבעטן — ראַדיאָגראַפיעס פון די אימפּרעסיאָניסטישע ווערק, מיקראָסקאָפּישע פאָרשונגען פון דער מאָלערישער מאַטעריע, פאַרשידענע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס אין נאַטירלעכן, פאַרגרעסערטן פאָרמאַט און פון איינצלנע פּרטים. עס איז אויך אויפגעלעבט געוואָרן דורך פאָטאָקאָפּיעס די ערשטע אימפּרעסיאָניסטישע אויסשטעלונג פון 1974.

דער גרויסער קונסט־פּאַלאַץ האָט נאָך אַזאַ שטראָמענדיקע מאַסע נישט געזען. במשך פון קאָרגע דריי חדשים האָבן די אויסשטעלונג באַזוכט איבער 600 טויזנט פּערזאָן, הגם קיין קאָלעקטיווע באַזוכן זענען נישט צוגעלאָזט געוואָרן צוליב דער גרויסער צאָל אינדיווידועלע באַזוכער. צוקוקנדיק זיך צו די לאַנגע רייען ביים אַריינגאַנג אין „גרויסן פּאַלאַץ״, צו דער געדרענגעניש פאַר די מייסטער־ווערק און די פאַרש־אַרבעטן, שווי־

מען יעדעס מאָל אויף אין דמיון די שווערע ראַנגלענישן, די צרות און פּורעניות, וואָס די קינסטלער פון די הײנט באַוואונדערטע ווערק האָבן געהאַט אויסצושטיין.

מ׳האָט זיי אָפּטמאָל גערופן „פאַרשאָלטענע״. און די אָממיינסטן אָנגעזעענע צווישן זיי האָבן טאַקע פאַרן לעבן פאַרזוכט אַ סך ביטערניש. דער הײנט באַרימטער מאָלער סיסליי האָט נישט פאַרקויפט קיין איין איינציק בילד, געווען אומגליקלעך ביזן טויט אין 1899. אַ געבוירענער ביי ענגלישע עלטערן, האָט מען צוליב דער פיינטלעכער באַציאונג צו די אימפּרעסיאָניסטן, אים כסדר אָפּגעזאָגט צו געבן די פראַנצויזישע בירגערשאַפט, וואָס האָט אים נאָך שווערער געמאַכט דאָס לעבן. קלאָד מאָנע, וועמענס לייוונטן עס זענען דאָס שיינדל פון פיל מוזייען און געפינען זיך אויך אין באַזונדערע קונסט־זאַלן, האָט אַ סך יאָרן געלעבט אין נויט. סעזאַן איז צוליב די מיסדערפאָלגן אַנטלאָפן פון פאַריז און זיך פאַרמאַכט אין זיין מאָלעריי אַן איזאָלירטער פון דער וועלט. באַזיל האָט נישט געהאַט דאָס מזל צו דערלעבן די ערשטע אימפּרעסיאָניסטישע אויסשטעלונג. ער איז אומגעקומען אין דער מלחמה פון 1870. דעגאַ האָט אין סאַמען אויפשוווּנג פון זיין שאַפונג פאַרלוירן דאָס ליכט פון די אויגן. דער מערקווירדיקער מייסטער רענואַר איז פאַראַליזירט געוואָרן און ווייטער געמאָלן זיצנדיק אין אַ פאָטעל, מיטן פּענדזל צוגעבונדן צו דער האַנט. ווען דאָס לעבן האָט אים פאַרלאָזט ביים מאָלן, איז דער פּענדזל פאַרבליבן צוגעפּעסטיקט צו דער האַנט־פלאַך. און ווי זאָל מען נישט דערמאָנען די טראַגישע געשטאַלט פון וואַן־גאָג, וואָס איז געקומען קיין פראַנקרייך, ווען דער אימפּרעסיאָניזם האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַ דערנער־וועג?

אויב אין דער קריטיק האָט מען זיי אָפּטמאָל באַצייכנט מיטן עפּיטעט „פאַרשאָלטענע״ קינסטלער, איז דאָס אָבער נישט געווען צוליב די פערזענלעכע אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן אַ טייל פון זיי — און צו די דאַרף מען אויך צורעכענען טולוז־לאָטרעק — נאָר ווייל זיי זענען ווי קינסטלער געווען פאַרשטויסענע. מיטן זעלבן נאָמען „פאַרשאָלטענע״ האָט מען געקרוינט גרויסע דיכטער פון יענער צייט, ווי באָדלער, רעמבאָ, ווערלען מיט וועלכע די יונגע מאָלער־בונטאַרן זענען געווען געבונדן.

*****

ס'איז געווען אין אָנהייב צווייטע העלפֿט 19־טער יאָרהונדערט. צענד־ליקער פּאַריזער יונגע מאָלער, וועלכע האָבן זיך בלב ונפש אָפּגעגעבן דער מאָלעריי, האָבן נישט געקאָנט אויסשטעלן זייערע בילדער אין קיין שום קונסט־סאַלאָן. אַלע זשוריס האָבן זייערע בילדער מיט ביטול און פאַר־אַכטונג אָפּגעוואָרפֿן. וועגן סעזאַנען האָט אַ קריטיקער געשריבן, אַז ער טראָגט אויף זיינע פּלייצעס די בילדער, ווי קריסטוס האָט געטראָגן דעם קרייץ. ער האָט זיי געטראָגן פֿון סאַלאָן צו סאַלאָן, פֿון גאַלעריע צו גאַלע־ריע, ווו די זשוריס האָבן זיי איינע נאָך די אַנדערע געפּסלט. צו יענער צייט האָט די מלוכישע אַדמיניסטראַציע באַוויליגט צו עפֿענען אַ „סאַלאָן פֿון אָפּגעזאָגטע", ווו מען האָט געקאָנט אויסשטעלן אָפּגעוואָרפֿענע לייוונטן. עדואַר מאַנע האָט דאָרט, אין 1863, אויסגעשטעלט זיין היינט באַרימט ווערק „דער פֿרישטיק אויפֿן גראָז" און אַרויסגערופֿן דערמיט אַ גרויסן סקאַנדאַל. אַ נאַקעטע פֿרוי צווישן צוויי מענער! און דאָס אָן שום אַלע־גאָרישער אָנדייטונג. נישט ווייניקער האָט שפּעטער אַרויסגעפֿירט פֿון די כלים, סיי די קריטיק, סיי דעם עולם, זיין לייוונט, וואָס הענגט היינט אין אויבנאָן אין אימפּרעסיאָניסטן־מוזיי, „אָלימפּיאַ". מ'האָט דעם מייסטער אין דער מאָלעריי עדואַר מאַנע נישט נאָר אויסגעלאַכט און געזידלט,נאָר אָפּילו אָנגעהויבן צו באַטראַכטן פֿאַר אַ משוגענעם. ער איז אָנגעגאַנגען פֿאַרן בעל־ראש פֿון די יונגע מאָלער, די שפּעטערדיקע אימפּרעסיאָניסטן, כאָטש ער איז דאָס נישט געווען לויט זיין מאָלעריי. צוליב די שטאַרקע אָנגריפֿן קעגן אים, האָבן די יונגע קינסטלער, וועלכע מ'האָט פֿאַרביטערט דאָס לעבן, גרופּירט זיך אַרום אים, פּונקט ווי זיי האָבן זיך בכלל געהאַלטן צוזאַמען אין זייערע קינסטלערישע זוכענישן און אין זייערע אָנשטרענגונ־גען אַרויסצוקומען מיט זייערע ווערק אין דער עפֿנטלעכקייט.

איבער אַ פֿערטל יאָרהונדערט האָט מען זיי דעם וועג צו דער עפֿנט־לעכקייט פֿאַרשטעלט. ערשט אין פֿרילינג 1874 האָבן זיי מיט דער הילף פֿון פּאַריזער פֿאָטאָגראַף נאַדאַר, וועלכער איז אַריין אין דער געשיכטע פֿון אימפּרעסיאָניזם, אָרגאַניזירט אַן אומאָפּהענגיקע אויסשטעלונג אין וועלכער ס'האָבן אָנטייל גענומען דרייסיק מאָלער, גראַפֿיקער און סקולפּ־טאָרן. פֿון די באַטייליקטע מאָלער האָט דעם ערגסטן פּסק געכאַפּט קלאָד מאָנע. זיינע צוויי צוממייסטן אָנגעגריפֿענע און אויסגעלאַכטע לייוונטן געפֿינען זיך אויף דער מוסטער־אויסשטעלונג אין „גרויסן פּאַלאַץ" — „דער בולוואַר קאַפּוסין" און „אימפּרעסיע־זונאויפֿגאַנג". אַ באַזוכער, אַן אונטערגעשטעלטער דורך אַ זשורנאַליסט, האָט געפֿרעגט ביי מאָנע: „צי

קאָנט איר מיר זאָגן וואָס עס באַדייטן די שוואַרצע שטיקלעך אונטן אין אייער בילד „בולוואַר קאַפּוסין״? — דאָס זענען די שפּאַצירער, האָט דער מאָלער רואיק געענטפערט. „אויב אַזוי, באַדייט עס, אַז איך בין ענלעך צו זיי, ווען איך שפּאַציר אויפן בולוואַר? שווייגט בעסער, אויב נישט...״!

אין זשורנאַל „ל׳אַרטיסט״ האָט דער אָפיציעלער קריטיקער געשריבן וועגן קלאָד מאָנע: „...די אימפּרעסיע — זונאויפגאַנג איז געמאָלן מיט אַ קינדערישער האַנט פון אַ שילער, וואָס לייגט צום ערשטן מאָל די פאַרב אויף עפּעס אַ פלאַך...״ און דער קריטיקער פון דער דעמאָלט באַקאַנטער צייטונג „שאַריוואַרי״ האָט זיך אָפּגערעכנט מיט דער אויסשטעלונג הומאָריסטיש. ער האָט מיט חוזק פאַרזיכערט, אַז פונקט ווי קלאָד מאָנעס „זונאויפגאַנג״ הייסט אימפּרעסיע, אַזוי קאָן מען אַלע בילדער אָנרופן אימפּרעסיעס, די מאָלער אימפּרעסיאָניסטן און זייער מאָלעריי אימפּרעסיאָניזם.

די באַצייכענונג האָט געהאַט מזל. זי האָט זיך אָנגענומען. די אימפּרעסיאָניסטן האָט עס דערוויַיל קיין מזל נישט געבראַכט. זיי האָבן ביז 1886 געהאַט נאָך 7 אויסשטעלונגען אָן זשוריס, ווי ביי דער ערשטער. קיין גרויס נחת פון זייערע בילדער האָבן זיי ווייטער נישט געהאַט. נאָך אין 1894, ווען אַ סך פון זיי האָבן זיך שוין געהאַט דערוואָרבן אַ געוויסן אָנזען, איז פאָרגעקומען אַ שטרייט אַרום זייערע בילדער. דער מאָלער און קאָלעציאָנער קאַיעבאָט, דער צוממיינסטן פאַרמעגלעכער צווישן די יונגע, פאַרשטויסענע מאָלער, פלעגט אָפּקויפן בילדער ביי זיינע נויטבאַדערפטיקע קאָלעגן. פאַרן טויט, אין 1894, האָט קאַיעבאָט געלאָזט אַ צוואה, אַז ער שענקט אָוועק דער מלוכה זיין קאָלעקציע פון 67 אימפּרעסיאָניסטישע בילדער מיטן באַדינג זיי זאָלן אַריינגיין אין מוזיי. ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשריי: וואָס? אַזעלכע נעמען ווי סעזאַן, פּיסאַראָ, מאָנע אין אַ נאַציאָנאַלן מוזיי? אָן אָנגעזעענער מיטגליד פון דער קונסט־אַקאַדעמיע, דער דעמאָלט באַקאַנטער מאָלער זשעראָם, האָט צווישן אַנדערן געשריבן: „...אויב די מלוכה וועט דערלאָזן מ׳זאָל אָננעמען אַזאַ מיסט פאַר אַ מוזיי, וועט עס זיין אַ מאָראַלישע דערנידערונג...״. נאָך לאַנגע אַמפּערנישן און אַדאַנק דער אינטערווענץ פון קלעמאַנסאָ, האָט מען פון דער קאָלעקציע אָפּגעקליבן אַ 40 בילדער, אָבער פון סעזאַנס 5 פּרעכטיקע בילדער האָט מען באַוויליקט אָננעמען בלויז 2, פון מאָנעס 16 ליידונטן — 7, פון פּיסאַראָס כישופדיקע 18 פּייזאַזשן האָט מען צוגעלאָזט בלויז 7. די אָפּגעוואָרפענע אימפּרעסיאָניסטישע מייסטער־ווערק זענען אויסגעקויפט געוואָרן דורך קונסט־הענדלער פאַר גראָשנס.

צו זייער גרויסן רום זענען די אימפּרעסיאָניסטן דערגאַנגען, ווען דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן זיך געהאַט צעשיידט מיט דער וועלט.

מיט וואָס האָבן זיך די יונגע מאָלער, די שפּעטערדיקע אימפּרעסיאָניסטן פאַרזינדיקט? זיי האָבן נישט געוואָלט מאָלן לויט איינגעשטעלטע שאַבלאָנען, לויט דעם דעמאָלטיקן, קאָנווענציאָנעלן, אַקאַדעמישן שולחן ערוך.

די פראַנצויזישע פּלאַסטישע קונסט, וואָס ציט איר ייחוס פון דער גריכיש־ראָמאַנישער קונסט, איז צו יענער צייט באַהערשט געווען פון אַ שטייפן אַקאַדעמיזם. פון אַמאָליקן ברויזנדיקן רענעסאַנס, וואָס האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין פראַנקרייך, פון די לעבעדיקע איינפלוסן פון אַ דאַ ווינטשי, ראַפאַעל, מיקעל אַנדזשעלאָ, דאָנאַטעלאָ און אַנדערע גרויסע מייסטער, זענען פאַרבליבן פאַרגליווערטע פּרינציפּן, קודם כל דער פּרינציפּ, אַז די גריכן האָבן געשאַפן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ באַגריף פאַר שיינקייט, עסטעטיק, וואָס באַשטייט פון פּראָפּאָרציאָנעלקייט, האַרמאָנישקייט פון די ליניעס. עסטעטיק, שיינקייט זאָל סתם נישט האָבן צו טאָן מיט אינדיווידועלער עמפינדלעכקייט, ס׳איז גילטיק אַ באַשטימטע קריטעריע. האָבן די קונסט־אַקאַדעמיעס אָנגעוואָרפן אַ שטרענגן מעטאָד — די צייכענונג אין אַ בילד האָט געדאַרפט זיין אַזאַ פּרעציזע, ווי ביי אַן אַרכיטעקט ביים פּלאַנירן און בויען אַ שיינע געביידע. די קלאַסישע פּאָסטולאַטן האָבן נישט דערלאָזט צו קיין שום אָפּנויג. אויב דער הויפּט־סוזשעט איז געווען דער מענטשלעכער קערפּער, האָט ער געמוזט זיין פּערפעקט; מ׳האָט דעם מאָדעל „אַראַנזשירט״, געמאַכט שענער, אײדעלער. אַקטן (נאַקעטער קערפּער) האָבן געמוזט זיין פון אַן אַלעגאָרישן כאַראַקטער, די הויפּט־טעמעס זענען געווען סימבאָלישע און מיטאָלאָגישע געשטאַלטן, העראָאישע און היסטאָרישע סצענעס. די קאָלירן, צוגעפּאַסטע צו דער טעמאַטיק, זענען געווען אָנגעלאָדן מיט ערנסטקייט, טונקעלע, איינגעלאָשענע, ממש אַסצעטישע. געוויינטלעך האָבן די קינסטלער פון דער הערשנדיקער שיטה געמאָלן ריזיקע לייוונטן פון אַ מאָנומענטאַלן און נאָך מער דעקלאַמאַטאָרישן כאַראַקטער.

קעגן דעם אַרט קונסט האָבן די יונגע מאָלער זיך רעוואָלטירט. אַ סך פון זיי האָבן פאַרלאָזט די קונסט־שולן, די, וואָס האָבן געקאָנט, זענען געפאָרן שטודירן אין דער שווייץ. זיי האָבן אָבער דער עיקר אַליין געפאָרשט, געזוכט נייע וועגן, נייע אויסדרוק־מיטלען פאַר זייער קונסט. זיי

פלעגן זיך זאַמלען אין קאַפייען, דיסקוטירן וועגן נייע אופנים פון מאָלן, זיי פלעגן אַרויספאָרן גרופּנווייז אין פאַרשידענע שיינע געגנטן, כדי צו אָבסערווירן די נאַטור, דער עיקר די אויסווירקונג פון די נאַטור־דער־שיינונגען אויף דער מאָלערישער מאַטעריע; זיי האָבן געפונען אַ נייע פּיקטוראַלע שפּראַך, וואָס זיי האָבן מיט אייפער אָנגעוואַנדן און וואָס איז געווען פולשטענדיק אין קעגנזאַץ צו דער אַקאַדעמישער קונסט.

אין זעלבן יאָר, ווען עס האָבן אויסגעשטעלט צום ערשטן מאָל די פאַרשטויסענע קינסטלער, האָט מען אין דער לוקסענבורג־גאַלעריע, וואָס איז צו יענער צייט געווען דער מוזיי פון דער דעמאָלטיקער מאָדערנער קונסט, געעפנט די טירן פאַר די אָנערקענטע מאָלער. צום דאָפּלטן הונ־דערט־יאָריקן יובל, האָט מען אויך אויסגעשטעלט זייערע בילדער אין עטלעכע גרויסע זאַלן פון דעם זעלבן „גראַן פּאַלע". קוקט מען איצט אויף די גרויסע, פּאַטעטישע לייוונטן מיט זייערע אַלעגאָרישע, מיטאָלאָגישע, און היסטאָרישע סוזשעטן, געמאָלן לויט אַ שטרענגער קאָנווענץ, דער־שיינט בולטער די אויסערגעוויינטלעכע איבערקערעניש, וואָס עס האָבן געמאַכט אין דער מאָלעריי די אימפּרעסיאָניסטן. מ'קאָן אָן גוזמא זאָגן, אַז זיי האָבן געלייגט די פונדאַמענטן פאַר דער מאָדערנער קונסט.

***

דער הויפּט־שטריך פון די אימפּרעסיאָניסטישע מאָלער איז, ווי באַ־קאַנט, דאָס פּיקטוראַלע אויסדריקן זיך אויף אַ סוביעקטיוון אופן און נישט לויט עפּעס אַן אָביעקטיווער איינשטעלונג. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די ווירקלעכקייט, וואָס רינגלט אונדז אַרום, קאָנקרעטיזירט זיך אין דער איבערלעבונג פון יחיד און איבערגעבן דאַרף מען זי אַזוי ווי זי ווערט אויפגענומען דורכן קינסטלער, קאָנקרעטער — אַזוי ווי ער זעט זי מיט זיינע אייגענע אויגן. עמיל זאָלאַ, דער דעמאָלטיקער קונסט־קריטיקער און פריינד פון די יונגע בונטאַרן, האָט דאָס אַזוי געהאַט באַצייכנט: „אַ בילד איז אַ פראַגמענט פון דער נאַטור, געזען דורכן טעמפּעראַמענט פון קינסטלער". דאָ דאַרף מען צוגעבן, אַז ס'האָט זיך נישט געהאַנדלט בלויז אין פראַגמענטן פון דער נאַטור. די נאַטור, דער עיקר ליכט, לופט, זענען געווען די הויפּט עלעמענטן אויף וועלכע די אימפּרעסיאָניסטן האָבן זיך אָנגעשפּאַרט, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען. זיי האָבן אָבער אין דער קונסט אַריינגעבראַכט דאָס לעבעדיקע לעבן, פראַגמענטן פון

דער באַלדיקער ווירקלעכקייט, איבערגעגעבן דורך אַן אינדיווידועלער, מאָלערישער וויזיע און אין אַן אייגענער פּלאַסטישער פאָרם. אַ קונסט־בילד שאַפט זיך נישט, לויט זיי, אויפן סמך פון פאַרטיקע אָביעקטיווע כּללים, אָדער דורך פּאַסיווער אימיטאַציע, נאָר עס איז געבונדן מיט אינטימער איבערלעבונג, מיט אינערלעכער עמאָציאָנעלקייט. אין תּוך איז דאָס דער דראַנג פון קינסטלער צו שאַפן אַזוי ווי ער פילט, אַזוי ווי ער באַנעמט. דאָס איז דער באַגער זיך צו באַפרייען פון פאַרטיקע פאָרמולן, פון אָנגעוואָרפענע שאַבלאָנען.

אַזאַ איינשטעלונג איז צו יענער צייט אין די אַקאַדעמישע קרייזן אין פראַנקרייך, פּונקט ווי היינט אין סאָוויעט־רוסלאַנד, באַטראַכט געוואָרן פאַר די גרעסטע אפּיקורסות. אַוודאי איז מען דעמאָלט די מאָלער־בונ־טאַרן נישט באַפאַלן, מ׳האָט זיי נישט צעטריבן, ווען זיי האָבן זיך גרופּירט אין פאַרשידענע ערטער, מ׳האָט נישט צעשטערט זייערע אויסשטעלונגען, ווי דאָס איז געשען אין סאָוויעט־רוסלאַנד אין האַרבסט 1974. געשיכטע חזרט זיך איבער, נאָר צומערשט איז דאָס אַ טראַגעדיע, דערנאָך אַ טראַ־גישע פאַרס, האָט אַ געוויסער פילאָזאָף געשריבן. פּונקט ווען מ׳האָט גע־פייערט די ערשטע אויסשטעלונג פון די פראַנצויזישע אימפּרעסיאָניסטן און דערמיט אויך זייער אויפטו זיך נישט אונטערצווואַרפן קיין צוגע־שטעלטע, פאַרטיקע מוסטערן אין דער קונסט, האָט מען אין אַ מאָסקווער פאַרשטאָט אָנגעשיקט אויף קינסטלער, וואָס ווילן זיך פריי אויסדריקן, געהיים־אַגענטן, פּאָליציאַנטן מיט לאַסט־אויטאָס, קלומרשטע אַרבעטער מיט אַ בולדאָזער צו צעאַקערן דעם באָדן, וווּ ס׳האָט געזאָלט פאָרקומען אַן אויסשטעלונג. מיט הונדערט יאָר צוריק האָבן די נישט געהאָרכזאַמע קינסטלער געקאָנט מאַכן אויסשטעלונגען וויפל זיי האָבן געוואָלט, מען האָט בלויז געחוזקט פון זיי, נישט צוגעלאָזט זיי צו די קונסט־סאַלאָנען.

זיי זענען אויך נישט געווען אין גאַנצן אַליין. ווען די יונגע מאָלער פלעגן זיך זאַמלען אין קאַפייען, אין זייערע אַטעליעס, זענען אַלע מאָל געווען מיט זיי געוואַגטע קריטיקער צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען זייערע פריינד עמיל זאָלאַ, שאַרל באָדלער. אין מוזיי פון די אימפּרעסיאָ־ניסטן און אויף דער אויסשטעלונג אין „גרויסן פּאַלאַץ” זענען אויסגע־האָנגען מערערע, גרויסע לייוונטן פון דעמאָלט אָנגעזעענעם מאָלער פאַנטען־לאַטור אויף וועלכע מ׳קאָן זען די יונגע אימפּרעסיאָניסטישע מאָלער צוזאַמען מיט זייערע פריינד שרייבער און דיכטער. זיי האָבן אין זייערע זוכענישן אויך געהאַט ביישפּילן פון עלטערע פראַנצויזישע מייס־

טער. קורבע, דער פאַרשטייער פון רעאַליזם, האָט זיינע סוזשעטן גענומען פון לעבעדיקן לעבן, געמאָלן אויך שטיללעבנס, פּייזאַזשן, וואָס זענען פאַר די יונגע געווען דער פּרוואו־שטיין פון אַ נייער מאָלעריי. ער, קורבע, פלעגט אגב קומען זיך צוהערן צו די רייד פון זיינע יונגע קאָלעגן. קאָראָ האָט ביזן סוף פון זיין לעבן ווייטער געצויגן די טראַדיציע פון פראַנצוישן פּייזאַזש אין וועלכן די אימפּרעסיאָניסטן האָבן אַריינגעבלאָזן אַ נייעם רוח החיים. דעלאַקרואַ, דער ראָמאַנטיקער אין דער מאָלעריי, האָט גע־לאָזט אין פולן גאַנג די קאָלאָריסטיק. ער איז געווען אין אַ געוויסן זין אַ פאָרגייער פון די אימפּרעסיאָניסטן, ער האָט געשריבן: „דער שונא פון יעטוועדער מאָלעריי איז דער גרוי, אין דער נאַטור מיניעט זיך אַלץ מיט רעפלעקטן". זיין נאָענטער פריינד, דער מאָלער פּאָל הוע, האָט גע־מאָלן נאַטור־מאָטיוון, פּונקט ווי די יונגע בונטאַרן; פאַראַן ביי אים פּיי־זאַזשן, וואָס הייסן „זונפאַרגאַנג", „די זון אין וואָלקנס" און ענלעכע. אויך ער איז געווען אַ פאָרגייער פון אימפּרעסיאָניזם.

נישט ווייניק ענלעכע נייע שטראָמען זענען געפלאָסן מחוץ די גרע־נעצן פון פראַנקרייך. דער האָלענדישער מאָלער יאָנגקינד, וועלכער האָט שפּעטער געפּירט אַ וואַגאַבאָנדיש לעבן אין פראַנקרייך, פלעגט מאָלן ביים ברעג ים און זיינע פּייזאַזשן האָבן זיך געטונקען אין דער וויבראַציע פון ליכט. דער פראַנצויזישער אימפּרעסיאָניסטישער מאָלער באָדען, האָט נאָך אַ באַגעגעניש מיט אים, נאָך אין 1860, געשריבן: „דריי ציען מיטן פענדזל לויט דער נאַטור איז מער ווערט, ווי דריי טעג מאָלן אין שטוב". דער ענגלישער פּייזאַזשיסט וויליאַם טערנער האָט נאָך אַ סך פריער גע־האַט אַריינגעפירט אין זיין מאָלעריי אַ סך ליכט. „די זון איז דער גאָט פאַר דער מאָלעריי„ האָט ער געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, וואָס האָט זיך אויסגעלאָשן אין 1851. אין יענעם יאָרהונדערט האָט מען זיך אויך אין פראַנקרייך באַקענט מיט די יאַפּאַנישע קאָלאָריסטישע האָלצ־שניטן און אַנדערע פאַרביקע גראַוויורן.

אַזוי אַרום איז דער אימפּרעסיאָניזם געווען דער לעצטער רינג פון אַ סך רינגעלעך. ער איז אָבער געווען דער רינג, וואָס האָט צוזאַמענגע־פלאָכטן די קייט. און טראָץ די פאַרשידענע איינפלוסן, עלעמענטן מחוץ פראַנקרייך, איז דער אימפּרעסיאָניזם אַ דורכויס פראַנצויזישע פלאַנץ, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון פראַנצויזישן באָדן און אויסגעוואַקסן אונטערן פראַנצויזישן הימל.

אין גאַנג פון צייט

ווען די יונגע קינסטלער פלעגן זיך אַרויסלאָזן מאָלן אויף דער שויס פון דער נאַטור, אָדער ווי מען רופט דאָס אויף „פלען־ער“, איז עס געווען פאַר זיי אַ געלעגנהייט צו אָבסערווירן די וויבראַציעס פון דער זון־ליכט, די „פליסיקייט“ פון דער לופט, די רעפלעקטן פונעם רעגן אויפן פעלד, אויפן וועג, דאָס מיניען זיך פון ליכט אין טייך, די שאָטן־פלעקן אויפן שניי. בעת זייערע צוזאַמענקונפטן זענען זיי געקומען צו דער מסקנא, אַז דער אמתער קוואַל פון פאַרב איז ליכט, אַז די קאָלירן פון קעגנשטאַנדן ענדערן זיך כסדר לויט דער אינטענסיווקייט פון דער ליכט. און היות אַלץ איז איינגעטונקען אין ליכט, אין אַטמאָספער, האָט קיין שום זאַך נישט קיין שטענדיקן, סטאַבילן קאָליר. די קעגנשטאַנדן שלאָגן אָפּ די זונען־שטראַלן, פונקט ווי אין אַ שפיגל און אין רעזולטאַט אַנטשטייען וויבראַציעס, אַ ספערע רעפלעקטן, אַ גאַמע טענער.

אויפן סמך פון זייערע אָבסערוואַציעס, וואָס האָבן באַקומען אַן אָנשפאַר אין דער דעמאָלטיקער וויסנשאַפט פון דער פיזיק, אָפטיק, האָבן זיי געשאַפן אַ נייע טעכניק פאַר דער מאָלעריי. היות זיי האָבן באַגערט צו מאָלן אַזוי ווי די נאַטור שאַפט, האָבן זיי געוואָלט אַרויסבאַקומען פון די פאַרבן וואָס מער ליכט אין איר פלוקטואַציע, וואָס מער אינדיווידועלע אויסשטראַלונג פון די קאָלירן. כדי דאָס צו דערגרייכן האָבן פיל פון זיי, אין דער ערשטער ריי קלאָד מאָנע, געמאָלן מיט ריינע פאַרבן, זיי איבערגעטראָגן אויפן לייוונט אין קליינע דאָזן און זיי געלייגט מיטן פענדזל פראַגמענטנווייז, אַזוי, אַז דורך די פילצאָליקע קליינע פענדזל־שמירן האָט זיך באַקומען פאַרן אויג אַן איינדרוק פון וויבראַציע, פּאַלפּיטאַציע, ווי די פלוקטואַציע פון נאַטירלעכן ליכט און לופט. מיט איין וואָרט — ליכט, לופט, אויסשפרייט פון שטח האָבן געשפילט אַן ערשטראַנגיקע ראָל אין דער פאַרבנרייכער מאָלעריי פון די אימפרעסיאָניסטן. דער צויבער פון דער פאַרב האָט גענומען די אויבערמאַכט איבער דער פאָרם, דער קאָנסטרוקציע, קאָמפּאָזיציע, וואָס איז געווען זייער שוואַכע זייט. אַ סך פון יענע מאָלער האָבן דעם זעלבן סוזשעט, דעם זעלבן מאָטיוו געמאָלן אין פאַרשידענע שעהן פון טאָג צוליב דער אַנדערשדיקער אינטענסיווקייט פונעם ליכט. סיסליי האָט דעם זעלבן פּייזאַזש, נישט ענדערנדיק קיין שום פּרט, געמאָלן עטלעכע מאָל.

אין גאַנצן קיין נייעס איז דאָס נישט אין דער געשיכטע פון קונסט. דער יאַפּאַנישער מאָלער האָקוסאַאי (1760־1849), וועגן וועלכן ס'האָט

געהאַט געשריבן עדמאָנד גאָנקור, זאָל האָבן געמאָלן דעם באַרג פודזשי, נישט ווייניקער ווי הונדערט מאָל און יעדעס מאָל איז דאָס בילד געווען אַנדערש. מיט געדולד און אויסדויער קאָנען זיך, ווי באַקאַנט, די יאַפּאַנער מיט קיינעמען נישט פאַרגלייכן. קלאָד מאָנע האָט פּאָרט געמאָלן די קאַטעדראַלע פון רואַן פיל מאָל און יעדעס מאָל איז זי לויט דער זון־באַלויכטונג אַרויסגעקומען אַנדערש.

***

די אימפּרעסיאָניסטן האָבן אַריינגעפירט אין דער פּלאַסטישער קונסט נייע באַגריפן, זיי זענען געווען עקספּערימענטאַטאָרן, זיי האָבן אַנטדעקט נייע פּיקטוראַלע געזעצן; די טעכניק פון יענער מאָלעריי פאַרשט מען נאָך היינט. אָבער נישט קיין קלענערע נייקייט איז די דערשיינונג גופא, דער אימפּרעסיאָניזם ווי אַ קונסט־באַוועגונג. געוויינטלעך גייט אָן קלאָד מאָנע ווי דער טעאָרעטיקער, דער הויפּט־באַגרינדער פון דער ריכטונג. דאָס איז מסתמא דערפאַר, ווייל ער האָט אָנגעוואָנדן די נייע טעכניק אָפטמאָל מיט דער גרעסטער פּרעציזקייט ווי מיר זעען דאָס אין זיין בילד די „רויטע מאָקוועקעס". די רויטע ריינע פאַרב איז אויפן גרינעם פאָן געלייגט אין אַזעלכע קעגנזייטיקע קליינע און גאָר קליינטשיקע פלעקן, אַז ס'דוכט זיך זיי וויברירן. די ביימער און דאָס הויז, וואָס קוקן צווישן זיי אַרויס אויפן האָריזאָנט, זענען איינגעוויקלט אין אַ נעפּל פון לופט. דער בלויער הימל איבער זיי איז פאַרצויגן מיט ווייס־זוניקע, צעריסענע וואָלקנס. די פרוי מיטן קינד אין דער ווייט פון פעלד גיסן זיך צוזאַמען מיט די געל־גרינע גראָזן, מיט די רויטע מאָקוועקעס, די קאָנטורן פאַרווישן זיך. די צווייטע פרוי מיטן קינד טונקען זיך אין זייער גאַנג נישט נאָר אין גרינס, נאָר אויך אין דער פולסירנדיקער לופט. מען פילט דעם אויסשפּרייט פון שטח, פון אין סוף. נאָך מער כאַראַקטעריסטיש פאַר מאָנעס פּרעציזקייט אין דעם פּרט איז זיין באַרימט בילד „אימפּרעסיע־זונאויפגאַנג". דאָס טייכל, דאָס קוים באַמערקבאַרע שיפל מיט די געשטאַלטן, די קעגנשטאַנדן אַרום, די רעפלעקטן פון דער רויטער, פרימאָרגנדיקער זון אויפן וואַסער זעט מען, ווי דורך אַ נעץ אויסגעשפּינט פון פאַרטאָגיקן ליכט. דאָס בילד פאַרכאַפּט מיט שטימונגספולקייט און עמאָציאָנעלקייט. אין געוויסע בילדער, ווי אין זיינע מייסטערהאַפטע וואַנט־מאָלערייען וואָס טראָגן דעם נאָמען „נימפעאַס" און וואָס פאַרנעמען עטלעכע גרויסע מוזיי־זאַלן, דערפירט ער זיין מאָלעריי

דורכן אופן פון לייגן די פאַרב, דורכן פאַרווישן די קאָנטורן און די צייכע־נונג, ביז אַבסטראַקציע.

ובכן, הגם קלאָד מאָנע איז געווען, לאָמיר זאָגן, דער הויפּט־באַגריג־דער פון דער ריכטונג, האָט צוממיינסטן עקספּערימענטירט און אָנגעוואָנדן די נייע טעכניק אין זיין מאָלעריי, איז דער פאָטער פון אימפּרעסיאָניזם נישט געווען ער, דער יחיד, נאָר אַן עדה.

ס׳איז באַקאַנט, אַז אַ רעוואָלוציע אין דער קונסט ברענגט אַריין קודם כל אַ שעפערישע פּערזענלעכקייט, ווי אין אונדזערע צייטן פּיקאַסאָ, אָדער זאָל מען אָננעמען ווי דזשיאָטאָ אין 14־טן יאָרהונדערט אין איטאַליע, אויב זיך באַגרענעצן בלויז צו די צוויי שעפערישע יחידים. דער אימפּרעסיאָניזם איז געבוירן געוואָרן דורך קאָלעקטיווע זוכענישן, באַלד פון אָנהייב איז ער אַנטשטאַנען דורך אַ שעפערישן אָנשטרענג פון אַ גאַנצער גרופּע. דאָס איז געווען אַ זעלטענע — און אפשר אַן איינצעלנע — דערשיינונג אין דער קונסט פון געמיינזאַמער שעפערישקייט און אויך פאַרברידערונג. אין איין אַטעליע פלעגן מאָלן עטלעכע קינסטלער. ס׳האָט אויך געטראָפן, אַז אויף פלען־ער האָט מען געמאָלן דעם זעלבן פּייזאַזש, ווי דאָס האָט געטאָן רענואַר און מאָנע. ביידע בילדער טראָגן דעם זעלבן נאָמען „סאַזשלקע”, אין ביידע איז דער זעלבער אַנעקדאָט — אַ רעסטאָראַציע אויף אַ סאַזשלקע־אינדזעלע.

ס׳וואָלט אָבער געווען פאַלש צו מיינען, אַז אַלע אימפּרעסיאָניסטן האָבן נאָכגעפאָלגט דעם זעלבן וועג, באַנוצט זיך מיט דער זעלבער טעכ־ניק. ס׳איז אַ ספק צי זיי האָבן געשאַפן אַן איינהייטלעכע שול. עדואַר מאָנע למשל, האָט אַנדערש געמאָלן ווי קלאָד מאָנע. קוקט מען אויף זיין „פּריש־טיק אויפן גראָז”, אויף „אָלימפּיאַ”, געמאָלן מיט ברייטע פּענדזל־שמירן, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז אין תוך איז דאָס קלאַסישע מאָלעריי. ער האָט אָבער אַריינגעפירט אין זיינע בילדער, ווי אַלע אימפּרעסיאָניסטן, אַ סך ליכט און די סוזשעטן האָט ער גענומען פון זיין אַרום. אין שפּעטער־דיקן פּעריאָד געמאָלן אויך פּייזאַזשן, אָנגעזעטיקטע מיט ליכט, וואָס זע־נען אַזוי אייגנטימלעך געווען פאַר די אימפּרעסיאָניסטן. עדגאַר דעגאָ האָט מיטגעמאַכט דעם גאַנצן קינסטלערישן וועג פון די אימפּרעסיאָניסטן. אים האָט אָבער מער ווי די שפּיל צווישן ליכט און פאַרב אינטערעסירט די באַוועגונג, די בויגעוודיקייט פון מענטשלעכן קערפּער, דאָס פערד אין לויף. ער האָט געמאָלן גאַנצע סעריעס באַלעטן, טענצערינס, ער האָט אַרויס־געבראַכט זייער עלאַסטישע, גראַציעזע באַוועגונג אַפילו אין פּילע בראַנ־

זענע סטאַטועטקעס. אין קעגנזאַץ צו אַנדערע אימפּרעסיאָניסטן האָט ער געלייגט מער אויפמערקזאַמקייט אויף דער קאָמפּאָזיציע.

פּאַר סעזאַנען, אַפילו אין זיין אימפּרעסיאָניסטישן פּעריאָד, ווען ער האָט געשאַפן זיין באַרימט ווערק „דאָס הויז פון געהאָנגענעם" און זיינע אַקוואַרעלן, אונטערגעשריבענע „אימפּרעסיעס לויט דער נאַטור", איז די פּאַרב שוין אויך געווען אַ מיטל נישט אַזוי אַרויסצובאַקומען דאָס אינטים־וויברירנדיקע אין דער נאַטור, נאָר גיכער צו קאָנסטרואירן פאָרמען. שפּע־טער האָט זיך דאָס בולט אויסקריסטאַליזירט און ער האָט זיך דערווייטערט פון אימפּרעסיאָניזם. אגב האָט עמיל זאָלאָ דער קונסט־קריטיקער סעזאַנס שפּעטערדיקע מאָלעריי לחלוטין נישט פאַרשטאַנען און, פאַרקערפּערנדיק אים אין זיין צווייַ באַנדיקן ראָמאַן „דאָס ווערק", אין וועלכן סעזאַן האָט זיך דערקענט, דערפירט צו אַ צעשיידונג מיט זיין פריינד און שול־חבר.

וואַן־גאָג, ווען ער איז אין 1886 געקומען קיין פּאַריז און זיך באַגייסטערט מיט דער נייער מאָלעריי, האָט מיט פּאַסיע זיך געוואָרפן צום פּייזאַזש, אַריינגעפּירט אין זיינע בילדער אַ סך ליכט, אָבער צואייגנדיק זיך דאָס עיקרדיקע פון די אימפּרעסיאָניסטן, האָט ער זיך פּאַרט באַנוצט מיט אַן אייגענער טעכניק. זיין נערוועזער, שלענגלדיקער פּענדזל־שמיר האָט זיין מאָלעריי געגעבן אַקצענטן פון ליידן, שפּעטער פון ייאוש, אין קעגנזאַץ צו דער געמיטלעכקייט און פריידיקייט ביי די אימפּרעסיאָניסטן.

מ'וואָלט געקאָנט נאָך לאַנג ציען די רשימה און אויך אָנווייזן אויף אַזעלכע קינסטלער, וואָס זענען געקומען אין באַרירונג מיטן אימפּרעסיאָ־ניזם צייטווייליק, ווי פּאָל גאָגען, וועלכער האָט זיך באַגייסטערט פאַר דער נאַטור. אָבער אים האָט נישט ווייניקער ווי די ברייטע זוניקע הימלען, גע־צויגן דאָס עקזאָטישע, וואָס ער האָט געפונען אין טאַהיטי. געווען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך צוגעאייגנט געוויסע עלעמענטן און שטריכן פון אימפּרעסיאָניזם און זיי איבערגעשמאָלצן לויט זייער טעמפּעראַמענט, ווי טולוז לאָטרעק. ער האָט דעם פּענדזל־שמיר צוגעגעבן אַ זיגזאַקיקן אימ־פּולס. זיינע זעברירטע ליניעס זעען אויס ווי פּאַסן אויף געוויסע בעלי־חיים. ער האָט מער אַכט געלייגט אויף דער צייכענונג, אגב האָט ער געצייכנט אַפישן, געמאַכט דעקאָראַציעס פאַר פאַרוויילונגס־הייזער. און ער, דער זון פון אַריסטאָקראַטן, האָט זיינע געשטאַלטן גענומען דווקא פון די „נידעריקע שיכטן", פּרויען פון נאַכט־לאָקאַלן, דערביי זיי אינדיווי־דואַליזירט, פּסיכאָלאָגיש פּאָרטיפּט, וואָס איז ווייט נישט געווען כאַראַק־טעריסטיש פאַר די אימפּרעסיאָניסטן.

פון דער פּילצאָליקער אימפּרעסיאָניסטן־גרופּירונג האָט זיך בלויז אַ טייל געהאַלטן ביי דער ריין אימפּרעסיאָניסטישער איינשטעלונג: קלאָד מאָנע, סיסליי, רענואַר, וועלכער האָט אַממייִנסטן געמאָלן פּרויען־אַקטן, גיאָמען און די מאָלערין בערט מאָריזאָ. אויך רענואַר האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לאַנגן לעבן (געשטאָרבן אין 1919) זיך אָפּגעקערט פון אימפּרעסיאָניזם.

אין דער העלפט אַכציקער יאָרן איז צו דער פאַרשידנאַרטיקער אימפּרעסיאָניסטישער קייט צוגעקומען אַ ניי רינגעלע. דער יינגערער דור מאָלער האָט אַריינגעפירט אין קלאָד מאָנעס טעכניק אַ נייע אויפפאַסונג. זיי האָבן געלייגט די פאַרב אויפן לייוונט לויט אַ סדר פון ספּערישע פּונקטן. דאָס איז געווען דער אַזוי גערופענער פּוענטיליזם, וועמענס הויפּט־פאַרשטייער עס זענען געווען די באַקאַנטע מאָלער סעראַ און סיניאַק.

דאָס, וואָס די אַלע מאָלער, די פריערדיקע און שפּעטערדיקע, האָט פאַראייניקט, איז געווען ראשית כל דער רעוואָלט קעגן דער אַקאַדעמישער דאָגמאַטישקייט און זייערע אייגענע זדרייסטע זוכענישן. זיי האָבן אַלע גע־מאָלן אויף פּלען־ער, אַריינגעבלאָזן אין פּייזאַזש אַ נייעם קינסטלערישן הויך, ווי מ'קאָן דאָס בעיקר זען ביי פּיסאַראָ. געמיינזאַם איז זיי אויך גע־ווען די טעמאַטיק — זיי האָבן געמאָלן דעם מענטש, סצענעס טאָג־טעג־לעכע, שטיללעבנס, די פרוי און דאָס קינד. זייערע פּערסאָנאַזשן האָבן זיי אַריינגעפירט אין ליכט, אין געמיטלעכן האַלבשאָטן, געמאָלן זיי צום גרעסטן טייל אין דרויסן, אויפן באַלקאָן, אין גאָרטן, אין פּאַרק, אויפן פעלד, אין וואַלד, אויפן שפּאַציר, אויף צוזאַמענקונפטן, אין קאַפע און אין טעאַטער.

די אימפּרעסיאָניסטישע מאָלער זענען אַלע געווען שטאָטישע מענטשן, זיי זענען אָבער אַזוי געווען פאַסצינירט פון דער נאַטור, אַז אפילו די פּאַ־ריזער בולוואַרן האָבן זיי באַהויכט מיט דער פרישקייט פון פעלד און וואַלד. און דעם וואַלד גופא, דיביימער, האָבן זיי אַרויסגעבראַכט אין אַ כישוף־דיקן צויבער. דורך די גרינע בלעטער פילטרירן דעליקאַט דורך די זונען־שטראַלן; דאָס פעלד, דאָס דאָרף, שימערירט מיט פאַרבנרייכע ניואַנסן, מיט ליכט־רעפלעקטן.

אין סך־הכל: דער אימפּרעסיאָניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען איז אַ מאָלע־ריי אַ פריידיקע, אַ דינאַמישע. רענואַר האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט וועגן דער לעבנס־פרייד אין זיינע בילדער אַזוי: „פאַראַן איבערגענוג אומעטיקע

זאכן אין לעבן, אַז איך זאָל נאָך מיט מיין מאַלעריי שווערער מאַכן דאָס געמיט ביי מענטשן". און די אימפּרעסיאָניסטן זענען געווען פּאָעטן, מוזיקער אין דער מאַלעריי. אַממייסטן זענען דאָס געווען קלאָד מאָנע, פּיסאַראָ, רע־נואַר. ווען מען קוקט אויף מאָנעס פּילצאַליקע, גרויסע „נימפעאַס", וואָס פאַרנעמען באַזונדערע זאַלן אין „אָראַנזשערי"־מוזיי, ווען דאָס אויג איז צוגעשמידט צו דער עקספּלאָזיע פון בלויער פאַרבן־וויבראַציע, הערט מען בפירוש קלאַנגען פון מוזיק.

באַזונדער געמיטלעך זינגען די פאַרבן אין די פּייזאַזשן פון פּיסאַראָ. קאַמי יאַקאָב פּיסאַראָ איז אַ סובטעלער קאָלאָריסט. זיינע פאַרבן מורמלען אַ שטילן ניגון. פאַר יעדעס מאָל וואָס איך געפין מיך אין מוזיי פון די אימפּרעסיאָניסטן בלייב איך לאַנג שטיין פאַר זיינעם אַ פּייזאַזש, וואָס טראָגט דעם נאָמען „רויטע דעכער". דאָס זענען ווייסע דאָרפישע כאַטקעס מיט ציגל־רויטע דעכער, וואָס קוקן אַרויס פון צווישן צאַרט־גרינעביימער איבער וועלכע עס הענגט אַ שמאָלער פּאַס ליכטיק־בלויער הימל. די האַרמאָניע צווישן דעם קאָמפּאָזיציאָנעלן און קאָלאָריסטישן דערגרייכט דאָ צו דער העכסטער מייסטערשאַפט. אָבער דאָס וואָס שמידט אונדז צו צום בילד איז די לירישקייט, די שטיל־שטילע מוזיק און די מיסטעריעזע שיינקייט.

אויף פּיסאַראָ איז כלל כדאי זיך אָפּצושטעלן. ער איז געווען אַ זון פון אַ יידישן קרעמער. מיט זיין לאַנגער ווייסער באָרד, ווי מיר זעען אים אויפן אויטאָפּאָרטרעט, אָדער ווי מ'קען אים פון די פאָטאָגראַפיעס, זעט ער אויס ווי אַ ביבלישע געשטאַלט. און ער איז געווען אייגער פון די שענסטע געשטאַלטן צווישן די אימפּרעסיאָניסטישע מאָלער. ער איז גע־ווען דער גוטער מלאך פון פיל יונגע קינסטלער. סעזאַנען, פון וועלכן ער איז געווען מיט 9 יאָר עלטער, האָט ער געהאַלטן ממש אונטער זיינע פאָטער־לעכע פליגלען. דאָס האָט אויך ער אים באַווירקט איבערצוגיין צו העלער קאָלאָריסטיק. כדאי אויך צו דערמאָנען, אַז אין 1870, בעת דער פראַנ־צויזיש־פּרייסישער מלחמה, ווען ער איז אַנטלאָפן פאַר דער דייטשער אינוואַזיע קיין לאָנדאָן, זענען די דייטשן באַפאַלן זיין גרויסע אַטעליע. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער געטראָפן זיין גאַנץ קינסטלעריש פאַר־מעגן צעשטערט. די דייטשע אָקופּאַנטן האָבן דעמאָלט פאַרניכטעט טויזנט פינף הונדערט לייוונטן פון יידישן מאָלער. פּיסאַראָ האָט זיך גענומען מיט נאָך מער ענערגיע צו געבן אַ קינסטלערישן תיקון דעם פראַנצויזישן פּייזאַזש. ער האָט באַזוכט די פאַרשידנסטע געגנטן פון לאַנד, געמאָלן

אויך ביזן טיפן עלטער פאַרשידענע ווינקלען פון פּאַריז. פּונקט ווי לעַ־וויטאַן האָט אַרויסגעבראַכט די רוסישע לאַנדשאַפט, אַזוי איז פּיסאַראָ אין זיין אימפּרעסיאָניסטישער אויפפאַסונג געווען דער מאָלער פונעם פראַנצויזישן פּייזאַזש.

פּיסאַראָ, מאָנע, רענואַר גייען אָן פאַר די אָדלער פון אויטענטישן אימפּרעסיאָניזם. די אויסווירקונג פון דער שיטה שפּרייזט אָבער אַריבער די באַדייטונג פון איינצלנע יחידים. דער אימפּרעסיאָניזם ווי אַ גרויסע קונסט־באַוועגונג האָט דורך איר נאָוואַטאָרישקייט אַריינגעטראָגן נייע עלעמענטן, דויערהאַפטע ווערטן אין דער וועלט־קונסט. און נאָך היינט, 100 יאָר נאָך יענעם קונסט־אויפשטייג, פאָרשט מען לאַבאָראַטאָריש אויפסניי די אימפּרעסיאָניסטישע שעדעוורן, הגם ס'איז געווען אָנגענו־מען, אַז מען ווייסט שוין אַלץ וועגן דעם אַרט מאָלעריי. אַזוי למשל האָבן די לעצטע מיקראָסקאָפּישע פאָרשונגען געוויזן די שייכותן צווישן די טיפע שיכטן פּיקטוראַלע מאַטעריע און די אַרויסבאַקומענע קאָלירן אויפן לייוונט, אָדער גאָר צווישן דעם קינסטלערס עמפּינדלעכקייט און דער פּיקטוראַלער סטרוקטור.

עס גייט אָבער נישט בלויז אין די נאָוואַטאָרישקייטן און נייע קונסט־ווערטן, וואָס האָבן געפונען אומעטום נאָכפאָלגער, נאָר אויך אין אַן אַלגעמיינער איינשטעלונג, וואָס זיי האָבן אָנגעצייכנט פאַר דער קונסט. און דאָס באַשטייט אין דעם וואָס זיי האָבן אין אַ לאַנגן און פאַרביסענעם שטרייט אָנגעוויזן, אַז פאַרן קינסטלער קאָן נישט גילטיק זיין קיין שום דאָגמע, קיין שום אויטאָריטעט וועלכע ער דאַרף זיך אונטערוואַרפן. די איינציקע נאָרמע פון וועלכער ער דאַרף נישט און טאָר נישט אָפּטרעטן איז זיין אייגענע אינדיווידואַליטעט, זיין אומאָפּהענגיקייט פון שאַבלאָנען, פון פּאַרטיקע, צוגעגרייטע פאָרמולן.

באַמערקטע דרוק - פעלערן

זייט	שורה	אַנשטאָט	דאַרף מען לייענען
15	13 פון אויבן	מיט אַ לייכטן געמיט	מיט אַ לייכטערן געמיט
17	6 פון אונטן	טייל״. רייסט זיך	טייל״, רייסט זיך
32	14 פון אונטן	ס'איז פשוט	„ס'איז פשוט
34	14 פון אונטן	דאָט מען	האָט מען
48	3 פון אונטן	פאַראַן אַזאַ געזעץ	פאַראַן אַזאַ זאַץ
78	1 פון אונטן	פעלשינגען	פעלשונגען
97	10 פון אויבן	די „קליאַטשע״	„די קליאַטשע״
154	6 פון אויבן	אַ תליעה	אַ תליה
202	15 פון אונטן	סקולפּטריט	סקולפּטירט
220	2 פון אונטן	אחרון, ואחרון	אחרון אחרון
221	16 פון אונטן	אידענדיטעט	אידענטיטעט
227	12 פון אונטן	ווענגראָוו	ווענגעראָוו
229	10 פון אונטן	זיין בוך	זיין אַרבעט
262	1 פון אויבן	שפּראָצט	שפּריצט
279	11 פון אונטן	האָריזאָנטאַלע, ווערטיקאַלע	האָריזאָנטאַלן, ווערטיקאַלן
282	3 פון אויבן	1912	1913
292	7 פון אויבן	סקולפּטור	סקולפּטורן
293	17 פון אונטן	לייכן	לייכטן
301	5 פון אונטן	טאַרישקייט	טאַרישקייטן

נאָך עטלעכע זאַצן זענען אַרויסגעפאַלן די פּונקטן, טאָפּלפּונקטן. אין עטלעכע ערטער איז אַנשטאָט אַ קאָמאַ אַרויסגעקומען אַ פּונקט און פאַרקערט.

אינהאַלט

I

דער שרייבער וואָס איז פאַרלאָפן די צייט 9
מאַרסעל פּרוסט 25
יאַנוש קאָרטשאַק דער שרייבער 42
ברונאָ שולץ דער קינסטלער און ייד 62
ווען געשיכטע רופט זיך איבער מיט דער הייַנטצייטיקייט 76

II

וועגן שפּאָטישן שמייכל פון מענדעלען 89
עטלעכע באַמערקונגען וועגן שלום־עליכמס שפּראַך 99
„כ׳בין אַ דיכטער ביי יידן וואָס שרייבט אין העברעאיש...״ 107

III

דער לייענער, דער שרייבער, דער קריטיקער 122
צי איז שעקספּיר געווען אַן אַנטיסעמיט? 135
ווען טאַלאַנט גייט בייַנאַנד מיט אַוואַנטוריזם 141

IV

„פאַרוואָס מוזן מיר כסדר אַזוי טייער צאָלן״? 149
דאָס יידישע פאָלקס־ליד אין דער פּוילישער איבערזעצונג 158
דער וועג צו זיך דורך פּיין 167
פאַרצייכענונגען און רעפלעקסן וועגן גורלות פון שעפערישן וואָרט 172
דער טראַגישער ענטוזיאַסט 181
„מיר פּוילישע יידן״ 192

V

דער ראָמאַן אין זיינע אומוואַנדלונגען און די ליטעראַרישע
סעזאָנען אין פראַנקרייך 200
דער יידישער שרייבער אין דער נישט יידישער שפּראַך 212

VI

יידישע ליטעראַטור־קריטיק אין ליכט פון היינט און נעכטן 224
יאַנוש קאָרטשאַק דער פּעדאַגאָג־פאָרשער 252

VII

אויף די הויכקייטן פון דער קונסט 276
אַ וויזיט ביי חנה אָרלאָוו 290
פּיקאַסאָ דער שטורעמער אין דער קונסט 301
מאַרק שאַגאַל דער שטענדיקער מאַגיקער 313
דער טריאומף פון די „פאַרשאָלטענע" 325

ביכער פון זעלבן מחבר

1. עסייען און סקיצן (ליטעראַטור־קריטיק), פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1962 ;

2. פון היינט און נעכטן (נאָוועלן) „יידיש בוך", וואַרשע 1965 ;

3. נאָכן מבול (ראָמאַן), פרעמירט דורכן „יעקב וויסליץ־פאָנד פאַר ליטעראַטור, קונסט און יידישער מחשבה", „יידיש בוך", וואַרשע 1967 ;

4. אָפּגעריסענע צווייגן (נאָוועלן און דערציילונגען), פּאַריז 1970 ;

5. צווישן שטורעמס (ראָמאַן), פאַרלאַג „פריינדשאַפט", בוענאָס איירעס 1974 ;

אין דער פּוילישער שפּראַך

6. דאָס וויעטנאַמישע פאָלק אין קאַמף, פאַרלאַג „קזשאָנזשקאַ אי וויעדזאַ", וואַרשע 1954 ;

7. יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פראַנקרייך (עסיי), פאַרלאַג „דאָם קזשאָנזשקי" וואַרשע 1960 ;

איבערזעצונגען אין בוך-פאָרם

8. בריוו פון טויטן־הויז פון עטל און יוליוס ראָזענבערג, פאַרלאַג „יידיש בוך" 1953 ;

9. דער וועג צום הימל (אויסגעוויילטע ווערק פון אַדאָלף רודניצקי, פאַרזען מיט אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן דער שאַפונג פונעם שרייבער), פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1962

פאַרענדיקט דעם דרוק אין יאַנואַר
טויזנט ניין הונדערט זעקס און זיבעציק אין
דער דרוקעריי „אימפּאַ” אונטער דער
השגחה פון יוסף שעכטער, געשטעלט
און געדרוקט דורך נפתלי מילנער